STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06577

YAAKOV GORDIN'S DRAMEN

Jacob Gordin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



1894

יעקב גאָרדין׳ס דראַמען

צווייטער באַנד

מירעלע אפרת
קרייצער סאָנאַטאַ
די אמת׳ע קראַפט
דער אונבעקאַנטער
אָהן אַ היים

פּראַכט־אויסגאַבע

פערלאַג פון דעם
„סוירקעל פון יעקב גאָרדין׳ס
פריינט“

מירעלע אפרת
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען

MERELE EFROSS:
Copyright, 1893, by Jacob Gordin.
Copyright, 1911, by the Estate of Jacob M. Gordin.
The right to produce in Yiddish belongs to Kenie Lipzin Mintz.
All other rights or any part thereof reserved by the Estate of Jacob M. Gordin.

אַ פּראָלאָג צו מירעלע אפרת*)

„מ י ר ע ל ע א פ ר ת" בעדאַרף קיין פּראָלאָג ניט
ריכטיג צו שאַצען איהר ווערט, איהר געוויכט,
פּונקט ווי מען דאַרף פאַר דעם ליכטיגען טאָג ניט
קינסטליכע פלאַמען צו ווייזען זיין ליכט;
און ווי מען זעהט אָהן דעם שווימער'ס ערצעהלונג
דעם אָקעאַן'ס אונגעהויערע מאַכט,
פּונקט אַזוי צייגט זיך אָהן פרעמדע עמפּפעהלונג
אונזער פּערפאַסער'ס טאַלאַנט היינט ביי נאַכט.

* * *

באַלד וועלען אָננעהמען דאָ אויף דער ביהנע
זיינע געדאַנקען פלייש, אָטעם און בלוט,
און איהר וועט ווידערזעהן יענע מדינה,
וואו עס רעגיערט איבער מענשען אַ קנוט;
וואו חנה דבורה'ס געקליעבענע קללות
זיינען דער אָבקלאַנג פון אידישען קלאָג,
וואו די פּערפאָלגונגען און די בהלות
אייביג פערגיפטען אין יאָהר יעדען טאָג;
וואו יעדע פרייע און פרעהליכע מינע,
איז אַזוי לאַנג אַזוי שטרענג אונטערדריקט,
אַז ר' נחום'צע בעל נפקא מינה
ווערט דורך אַ טראָפּעלע סם גור דערקוויקט;
ער, וועלכער האַנדעלט מיט גאָט און זיין תורה,
לאַכט פון דעם דלות ביי זיך אין געצעלט,
האַנדעלט און קלייבט פאַר זיין כשרה סחורה
וועקסלען אויף יענע, די בעסערע וועלט.

* * *

*) געשריעבען צו יעקב גאָרדין'ס צעהן־יעהריגען יובילעאום, ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1901.

באלד וועט איהר האָבען פאַר אייערע אויגען
איהם און ר' שלמון'ען, וועלכער בעהעפט
אויף זיך צו גאָט, און געהט אין זיינע וועגען,
מעהר נישט ער האַלט ניט פון הימעל-געשעפט;
גלאַט איז זיין צינגעלע, שאַרף איז זיין מוח,
און וואו עס בעט זיך פערקנייטשט ער א פּאַלב;
דאָ דיענט ער גאָט מיט זיין הארצען, זיין כוח,
דאָרטען בשתיקה — די גאָלדענע קאַלב.

* * *

איהר וועט א יאָסעלע'ן זעהן און א דאָניע,
וועלכע דער גלות אין רוסלאַנד בעשאַפט;
יענעם אלס שוועבליכען שטיעפקינד פון פאָניע —
דיעזען אלס וויסטלינג, אן עפּעל אָהן זאַפט;
ביידע מיט מוחות צודולטע, צודרעהטע,
ווינשענדיג גוטעס און טהוענדיג שלעכטס —
שפּיעלט דער א קערטעל, יענער די פליטע
און פון זיין שפּיעל קומט אַרוים יענער קרעכץ,
וועלכער צייט הונדערטער ביטערע יאָהרען
הערט זיך אין יעטווידער אידישע הויז:
ווערט אין צובראָכענע הערצער געבאָרען,
קומט דורך געשלאָסענע ליפּען אַרוים;
יאָסעלע — דאָניע, זיי וועלען ערשיינען,
ווי אונזער דיכטער פאַר אונז שטעלט זיי פאָר,
רוסישע אידישע טיפּען, וואָס זיינען
שטימען אין אייביגען קלעגליכען כאָר,
דאָרטען, וואו טורמעס די פרייהייט בעהאַלטען,
און די אמונה די ליעבע דערשטיקט,
און וואו עס וואַנדלען אין מענשען-געשטאַלטען,
שדים פון גיהנם צום הערשען געשיקט.

* * *

דיעזע און יאָסעלע'ס שיינדעל, אַלץ קינדער
פון א צוריסענעם לעבען אָהן טאַלק,
וועלכע עס פאַרט דער שלימזל דער בלינדער

אין דעם צוטומעלטען אידישען פאָלק.
שיינדעלע, יאָסעלע — שטורעם און פריעדען!
האָבזוכט — געגוגזאמקייט, ליעבע און האס!
געטליך פעראייניגט און מענשליך געשיעדען,
וואסער און בוימאויל אָ פּאָר אין אָ פאַס, —
ווער איז פון ביידען דער גוטער, דער שלעכטער?
ווער איז דער שולדיגער צד צווישען זיי?
ווער איז דער שולדיגער, ווער דער גערעכטער
אויב די פעראייניגטע בלייבען רק צוויי?
דיעזע געשטאַלטען זיי רופט אונזער דיכטער
היער אויף דער סצענע ארוים היינט ביי נאַכט,
ער, וועלכער האָט אונז געוויעזען געזיכטער,
פּנים'ער, הערצער און זעעלען מיט מאַכט;
ער, וועלכער האָט אונזער לעבען געשילדערט,
אונזער זיטליכקייט און אונזער פיהר
און האָט די זייטען פון אידען געמילדערט,
ער, דער פערפאַסער פון „אידישען ליער".
ער, וועלכער האָט, אום די מוחות צו בילדען
אויף'ן טהעאטער די „לוריעס" געשטעלט,
זיי און דעם טיפּ פון א „מענשען א ווילדען",
וואונדערפול אין זיין פערפינסטערטער וועלט;
ער, וועלכער האָט אונז א „סאַפּהאָ" געגעבען
און האָט א אידישען גלח געמאָלט,
טריי צו דער קונסט און טרייער צום לעבען,
קינסטליכע בילדלעך אין רעמלעך פון גאָלד;
ער, וועלכער האָט אונז דעם „רוסישען אידען",
עלענד אין דאָלאַר'ס מדינה געצייגט,
עלענד אין פרייהייט, אין גלייכהייט פערשיעדען,
זינקענדיג טיעפער, וואָס העכער ער שטייגט;
ער, וועלכער האָט אונז אין צעהנדליגער דראַמען
אונזער געזעלשאַפט געצייגט און איהר בוי —
ער וויזט אייך איצטער דאָס הארץ פון א מאַמען,
זיגענדיג איבער א מעכטיגע פרוי.

* * *

און דיעזען זיעג פון אַ ליעבענדע מוטער
איבער זיך זעלבסט, איבער גייסט און פערשטאַנד;
דיעזען טריאומף, וואָס דער עדעלער, גוטער
מענש טראָגט אַרויס איבער שטאָלץ נאָכאַנאַנד —
„מירעלע אפרת“, רופט דאָס דער דיכטער;
איך לאָז דעם אורטייל אין אייערע הענד:
גאָרדין׳ס פערעהרער זיינען די ריכטער,
איצט רעדט זיין ווערק, דער פּראָלאָג איז צו ענד.

מ. ווינטשעווסקי.

פערזאָנען

(און די אַרטיסטען, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערסטער אויפפיהרונג).

מירעלע אפרת, — 50 יאָהר אַלט...............מאַדאַם ק. ליפּצין
יאָסעלע, איהר עלטערער זוהן, — 20 יאָהר אַלט...........דוד קעסלער
דאָניע, איהר אינגערער זוהן, — 18 יאָהר אַלט..............טאָביאַס
מחלה, איהר דיענסט, — 40 יאָהר אַלט.............מאַדאַם עפּשטיין
ר' שלמון, איהר פּריקאַזשציק, — 50 יאָהר אַלט.........מאָשקאָוויטש
ר' נחומצע חנה דבורה'ס, איהר מחותן, — 50 יאָהר אַלט...טאָרנבערג
חנה דבורה, זיין פרוי, — 50 יאָהר אַלט............מאַדאַם ווילענסקי
שיינדעלע, זייער טאָכטער, יאָסעלע'ס פרוי, — 18 יאָהר אַלט..מאַד. פיינמאַן
שלמה'לע, יאָסעלע'ס זוהן, — 13 יאָהר אַלט........מיס ציליע פיינמאַן

כלי־זמר, געסט, אידען, ווייבער.

אויפגעפיהרט פון בערנאַרד ווילענסקי.

ערשטער אַקט — אין סלוצק; די איבריגע דריי אַקטען אין גראָדנאָ.
צווישען ערשטען און צווייטען אַקט — דריי יאָהר
צווישען דריטען און פיערטען אַקט — צעהן יאָהר.

ערסטער אַקט.

(זעהר א גרויסעס צימער. אָנגעשטעלט פיעל קאַסטענס און טשעמאָדאַנעס. בעלי־עגלות, רוסישע, טראָגען אַריין נאָך קאַסטענס, קעהרען זיך אום און קומען נאָך עט־ליכע מאָל מיט זאַכען, וועלכע זיי טראָגען אריין אין א טהיר, וואָס געפינט זיך אין הינטער־גרונד. מחלה געהט יעדען פריהער, וויזט זיי, וואוהין טראָגען די זאַכען און זאָגט אַלע ווײַלע: שש! שש! די בעלי־עגלות אב).

מחלה: נו, דאַנקען, לויבען יאָסקע דעם טויבען, מיר זיינען שוין אין סלוצק. אַז איך וועל איבער'פטר'ן די חתונה, וועל איך יא דאַרפען גומל בענשען. (ווישט אויס מיט אַ טוך די טריט פון די בעלי־עגלות) טאַטע פאָטער, ווי לאַנג איז עס, יאָסעלע איז נאָך געווען אַ שנאָקעל, אומגעלאָפען אין קורצע מייטקעס — היינט האָט ער שוין חתונה. זאָל גאָט געבען אין אַ גוטע שעה. (קוקט אין פענסטער.) עס גיעסט אַ שלאַגס־רעגען. פון גראָדנע ביז סלוצק זיינען מיר געפאָהרען כיד המלך. אַזוי שעהן געווען אין דרויסען, וואַרים און טרוקען. געקומען אַהער — פינסטער און נאַס. דוקא היינט דאַרפען אין סלוצק שוויצען די הימלען — נאַ דיר אַ מדינה... עס זאָל חלילה ניט פערשטערען די שמחה.

אָי, קינדערלעך מיינע, האָבען מיר עס געהאַט אַ וועג, איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען. מע מעג זאָגען: אַזוי ווי אַ קייסערטע איז מירעלע אפרת געפאָהרען אויף איהר זוהנ'ס חתונה. אַ גאַנצער צוג — פינף גרויסע בוידען, אַלע געפאַקט מיט כל טוב. אין יעדע שטאדט, וואו מען האָט זיך אָבגעשטעלט, צוטיילט דעם עולם לעקעך און בראַנפען און געטיילט נדבות...

שש! זי האָט זיך צוגעלעגט אָברוהען. און די בחורים אונזערע שמועסען ביי זיך שטיל אין צימער. ביים חתן שלאָגט זיך נעבעך דאָס הערצעלע. געוויס. איך ווייס, איך האָב אויך אַמאָל חתונה געהאַט. אָי! אָי! איך האָב געציטערט און געפלאַטערט, און וואָס האָב איך דערפון? מיינער האָט מיך אַוועקגעוואָרפען און איך בין שוין פופצעהן יאָהר, ניט פאַר איך געדאַכט, ניט אַהין און ניט אַהער, אַן עגונה... ניט קיין מויד און ניט קיין אידענע; ניט קיין אלמנה און ניט קיין גרושה... פער'שרפה'עט זאָל ער ווערען. אַזאַ שעהנע חתונה געווען... מירעלע האָט געגעבען נדן און כלה־מתנות, דער בעל הבית, עליו השלום, איז געווען אונטערפיהרער... מחשבות'ן,

וויפיעל איז שוין, אז דער בעל הבית איז געשטאָרבען... זעקס... ניין... — פופצעהן יאָהר... מירעלע'ס מאַן איז געשטאָרבען און מיינער איז אַנט־לאָפען... מירעלע אפרת איז איצט מיין מאַן, מיין משפחה, מיין הויזגעזינד... ביי איהר אין שטוב אויסגעוואַקסען, ביי איהר מסתמא בעשערט צו שטאַרבען. שאַ, ווער געהט עס? (שלמון קומט) גאָט איז מיט אייך, ר' שלמון, וואו זייט איהר עס געוועזן? זי האָט אייך עטליכע מאָל גערופען. איהר ווייסט דאָך, זי קען אָהן איהר אויבערפּריקאַשציק קיין טריט ניט טהאָן...

שלמון: איך בין געוועזן ביי די מחותנים. אַי, מחלה, די כלה איז טאַקע א פאַרשוין... סלוצק הא? אָבער דלפנים, טאַטע זיסער, דער דלות פייפט אין אַלע ווינקעלעך. זאָל ער שומר ומציל זיין.

מחלה: אַזוי? האָט אונזער מירעלע, די קלוגע, ניט געוואוסט מיט וועמען זי האַנדעלט?

שלמון: וואָס הייסט? אדרבה, זי האָט דוקא געוואָלט אַן אָרים קינד און נאָר פון א שעהנע משפחה. זי האָט דאָך אַליין געשיקט געלד אויף קליידער און מתנות, און זי וועט מוזען נאָך געלד געבען... דער כלה'ס טאַטע געהט שוין אַהער... זיי ווילען אָבלעקען א ביינדעל פון דער רייכער מחותנת'טע... פּס! יאָסעלע האָט געקענט נעהמען א כלה מיט דרייסיג־טויזענד ר"כ נדן. א קלייניגקייט מירעלע אפרת'ס זוהן? און איהם האָט זיך געוואָלט א געבילדעטע כלה פון א גרויסע שטאָדט. זי האָט אָבער ניט געוואָלט און אז זי זאָגט „ניין" — ווייסטו דאָך... ששש... וואָס טהוט זי?

מחלה: זי האָט זיך צוגעלעגט אָברוהען. זי איז עפּעס אונצופריעדען. איך האָב מורא אימיצער פון אונז וועט שוין היינט האָבען א שווארצען סוף.

שלמון: אפשר איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל חתן'ס צד מוז זיך בלאָזען. מחלה, מע דאַרף דאָ אביסעל אויפּרוימען. דו ווייסט דאָך, ווי זי האָט פיינט, אז עס איז אָנגעוואָרפען. (טהוט אוים זיין ראָק און שלעפּט מיט מחלה'ן די קאַסטענס. פון אַנדער צימער מירעלע'ס שטימע: מחלה! מחלה! אהער געה!)

מחלה (ווישט מיט'ן פאַרטוך איהר געזיכט): שוין, באַלד! (לויפט אָב.)

שלמון (קוקט זיך אום): איך האָב זיך ניט גערעכט, איך זאָל אויפ'ן וועג קענען מאַכען אַזא שעהנע פּאָר קערבלעך. הוצאות גרויסע: האָבער און היי פיר די פערד... אין די אכסניה'ס... אַהין, אַהער. זי האָט דאָך ליעב אַלץ מיט א ברייטע האַנד — ביד רחבה... כע! כע! זי זעהט דאַכט זיך אַלץ און פערזעהט מאַנכעס מאָל... זי האָט אָבער פיר אַזעלכע זאַכען קיין פעראיבעל ניט. זי פערגינט יעדען.... (מחלה צוריק.)

מחלה: ר׳ שלמון, די בעל־הבית׳טע רופט אייך.

שלמון: תיכף ומיד! (טהוט אָן דעם ראָק, פערשפּיעלעט זיך, הוסט זיך אויס, ווישט אויס די פּיס ביים שוועל און געהט אריין.)

מחלה: אונזער מאַדאַם אפרת וויל טהעע. (עפענט די טהיר אין הינטערגרונד) עי, יורקאַ! שטעל גיך דעם סאַמאָוואַר (נחום׳צע קומט, זיינע קליידער און שיך נאַס) און זעה, יורקאַ, דער סאַמאָוואַר זאָל פינקלען — דו קענסט היינט כאַפּען אַ פּאַרציע. (קעהרט זיך אום) אָה, אונזער מחותן, איך האָב אייך דערקענט, מזל טוב אייך!

נחום׳צע: זאָל זיין מיט מזל. וואָס איז, יורקאַ׳ן אויך געבראַכט אויף דער חתונה? מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה?

מחלה: ווי דען? אקסאַנע און יעוודאָכע אויך דאָ. דער קוטשער אַנטאָן, יורקאַ — אַלע. איהר ווייסט דאָך, אונזערע האָט ליעב, אַז עס זאָל זיין ווי אין דער היים. מע פיהרט איהר אונזער סאַמאָוואַר, איהר גלאָז, איהר שאָל, איהר לעפעלע, איהר גאָפּעל־מעסער. וואָס דאַרפט איהר מעהר? אפילו איהר שטוהל האָבען מיר מיטגעבראַכט (ווייזט אויף אַ גרויסע קרעסלע). איהר ווילט דאָך דאָ מסתמא זעהן די מחותנת׳טע? באַלד. (אָב.)

נחום׳צע: דאַכט זיך, ניט מעהר ווי אידענע, און פון דעסטוועגען פּיהל איך, אַקוראַט ווי איך זאָל דאַרפען רעדען מיט׳ן האָספּאָדין פּאָליציי־מייסטער (פערשפּיעלעט זיך, מחלה קומט צוריק).

מחלה: זי זאָגט, איהר קענט מוחל זיין און קומען שפּעטער.

נחום׳צע: וואָס הייסט שפּעטער? עס איז אַ קליינינקייט? היינט ביי נאַכט דער חתן מאָל. גאָט איז מיט איהר, וואָס הייסט? איך מוז זי באַלד זעהן, איך בעט דיר.

מחלה: ביי מיר פּועל׳ט איהר, אָבער אַז זי זאָגט ניין, איז אַ שווערע הלכה (אָב).

נחום׳צע: איך וואָלט בעסער געדאַרפט שיקען אַהער מיין חנה־דבורה — זי וואָלט זיך מיט איהר גיכער אויסגע׳טענה׳ט. (מחלה צוריק.)

מחלה: מירעלע זאָגט: אויב איהר האָט ניט קיין צייט, זאָלט איהר געהן געזונדערהייד.

נחום׳צע: וואָס הייסט געהן? מענש, אידענע, עס איז נאָך אַ סך זאַכען ניט איינגעקויפט. מיר האָבען פּשוט ניט קיין געלד, און... און... די כלי זמר שטעהען אויפ׳ן רעגען, זיי זיינען געקומען אַהער שפּיעלען אַ דאָברי דזשען... אַ שעהנעם קבלת פּנים. זאָג איהר, איך בעט דיך, מענשען וואַרטען, וואָס הייסט?

מחלה: איך האָב מורא איהר דעם קאָפּ דולען... זי האָט עס פיינט (אָב).

נחום'צע: אָט האָסטו דיר אַ דאָברי דזשען מיט אַ קבלת פנים. רבש"ע, איך טהו אַ נדר, אַז איך זאָל דאָס איבערקומען בשלום, גיב איך דיר דרייסיג פּרקים משניות. וואָס איז דיר די נפקא מינה? (מחלה צוריק).

מחלה: זי זאָגט: די כלי זמר דאַרפען ניט שטעהן אויפ'ן רעגען. פיהרט זיי אריין — זי קומט באַלד (רוימט).

נחום'צע (עפענט די טהיר): קומט אריין, זייט זשע מוחל. (כלי זמר אריין.) זעצט אייך, די מחותנת'טע קומט שוין אריין. (מחלה גיט זיי שטוהלען, זיי זעצען זיך.) אהא! (חנה דבורה קומט פערסאָפּעט.) גאָט אַליין האָט דיר געבראַכט. איך האָב דאָ אויף זיך די האָר געריסען, וואָס איך האָב דיך ניט מיטגענומען. שש! קומט באַלד אריין...

מחלה: אֵי, אָט דאָס איז די מחותנת'טע? (זי שאָקעלט מיט'ן קאָפּ).

חנה דבורה: יאָ, וואָס איז — איך געפעהל דיר ניט? (צום מאַן) איך האָב געוואוסט, דו ביזט אַ לעמעל און זי, די גראַפינע פּאָטאָצקי, וועט זיך ברעקלען. נישקשה, איך האָב זיך פאַר איהר ניט צו שעהמען — זאָל זי זיך מיט מיר רעכענען אין יחוס. שאַ!

מחלה (אַ קוק אין טהיר): זי געהט אַהער. (מוזיקער פאַרבערייטען זיך. שלמון עפענט די טהיר, מוזיק שפּיעלט אַ טוש, זי קומט אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקען, גרויע האָר און דער פּנים איז בליהענד, מחלה רוקט ארויס איהר שטוהל, מירעלע זעצט זיך פון דער זייט. מחלה שטעלט איהר אַ קליין ביינקעלע אונטער די פיס.)

נחום'צע און חנה דבורה: מזל טוב! מזל טוב, מחותנת'טע, אין אַ גוטע שעה. (מירעלע נייגט דעם קאָפּ, אויף איהרע ליפּען אַ סאַרקאַסטישער שמייכעלע.)

נחום'צע: ברוך השם, געקומען בשלום.

חנה דבורה: עס רעגענט היינט. מחותנת'טע לעבען, אַז עס רעגענט, איז אַ סמן ברכה.

מירעלע: יאָ, אַז עס רעגענט, איז געווים אַ סמן, אַז עס וועט זיין אַ בלאָטע. זאָלען די כלי זמר שפּיעלען.

חנה דבורה: דער חתן און אייער צווייטער זוהן זאָלען אויך אריינגעהן, עס איז אַ דאָברי דזשען פיר אַלע מחותנים.

מירעלע: די יונגע מחותנים וועלען מסתמא ניט נתפּעל ווערען פון אייער סלוצקער מוזיק. זיי שפּיעלען אַליין פאַר זיך, דער עלטערער שפּיעלט פליימע, דער צווייטער — פּיעדעל. שפּיעלט פאַר אונז אַלטע לייט. שלמון,

עפען די טהיר אין קיך אריין! זאָל יורקא און אקסאנע הערען דעם דאָברי דזשען פון אונזערע מחותנים... (שלמון לויפט עפענען די טהיר, מוזיק שפּיעלט „דאָברי דזשען".)

מחלה: זאָל גאָט געבען מיט מזל, זאָל גאָט געבען גליק אונזער יאָסעלע (וויינט).

מירעלע: וואָס וויינסטו, נאר? (גלעט מחלה'ן איבער'ן קאָפּ.) שלמון, גיעב די כלי זמר אַ פינף און צוואַנציגער און זאָל מען זיי דאָרט מכבד זיין מיט לעקאַך און בראַנפען, און געבען זיי אַהיים צוקער־געבעק פאַר זייערע קינדער. (שלמון גיט זיי געלד.)

כלי זמר (איבערראַשט): פינף און צוואַנציג קערבלעך! פינף און צוואַנציג רובעל! (פערנייגען זיך און געהען אַב מיט שלמון'ען, מירעלע פערשרייבט עטוואָס אין אַ ביכעלע.)

נחום'צע: וואָס דען האָט איהר געמיינט? אונזער מחותנת'טע, פער־שטעהט איהר מיך, איז מירעלע אפרת... עס איז אַ גרויסע נפקא מינה.

מירעלע: מחלה, געה אויך אַהין! (מחלה אַב.) איצט וועל איך מיר ערלויבען צו פרעגען: איהר האָט ניט געקענט געפינען קיין ערגערע קוואַר־טיר פאַר אונז איינצושטעהן?

נחום'צע: מחותנת'טע לעבען, עס איז כמעט די פיינסטע שטוב אין סלוצק. און אויסער דעם, עס איז אַ כבוד פאַר'ן חתן דאָ איינצושטעהן. דער בעל הבית איז אַ גביר אדיר...

מירעלע: אַזוי? אַ סלוצקער גביר אדיר? שרעקליך. איך האָב געשיקט אַ רייטער און האָב צוויי שעה געוואַרט אונטער'ן שטאָדט, פאַרוואָס זייט איהר אונז ניט אַרויסגעפאָהרען בעגעגענען?

נחום'צע: איהר דאַרפט קיין פּעראיבעל ניט האָבען, מחותנת'טע לעבען. ערשטענס דער רעגען. און איך וועל זאָגען דעם אמת: דינגען אַ פאָר בוידען האָבען מיר פשוט ניט געהאַט קיין געלד, און צו־פוס געהן פאַסט ניט פאַר אונזער משפחה. איהר פערשטעהט דאָך אַליין. מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה, אָה, מיר חלש'ט דאָס האַרץ...

חנה דבורה: וואָס דאַרפסטו זיך פערענטפערען אַזוי? די מחותנת'טע קען אונז. מיר זיינען טאַקע איצט געבראָכען, געפאַלען, אָבער דעם יחוס האָבען מיר ניט פערלאָרען. אַזעלכע כלות ווי מיין טאָכטער, וואַלגערען זיך ניט אונטער'ן אויוועז. פערגעסט ניט, ר' מנחם מענדעלע איז געוועזן מיין זיידע.

מירעלע: דער זיידע מעג זיין אפילו אליין משה רבנו — איז דאָס דאָך ווערטה אַ גראָשען, ווען מען איז אַליין אַ גאָר נישט. מחלה! (קלאַפּט לייכט

מיט'ן שטעקען, מחלה קומט.) דערלאַנג איהם אַ גראַפין בראַנפען מיט אַ שטיק קאַרענעם לעקאַך. (מחלה אָב.)

חנה דבורה: איצט איז אָבער קיין צייט ניט צו רעכענען זיך אין יחוס — מען דאַרף רעדען פון וויכטיגערע זאַכען... עס איז ניטאָ וואָס צו שעהמען זיך — מיר זיינען דאָ אייגענע מענשען. מחותנת'טע, מיר דאַרפען...

מירעלע: איך ווייס, איהר דאַרפט ממתקים. איך האָב שוין געהערט, וואָס פאַר אַ תכלית איהר האָט געמאַכט פון מיין געלד, איהר געדענקט, וויפיעל איך האָב אייך געשיקט אויף חתונה קליידער פאַר דער כלה... 300 רובעל האָב איך געהייסען אויסגעבען אויף וועש...

נחומ'צע: יאַ, זאָלט איהר געזונד זיין, אָבער איך, מיין אידענע און אונזערע שרצים'לעך — מיר אַלע זיינען דאָך מהותנים און מיר האָבען געדאַרפט נייע בגדים'לעך צו דער חתונה. אחוץ דעם, ווי מיר האָבען נאַר געקראָגען די פּאַר גראָשען, זיינען אונז די בעלי חובות בעפאַלען, ווי הינד, להבדיל, בעפאַלען אַ נבלה. וואָס איז די נפקא מינה? ביי אייך אין שטוב וועט איהר שוין אַליין זעהן וואָס שיינדעלע דאַרף. (מחלה קומט מיט בראַנפען און פערבייסען.)

מירעלע: אַזוי? מיין שנור, הייסט עס, וועט האָבען — ע! ווי אַזוי זינגט מען דאָס ליעדעלע, מחלה? „זיעבען העמדער, ווי די בעכער, דריי מיט לאַטעס, פיער מיט לעכער..." זעהר שעהן. מחלה, וויש אוים דעם פּאָל אונטער זייערע פיס... זעה נאַר, זיי האָבען אָנגעטראָגען בלאָטע ווי אמת'ע סלוצקער מחותנים. (מחלה ווישט אוים דעם פּאָל מיט אַ טוך.) ר' נחומ'צע חנה דבורה'ס, איהר קענט פערבייסען. (נחומ'צע טרינקט און פערבייסט.)

חנה דבורה: איך פערשטעהע ניט, וואָס האָט איהר געמיינט, איך וועל אייך אָבגעבען מיין טאָכטער אומזיסט?

מירעלע? ניט אומזיסט? וויפיעל קומט אייך פאַר דער קוה מיט דער שטריק?

חנה דבורה: מיר דאַרפען בעצאָהלען אין די קלייטען און אין אַלע קראָמען. אַלץ, וואָס מען דאַרף צו דער חתונה, האָבען מיר גענומען אויף באָרג. מען ווייס, אונזער מחותנת'טע איז אַ בטוח. היינט דאַרף מען בעצאָהלען די כלי זמר, דעם חזן, די סאַרווערקעס, דעם שמש, דער טוקערין... היינט קומט פאַניע יאַנושעווסקי, די פּראָפעסאָרקע פון „פּאַרטאָפּלאַן"... איהר אַליין האָט דאָך געשריעבען, זי זאָל ניט אויפהערען לערנען זיך ברינקען דאָרטען ביז דער חתונה...

מחלה (אַפּאַרט): אֵי, וואָסערע שנאָרער די סלוצקער מיוחסים זיינען... ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען....

מירעלע: איך זעה שוין, מיר וועלען ביי אייך דאַ אין סלוצק שוין ניט כאַפּען קיין מציאה. גוט, איך וועל הייסען שלמון'ען געבען אייך צוויי הונדערטער. זייט איהר צופריעדען?

נחומ'צע: מחותנת'טע לעבען, וואָס הייסט, איהר האַנדעלט ניט אַ מציאה? פערגעסט ניט, אונזער שיינדעלע, זאָל געזונד זיין, איז דאָך ר' מענדעלע'ס אַן אוראייניקעל. גאַנץ סלוצק האַלט זי פאַר אַ צאַצקע. עס איז אַ גרויסע נפקא מינה.

מירעלע: גאַנץ סלוצק?... איך פערשטעה גאָר ניט, פאַר וואָס רופט זיך אייער שטאָדט סלוצק? עס איז דאָך גאָר כעלעם, אויף מיין וואָרט, כעלעם...

נחומ'צע: כע! כע! זאָלט איהר געזונד זיין, איהר האַלט אונז פאַר כעלמער נאַרען? מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה: אפילו אין דער לינקער פּאה ליעגט עס מיר ניט. ווי זאָגט מען: רוף מיך נאַר און גיעב מיר לעקאַך... איך וויל זעהן בעסער די כלה־מתנות. איהר האָט צוגעזאָגט דימענטענע אויערינגלעך, מיט אַ בראָש, מיט אַ בראַנזשעלעט, נאָמיך אָקאָרשט זעהן... איהר מיינט ניט, אַז איהר וועט אָבקומען מיט שיהע־פּיהע...

מחלה: האָט אויף זיי קיין פּעראיבעל ניט — זיי פערשטעהען אייך ניט...

מירעלע (שטעהט אויף): ניין, געוויס ניט, ווי קען מען אויף זיי פּעראיבעל האָבען? ר' מענדעלע איז דאָך זייער זיידע געוועזען... גענוג, דער דאַברי דזשען איז געענדיגט — איהר קענט געהן! (ווייזט מיט'ן שטעקען די טהיר.)

מחלה (צו זיי שטיל): געהט בעסער געזונטערהייד, זי וועט נאָך חלילה בייז ווערען. (נחומ'צע טרינקט אויס אַ גלעזעל איילענדיג און וויל געהן.)

חנה דבורה: וואָס הייסט געהן? נו, און געלד?

מירעלע (קלאַפּט בייז מיט'ן שטעקען): געלד? געלד? געלד? האַ? הם, שלמון וועט אייך געבען געלד. דאָס, וואָס מרים אפרת זאָגט צו, איז אַזוי ווי מזומן, פּונקט ווי דעם זיידענ'ס יחוס...

נחומ'צע: חנה דבורה, וואָס דאַרפסטו זיך דאַ האַמפּערען? די מחותנת'טע האָט צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט... מהיכא תיתא, נאַר, וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה (קרימט איהם איבער): צוגעזאָגט, איז וואָס איז די נפקא מינה? איך זאָג דיר, אַ גרויסער גליק האָט מיך געטראָפען! וואָס וועט אונז בלייבען פון די צוויי הונדערטער? נאָך דער חתונה נעהמען זיי צו

אונזער שיינדעלע און אונז וועט בלייבען דער דלות. ניין! איצט, פאר דער חופה קענען מיר אלץ אויספיהרען.

נחומ'צע: אי! אי! חנה דבורה, זאל זיין גענוג. (שטיל) דו וועסט נאך חלילה ערגער מאכען.

חנה דבורה: וואס שרעקסטו זיך אזוי? האסטו אליין ניט געזאגט: מיר מוזען ביי איהר ארויסקריגען כאטש... כאטש 300 רובעל פאר זיך, — מיר זאלען קענען מאכען א געשעפטעל? שיינדעלע אליין האט דען ניט געזאגט: שאנעווע זיי ניט איצט? שוטה דו, אז מיר וועלען איצט ניט ארויס־רייסען ביי זיי מיט געוואלט, וועט נאך דער חופה זיין צו שפעט. מחותנת'טע, מיר ווילען אחוץ אלע זאכען „ש" קערבלעך מזומן און פאר דער חופה!

נחומ'צע: דער פונקט איז מיר געווען שווערער פון קריעת ים סוף, אבער דאנקען גאט אבי איבערגעקומען... די מחותנת'טע ווייס שוין. (טרינקט בראנפען.)

מירעלע: אזוי? מזומן און פאר דער חופה? הם!...

חנה דבורה: איהר זייט טאקע א גרויסער בטוח אין גראדנע, אבער געלד פאר דער חופה!

מחלה (ברעכט די הענד): אי, וועה איז מיר! פארוואס טהוט איהר אונז אן אזעלכע יסורים?

מירעלע (מיט גוטען מוט): יסורים? כא! כא! ביסט א נאר. ווער וועט האבען יסורים? שלמון! (קלאפט מיט'ן שטעקען) שלמון! (שלמון קומט) זאלען מען די מינוט שפאנען די פערד און פאקען די זאכען — מיר פאהרען שוין צוריק קיין גראדנע! (אלע בלייבען ערשטוינט).

שלמון: וואס הייסט? ווי... ווי... איך פערשטעה ניט... באלד? צוריק?

מירעלע: באלד! שוין! מיר פאהרען צוריק. איך לאז אב דעם שידוך.

שלמון: האט קיין פאראיבעל ניט, די פערד האבען זיך נאך ניט אויסגערוהט... אזא בלאטע.

מירעלע: די פערד זאל מען שפאנען, שוין! (שלמון ראש אב). מחלה, רוף מיר אריין די קינדער! (מחלה אב) ר' נחומ'צע חנה דבורה'ס, איהר האט דא ניט וואס צו טהאן, עס איז אויס שידוך. (ווייזט אויף דער טהיר).

נחומצע: מחותנת'טע לעבען, וואס הייסט, איהר לאזט אב דעם שידוך? איך פערשטעה ניט... רבונו דעלמא כולה, ה...היתכן?

חנה דבורה: מחותנת'טע לעבען, גאט איז מיט אייך, וואס רעדט איהר דאס? עס מאכט זיך דען ניט? מחותנים — מע צוואווערטעלט זיך.

מירעלע: איך האָב זיך פיינט צו ווערטלען. (עפּענט די טהיר).

נחומצע: וואָס הייסט? די תנאים זיינען ביים חתן... ער איז א יתום... איהר קענט, חלילה, אונזער קינד אונגליקליך מאַכען.

מירעלע: ער וועט באַלד אָבשיקען די תנאים מיט א מחילה גמורה...

חנה דבורה: מיינט ניט, מיר וועלען שווייגען! מיר וועלען לויפען צו מענשען. איך וועל אויפרודערען די גאַנצע שטאָדט.

מירעלע (רוהיג): לויפט צו מענשען, קעהרט איבער די שטאָדט — מיר געפעהלט דער שידוך ניט און מיר פאָהרען שוין צוריק... ע! איך האָב פיינט, אז מען טענה'ט א סך — געהט געזונטערהייד!... (חנה דבורה און נחומצע אָב). מען זאָגט: דער עפּעל פאַלט ניט ווייט פון בוים. אויף אזא בוים האָט געקענט אויסוואַקסען א שרעקליכער עפּעל. ניין! ניין! איך וויל ניט, איך האָב חרטה. די ערשטע קריעג איז שטענדיג בעסער פון דער צווייטער. מענשען שעהמען זיך אָפּט צו פערשטערען א חתן־מאָל און פערשטערען דאָס גאַנצע לעבען... ניין! ניין!... (מחלה קומט און צינדט אָן די לאָמפּען).

מחלה: די בחורים געהען שוין אריין... אָי, מירעלע, זייט ניט בייז אויף מיר, איך מיין, מען טאָר זיך ניט מישען אין אזא זאַך. אפשר איז דאָס בעשערט פון גאָט?

מירעלע: געה העלף איינפּאַקען די קליידער! (מחלה אָב) א קרומע זאַך קען ניט זיין בעשערט פון גאָט. מענשען־מאַכען זיך אליין אונגליקליך און האָבען נאָכדעם טענות צום רבונו של עולם. ניין, איך וויל צו איהם קיין טענות ניט האָבען... אהא, אָט זיינען מיינע מחותנים. (יאָסעלע און דאָניע קומען. ביידע אַלט־מאָדיש און רייך געקליידעט). קינדער, מאַכט איך פאַרטיג צום וועג, מיר פאָהרען באַלד.

דאָניע: ווער איז גערעכט, יאָסעלע? איך האָב געזאָגט, מיר וועלען באַלד פאָהרען צו דער כלה... און ער זיצט א צוטראָגענער און ציטערט... הענד און פיס ווארפט איהם... ער וויל זי זעהן — ער שטאַרבט.

יאָסעלע (פערשעהמט): ניין! ניין! דאָניע, הער אויף... מאַמעניו, דו פאָהרסט אויך מיט אונז?...

מירעלע: נאַרעלע, געווים פאָהר איך אויך... אָבער ניט צו דער כלה; מיר פאָהרען אהיים, צוריק קיין גראָדנע. (יאָסעלע קוקט זי אָן).

דאָניע: וואָס הייסט, און די חתונה.

מירעלע: אוים מחותנים, עס וועט ניט זיין קיין חתונה.

יאָסעלע: מאַמעניו, עס וועט גאָר ניט זיין קיין חתונה? פאַרוואָס?

מירעלע: דערפאַר, ווייל מיר געפעהלט ניט דער שידוך.

דאָניע: אבי מיר האָבען זיך גערינכט און ער, דער נאַר, ציטערט...

מירעלע: געה, טהו זיך איבער באַלד און פּאַק איין דיינע זאַכען געשווינד, נו! (דאָניע אָב). יאָסעלע, וואָס האָסטו געמאַכט אַזאַ רחמנות׳דיג פּנים? איך האָב געוואָלט פאַר דיר אַ כלה פון אַן אָרימע אָבער שעהנע משפּחה. פון אַזאַ משפּחה דאַרף זיין אַ מיידעל אַ שטיל און אונשולדיג קינד. אָבער נעהמען אַ שנור פון אַ הויז פון שנאָרער און בעטלער? ניין. איך וועל דיר זוכען אַ כלה, ווי דו האָסט געוואָלט: אַ געבילדעטע און פון אַ גרויסע שטאָדט.

יאָסעלע: פריהער, מאַמעניו, וואָלט מיך ניט געהאַרט, אָבער איצט... איצט.

מירעלע: און וואָס איז איצט? שיק איהר אָב איהר בילד מיט די תנאים און אַ סוף. מחלה, דערלאַנג מיר דאָרט מיין שקאַטולקע און טינט און פעדער. (מחלה דערלאַנגט עס, יאָסעלע נעהמט פון בוזים-קעשענע אַ בילד און בעטראַכט לאַנג. מירעלע זוכט אין שקאַטולקע) נאַ, אָט האָסטו די תנאים.

יאָסעלע: אַ גאַנץ יאָהר האָב איך זי גערעכענט ניט פאַר קיין פרעמדע און איצט זיינען מיר שוין פרעמדע. (גיט איהר אָב דאָס בילד) האָב אויף מיר קיין פעראיבעל ניט, מאַמעניו, מיר איז אַזוי שווער...

מירעלע: איך וויים, איהר שעהן פּנים׳על געפעהלט דיר... נישקשה, נאַר, ניט לאַנג וועט דיר זיין שווער. כאַ! כאַ! וואָס זאָגסטו פאַרט, מחלה, צו איהם? ער איז שוין אַ גאַנצער מאַנסביל. נעהם, שרייב איהר אַן אויף די תנאים עטליכע ווערטער. (ער נעהמט די תנאים און בלייבט זיצען ביים טיש מיט׳ן פעדער אין האַנד). ניין! ביסט נאָך אַ קינד, אַ שעהן פּנים׳על איז נאָך ניט אַלץ. נו, פאַרוואָס שרייבסטו ניט?

יאָסעלע: איך וויים ניט, מאַמעניו, וואָס זאָל איך שרייבען...

מירעלע: שרייבט (זי דיקטירט) „איך שיק אייך אָב די תנאים. (ער ווישט אָב בגנבה אַ טרער און שרייבט) און בין אייך מוחל דאָס, וואָס איהר און אייערע עלטערען האָבען מיר אונרעכט געטהאָן. איך האָב צו אייך גאַר ניט און בעט אייך, איהר זאָלט מיר אויך מוחל זיין..."

יאָסעלע (מיט אַ ציטערדיגע שטימע): און... איך בעט, איהר זאָלט מיר אויך מוחל זיין. (פאַלט צו מיט ביידע הענד צום טיש און צוואויינט זיך). מאַמעניו, מען דאַרף ניט. מען דאַרף ניט... איך בעט דיך.

מירעלע (זאַפּט): אַזוי גאַר? דו נאַר, קום נאַר אַהער, קום צו מיר. (יאָסעלע געהט צו) נו, זאָג מיר, וואָס וויינסטו?

[ISRAEL CENTER OF HILLCREST MANOR
520

מחלה: מען דארף זיין שטארקער פון אייזען, מען זאָל ניט וויינען. (ווישט איהרע טרערען מיט'ן פארטוך).

יאָסעלע: איך ווייס ניט, מיין הארץ ווערט צוריסען...

מחלה: וועה איז מיר! גאָר ניט, נעהמען יונגע קינדער און צוברעכען זיי דאָס הארץ... ביי מירעלע אפרת איז דאָס אַ קלייניגקייט. (מירעלע בלייבט זיצען פערטראכט. שלמון ערשיינט).

שלמון: די פערד זיינען געשפאנט.

מירעלע: הא? שוין געשפאנט די פערד? הם! שלמון, היים אויסשפאנען, מיר בלייבען אין סלוצק. (מחלה קושט איהרע הענד) נו, חתן, קום נאָר אהער. (ווישט מיט איהר טיכעל זיינע טרערען) זעה נאָר, וואָסערע טרערען. אָה, דו נארישער אינגעל. (קושט איהם אין ביידע באקען) מיין קינד, איך וויל דו זאָלסט גליקליך זיין... (אַ געוויש, חנה דבורה און נחומצע קומען דערשלאָגען). אָ, זעהסט, מען דארף גאָר נאָך זיי ניט שיקען... זיי זיינען שוין דאָ.

חנה דבורה: מחותנת'טע לעבען, וואָס ווילט איהר פון אונז האָבען? ווייל מיר זיינען אָרימע לייט, מעג מען אונז פערצאפען דאָס בלוט? געסט קלייבען זיך שוין אויפ'ן חתן־מאָל, די כלה וויינט...

יאָסעלע: דו הערסט, מאַמעניו, זי וויינט... אָי, וועה איז מיר!

נחומצע: איהר זייט דאָך יאָ אַ קלוגע, אדרבה זאָגט, וואָס זאָלען מיר טהאָן?

מירעלע: וואָס זאָלט איהר טהאָן? הם! שלמון, די כלה מיט אַלע געסט זאָל מען אהער ברענגען — די פערד זיינען זאָ ווי זאָ געשפאנט. (שלמון אָב, און קומט באַלד צוריק.) ביי מיר, אַט דאָ וועט זיין די שמחה, איך וויל ניט געהן טרעטען אייער סלוצקער בלאָטע.. ניין! איך געה ניט צו סלוצק, סלוצק דארף געהן צו מיר... נישקשה, אייער זיידע, זכרונו לברכה, וועט ניט פערשעהמט ווערען. איך האָב געבראכט געגוג געבעקס און געבראָטענס, נאַליווקעס און ווייגען. ניט קיין חתן מאָל, אַ חופה וועלען מיר דאָ היינט שטעלען... כא! כא! מיר וועלען אַ טובה טהאָן דעם חתן און מאַכען עס בקיצור.

יאָסעלע (פערדעקט זיין געזיכט): וועה איז מיר, מאַמעניו, וואָס רעדסטו דאָס?

חנה דבורה: אַ נייעס! וואָס הייסט דאָ גאָר, ביים חתן די חתונה?

נחומצע: היינט די חופה? חתן כלה האָבען ניט געפאסט.

מירעלע: עס איז טאקע זעהר גרויסע חטאים, אָבער איך נעהם די עבירה אויף זיך. נישקשה, איך בין אפילו ביים השם יתברך אַ גוטער בטוח,

זאָל מען דאָ גרייטען די טישען און אַלץ פאַרטיג מאַכען... שלמון, זעה אַלץ זאָל זיין, ווי עס געהער צו זיין.

נחומצע: נו, מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? דערווייל, יאָסעלע, נאַ דיר מיין ברייטען שלום עליכם און מיין גרויסען מזל טוב. (זיי צוקושען זיך.)

מירעלע: יאָסעלע, געה זאָג דאַניע'ן, ער זאָל זיך ווידער אָנטהאָן. מחלה, קום טהו זיך אויך אָן... דו ביזט דאָך ביי מיר יא אַ מחותנת'טע. איך שיינק דיר מיין נייע קאַוואַסענע קלייד און מיר דערלאַנג מיין שווארצע קלייד, אנטיק מאַרע. (זי מיט מחלה'ן אָב.)

יאָסעלע: זי האָט זעהר שטארק געוויינט? אָי, וועה... זאָגט איהר, אז מעהר וועט זי שוין קיינמאָל אין לעבען ניט דארפען וויינען (אָב).

חנה דבורה: איצט וויים איך ערשט ניט, וואו איך בין אויף דער וועלט. זי האָט מיך צוטומעלט...

שלמון: איהר פאָלגט מיך און פרעגט ניט קיין קשיות, עס וועט פאַר אייך גלייכער זיין, אויב איהר וועט טהאָן וואָס זי וויל. מיט מירעלע אפרת שפיעלט מען זיך ניט אין עקשנות, געהט אהיים, אלע אונזער בוידען זיינען שוין דארט ביי אייך, און איהר, מחותן, העלפט מיר גרייטען די טישען.

חנה דבורה: טאַטע זיסער, אז יא אויסשטעהן אלע משוגעת'ן, זאָל כאָטש זיין כדאי (אָב).

שלמון: אַ נו, מחותן, פערקאַטשעט זיך. (ביידע טהוען אוים די רעק. זיי טראָגען אריין טישען, נחומצע זינגט אַ חסיד'ל. נאָכדעם קומען סאַרווערס און גרייטען אַלץ צו: בראַנפען, וויין, פערבייסען.)

נחומצע: עס איז זעהר אַ גוטע סברה, איצט נעהמען אַביסעל משקה. (קוקט אויף די גראָפינעס.)

שלמון: איהר האָט צייט מיט משקה. זעהט איהר, אויב איהר וועט ניט זיין קיין שוטה, וועט איהר באַלד קענען מאַכען אַ פאָר קערבלעך... איהר וועט באַלד זעהן, אז ביי אַ פעטען טאָפּ איז גוט צו רייבען זיך... הערט, זי וועט דאָך געוויס וועלען שיינקען נדבות פאַר אַלע חברות פון סלוצק, דאַרף מען שכל האָבען און מאַכען אַ גוטען צעטעל, וועלכע חברות האָט איהר דאָ אין שטאָדט? (זיי זעצען זיך ביידע אין פאָדערגרונד ביי אַ טישעל.)

נחומצע: וועלכע חברות? בקור חולים, תלמוד תורה און הכנסת אורחים...

שלמון (שרייבט): יא, הכנסות אורחים און גמילות חסדים.

נחומצע: גמילות חסדים? עס הויבט זיך ניט אָן. ניטאָ קיין זכר...

שלמון: זייט ניט קיין שוטה! (שרייבט) גמילות חסדים... נו?

נחומצע: אַה! איך פערשטעה, די לחכימא ברמיזה... הכנסת כלה, הלוית המת...

שלמון (שרייבט): הלוית המת און חברה חסד של אמת, און חברה קבורת ישראל...

נחומצע: קבורת ישראל אויך? מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? אם כן, שרייבט, חברה מלביש ערומים, מתיר אסורים, סומך נופלים, רופא חולים... כאַ! כאַ! חברה זוקף כפופים און פוקח עורים. לחיים! (ביידע טרינקען.) ר' שלמון, איהר זייט אַ גבור, אַז איהר האַלט אויס פון איהר...

שלמון: מחותן, איהר זייט, במחילה, אַ שוטה. אַזאַ איידעלען מענשען, ווי זי, איז שוועהר צו געפינען. און אַ קלאָרען קאָפּ מיט אַ שכל הישר האָט זי, עס איז גאָר ניט צו גלויבען, דאָס זי איז ניט מעהר ווי אַ אידענע. (אַ גערויש, טפּרר!! האַ!) שאַ, ווער איז דאָס צוגעפאָהרען? מחותן, קריכט אריין אין דער קאַפּאָטע. (טהוען אָן זייערע רעק.) אהאַ, מען האָט שוין געבראַכט די כלי זמר. אהער! אהער! (כלי זמר אריין.)

נחומצע: קודם כל שטעלט אוועק די באַנדורעס און איך וועל צוליעב אייך מאַכען מיט אייך לחיים... איך בין פון די מענשען, וועלכער איז נאה דורש און נאה מקיים... ניט איצט — שפּעטער, וואָס איז די נפקא מינה? (ער טרינקט מיט זיי, שלמון מאַכט פאַר די כלי זמר אַ פּלאַץ אין אַ ווינקעלע. וויעדער: טפּרר! האַ!).

שלמון: אהאַ, נאָך אַ פוהר צוגעפאָהרען, מחותן, אַז עס הויבט זיך אָן פאָהרען — פאָהרט זיך!

נחומצע: זאָל זיך פאָהרען מיט מזל, מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? אהאַ, דער חזן מיט די משוררים, ברוכים הבאים! (חזן און משוררים אריין. זיי שרייען אַלע: מזל טוב! מזל טוב!)

שלמון: שש! שרייט ניט אַזוי!... (נחומצע טרינקט מיט'ן חזן.)

נחומצע: איהר פערגעסט נאָר ניט, אַז דאָרט איז מירעלע אפרת! (נאָך אַ פוהר פאָהרט צו. עס קומען אידען, ווייבער, מיידלעך.)

שלמון: מען דאַרף איהר געהן זאָגען, אַז געסט זיינען שוין דאָ. (הוסט זיך אויס, פערשפּילעט דעם ראָק, אָב צו מירעלע'ן אין צימער.)

נחומצע (צו אַ גאַסט): זי זאָגט: דוקא באַלד דאָ די חופּה — מוז זיין אַזוי. אַז מען איז רייך, קיין עין הרע, קען מען אַלץ אויספיהרען. ע! וואָס איז די נפקא מינה? נעהמט אַביסעל, אם אין אני לי, מי לי? (טרינקען, שלמון צוריק.)

שלמון: די מחותנת'טע קומט באַלד. שאַ, איך בעט אייך, האַלט אייך ווי מענשען. (כלי זמר פאַרבערייטען זיך.)

נחומצע: א שעהנעם, א פיינעם וויוואט אונזער מחותנת'טע מרת מרים תחיה. (מוזיק שפּיעלט, מירעלע און מחלה קומען.)

מירעלע: מזל טוב! מזל טוב! מיט מזל זאָלט איהר לעבען. (זעצט זיך אויף איהר שטוהל.) די כלה איז נאָך ניטאָ? טרינקט און פערבייסט דערווייליע. שלמון, האָבען מיר גאָר ניט פערגעסען?

שלמון: איהר וועט דאָך געוויס עטוואָס מנדר זיין אויף די היגע חברות? אָט האָבען מיר מיט'ן מחותן געמאַכט אַ צעטעל. (דערלאַנגט איהר אַ צעטעל).

מירעלע (אַ קוק): כע! כע! הכנסת כלה, דאָס הייסט דאָך אייגענט־ליך בעגראָבען. הלוית המת איז אויך צו בעגראָבען. חסד של אמת, וויעדער בעגראָבען. קבורת ישראל — נאָך אַמאָל בעגראָבען. מען בעגראָבט גוט דאָ אין סלוצק! כאַ! כאַ! כאַ! שלמון, איך פערשרייב יעדען גראָשען (צייגט איהם איהר נאָטיץ־ביכעל). מילא אז דו האָסט אביסעל גע'גנב'עט דאָרט פון הוצאות, פון היי און האָבער, למשל, האָט מיך ניט געהאָרט — דו האָסט גע'גנב'עט ביי מיינע פערד. ביי די סלוצקער פערד אָבער וועל איך דיר ניט ערלויבען צו גנב'ענען. (צו די געסט) טרינקט, איך בעט אייך, און זייט לוסטיג.

שלמון (שטאַמעלט): ה...האָט קיין פעראיבעל ניט. איך... אי...

מירעלע: שעהם זיך ניט, נישקשה, מיר זיינען אייגענע מענשען. איך קען דיך.. געה טרינק און זיי אַ מחותן...

שלמון: זאָלט איהר געזונד זיין, וואָס האָב איך אייך געוואָלט פרעגען? יא, דער בעל הבית דאָ, וויל פערקויפען פיער טויזענד פוד פלאָקס.

מירעלע: דאָ אויפ'ן פּלאַץ קויף איך ניט, נאָר מיט'ן צושטעלען קיין ריגא. (אַ בעוועגונג.) אהאַ, זעה, ווער עס איז געקומען? דאַכט זיך די כלה.

נחומצע (שכור'לעך): אַ שעהנעם, אַ פיינעם וויוואט דער כלה מרת שיינדעל בת ר' נחום! (מוזיק שפּיעלט. שיינדעל מיט איהר מוטער קומען, פון דער אַנדער טהיר — יאָסעלע מיט דאָניע'ן.)

מחלה: אַי! אזא יאָהר זאָל איך שוין האָבען, וואָס פאַר אַ שעהנע פּאָרעלע דאָס וועט זיין! (זי קושט די כלה. אַלע שרייען: מזל טוב! מזל טוב!)

מירעלע (בלייבט זיצען): אַ נו, קום נאָר אַהער צו מיר, שיינדעלע. (מען פיהרט זי צו.) זעץ דיך דאָ לעבען מיר... יאָסעניו... ער שעהמט זיך נעבעך... (יאָסעלע טרעט צו אַ פערשעהמטער.)

דאָניע: איך בין קיין חתן ניט, דאַרף איך זיך ניט שעהמען. (ער געהט צו צו די געסט און עסט לעקאַך).

מירעלע: קוק אויף איהם... זעהסט? עס איז אַן אונשולדיג, אַ כשר קינד מיט ריינע געדאַנקען און אַ גוט האַרץ. (זי איז אויפגערעגט.)

שיינדעלע: איהר וועט זיין מיין מוטער, איהר וועט מיך לערנען. וואָס איהר וועט פערלאַנגען, וועל איך טהאָן.

מירעלע: קיין נאַר ביזטו ניט, דאָס זעה איך פון דיין ענטפער... נאַ, דאָס קומט דיר. (קושט זי, נעהמט פון זיך אַראָב אַ בראָש און אויעררינגלעך און טהוט איהר אָן. נאָכדעם צוקושט זי זיך מיט יאָסעלע'ן און מיט חנה דבורה'ן. אין דער צייט זינגט דער חזן מיט די משוררים אַ פרעהליכס.)

יאָסעלע (שטיל צו שיינדעלע'ן): איך וואָלט אַזוי געוואָלט דער גע־פילדער זאָל שוין גיכער פאַראיבער...

שיינדעלע: יאָסעלע, מיר וועלען דאָס אויך איבערקומען... איאָ עס איז בעסער, וואָס עס וועט ניט זיין קיין חתן מאָל?...

יאָסעלע: איך ווייס ניט... איך... אָי, איהר זייט גאָר ניט דערשראָקען.

מירעלע: נו, מחותן, איך וועל נעהמען מיט אייך אַביסעלע. שלמון, גיעב מיר אַ גלאָז וויין. לחיים! זאָל גאָט געבען מיט גליק... מחלה, לחיים, מחותנת'טע מיינע (צוקושט זיך מיט מחלה'ן). נו, שיינדעלע, לחיים, איך האָף מיר וועלען זיין גוטע פריינד. איין כלל: ביי מיר אין שטוב טענה'ט מען ניט. זעהסט מיינע זיהן? ווען זיי וועלען ביידע שוין זיין אַלטע אידען מיט בערד, וועל איך זיי צורופען און זאָגען: שטעל אוים די באַק, ר' איד, איך וועל דיר געבען פעטש. (קלאַפּט לייכט מיט'ן שטעקען.) כבוד דאַרף מען אָבגעבען אַן עלטערען. אָבער שרעקען דאַרפסטו זיך ניט, איך בין ניט קיין שלעכטע.

מחלה: אָי, אַ שלעכטע, הלואי זאָל גאָט אַזוי שלעכט זיין צו זיין פאָלק ישראל.

שלמון: אַזאַ מזל אויף מיינע קינדער, וואָס פאַר אַ דימענטענע האַרץ זי האָט...

מירעלע: נו, איך מיין, מיר וועלען ניט מאַכען קיין שיהות און באַלד פיהרען די קינדער צו דער חופּה.

חנה דבורה: יאַ, שוועסטערלעך, מען דאַרף בעזעצען די כלה.

מירעלע: מען דאַרף ניט בעזעצען — מענשען זיינען גענוג בעזעסען, עס איז דאָ ביי אונז אידען אַ מנהג, זעהר אַ שעהנער מנהג, דערמאָנען דעם, ווער עס האָט געדאַרפט זיין דאָ און קען ניט זיין, ווייל גאָט האָט איהם צוגענומען פאַר דער צייט. ער איז ניט זוכה געוועזען צו זעהן נחת פון זיינע קינדער... (פערדעקט איהרע אויגען.)

נחומצע: יאַ, יאַ! חזן, מאַכט אַן אל מלא רחמים דעם חתן'ס פאָטער זכרונו לברכה, ר' שלמה'לע...

מירעלע (טרויעריג) : ניין, ניין, ניט אַ פרעמדער, ניט אַ געדונגענער, זיין אייגען קינד, דאַרף איהם דערמאַהנען. יאָסעלע, איך וויל דו זאָלסט מאַכען אַן אל מלא רחמים. (אַלע געסט ווערען זעהר ערנסט.)

יאָסעלע : איך ? מאַמעניו, איך וויים ניט, אויב איך וועל אימשטאַנדע זיין. (שטעלט זיך, פאַנגט אָן אַ געזאַנג, מירעלע זאָגט איהם עטליכע מאָל אונטער.) אל מלא רחמים... שוכן במרומים... המציא מנוחה על כנפי השכינה (אַלע וויינען) במעלות קדושים וטהורים... כזוהר הרקיע מזהירים את נשמת אבי מורי... (צואווויינט זיך שטאַרק, דער חזן ענדיגט מיט די משוררים.)

מירעלע (ווישט אָב די טרערען) : נון, איצט איז אַ גוטע שעה, צו דער חופה ! צו דער חופה ! אונטער'ן הימעל אויפ'ן רעגען וויל איך די חופה זאָל זיין. (לאַכט און וויינט.) די מחותנת'טע זאָגט : רעגען איז אַ סמן ברכה, מסתמא האָט זי דאָס בקבלה פון איהר זיידען... (כלי זמר גיעבען אַ קלאַפּ אַ פרעהליכס, מען געהט פּאַרלעכווייז, שלמון און נחומצע נעהמען זיך אַרום און חנה דבורה טאַנצט פאַר זיך. מחלה פיהרט מירעלע'ן.) .

(פּ אָ ר ה אַ נ ג.)

צווייטער אַקט.

(זעהר אַ רייך־מעבלירטער זאַל ביי מירעלע אפרת אין הויז, א פּיאַנאָ, אויף דער פּיאַנאָ אַ פּיעדעל, פּיעל בלומען, ביי אַ טישעל שטעהט מירעלע'ס קרעסלע מיט'ן קליין בוינקעלע, אין די לייכטער און לוסטרעס שטעקען סטעאַרינאָווע ליכט. עס איז דונקעל, די לבנה שיינט אַריין דורכ'ן פענסטער. מירעלע געהט אַריין, זי איז פּיעל עלטער געוואָרען. זי געהט זיך דורך עטליכע מאָל איבער'ן זאַל פערטראַכט. טראָגט שיך מיט אַ לייכטען סקריפּ. נאָכדעם רוקט זי צו איהר קרעסלע צום פענס־טער און זעצט זיך. עס איז שטיל, עס הערט זיך ווי יאָסעלע שפּיעלט אויף דער פלייטע אַ אידישע מינארנע מעלאָדיע. פּויזע).

מירעלע: אַ שעהנע נאַכט און יאָסעלע'ס מעלאָדיע קלינגט אזוי אומעטיג. מיר ווייזט אויס, אַז זיסע אומעטיגע טענער זיינען צוגעפּאַסט צו דעם שטילען, פערטראַכטען אבענד, אַקוראַט ווי פרעהליכע, הילכיגע געשרייען זיינען פערבונדען מיט ליכטיגע שטראַהלען פון דער הייסען זון. דאָס ליכט ווירקט אויף אַלע אונזערע חושים. (פערטראַכט זיך.)

מחלה (עפענט די טהיר און זוכט זי): אַ גוטינקע וואָך אייך. איהר זיצט דאָ אַליין גאָר אין דער פינסטער? אָי, וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיינע יאָהרען (זיפצט).

מירעלע: פאַרוואָס האָסטו דאָ ניט אָנגעצונדען די ליכט, מחלה?

מחלה: שיינדעלע האָט געזאָגט, מען דאַרף אין זאַל ניט אָנצינדען קיין ליכט — קיינער וועט היינט דאָ ניט זיצען. וועה איז מיר, איהר געדענקט פריהער, ווי פרעהליך און לוסטיג דאָ פלעגט זיין אַלע שבת צו נאַכט? די קינדער פלעגען געבען קאָנצערט, איהר פלעגט מיט וועמען עס איז שפּיעלען שאַך, אין קיך האָבען געהאַקט די האַקמעסערס. יעדער ווינקעלע האָט געלעבט. אָי, וויפיעל מיר זיינען אויסגעשטאַנען אין די דריי יאָהר, וואָס ז י איז דאָ. איהר זעהט אַליין ניט, וואָס פון אייך איז געוואָרען (וויינט).

מירעלע: נאָר עפּעס וויינסטו, אויף מיין וואָרט, מחלה, מען קען מיינען דו ביזט טאַקע אַ אידענע. הם! צינד באַלד אָן אַלע ליכט. (מחלה צינדט אָן די ליכט, ריידענדיג.)

מחלה: איך פערשטעה ניט, פאַרוואָס איהר גיט איהר נאָך אזוי? איהר זייט עם מירעלע אפרת?

מירעלע: ביזט א נאַר, מחלה, פאַר יעדע נאַרישקייט קריעגען זיך און מאַכען סקאַנדאַלען אין הויז? (בייז) אה, ווען יאָסעלע זאָל זי ניט ליעבען אזוי, וואָלט איך איהר געוויזען, ווער מירעלע אפרת איז. איך וואָלט מיט איהר פאַרטיג געוואָרען קורץ און גיך! (קלאַפּט מיט'ן שטעקען.) אָבער ער געהט אויס נאָך איהר. א פערליעבטער מאַן איז טויב און בלינד... ער אליין זעהט ניט און פערשטעהט גאָר ניט און איך וויל איהם ניט צוברעכען דאָס הארץ און פערשטערען זיין לעבען... מחלה, זיי זיינען יונגע קינדער, זאָל בעסער מיינס אריבערגעהן.

מחלה: זי פערשטעהט עס און נעהמט זיך אלץ מעהר אריין אין די פערדערען. זי פיהרט אויס אלץ, און קריכט אויפ'ן קאָפּ. זאָגט אליין, אויף וועלכע צרות דארפען מיר דאָ איהר טאַטע מיט איהר מאַמע?

מירעלע (לאַכט): זיי געפעלען דיר ניט? אפנים, מחלה, דו זאָלסט זיין דער גובערנאַטאָר פון גראָדנע, וואָלסטו זיי משלח געווען פון דאַנען. ביזט א נאַר. אויב גראָדנער חכמים האָבען זיך געמעגט בענארישען אין סלוצק, מעגען סלוצקער נאַרען זיך חכמה'נען אין גראָדנע. (שטעהט אויף) איך געה מאַכען די באַלאַנסען פאַר דער גאַנצער וואָך און ווען שלמון וועט קומען, שיק איהם אריין צו מיר. (פרעהליך) מחלה, א מענש איז שטאַרק ניט נאָר דערמיט, וואָס ער צווינגט אַן אנדערען טהאָן, ווי ער וויל. עס איז אויך א גבורה צו צווינגען זיך טהאָן, ווי אַן אנדערער וויל. זעה בעסער, דאָ אויפ'ן טישעל ליעגט שטויב. (זינגט געהענדיג) „גאָט פון אברהם, פון יצחק פון יעקב, ויהי דיין פאָלק ישראל אין דיינעם ליעב, דער הייליגער שבת געהט אוועק, די וואָך זאָל אונז קומען צו מזל, צו ברכה און צו הצלחה. אמן סלה! (אָב.)

מחלה (ווישט דעם טישעל): פון אָנפאַנג, ווען איך בין נאָך געווען נאַרישער, פלעג איך פאַר איהר מורא האָבען, און איצט, איך זאָל קענען, וואָלט איך איהר מיין נשמה אָבגעגעבען. זי איז מיר טייער, ווי א מוטער, און ליעב, ווי א קינד. אויף מיין וואָרט, אָט ווי זי איז קלוג, און שטאַרק און בעיאָהרענט, איז זי דאָך אזוי ווי א קינד. (נחומצע און חנה דבורה קוקען אריין אין טהיר.)

נחמצע: זעהסט וויפיעל ליכט, ווי ביי אונז אין קלויז יום כפור. א גוטע וואָך דיר, מחלה, שיינדעלע איז ניטאָ דאָ?

חנה דבורה: וואָס שטעהסטו אויפ'ן שוועל? אין זאָל ברענען ליכט, וועט מסתמא שיינדעלע דאָ זיין. (ביידע אריין.) איך האָב דיר געזאָגט, מיר

זאָלען בלייבען אין די שבת'דיגע בגדים, אפשר וועלען מיר זיצען אין האָרניצע מיט געסט? זעהסט, בין איך טאַקע גערעכט.

מחלה: וואָס דאַרפט איהר זשאַלעווען די בגדים, עס קאָסט אייך טייער? איהר וועט אין אייער לעבען ניט איבערטראָגען אַלע אַלטע קליידער, וואָס מירעלע אפרת וועט אייך נאָך שענקען פון איהר גאַרדעראָב. און איהר, ר' נחומצע, אויף אייך זיינען יאָסעלע'ס קאַפּאָטעס ווי אויסגעגאָסען.

חנה דבורה: אַ גרויסע מציאה! ווען איך בין געווען מיידעלווייז ביי מיין זיידען, זאָל ער האָבען אַ ליכטיגען גן עדן, האָב איך געהאַט אביסעל שעהנערע קליידער פון דיין גראַפינע פּאָטאָצקי. געדענקסט, נחומצע, ווען איך בין געווען אַ כלה, האָב איך געהאַט אַ זיידענעם קאַזאַקין מיט געלע קווייטען? אַי, טאַטע זיסער.

נחומצע: וואָס איז די נפקא מינה? אי, מחלה, אַ גלעזעלע טהעע, איך שטאַרב. ניט פאַר דיר גערעדט, נאָכ'ן טשאָלענט איז מיר שבת-צו-נאַכט שטענדיג זויער אין מויל.

מחלה (אַפּאַרט): די טאָכטער איז געוואָרען אַן אַריסטאָקראַטקע איז ביים טאַטען פון טשאָלענט זויער אין מויל. (לויט) ר' נחומצע, דאָ טרינקט מען ניט קיין טהעע. געהט אין עס-צימער. דאָרט שטעהט דער סאַמאָוואַר אויפ'ן טיש. איהר ווייסט דאָך, ביי אונז וועט עס וויל קען טהעע טרינקען. קען אויך בעטען עסען. דערווייל איז דאָ בעל-הבית'טע מירעלע אפרת.

נחומצע: אין עס-צימער זאָגסטו? נו, מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? (געהט, בעגעגענט אין טהיר שלמון'ען, וועלכער טראָגט ביכער מיט חשבונות.) אָה, ידידי ר' שלמון, אַ גוטע וואָך.

שלמון: אַ גוטע וואָך, ידידי ר' נחומצע, אַ גוטע וואָך מחלה. איז מירעלע ביי זיך? מע דאַרף זיך געהן אָברעכענען פאַר דער וואָך.

חנה דבורה: גוטע חשבונות מאַכט איהר מיט איהר, ר' שלמון. נו, יאָ, וואָס פערשטעהט זי, די אַלטע עובר בטל'ניצע? זי ווייס נאָר בלאָזען פון זיך.

מחלה (אַפּאַרט): אויסבלאָזען זאָל דאָס דיך, רבונו של עולם.

שלמון: מאַדאַם חנה דבורה, זי בלאָזט פון זיך, ווייל זי איז אַ גרויסער צוכט און וויל ניט דער שטויב זאָל אויף איהר פאַלען. גוטע יאָהרען, ווען מען פרעגט שוין וואָס מירעלע אפרת פערשטעהט? אַלע ווייבער זאָלען אַזוי פער-שטעהן, וואָלט אַ כבוד געווען צו זיין אַ אידענע. אפילו אייער מאַן וואָלט זיך ניט געשעהמט, וואָס מען רופט איהם: ר' נחומצע חנה דבורה'ס... (פערשפּי-לעט זיך, הוסט זיך אויס און געהט אריין צו מירעלע'ן.)

חנה דבורה: דער גראַפיניעס אַדיוטאַנט! פאַר יעדע קאָפּיקע, וואָס

ער גנב'עט ביי אונזערע קינדער, זאָל זיך איהם זעצען, רבונו של עולם, א געשוויר אין האלז.

נחומצע: מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? דו, פלונית'טע מיינע, דארפסט שווייגען. ר' מענדעלע'ס אייניקעל דארף וויסען, אז די חכמים זאָגען: כלבא בלא מתיא שבע שנים לא נבח. א הונד אין א פרעמדע שטאָדט בילט ניט זיעבען יאָהר, — דו ביזט דאָך ניט לאַנג דאָ אין גראָדנע... שאַ! אָט געהט שיינדעלע און דו קענסט פון איהר האָבען א מיאוס'ן פסק. (שיינדעלע קומט.) א גוטע וואָך דיר, שיינדעלע. (שיינדעלע ענטפערט ניט.)

שיינדעלע: זעה נאַר, וואָס איז דאָ פאַר אַן אילומינאַציע? דאָס איז אפשר צוליעב די געסט? גרויסארטיג. (געהט צום פענסטער.)

מחלה: מירעלע האָט געהייסען אָנצינדען אלע ליכט.

שיינדעלע: אזוי? זעהר גוט. זעה נור, דאָס פענסטער איז אָפען ביי נאַכט. וועמעס חכמה איז דאָס געווען?

מחלה: דאָס האָט די בעל־הבית'טע געעפענט דעם פענסטער. עס איז א וואַרימע נאַכט, עס וועט קיינעם, חלילה, ניט שאַדען. (זי מאַכט צו דעם פענסטער.)

שיינדעלע (רוקט בייז די קרעסלע): קיין פלאַץ האָט ניט די קרעסלע, נאַר דאָ! עס פאַסט אקוראַט אין זאַל. אַציערונג!...

נחומצע: מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? נאָך וואָס זאָלסטו זיך קריעגען מיט איהר?

שיינדעלע: ווער קריעגט זיך? מחלה, איך האָב דיר שוין ניט איין מאָל געזאָגט: די אלטע שמאַטע דארף ניט שטעהן אין זאַל. טראָג ארויס די קרעסלע אין עס־צימער, נישקשה, עס קען שטעהן דאָרטען.

מחלה: וואָס רעדט איהר, גאָט איז מיט אייך? אויף וואָס וועט זיצען אונזער מירעלע? איהר ווייסט דאָך, זי איז צוגעוואוינט...

שיינדעלע: אויף וואָס זיצען אַנדערע? נישקשה, זי וועט זיך צוגע־וואוינען זיצען ווי אלע מענשען. נעהם צו פון דאַנען! (מחלה קען ניט אליין אויפהויבען די קרעסלע.) טאַטע, זייט זיך מטריח, העלפט איהר ארויסשלעפען דער שווינגער'ס עשאַפּאַט.

נחומצע: אַך, בכבוד גדול, וואָס איז מיר די נפקא מינה?

מחלה (זיפצט): אָי, וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיינע יאָהרען. (טראָגעןביידע ארויס די קרעסלע.)

שיינדעלע (זעצט זיך): מען דארף זיין שטאַרקער פון אייזען צו וואוינען מיט איהר אונטער איין דאַך. מאַמע, זייזשע מוחל, דערלאַנג מיר,

אַט דאָרט שטעהט אַ קלייןביינקעלע. (חנה דבורה שטעלט דאָס קליין ביינקעלע אונטער איהרע פיס. עס הערט זיך יאָסעלע'ס פלייטע.)

חנה דבורה: ווער הייסט דיר זיין אַ נאַר און ליידען פון איהר? ווער איז דאָס מחויב אויסצושטעהן אַלע איהרע משוגעת'ן? אַ קאָמאַנדיר, גראַפיניע פּאָטאָצקי! שיינדעלע, איהר אַדיוטאַנט שלמון איז דאָרט. מיט'ן פּנקס גלייך צו איהר!... ער בע'גנב'עט און בע'גזל'ט אייך, פאַרוואָס קומט עס איהם? אַ ביטערע עבירה פאַר גאָט... דיינער, האָב קיין פּראַיבעל ניט, איז אַ שלימזלניק, ער זיצט ביי זיך און פייפט אויף זיין פייפעל, און שלמון גנב וועט אייך, איה"ש, אַלעמען אָנפּייפען. געדענק מיין וואָרט.

שיינדעלע: איך האָב פיינט דעם שלמון'ען, איך קען איהם ניט אָנקוקען. הער אויס, עס וועט ניט לאַנג דויערען, איך וועל דולדען ביז אַ צייט. שאַ, הער אויף, ווער געהט עס? (דאָניע קומט, אייראָפּעאיש געקליידט.) אי! ווי שעהן! דאָס איז אייער נייער קאָסטיום? עס פּאַסט אייך.

חנה דבורה: תתחדש... פּערנוצט געזונטערהייט.

דאָניע: אַ גוטע וואָך. איאַ שעהן? וואָס וועט אָבער די מאַמע זאָגען, ווען זי וועט מיך דערזעהן צום ערשטען מאָל? איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, עס ציטערט אַביסעל דאָס האַרץ.

שיינדעלע: זעה נאַר ווי אַ מענש האָט מורא. אפנים עס איז טאָקע אמת, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט אייך געבען פּעטש, ווען איהר וועט זיין אַ איד מיט אַ באָרד.

דאָניע: נו, דאָס וועלען מיר נאָך זעהן!

חנה דבורה: וואָס איז דאָרט דער געוואַלד אַזוי? אַז מען איז רייך, קיין בייז אויג, מעג מען זיך יעדע זאַך פּערגינען. פּאַר אַ קבצן פּאַסט ניט קריכען אין די שמאָלע פלייודערען מיט די אַנדערע מאָדעס, אָבער וועמען גאָט העלפט — אָך! אָט געהט מיין שיינדעלע מיט די אייגענע האָר און טהוט אַנדערע זאַכען — איך מיש מיך ניט.

שיינדעלע: איהר זעהט? אויך אַ פּאַנאַטישע מאַמע, ר' מענדעלע'ס אַן אייניקעל נאָך דערצו, פון דעסטוועגען טהוט זי מיר אַ טובה און מישט זיך ניט. פאָלגט מיך, דאָניע, מאַכט זיך ניט ווייסענדיג. זיצט, זאָל זי קומען און זעהן. זי איז דאָרט מיט'ן גרויסען מיניסטער — ר' שלמון. אַ נאַר, אַ נאַר דאַכט זיך, דער שלמון, און פיהרט אייך אַלעמען ביי דער נאָז.

דאָניע: אַ מענש איז דרייסיג יאָהר אין הויז, פיהרט אַלע געשעפטען...

שיינדעלע: אַזעלכע ערוואַקסענע זיהן זאָלען ניט טאָרען מישען זיך אין קיין זאַך. און דאָס גאַנצע פּערמעגען אין פרעמדע הענד. וואָס? זייט איהר נאָך פיצינקע קינדער?

חנה דבורה: גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, גאַנץ גראָדנע מאַכט פון אייך חוכא וטלולה. שלמון איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד, באָקעם זאָל דאָס איהם ארויס, רבונו של עולם!...

שיינדעלע: נו, דו הויבסט שוין אָן מיט דיינע קללות. ערנסט גערעדט, ביז וואַנען נאָך וועט איהר ביידע אייך לאָזען פיהרען אויפ׳ן שטריקעל? מיין יאָסעלע איז אַ שוואַכער. איהם איז גענוג, אַז מען לאָזט איהם שפּיעלען אויף זיין פליוטע, אָבער איהר...

חנה דבורה: עס איז אָן עולה, אַ גרויסע עולה. איך וויים, דאַכט זיך, מיין זיידע ר׳ מענדעלע איז דאָך יאָ געווען קיין קליינינקייט. פון דעסטוועגען, ווי זיינע קינדער זיינען נאָר אַביסעל אונטערגעוואַקסען, איז יעדערער שוין געווען אַ צדיק פאַר זיך. ע! מען שעהמט זיך ניט, מען נעהמט פּשוט און מען זאָגט איהר (מירעלע און שלמון אריין) מחותנת׳טע לעבען, אַ גוטע וואָך אייך.

מירעלע: אַ גוטע וואָך. וואָס איז דאָס, דאָניע, אַנו, קום נור אַהער! (דאָניע געהט צו) הם! אָראָבגעוואָרפען פון זיך דעם איד און ארויפגעצויגען דעם דייטש. דו ווייסט, שלמון, מען שניידט זיך ביי אונז אין שטוב אויף אַריסטאָקראַטען... מיך האַרט ניט, אַז דיר איז ליעב, איז מיר ניחה. אָבער פרעגען האָסטו דאָך געמעגט.

דאָניע: יעדע נאַרישקייט פרעגען? מען דאַרף דאָך אַליין אויך כאָטש אַביסעל שכל האָבען.

שלמון (אַפּאַרט): אויף וואָס מען דאַרף שכל! אַז אָך און אַז וועה. (לויט) האָט אַ גוטע נאַכט און אַ גוטע וואָך, מירעלע... (וויל געהן).

מירעלע: האַר אויס, שלמון, מיר וועלען שפּיעלען היינט אַ שאָך.

שלמון: ווי קום איך מיט מיין קאָפּ? נאָכ׳ן דריטען גאַנג נעהמט איהר צו ביי מיר די קעניגין. אויך מיר אַ שפּיעלער. (דאָניע זעצט זיך צוריק נעבען שיינדעלע׳ן).

מירעלע: נישקשה, בלייב... זיץ, שלמון. (זוכט איהר קרעסלע) וואו איז דאָס מיין שטוהל? האַ? וואָס איז דאָס? איך בעט דיך... מחלה! מחלה! (מחלה לויפט אריין) וואו איז מיין קרעסלע?

מחלה: שיינדעלע האָט געהייסען ארויסטראָגען אין עס־צימער.

מירעלע: טראָג עס אריין צוריק! (מחלה אָב) איך האָב ליעב, יעדע זאַך זאָל בלייבען דאָרט, וואו איך שטעל עס אַוועק! (קלאַפּט לייכט מיט׳ן שטעקען) אַזוי, אַזוי, שלמון, מען וויל אונז פריהער ארויסבעגלייטען אין עס־צימער אריין און פון דאָרט איז שוין ניט זעהר וויט אין קיך אריין... כאַ! כאַ! (מחלה קאַטשעט אריין די קרעסלע ביז׳ן טהיר, שלמון העלפט איהר שטעלען די קרעסלע נעבען טישעל).

שלמון: אז איהר וועט זיין אין קיך, וועט אין קיך זיין דער זאַל... נאָר בעסער זאָלען עס מיינע שונאים ניט דערלעבען! איך אַליין זאָל דאָס ניט דערלעבען צו זעהן...

שיינדעלע: איך האָב ניט געמיינט, אז פאר אזא נארישקייט, וואו עס זאָל שטעהען א ביינקעל, וועלען מיר זיך דארפען קריעגען.

מירעלע: קריעגען זיך? הם! קריעגען זיך, קריעגען זיך... (געהט אום א פערטראַכטע. שלמון זעצט זיך און צושטעלט די שאך־פיגורען).

שיינדעלע: מחלה, געה טראָג אריין — ביי מיר אויפ'ן טישעל ליעגט א נייע פּעסיל קאָרטען. און זאָג יאָסעלע'ן, איך רוף איהם. דאָניע, מיר וועלען מאַכען אן אָקע. (דאָניע שטעלט צו א טישעל צו איהר שטוהל. מחלה אָב).

חנה דבורה: קריעגען זיך? וואָס דאַרף מען זיך קריעגען? איז דען ניט בעסער, אז אין שטוב איז שלום? ווי זאָגט דער גוי, להבדיל, כאַטאַ פּאָקרישקאַ. (מירעלע הערט ניט וואָס מען רעדט. געהט אום פערטיעפט. מחלה ברענגט קאָרטען).

שלמון (שטיל): יאַ, כאַטאַ פּאָקרישקאַ... א סלוצקער רודף שלום... ר' מענדעלי'ס פּאָקרישקע. (יאָסעלע קומט א פרעהליכער, געקליידעט ווי פריהער, טראָגט א בערדעל).

יאָסעלע: מאַמעניו, אַ גוטע וואָך. אַ גוטע וואָך, ר' שלמון, א גוטע וואָך. (לעגט זיין פּלייטע אויף דער פּיאַנאָ) מחלה, דיר, דאַכט זיך, האָב איך געזאָגט א גוטע וואך? זעהר נאָר, מאַמעניו, דאָניע איז דאָך א גאַנצער דייטש געוואָרען. האָסט מיך גערופען שיינדעלע?

שיינדעלע: יאַ, מיר וועלען מאַכען אן אָקע... (טאַשט די קאָרטען).

מירעלע: אין קאָרטען גאָר? פע, איך האָב ניט ליעב קיין קאָרטען ביי מיר אין הויז...

שיינדעלע: וועמען עס געפעהלט שפּיעלען שאך — שפּיעלט שאך, און וועמען עס געפעהלט שפּיעלען אין קאָרטען — שפּיעלט אין קאָרטען. יאָסעלע, זעץ זיך דאָ נעבען מיר — דאָניע זאָל מיר ניט אריינקוקען אין די קאָרטען. (יאָסעלע קוקט זיך אַרום) וואָס זוכסטו? זעץ דיך! (יאָסעלע זעצט זיך. זי גיט קאָרטען און לעגט נעבען זיך זילבער־געלד).

מירעלע: אַיאַ, שלמון, עס איז נאָך א גליק, וואָס מען ערלויבט אונז שפּיעלען א שאך? (זעצט זיך) מחלה! (זי זוכט אַרום דאָס קליין ביינקעלע).

מחלה (לויפט צו צו שיינדעלע'ן. שטיל): שיינדעלע, האָט קיין פעראיבעל ניט, איהר ביינקעלע...

שיינדעלע (מאכט זיך ניט הערענדיג): דאָניע, אייערע צווי טייז שרעקען מיך ניט, אָבער גאָר ניט!...

חנה דבורה (שטיל): שיינדעלע, גיב איהר דאָס ביינקעלע... זאָל זי זיך ווערגען...

שיינדעלע (מאכט זיך ניט הערענדיג): איך גיב דריי פּיטאַקלעך אויף דריי קאָרטען...

מירעלע: מחלה, אהער גיה! נאַ דיר די שליסלען, ביי מיר אויבען אין קאָמאָד שטעהט די שקאַטולקע מיט די בריליאַנטען — ברענג עס אהער! (מחלה אָב) שלמון, פאַנג אָן. (זיי שפּיעלען, איהרע הענד ציטערען שטאַרק).

שיינדעלע (צו דער מוטער): וואָס דאַרף זי די בריליאַנטען אין מיטען־דערינען? (לויט) יאָסעלע, וואָס קוקסטו אין די קאָרטען, ווי אַ האָן אין בני אָדם? שפּיעל, אַז דו שפּיעלסט.

יאָסעלע: אָי, שיינדעלע, איך... איך... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? יאַ, וויפיעל האָב איך פערשפּיעלט? (מחלה ברענגט די שקאַטולקע).

מירעלע: שטעל עס מיר אונטער די פּיס.

מחלה: זאָל איך די ציערונג אַרויסנעהמען?

מירעלע: ניין, אַט אַזוי ווי עס איז, מיט די בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און פּערעל שטעל עס מיר אונטער די פּיס — איך בין מרים אפרת. (מחלה שטעלט איהר די שקאַטולקע אונטער די פּיס) שלמון, געגאַנגען... איינס... (שפּיעלט, מחלה שטעלט זיך הינטער איהר קרעסלע).

חנה דבורה: ציערונג אונטער די פּיס? אָי, אַ שלאַק האָט מיך דערשלאָגען.

שיינדעלע: אַט אַזוי ווי דו זעהסט: פריש און געזונד און משוגע. (לויט) יאָסעל, וואָס שווייגסטו?

יאָסעלע: שיינדעלע, איך קען ניט שפּיעלען — איך ווייס, די מאַמע האָט דערפון יסורים. לאָמיר בעסער זיין גוטע קינדער און שפּיעלען די טריאָ, וואָס זי האָט ליעב. אַמאָל פלעגען מיר איהר שפּיעלען אַלע שבת־צו־נאַכט און איצט זיינען מיר אין שטוב, ווי שונאים, חלילה... איך בעט דיך, שיינדעלע. דאָניע, קום, דו וועסט בענייען דעם דייטש...

שיינדעלע: איך זאָג דיר, באַלד גיה איך קאָנצערטירען! מעהר געהט מיר ניט אָב.

יאָסעלע: פאָלג מיך, טייערע, מיט גוטען קען מען מיט דער מאַמע אַלץ אויספיהרען. דו וועסט זעהן, איך וועל היינט נאָך רעדען מיט איהר וועגען דעם שווער. שיינדעלע! (דראָהט איהר מיט'ן פינגער) ר' דייטש, לאָז זיך ניט בעטען (שטויסט איהם צו דער פּיאַנאָ) וווייבעלע, זיי ניט קיין

שלעכטע. (פיהרט זי ביי דער האנד) מאמעניו, דו ווילסט, מיר זאלען דיר שפיעלען דיין געליעבטען קאנצערט?

מירעלע: איך וויים ניט ווי אנדערע פערשטעהען; איך מיין, שפיעלען א טריא איז פיעל שעהנער, ווי שפיעלען אין קארטען. ע! שלמון, דו שפיעלסט דאך היינט בעסער ווי אלע מאל!...

שלמון: איהר ווילט אייך ניט מודה זיין, אז איהר שפיעלט היינט ערגער ווי אלע מאל. וואו זיינען די איינפעלע, די בעריהמטע גענג? ניין, אייערע געדאנקען זיינען איצט ניט ביים שאך, איך פיהל עס.

מחלה: זעהט, ר' שלמון, ווי איהרע הענד ציטערען. אי, וועה איז מיר. (קעהרט זיך אב און ווישט אב א טרער מיט'ן פארטוך).

חנה דבורה: אז מען זינגט א אידישע זאך — פערשטעה איך, אבער אז זיי הויבען אן... ווי אזוי רופט זיך דאס? א תרועה? מיט א שברים־תרועה מיט א תקיעה... נום איך בעסער געהן זעהן, וואס טהוט מיין נחומצע חנה דבורה'ס. (אב, זיי שפיעלען א טריא. מירעלע הערט זיך צו. שפארט אונטער דעם קאפ מיט איין האנד).

מירעלע: פיהלסטו ניט אמאל, שלמון, אז מוזיק איז אקוראט ווי א זאלב, ווי א באלזאם צו די וואונדען פון הארצען?

שלמון: איהר דארפט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האבען. איך פערשטעה זעהר וועניג אין די זאכען. שאך! (געהט מיט א פיגור. נחומצע און חנה דבורה צוריק).

נחומצע: א גוטע וואך, מחותנת'טע. שיינדעלע, איך האב געטרונ־קען טיי מיט שמאנד און פערביסען מיט א מאדנעם קיכעל. די העמד צו פערקויפען פון זיך, אבי א נגיד צו זיין. יאסעלע, דו האסט דאך מסתמא א גוטען פאפיראס?

יאסעלע (עפענט זיין פארטסיגאר): יא, שווער, ערשטער סארט, דיובעק... (דאניע נעהמט אויך א פאפיראס, ער שפיעלט מיט שיינדעלע'ן אין „66").

נחומצע: ווי אזוי זאגסטו? דער דיבוק?.. דיובעק... א גוי פערגינט זיך צו געבען א נאמען. (פעררויכערט און ווארפט אויפ'ן פאל).

מירעלע: ר' נחומצע חנה דבורה'ס, אויף יעדען טיש שטעהען אש־קעסטלעך, מען דארף ניט ווארפען קיין שמוץ ארום זיך.

חנה דבורה: נחומצע, זיי טאקע ניט קיין חזיר.

נחומצע: מהיכא תיתא, וואס איז די נפקא מינה?

שיינדעלע: נישקשה, טאטע, עס איז ניט זעהר קיין גרויסער אונגליק.

עס איז דען ניטאָ ווער עס זאָל אויפרוימען? מחלה, מעגסט זיך אויך מטריח זיין. (מחלה נעהמט אַ בערשטעל און רוימט אויף).

יאָסעלע: מאַמעניו, דו בייזערסט זיך אויפ'ן שווער און איך האָב דיך ערשט געוואָלט בעטען אַ טובה פון זיינעט-וועגען. ער זיצט דאָ אין גראָדנע אָהן אַ בעשעפטיגונג. פאַרוואָס זאָל ער ניט האָבען אַ שטעלע? איך מיין ניט, חלילה, אויף ר' שלמון'ס פּלאַץ...

דאָניע: זעה נאָר, ווי ער האָט מורא פאַר ר' שלמון'ען. ער דיענט ביי אונז און...

מירעלע: שטיל, דו! שלמון איז אַן עלטערער מענש און דו דאַרפסט דרך־ארץ האָבען.

דאָניע: ער איז טאַקע אַן עלטערער מענש, אבער אז ער בע'גנב'עט אונז, דאָס ווייס די גאַנצע שטאָדט, עס איז שוין צייט... (מירעלע קלאַפּט מיט'ן שטעקען, דאָניע ווערט ענטשוויגען. שלמון שטעהט אויף).

שלמון: איך בין העכער דרייסיג יאָהר דאָ אין שטוב און האָב נאָך אַזאַ אומ'כבוד ניט געהאַט. אייער פאָטער, עליו השלום, האָט מיך ניט בעליידיגט; מירעלע אפּרת האָט מיר ניט געזאָגט אַזעלכע ווערטער... דאָניע, איך האָב אייך און יאָסעלע'ן אויף די הענד געטראָגען, ווען איהר זייט נאָך געוועזן קליינע קינדער און איהר רופט מיך גנב... אויף דער עלטער דערלעבט...

יאָסעלע: אַי, וועה איז מיר, ר' שלמון, זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך האָב אייך, חלילה, געוואָלט בעליידיגען. דאָניע, מעגסט זיך שעהמען... ביסט פריהער גאָר אַן אַנדערער געוועזן... ווער לערנט דאָס דיך הלכות דרך ארץ?..

מחלה (אַ קוק אויף שיינדעלע'ן): ער האָט שוין אַ גוטען רבי'ן, אז אָך און אז וועה..

שלמון: איך לייקען ניט אָב, חלילה... מירעלע ווייס פון יעדע קאָפּיקע... אמת, אז עס האָט זיך געמאַכט צו פערדיענען ביי דער זייט, אָבער, חלילה, אייך בע'גנב'ענען?... איך שטעה, חלילה, קיינעם ניט אין וועג... איך דאַרף ניט דיענען, איך בין אַן אַלטער מאַן און דאַנקען גאָט פריהער, און נאָכדעם מירעלע'ן, איך בין פערזאָרגט אויף דער עלטער... איך האָב זיך דאָ געהאַלטען נאָר דערפאַר, ווייל מיר איז געווען שווער צו פער־לאָזען מירעלע'ן אַליין... זי איז צוגעוואוינט צו מיר... ניט יעדער פער־שטעהט זי... איך געה. מירעלע, האָט אַ גוטע נאַכט און זייט געזונד.

מירעלע: געה געזונדערהייט, שלמון (שלמון אב).

שיינדעלע: אַ גנב, אַ וצדקתך.

מירעלע: יא, ער איז א גנב! און ווער פון אייך איז ניט קיין גנב? נחום חנה דבורה'ס אויף זיין ארט וועט ניט גנב'ענען? פיהרען א געשעפט וועט ער קיין שכל ניט האבען, אבער גנב'ענען וועט ער זיך גיך אויסלערנען... שלמון האט גענומען דארט, וואו איך האב איהם ערלויבט צו נעהמען. א מענש דיענט אב דרייסיג יאהר ביי די אפרת'עס אין הויז, דארף ער אויף דער עלטער זיין אן עושר. אזוי פערשטעה איך. ביי א גוטע געלעגענהייט היים איך אריינטראגען א טייל קאפיטאל און ער פערדיענט אפט שעהנע עטליכע הונדערטער. פארוואס ניט? ער איז אן ארענטליכער מאן, א פלייסיגער ארבייטער, ער איז אונזער טרייעסטער פריינד און זא לאנג איך לעב — פיהרט ער אלע אונזערע געשעפטען! (קלאפט מיט'ן שטעקען) ער און ניט קיין אנדערער!

שיינדעלע: יא, נו, ער און איהר! און ווען וועלען אייערע זיהן אויך עפעס האבען צו זאגען? זיי דארפען זיך ניט צוגעוואוינען צום געשעפט? וואס מיינט איהר, א מענש לעבט אייביג!...

מירעלע: א, זארגט דיך ניט — איך וועל ניט לעבען אייביג.

מחלה: אי, וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיינע יאהרען...

שיינדעלע: וואס דארף דא מחלה? פארוואס ביסטו ניט אין קיך?

מירעלע: זי וועט זיין אין קיך, ווען איך וועל איהר הייסען זיין דארטען.

חנה דבורה: גראפיני פאטאצקי מיט איהרע אדיוטאנטען...

נחומ'צע: מחותנת'טע, די חכמים זאגען: לא כל אדם זוכה לשתי שולחנות און איהר...

שיינדעלע: מאמע, זייזשע מוחל, געה אריין אהין! דו, טאטע, אויך! (עפענט די טהיר).

נחומצע: מהיכא תיתא, וואס איז די נפקא מינה? (נחומצע און חנה דבורה אב).

שיינדעלע: שוויגער, אז עס איז שוין יא געקומען צו רייד, וויל איך, איהר זאלט וויסען, וואס מיר אלע פיהלען דא אין שטוב... איהר זייט אן אלטער מענש, עס איז שוין צייט, איהר זאלט אייך אברוהען. און א חוץ אלע זאכען, דעם אמת געזאגט, אין אייערע הענד איז דאס גאנצע פערמעגען און מיר זיינען ניט זיכער מיט'ן לעבען. אייך קען אמאל איינפאלען א... א קאפריז, אימיצער זאגט אייך א חניפה'לע, אדער מאכט אייך א חן'דעלע און איהר שמייסט געלד אין דער בלאטע. מאנכעס מאל ווייסט איהר שוין אליין ניט, וואס איהר טהוט... איך וויים! א שקאטולקע מיט ציערונג

אונטער די פּיס. 500 רובעל אויף תלמוד תורה. אדרבא, זאָגט אַליין, איז נאָך ניט צייט אייערע קינדער זאָל אָנהויבען אָטעמען פריי?

מירעלע: ניין! עס איז נאָך ניט צייט!

דאָניע: מיין ניט, מאמא, אז מיר וועלען זיך אייביג לאָזען פיהרען אויפ'ן שטריקעל!

יאָסעלע: אַי, וועה איז מיר, הערט אויף, איך בעט אייך. מאמעניו, מיין ניט, אז מיר ווילען דיר, חלילה, אָנטהאָן יסורים... ווען שיינדעלע זאָל מיך נאָר וועלען פאָלגען...

שיינדעלע: יא, איך זאָל דיך פאָלגען, וועט ווערען פון אונז א תכלית. שוויגער, ווי איך זעה, ווילט איהר ניט ארויסלאָזען די לייצעס פון אייערע הענד... טהוט אייך, ווי איהר פערשטעהט, אבער איך וויל דאָ ניט בלייבען, טיילט אונז אָב.

יאָסעלע: יא, מאַמעניו, וואָס זאָל מען טהאָן? מיר וועט זעהר שווער זיין אָוועקגעהן פון דיר. איין גאָט ווייס דעם אמת... אָבער וואָס זאָל איך טהאָן, אַז שיינדעלע קען פאָרט מיט דיר ניט לעבען בשלום, און אָהן איהר וועל איך ניט קענען לעבען...

מירעלע: אָבטיילען? ניין! דער גרעסטער אונגליק פאַר מענשען איז, וואָס יעדער וויל זיך אָבטיילען פאַר זיך. אינאייינעם דאַרף מען לעבען, אינאייינעם.

שיינדעלע: עס איז שוין צייט איך זאָל זיין אַליין פאַר זיך א בעל־הבית'טע. עס איז גענוג פאַר מיר, וואָס איך האָב ביז מיין חתונה געהאַט א חנה דבורה אויף מיין קאָפּ... איך וויל איצט ניט קיין אַנדערע חנה דבורה'ס איבער זיך. איך וויל זיין פריי. אַן אָרימען בעל מלאכה'ס ווייב איז גליקלי־כער פון מיר, זי טהוט ביי זיך אין שטוב וואָס זי פערלאַנגט און קיינער זאָגט איהר ניט קיין דעות — און איך דאַרף זיין פערקויפט? ניין! גיט בעסער אָב מיט גוטען, וואָס יאָסעלע'ן איז איבערגעבליבען פון זיין פאָטער בירושה. דער שווער האָט איבערגעלאָזט א פערמעגען — עס איז ניט אייערס.

דאָניע: יא! יא! עס איז שוין לאַנג צייט צו וויסען, וויפיעל עס איז אונז געבליבען. קיינער ווייס ניט פון קיין חשבון.

יאָסעלע: שיינדעלע, איך בעט דיך, זייט ניט אזוי שלעכט. קום, לאָז זיין היינט גענוג, ווען־עס־איז אַן אַנדערס מאָל וועלען מיר נאָך דערפון רעדען. שיינדעלע, דו געהסט?

מירעלע: ניין! עס איז נאָך ניט גענוג, יאָסעלע. זי איז גערעכט, איהר זייט ניט קיין קליינינקע און עס איז צייט, איהר זאָלט אַלץ וויסען. (געהט זיך דורך פערטראַכט) מיט 18 יאָהר צוריק איז אייער פאָטער

געשטאָרבען... איהר זייט געווען ברעקלעך קינדער... (זי ווערט ענטשווינען).

מחלה: מירעלע, ערלויבט מיר בעסער אוועקגעהן פון דאַנען. (וויינט, אב).

מירעלע: איך בין דאַן נאָך ניט אַלט געווען און פיעלע פיינע און רייכע מענשען האָבען זיך צו מיר געשדכנ'ט. איך האָב ניט געוואָלט אפילו הערען דערפון. איך האָב געדענקט, אַן אַלמנה דאַרף ניט חתונה האָבען: איז זי געווען גליקליך, דאַרף זי פערשטעהן, אַז צוויי מאָל טרעפט זיך ניט אַ גליק; איז זי געווען אונגליקליך — נאָך וואָס זאָל זי זיך נאָך אַמאָל בענאַרישען צו ריזיקירען מיט איהר פרייהייט און קריגען אַ צרה? ווער רעדט נאָך, ווען עס בלייבען קליינע קינדערלעך!... איך האָב געהאַט צוויי קינדער און האָב מיך בעשלאָסען, נאַר לעבען צוליעב זיי, פרעהען זיך מיט זייער פרייד און בעגניגען זיך מיט זייער גליק... איך... אָבער געגוג, איך וויים, אייך אינטערעסירט די מוטער זעהר וועניג... איהר ווילט בעסער וויסען, וויפיעל עס איז אייך געבליבען פון פאטער. איך וועל אייך ווייזען די ביכער. קיין מענש אין דער וועלט, אויסער שלמון, וויים ניט פון דעם סוד: אייער פאטער איז געשטאָרבען פון יסורים און שאַנדע, ווייל ער האָט געמוזט באַנקראָטירען...

אַלע: באַנקראָטירען?

מירעלע: יא! זעכציג-טויזענד רובעל איז ער געבליבען שולדיג, ווען ער איז געשטאָרבען, — דאָס איז אייער ירושה... הם! איך האָב ניט געשלאָפען טעג און נעכט, האָב געזעהן צו רעטען זיין נאָמען, האָב געטהאָן אַלץ, אַז דאָס הויז פון שלמה'לע אפרת זאָל זיך פיהרען ווי פריהער... איך האָב איבערצייגט די מאַנסבילען, ווי דום זיי זיינען, ווען זיי מיינען, אַז אַ פרוי איז אַ שוואַכע בעשעפעניס, און קען נאַר זיין אַ דיענסט און אַ ווייב... אַלע זיינע שולדען האָב איך בעצאָהלט, אַ רובעל פאַר אַ רובעל און דערפאַר איז איצט מיין קרעדיט אונבעגרענצט... איך האָב אייך ערצויגען ווי עס פאַסט פאַר אפרת'עס קינדער, מיט לעהרערס, מיט מוזיק-פּראָפעסאָרען, מיט אַלע וואָוילטאָגען. וואָס איך האָב געליטען, האָט קיינער ניט געוואוסט, וויפיעל מאָל מיין הארץ האָט זיך בעגאָסען מיט בלוט, האָט קיינער ניט בעמערקט... אייך האָט קיין זאַך ניט געפעהלט... געוויס, איצט איז אונזער פערמעגען גרויס, אבער דאָס אַלץ געהערט מיר!... יאָסעלע, דאָס וואָס דיר איז געבליעבען פון דיין פאָטער, קענסטו נעהמען און קענסט מיט דיין בעשערטע געהן. אויך דו, דניאל, קענסט זיך אָבטיילען. איהר זייט גערעכט. עס איז צייט איהר זאָלט לעבען מיט אייער אייגענעם שכל.

שיינדעלע: אַזוי גאַר? הייסט עס, איך האָב חתונה געהאַט פאַר אַ

קבצן, וועלכען מען קען מאָרגען מיט זיין ווייב און קינד ארויסוואַרפען אויף דער גאַס אָהן אַ גראָשען געלד? פאַרוואָס האָט איהר עס מיר פריהער ניט געזאָגט? שעהמען זאָלט איהר אייך?

יאָסעלע: שיינדעלע, איך בעט דיך, זיי ניט אזוי שלעכט. מאַמעניו, איך האָב ניט געוואוסט, דאָס איך פערמאָג גאָר ניט. אָבער דאָך, איך האָב געזאָגט, איך וויל זיך אָבטיילען צוליעב שיינדעלע׳ן און איך טייל זיך אָב.

שיינדעלע: ער טיילט זיך אָב! איך זאָג דיר! אזא געמיינהייט — אָבנאַרען גאָר! שעהמט אייך, איהר אַלטע ליגנערקע!

יאָסעלע (אויסער זיך): וואָס האָסטו געזאָגט? (גיט זי אַ ריס ביים האַנד) איך וועל פון דיר אַ תל מאַכען. מיט וועמען רעדסטו דאָס? שטיל, אויב דו ווילסט פון דאַנען אוועק אַ לעבעדיגע, שטיל, זאָג איך!...

שיינדעלע (וויינט): יאָ, איצט וועל איך שוין זיין שטיל... איך וועל שוין זיין שטיל, וועה איז צו מיר און וועה איז צו מיינע יונגע יאָהרען.

מירעלע: געהט ארויס פון דאַנען! (קלאַפּט מיט׳ן שטעקען. אַלע געהען ביז דער טהיר) ע! איך האָב אייך געוואָלט זאָגען נאָך איין וואָרט. הם! איהר האָט אראָבגעגלאָזט די קעפּ — האַ? ניט פון מיינטוועגען האָב איך געקליבען דאָס געלד און ניט איך דאַרף עס... איהר ווילט זיין די פיהרער? איהר פיהלט אייך איצט אונגליקליך? גוט, איך וויל אייך ניט פערשטערען אייער לעבען. מיין גליק איז — איהר זאָלט אייך פיהלען גליקליך; און מיין צופריעדענהייט איז — איהר זאָלט צופריעדען זיין. מאָרגען פריה גיב איך אייך איבער אַלע ביכער, אַלע דאָקומענטען און אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דער קאַסע... געהט און שלאָפט רוהיג. אַ גוטע נאַכט. (אַלע אָב. זי געהט אום לאַנג פערטראַכט, ברענגט פון איהר צימער איהר קרבן־מנחה, זעצט זיך, מישט אויף אַ קאַפּיטעל תהלים, גיט אַ טיעפען זיפץ און זאָגט שטיל מיט אַן אומעטיגען ניגון): למנצח על שושנים לדוד... (מחלה קומט שטיל און בלייבט ביי דער טהיר) הושיעני אלהים כי באו מים עד נפש. אָי, טבעתי ביון מצולה ואין מעמד, באתי במעמקי מים (פאַלט צו צום ספר און וויינט ביטער. מחלה ווישט זיך די טרערען מיט׳ן פאַרטוך).

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער אקט.

(דער זעלבער זאַל. דאָס מעבעל איבערגעשטעלט, אלעס אין גרויסער אונאָרדנונג, מירעלע'ס קרעסלע און קליין ביינקעלע שטעהען אין אַ ווינקעלע, ביי דער טהיר. נחומצע קומט אין אַ וועג-מאַנטעל פון ווייסע פּארוסינע. ער טראָגט אַ גרויסען סאַקוואַיאַזש, וועלכען ער גיט אַ וואָרף אויפ'ן פּאָרטאַפּיאַנאָ און שלאָגט פון זיך דעם שטויב.)

נחומצע: פוי! הייסט עס, מיר זיינען געפאָהרען און מיר זיינען געקומען. (מיט'ן ניגון פון קריאת התורה) ויסעו מרעמסס ויחנו בסכות, ויסעו מגראָדנע ויחנו בסלאָנים... עס שווינדעלט נאָך אין קאָפּ. מיר האָבען דאָרטען אין סלאָנים אַ גוט ביסעל משקה אויסגעזשליאָקטשעט. אין סלאָנים זיינען די חסידים פּונקט אַזעלכע חסידים ווי אַלע חסידים. וואָס איז די נפקא מינה? (שלאָגט פון זיך דעם שטויב). אמאָל, ווען די מחותנת'טע זאָל, חלילה, זעהן, וואוהין איך בין אַריינגעקראָכען מיט'ן פּאַרעך, וואָלט מען מיר געגעבען אַזאַ פּאַרעך, אַז פון מיר וואָלט פּאַרעך געפלויגען און היינט, פּאַרעך דאָ, פּאַרעך דאָרט, וואָס איז די נפקא מינה? אָי, דער קאָפּ געהט מיר אום ווי אַ מיהלראָד. (זעצט זיך אין מירעלע'ס קרעסלע, דאָס ביינקעלע אונטער די פיס) אַ געשעפטס-מענש געוואָרען ר' נחומצע חנה דבורה'ס! איך העצקע אַרום איבער אַלע מדינות. איך בין שוין געוועזן אין וואָלקאָווישקי, אין פּרוזשאַנע, אין סאָקאָלקע, איצט קום איך פון סלאָנים. פריהער איז געוועזן שלמון דער אופּראַווליאַיושטשי, היינט בין איך. מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? אָי, איך בין געפאַלען אויף אַ גוטע סברא: איידער וואָס, ווער וועמען, — פאַרוואָס זאָל איך ניט כאַפּען אַ דרעמעל? דאָ איז קיהל, און שטיל און רוהיג. (שלאָפט איין ביסלעכווייז) ויסעו מאשמינע ויחנו בפרוזשאַנע, ויסעו מסמאָרגאָן ויחנו בבאָברויסק, ויסעו מבאָברויסק ויחנו בסלאָנים, ויסעו מסלאָנים ויחנו — (בלייבט שטיל. מירעלע קומט פון איהר צימער. זי איז זעהר אַלט געוואָרען, זי איז אָרימער געקליידעט, אָנגעשפּאַרט אויף איהר שטעקען געהט זי עטליכע מאָל לאַנגזאַם איבער'ן צימער, ווען זי געהט צו צום קרעסלע, בעמערקט זי דעם שלאָפענדען).

מירעלע: הם! מיין פּלאַץ איז שוין פערנומען. אזוי פיהרט זיך דאָס אויף דער וועלט: איינער אַראָב פונ'ם ביינקעל, דער אַנדערער אַרויף

אויפ'ן ביינקעל. ווער עס פעכאפט, דער זעצט זיך פריהער... הם! עס געהט אין כאפערלעך... אה! ווען עטוואס רעכטס זעצט זיך אויף דיין ארט, איז נאך צו דערליידען... אבער ווען אויף דיין ארט, למשל, זעצט זיך אנידער אזא בריאה, ווי דער דא, און ביי דער וועלט איז עס „מהיכא תיתא, וואס איז די נפקא מינה?“ פע! דאס איז זעהר מיאוס. (געהט) ער שלאפט געשמאק און איך שלאף ניט גאנצע נעכט... איך קען זיך קיין ארט ניט געפינען, ווייל איך האב ניט וואס צו טהאן. מיר דאכט זיך, ווער עס האט ניט וואס צוטהאן, דער דארף ניט לעבען אויף דער וועלט... (זי געהט ביז'ן טהיר און בעגעגענט מחלה'ן, וועלכע טראגט א שאל אויפ'ן קאפ און א בינטעל זאכען אין די הענד.) מחלה, וואס איז? וואוהין קלייבסטו זיך?

מחלה: מיין טייערע בעל־הבית'טע, מירעלע, מאמע!... איך בין אייך געקומען זאגען: זייט געזונד! (קושט איהר האנד) איך קען דא מעהר ניט בלייבען — שיינדעלע טרייבט מיך ארויס. וועה איז מיר, איצט אוועק־געהן פון אייך!

מירעלע: וואס? דו געהסט אויך אוועק פון מיר? מיט וועמען וועל איך דא בלייבען, מחלה? וואס רעדסטו דאס? גאט איז מיט דיר.

מחלה: וואס קען איך טהאן? זי וויל שוין לאנג ניט, איך זאל דא זיין. היינט אבער האט זי מיר געזאגט: די מינוט ארויס פון מיין שטוב! דיין זכר זאל דא ניט זיין, ביסט אן עגונה, זאגט זי, געה זוך דיין מאן. איך האב געגנוג דיענסטען. אי, איך בין בערייט אלץ דא אויסצושטעהן נאר בלייבען מיט אייך. אבער אז מען טרייבט, מוז מען געהן. ביטער איז מיר, ווער וועט אויף אייך אכטונג געבען, ווען איך וועל דא ניט זיין. (וויינט).

מירעלע: רעד ניט קיין נארישקייטען, אהן דיר בלייבען דא וועט מיר זיין זעהר שווער... איז יאסעלע אין דער היים? שיק מיר אריין באלד יאסעלע'ן. איך ווייס, פאר גוטעס צאהלט מען שטענדיג אב מיט שלעכטעס... אבער איך האב דאך זיי גאר אזוי פיעל גוטעס ניט געטהאן. (קלאפט ביז מיט'ן שטעקען) פע, וואס פאר א מיאוסע, געמיינע וועלטעל דאס איז!... (געהט צו זיך).

מחלה: אזוי ווי א פערצויגען קינד געלעבט ביז דער עלטער און איצט... אי... (צוואוויינט זיך אויפ'ן קול).

מירעלע (מיט א שמייכעלע): שא, נאר, וויין ניט, וועסט, חלילה, אויפוועקען דעם מחותן. (אב צו זיך).

מחלה: אי, א שלאק האט מיך ניט דערשלאגען! וואס א איד פער־גינט זיך?... האסטו געהערט א ביסעל! (שלעפט נחומצע'ן אראב פון

שטוהל און ווישט אוים מיט׳ן שאַל, וואו ער איז געזעסען) אַנדערש ניט געוואוינט געוואָרען ביי זיין באַבע׳ן אין סלוצק. (אב).

נחומצע (זעצט זיך אויף אַן אַנדער אָרט): אַט האָסטו דיר! ויסעו מרעמסס ויחנו בסכות, ויסעו מאשמינע ויחנו בפּרוזשינע... ויסעו מסלאָנים ויחנו... אהאַ, מיין ווייב׳ס זיידעס אייניקעל איז דאָ. (חנה דבורה קומט ווי פון גאַס) די חכמים זאָגען: אשה כלי זיינה עליה. אַ אשה קומט מיט איהר אייגענעם כלי זיין.

חנה דבורה: זעהסט, מחלה איז גערעכט, ער איז דאָך דאָ. כלי זיין הא? אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף דיר און אויף דיין כלי זיין. ביסט געקומען פון סלאָנים, פאַרוואָס ביסטו ניט אַריינגעפאָהרען אהיים פריהער?

נחומצע: שוטה, וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה: ביסט געקומען אהער און פּאַפּסט, און זיי קוקען דאָך אַרוים אויף דיר, די אויגען, שונאי ישראל, קריכען זיי פון קאָפּ.

נחומצע: נו, מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? שוטה, צוליעב דיר, פערשטעהסטו מיך, האָבען מיך די סלאָנימער חסידים בעהאַנדעלט במעט ווי אַ רבין׳ס אַן אייניקעל. מיר האָבען געקנאַקט כיד המלך, איין סעודת מצוה נאָך דער אַנדערער, והשתיה כדת.

חנה דבורה: צו אַ סעודת מצוה ביסטו אַ בריה אַ איד. שלמון זאָל מאַכען אזאַ נסיעה וואָלט ער אָבגעלעקט אַ ביינדעל און דו האָסט געלעקט ספּיריט... אויסלעקען זאָל עס דיך, רבונו של עולם!

נחומצע: זאָל עס מיך אויסלעקען. מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה: פּער׳שרפ׳עט זאָלסטו ווערען מיט דיין נפקא מינה! שאַ! ריים אויף דיינע פּער׳שכור׳טע אויגען — יאָסעלע געהט אהער. (יאָסעלע און מחלה אריין) גאָט העלף, יאָסעלע. (יאָסעלע איז געקליידעט האַלב דייטש).

יאָסעלע: גאָט העלף. וועמען זעה איך? דער שוואער האָט זיך אָבגעזוכט. און מיר האָבען דאָ ניט געוואוסט, וואָס איבערצוטראַכטען. איך האָב דאָך ערשט טעלעגראַפירט קיין סלאָנים... מחלה, זיין אַזוי גוט, רוף אַריין שיינדעלע׳ן... זאָג איהר, דער שאַדען האָט זיך אָבגעזוכט... (מחלה אָב) האַרט אוים, זייט מוחל, איין מינוט — די מאַמעניו, זאָל לעבען, וויל מיך זעהן... יאָ, יאָ, אַ שעהנע חתונה האָט איהר אָבגעשפּיעלט דאָרט אין סלאָנים... מען זאָגט: אַ שוויגער איז אַ צרה... שווער, איך האָב מורא, איהר זייט ערגער פון אַ שוויגער... (אָב צו מירעלע׳ן).

נחומצע: וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה: וואָס איז שוין דאָרט פאַר אַ נייע צרה? פער׳צרה׳ט און פער׳חשוף׳ט זאָלסטו ווערען!... שכור, לאָז, לאָמיר זעהן, וואָס איז דיר פון וועג געבליעבען. (זוכט אין זיינע טאַשען).

נחומצע (לאַכט): הער אויף, חנה דבורה, עס קיצעלט מיך...

חנה דבורה: קיצלען זאָל דיך שוין דער מלאך המות, רבונו של עולם!

יאָסעלע (קומענדיג צוריק אין טהיר): זיי רוהיג, מאַמעניו, און עס זיך ניט אָב אומזיסט דאָס הארץ. איך פערזיכער דיר. (שיינדעלע, דאָניע און מחלה פון דער אנדער טהיר. דאָניע געקליידעט ווי אַ פּראַנט) אָט איז מחלה... וואָס הייסט, דו וועסט אוועקגעהן? דו ווייסט דען ניט, אַז די מאַמעניו קען ניט אויסקומען אָהן דיר? ווער ווייס נאָך אַזוי אַלע איהרע געוואוינהייטען און אַלץ, וואָס זי בעדאַרף?

שיינדעלע: נישקשה, מען וועט אויסקומען אָהן איהר... טאַטע, ביסט שוין וויעדער שכור? מזל טוב דיר.

נחומצע: מיט מזל זאָלסטו לעבען, שיינדעלע.

יאָסעלע: נישקשה, נישקשה, מחלה, הער, וואָס איך זאָג דיר — דו בלייבסט דאָ!

שיינדעלע: זי בלייבט ניט דאָ! נישקשה, די גרויסע פּריצה וועט אויסקומען אָהן איהר אַלטע אדיוטאַנטין... אָבער וואָס דאַרפסטו דיך מישען אין אַזעלכע נאַרישקייטען? האָסטו בעסער שוין גערעדט מיט׳ן טאַטען? וואָס הערט זיך דאָרטען?

יאָסעלע: ביי מיר איז דאָס ניט קיין נאַרישקייטען. שיינדעלע, איך שווער דיר ביי אונזער איינציג קינד, אַז מחלה וועט ניט אוועקגעהן פון דאַנען... מחלה, געה צו דער מאַמע׳ן!...

שיינדעלע: אַזוי? נו, נו, שאַ! מיר וועלען דאָס איבערלאָזען אויף שפּעטער. (פיהרט איהם אַן אַ זייט און רעדט מיט איהם בייז).

מחלה: מיך לאָזט מען איבער אויף שפּעטער, אַז אָך און אַז וועה צו די יאָהרען. (אָב צו מירעלע׳ן).

דאָניע (צו נחומצע׳ן): נו, ר׳ איד, אַרויס מיט לשון! איהר האָט געמאַכט אין סלאָנים ווי אַ באַס, האַ? אַ שעהנער געשעפטס-פיהרער, ניטאָ וואָס צו רעדען!

נחומצע: ווייס איך, וואָס איז די נפקא מינה? (נעהמט פון זיין טאַש אַ זילבערנע טאַבאַטשניצע און מאַכט אַ פּאַפּיראָס).

יאָסעלע: שווער, איהר האָט אַ טעות, עס איז זעהר אַ גרויסע נפקא מינה. איך האָב ערהאַלטען אַ דעפּעשע, אַז די גאַנצע פּאַרטי פלאַקס, וואָס

איהר האָט צוגענומען אין סלאָנים איז פויל און נאַס... מען האָט מורא, עס וועט זיך אָנצינדען אין די וואַגאָנען.

חנה דבורה: אַי, אַ פייער זאָל זיך אָנצינדען אין דיינע ביינער, טאַטע פאָטער!

נחומצע: וואָס איז די נפקא מינה?

שיינדעלע: ווי געפעהלט דיר, מאַמע? עס שטעהט אָנצואַוועהרען העכער אכט טויזענד רובעל... דו זאָלסט האָבען אַ ניכטערע קאָפּ, וואָלסט עס געקענט בערעכענען... אכט טויזענד רובעל, וועה איז מיר!

חנה דבורה: די אויגען זיינען דיר אַרויסגעקראָכען — האָסט ניט געקענט זעהן וואָס פאַר אַ סחורה מען גיט דיר? אַ צרה האָט מיך געטראָפען.

נחומצע: איך האָב געמיינט, זיי מאַכען סעודות מצוות צוליעב דיין זיידען און זיי, הפנים, האָבען עס געטהאָן, איך זאָל ניט זעהן די סחורה... היתכן? פע! דאָס איז אַן עולה!...

יאָסעלע: היתכן? עס איז אַן עולה!... געהט און שרייט איצט חי וקים... אויף מיין וואָרט, מען קען פון זינען אַראָב... זעה נאַר, שיינדעלע, אָט איז דאָך מיין זילבערנע טאַבאַטשניצע, און איך האָב זי געזוכט...

נחומצע: דיינע? וואָס איז די נפקא מינה? (גיט אב).

שיינדעלע: מאַמע, וואָס זאָגסטו פאָרט צו איהם? מען קען דאָך אַזוי בדיל דל ווערען, ער קען דאָך אונז אַלע אונגליקליך מאַכען!

חנה דבורה (שרייט): וואָס איז דאָס מיט דיר? אויסגעקראָכען זאָלסטו ווערען!? אַ מהומה זאָל אויף דיר קומען!

שיינדעלע: כדאי געוועזן פון דיינטוועגען זאָרגען זיך, אַלטער שכור! (ביידע פרויען שרייען, יאָסעלע געהט אום צוטראָגען, דאָניע קוקט אין שפּיגעל, מחלה קומט).

מחלה: האָט קיין פעראיבעל ניט, מירעלע בעט, איהר זאָלט ניט שרייען אַזוי.

שיינדעלע: אויב זי קען ניט הערען, זאָל זי זיך פערשטאָפּען די אויערען מיט וואַטע. (צום פאָטער) גזלן, רוצח, וואָס האָסטו עס געטהאָן? ווי שטעהט מען עס אוים?...

מחלה: וואָס דאַ אין שטוב טהוט זיך! — יעדע רגע אַ נייע פּגע... נאַ! (אב צוריק).

יאָסעלע: אַ סוף! שווער, וואו זיינען די חשבונות און די קאָנסעמענטען פון אייזענבאַהן...

נחומצע: די חשבונות דאַרף איך ערגעץ האָבען פערשריעבען, אָבער די קאַנאַ... קאַנאַ... ווי אַזוי רופט מען דאָס? די קוויטאַנציעס, האָב איך

ניט. איך האָב פּשוט מורא געהאַט צו געהן צום נאַטשאַלניק דאַרטען אויפ׳ן וואָקזאַל. ערשטענס, פערשטעהסטו מיך, האָב איך קיין פּאַס ניט און ער איז דאָך פּאַרט אַ פריץ מיט קנעפּלעך. צווייטענס, אין רוסיש קען איך נאָר זאָגען: נימאַ טאַבאַק, נימאַ טרובקאַ... ווייס איך, וואָס איז די נפקא מינה?

דאַניע: אַ בריה אַ איד! עס איז דאָ אויף ווער צו פערלאָזען זיך!

שיינדעלע: ווי טאָר מען אַזאַ פּרא אדם צולאָזען צו אַ געשעפט?

חנה דבורה: פוייערשע קאָפּ דיינע, צו וואָס טויגסטו אויף דער וועלט?

שיינדעלע (קוקט אויף דאַניע׳ן): פון איין זייט גנבים, פון דער אַנדער זייט גזלנים! געוואַלד! מען קען עס ניט אויסהאַלטען! (שרייט) מען קען עס ניט אויסהאַלטען!

מחלה (אין טהיר): וועה איז מיר, איהר מאַכט זי קראַנק מיט אייער געשריי.

שיינדעלע: ווי געפעהלט אייך אַזאַ חוצפה, ביי זיך אין שטוב זאָל מען ניט טאָרען רעדען, ווי מען וויל... מען קען פון זיי משוגע ווערען.

מחלה: אין איהר שטוב הייסט שרייען — רעדען... עס איז איצט איהר שטוב. (אב).

שיינדעלע: נעהם איהם צו פון דאַנען. איך קען איהם איצט ניט אָנקוקען. איינער האָט אונז בערויבט אין ריגאַ (קוקט אויף דאַניע׳ן); דער אַנדערער בדלות געשטעלט אין סלאָנים... עס געהט, דאַנקען גאָט.

חנה דבורה: קום, שכור! קום, גולם, מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד זאָלסטו שוין געהן!

נחומצע: מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה? (זי שלעפּט איהם ארויס).

דאַניע: אויב מיר וועלען ניט צונעהמען צוריק שלמון׳ען, וועט פון אונז זעהר גיך ווערען אַ תכלית.

יאָסעלע: שלמון פיהרט איצט אַליין די גרעסטע געשעפטען. ער וועט ניט געהן. ביי מירעלע אפרת איז איהם אָנגעשטאַנען צו דיענען, אבער ניט ביי דניאל אפרת...

דאַניע: און ביי ר׳ יוסף אפרת דאַרף ער ניט דיענען. ר׳ יוסף אפרת האָט אַ שווער אַ גנב און אַ שכור.

שיינדעלע: מען ווייס נאָך ניט, ווער איז דאָ דער גנב... איהר זאָגט בעסער, פאַרוואָס גיט איהר ניט אָב קיין חשבון? איהר זייט שוין צוויי וואָכען געקומען פון ריגאַ און איהר רעכענט אייך ניט אָב.

יאָסעלע: ברודער־לעבען, דו האָסט אַ טעות. עס איז ניט דיין געלד און ניט מיין געלד, עס איז אונזער געלד... דו האָסט געקריגען אין ריגאַ

א גרויסע סומע... דאַרף מען וויסען, וויפיעל איז ביי דיר אוועקגעגאַנגען און וויפיעל איז געבליעבען.

דאַניע: איך בין ניט געפאָהרען קיין ריגאַ פאַסטען הפסקות. איך האָב דאָרט געלעבט, ווי עס פּאַסט פאַר דניאל אפרת.

שיינדעלע: איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, יאָסעלע, גיב אכטונג, ער שטעלט אונז בדלות... ער בע׳גנב׳עט און בע׳גזל׳ט אונז!...

דאַניע: איהר, סלוצקער מאַדאַם, האַלט בעסער דאָס מויל, וועט פאַר אייך גלייכער זיין!

יאָסעלע: שש! לאָמיר זיך בעסער בערעכענען אָהן געשריי. איך וויל שוין ניט פרעגען, וויפיעל ביי דיר איז אוועק — גיב אָב דאָס איבריגע. האָסט געלעבט אַ גוטען טאָג — דערויף ביסטו דאָך אַ דייטש... איך ווייס ניט, ווי אַזוי קען מען אויסגעבען טויזענדער, עס זאָל ניט זיין קיין סחורה און ניט קיין געלד.

שיינדעלע: ער האַנדעלט גוטע סחורה, דער שאַרלאַטאַן!

דאַניע: עס איז ניט אייער טאַטענ׳ס געלד!

יאָסעלע: עס איז אונזער מוטער׳ס געלד!

דאַניע: פערשרייבט אַלץ אויף מיר. ביי מיר איז גאָ׳ ניט געבליעבען.

שיינדעלע: ער לייגט, ביי איהם איז געבליעבען געלד... גנב! שאַרלאַטאַן! גיב אָב דאָס געלד! גיב אָב! בעסער מיט גוטען, גיב אָב!

דאַניע: ווי געפעהלט זי אייך? געקומען פון סלוצק אַ שלעפּערקע, אַ בעטלערקע, און פרעגט דאָ חשבונות...

יאָסעלע: זאָל זיין שטיל, זאָל זיין גענוג! וועה איז מיר, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטען! איך וועל דאָס ניט איבערטראָגען! (שלאָגט זיך מיטביידע הענד אין קאָפּ).

שיינדעלע: נו, נעהם און צואוויין זיך ווי אַ אידענע. וואָס שווייגסטו? איך האָב אַליין געזעהן, דער בומאַזשניק איז ביי איהם אָנגעשטאָפּט מיט הונדערטער... אַזאַ אויסגעלאָזענער יונגאַטש! אַזאַ שייגעץ!... איך וועל איהם ניט אַרויסלאָזען פון דאַנען! ער וועט מיט׳ן געלד ניט אוועקגעהן!... (ראַנגעלט זיך מיט איהם און כאַפּט אַרויס פון זיין בוזים־קעשענע אַ בומאַזש־ניק מיט געלד) זעהסט, אָט איז דאָס געלד! אונזער געלד!... אונזער בלוט!

דאַניע: חצופה! אונפערשעהמטע! פון די טאַשען שלעפּען!... מכשפה! (וויל אָבנעהמען. ביידע שרייען, מירעלע ערשיינט).

יאָסעלע: לאָז זי אָב, דאַניע! הער אויס, זי איז דען ניט גערעכט? (שטויסט איהם צוריק).

דאַניע: אוועק פון מיר, דו אידיאָט! נאָר ביי דיר קען אזא חיה רעה געדערבט זיין!

יאָסעלע (שטויסט איהם): איך זאָג דיר: הער אויף! איך זאָג דיר, הער אויף! אָה! דו ווילדער אָקס! דו ווילסט ניט הערען, וואָס איך זאָג דיר? (ווארפט איהם צו דער ערד און פאלט אויף) איך וועל דיר ווייזען ווי צו זיין א שייגעץ און אן עזות פנים!... (ביידע ראנגלען זיך).

שיינדעלע: אזא שארלאטאן! אזא גנב! גיב איהם, יאָסעלע, ער זאָל געדענקען איין מאָל פאר אלע מאָל!...

מירעלע (קלאפט שטארק מיט'ן שטעקען, עס ווערט שטיל, ביידע שטעהען אויף): הם, אליין דערגאנגען, מיט'ן אייגענעם שכל! זעהר שעהן, זעהר שעהן!

יאָסעלע: אָי, וועה איז מיר, מאַמעניו! דו ביסט דאָ? זיי ניט בייז אויף מיר... איך ווייס ניט... זיי פיהרען מיך פון זינען אראָב.

שיינדעלע: קלייבט נחת פון אייער תכשיט. ער איז אויך מירעלע אפרת'ס זוהן.

מירעלע: יא, איך קלייב איצט נחת פון אייך, פיעל נחת, זעהר פיעל נחת... דניאל, איך וויל מיך ניט מישען אין אייערע חשבונות, אָבער דאָך, מיר דאכט זיך, אז דו ביסט שוין צופיעל דייטש געוואָרען, וואָס הייסט, נעהמען געלד אָהן א חשבון?

דאַניע: עס איז ניט דיין עסק צו מישען זיך. דו זיץ דאָרט ביי זיך און לערען קרבן מנחה מיט צאינה וראינה... מען פרעגט דיך ניט!...

שיינדעלע: נו, איהר זייט דאָך די גרויסע חכמה, איהר זייט דאָך מירעלע אפרת, פארוואָס לערענט איהר איהם ניט קיין דרך ארץ?...

מירעלע: וועמען קען איך איצט לערנען. ניין, ער איז גערעכט: עס איז ניט מיין עסק צו מישען זיך. איך דארף איצט שווייגען ווי די וואנד, זיין שטום, ווי א שטיין. ווער עס קען זיך ניט האלטען אויפ'ן פערד, דער מוז ליעגען אונטער'ן פערד. יא! און דער פערד מעג איהם בריקען, טרעטען מיט די פיס, שלאָגען מיט די קאָפּיטעס!... (זי פערטראכט זיך, דאַניע כאפט פלוצלונג ארויס פון שיינדעלע'ס הענד דעם בומאזשניק). יאָסעלע'ן גיב אָב דאָס געלד! (קלאפט בייז מיט'ן שטעקען) גיב אָב דאָס געלד יאָסעלע'ן, נו!... (דאַניע גיט אָב יאָסעלע'ן דעם בומאזשניק). אָי, ווי גרינג עס איז צו צושטערען דאָס, וואָס עס איז מיט אזוי פיעל מיה געבויט געוואָרען! ווי גיך מען קען מאכען א תל פון דעם, וואָס עס איז אזוי שווער אנגעקומען און יאָהרען לאנג אָבגעהיט געוואָרען!...

שיינדעלע: דער שאַרלאַטאַן האָט שיער ניט אַראָבגעריסען מיין בראָש. (זי שטעכט צו איהר בראָש).

מירעלע (בעטראַכט שיינדעלע'ס ציערונג): זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז דאָ? מיר איז ביז יעצט ניט געלעגען אין זינען און איך האָב גאָר ניט בעמערקט... יאָסעלע, זאָג מיר נאָר: דיין ווייב טראָגט עס מיין ציערונג?

שיינדעלע: דו הערסט? זי האָט זיך דערמאָהנט! איך האָב שוין לאַנג אַליץ אַרויסגענומען פון שקאַטולקע. נאָך וואָס דאַרף ציערונג אַן אַלטע אידענע? איהר וועט עס דען טראָגען?

מירעלע: וואָס הייסט אַרויסגענומען? האָסט אָהן מיין וויסען גענומען מיינע שליסלען, האָסט שטילערהייט אָבגעשלאָסען דעם קאַמאָד, נאָכדעם אויפגעריסען די שקאַטולקע און אָהן מיין וויסען עטוואָס צוגענומען... דאָס הייסט פשוט: איהר האָט ביידע די אַלטע אידענע בע'גנב'עט? יאָסעלע, דו ביסט שוין צו ווייט פערגאַנגען!

שיינדעלע: וואָס הייסט אַרויסגע'גנב'עט? מיר זיינען דען פרעמדע? איהר זעהט דאָך, איך בעהאַלט זיך ניט פון אייך.

יאָסעלע: מאַמעניו, זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגען. פרעג מיך בחרם. וואָס האָב איך איהר געקויפט און וואָס דו האָסט איהר געשענקט? אָי וועה איז מיר, שיינדעלע, נאָך וואָס האָסטו דאָס געדאַרפט? איך שעהם זיך דיר צו קוקען אין די אויגען אַריין.

שיינדעלע: וואָס איז דאַרט אַזוינס? ניט היינט — מאָרגען וועט דאָך דאָס סיי ווי סיי זיין אונזערס... און ווידער איך זאָל נאָר קענען, אַזוי ווי אַנדערע, צו'חנפ'ענען זיך צו איהר, וואָלט זי דאָך מיר אַליין דאָס אַליץ אָוועקגעשענקט... דער גאַנצער אונגליק איז, וואָס איך קען ניט מאַכען קיין חנ'דעלעך מיט חניפה'לעך... איהר ווילט נאָך פראַנטירען אויף דער עלטער? איהר קענט עס נעהמען צוריק. (וויל אָבגעבען צוריק די ציערונג).

מירעלע: ניין, ניין! איך דאַרף עס ניט... ביסט גערעכט, ניט היינט, מאָרגען וועט דאָך דיר דאָס אָנקומען... און ווי זאָגט דיין פאָטער: מהיכא תיתא, וואָס איז די נפקא מינה?... איך האָב מיך ערשראָקען, וויל איך האָב געדענקט יאָסעלע איז שוין אויך אַזוי אויפגעקלערט געוואָרען... ווי באַלד אָבער ער ווייס ניט דערפון, בין איך צופריעדען. אָה! (קלאַפּט מיט'ן שטעקען). מען מוז זיך צו אַליץ צוגעוואוינען... אַמאָל איז דאָ אין שטוב געלעגען גאָלד און זילבער און עס איז ניט געווען קיין גנבים אפילו צווישען די פרעמדע מענשען, היינט, דאַנקען גאָט, זיינען דאָ אייגענע...

שיינדעלע: אַן אַלטער מענש זאָל דאָס האָבען אַזאַ מויל!...

יאָסעלע: שטיל, איך בעט דיך.

שיינדעלע: ביי איהר זיינען אַלע גנבים!

יאָסעלע: הער אויף, איך בעט דיך, הער אויף!

שיינדעלע: אַלע זיינען ביי איהר נאַראָנים! אַלע שלעכטע מענשען! נאָר זי אַליין איז די גוטע, די קלוגע, די פיינע, די... די... (מחלה לויפט אריין).

מחלה: זאָל שוין זיין גענוג, וועה איז מיר!... בעלי בתים געהען אהער — זיי ווילען רעדען מיט מירעלע׳ן. (זי רוקט אַרוים מירעלע׳ס שטוהל. מירעלע זעצט זיך).

דאָניע: אז דאָס געלד איז שוין יא ביי אייך, וויל איך, מיר זאָלען זיך בערעכנענען. (זיי זעצען זיך אַלע דריי ביי א טישעלע, צעהלען געלד און רעכנען. שלמון קומט אריין מיט עטליכע בעלי בתים).

שלמון: גאָהט העלף אייך, מירעלע, דאָך געקראָגען א זכות אייך צו זעהן. וואָס איז? איהר האָט זיך אָבגעזאָגט פון דער גאַנצער וועלט? (בעטראַכט זי) אַי, וועה איז מיר, ווי איהר זעהט אוים!... וואָס איז דאָס מיט אייך?

מירעלע: זיצט, זיצט, מחלה, גיב נאָך א פּאָר שטוהלען. וואָס האָט אייך געבראַכט צו מיר? איך האָב געמיינט, גראָדנע האָט שוין לאַנג פערגעסען, אז עס איז געווען אמאָל א מירעלע אויף דער וועלט. שיינדעלע, וואָלסט אפשר געהייסען דערלאַנגען בראַנפען און פערבייסען? שלמון איז דאָך אַזאַ גאַסט ביי מיר. וואָס מאַכסטו פּאָרט, מיין אַלטער, טרייער, גוטער פריינד? מיר ווייזט אוים, איך האָב דיך ניט געזעהן א וועלט מיט יאָהרען.

שיינדעלע: שוויגער, מיר האָבען ניט אין שטוב קיין בראַנפען. איהר ווייסט דאָך, יאָסעלע טרינקט ניט, פון וועמעס וועגען זאָל מען האַלטען בראַנפען אין שטוב?

שלמון: וואָס דאַרפט איהר זיך מטריח זיין? מירעלע, איהר ווייסט, ווארום מיר זיינען געקומען? אונזער קהל האָט ענדליך דאָך בעשלאָסען צו בויען א אידישען האָספּיטאַל... נו, ווער נאָך ביי אונז האָט אַזאַ גוט הארץ און א יד רחבה, ווי מירעלע אפרת? זיינען מיר טאַקע פריהער פון אַלע צו אייך געקומען... כע! כע! כע! מיר ערוואַרטען פון אייך א פּויטיקע... אַזוי א פּאָר טויזענדער. (מירעלע בלייבט זיצען פערטראַכט).

שיינדעלע (אַפּאַרט): ער האָט געדאַרפט קומען מיט א זאַק. (יאָסעלע לאָזט זי ניט רעדען).

מחלה: גאָטעניו, פאָטער, דערלאָז זי ניט צו בזיונות!...

מירעלע: הם! א פּויטיקע? איך ווייס ניט... פערשטעהט איהר מיך — שלעכטע געשעפטען. אבער, געווים, מיט לעדיגע הענד וועל איך אייך

ניט אַרויסלאָזען פון מיין הויז. (זי קריכט אַראָב פון איהר קרעסלע און געהט לאַנגזאַם צו די קינדער) יאָסעלע, גיב מיר צוויי הונדערטער, איך וויל ניט, מענשען זאָלען וויסען. וואָס דאָ ביי אונז קומט פאָר...

יאָסעלע: וואָס דאַרפסטו נאָך רעדען, מאַמעניו? (ער שטרעקט אויס די האַנד צום געלד, שיינדעלע פּערדעקט מיט איהרע הענד).

שיינדעלע: איך זאָג אייך, אַ נויטיגע זאַך... צוויי הונדערטער! צוויי הונדערט מכות וועל איך זיי געבען!

דאָניע: עס איז זעהר נויטיג אַרויסוואַרפען געלד אויף פאַנאַטישע זאַכען!

מירעלע: קינדער, איך בעט אייך, זייט מיך ניט מבזה פאַר פרעמדע מענשען... איהר ווייסט דאָך, פאַר זיך האָב איך ניט געבעטען און וועל ניט בעטען... אבער איצט, ביי אַזאַ פערלעגענהייט... (זי ציטערט פון אויפ־רעגונג, יאָסעלע פּערדעקט זיין געזיכט).

שיינדעלע (זאַנפט): שוויגער, פאָלגט מיך, וואַרפט אַוועק אייערע נאַרישע גדלות און קינדערשע גאוה... איך זאָג...

מירעלע: איך וויל ניט הערען וואָס דו זאָגסט. (קוקט) אַרויס פון דאַנען. אַלע אַרויס! (יאָסעלע כאַפּט זיך אויף, שיינדעלע לאָזט איהם ניט געהן. דאָניע בלייבט זיצען) דאָס הייסט, איך מיין, אויב איהר האָט דאָ ניט וואָס צו טהאָן, קענט איהר געהן... און אויב איהר ווילט זיצען — בלייבט דאָ.

דאָניע: געוויס וועלען מיר בלייבען דאָ... (מירעלע געהט צוריק צו צו איהר קרעסלע און פאַלט שיער ניט. מחלה כאַפּט זי אונטער).

מחלה (שטיל): מירעלע, זייט ניט בייז אויף מיר. איהר ווייסט דאָך, איך האָב אָנגעקליבען 126 רובעל... נאָך וואָס דאַרף איך געלד? אומשטיינס געזאָגט, אַן אַלטע עגונה. (שלעפּט אַרויס אַ טוך מיט דעפּאָזיטען).

מירעלע: יאַ, יאַ, ביסט גערעכט. גיב מיר דיין געלד, לייה דאָס מיר! מיין ערניעדערונג דאַרף קיינער ניט וויסען. (נעהמט מחלה׳ס געלד און זעצט זיך) רבותי, איהר דאַרפט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען... איך קען ניט געבען קיין פּויטיקע... איין הונדערטער. (גיט אַ הונדערטער, איין בעל־הבית בעהאַלט דאָס געלד אין זיין טאַש. מירעלע בלייבט פערטראַכט). ניין! זייט־זשע מוחל, גיט מיר אָב צוריק דאָס געלד. איך האָב ערשט געוואָלט טהאָן די גרעסטע עולה אין דער וועלט... מחלה האָט דאָס געלד געזאַמעלט מיט ביטערען שוויים און מיט בלוט און איך האָב געוואָלט אויף איהר חשבון זיין אַ בעל צדקה, ווייל איך האָב מיך געשעהמט זאָגען דעם אמת... ניין! מיין

שנור איז גערעכט. מען דאַרף אָװעקװאַרפֿען די נאַרישע גדלות און די קינדערשע גאוה...

שײנדעלע: עס האָבען זיך געענדיגט די צײטען, װען מען האָט דאָ געװאָרפען הונדערטער אין דער בלאָטע.

מירעלע (נעהמט דאָס געלד צוריק): יאַ, מײנע פרײנד, די צײטען האָבען זיך געענדיגט. מירעלע אפרת איז אַלײן איצט זעהר אָרים... עס קען זײן, איך װעל אַלײן אין גיכען אָנקומען צו אײך... איך װעל אפשר קומען בעטען אַ נדבה. מחלה, נעהם צו דײן געלד. מען דאַרף ניט לײהען, װען מען װײס ניט מיט װאָס מען װעט קענען בעצאָהלען! (אַלע בעלי בתים שטעהען אויף ערשטױנטע).

מחלה: מירעלע, זאָל איך קרענקען, אויב איך קען פערשטעהן, װאָס פאַר אַ מענש איהר זײט...

שלמון: פערשטעהט איהר מיך, רבותי, מירעלע אפרת טרײבט שפּאַס... כע! כע! װאָס הײסט, איהר האָט ניט קײן געלד? איך אַלײן בין דאָך אײך שולדיג אַזױ פיעל שװערע הונדערטער.

מירעלע: דו, שלמון? װאָס הײסט...

שלמון: נו, נו, הערט אויף מאַכען חוזק פון אונז! — אָט האָט איהר אַ הונדערטער פאַר מירעלע אפרת... קומט, רבותי, לאָמיר געהן. (שטיל צו מחלה'ן) איך קום תיכף ומיד צוריק. (לױט) מירעלע, האָט אַ גוטען טאָג, און זײט געזונד. (אַלע אידען געהענדיג: סטײטש, ר' שלמון, װאָס איז דאָס, האַ?) װײס איך װאָס, איהר קענט ניט מירעלע'ן? מסתמא עפּעס אַ שפּאַס, אָדער אַ קאַפּריז. עט! לאָמיר געהן... (אַלע אָב).

שײנדעלע (זאַנפט): איהר פיהלט אײך שלעכט, שװיגער, האַ? נישקשה, עס װעט איבערגעהן און די הונדערטער װעלען בלײבען אין קעשענע, אַ סך געזינטער...

מירעלע: איך האָב מיך זעהר אָפּט געװאונדערט, װי קענען עס זײן אַזעלכע שלעכטע מענער, װעלכע זאָלען זיך ערלױבען צו שלאָגען זײערע װײבער. איצט זעה איך, עס זײנען דאָ אַזעלכע פרױען, מיט װעלכע מען מוז רעדען נאָר ניט אַ שטעקען. (קלאַפּט מיט איהר שטעקען) מיט דיר איז ניטאָ קײן אַנדער ברירה.

יאָסעלע: װאָס רעדסטו דאָס, מאַמעניו? װער קען עס װאַגען, חלילה, אויף מײן שײנדעלע'ן אױפהױבען די האַנד? זי איז מײן פרױ, זי איז מײן שלמה'לעס מוטער, זי איז די װירטהין פון דעם הױז!

מירעלע (טרױעריג): זעהסט, ער געדענקט: זי איז מוטער, זי איז װירטין, און װאָס איך בין, האָבען אַלע פערגעסען. זאָל זײן קײן װירטין

בין איך דאָ ניט — איך אַליין האָב זיך פאַר אוים ווירטין געמאַכט. אָבער בין איך דען אויך ניט מוטער מעהר? ווער האָט עס מיך פאַר אוים מוטער געמאַכט? הם! מען זאָגט: מען פערגעסט גיך, ווענן די ערד דעקט צו. מיך ליידער, האָט מען פערגעסען נאָך בעפאָר די ערד האָט מיך צוגעדעקט. (מחלה צוואוויינט זיך) מחלה, איך בעט דיך, וויין ניט, וואָרום איצט דאַרף איך ניט אַ סך, איך זאָל זיך אַליין צוואוויינען ווי אַ קינד. (טרערען שטיקען זי) אָי, מחלה, מיין הארץ, מיין הארץ! (פאַלט אויף איהרע שולטערען) נייִן! די וואונדען פון מיין הארץ וויל איך ניט אויפדעקען פאַר פרעמדע. (שטאָלץ) קום, העלף מיר בעסער אוועקגעהן פון דאַנען! (מחלה פיהרט זי. ביידע אָב).

דאָניע: אָי, האָב איך ליעב די ווייבערשע היסטאָריעס מיט די געשיכטעס, פע! (אָב).

שיינדעלע: זעה נאָר, ווי ער האָט אָראָבגעלאָזט די נאָז. פאַרוואָס הארט עס דיין ברודער ווי די וואַנד?

יאָסעלע: וועה איז מיר פאַר איהר אַלטען גרויען קאָפּ. שיינדעלע, דו ווייסט דאָך, ווי טייער דו ביסט מיר, אָבער דאָך אָפט, ווען איך זעה, וואָסערע יסורים די מאַמע האָט איבער דיר, האָס איך זיך אַליין, פאַרוואָס איך בין אַזוי שוואַך געגען דיר, איך האָס דיך, פאַרוואָס דו האָסט אַזאַ נאַטור... און מיר דאַכט זיך אָפט — איך בין דיר אַ דם שונא...

שיינדעלע (קאָקעטיש): אַזוי? ביסט מיר אַ דם שונא? קום איך וויל מיט דיר ווידער גוט-פריינד ווערען. (זי אומאַרמט איהם און פיהרט איהם).

יאָסעלע: וואָס פאַר אַ טייוועלשע מאַכט די ווייבער האָבען... ווער האָט זיי אויסגעטראַכט אויף אויף אונזער קאָפּ? אָי, ניט געדאַכט זאָלט איהר ווערען. (ביידע אָב).

מחלה (עפענט פאַרזיכטיג די טהיר): ווי זי קען עס פיהרען ביי דער נאָז. אַזאַ וועט שוין ניט בלייבען קיין עגונה... באַלד וועט קומען ר' שלמון... ער וועט גאָר ניט גלויבען, אַז פון מירעלע'ס הויז האָט מען געמאַכט אַ סלוצקער יאַטקע. (שלמון קומט, שפּעטער גנב'עט זיך אַריין שיינדעלע און הערט זיך צו).

שלמון: וועה איז מיר, וואָס טהוט זיך דאָ אין שטוב, מחלה? פאַר־וואָס האָסטו מיר פריהער ניט געלאָזט צו וויסען?

מחלה: זי האָט אָנגעזאָגט, למען השם, קיינער אין דער וועלט זאָל ניט וויסען, אפילו שלמון ניט. און היינט האָט זי געגומען און האָט אַליין אַלץ דערצעהלט פון חדר. אָי, ר' שלמון, וואָס אונזער מירעלע שטעהט דאָ

אויס. זיי האָבען דאָך זי בענומען פון קאָפּ ביז די פיס, בע'גנב'עט, בע־ראַבעוועט... אַ גראַשען געלד האָט זי דאָך ניט, ווען זי זאָל אפילו אויסגעהן. איהר ווייסט דאָך, ווי איהר איז שווער איבערטראָגען, אַז אין שטוב איז שמוציג, שטענדיג הו־הא! אַ יריד. זי איז געוואוינט געהן עסען אין אַ געוויסער צייט און אַלע צוזאַמען ביים טיש, איצט עסט מען אמאָל צוויי אַ זייגער, אַמאָל דריי, אַמאָל פיער... יעדען גיט מען עסען בעזונדער. אין עס־צימער איז שטענדיג שמוציגע געפעס. זי האָט אָנגעוואָרען דעם „לעפּעטיט" צום עסען. זי עסט ניט, זי טרינקט ניט, זי שלאָפט ניט גאַנצע נעכט. ווען איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף, הער איך, ווי זי קרעכצט נעבעך...

שלמון: מחלה, וואָס רעדסטו דאָס? איך קען עס ניט פערשטעהן... וועה איז מיר!

מחלה: היינט וואָס דאָ טהוט זיך אָב יעדען טאָג: מען בעליידיגט זי, מען בעהאַנדעלט זי ערגער ווי אַ דיענסט. אַלע טאָג געשרייען, קללות חרמות, מחלוקות... שש! היינט, דאַנקען גאָט, האָט מען זיך שוין געשלאָגען דאָ אויך... אָי, ר' שלמון, איך וויים ניט, ווי אַזוי זי וועט עס אויסהאַלטען...

שלמון: איך האָב געוואוסט, אַז זי האָט איבערגעגעבען די קינדער איהר פערמעגען... אָבער אַז זי, מירעלע אפרת, ליידעט אויף דער עלטער אַזעלכע צרות און בזיונות — דאָס האָט קיינעם ניט געקענט איינפאַלען. אָי, וועה איז מיר! (פערברעכט די הענד).

מחלה: וואָס ווייסט איהר? די שנור, די מרשעת, פערצאַפּט איהר יעדען טאָג דאָס בלוט. איך וויים ניט, ווי נעהמט זיך ביי מירעלע'ן אַזוי פיעל געדולד... איהר איינציגע נחמה איז איהר אייניקעל שלמה'לע. זי נעהמט איהם אויף די הענד, רעדט צו איהם, דריקט איהם צו צו איהר האַרצען און בלייבט זיצען אַ פערטראַכטע.

שלמון: און דו. מחלה, האָסט געקענט דאָס אַלע צוזעהן און שווייגען? גאָט זאָל דיך ניט שטראָפען דערפאַר... מחלה, איך וועל ניט דערלאָזען מירעלע זאָל אַזוי שווער ליידען!... און דיר מעג איך זאָגען: שוטה! שוטה! שוטה! (אָב צו מירעלע'ן).

מחלה: וואָס מיינט איהר, איך בין טאַקע אַ שוטה, וואָס איך האָב געשוויעגען.

שיינדעלע: דו וועסט ערשט שוויגען ביי מיר, האַר אויס! דו נבלה, דו רכילות־טרייבערין! דערצעהלען וואָס אין שטוב טהוט זיך? ניט דערלעבען וועסטו! אַרויסטרייבען קען איך דיך ניט — איך וועל זיך ניט געהן גט'ן מיט יאָסעלע'ן איבער דיר, אָבער פּעטש וועסטו ביי מיר קריגען ווי האָלץ. פּאַטשטען! רכילות! נאַ! נאַ! (שלאָגט מחלה'ן).

מחלה: גאָט איז מיט אייך, שיינדעלע, וואָס טהוט איהר? גאָט איז מיט אייך... (איהרע גרויע האָר פאַלען ארויס פון איהר שטערען־טיכעל).

שיינדעלע: נאַ! פערקלאָג מיך צו שלמון'ען! פערקלאָג מיך! (שלאָגט זי. מירעלע ערשיינט. נאָך איהר — שלמון).

מירעלע (אויפגערעגט, קלאַפּט שטארק מיט'ן שטעקען): וואָס טהוסטו דאָס? ווען שלאָגסטו דאָס? אויף וועמען וואגסטו אויפהויבען דיין פרעכע האנד? אַן עלטערע מענשען, מחלה'ן, מיין מחלה'ן, מיין איינציגען פריינד אין דער וועלט שלאָגען? שלאָגען גאָר! וועה איז מיר, דאָ אין שטוב האָט מען פריהער קיין דיענער אפילו מיט א וואָרט ניט בעליידיגט און דו וואגסט מחלה'ן שלאָגען?

שיינדעלע: איך וועל זי שלאָגען אַלע טאָג ביז וואנען איך וועל זי אויסלערנען צו וויסען, ווער איז דאָ בעל־הבית'טע אין שטוב. עס איז קיינעמס עסק ניט צו רעכנען, ווער איך בין אמאָל געווען. איך וויל פון אַלעמען כבוד פונקט אזוי ווי איהר...

מירעלע: דו וועסט זי שלאָגען? דו!...

שיינדעלע: יא, איך!... עס געפעהלט איהר דאָ ניט — זאָל זי געהן!

מחלה: טייערע מירעלע, איבער מיר נאָך האָבען יסורים איז ניט כדאי... איך וועל בעסער אוועקגעהן, איהר זעט שוין ווי אזוי עס איז אויסקומען אָהן מיר. וואָס זאָל מען טהאָן? (יאָסעלע לויפט אריין).

יאָסעלע: שאַ! וואָס איז שוין דאָ ווידער? היינט איז דאָס א טאָג! גאָט אין הימעל!...

מירעלע: גאָר ניט. עס איז דאָך איצט ביי אייך אַן אריסטאָקראַטישע הויז. דעם מאַן געמאַכט פאַר א דייטש, אַלץ אויפ'ן גרויסארטיגען מאַניער און אין שטוב איז שמוציג, אַליין ביז'ן האלז אין בלאָטע און מען שלאָגט די דיענסטען — אָט דאָס זיינען זיי דאָך אונזערע אריסטאָקראַטען!...

שיינדעלע: וואָס־זשע, עס געפעהלט אייך ניט דער שידוך? נו, הייסט שפּאַנען די בוידען און פאָהרט צוריק!...

מירעלע: יא, ריכטיג: מיר געפעהלט ניט דער שידוך. מחלה, לויף, רוף מיר שלמון'ען צוריק, געשווינד! (מחלה אב). יאָסעלע,ביידע צוזאַמען דאָ אין שטוב, קענען מיר ניט זיין, עס איז אונמעגליך — איך וויל, דו זאָלסט היינט נאָך, באַלד זיך גט'ן מיט איהר! גיב איהר שוין א גט!... דו הערסט? עס איז ניטאָ קיין אנדער מיטעל. (קלאַפּט מיט'ן שטעקען) א גט! א גט!

יאָסעלע: מאַמעניו, וואָס רעדסטו דאָס? גאָט איז מיט דיר. (שיינדעלע לאַכט).

מירעלע: האסט זיך דערשראָקען, הא? כא! כא! כא! איך מאך שפּאַס. איך ווייס, אַז אַלטע מאַמע קען מען זעהר לייכט גט'ן, אָבער אַ יונג ווייבעל און נאָך אַ שעהנע גט מען ניט. איך טרעט איהר אָב דעם פּלאַץ. (שלמון קומט מיט מחלה'ן) אַט איז שלמון... גוט, איך מאַך באַלד אַן ענדע... הער מיך אויס, שלמון, איך האָב צו דיר זעהר אַ גרויסע בקשה... פינף־און־דרייסיג יאָהר האָסטו געדיענט ביי מיר אין שטוב, איצט ערלויב מיר דיענען ביי דיר... איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט — איך וויל ניט שטאַרבען אויף דער גאַס... איך געה דיענען צו דיר.

שלמון: דיענען גאָר? וואָס רעדט איהר? אזוי ווי אַ מוטער, אזוי ווי אַ קינד וועט איהר זיין ביי מיר. מיר זיינען פּראָסטע לייט, אָבער מיר קענען שעצען אַ מענשען. דיענען? וועה איז מיר; איהר ווייס דען ניט, אַז אויב איהר וועט נאָר וועלען, וועט די פירמע „מירעלע אפרת און שלמון" קענען מאַכען די בעסטע געשעפטען.

מירעלע: מירעלע אפרת וועט ניט געהן קאָנקורירען מיט דער פירמע פון יאָסעל און דניאל אפרת! ניין! איך וויל דיענען. אָהן ארבייט איז מיר אומעטיג — איך געה פון זינען אַראָב... כל זמן איך זעה נאָך מיט מיינע אַלטע אויגען, וועל איך פיהרען די ביכער, נאָכדעם, שלמון, וועל איך טהאָן, וואָס דו וועסט מיר הייסען...

שלמון: וואָס איך וועל הייסען? אַי, הערט אויף. (ווישט זיינע טרערען).

מירעלע: גענוג! איך וויל ניט, איך קען ניט, איך דאַרף ניט מעהר דולדען! מירעלע אפרת איז נאָך ניט אזוי אַראָבגעפאַלען ביי זיך, זי זאָל ערלויבען יעדען טאָג זאָל מען זי טרעטען מיט די פיס... קינדער־ליעבע און געפיהלען פון אַ מוטער האָבען אויף אַ מאָס און אַ גרענעץ! איך געה שוין... איין מינוט... (ראַש צו זיך).

שיינדעלע: אויף איהר אַ קשיא? זי קען עס טהאָן. יאָסעלע, לאָז זי ניט... אַ קלייניגקייט, וואָסערע בזיונות...

יאָסעלע: איך האָב מורא, עס איז שוין צו שפּעט... שיינדעלע, וואָס וועט איצט פון אונז ווערען?

מחלה: יעדער ווינקעלע דאָ אין שטוב וועט דאָך וויינען און קלאָגען. (מירעלע קומט, טראָגט אַ קליין פּעקעלע מיט זאַכען).

מירעלע: זעהסט, שלמון, מיט עטליכע און דרייסיג יאָהר צוריק בין איך געקומען אין דיעזען הויז מיט פיעל זאַכען, מיט פיעל זיסע האָפנונגען, פיעל גוטע ערוואַרטונגען. איצט געה איך אוועק נאָר מיט אַביסעלע וועש און מיט איין קלייד, אָהן האָפנונגען, אָהן ערוואַרטונגען; אהער בין איך

געקומען לעבען און פון דאַנען געה איך שטאַרבען. ווי האָט געזאָגט איוב: ר׳ נתן ור׳ לקח: גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען... (אַלע וויינען, שיינדעלע ווישט אויך אָב אַ טרער).

שיינדעלע: שווינגער לעבען, טהוט עס ניט. איך בעט אייך, פערציהעט מיר, אַי, ווער איז מיר, אַזאַ שאַנדע, יאָסעלע וועט דאָך דאָס ניט איבערלעבען...

יאָסעלע: מאַמעניו, געה ניט אוועק פון אונז... אויב ניט צוליעב אונז — בלייב צוליעב אונזער קינד... דו האָסט דאָך אַזוי ליעב אונזער קינד.

מירעלע: ניין, איצט איז שוין שפּעט. מירעלע אפרת בלייבט ניט, ווען זי בעשליעסט צו געהן! איך קען ניט בלייבען מעהר. יאָסעלע, ווערסט געבען אַ קוש שלמה'לען פון מיינטוועגען און אויב דו וועסט וועלען זיין אַ גוטער, וועסטו איהם ווען־עס־איז שיקען צו מיר... איך געה — זאָל די גאַנצע וועלט וויסען דעם אמת... בעהאַלטען די שאַנדע, וואָס איז שוין געשעהן, נאַרען די וועלט און זאָגען ליגען? ניין! דאָס איז געווען פון מיר אַ טעות און אַ שוואַכהייט... שענדליכעס עקסיסטירט נאָר דערפאַר, ווייל מען פערלייקענט עס... שלמון, גיב מיר דיין האַנד. מיר איז ליעבער צו זיין אין אַ פרעמדע הויז אַ דיענסט, ווי צו זיין ביי אייך אין שטוב אַ נאַר... נו, מחלה, און וואָס וועט זיין מיט דיר?

מחלה: אויך מיר אַ זאָרג!... מירעלע, ר׳ שלמון וועט מיר געוויס ערלויבען ווען־עס־איז אייך קומען זעהן!...

שלמון: זיי ניט קיין נאַר, מחלה! וואָס הייסט, דו וועסט ביי מיר אין שטוב ניט פעררדיענען דיין שטיקעל ברויט? נישקשה, מיר זיינען ניט קיין אַריסטאָקראַטען. קומט, מירעלע! מחלה, קום מיט אונז. אַלטע סאָלדאַטען פערלאָזען ניט זייער גענעראַל ביי אַן אונגליק. (שלמון און מחלה פיהרען זי).

מירעלע: נו, קינדער, זייט געזונד... איך ווייס ניט, אויב מיין פוס וועט ווען־עס־איז אריבערטרעטען דעם שוועל. איך געה. (געהט) מיינע אַלטע פריינד פיהרען מיך... געוויס, שעהנער און בעסער וואָלט געווען, מען זאָל מיך אויף אַ מטה ארויסטראָגען פון דאַנען. עס איז זעהר אַ גרויסער אונגליק, ווען אַ מענש לעבט זיך אַליין איבער, אָבער אז גאָט שיקט ניט דעם טויט, מוז מען לעבען... איין טרייסט איז דאָך געבליעבען: די קינדער פערלאָרען, אַלץ פערלאָרען, אָבער אייניגע גוטע פריינד זיינען דאָך געבליעבען. (געהט. ביי דער טהיר קעהרט זי זיך אום און בעטראַכט דאָס גאַנצע הויז). מחלה, דו ווייסט, ווי אַזוי איך בין צוגעוואוינט צו דעם אַלעמען. און איצט... איך פיהל — איך זעה דאָס אַלץ צום לעצטען מאָל... ווער האָט געקענט

גלויבען, אז איך... אז מירביידע... אויף דער עלטער.. **יאָסעלע, זיי געזונד!**
(אָב מיט מחלה'ן און שלמון'ען)

יאָסעלע (פאלט צו א שטוהל): וועה איז מיר! מאמעניו! מאמעניו!
(שיינדעלע וויינט).

(פ אָ ר ה א נ ג.)

פיערטער אַקט.

(אַ זאַל ביי שלמון׳ען אין הויז. מחלה ווישט דעם שטויב פון די מעבעל. זי איז פיעל עלטער געוואָרען).

מחלה (אַ קוק אין שפּיגעל): אויב דער שפּיגעל איז ניט אַ פאַלשער, בין איך טאַקע הפּנים שוין ניט קיין יונגע עגונה. גאָטעניו, וואָס איז דער מענש? ער איז אַקוראַט ווי אַ וואָראָטשעק מיט זויער־מילך, אויף וועלכען עס ליעגט אַ שווערער שטיין. דער שטיין קוועטשט, דאָס לעבען גיסט זיך, ווי סיוואָראָטקע, און דער וואָראטשעק בלייבט טרוקען. וועה איז מיר, אַזוי פיעל יאָהרען אויסגעטריקענט געוואָרען. ווי לאַנג דאַכט זיך, איז געוועזן יאָסעלע׳ס חתונה אין סלוצק? איך געדענק אַזוי ווי היינט, עס האָט גערעגענט, כלי־זמר האָבען געשפּיעלט אַ דאָברי דזשען און איך האָב געטאַנצט מיט מירעלע׳ן אַ כשר־טאַנץ... און איצט האָט שוין יאָסעלע אַ זוהן אַ בחור — שלמה׳לע איז דאָך שוין היינט בר־מצוה געוואָרען, טאַטע זיסער! עס איז שוין העכער צעהן יאָהר, אַז מיר זיינען דאָ ביי ר׳ שלמון׳ען אין שטוב. צעהן יאָהר! דאָס איז יאַ, ווי מען זאָגט: לא לנו לא לנו ומה חינו? אומשטיינס געזאָגט... (אַ גערויש) ר׳ שלמון געהט. (שלמון קומט אין אַ באַלאַט).

שלמון: שש! מחלה, זי איז דאָרט? וואָס טהוט זי? ווי פיהלט זי זיך?

מחלה: זי איז ניט מיט אַלעמען. זינט זי איז געקומען פון שוהל, געהט זי אום אַ פערטראַכטע און זיפצט. עס איז אַ קלייניגקייט? איהר איינציגער אייניקעל, איהר געליעבטער שלמה׳לע איז היינט בר־מצוה געוואָרען און פאַר איהר נעבעך איז דאָס קיין שמחה ניט. ר׳ שלמון, וואָס האָט דאָ געדאַרפט דער רב?

שלמון: ער איז געקומען מאַכען צווישען זיי שלום. דער אַלטער רבי האָט זיך נעבעך אומזיסט געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט. ער האָט אויסגעשאָטען אַ גאַנצען באַרג מיט תורה. ווייס איך! זיינע רייד האָבען זיך געקלעפּט ווי אַן אַרבעס צום וואַנד. דו ווייסט דאָך, אַז זי זאָגט: ניין! איז ניין. ער איז אַוועק פון איהר אַן אָבגעשמיסענער. (הינטער די קוליסען מירעלע׳ס קול: מחלה! מחלה!)

מחלה: שוין! די מינוט!... (אב).

שלמון: עס איז אפשר ניט פיין פון מיר, אבער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאַר די רייד, איך האָב הנאה, וואָס זי וויל מיט זיי ניט שלום ווערען. די צעהן יאָהר, וואָס זי איז דאָ אין שטוב, איז גליך ווי ביי מיר עסט קעסט א כהן גדול אָדער אליין אליהו הנביא... שטיל, רוהיג, אַלץ בכבוד... מיין אידענע האָט פערגעסען אַלע קללות, און האָט מיך אין גאַנצען אָבגעוואוינט פון שרייען... ביים טיש זיצט מען ווי מענשען, אין אַלע חדרים ריין, ציכטיג... איהר פערשטעהט, מען האָט ניט מורא פאַר איהר און מען פיהלט דאָך, אַז זי איז דאָ... ווער רעדט, געשעפטען מיט איהר פיהרען, איז דאָך טאַקע א געזונד אין הארצען... געבליבען א מיניסטערשע קאָפּ... די פּריצים רופען זי ניט אומזיסט נאַפּאָלעאָן אין א ווייבערשע יאַקע... (א גערויש) שאַ! ווער געהט עס ווידער? יאָסעלע... איך האָב מורא, זי וועט היינט פון זיי קראַנק ווערען. (יאָסעלע קומט) ברוך הבא, יאָסעלע...

יאָסעלע: גאָט העלף, ר׳ שלמון, ווי מיינט איהר, איך וועל קענען זעהן די מאַמעניו?

שלמון: מען דאַרף זיך אָנפרעגען... אָבער איך ווייס ניט אויב עס איז כדאי זי צו בעאונרוהיגען.

יאָסעלע: זייט אַזוי גוט. דער רב האָט ניט געהאַט קיין ערפאָלג, וויל איך אַליין נאָך אַמאָל בעטען.

שלמון: יא, דעם רבי׳ן איז ניט געראָטען. ער דערצעהלט איהר, וואָס די תורה הקדושה זאָגט און זי ענטפערט איהם: שלום קען מען ניט מאַכען, ווייל די תורה זאָגט: שלום קען מען מאַכען, ווען דאָס הארץ זאָגט.

יאָסעלע: יא, איך ווייס אַלץ. מיר זיינען אַלע צוזאַמען פון שוהל געגאַנגען און מיר האָבען דאָ ניט ווייט געוואַרט אויף א תשובה... אַזוי, אַזוי, ר׳ שלמון, איהר הארץ איז נאָך פול מיט שנאה...

שלמון: שנאה? ע! זייט ניט קיין קינד! זי אפילו וויל ניט איהר זאָלט עס וויסען, אָבער איך מוז אייך זאָגען: ווען איהר כאַפּט אַמאָל ביי מיר „ר" אָדער „ש" קערבלעך, וועמעס געלד איז דאָס? איאָ איהר ווייסט ניט? עס איז איהר געלד, מירעלע האָט שוין ווידער א שעהנע פאַר הונדערטער. זי טענה׳ט ניט, איהר ווייסט דאָך. אונערוואַרטעט איז זי היינט אַליין אַוועק אין שוהל זעהן ווי שלמה׳לע וועט דאַווענען צום ערשטען מאָל אין תפילין. (גערירהט) איהר ווייסט? ווען מען האָט איהם אויפגערופען צו דער תורה האָט זי דעם גאַנצען סידור פערגאָסען מיט טרערען. אַלע ווייבער האָבען געוויינט אויף איהר קוקענדיג, און מיין אידענע איז

געקומען פון שוהל מיט אזעלכע פערשוואָלענע אויגען... זי רעדט ניט, אבער וואָס איהר הארץ פיהלט נעבעך...

יאָסעלע: ר׳ שלמון, איך בעט אייך, זייט זיך מטריח און זאָגט איהר, אז איך וויל זי זעהן. אייך מעג איך זאָגען — מיין שיינדעלע ווארט דאָ אין געסעל אויף מיר. עס ליעגט אונז ביידען אין זינען ניט, וואָס הײנט דארפען ביי אונז זיין אַזוי פיעל מענשען... איהר, ר׳ שלמון, וועט זיך דאָך מסתמא ניט לאָזען בעטען צו אונז?

שלמון: אויב מירעלע וועט ניט האָבען דאגעגען, געווים. (טהוט אָן א ראָק). איהר ווייסט? פאַר מיר איז זי געבליעבען די אייגענע מירעלע אפרת... און עד היום, אז איך דארף צו איהר אריינגעהן, טיאָכקעט מיר אביסעל דאָס הארץ. (הוסט, פערשפּילעט אַלע קנעפּ פונ׳ם ראָק. אב).

יאָסעלע: אויב היינט ניט, אין דעם טאָג פון איהר געליעבטען שלמה׳לעס בר־מצוה, וועט שוין חלילה בלייבען אזוי... וועה איז מיר! אויף אייביג בלייבען פרעמדע... (שלמון צוריק).

שלמון: יאָסעלע, האָט קיין פעראיבעל ניט, זי זאָגט, זי איז מיעד און קען אייך איצט ניט זעהן...

יאָסעלע: איך בעט אייך, ר׳ שלמון, זאָגט איהר: נאָר איין מינוט, נאָר צוויי ווערטער...

שלמון: צוויי ווערטער, יא! ווייסט איהר, וויפיעל געזונד די צוויי ווערטער וועלען איהר קאָסטען?... אָי, די ווערטער, די ווערטער, ווי טייער זיי קאָסטען! (אב).

יאָסעלע: איך מוז מיט איהר רעדען און זעהן, גיט עס נאָך א האָפנונג אָדער ניין? קען דאָס זיין, אז זי, מיט איהר איידעלעם הארץ, וועט קיין מאָל ניט מוחל זיין?

שלמון (קומט צוריק): זי געהט אַליין... איך בעט אייך... שש! (ער עפענט די טהיר, יאָסעלע שטעהט אויף, מחלה פיהרט אריין מירעלע׳ן. זי איז זעהר אַלט און שוואך).

מירעלע: הם, יאָסעלע, א גאַסט. זיץ, וואָס ווילסטו זאָגען גוטעס?

יאָסעלע: מאַמעניו, איך בין דיך נאָך אמאָל געקומען בעטען: האָב רחמנות אויף אונז. צעהן יאָהר ביסטו ניט געוועזען ביי אונז אין שטוב.

מירעלע: וואָס־זשע, אין צעהן יאָהר ארום איז ביי אייך פּלוצלונג די אַלטע מאַמע א גאַנצע מציאה געוואָרען.

יאָסעלע: ניט צעהן יאָהר! יעדע מינוט, יעדען אויגענבליק האָט מיך געשטאָכען ווי מיט מעסער, וואָס דו ביסט ניטאָ מיט אונז, וואָס דו ביסט אויף דיינע עלטערע יאָהרען אַליין אין דער פרעמד.

מירעלע: מיך פערדריסט זעהר, וואָס דו האָסט יסורים דערפון, אבער רעדען דערפון איז איבעריג... אומזיסטע רייד!...

יאָסעלע: מאַמעניו, קער זיך אום צו אונז.

מירעלע: וואָס מיינסטו, יאָסעלע, איך שפּיעל זיך מיט אייך אין קאַמער־קאַמער־הויז? דאָס וועל איך טאַנצען אהין, דאָס וועל איך טאַנצען צוריק?

שלמון: אָבער אריינגעהן צו זיי אַזוי זיצען אַ שעה... אַזאַ שמחה... פאַר וואָס ניט?

מירעלע: שלמון, דו ווילסט שפּיעלען אַ ראָלע פון אַ רודף שלום און האָסט אַ פּנים פון אַ נאַר...

יאָסעלע: איך ווייס, ווען דו זאָגסט „ניין", זיינען אַלע רייד איבעריג. איך האָב עס געזעהן, ווען דאָניע האָט חתונה געהאַט. ניט דאָניע'ס בעטען, ניט די טרערען פון זיין כלה, ניט די שתדלנות פון דער גאַנצער שטאָדט האָט געקענט העלפען. דו האָסט געזאָגט „ניין" און ביסט ניט געגאַנגען אויף זיין חתונה... אָבער דאָך איך. חלילה, איך רעכען זיך ניט בעסער פאַר דאָניע'ן, נאָר שלמה'לע... דו האָסט איהם אַזוי ליעב.

מיערעלע: יאָ, איך האָב שלמה'לען ליעב און בין קיינעם פון אייך קיין שונא ניט. אָבער געהן צו אייך וויל איך ניט. (קלאַפּט מיט'ן שטעקען) יאָסעלע, איך וועל ניט געהן!...

יאָסעלע: יעדער אָרימאַן, יעדער בעל מלאכה האָט די זכיה דיך זעהן אויף זיין שמחה, און מיר ניט... שלמה'לע וועט זאָגען אַ דרשה...

מירעלע: דו ווייסט דאָך, איך האַלט זעהר ווייניג פון דרשות... שלמון, איך האָב ערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון בריסק, מען מעלדעט מיר, דאָס דער קאָמאַנדאַנט פון דער בריסקער פעסטונג... (נעהמט אַרויס אַ פּאַפּיער).

מחלה: איך ווייס, מיר פּאַסט ניט צו מישען זיך, אָבער דאָך, זאָלט איהר געזונד זיין...

מירעלע: מחלה, דערלאַנג מיר די ברילען. (זי ברענגט איהר די ברילען) געה געזונדערהייט, יאָסעלע, און האָט אייך דאָרט אַ גליקליכע און אַ פרעהליכע שמחה. (צו שלמון'ען) יאָ, שלמון, עס איז זעהר אַ גרויסער קאָנטראַקט,, מען דאַרף באַלד ענטפערען.

יאָסעלע: האָב אַ גוטען טאָג, מאַמע. האָט אַלע אַ גוטען טאָג. (געהט טרויעריג ביז'ן טהיר).

מחלה: וועה איז מיר פאַר זיין האַרץ.

מירעלע: יאָ, יאָסעלע, האָר אויס... איך האָב דיר געהאַט עטוואָס צו זאָגען. הם, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען? יאָ! שלמה'לעס דרשה

וועט די באָבע ניט הערען, אָבער אַ זייגער מיט אַ קייט האָט די באָבע ניט פערגעסען איהם צו קויפען. (נעהמט פון איהר טאַש אַ זייגער מיט אַ קייטעל) נאַ, גיב איהם, זאָל ער עס פערנוצען געזונטערהייד. געה, יאָסעלע, זאָל דיר גאָט העלפען דו זאָלסט פון דיין קינד מעהר נחת האָבען. (יאָסעלע וויל עטוואָס זאָגען, גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און לאַנגזאַם אָב).

מחלה: אָוועקגעגאַנגען נעבעך מיט אַ צובראָכען האַרץ. און שלמה'לען וועט אויך דערפון קיין געזונד ניט צוקומען... ער ריכט זיך אויף דער באָבע.

מירעלע: מחלה! (ווייזט מיט'ן שטעקען די טהיר. מחלה אָב) שלמון, (זי זיפצט שווער) דער קאָמאַנדאַנט דאַרף האָבען פינף טויזענד קלאַפּטער שטיינער, מען קען גוט דערביי פערדיענען. אָט האָסטו דעם רעכנונג. (זי רעכענט,ביידע בעמערקען ניט, ווי שיינדעלע געהט אַריין שטיל און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר). ברעכען די שטיינער און דאָס צושטעלען פון וויסאָקע וועט קאָסטען...

שלמון: מירעלע, האָט קיין פעראיבעל ניט, דער קאָמאַנדאַנט איז אַ צורר היהודים און איך מיין... אַי, זעהט... (ביידע בעמערקען שיינדעלע'ן).

שיינדעלע: אַיאַ, אַן אונערוואַרטערער גאַסט? איך האָב געוואוסט, עס קען זיך מאַכען, מען וועט מיך הייסען אַרויסוואַרפען און בין דאָך געקומען... (מירעלע נעהמט אַראָב די ברילען און בלייבט זיצען).

שלמון: וואָס מיינט איהר? ווער עס דאַרף דאָ ניט זיין, וועט געווים אַרויסגעוואָרפען ווערען. עס מעג זיין אפילו מיינע אַ לייבליבע שוועסטער.

מירעלע: שש! מען דאַרף קיין מענשען ניט וואַרפען. יעדער מענש איז מחויב אַליין צו פערשטעהן, וואו איהם פּאַסט ניט צו זיין.

שיינדעלע: ר' שלמון, איך מיין, אַז ניט מיר, אייך גאַר פּאַסט איצט ניט דאָ צו זיין.

שלמון: איהר מיינט פּשוט, איך זאָל זיך אַליין אַרויסוואַרפען? נו! נו! (אַב. פּויזע. ביידע שוויייגען).

מירעלע: וואָס איז? דו האָסט עטוואָס צו זאָגען? איך בעט דיך, מאַך עס בקיצור.

שיינדעל: שוויגער, איך האָב צעהן יאָהר מיט אייך ניט גערעדט, איך האָב אייך אפילו ניט געזעהן פון דער נאָהענט... און איצט בין איך געקומען... ווען דאָס זאָל זיך האַנדלען פון מיר, מעגט איהר מיר זיכער גלויבען, איך זאָל אפילו מוזען שטאַרבען, וואָלט איך קיינעם אין דער וועלט ניט געגאַנגען בעטען. קיינעם ניט! מיינע שונאים זאָלען עס ניט דערלעבען!

מירעלע: הם, דער אַלטער נוסח דיינער, וועלכען איך האָב שוין אַזאַ צייט ניט געהערט.

שיינדעלע (הערט ניט): עס איז אָבער יאָסעלע... ער האָט גרויסע יסורים, הארצוועהטאָג, ער איז אויס מענש. און איך וויל ניט, ער זאָל מיינען, אַז נור איך אַליין בין שולדיג. עס קען זיין, איך האָב טאַקע אַ שלעכטען כאראַקטער, אָבער פערגעסט ניט, אפילו אזעלכע קינדער, וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען ביי אַזאַ מאַמע, ווי מירעלע אפרת, זיינען אויך ניט אַזוי אַי, אַי, און מיין מאַמע איז ניט מעהר ווי חנה דבורה, און אויסגעוואַקסען בין איך אין נחומצע׳ס הויז...

מירעלע: זעהסטו, דאָס רעדסטו דוקא צו דער זאַך. אָבער ווער, חלילה, מאַכט דיך שולדיג און ווער האָט עס צו דיר טענות?

שיינדעלע: אָט דאָס איז דאָך דאָס אונגליק, וואָס איהר האָט פיינט טענות... מיר, פּראָסטע מענשען, טענה׳ן זיך אויס און דער כעס געהט איבער... מיר קענען זיך זעהר גרינג צוקריעגען, אבער איבערבעטען זיך איז ביי אונז אויך ניט שווער. איהר אָבער שווייגט, איהר זייט שטאָלץ, און דערפאַר איז שווער פאַר אייך צו פערענטפערן זיך. אַי! הלואי וואָלט איהר אויך בעסער געקענט שרייען און שעלטען זיך...

מירעלע: וואָס מיינסטו, עס וואָלט געווען אַ גליק פאַר מיר. מיר וואָלטען נאָך עד היום געשפּיעלט דאָרטען אין צווייען אַלע טאָג אַ נייעם ברוגז־טאַנץ.

שיינדעלע: איהר מיינט, איך האָב אייך אונמיסטען געוואָלט שלעכטס טהאָן. און איך האָב אייך און אייערע פריינד אָם מייסטען געטהאָן אויף צו להכעיס, ווייל איך האָב געפיהלט, איהר רעכענט מיך זעהר ניעדריג און קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ גאָר ניט.

מירעלע: נאָר דערפאַר? דאָס איז ניט ריכטיג. דער מענש וואָס איז ניט אַ גאָר ניט, שרעקט זיך ניט דערפאַר, ווי מען קוקט אויף איהם, און ווער עס האָט אַ גוט הארץ, טהוט ניט קיין שלעכטס אויף צו להכעיס.

שיינדעלע: וואָס בין איך שולדיג, אַז איך האָב ניט קיין גוט הארץ? פון דעסטוועגען, מיינט איהר, פאַר מיר איז געווען אַ גדולה אייך ארויס־פּטר׳ן פון שטוב. ווילט איהר, קענט איהר מיר גלויבען, און אַז איהר וועט מיר ניט גלויבען, הארט מיך אויך ניט, — אַז איהר זייט ארויס פון שטוב, האָט זיך אין מיר מיין הארץ אָבגעריסען... שוויגער, איך קען אייך זאָגען, צעהן יאָהר האָב איך קיין פרעהליכען שמייכעל ניט געטהאָן... איך האָב די גאַנצע צייט דאָס פאָרטאָפּיאַנאָ אפילו ניט געעפענט... עס האָט זיך ניט געשפּיעלט, פערשטעהט איהר מיך.

מירעלע (איראָניש): וואָס מיינסטו, עס איז טאקע געווען א גרויסע עולה פון מיר אָנטהאָן דיר אזעלכע יסורים, אָבער וואָס קען מען טהאָן? עס איז שוין אזא וועלטעל. יעדער זאָרגט נאָר פאר זיך. מיך הארט ניט פאר דיר און דו דארפסט זיך ניט זאָרגען פאר מיר.

שיינדעלע: איך פערשטעה ניט, וואָס איהר מיינט. עס קען זיין — איהר לאכט פון מיר, און איך בין אייך געקומען איבערבעטען.

מירעלע: מיר איז א חידוש, אזא קלוגע, ווי דו, זאָל געהן טהאָן אזא נארישקייט.

שיינדעלע: עס זאָל זיין א נארישקייט, וואָלט מיך ניט געהארט. עס איז זעהר א שווערע און א ביטערע זאַך צו געהן יענעם איבערבעטען... אָבער יאָסעלע, אייער יאָסעלע מיינט, אז איך האָב פערטריעבען זיין אַלטע מאמע פון שטוב און איך האָב מיך בעשלאָסען געהן און ברענגען איהם זיין מאמע צוריק!...

מירעלע: דו שטעלסט אויף זיך צופיעל. וואָס הייסט: דו האָסט בעשלאָסען? נו, און וואו בין איך? איך דארף גאָר ניט זיין דערביי? דו האָסט אביסעל א טעות געהאט אין חשבון. איך בין מרים אפרת! מיך ברענגט מען ניט און מיך טרייבט מען ניט. טויזענד רבנים מיט שתדלנים וועלען מיך ניט ברענגען אהין צו אייך, זאָ לאנג מיין הארץ וועט מיר ניט הייסען געהן! א גאנצער פאָלק אזעלכע שנורען־בריות, ווי דו, וואָלטען מיך ניט פערטריעבען און וואָלטען ביי מיר א מכה אויסגעפיהרט די קלענסטע זאַך, ווען עס זאָל געהן נאָר אין עקשנות. אָבער, פערשטעהסטו מיך, דאָ האָט זיך געהאנדעלט, וועמעס לעבען זאָל צובראָכען ווערען: מיין לעבען, אָדער יאָסעלעס? (איהרע הענד ציטערען). איך האָב אָבגעטראָטען, ווייל, דו פערשטעהסט, איך האָב יאָסעלע'ן ליעב.

שיינדעלע: אויב איהר האָט יאָסעלע'ן ליעב, קעהרט זיך אום. אויף איהם האָט רחמנות. אויף מיר, ווייס איך, וועט קיין מאָל קיינער קיין רחמנות ניט האָבען. אָבער ער... ער איז דאַך פון די גוטע און ער וויינט מיט ביטערע טרערען.

מירעלע: וואָס זאָל מען טהאָן? עס איז דאָ אויף דער וועלט זעהר ווייניג גליקליכע, וועלכע גיסען ניט קיין טרערען. ווער ווייס, איך האָב אפשר אויך אמאָל געוויינט.

שיינדעלע: איך בין מקנא די ווייבער, וואָס קענען גרינג וויינען. איך קען ניט. ביי מיר ווערט דאָס הארץ צוזאמענגעדריקט... אָה! איך זאָל קענען וויינען... אבער דאַך, בין איך שוין דאָ, בין איך בערייט אַלץ טהאָן. אַלץ, איבער מיינע קרעפטען. ווי זאָל איך אייך בעטען? זאָל איך

פאַלען צו אייערע פיס? זאָל איך קושען אייערע הענד? (וויל פאַלען צו מירעלע'ס פיס).

מירעלע: ניין! ניין! שפּיעלסטו עס אַ קאָמעדיע, אָדער דו מיינסט עס מיט'ן גאַנצען הארצען — אלס איינס: דיין טרחה איז אומזיסט. אַ גרויסער בזיון איז געווען, ווען איך בין פון שטוב אוועקגעגאַנגען. נאָך אַ גרעסערער בזיון מיט אַ דומהייט וועט זיין ווען איך זאָל זיך צו דיר צוריק אומקעהרען. ווען די שמחה וועט ביי אייך פּאַראיבערגעהן, ווען די טייערע מאַמע וועט וויעדער אי"ה ביליג ווערען, ווען די יום טוב'דיגע מאַמע וועט נאָך אַמאָל וואָכעדיג ווערען, און דאָס וועט דאָך געוויס זעהר גיך געשעהן — וואָס מיינסטו, איך וועל אימשטאַנד זיין אויפהויבען זיך און אוועקגעהן? ניין! אַזאַ נסיון קען מען איבערלעבען נור איינמאָל!... מאַכט אייך ניט נאַריש און ווייסט עס איינמאָל פיר אַלע מאָל: מיין פוס וועט אייער שוועל ניט אַריבערטרעטען! אַזוי ווי טויטע קעהרען זיך ניט אום פון קבר, אַזוי וועל איך זיך ניט אומקעהרען פון מיין גלות... אָבער געננוג. איך בעט דיך, דו האָסט מיר אויפגעעפּענט אַלע אַלטע וואונדען פון מיין הארצען... איך האָב מעהר קיין כח ניט, געה זיך געזונטערהייד...

שיינדעל: דאָס איז אייער לעצטעס וואָרט?

מירעלע: יאַ, דאָס איז מיין לעצטער וואָרט. (קלאַפּט מיט'ן שטעקען) מחלה!

שיינדעלע: נו, ווי איהר פערשטעהט....

מירעלע: געוויס, יעדער מענש דאַרף טהאָן ווי ער פערשטעהט און דאַרף פערשטעהן, ווי ער טהוט...

שיינדעל: אַ גוטען טאָג. (ראש אָב).

מירעלע: שלמון! מחלה! (ביידע אריין.) שלמון, ע... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען?.... אָי, מחלה, אפנים איך בין שוין אויך אָן אַלטע אידענע געוואָרען... (פאַלט אויף איהרע שולטערען.)

פערוואַנדלונג.

(אַ דראָפּ פאַלט פון פאָרענט, עס בילדעט אַ פאָדער-צימער אין נחומצע'ס הויז.)

נחומצע (הינטער די קוליסען): קום אהער, וואָס איז די נפקא מינה? (נחומצע מיט צוויי ביינקלעך, נאָך איהם שלמה'לע מיט אַ גרויס פּאַפּיער אין האַנד. נחומצע טראָגט אַלטע פערלאַטעטע הויזען און אַ געשטעפּטען „לייבעל".) די רביצין האָט פערשפּאַרט די טהיר און איז אוועקגעגאַנגען,

װעלען מיר דאָ אין „הויז" חזר'ן. װאָס איז די נפקא מינה? (ביידע זעצען זיך.) נו, שלמה'לע, װאו האַלסטו מיט דער דרשה... האַ?

שלמה'לע: אָי, זיידע איך האַלט שמאָל. (לערנט) „אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר..." זיידע, זאָגט מיר, איך בעט אייך, יעדער איד מוז בר מצוה װערען?

נחומצע: אַ שאלה! קונדס, אַט דאָס איז דאָך די נפקא מינה פון אַ איד ביז אַ גוי. דאָס הייסט: בר מצוה און... און עס איז דאָ נאָך אַ נפקא מינה...

שלמה'לע: אָי, זיידע, בר מצוה איז נאָך צו דערליידען, אָבער די דרשה איז אַ מכה שלא כתובה בתורה... איך לערען די דרשה נור צוליעב דער באָבע'ן... איך מיין יענע באָבע, די גרויסע... איאָ זי איז דאַכט זיך ניט קיין הויכע און װייזט דאָך אויס אַזאַ גרויסע... (לערנט) „אור לארבעה עשר... אי!..

נחומצע: דיר איז נעבעך שװער, האַ? הער, איך װעל דיר נאָך אַמאָל איבער'חזר'ן די גאַנצע דרשה: „אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר. װי עס הויבט נאָר אָן ליכטיג צו װערען אויפ'ן 14טען, איז מען שוין בודק חמץ... ביי דער שיין פון אַ ליכט, רבותי, בר־מצוה איז דער טאָג װען 13 יאָהר זיינען אַװעק און עס הויבט אָן טאָגען דער 14טער יאָהר פון אידיש־קייט.... עס איז דער טאָג, װען דער איד איז מחויב בודק זיין זיך אַליין ביי דער ליכט פון תורה און אויסרוימען יעדען חמץ פון זיין נשמה..." דו פער־שטעהסט? יעדען חמץ פון דער נשמה. איאָ עס איז גוט?

שלמה'לע (גנזעסען פערטראַכט און ניט געהערט): אַז איך בין גנגאַנגען אַהער היינט, האָב איך װיעדער גע'הרג'עט, געשלאָגען אַ אינגעל... װען איך געה לויפען זיי מיר נאָך און זינגען מיר אַ ליעדעלע „שלמה'לע זשאַבע, אַרויסגעטריבען די באָבע!" פע! מיר איז דאָס שוין נמאס געװאָרען. זאָגט מיר, איך בעט אייך, מיר האָבען זי טאַקע אַרויסגעטריבען?

נחומצע: חלילה, מי האָט זי ניט געטריבען, נור װיים איך, װאָס איז די נפקא מינה?

שלמה'לע: זיידע, מי זאָגט, װען די באָבע איז געװען מיט אונז, זיינען מיר געװען זעהר רייך, עס איז אָן אמת?

נחומצע: אמת, ויציב, ונכון, וקים... אַן אוצר מיט גאָלד... דיין פעטער דניאל, איידער ער האָט חתונה געהאַט און אַרויס קיין מאָסקװע, האָט געפלאַקערט אַ װעלט, ער האָט געמאַכט אַ תל פון אַ האַלבען פערמעגען. פונ'ם איבעריגען האָבען אַלע צו ביסלעך געמאַכט אַ תכלית. דער, יענער... װאָס איז די נפקא מינה? אַט װי דו קוקסט מיך אָן, בין איך דאַן געװען דער הויפט־גלאַװנע־אָבער־אופּראַװליאַיושטשי און איצט בין איך אויף דער עלטער

א מלמד. דאָס הייסט ניט א מלמד, חלילה, וואָס מי זאָגט „מלמד"... איך מיין: א גמרא מלמד.

שלמה'לע (מיט א ניגון): און וואָס איז די נפקא מינה?

נחומצע: קונדס, דו, עס איז שוין זעהר א גרויסע נפקא מינה... נו! נו! חזר זיך אליין... חזר זיך איין גוט, שלמה'לע... עס איז ביז דער סעודה ווענינ צייט געבליבען. חזר זיך איין... (נעהמט ארויס א ליולקע און פערויכערט.)

שלמה'לע (חזר'ט): „אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר..." (געדויש) זיידע, בעהאַלט די לולקע — די באָבע געהט. (חנה דבורה קומט מיט א שאַל אויפ'ן קאָפּ, זי אַרבייט א זאַק געהענדיג, זעהר אַלט געוואָרען.)

חנה דבורה: איך הער שוין די בשמים — דיין טיטון... האָסט שוין געפּיפּקעט — אויסגעפּיפּקעט זאָלסטו ווערען, רבש"ע (הוסט). שלמה'לע, קענסט שוין די דרשה? (שלמה'לע לערענט שטיל.)

נחומצע (בעהאַלט זיין לולקע): פּיפּקע! בשמים! וויים איך וואָס דיר קען זיך אויסווייזען. זאָג בעסער, נאָך וואָס האָסטו פערשפּאַרט די טהיר אין מיטען דערינען?

חנה דבורה: יא, אין מיטען דערינען, חכם מיינער... דער האָהן איז אונטער'ן בעט ניט צוגעבונדען און אויף וועמען קען איך זיך פערלאָזען? אויף דיר? נחומצע, הער בעסער, די אַלטע וויל דאָך ניט שלום ווערען. דער רב איז געוועזען ביי איהר, יאָסעלע האָט זי געבעטען, וואָס דאַרפסטו מעהר, שיינדעלע אַליין האָט ביי איהר מחילה געבעטען — רעד צו דער וואַנד. אבי מע האָט זיך אויף איהר אזוי געריכט...

שלמה'לע: וואָס? די באָבע וועט היינט אויך ניט קומען צו אונז? איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? אז די באָבע וועט ניט זיין, דאַרף איך די גאַנצע דרשה אויף כפרות (וואַרפט די דרשה).

חנה דבורה: ביזט משוגע, שונאי ישראל? וואָס הייסט, א פּאַפּיער מיט שמות וואַרפען אויף דר'ערד! (הויבט אויף). נישקשה, פאַר מיר מעגסטו אויך זאָגען דיין דרשה. איך האָב ביי מיין זיידען ע"ה געהערט אביסעל שעהנערע דרשות... נאַ! (גיט איהם דאָס פּאַפּיער.)

שלמה'לע (נעהמט ניט): איך דאַרף ניט קיין דרשה.

נחומצע: שלמה'לע, זיי ניט קיין עקשן. וואָס הייסט, דער רב, דער גאַנצער עולם ווייס, אז איך לערען מיט דיר א דרשה... איך האָב אומזיסט גאַנצע נעכט געקראַצט דעם אלשי"ך, זכרונו לברכה, און אנדערע גאונים?

שלמה'לע: יא, זיידע, איהר האָט דעם אלשי"ך געקראַצט אומזיסט, — איך וועל ניט זאָגען קיין דרשה!

נחומצע: וואָס איז די נפקא מינה?

שלמה'לע: איך וועל אייך שפּעטער זאָגן, וואָס די נפקא מינה איז — איצט לויף איך אויף גיך אהיים. זיידע, חזר'ט איהר דערווייל די דרשה, וואָס איז די נפקא מינה? (אָב.)

חנה דבורה: דער פערצוויגענער בן־יחיד איז יענער באָבע'ס אייניקעל! אז ער זאָגט ניין, ועסטו זיך שוין מעגען מיט איהם שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד.

נחומצע: וואָס איז די נפקא מינה?....

חנה דבורה: ביי דיר איז ניט קיין נפקא מינה... זאָל ניט זיין קיין דרשה, אַבי עס זאָל נור זיין אַ סעודה מיט יין שרף... פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען. נעהם די דרשה און קום אהין צו זיי. (זי נעהמט אַ ביינקעלע.)

נחומצע: קום, גיעב מיר מיין לאַסטיקענע קאַפּאָטע.

חנה דבורה: קוק איהם אָן... מענגסט שוין אָנטהאָן די שבת'דיגע תחתונים אויך....

נחומצע: וויים איך, וואָס איז די נפקא מינה? וואָס בין איך, אַן אריסטאָקראַט? (נעהמט דאָס צווייטע ביינקעלע.)

חנה דבורה: אי, ביזטו אַן אריסטאָקראַט... מאַמעלעך מיינע, אחוץ מיין שאָדען הלואי אויף אַלע אריסטאָקראַטקעס געזאָגט געוואָרען!...

נחומצע: שוטה! וואָס איז די נפקא מינה?

חנה דבורה: געה! געה! (זי שטויסט איהם ארויס. ביידע אָב.)

פערוואַנדלונג.

(אפרת'ס הויז, די וועגד דונקעל, דאָס מעבעל אַלט, מירעלע'ס קרעסלע איבער־גע־דעקט מיט אַ ווייסע לייוועגט. אין הינטער־גרונד אַ לאַנגער טיש געגרייט, דער פאָדער־דראָפּ געהט אויף, הערט מען אַ פלייטע שפּיעלט, נאָכדעם ווערט שטיל).

יאָסעלע (אַליין, מיט דער פלייטע אין האנד, בעטראַכט דעם געגרייטען טיש און געהט צו צו דער מוטער'ס קרעסלע): זינט זי איז אוועק פון אונז, איז קיינער נאָך ניט געזעסען אויף איהר שטוהל... איך האָב געהאָפּט, היינט זעהן זי, ווי אַמאָל, זיצען דאָ צווישען אונז, ווי אַן אַלטע קעניגין צווישען איהרע דיענער... ניין, איך געדענק, אויף מיין בר מצוה איז דאָ אין שטוב געווען אביסעל בעסער און פרעהליכער... שלמה'לען איז ניט בעשערט... שש! (שלמה'לע לויפט אריין.)

שלמה'לע (קען ניט כאַפּען דעם אָטהעם): טאַטעניו, איך האָב געהערט אַז די באָבע מירעלע וועט אפילו היינט אויך ניט קומען... איא, דאָס קען ניט זיין?

יאָסעלע: יא, מיין קינד, זי וועט אפילו היינט אויך ניט קומען.

שלמה׳לע: היינט! אויף מיין בר מצוה? וואס האט זי צו מיר? איך פערשטעה ניט. זי וואוינט מיט אונז אין איין שטאָדט און קומט קיינמאָל ניט צו אונז. אויף מיר איז זי ניט בייז, אויף דיר אויך ניט... דאָס איז די מאַמע שולדיג... איך פערשטעה, זי און איהר משפחה האָבען דער באָבע בייז געמאַכט...

יאָסעלע: שש!... זיי ניט אונגערעכט (נעהמט איהם ארום) שלמה׳לע, דו ביזט היינט בר מצוה געוואָרען, דו ווערסט שוין א מענש און איך מעג דיר דעם אמת דערצעהלען. די באָבע איז דאָ אין איהר הויז פון אונז אַלע בעהאנדעלט געוואָרען ניט אזוי, ווי א מוטער דאַרף פון אָרענטליכע קינדער בעהאנדעלט ווערען... זי האָט אונז איהר לעבען מקריב געווען און מיר האָבען איהר איידעלע הארץ צובראָכען... נו, זי האָט געליטען און ענדליך אונז פערלאָזט, צוזאמען מיט איהר איז אוועק פון אונזער שטוב אויך דאָס גליק און דאָס פרייד.

שלמה׳לע: און זי וועט קיינמאָל ניט קומען צוריק צו אונז אהער?

יאָסעלע: ביז היינט האָב איך נאָך געהאָפט... אָבער זעה, — ווי זי האָט דיך ליעב, זי האָט דיר געשיקט א זייגער מיט א קייט (גיט איהם). די דרשה, זאָגט זי, וועל איך ניט הערען, אָבער א מתנה פון מיר דאַרף ער האָבען.

שלמה׳לע: טאַטעניו, איך וועל אַליין געהן צו איהר. איך וועל איהר זאָגען, אז איהר ווילט ניט הערען מיין דרשה, באָבעניו, וויל איך ניט אייער זייגער, און איך וועל איהר נאָך א סך... א סך זאכען זאָגען...

יאָסעלע: נאַרעלע, וואָס וועט דערפון ארויסקומען? מע האָט איהר שוין א סך געזאָגט.

יאָסעלע: זי וועט קומען מיט מיר...

יאָסעלע: דו ביזט נאָך א קינד. דו פערשטעהסט ניט, אז זי איז ניט פון די מענשען, ביי וועלכע עס קען אין איין מינוט זיין יא און ניין.

שלמה׳לע: דו וועסט זעהן — זי וועט קומען מיט מיר.

יאָסעלע: רייד זיך ניט איין קיין נאַרישקייטען.

שלמה׳לע: און איך זאָג דיר, זי וועט קומען מיט מיר. דו פערשטעהסט אויך ניט, אז איך בין ניט פון די מענשען, וואָס ריידען זיך איין נאַרישקייטען. אז איך זאָג, אז איך וועל זי ברענגען, וועל איך זי ברענגען! (ראָש אָב).

יאָסעלע: שטאָלץ און שטאַרק ביי זיך — געראָטען אין דער באָבע׳ן. א קינד, ווי קומט ער צו פערשטעהן, ווער מירעלע אפרת איז... ווען זי זאָגט ניין — מעג שוין דונערען און בליצען... (בעטראַכט זיין פלייטע.) ניין, זי וועט ניט קומען און מיין איינציגע פרייד און איינציגע נחמה וועט ווידער

בלייבען מיין אַלטע פּליטע. (קוקט זיך אַרום) קיינער קומט נאָך ניט, נאָמיר דערווייל אויסריידען מיין ביטער האַרץ. (זעצט זיך אין אַ ווינקעל שפּיעלט דיזעלבע טרויעריגע מעלאָדיע פון 2טען אַקט. פערטראַכט זיך. שיינדעל קומט.)

שיינדעל: נו, וואָס האָסטו וויעדער אַראָבגעלאָזען די נאָז? דו ביזט דאָך ניט נאָר אַ זוהן, ביזט דאָך אַ טאַטע אויך אויף דער וועלט... (אַ גערויש.) שאַ! אָט געהען שוין געסט. וואָס זאָל מען טהאָן? מיר וועלען זיך אַליין משמח זיין, ווי מיר וועלען קענען... נו! נו! קום! גענוג!... (זי פיהרט איהם פאַר'ן האַנד, ענטקעגען קומען נחומצע און חנה דבורה.) אה! סך הכל? און איך האָב געמיינט געסט קומען.

חנה דבורה: מיר זיינען טאַקע ביי אייך קיין געסט ניט, פון דעסט־וועגען מעגט איהר ביידע דערלעבען פיהרען שלמה'לען צו דער חופּה.

נחומצע: און וואו איז ער, דער גנב? איך האָב געוואָלט מיט איהם נאָך אַמאָל איבער'חזר'ן די דרשה... אָי, אַ דרשה — אַ צאַצקע!...

יאָסעלע: שלמה'לע וועט באַלד קומען... זיצט, איהר זייט ביי אונז זעהר גוטע און זעהר טייערע געסט...

חנה דבורה: ווי קומען מיר? אומשטיינס געזאָגט, ניט אַלע מאַמעס האָבען אַיין גליק....

שיינדעלע: ניט אַלע מאַמעס האָבען איין שכל, אומשטיינס געזאָגט....

יאָסעלע: יעדע מאַמע איז אַ מאַמע... שיינדעלע, היינט דאַרף זיין שלום דאָ... (אַ גערויש) שאַ! ווער געהט עס? אָה! ברוך הבא בשם ד'... (שלמון קומט.)

שיינדעלע: אַ חידוש, די שוויגער האָט אייך גאָר ניט פערבאָטען צו געהן אַהער?

שלמון: איהר האָט אַ גרויסען טעות. זי האָט מיר אַליין געשיקט אַהער. עטליכע מאָל האָט זי מיר געזאָגט, איך זאָל למען השם דאָ זיין.... זי איז מירעלע אפרת!

יאָסעלע: עטליכע מאָל? אָי וועה איז מיר! אפשר וועט זי נאָך אַליין אויך קומען?

שלמון: ניין, זי געוויס ניט, איהר דאַרפט שוין בעסער ניט רעדען און ניט דענקען דערפון... נו, ר' נחומצע, וואָס מאַכט איהר?

נחומצע: ע! וואָס זאָל מען מאַכען? מע מאַכט אַ קנעלונג און מע קנעלט. (אַ גערויש.)

חנה דבורה: דער רב און מענשען געהען. שיינדעל, ביי דיר איז שוין דער גאַנדער קרעדענץ אויפ'ן טיש?... (דער רב, אַן אַלטער איד, נאָך אידען און אינגלעך קומען.)

אַלע: גאָט העלף!... גאָט העלף! אין אַ גוטער שעה!...

שלמון: גאָט העלף! ווי פיהלט איהר אייך, רבי? כע! כע! איהר האָט היינט ניט געטאַנצט מיט'ן בער... פערגעסט ניט, זי איז מירעלע אפרת, יאָסעלע, וואו איז דאָס דער בעל שמחה אַליין?

יאָסעלע: שלמה'לע וועט באַלד קומען... זיצט. אהער אַלע, צום טיש, איך בעט אייך רבי, זייט-זשע מוחל, ר' שלמון, שוועד.... (אַלע זעצען זיך, מען טרינקט און פערבייסט.)

חנה דבורה (צו נחומצע'ן): איך האָב מורא פון דיין דרשה וועט זיך אויסלאָזען אַ בוידעם מיט אַ קלאָץ.

נחומצע (טרינקט): זאָל זיין אַ בוידעם מיט אַ קלאָץ, וואָס איז די נפקא מינה? (נאָך אידען און אינגלעך קומען, אַלע זעצען זיך צום טיש, טרינקען און פערבייסען.)

יאָסעלע: שיינדעל, וואָס זאָגסטו פאַרט צו שלמה'לען? טרינקט, פערבייסט. (ביידע בעדיענען די געסט).

נחומצע: לחיים, רבי, לחיים, רבותי, איך האָב געהערט אַ שעהנעם פשט'על אויפ'ן פסוק כרם היה לשלמה... שלמה המלך האָט געהאַט... אַ... וואָס איז?... (מחלה לויפט אריין, שטאַרק אויפגערעגט).

שלמון: וואָס איז, מחלה? וואָס איז געשעהן? (אַלע: וואָס איז געשעהן, חלילה?)

יאָסעלע: אַי, וועה איז מיר!... מחלה!...

מחלה (קוים וואָס זי אָטהעמט): יאָסעלע, אידען, מיר, מיר, געהערט די מצוה?... איך זאָג אָן די בשורה.... איך בין דאָס געלאָפען....

יאָסעלע: וואָס איז, מחלה? אַי, וועה איז מיר, דו האָסט מיך דער־שראָקען.

מחלה: וואָס דאַרפט איהר זיך שרעקען? גאָט איז מיט אייך!... זי... מירעלע געהט אַהער. שלמה'לע פיהרט זי דאָך צו אייך... אַי! וואָס פאַר אַ חכם דאָס איז... איהר זאָלט הערען, ווי ער האָט גערעדט מיט איהר. זי האָט ניט געקענט אויסהאַלטען... זי וויינט, ער וויינט, איך וויין... נו, נו! זיי געהען ביידע אַהער... איך זאָל אַזוי געזונד זיין... (אַלע שטעהען אויף פון זייערע ערטער)

יאָסעלע: די מאַמע געהט אַהער... שיינדעל, רבותי, אַי, וועה איז מיר... (ביי איהם רייסט זיך אַרוים אַ געוויין.)

שיינדעל (געריהרט): נאַרעלע וואָס זשע וויינסטו? יעצט דאַרפסטו דאָך ניט וויינען.

יאָסעלע: וואָס רעדסטו, מחלה? די מאַמע געהט אַהער? וואו געהט

זי? וואָס האָט זיך דיר אויסגעוויזען? וואָס ווילט איהר מיך איינרעדען?
(לויפט, עפענט די טהיר, מירעלע ערשיינט, אַנגעשפּאַרט אויף שלמה'לען).

שלמה'לע: איהר האָט שוין אָנגעהויבען די סעודה אָהן אונז? וואָס האָט איהר קיין צייט ניט געהאַט? איך האָב דאָך אייך געזאָגט, איך וועל קומען מיט דער גרויסער, בייזער באָבעניו!...

יאָסעלע: מאַמעניו, דו ביזט געקומען? ביזט געקומען צו אונז? (אומאַרעמט זי. וויינט).

מירעלע (מיט אַ שמייכעל): וואָס האָב איך געקענט טהאָן מיט דיין מיוחס?... דיין פאָטער איז געוועזען שלמה'לע, דיין זוהן איז שלמה'לע... זיצט, זיצט!... מחלה, דאַכט זיך ביי דיר זיינען מיינע ברילען.... (אַלע זעצען זיך, מחלה דערלאַנגט איהר די ברילען.)

יאָסעלע: מאַמעניו, איך גלויב זיך אַליין ניט, דו ביזט דאָ? דו ביזט געקומען?

מירעלע: זעהסט דאָך. מען קען זיך פיעל ניט בריה'ן, ווען מען טראָגט ביי זיך אַ מוטער'ס האַרץ... עס קען זיין, עס איז טאַקע אַן איבעריגע זאַך, אָבער וואָס זאָל מען טהאָן, אַז מען קען דאָס פאַרט ניט אויסשניידען און אוועקוואַרפען... רבי, איהר ווייסט דאָך יאָ, — זאָגט עפּעס די תורה וועגען אַזאַ נאַרישקייט, ווי אַ מוטער'ס האַרץ?....

שיינדעל (קושט שלמה'לען): חכם, תכשיט מיינער... זיצט, שוויגער, אָט איז אייער שטוהל. (רוקט אַרויס מירעלע'ס שטוהל, מחלה העלפט איהר.)

מירעלע: ניין, אַ דאַנק! איך האָב זיך די לעצטע צייט אויסגעלערענט צו זיצען אויף יעדען שטוהל. (זעצט זיך אויף אַן אַנדער שטוהל, טהוט אָן די ברילען און קוקט זיך אַרום.) זעה, מחלה, ווי אַלט, ווי פערענדערט אַלץ איז דאָ געוואָרען. אַז מיר זאָלען דאָ זיין, וואָלטען מיר גאָר ניט בעמערקט, ווי אַלץ אַרום אונז ווערט אַלט און לעבט אָב. און אונז וואָלט אפשר גאָר ניט געקומען אויפ'ן זינען, אַז מיר זיינען פונקט אַזעלכע שטאַרקע, מעכטיגע מיוחסים, ווי אָט די הילצערנע ביינקלעך, ווי די פּאַפּיערלעך אויפ'ן וואַנד. וועה איז מיר, דער מענש האָט זיך מיט וואָס איבערצוגעהמען! (פערטראַכט זיך.) פערענדערט, און דאָך ווי בעקאַנט דאָ איז יעדער ווינקעלע, ווי טייער יעדע זאַך.... שלמון, דו ווייסט, וואָס איך האָב דאָ איבערגעלעבט און וויפיעל געליטען... וויפיעל גוטע האָפענונגען דאָ זיינען געבוירען געוואָרען, וויפיעל שווערע זיפצען דאָ האָבען זיך פון האַרץ אַרויסגעריסען, וויפיעל שטילע, ביטערע טרערען דאָ זיינען פערגאָסען געוואָרען... (מחלה וויינט) אַי, מיין האַרץ!... (חלש'ט. אַן אויפרעגונג.)

יאָסעלע: מאַמעניו, מאַמעניו, גאָט איז מיט דיר! (אַלע ארום איהר, זי קומט צו זיך.)

שיינדעל: וואַסער! וואַסער! שוויגער, איהר זאָלט זיך אַזוי אָבלאָזען....

מירעלע: שלמון, דער שוואַכער מענש איז שטאַרקער פון אייזען איבערצוטראָגען צרות.

שלמון (טרערען שטיקען איהם): גענוג, מירעלע, בערוהיגט אייך, איהר וועט האָבען צייט שפּעטער. איצט איז דאָ א שמחה און מיר דאַרפען נאָך הערען א דרשה... א נו, שלמה'לע חכם, ארויס מיט עברי. (אַלע: יאַ! די דרשה, די דרשה!)

יאָסעלע: מאַמעניו, דו זעץ דיך אויף דיין אָרט. (הויבט זי אויף און זעצט זי אַנידער אויף איהר קרעסלע.) דו ווייסט, דיין שטוהל האָט געוואַרט אויף דיר, מיר פלעגט ביטער זיין אויפ'ן הארצען, פלעג איך רעדען צו דיין שטוהל און איך האָב געמיינט, ער הערט און פערשטעהט, וואָס איך זאָג און אז... אי! ר' שלמון איז גערעכט... זאָל זיין גענוג איצט... דו ביזט דאָ, דו ביזט געקומען, וואָס דאַרף מען רעדען....

מירעלע: אז דיין שיינדעל האָט געקענט קומען צו מיר, האָב איך שוין קיין גרויסע בריה'שקייט ניט געוויזען דערמיט, וואָס איך בין געקומען צו אייך... איך וועל זאָגען דעם אמת: שיינדעל, מעהר פון אַלע האָסטו מיר היינט מיין הארץ צובראָכען... אָה! דער מחותן און די מחותנת'טע....

חנה דבורה: זאָלט איהר געזונד זיין, מירעלע, איך האָב געוואוסט, אז איהר וועט קומען. אין דער פריה נאָך זאָג איך: זעה, נחומצע, עס וועט זיין א גאַסט — די קאַץ וואשט זיך אַקוראַט פון יענער זייט.

נחומצע: וויים איך, די קאַץ גאַר... וואָס איז די נפקא מינה?... די חכמים זאָגען: כל הדוחק את השעה, השעה דוחקתו, ווער עס שטופּט די שעה, נעהמט די שעה און שטופּט איהם... אַלץ מיט דער צייט. (אַלע: די דרשה! די דרשה!)

יאָסעלע: נו, שלמה'לע, נאָמיר הערען....

שלמה'לע (שטיל): איך וועל באַלד האָבען המן'ס מפּלה, (לויט) אור לארבעה עשר בודקין את החמץ לאור הנר... ווען עס קומט... וואָס... ווען... אָי, אויף מיין וואָרט, איך האָב פערגעסען.... דאָס הייסט, דעם אמת געזאָגט, איך האָב טאַקע ניט געקענט אויך... (אַלע לאַכען.) דאָס איז די באָבע שולדיג...

חנה דבורה: אי, שלמה'לע, מיר פלאַמט דער פּנים...

מירעלע: עס איז ניט קיין גרויסער אונגליק. יעדער קען דרש'ענען

און ער וועט אויך מסתמא קענען; קום אהער, שלמה'לע, צו מיר... איך בין שולדיג, כע! כע! כע! (אומארעמט איהם.) נו, וואס העלפט חכמות, אז קינדער זיינען אזוי ליעב און טייער...

יאסעלע: שלמה'לע, דו ביזט א גנב... נאר היינט ארט מיך ניט... ניט דיין בר מצוה איז היינט מיין הויפט שמחה... אידען! זאל געטרונקען ווערען! שיינדעלע, זעה, ווער זיצט דא ביי אונז... (אלע טרינקען, נחומצע מעהר פון אלעמען.)

מירעלע: א שמחה, הא? דאס איז יא ווי מען זאגט, ווען פרעהט זיך דער ארימאן, ווען ער געפינט, וואס ער האט פערלארען. (קלאפט מיט'ן שטעקען.) אה, נארישע וועלט, וואלט דען ניט בעסער געווען יעדער זאל קענען שעצען זיין שטיקעלע גליק איידער ער פערלירט עס? וואלט דען פיר אונז אליין ניט געזינטער געווען, מיר זאלען ניט צאהלען מיט שלעכטעס פיר גוטעס, מיר אליין זאלען ניט פערגיפטען די קוואלען, פון וואנען מיר שעפען אונזער לעבען און אונזער פרייד. מען איז זיך מישב אבער, ווען עס איז שוין שפעט, ווען דאס לעבען איז אוועק...

שלמון: מירעלע, איהר האט פערגעסען?....

יאסעלע: מאמעניו, ווילסטו בייז ווערען?...

מירעלע: ניין! ניין! געננוג, איך בין אייך ניט געקומען, חלילה, פערשטערען די שמחה. גיט מיר אויך א גלעזעל וויין... מחלה, מעגסט אויך נעהמען אביסעל. שלמה'לע'ס בר מצוה דארף זיין פיר אלעמען א שמחה... לחיים, קינדער! לחיים, פריינד! (אלע טרינקען).

נחמצע (טרינקט): איך געדענק א פשט'ל אויפ'ן פסוק שלום, שלום, לרחוק ולקרוב....

יאסעלע: קיינע פשט'לעך, געטרונקען זאל ווערען, איהר האט געהערט, וואס מירעלע אפרת האט געזאגט? (ער טרינקט, לויפט אום, קושט די מוטער, קושט מחלה'ן, די אידען פאנגען אן שטיל זינגען א פרעהליכס.)

שלמון (געהט צו צו יאסעלע'ן מיט א גלעזעל אין האנד): איך וועל אייך זאגען דעם אמת... ווען איך דערמאהן מיך, אז ביי מיר וועט די שטוב בלייבען פוסט, איז עס מיר אודאי פינסטער און ביטער, אבער דאך קינדער זיינען בילכער... א מאמע, ברודער, איז קיין קלייניגקייט ניט. (ווישט אב א טרעהר) ע! לחיים! נאמיר פרעהליך זיין! (נעהמט זיך ארום מיט יאסעלע'ן) אידען, פרעהליך! אידען לעבעדיג! (אלע זינגען פרעהליך, נחומצע טאנצט מיט צוויי גראפינעס אין האנד).

שיינדעל (לויפט צום פיאנא, רייסט אויף די דעק און שפיעלט וואס

זיי זינגען): צעהן יאָהר ניט געשפּיעלט! צעהן יאָהר!... (מירעלע אומ־ארעמט שלמה׳לען, מחלה נעבען איהר. א פרעהליך געזאנג. פּיאַנאָ אַקאָמ־פּאנירט פאָרטאָ.)

(פ אָ ר ה א נ ג.)

קרייצער סאָנאַטאַ
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען

KREUTZER SONATA:
Copyright, 1907, by Jacob Gordin, 1907.
Copyright, 1911, by the Estate of Jacob M. Gordin.
The right to produce in Yiddish belongs to David Kessler.
All other rights or any part thereof reserved by the Estate of
Jacob M. Gordin.

פערזאָנען

(און די אַרטיסטען, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערסטער אויפפיהרונג).

ראַפאַאיל פריעדלענדער, א רייכער פּאָדריאַטשיק, — 50 יאָהר אַלט
דוד קעסלער

חוה, זיין פרוי, — 45 יאָהר אַלט..................מאַדאַם גרינבערג

עטי, זיין עלטערע טאָכטער, — 20 יאָהר אַלט.........מאַדאַם ב. קאַליש

ציליע, זיין צווייטע טאָכטער, — 18 יאָהר אַלט..........מיסס צייטלין

סאַמואיל, זיין זוהן, — 22 יאָהר אַלט.............. דזשייקאָב קאָהן

אפרים פריעדלענדער, א כלי־זמר, — 50 יאָהר אַלט........ס. טאַרנבערג

ביילע, זיין פרוי, — 50 יאָהר אַלט..............מאַדאַם נאַדלאַסקי

גרעגואַר, זייער זוהן, — 25 יאָהר אַלט............מ. מאַשקאָוויטש

נאַטאַשאַ, אַן אַלטע רוסישע פרוי ביי פריעדלענדער'ן אין הויז, —
55 יאהר אַלט..........................מאַדאַם ווילענסקי

אַלבערט, עטי'ס זוהן, — 8—7 יאָהר אַלט..............בערנשטיין

דיענסטען, געסט, מוזיקער.

ערשטער אַקט — אין קרעמענטשוג, רוסלאַנד; דריי אַקטען אין אַמעריקא.
צווישען ערשטען און צווייטען אַקט, 7 יאָהר.

ערשטער אקט.

(אַ רייכער זאַל ביי פרידלענדער'ן, אַ פּיאַנאָ, בלומען. נאַטאַשאַ, געקליידעט רוסיש, רוימט, רעדט מיט זיך אַליין. ציליע ביי דער פּיאַנאָ שפּיעלט פלייסיג אַ שווערען עטיוד).

נאַטאַשאַ: באַרישניא, האַ באַרישניאַ! (ציליע הערט אויף שפּיעלען) ווי לאַנג נאָך וועט איהר אייך ברעכען די פינגער און מאַראַטשען דעם קאָפּ?

ציליע: ביזט אַ נאַר, אַז מען וויל זיין אַ גוטע פּיאַניסטין, דאַרף מען פיעל לערנען.

נאַטאַשאַ: באַרישניאַ, פערגעסט ניט, איהר צימבעלט שוין נייען יאָהר.

ציליע: נו, נייען! דאָס, ניאַניאַ, איז אַ גרויסער ליגען.

נאַטאַשאַ: אַ הונד, באַרישניאַ, לייגט, אַ מענש רעדט... אייך איז געוואָרען נייען יאָהר, ווען דער גראַבבער דייטש האָט אייך אָנגעהויבען לערנען... איהר געדענקט? מיט דער רויטער נאָז... מען פלעגט איהם רופען פּאָמפּע...

ציליע: כאַ! כאַ! זי געדענקט... קאַרל לודוויג פּאָמפּע...

נאַטאַשאַ: און איצט זייט איהר, דאַנקען גאָט, שוין אַכצעהן געוואָרען.

ציליע: ניט וואהר... דער זיעבעצעהנטער געהט מיר ערשט.

נאַטאַשאַ: אַכצעהן געוואָרען נאָך פּאָקראָווע... אי! איך געדענק גוט. ווען איהר זייט געבוירען געוואָרען איז נאָך עטי געוועזען אָט אַזאַ ציפּליאָניקעל... האָט נעבעך אַלץ געוויינט צו דער מאַמע. ווער איז מיר, נאָך גאָר אַ פּיצעלע פּויגעלע געווען... געוואוינליך, אַ קינד וויל צו דער מאַמע'ן, און די מאַמע האָט שוין אַן אַנדערס... גאַנצע נעכט פלעג איך איהר זינגען און וויעגען... אָי! ווי אַן ענגעל פלעגט זי לעבען מיר שלאָפען אין איהר בעטעלע... אַ שטילינקע, אַ גוטינקע... איך האָב אייך אַלע אויסגעהאָדעוועט, באַרישניאַ, און געדענק גוט, אַכצעהן איז אייך געוואָרען. אַכצעהן!

ציליע (בייז): זי געדענקט! קענסט דען איבערצעהלען אַכצעהן? צעהלסט דאָך אין גאַנצען ביז עלף (שפּיעלט).

נאַטאַשאַ: מענשען וואַקסען, ווי ביימער אין אַ וואַלד... איין בוים וואַקסט שעהן און גלייך, דער אַנדערער קרום... דריי קינדער אין איין הויז

און נור עטיניו איז צו גאָט און צו לייטען... אָרימעס קינד, וועלכע שמערץ זי האָט איצט נעבעך.

ציליע: נאַטאַשאַ, דער פּאַפּאַ איז אין דער היים?

נאַטאַשאַ: יאַ, ציליע, זיצט אין „קאַבינעט".

ציליע: און וואו איז עטי?

נאַטאַשאַ: עטי איז ביי זיך אין צימער, ליעגט אויפ'ן קושעטקע און וויינט. אמאָל פלעגט זי זינגען ווי אַ קאַנערעיקעלע, איצט שווייגט זי ווי די שטומע נאַכט... אמאָל פלעגט זי זיך אויספּוצען ווי אַ קוקלע, איצט ליעגט איהר גאָר נישט אין זינען. (ווישט אַ טרער) קינד מיינס, טייערס...

ציליע: איך זאָל זיין אויף איהר פּלאַץ, וואָלט איך ניט געוויינט... איז שוין געשעהן — פערפאַלען. זעה וואָס גיכער פערגלעטען, ארויסדרעהען זיך און שטיף ווייטער.

נאַטאַשאַ: ניין! עטי איז ניט פון אַזאַ סאָרט... זי האָט מיין כאַראַקטער... איך האָב אויך נאָר איין מאָל געליעבט אין מיין לעבען... ווי געליעבט! כאָטש שטאַרבען, כאָטש אין סיביר, כאָטש אין פייער אריין!... ווי די ליעבע האָט זיך געענדיגט, האָט זיך פאַר מיר אין לעבען אַלץ געענדיגט... איך האָב שוין גאָר ניט געדאַרפט, — איך האָב נאָר געזאָרגט פאַר אַנדערע... געלעבט ביי פרעמדע און פאַר פרעמדע.

ציליע: אָה, דו ועעסט זיך נאָך אמאָל פערליעבען... כאַ! כאַ!

נאַטאַשאַ: ניט ווילענדיג, מוז מען נעהמען גאָט וויים וועמען, אָרימע עטי! זאָג מיר, ציליע, וואָס איז ער, אַ מוזיקאַנט, וואָס?

ציליע: אַן ארטיסט... שפּיעלט פיעדעל, האָט געענדיגט קיעווער מוזיקאַלנע שקאָלע... אַ שעהנער יונג... זאָלסט זעהן אויגען... יעדעס אויג ווי אַ קולאַק...

נאַטאַשאַ: שעהנע מענער זיינען שוואַך, נאַריש און צובאַלעוועט... ווער רעדט נאָך אַז ער איז אַ מוזיקאַנט... אַז ער שפּיעלט האַלטען איהם אַלע פאַר אַן אָבגאָט... און נאָך דעם, ווען ער שפּיעלט שוין ניט, מיינט ער נאָך אַלץ, אַז מען דאַרף זיך צו איהם בוקען... אַי! ער שפּיעלט אַ שטונדע, און לעבען דאַרף מען מיט איהם אַ גאַנצען טאָג... אָרימע עטי, זי קען זיך ניט העלפען, זי מוז נעבעך. (אַ גלעקעל)

ציליע: אַי, דאָס געהט ער, דאָס געהען זיי שוין. (שפּיעלט) איך וואָלט געטאַנצט און זי, דער נאַר, וויינט...

(נאַטאַשאַ לויפט עפענען, ראַפאַיל'ס שטרענגע שטימע פון זיין צימער.)

ראַפאַיל: ווער איז דאָרט? עי! (קומט) ווער האָט געקלונגען? איז מען געגאַנגען עפענען?

ציליע (שטעהט אויף מיט רעספעקט): יא, פּאפּאשא, די ניאניע איז געלאָפען עפּעגען...

ראפאיל: די ניאניע איז געלאָפען! ביסט דאָך אביסעל אינגער, האָסט ניט געקענט לויפען?

חוה (הינטער דער טהיר): ווער האָט געקלונגען? (ערשיינט אלס וואזשנע דאַמע) זיי? זיי געהען שוין? (קיינער ענטפערט ניט) ראפאיל, זי וויל זיך ניט אָנטהאָן... ליעגט און וויינט... (נאטאשא קומט).

נאטאשא: גאָר נישט, באַרין, קיינער ניט... עס איז נאָר אונזער סאמואיל, מעהר גאָר נישט. (סאמואיל קומט, דערזעהט דעם פאָטער און בלייבט אין אַ פערלעגענהייט.)

ראפאיל: אפילו נאטאשא האַלט דיך פאר אַ גאָר נישט... (מיט פער־אכטונג) עס איז נאָר אונזער סאמואיל... נו, האָסט געמאַכט אַ שפּאַציער? אונזער סאמואיל!

חוה: אָט אזוי פערטיוקעט ער איהם פון קינדוויוז אָן... אַ מענש!

ראפאיל: מאַכסט עפּעס געשעפטען, הא?

סאמואיל: אי, מאַמא, הער בעסער, איך זאָל וועלען, וואָלט איך איצט מיט אמאָל געקענט כאַפּען אַ גרויסע סומע געלד... איך זיץ אזוי אין ליבערטס קאנדיטערסקי, לויפט אריין אַן אונבעקאַנטער מאַן און פרעגט מיך גאַנץ שטיל: איהר זייט ראפאיל פריעדלענדער'ס זוהן? נעהמט, זאָגט ער, אָט דעם בומאַזשניק און בעהאַלט ביז איך וועל קומען... דאָ איז זיבעצעהן־טויזענד־אכט־הונדערט־און־פיער־און־זיבעציג רובעל... ווי איך בין אַ איד. אָט אזא בומאַזשניק אָנגעשטאָפּט... איך אָבער...

ראפאיל: דו אָבער... נו, יא, דו אָבער ביסט אַ באַלוואַן! (אב)

חוה: ציליע, זעהסט, די קיראַסע איז ווידער ענג אויף מיר. (קוקט אין שפּיעגעל.)

סאמואיל: מאַמאשא, אַלע אָפּיציערען פון פּאָלק זיינען מיט מיר יעצט די בעסטע גוטע ברידער... אַליין דער פּאָלקאָווניק באַראָן אָסטען סאַקען פרעגט מיך שטענדיג: נו, ווי געהט עס ביי אייך? ווי איך בין אַ איד, טויזענד מאָל געפרעגט.

ציליע: דורך עטי'ן זיינען מיר געוואָרען מחותנים מיט'ן גאַנצען פּאָלק אָפּיציערען.

נאטאשא: אַז סאמואיל זאָגט איז ווי דער ווינד בלאָזט, און עטי'ן טשעפּעט ניט, זי האָט נעבעך גענוג אָהן אייך.

חוה (גאַנץ גלייכגילטיג): אַך, איך האָב פון עטי'ן אַזעלכע יסורים, איך געה אויס.

ציליע: יא, מען זעהט עס.

סאַמואיל: אַלע האָבען רעספּעקט צו מיר, נאָר דער פּאַפּאַ איז ניט פויל אַלע טאָג פרעגען מיך זיעבען־און־זיבעציג־טויזענד מאָל: וואָס איז מיין געשעפט? ווי איך בין אַ איד, דאָס פערדריסט, מען איז דאָך אַ מענש...

חוה: וואָס הארט דיך, נאַר? דו וועסט נאָך צייט האָבען מיט'ן געשעפט... דערוויי‍ל קאָפּעט ביי דיר ניט איבער'ן קאָפּ... ניש־קשה, ביסט איינער ביי אונז און דער טאַטע האָט געגנוג... (ראַפאַיל קומט) אָבער דער פּאַפּאַ איז דאָך דיר קיין שונא ניט... ער וויל דו זאָלסט זיין אַ מענש.

ראַפאַיל: געהט אַלע ארויס פון דאַנען און שיקט מיר אריין עטי'ן אהער! (אַלע אָב, אויסער חוה'ן) מאַדאַם, איהר מעגט זיך אויך מטריח זיין... זייט־זשע מוחל...

חוה: אַי, ראַפאַיל... איך... בין דאָך אַ מאַמע... דו וועסט בייז ווערען... פערגעס ניט, זי איז דאָך אַ דערוואַקסענע מאַמזעל... וועד קען נאָך אזוי מיטפּיהלען ווי אַ מאַמע?

ראַפאַיל: נו, יאַ, וועסט מיטפּיהלען דאָרטען... און ווי צו האַלטען זיך מיט איהר און וואָס צו זאָגען, וועל איך זיך ביי דיר ניט לערנען, זיי אַזוי גוט! (ציי‍גט אויפ'ן טהיר) זייט־זשע מוחל!

חוה: אַ ברירה האָב איך גוט צו זיין. (געהט. אַפּאַרט) ביי אַ געבילדעטען קריסט, איז אַפילו אַן אייגענע פרוי אַ דאַמע און ביי אידען איז מען נאָר אַ זייט־זשע מוחל (אָב).

ראַפאַיל (שרייט איהר נאָך): וועסט מיר אריינשיקען עטי'ן באַלד! (געהט אום, זיפצט) מיט מיין עטי'ן זאָל אַזעלכעס קענען פּאַסירען? דאָס האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלען... ניין! דאָס האָב איך זיך ניט געקענט פאָרשטעלען... געוויס, עס וועלט זיך אַן דער מוטער, אַן אַנדער מוטער וואָלט... ע! בעסער שווייגען. (זיפצט, עטי קומט, טרויעריג, ניט אָנגעטהאָן, ווי עס געהעו צו זיין, האַלט אַ בוך אין האַנד.)

עטי (שטיל און גאַנץ רוהיג): האָסט מיך גערופען, פּאַפּאַ?

ראַפאַיל: יאַ! (פּויזע) זיי וועלען באַלד אהער קומען, מען מוז היינט ענדיגען.

עטי: דו ווייסט דאָך, פּאַפּאַ, איך וועל טהאָן, וואָס דו וועסט מיר הייסען.

ראַפאַיל: איך וועל דיר הייסען חתונה האָבען וואָס גיכער און באַלד נאָך דער חתונה פאָהרסטו מיט איהם קיין אַמעריקאַ!

עטי: באַלד? פּאַפּאַ איך קען איהם אַזוי ווענינג, מיט אַ פרעמדען מענשען... אזוי ווייט.

ראַפאַיל: דאָס קען שוין אַנדערש ניט זיין, דו מוזט!

עטי: ווי דו ווערסט הייסען, פּאַפּאַ... (בויגט זיך אָן און ווישט אַ טרער, דער פאָטער זאָל ניט זעהן. נאַטאַשאַ לויפט אריין).

נאַטאַשאַ (זוכט): וואו האָב איך אַהינגעטהאָן? (כאַפּט ראַפאַיל׳ס האַנד, קושט עטי זאָל ניט בעמערקען און זאָגט גאַנץ שטיל): באַרין, גוטער מענש, זייט ניט שלעכט צו איהר יעצט. גאָט פערגיט אונז אַלע זינד, מיר דאַרפען אויך פערגעבען... זי איז דאָך אַ קינד און פערגעסט ניט איהר לאַגע... (טרערען שטיקען זי) וואו האָב איך אַהינגעטהאָן? (וואַרפט אויף עטי׳ן אַ בליק פול מיט ליעבע. אָב).

ראַפאַיל: יאַ! נאָר באַלד אין אַמעריקאַ... אַזוי דאַרף מען. די וועלט ווייסט נאָר, אַז דו האָסט צוליעב אַן אָפיציער געוואָלט זיך שמד׳ען, האָבען מיר שוין אַזוי פיעל צרות און בזיונות, היינט וואָס ווערט זיין, ווען דער גאַנצער אמת ווערט ארויס! שוין איצט זאָגט מיר מלך כאַמכע, ער ווערט מיר ניט בעצאָהלען טויזענד רובעל, וויל מיין טאָכטער האָט זיך געוואָלט שמד׳ען... פערשטעהסט אַ טענה? וואָס וועלען זיי אַלע זאָגען שפּעטער? איך בין פערבונדען מיט גרויסע פּאָדריאַדען... מיין נאָמען... מיין קרעדיט און... ע... פאַר דיר אַליין איז אויך בעסער... דאָ ווערט מען עס דיר אייביג ניט פער־געסען, אין אַמעריקאַ אָבער ווייסט מען ניט, וואָס איז געוועזען דאָ. מען ווערט דיך דאָרט ניט פרעגען, ווען האָסטו חתונה געהאַט און קיינער ווערט ניט צעהלען, וויפיעל מאָנאַט נאָך דער חתונה. (לויפט צו איהר, אַ טופּ מיט׳ן פוס, אויסער זיך) אַך, דו סקאַטינע! אַ שטילינקע, הא!... אַ מפּלה האָב איך זיך אויף דיר געקענט ריכטען! דו! — (הויבט אויף די האַנד).

עטי: טאַטעניו, איך ווייס, דיר איז זעהר שווער... אויב דו ווילסט דער׳הרג׳ע מיך. מיר איז אַלץ איינס...

ראַפאַיל (רוהיג): ער ווייסט, אַז ניט פון תענוג געהט פריעדלענדער אַ שידוך טהאָן מיט דעם כלי־זמר׳ס משפּחה... ער האָט מסתמא געהערט און פערשטעהט אַלץ... ער ווערט ניט קענען זאָגען: מען האָט איהם גענאַרט... דו דאַרפסט מיט איהם ניט רעדען, עס ווערט זיין גענוג וויפיעל איך וועל איהם געבען אָנצוהערען... נדן פערשפּרעך איך איהם נאָר צוויי־און־אַ־האַלב־טויזענד, ניט פינף טויזענד, ווי איך האָב פריהער גערעכענט צו געבען. וואָס קוקסטו מיך אָן?

עטי: פּאַפּאַ, זיי ניט בייז, איך מיין, ער ווערט אפשר זיין בעסער צו מיר, אַז דו ווערסט ניט אָבשפּאָרען...

ראַפאַיל (בייז): אָבשפּאָרען! איך ווייס, וויפיעל נדן דו פערדיענסט. פינף טויזענד! איך זאָג דיר!...

עטי: ווי דו פערשטעהסט, פאפא. (זי דריקט דעם בוך צו איהר הארצען).

ראפאיל (פריינדליך): נו, וואס שטעהסטו? זעץ דיך. (זי זעצט זיך) וואס איז דאס פאר א בוך ביי דיר?

עטי: דאס איז דער עלפטער באנד פון טאלסטאי'ס ווערק... דא אין בוך, איז דא... איך וועל דיר זאגען די ווארהייט, פאפא... (דערשראקען).

ראפאיל (פריינדליך): זעה נאר, וועגען א בוך מעגסטו דאך רעדען רוהיגער... וואס איז דא?

עטי: דא? דא איז זיין... דא איז „קרייצער'ס סאנאטע"... איך האב ערשט עטליכע קאפיטלעך געלעזען... אי, דאס מאכט אזוי מיאוס דאס לעבען, נאך מיאוס'ער, ווי איך האב פריהער געפיהלט.

ראפאיל: א בוך קען דאס לעבען ניט מיאוס מאכען. דער מענש מאכט מיאוס דאס לעבען. אט האסטו גענומען און האסט זיך דאס גאנצע לעבען מיאוס געמאכט... אהער גיב דעם בוך! (זי גיט איהם דאס בוך) עי, ציליע, אהער געה! (ציליע קומט, קוקט נייגעריג) נעהם צו דעם בוך און בעהאלט!! זי דארף ניט לעזען אזעלכע ביכער! וואס איז דאס „קרייצער סאנאטע", א ראמאן? איך האב געמיינט א סאנאטע שפיעלט מען.

ציליע: פאפא, דער גרויסער קאמפאזיטאר בעטהאווען האט אנגעשריעבען א סאנאטע פיר פיעדעל און פיאנא און האט זי געווידמעט דעם מוזיקער קרייצער.

ראפאיל: אזוי? פאר וואס־זשע רופט זיך די געשיכטע קרייצער סאנאטע?

ציליע: גראף טאלסטאי דערצעהלט, ווי א פערהייראטע פרוי פער־ליעבט זיך אין א מוזיקער, ווען זיי שפיעלעןביידע די סאנאטע און איהר מאן שטעכט זי.

עטי (שטיל): אין דעם בוך ליעגט זיין לעצטער בריעף און זיין בילד... איך וועל דאס ציליען ניט זאגען...

ראפאיל: ער האט זי גאר געשטאכען? איך וואלט איהם בעסער געשטאכען.

ציליע: איך וואלט זיי ביידען צושניטען אויף שטיקער. איך וואלט געוועז זעהר אייפערזיכטיג.

ראפאיל (שמייכעלט): אזוי? שרעקליך... נו, און דו, עטי?

עטי: איך ווייס ניט, פאפא (זי זיפצט).

ציליע: איך ווייס, זי וואלט גאר ניט געטהאן. ווי קומט זי צו זיין

איבערראַשט? זי איז דאָך אַ מענטש אָהן אַ גאַל. (אַ גלעקעל) אָ, זי געהען
שוין! (לויפט צום פענסטער).

ראַפאַיל (צו עטי׳ן): געה טהו זיך אָן באַלד!

עטי (געהט לאַנגזאַם ביז׳ן טהיר): פּאַפּאַ, דו וועסט שוין זיין ביז
אויף מיר אייביג, ביז איך וועל שטאַרבען? (פערברעכט די הענד).

ראַפאַיל: געה טהו זיך אָן! (עטי זיפצט. לאַנגזאַם אָב). ציליע,
איך וועל שיקען נאָך דיר, אַז איך וועל דיך דאַרפען. (ציליע אָב, פערגעסט
דעם בוך) ווען זי, די... די דאָזיגע זאָל עס טהאָן, וואָלט איך פערשטאַנען,
אָבער עטי? נו, געה זיי אַ חכם... (נאַטאַשאַ עפענט די טהיר).

נאַטאַשאַ: יאַ, יאַ, דער הער פּריעדלענדער איז דאָ... פּאָזשאַלויטע!
(אפרים און ביילע קומען יום-טוב׳דיג געקליידעט, ער טראָגט אַ פּליסענעם
קאַרטון).

ראַפאַיל: אוהו! קומט אריין! קומט אריין! נאַטאַשאַ, רוף אריין
די מאַדאַם און זאָג, מען זאָל דערלאַנגען בראַנפּען און פערבייסען.

נאַטאַשאַ: באַלד. (אַפּאַרט) צו זיי דאַרף עס אָנקומען אונזער עטי?
אַ שעהנע פּאָר געננז (אָב).

ראַפאַיל: זיצט... איהר זייט דאָס דער פּאָטער? איך קען אייך אַזוי
פון וויטען. (פערדרייכערט אַ פּאַפּיראָס אין אַ לאַנגען פּאַפּיראָסניק.)

אפרים: ווער קען דאָס ניט אין קרעמענטשוג אָדער אין קריוקאָוו
אפרים׳ען דעם כלי-זמר? איך האָב שטענדיג געהאַלטען אַ קאַפּעליע...

ביילע: אָי, די קאַפּעליע האָט דיך געהאַלטען.

אפרים: אויף די רייכסטע חתונות אין קרעמענטשוג, אין קריוקאָוו,
ווערכנעדנעפּראָווסק, אין קאַביליאַק זאָגאַר אין פּאָלטאַווע — אפרים מיט
זיין קאַפּעליע, זאָגאַר אין רוסישען טהעאַטער צווישען די „קאָנטראַקטען„ —
מיין קאַפּעליע. (ווישט די נאָז מיט׳ן האַנד.)

ביילע: זיי דאַרפען עס נויטיג וויסען. (שטיל) האָסט דאָך אַ
פּאַטשיילקע. (לויט) אונזער זוהן וועט באַלד קומען, ער וועט צופאָהרען
אויף אַ דראָשקע. ער וויסט שוין ווי מען דאַרף.

אפרים: ער האָט זיך מסתמא פּשוט געשעמט מיט אונז צוזאַמען צו
קומען, האָט ער אויסגעטראַכט, ער דאַרף ערגעץ צופאָהרען. איצט שעמט
מען זיך מיט אונז... ביי אונז אין די אַלטע צייטען איז געווען פּראָסט, און
ביי זיי איז היינט מיט סטיקאַטאָ, פּיטשיקאַטאָ, פּלאַזשעלעטאָ. אָה, די
מאַדאַם. (טהוט אוים זיין היטעל. חוה קומט.)

חוה: אָה, געסט... עס פרעהט מיך זעהר... ראַפאַיל, דו וועסט היינט
דאַרפען די קאַרעטע? איך האָב געוואָלט היינט אַרויספאָהרען. (ער שווייגט.)

אפרים (נייגט זיך): אפרים קאפעלמייסטער. פּאָ פּאַמיליע פּיעדלער. מיין טאטענס, מיין זיידענס, מיין עלטער־זיידענס פאמיליע — פּיעדלער. הפּנים, ווייל מיר זיינען מוזיקאנטען ז׳פּופקא...

ראַפאַיל (רויכערט): ווי אזוי? ז׳פּופקא? דאָס איז גוט.

(נאטאשא קומט, נאָך איהר אַ יונגע דיענסט טראָגט אויף אַ טאַץ פּער־שיעדענע גראַפינען, פּערבייסען, גלעזלעך.)

נאַטאַשאַ: וואוהין קריכסטו? דאָ שטעל אנידער... אזוי... נו, וואָס שטעהסטו? (דיענסט אב) מאדאם, סאַמואיל פרעגט, אויב ער מעג אריינ־געהן?

חוה: ווארום דען ניט? ער איז ניט קיין פּרעמדער... זאָג איהם, איך הייס, ער זאָל אריינגעהן.

ראַפאַיל: ווער? סאַמואיל? וואָס דאַרף ער דאָ?! ניין! (גיסט אָן גלעזלעך) נו, אַ כלי־זמר האָט מסתמא ליעב אַ קנאַק.

אפרים: ליעב? איך האָב ניט פּיינט.

ביילע: אַ שעהנע פּאַהאָדע היינט, ווי ל״ג בעומר...

חוה: דער יונגער הער פּיעדלער, ווי איך זעה, איז נאָך ניטאָ... וואָס וועט דאָ טהאָן סאַמואיל מיט אלטע לייט? נאטאשא, מען דאַרף סאַמואיל׳ן ניט רופען...

אפרים: נו, לחיים, זאָל גאָט העלפען. (טרינקט) ביי מיר איז געווען אָן אמת׳ע ריכטיגע קאַפּעליע: צווייטע פּיעדלען, צוויי; ערשטע אליין געשפּיעלט... אַ טראָמבאָן, אַ פלייטע, אַ קלארנעט, אַ קאָנטראַבאַס, אַ קעסעל־פּויק...

ביילע: מען האָט דאָך דיך געבעטען זאָלסט דאָ ניט פּייקלען אויפ׳ן קעסעל־פּויק. (לויט) אַך, וואָס פאַר אָן איינגעמאַכץ ביי אייך...

חוה: יא, אייך געפעהלט? ביי מיר שטעהט 19 באנקעס פון דעם זעלבען סאָרט... און מאַלינע, סמאָראָדינע.

אפרים: מיינע האָט אַלץ מורא, אין אזאַ הויז, איך זאָל זיך ניט אויס־רעדען עפּעס אַ כלי־זמר׳שע זאַך... ניש־קשה, מיר וועלען דאָך זיין אַם ירצה השם אייגענע מענשען... און וואָס איז דאָס די רויטע? אויך אזאַ מין משקה? (ראַפאַיל גיסט איהם אָן, ער טרינקט) אַה! עס גיט אַ כאַפּ ביים פּופּיק...

חוה: נאַטאַשאַ, וואָס דאַרפסטו דאָ? (נאטאשא האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף ראַפאַיל׳ן און די געסט... זי וויל אַוועקגעהן.)

ראַפאַיל: ניין, ניאַניע, דיר איז דאָך עטי אזוי טייער ווי יעדען פון אונז... הער אויס... דו נעהם אויך אביסעלע. (גיסט אָן.)

נאטאשא (פערשעמט): וואס רעדט איהר? גאט איז מיט אייך! (וויל ניט נעהמען, ראפאיל צווינגט זי.)

חוה: טרינק, ניאניע, דו האסט דאך ליעב אביסעלע... דאס איז אונזער ניאניע... שוין 25 יאהר ביי אונז אין שטוב... אלע קינדער ביי איהר אויף די הענד אויסגעוואקסען, און עטי'ן האט זי ליעב... כמעט אזוי ווי איך... נעהם א שטיקעל לעקעך, נאטאשא.

ביילע: עס מאכט זיך א גויה און האט אויך... ע... אזוי ווי א מענש, להבדיל.

נאטאשא (נייגט זיך טיעף צו ראפאיל'ן): אייער געזונדהייט און אויף אונזער עטי'ס גליק! (טרינקט מיט אמאל, ווישט מיט'ן ארבעל די ליפען, נעמט א שטיקעל לעקעך, אב.)

אפרים: איהר וועט גלויבען? ביי מיר אין קאפעליע האט געשפיעלט אויפ'ן קלארנעט א גוי, פלערעפענקא, פון אסטאוונאיע סאלדאטסקע מוזיקאנ־טען... א שכור... די נאז ביי איהם שטענדיג געמאזעלט... האט גערעדט אידיש בעסער פון קעלמער מגיד... פלעגט וויסען דעם חילוק פון א כשרה ביז א טרפה כלה...

ביילע (שטיל): אי! פער'שרפ'עט זאלסטו ווערען!

אפרים: הא? און ער פלעגט אמאל אזא ברום טהאן אויפ'ן קלאר־נעט, אז ביי אנדערע פלעגען אזש די ציין אייליג ווערען. (א גלעקעל) דאס איז אונזערע... לחיים. (טרינקט שנעל, ראפאיל און חוה געהען אין קארידאר.)

ביילע: אי, א פגירה זאל אויף דיר קומען, וואס טהוסטו דאס?

אפרים (גנב'עט לעקעך): פאר די קינדער, נאר. (ראפאיל, חוה און גרעגואר קומען. גרעגואר אויסגעפוצט.)

גרעגואר: ענטשולדיגט, אביסעל פערשפעטיגט.

ראפאיל (נעהמט זיין זייגער): איין האלבע שטונדע, ניט געפעהרליך.

גרעגואר: אך, וואס פאר א גרויסארטיגער זייגער. פס! (בעטראכט דעם זייגער.)

ראפאיל (רוהיג): א כראנאמעטער... טויזענד פראנק אויף דער פאריזער אויסשטעלונג. ביטע.

גרעגואר: אה, אונזערע שוין דא!... איהר זעהט מוסיו פריעדלענדער, איך שטאם פון זעהר גרויסע אריסטאקראטען... זא וואהר איך לעב, ניט מיין שולד...

ראפאיל: וואס פאר אן אריסטאקראטיע ביי אידען? ביי וועמען

די נאָז מעהר הארבאטע, ביי וועמען וועניגער הארבאטע — און אידען און גאָר... זיצט... איהר רויכערט?

גרעגואַר: דאַנקע, רויכער ניט און טרינק ניט.

ביילע: ער רויכערט ניט און טרינקט ניט? גנב!

אפרים: מיין כלל: קענסטו געבען א גוטען זופּ, ביסטו א גוטער בעל־מלאכה. (צילע קומט אויפגערעגט.)

צילִיע: ענטשולדיג, פּאפּא, איך האָב דאָ פערגעסען...

גרעגואַר (נייגט זיך): פרייליין צילִיע, האבע די עהרע. (צום פאָטער) איך האָב געהערט זי איז ביי אייך איינע טיכטיגע פּיאניסטין.

ראַפאַיל: וואָס דאַרפסטו דאָ?

צילִיע: אָך, פּאפּא, איך האָב פערגעסען דאָ די „קרייצער סאָנאטע“.

גרעגואַר: אָה, איהר שפּיעלט קרייצער'ס סאָנאטע?

צילִיע: ניין, דאָס איז טאָלסטאָי'ס ערצעהלונג... די סאָנאטע מוז זיין זעהר שווער צו שפּיעלען...

גרעגואַר: לערענט אוים די ערשטע טייל, וועלען מיר ווען־עס־איז שפּיעלען צוזאמען.

ראַפאַיל: נעהם דעם בוך און געה!

צילִיע: ענטשולדיגט. (אפּארט) א שעהנער יונג ווי גאָלד (אָב).

אפרים: נו, יא! כע! כע! איך זאָל האָבען מיין פּיעדעל, וואָלט איך אָנגעשלאָגען דעם טאָן. (גרעגואַר און ביילע קוקען זיך איבער) ע! מען מעג נעהמען נאָך א קאַפּעטשקע? די רויטע דאָ איז אַן אנטיק... איך לאָז זי אראָב מיט אַן אָקטאַווע אראָב און זי שלאָגט מיט א גאַנצע אָקטאַווע ארויף. (טרינקט).

ביילע: אפרים קום נאָר אהער. (שטיל) פערלעגען זאָל דיר דיין כלי־זמר'שע הלאַטקע מיט א באַליאַטשקע, רבונו של עולם!

ראַפאַיל (פערקנייטשט דעם שטערען): אלזאָ גאַנץ איינפאַך מכח'ן שידוך... איך פערשטעה, אז איהר ווייסט אליין — איך וואָלט מיט אייך ניט געטהאָן קיין שידוך, איך זאָל ניט מוזען... נו, איהר האָט דאָך געהערט, מיין טאָכטער האָט זיך געוואָלט שמד'ען...

חוה: אי, ראַפאַיל, זיי ווייסען דען ניט, ווער מיר זיינען? וואָס דאַרפסטו זיך אליין שפּייען אין פּנים?

אפרים: מאַלע וואָס זי האָט געוואָלט... יעדער בשר ודם וויל...

ראַפאַיל (בייז): חוה, זיי אזוי גוט, רוף אריין אין עס־צימער דעם... ווי איז אייער נאָמען?

אפרים (שטעהט אויף): מיין נאָמען — אפרים פיעדלער... האָט קיין פעראיבעל ניט... טאָמער...

ראפאַיל: ר׳ אפרים און די מאַדאַם. איך וועל זיך דאָ מיט׳ן יונגען מאַן אַליין דורכשמועסען... זייט אַזוי גוט...

חוה: טאַקע, קומט בעסער אַהין... איך האָב ווישנאָוווקע זיסע און ניט זיסע.

אפרים (שטיל צום זוהן): הערשעל, איך האָב זיך דען ניט געהאַלטען ווי אַ מענש? (ביידע פיהרט איהם אַרויס. אַלע דריי אַב.)

ראַפאַיל: איך האָב געהערט, איהר ווילט פאָהרען קיין אַמעריקאַ?

גרעגואַר: יאָ! מיינער אַ בעקאַנטער, וועלכער האָט ניט מיין טאַן, ניט מיין טעכניק, ניט מיין מוזיקאַלישע בילדונג, שפּיעלט דאָרט ערשטע פּיעדעל אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּעראַ... אַזאַ אַרטיסט ווי איך קען דאָרטען מאַכען אַ קאַריערע... איך וויל פאָהרען, אויב דאָס איז ניט געגען אייער פּלאַן...

ראַפאַיל: אָה, ניין! פערקעהט, אויב עס וועט זיין אַ שידוך, נעהם איך באַלד נאָך דער חתונה אויף מיין חשבון צוויי בילעטען פאַר אייך ביידען פון קרעמענטשוג ביז ניו יאָרק... צווייטע קלאַסע, און געזונדערהייט. אייך געפעהלט די פּאַרטיע?

גרעגואַר: זאָ וואָהר איך לעב, וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? אַזאַ פאַמיליע! שעהן, געבילדעט... וואָס אַרט מיך דאָרטען וואָס? זאָל איך נאָר געפעהלען איהר.

ראַפאַיל: וואָס עס געפעהלט מיר, געפעהלט אויך מיין טאָכטער! נאָך דער חופּה גיב איך צוויי־און־אַ האַלב טויזענד.

גרעגואַר:, איך ווייס... די וואָרהייט, פינף־און־צוואַנציג הונדערטער איז גאָר ניט שלעכט, זאָ וואָהר איך לעב.

ראַפאַיל: איך וויל ניט לייקענען, איהר איז געוועזן פערשפּראָכען שוין לאַנג פינף טויזענד.

גרעגואַר: ע! ווילט איהר ביי מיר אָברייסען צוויי־און־אַ־האַלב טויזענד, ווייל איצט זייט איהר מיט איהר אונצופריעדען?

ראַפאַיל: אַזוי מיינט זי. אייך מעג איך זאָגען: איך וויל גאָר ניט אָברייסען... דריי יאָהר נאָך דער חתונה קריעגט איהר די איבריגע פינף־און־צוואַנציג הונדערטער מיט פּראָצענט. איהר הערט? פריעדלענדער׳ס אַ וואָרט איז אַזוי גוט ווי אַ קייזערליכער קרעדיטנער בילעט... יאָ! מיט פּראָצענט... געוויס, אויב איהר וועט נאָר לעבען ווי מענשען... און זי וועט ניט האָבען קיינע אורזאַכען צו בעקלאָגען זיך...

גרעגואַר: בעקלאָגען זיך?... וואָס הייסט, מען נאַרט מיך... איך וויים דען ניט אַלעס?

ראַפאַיל: פּיליכט ווייסט איהר נאָך ניט אַלץ...

גרעגואַר: עס מעג זיין טויזענד מאָל ערגער ווי עס איז, וויל איך ניט וויסען דערפון, זאָ וואהר איך לעב...

ראַפאַיל: איהר זאָגט עס און איהר מיינט עס ערנסט? איהר גיט מיר אייער עהרענוואָרט?

גרעגואַר: מיין עהרענוואָרט, אַלס מענש און ארטיסט. (גיט איהם זיין האנד.)

ראַפאַיל (וואַרים): הערט, יונגער מאַן, איהר קענט מיך ניט... איהר ווייסט ניט וואָס פריעדלענדער איז אימשטאַנדע צו טהאָן... אי, אויב זי וועט זיין גליקליך, אויב זי וועט ביי אייך פערגעסען, וואָס זי דאַרף נעבעך איצט אויסשטעהן!... מיין פריינד, זי איז אַ יונג קינד... עלטערע און קליגערע פון איהר מאַכען פעהלערען... איהר מעגט מיר גלויבען, זי האָט געליטען גענוג... איך האָב פיינט צו מאַכען אַ מענשען געדעכט אין די אויגען, אָבער, יונגערמאַן, קיינער ווייסט ניט, ווי ליעב דאָס קינד איז מיר... (אין טרערען) זי, מיין עטי... (קעהרט זיך אָב, פּויזע, בעהערשט זיך) עך, טשאָרט וואָזמי!... אז איך וועל נאָר זיין מיט אייך צופריעדען. ניט נאָר צוויי און אַ האלב טויזענד, נעהם מיין פערמעגען, מיין גאַנצעס לעבען, מיין אַלעס! זי וועט לאַנג אַליין דאָרטען ניט זיין. ווי איך וועל נאָר קענען ליקווידירען מיינע געשעפטען, באַלד אַהין צו אייך. (ווידער טרערען) וואָס דען, איך וועל קענען לעבען אָהן איהר? נאָר שש... איהר דאַרפט איהר גאָר נישט ניט זאָגען... איך וועל אייך גליקליך מאַכען, אויב זי וועט זיין גליקליך... איך שווער עס אייך. (פּלוצלונג הוסט ער שטרענג און שרייט) עי, עטי, אהער געה!

גרעגואַר: הער פריעדלענדער, איך ראַטה אייך יעצט גוט זיין צו איהר...

ראַפאַיל: יונגערמאַן, איהר ווילט מיך פאַלגען? גיט מיר קיין מאָל קיין עצות ניט! (עטי קומט, נאָך בלאַסער, שעהן געקליידעט, גרעגואַר נייגט זיך העפליך) קום אהער צו מיר. (פיהרט זי אָן אַ זייט) ביי אונז איז אַלעס אָבגעמאַכט. דאַרפסט איהם קיינע געשיכטען ניט דערצעהלען... איך בין אַן אַלטער סוחר און האַנדעל מעשה סוחר... יעדער קונה דאַרף אַליין וויסען, וואָס ער קויפט... הם! וועסט חתונה האָבען און באַלד קיין אַמעריקאַ, ווייטער פון מיינע אויגען... נו, נו! וואָס איז אַמעריקאַ? וועסט זעהן עס איז שלעכט, באַלד אַ טעלעגראַמע און מען גט זיך אָב... אַ טאָכטער אַ גרושה איז קיין אונגליק ניט, (בייז) אַן אונגליק איז אַ טאָכטער... אזא... װעלכע

פּאַסט ניט זיין ביי פריעדלענדער׳ן אין הויז... נו! נאָר ניט געוויינט... איך לאָז אייך אַליין, דו הערסט? ניט געוויינט! (אָב, פּויזע.)

גרעגוּאַר: פריילין, איך וויים, מיר זיינען נאָך יעצט ווי פרעמדע... עס איז גאַנץ נאַטירליך, איהר קענט מיך נאָך זעהר ווייניג... מען קען זאָגען, איהר קענט מיר נאָך גאָר ניט, וואָרום אָהן מיין פּיעדרעלע, זאָ וואהר איך לעב, בין איך אַ האַלבער מענש... ווען מיין פּיעדרעלע וועט רעדען שפּעטער צו אייך, וועט אייער הארץ ניט קענען בלייבען געשלאָסען, איך וויים עס. די וואהרע שפּראַך פון אַן ארטיסט איז זיין קונסט... פריילין, איהר הערט גאָר ניט וואָס איך זאָג?

עטי (שטיל און טרויעריג): אַלזאָ, איהר האָט אייך טאַקע בעשלאָסען מיך צו נעהמען?

גרעגוּאַר: יאָ, פריילין, איך וויל האָבען די עהרע און דאָס גליק...

עטי: עהרע און גליק? ניין! איך וויל אייך ניט נארען. בעפאָר איהר וועט אייך בעשליסען מיך צו נעהמען, וויל איך, איהר זאָלט אַלעס וויסען... איך האָב מיך געוואָלט שמד׳ען...

גרעגוּאַר: אַ גרויסע זאַך! איך האָב מיך אויך געוואָלט שמד׳ען, מען זאָל מיך נאָר צונעהמען אין דער קייזערליכער אָפּערא אין פּעטערסבורג.

עטי: איך האָב געליעבט.

גרעגוּאַר: אָה! ווער פון אונז האָט ניט געהאַט קיינע ראָמאַנען? און נאָך וויפיעל ראָמאַנען! איך קען גאָר ניט איבערצעהלען, וויפיעל מאָל איך האָב געליעבט, זאָ וואהר איך לעב.

עטי: אי! איך האָב נאָר איין מאָל אין מיין לעבען געליעבט. (פּויזע) איך האָב געליעבט אַ קריסט, אַן אָפּיציער... איך וויל אייך ניט בעטריגען, מיין הארץ און מיין זעעלע האָב איך איהם אָבגעגעבען... זיינע עלטערען האָבען איהם ניט ערלויבט נעהמען אַ אידישע טאָכטער, זאָגאָר ווען זי וועט זיך טויפען... ער האָט זעהר געאַכטעט זיינע עלטערען און אָהן זייער ברכה האָט ער ניט געוואָלט חתונה האָבען... אָבער מיך פערלאָזען אין אַזאַ לאַגע, ווי איך בין שוין געווען, האָט ער ניט געקענט. ער איז געווען אַן עהרליכער מאַן און האָט עהרליך געליעבט... ער האָט זיך דערשאָסען... (פערדעקט איהר געזיכט און וויינט. נאַטאַשאַ עפענט שטיל די טהיר.)

נאַטאַשאַ: עטי, דארפסט פיליכט עטוואָס? האָסט מיך גערופען? דיטיאַטקאַ, קינד, איך שטעה ביי דער טהיר און הער זיך צו, ווייזט זיך מיר אויס, דו וויינסט... (טרערען שטיקען זי).

עטי (בעהערשט זיך): ניין, ניאַניע, איך וויין ניט.

גרעגוּאַר: איך וויל, איהר זאָלט אונז לאָזען אַליין.

נאַטאַשאַ: שוין, מיין הער, באַלד. (ווישט מיט'ן פאַרטוך די אויגען. אב.)

גרעגוואַר: איך פערשטעה ניט, וואָרום דאַרפט איהר דאָס אַלעס מיר ערצעהלען? איהר מיינט, איך האָב ניט געהערט, אַז דער שטאַבס־קאַפּיטאַן בעלאוסאָוו האָט זיך דערשאָסען?

עטי: יאַ, ער האָט זיך דערשאָסען, ער איז טויט, אבער אונטער מיין צוואוואונדעט הערץ לעבט זיין קינד.

גרעגוואַר: קינד? הו! קינד! זאָ וואהר איך לעב, דאָס האָב איך ניט געוואוסט... אָבער ערלויבען זי, היינטיגע צייטען, איבערהויפּט ווען מען איז רייך... עס גיבט מיטלען... עס זיינען דאָ דאָקטוירים, וועלכע קענען בעפרייען...

עטי: די שאַנדע און שמערץ, וואָס מיין פאָטער ליידעט, מאַכען מיר אַזוי וועה, דאָס ווען ער זאָל מיר הייסען נעהמען גיפט, וואָלט איך גענומען... ער זאָל מיר הייסען דאָס טהאָן, וואָס איהר מיינט, וואָלט איך אפשר געשוויגען און געפאָלגט... אָבער ער וויל ניט. ער און נאַטאַשאַ ווייסען אַלעס... קיינער אויסער זיי, זאָגאַר מיין מוטער ווייסט ניט, זיי ביידע זיינען מיינע בעסטע פריינד אינ'ם לעבען... אי! מיין פּאַפּאַ ווייסט ניט ווי איך האָב איהם ליעב... זיין איין גוט וואָרט מאַכט מיך גליקליך, און זיינע יסורים דורך מיר צוברעכען מיר דאָס הארץ... און די ניאַניע?... זיי ביידע ווילען דאָס ניט דערלאָזען... און דאָס, וואָס איך דערצעהל אייך איצט דעם גאַנצען אמת, ווייסט נאָר די ניאַניע, נאָר זי... (שטעהט אויף) יעצט הייסט מיר דער פּאַפּאַ, איך זאָל הייראַטען און מיט אייך פאָהרען איבער'ן אָקעאַן... איך טהו עס נאָר, וויל ער הייסט מיר דאָס טהאָן... יאַ, דאָס איז וואהר... אבער, אויב איהר, וויסענדיג אַלעס, וועט מיך ניט אָבשטויסען פון זיך, אויב איהר, פערשטענדיג מיך ווי אַזאַ פרוי פערדיענט, וועט דאָך האָבען צו מיר כאָטש אַביסעל מיטלייד... איך שווער אייך, איך וועל אייך זיין אַ שטילע, איבערגעבענע דיענסט, אָן אונטערוואָרפענע שקלאַפין. איך וועל אָפּפערען מיין געזונד, מיין לעבען, איך וועל אַלעס דולדען און ערטראָגען, אום אייער גליק זאָל ניט זיין דורך מיר געשטערט, אום איך זאָל ווען־עס־איז קענען פערדיענען אייער פערצייהונג און איהר זאָלט פערגעסען אַמאָל, וואָס איך האָב געזינדיגט געגען אייך, ווען איך האָב אייך נאָך ניט געקענט... איהר ווייסט אַלעס... טהוט ווי איהר פערשטעהט... (וויינט ווייטער, ער בלייבט זיצען פערטראַכט.)

נאַטאַשאַ (הינטער דער טהיר): עטי, דער פּאַפּאַשאַ וויל ניט דו זאָלסט וויינען. דו הערסט, עטי?

עטי: קום אריין, ניאניע, מעגסט שוין ארייננעהן. (נאטאשא קומט) אלעס איז שוין פאראיבער...

נאטאשא: אי, מיין קינד, ווען וועסטו שוין אויפהערען צו וויינען. (גלעט איהר דעם קאפ. שטיל). ער ווייס שוין אלעס? בעסער אזוי!... מען טאר ניט פערלייקענען... טס. (א גערויש) ער אליין געהט. (מאכט א פרעהליכען געזיכט. ר א פ א י ל קומט און בעטראכט זיי.)

ראפאיל: נו, מען האט דא געטענה'ט און געוויינט... איך זעה שוין...

גרעגואר (ערוואכט ווי פון שלאף): אבער אלעס איבערגע'טענה'ט און איהר קענט אונז גראטולירען...

ראפאיל: אזוי? זי געפעהלט אייך דאך? הם! הערט, איך האב אייך פריהער פערגעסען זאגען, אז... ע... אויסער בילעטען ביז אמעריקא קריעגט איהר פינף־הונדערט רובעל אויף וועג־הוצאות, און... ע... איהר גיב איך ניט קיינע פרעזענטען! זי האט ניט פערדיענט ביי מיר! אבער אייך, איך האב בעמערקט, אייך געפעהלט מיין זייגער, איהר קענט איהם האבען. (גיט איהם זיין זייגער) נאטאשא, רוף זיי אלע אהער. (נאטאשא אב) עי, ציליע, קום נאר אהער! (ציליע לויפט אריין) געה, ווינש גליק דיין שוועסטער. (ציליע קושט זיך מיט עטי'ן, דריקט שטארק גרעגואר'ס האנד. סאמואיל קומט.)

סאמואיל: האבע די עהרע צו גראטולירען... איך האב פיעל מאל געהערט, ווי איהר האט געשפיעלט קאנצערט אין וואיענע קלוב.

גרעגואר: איך? אין וואיענע קלוב?

סאמואיל: איך מיין, אין אבשצעסטוועננע קלוב... אויסגעצייכענט... איהר האט ניט געבראכט אייער פיעדעל? שאדע, געווים אן אלטער איטא־ליענישער אינסטרומענט... איך האב א בעקאנטען פאמעשטשיק, טרעמפוכ־אוויטש, האט ער א א וויאלאנטשעל, וועלכע קאסט זיבעצעהן־טויזענד רובעל, ווי איך בין א איד זיבעצעהן־טויזענד... זי איז צוויי טויזענד פיער הונדערט יאהר אלט... (גרעגואר רעדט מיט ציליען.)

ראפאיל: סאמואיל, קום אהער. (זאגט איהם עפעס) נא, רויכער א פאפיראס. (חוה, ביילע, אפרים און נאטאשא קומען).

אפרים: הייסט עס, קומט מיר שוין א מזל טוב? אי, א שנור! הלואי וואלט איך בעסער געוועזן זיין טאטענס זוהן. ווי זאגט מען, דעם הונד קומט אן דער בעסטער ביסען.

ביילע (שטיל): וועסט שוין אין דער היים קריגען פון מיר א ביסען, וועסט זיך דערווערגען!

חוה (פאלט אויף עטי'ס שולטערן): זעהט זיך אָן א שטילער, א העפליכער... אי, דו וועסט זיין גליקליכער ווי די מאמע דיינע!...

עטי: אָה, מאמא, ווען ער וואָלט כאָטש וויפיעל־עס־איז געווען עהנליך צום פאפא... איך וואָלט מיין גאַנץ לעבען פאר איהם אויף די קניע געשטאַנען און ווי א גאָט אַנגעבעטען... מאמא, איהר לעבט מיט פאפא דרייסיג יאָהר און איהר זייט נאָך ניט בעקאַנט...

ביילע (פיהרט גרעגואר'ן אָן א זייט): נו?

גרעגואַר: נו, נו. צוויי־און־א־האַלב טויזענד באַלד, צוויי־און־א־האַלב טויזענד שפּעטער, צוויי בילעטען צווייטע קלאַסע ביז אַמעריקא, פינף־הונדערט רובעל אויף הוצאות, א זייגער שוין, זאָ וואָהר איך לעב, קאָסט טויזענד פראנק און...

ביילע: אי, מחותנת'טע, מזל טוב אייך! (פאלט חוה'ן אויפ'ן האלז.)

ציליע: מוסיו פיעדלער, מיר וועלעןביידע עפּעס שפּיעלען אין פיער הענד. (זעצען זיך ביידע צו דער פּיאַנאָ).

גרעגואַר: יא, מיינע ליעבע... ניט אומזיסט איז אייער שעהנער נאָמען ציליע... צעציליע איז די הייליגע בעשיצערין פון דער מוזיק.

אפרים (צו ראפאיל'ן): מחותן, וואָס אנבעלאַנגט צו חכמת המוזיק, טהעאָריע, האַרמאָניע, גענעראַלבאַס, קאָנטראַ־פּונקט — א קענער, פּס... און צו־ביסלעך וועלען מיר דאָך נעהמען מסתמא, הא?

(אַלע ביים טיש טרינקען און פערבייסען. ציליע און גרעגואַר שפּיעלען אין פיער הענד.)

עטי (זעצט זיך, שלעפּט צו זיך נאַטאשא, זי זאָל זי פערשטעלען מיט איהר קערפּער): ניאַניע, איך וויל וויינען, אָבער שטיל, שטיל, דער פאפא זאָל ניט זעהן... איך קען זיך ניט בעהערשען... איך האָב מורא, וועל באַלד אָנהויבען יאָמערען אויפ'ן גאַנצען קול.

נאַטאַשאַ: שש!... שטארק זיך, קינד מיינס... מיין אָרימע שעפעלע.

עטי (פאלט איהר אויפ'ן ברוסט און וויינט שטיל): אי, ניאַניע, ניאַניע, ניאַניע!

(פ אָ ר ה א נ ג.)

צווייטער אקט.

(אַ שעהנער פּאַרלאָר רום, פּיעל טשערס, אַ פּיאַנאָ, אויף וועלכער עס שטעהט בעטהאָווענ'ס סטאַטוע און עס ליעגט אַ וויאָלין אין אַ שאַכטעל. אפרים אוןביילע בעטראַכטען אַלע זאַכען אין צימער. אַלבערט, אַ אינגעל פון אַ יאהר זיעבען, בלאַס און קרענקליך, גיט זיי ערקלערונגען. אין צווייטען צימער לערנט זיך אימיצער שפּיעלען פּיעדעל. גרעגואַר מאַכט אָפּט בייזע בעמערקונגען. אַלע רעדען מיט אַ האַלבער שטימע, פאַרזיכטיג.)

אפרים: נו, ראָבערט, אַלבערט-מיין איך, און וואָס איז דאָס ?

אַלבערט: דאָס איז בריק-אַ-בראַק, גרענד-פּאַ...

אפרים: דו הערסט, ביילע ? דאָס איז בריק-בראַק-גרענפּאַ...

ביילע (זיפצט): נו, יאַ, אַמעריקאַ איז בריק און בראַק.

אפרים: און גרענפּאַ אויך... דו הערסט דאָך, וואָס ראָבערט, אַלבערט מיין איך, זאָגט...

אַלבערט: ניין, זיידע איז גרענפּאַ...

אפרים: נו, יאַ, וואָס זשע איז דאָס גרענפּאַ ?

ביילע: הערסט דאָך: גרענפּאַ איז זיידע (קוקט זיך אום). זעה נאָר, וואו איז עטי ?

אַלבערט: מען דאַרף איצט דעם פּאַפּאַ דערלאַנגען זיין „קאָפּ“ טשאָקאָלאַד...

אפרים: דו הערסט ? דיין יורש דערלאַנגט מען טשאָקאָלאַד...

ביילע: אַ גדולה אויף זיין טאַטע'ן, נו, און טאַנטע ציליע וואו איז ? זי איז שטענדיג דאָ ביי אייך ?

אַלבערט: ניין, זי וואוינט מיט'ן אַנדערען גרענפּאַ אין דער קאָנטרי... נאָר אין שטאָדט געפעהלט איהר בעסער... זי קומט זעהר אָפּט און שטעהט ביי אונז אַ וואָך, צוויי. זי איז איצט געפאָהרען דאַון-טאַון זעהן אָנקעל סעמואיל... ער איז זעהר אַ גוטער צו מיר... און אָט געהט די מאַמאַ (עטי קומט מיט אַ טאַסע שאָקאָלאַד).

עטי (געהט אויף די שפּיץ פינגער): טס ! רעדט ניט אזוי הויך (קלאַפּט אין טהיר), פּראָפעסאָר, שאָקאָלאַד.

אפרים: פּראָפעסאָר ! דו הערסט ? ניט ווי דו רופסט דעם מאַן כלי-זמר'שע קישקע.

אלבערט: אלע רופען דעם פאפא פראפעסאר (עטי האט דערלאנגט אין טהיר דעם שאקאלאד).

עטי (שטיל): זיצט... שש! געוואוינט איהר אייך צו מיט אמעריקא? קום אהער, אלבערט, וואס איז דיר? פיהלסט זיך ניט גוט? (נעהמט איהם צו זיך אויף די קניע).

ביילע: שעהנע אמעריקאנער! ווען מיר פאהרען אהער בלאנדזשען מיר... די סטאנציע איז 76 און מיר דארפען 72, זאג איך איהם אבער, אז מיר דארפען ביז 72 געהן אראב און ער קריכט ארויף... נו, זיינען מיר פער־קראכען...

אפרים: ווי אזוי ווייס איך, וואו איז אין אמעריקא ארויף און וואו אראב? עס זאל זיין א בארג, נו?... אבער אז דא איז ארויף און אראב גלייך... איך האב געפרעגט, איך האב זיך ניט געשעהמט... סעוואנטי טו? זאג איך, לאכט ער, סעוואנטי טו? זאט ער, סעוואנטי סעקאנד... איך האב צוקייט נאכדעם, סעקונד איז ווי ביי אונז כלי־זמר סעקונדע... וואס זשע דארף מען זאגען פרימע סטריט, סעקונדע סטריט, טערצע סטריט? אין לעטיין, הא? (זינגט נאך דעם עטיוד, וואס מען שפיעלט, טע דע) אי! פאלש! דער פראַ־פעסאר הערט ניט... דו הערסט ווי פאלש? ראבערט, אלבערט מיין איך.

ביילע: קיין בייזע אויג. אלבערט איז אזא וואוקסיגער. פאר וואס איז ער ביי דיר אזוי בלייך? מחשבות'ן וויפיעל איז ער אלט?

עטי: זיעבען יאהר געווארען, דאס אכטע.

ביילע: דאס אכטע? האסט א טעות... וואס זשע, האסט איהם גאר ניט געטראגען?

אפרים: האבען און טראגען — דאס איז די גאנצע ווייבערשע מוזיקע..

עטי: איך מיין, יא! איך רעכען שטענדיג אזוי ביינאהע... איהר זייט גערעכט.

אלבערט: גרענד פא, איהר ווייסט, דער פאפא האט מיך ניט ליעב.

עטי: אלבערט! שווינגער, איהר האט מיר וועניג נייעס ערצעהלט פון קרעמענטשוג.

ביילע: זעהסט, א קינד און פערשטעהט שוין וואס פאר א מענש זיין טאטע איז.

אלבערט: איך שטעה און ציטער... איך ווייס, דאס איז דער לעצטער שילער און באלד וועט ער מיך רופען שפיעלען.

עטי: קען דיין לעסאן, וועסטו ניט דארפען מורא האבען. גענוג רעדען!

אלבערט: איך דערשרעק זיך פאר איהם און פערגעס אלץ. גרענפא,

אין רוסלאַנד אַז מען שעלט זיך, רופט מען אַפּיציער? נאָר עפּעס זאָגט דער פּאַפּאַ... (אפרים און ביילע קוקען זיך איבער).

עטי: אַלבערט, איך זאָג דאָך דיר, דו זאָלסט שווייגען! ע, שוויגער, האָט איהר עפּעס אַ רעכטע וואוינונג? איך האָב געוואָלט אַראָבפאָהרען.

ביילע: לאָזט דיך ניט דער פּראָפעסאָר... איך וויים! אַי, אַ דירה, דריי ענגע שפּיי־קעסטעלעך.

אפרים: אַז ביילע וויל זיך שעלטען, האָט זי אפילו ניט, וואו צו עפענען דאָס מויל און אַז איך האָב זיך אויסגעקליבען אַמאָל דורכשמועסען זיך מיט מיין פּיעדעלע, וועלכע איז נעבעך געלעגען, ווי אַן עגונה פון קרעמענטשוג אָן, האָט מען באַלד אָנגעהויבען קלאַפּען פון אויבען און שטורכען פון אונטען... אַי, און וואָס מאַכט פּאַרט דער מחותן ר' רפאל? איך האָב איהם אַזוי געוואָלט זעהן און בעדאַנקען פאַר די שיפס־קאַרטען. אַן אייגענער זוהן האָט ניט געוואָלט שיקען נאָך אַזאַ ליעבען טאַטע און אַזאַ טייערע מאַמע, און דער מחותן האָט געשיקט. דאָס איז מסתמא דיינע שתדלנות, עטי, ביזט אַ גוטע, עס איז וויים פון דאַנען? וואָס איז דאָס, אַזוי ווי מען רופט ביי אונז אַ אימעניע, אַ מאַיאָנטיק?

עטי: אַ גרויסע פאַרמע, לעבען דער שטאָדט האַרטפאָרד. דער פּאַפּאַ האָט בעצאָהלט 35 טויזענד דאָלאַר. 2 טויזענד אַקער ערד, זעכציג בהמות, שאָף, פערד, מולען, מאַשינען, וועגען, קאַרעטען... זעהר אַ גרויסע פאַרמע. מאַנכעס מאָל פאָהרען מיר אַהין אויף קריסטמעס. עס איז ניט וויים...

ביילע: מחשבות'ן, זיי זיינען שוין דאָ אַ קימאַ לן פון אַ יאָהר פיער.

עטי: יאַ, זיי זיינען געקומען דריי יאָהר נאָך אונז.

אפרים: איך געדענק, ווי דער מחותן האָט זיך געאיילט... איך מוז זיי, זאָגט ער, פּונקט דריי יאָהר נאָך דער חתונה ברענגען 2½ טויזענד רוסישע קערבלעך, ווי איך האָב צוגעזאָגט. אַי, הלואי האָב איך אַזאַ שווער.

עטי: דער פּאַפּאַ איז נעבעך זעהר אַלט געוואָרען. אויף דער פאַרם געהט שלעכט, ער איז אַליין... סעמואיל איז דאָ אין ניו יאָרק און ציליע... נו, וואָס קען ציליע העלפען? נאָר די ניאַניע נאַטאַשאַ איז די איינציגע הילפע... גוטע זעעלע!

אפרים: אַ פּראַוואָסלאַווגע גוי'ע זאָל זיין אַזוי טריי! ניט אַנדערש, זי האָט אין זיך אַ גלגול פון אַ אידען.

ביילע: אויף דער עלטער, מיט אידען, אין אַ פרעמדע מדינה. טאַקע אַ דימענטענע גוי'ע, להבדיל אַ כפרה (עטי הערט זיך צו, לאָזט שנעל אַראָב דאָס קינד פון שוים).

עטי: דער שילער געהט אַוועק, גרעגואַר וועט באַלד אַריינגעהן.

גרעגואַר (ביים טהיר): יעס, גוד ביי (אריין, רויכערט אַ סיגאַר, טראָגט אַ שעהנעם סמוקער) אַה, איך הער, ווער ברומט דאָ מיר אונטער'ן אויער? (צו אַלבערט) העריין!

אפרים: הער, מילאַ, עס מוז דאָך זיין אַן עק מיט דער יוניאָן. עס קאָסט צעהן סענט פּאָהרען אַרויף און צעהן סענט אַראָב!

גרעגואַר: שפּעטער! ציליע, נאָך ניט געקומען? עטי, קענסט זיי ניט נעהמען אין דייגינג רום? טאָמער קומט אימיצער, זעהר שעהן, די רוסישע גרינהאָרנס, שנאָרערס.

ביילע: איך וואָלט שוין געוואָלט זעהן וואָס מען קען ביי דיר אויס־שנאָרען.

עטי: נעהם דיין פּיעדעלע און געה שפּיעלען (אַלבערט אָב). קומט, איך וועל מאַכען טהעע, מיר האָבען אמת'ע רוסישע טהעע, פּאָפּאָוו'ס... גרעגואַר, איך בין שולדיג, וואָס אַלבערט וועט היינט ניט קענען גוט זיין לעסאָן. ער האָט געפּיהלט שלעכט, האָב איך איהם ניט געלאָזט לערנען... (צווינגט זיך צו לאַכען) נו, קרעמענטשוג, לאָזט זיך ניט בעטען! (אפרים, ביילע און עטי אָב).

גרעגואַר (קעמט דעם שנורבאָרד מיט אַ קליין בערשטעלע ביים שפּיע־געל): אַז ציליע איז ניטאָ אין שטוב, איז ניטאָ קיין אינטערעס אין דער היים... אַז זי איז דאָ, ווילט זיך רעדען, לאַכען, שפּיעלען... דער טייפעל זאָל זי נעהמען, זי קריכט מיר פון קאָפּ ניט אַרויס... שפּיעל איך, — מוז איך דענקען פון איהר. בין איך ערגעץ — אייל איך זיך אַהיים צוליעב איהר... זאָ וואָהר איך לעב... דאַכט זיך שוין אַן אַלטע מויד און ברעקעלט זיך נאָך... זי רייצט זיך נאָך מיט מיר... אָבער סוף כל סוף, וועל איך זיך מיט איהר אָברעכענען... כע! כע! כע! נו, מען דאַרף געהן לערנען מיט מיין ווייב'ס זוהן... (אָב, אין צווייטען צימער בייז) אָנפּאַנגען! (אַלבערט שפּיעלט).

עטי (שליסט אויף די פראָנט־טהיר און קומט אריין שטיל): איך האָב זיי געזאָגט, איך געה אין דעליקאַטעסען סטאָר און אַליין האָב איך זיך אריינגעכאַפּט אַהער (הערט זיך צו). מיין האַרץ וועט צוריסען, ווען ער לערענט מיט איהם און ניט לאָזען איז נאָך ערגער (הערט זיך צו). אָי, ער שפּיעלט ריכטיג... ער שפּיעלט ריכטיג (הערט זיך צו און דיריגירט מיט'ן פינגער, צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ).

גרעגואַר (אין צווייטען צימער): עי! עי! טעמפּאָ! טעמפּאָ! כאַם! באַלוואַן! (דאָס פּיעדעלע שפּיעלט ניט, עטי זיפצט) נו, וויטער! (שפּיעלט) איינס, צוויי, דריי, פּיער! איינס, צוויי, דריי, פּיער! קענסט ניט צעהלען קיין פּיער פערטעל? פערשטאָפּטער קאָפּ! אָפּיציער! (דאָס פּיעדעלע ווערט

ענטשוויגען) נו, (פויזע) נו? שפּיעלט אָב צוויי טאַקטען און שטעלט זיך אָב... נו, זאָג איך, נו! נו! (מען הערט, ער שלאָגט דאָס קינד, וועלכעס שרייט ערשראָקען „פּאַפּא! פּאַפּא!").

עטי: ער שלאָגט איהם ווידער, וועה איז מיר! (קעמפּפט מיט זיך אַליין ביי דער טהיר) ניין! ניין! איך וועל זיך ניט אריינמישען... עס איז נאָך ערגער... ער ווערט וואהנזיניג און שלאָגט איהם נאָך גרויזאַמער... אַי, אונגליקליכעס קינד!

גרעגואַר: פאַרט פון דאנען, באַלוואַן! פאַרט! (וואַרפט ארויס אַל־בערט'ן און בלייבט אַליין אין צווייטען צימער).

עטי (דריקט דאָס קינד צו זיך און קושט): שש! וויין ניט... וויין ניט...

אַלבערט (וויינענדיג מיט אַ פערשטיקטער שטימע): מאַמא, ווען דער פּאַפּא שלאָגט מיך איבער'ן קאָפּ, הויבט מיר אָן שווינדלען אין די אויגען... (גרעגואַר קומט).

עטי: שש! (לאָזט איהם אראָב פון די קניע).

גרעגואַר: נו, וואָרום האָסטו איהם אויפגעהערט טרייסטען? דיין גאַנצע ליעבע קומט דאָך איהם אָן... קענסט שענקען ליעבע נאַר ווי אַ גנב, הא?

עטי: איך וויים, דיך קרענקט, ווען איך צייג ליעבע צו איהם און איך וויל דיך ניט קרענקען... ווייסטו דאָך דאָס ניט? אַלבערט, געה, וואַש דיך אָב און זיי דאַרטען מיט'ן זיידען און מיט די באָבע (אַלבערט אָב).

גרעגואַר: מיט זיין זיידען און מיט זיין באָבען, כע! כע! כע!

עטי (מאַכט זיך ניט הערענדיג): גרעגואַר, איך בעט דיך, שלאָג ניט דאָס קינד איבער'ן קאָפּ. עס איז זעהר שעדליך.

גרעגואַר: אַזוי? שעדליך? ווער האָט עס דיר געזאָגט? דער אָפּיציער דיינער אָדער דער גלח, ווען ער האָט דיך פאַר'ן שמד'ען געלערענט האָספּאָדי פּאָמילוי? (זי פערברעכט די הענד און לאָזט אראָב דעם קאָפּ. ער געהט אום אויפגעערעגט) שלאָגען איהם! עס הייסט, איך שלאָג איהם, ווייל איך רעכען עפּעס? מיט אנדערע האָב איך געדולד, מיט איהם ניט. פערקעהרט, איך האַלט זיך נאָך איין, ווייל איך וויים, מען וועט מיינען איך שלאָג איהם דערפאַר... ווען אָבער איך זאָל האָבען מעהר רעכט אויף איהם, ווען ער זאָל טאַקע זיין מיינער, וואָלט איך איהם דער'הרג'עט אויף טויט... זאָ וואהר איך לעב... פּשוט, מען טאָר מיט אָן אייגענעם ניט לערנען... גענוג, איך לערען מעהר ניט מיט איהם... איך וועל בעסער צאָהלען פאַר איהם פּראָפעסאָר וויל־דערמייערען. עס וועט זיין געזינטער פאַר מיר, פאַר איהם, און פאַר דיר אויך... עטי, דו הערסט?

עטי: איך הער און דערפאַר דאַנק איך דיר זעהר.

גרעגואַר: יא? נו, ביזטו שוין ניט בייז אויף מיר?

עטי: ווער גיט מיר רעכט בייז צו זיין?...

גרעגואַר: קיין פרוי האָט ניט קיין רעכט בייז צו זיין... אַ פרוי האָט נאָר רעכט צו ליעבען און צו זיין גוט (נעהמט זי צו זיך אויף די קניע) נו, אַז דו ביזט ניט בייז, גיב מיך אַ קוש אהער אין די ליפּען אריין... אנדערע פרויען האָבען אזוי ליעב מיינע ליפּען, זיי בייסען מיך, ווען זיי קושען, נו! (זי קושט קאַלט) פון דעסטוועגען האָב איך אַ היבשע ווייבעל, זאָ וואהר איך לעב. איך ווייס, אנדערע זיינען מיר מקנא... און אַז איך זעה, אַז מען איז מיר מקנא, געפעהלסטו מיר בעסער (אומאַרעמט זי). ווייסט וואָס, עטי קום צו מיר אַ ביסעל (שטעהט אויף).

עטי: דיינע עלטערען ווארטען דאָרטען אויף אונז...

גרעגואַר: אַ גרויסע זאַך! זיי קענען ווארטען... נו!...

עטי: מיר טהוט איצט אזוי וועה דאָס הארץ.

גרעגואַר: ווידער דיינע אַלטע שטיק. נאָך ניט אויסגעלערענט? איך וויל וויסען: געהסט, צו ניין?

עטי: יא! איך געה, (זיפצט, ער זאָלט ניט בעמערקען און געהט).

גרעגואַר: כע! כע! ניין! איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויספּרואווען. בין איך ניט דיין מאַן? דאַרפסטו ניט טהאָן אַלץ, וואָס איך פערלאַנג? קום אהער! זעץ זיך דאָ לעבען מיר. (זעצען זיך ביידע אויף אַ סאָפקע) ע! וואָס האָב איך דיר געוואָלט פרעגען? פריהער אַז דו האָסט מיך אַ קוש געטהאָן, זיינען דיינע ליפּען געוועזען קאַלט ווי אייז... זאָג מיר, איך וועל ניט בייז ווערען, זאָ וואהר איך לעב. גלאַט אזוי, מיר ווילט זיך וויסען... אַז דו פּלעגסט איהם קושען....

עטי: אה, גרעגואַר, האָסט זיך ווידער דערמאָהנט?...

גרעגואַר: איך וועל ניט בייז ווערען. אַ יאָ, דיינע ליפּען האָבען דאַמאָלס געברענט, הא?

עטי: איך ווייס ניט.

גרעגואַר: פּלעגט ער דיר דען ניט זאָגען? (שווייגט) ווייסט דען ניט? (אויפגערעגט) איך בין רוהיג. זאָ וואהר איך לעב. גלאַט אינטערעסאַנט צו וויסען... ער האָט דיר געזאָגט, הא?

עטי (גאַנץ שטיל): יא!

גרעגואַר: זעהסט! דו! (בעהערשט זיך) זאָג דעם אמת, דו פּער־גלייכסט איהם אמאָל מיט מיר? ער איז געוועזען אַ געזונדער, אַ שטאַרקער, אַ הויכער?

עטי: ניין, ער איז געווען ניעדריגער פון דיר...

גרעגואר: ניט דאָס מיין איך... זאָג, דו ווייסט וואָס איך מיין...

עטי: זאָל מיך גאָט שטראָפען, אויב איך ווייס וואָס דו מיינסט. אָה, גרעגואר, דער מאַן איז שוין לאַנג טויט...

גרעגואר: אָבער דו האָסט איהם ניט פערגעסען?

עטי: איך וויל ניט זאָגען קיין ליגען; איך האָב איהם ניט פערגעסען...

גרעגואר: איך פערשטעהע שוין גוט, פאַרוואָס דו קענסט איהם ניט פערגעסען... מיך ווعסטו ניט נאַרען! דו האָסט געהאַט איין ליעבהאָבער, איך האָב געהאַט פּראַקטיקע מיט צוואַנציג אַזעלכע ווי דו... איך ווייס שוין פאַר וואָס דו האָסט איהם ניט פערגעסען...

עטי: איך האָב איהם ניט פערגעסען, ווייל איך האָב איהם ליעב געהאַט.

גרעגואר: ליעב געהאַט! אויסגעלאַסענע פרוי! בוהלערין! (גיט איהר אַ פּאַטש, איין אויגענבליק בלייבט זי איבערראַשט).

עטי (כאַפּט בעטהאָוועןʼס סטאַטוע): ווידער שלאָגען? (וויל איהם פּלעטען דעם קאָפּ, ער דערשרעקט זיך און בויגט זיך צונויף. גיט אַ קוק אויף איהם מיט פעראַכטונג). ניין, איך דאַרף ניט...(לאָזט אַרויס די סטאַטוע פון איהרע הענד).

גרעגואר: כי! כי! כי! האָסט מיך אַזוי דערשראָקען, אַז מיר ווילט זיך לאַכען, זאָ וואַהר איך לעב, איך וויל בייז זיין און עס לאַכט זיך. כאַ! כאַ! ביזט פּלוצלונג געוואָרען ווי דער אַלטער פריעדלענדער... כע! כע! ווייל איך האָב ניט ערוואַרטעט, האָב איך זיך דערשראָקען... געשלאָגען גאַר? עס איז ניט וואַהר... איך האָב אפילו ניט געמיינט... אַזוי... עס האָט זיך אַרויסגע־ריסען... עס האָט דיר דען וועה געטהאָן? ווייס איך, אַ גלעט געטהאָן איבערʼן בעקעל... זאָ וואַהר איך לעב, איך האָב ניט געמיינט. נו, נעהם און גיב מיר צוריק צעהן פּעטש (כאַפּט איהרעביידע הענד און פּאַטשט זיך איבער די באַקען). אָט אַזוי! אָט אַזוי! דו זאָלסט מיר ניט זיין טייער, וואָלט מיך ניט פּערדראָסען. אָבער איך האָב ניט געמיינט, זאָ וואַהר איך לעב (קושט זי ליי־דענשאַפטליך אין די הענד, אין די באַקען. אפרים און ביילע שטעלען אַרויס די קעפּ דורך די פּאָרטיערען און קוקען)...

ביילע: עטי, דאָס ביזטו אַזוי אין „דעלמיקאַטעסען“ סטאָר? אי, נאָך ניט אָנגעקושט זיך.

אפרים: דער פּראָפעסאָר שפּיעלט אַן אָוועורטיורע מיט דער פּראָפּע־סאָרשע... כע! כע!

גרעגואַר (בייז): אין אַמעריקאַ דאַרף מען פריהער אָנקלאַפּען איידער מען געהט אַריין...

אפרים: נו'ם איך אַקאָרשט פריהער זיין אין אַמעריקאַ... דיינע יונ־יאָנס לאָזען דאָך מיך ניט אין אַמעריקאַ אַריין! אפרים כלי־זמר קען דאָ גאָר קיין כלי־זמר ניט זיין, וואָס איז דאָס אַ געזעץ פון פּאָליציי, צי פון קהל? (מען הערט אַ שטאַרקען גלעקעל, שפּעטער אַ גערויש).

גרעגואַר: פּאָליציע! קהל! איך וויים ניט, וואו וואַקסען אויס אַזעלכע מענשען. (אַלבערט לויפט אַריין מיט אַ גרויסען אימפּעט).

אַלבערט: אי, מאַמאַ! (אַ קוק אויף גרעגואַר'ן און ווערט ענטשוויגען).

גרעגואַר: וואָס איז דאָרט? באַלוואַן!

אַלבערט (ציינט מיט'ן האַנד): געקומען!... (מען הערט ראפאיל'ס שטימע).

ראפאיל: וואָס איז דאָס, זשמורקעס? וואו האָבען זיי זיך בעהאַלטען דאָרטען? (קומט מיט אַ סעטשעל, נאָך איהם נאַטאַשאַ מיט אַ באַנקע וואַרעניע).

עטי (אויסער זיך פון פרייד): פּאַפּאַ! (פאַלט איהם אויפ'ן האַלז) באַבושקאַ! ניאַניע! (קושט נאַטאַשאַ'ן, בלייבען ביידע צוזאַמען).

ראפאיל: נו, וואָס מאַכט איהר דאָ? (דריקט די האַנד גרעגואַר'ן) אהא, דער מחותן דאָ... שלום עליכם... נו, מחותנת'טע, ווי שמעקט אייך אַמעריקאַ?... מיינער געפעהלט ניט, איהר שמעקט ניט...

אפרים: מחותן, איך האָב ערשט דערמאָנט, פאַר די שיפס־קאַרטען קומט אייך...

ראפאיל: אה! פּוסטיאַקי! נו, עטי, זעהסט אויס גאַנץ היבש, די אויג־לעך גלאַנצען, די בעקלעך ברענען.

עטי: רויט מיינע באַקען? נו, יאַ, אַזוי איז דאָס אין פאַמיליען־לעבען: אַמאָל זיינען די באַקען בלאַס, אַמאָל רויט.

ביילע: אַזאַ באַנקע מאַלינע וואַרעניע ביי אונז אין קרעמענטשוג... אי, מחותן, מיר האָבען זיי ערשט געטראָפען... קושען זיך, האַלזען זיך... אַ דעלימעקאַטעסען סטאָר.

ראפאיל: אַזוי גאָר? הייסט עס, אָלל־רייט, הא? נו, און וואָס הערט זיך אין קרעמענטשוג? דו, פּראָפעסאָר, דיר האָט זיך געגלוסט מיין פענקאָוועץ סיגאַרענשפּיץ, נאַ! וואָס דאַרף איך איהם אין דאָרף? (גיט איהם אַ טייערען סיגאַרענשפּיץ).

גרעגואַר (ענטציקט): דאָס איז אַ פּרעזענט, איז אַ פּרעזענט... (אַלבערט קוקט נייגעריג).

עטי: פּאפּא, און וואָס האָסטו אַלבערט'ן געבראַכט?

ראפאיל (קאַלט): אַלבערט'ן? פערגעסען... נאַ, קויף זיך אליין עט־וואָס (גיט איהם קליין געלד).

גרעגואַר: פּאפּא, ווי געהט דאָס אויף דער פּארמע? ווארום איז די שוויגער ניט געקומען?

ראפאיל: אויף דער פּארמע? יאָ! עס געהט אָל־רייט. אַלע זיינען זיך צולאָפּען, האָט די שוויגער געמוזט בלייבען אין דער היים. איך האָב געבראַכט נאטאשא'ן... דו ווייסט, עטי, זי איז די לעצטע צייט אומעטיג און בענקט נאָך רוסלאנד, האָב איך זי געבראַכט אין ניו יאָרק. אז ביי נאטאשא'ן וועלען זיך אַבלאָזען די הענד, געהט די גאַנצע פּארמע פּראַכאָם! נו, אז זי וועט זעהן איהר עטי, ווערט זי דאָך שוין לעבעדיגער. און דערצו, מיר האָבען געהערט, עס איז דאָ אין ניו יאָרק אַ רוסישע פּראַוואָסלאַוונע קירכע, זאָל זי אַבדאַוונען אַ פּאָר מאָל, ווי איהר גלויבען פּאָדערט, וועט זי ניט בענקען... נו, און אונזער מאַמזעל ציליע ניטאָ דאָ? (בייז) זיי שפּאַציערען דאָ אום אין אַמעריקאַ!... שפּיעלט איהר שוין מחותן?

ביילע: וואָס הייסט ער שפּיעלט? נו, און די יוניאָן?

אפרים: איהר פערשטעהט? איך, אפרים כלי־זמר, וואָס איך בין כלי־זמר נאָך ז'פּופּקאַ, איך דאַרף פריהער דערלאַנגען אַ פּראָשעניע, מען זאָל מיר ערלויבען זיין אַ כלי־זמר, און אז מען וועט מיר ערלויבען זיין אַ כלי־זמר דאַרף איך, אַלטער כלי־זמר, האַלטען עקזאַמען אויב איך קען זיין אַ כלי־זמר, און אז איך קען זיין אַ כלי־זמר, דאַרף איך אריינטראָגען 25 דאָלאַר, אז איך מעג זיין אַ כלי־זמר, און אז איך מעג שוין זיין אַ כלי־זמר דאַרף איך שטעהן אויף דער אָטשערעדע, ביז וואַנען מען וועט מיך הייסען כלי־זמר זיין... אי, איך בין שוין 40 יאָהר אַ כלי־זמר, אי, איך וויל עסען, אי, איך האָב ניט קיין 25 דאָלאַר? ענטפערען זיי מיר: אַ יוניאָן! אפרים קאַפּעלמייסטער דאַרף בעטען אַ ראַזרעשעניע! געוואַלד, אין דער פינסטערער רוסלאַנד ווער עס וויל פּיעדלען פּיעדעלט און דאָ אין דער פרייער אַמעריקאַ דאַרף מען אַ ראַזרעשעניע!... אי! זיי האָבען דאָך דאָרטען אין דער יוניאָן אַזעלכע פּאַרטאַטשעס, כלי־זמר מיט קלאָטשע אין די אויערען... שפּיעלט מיט אַ האַלבען טאָן ניעדריגער און הערט ניט... פּייוועל וואַרעניק האָט ביי מיר אין קאַפּעליע געקלאַפּט מיט טאַ־צען, דאָ שפּיעלט ער אַלט... און גאָר־ניט! אַ יוניאָן!

ביילע: געוועזן כל ימיו אַן עהרליכער מאַן... האָט זיך ניט געמישט... פלוצלונג יוניאָן!

אפרים: איינער ביי זיי אַ גאַנצער מאַכער אין דער יוניאָן, פרעג איך: ברודער, זאָג מיר, וואָס איז סעפּטימאָ אַקאָרד? זאָגט ער מיר: סעפּטימאָ

אקאָרד איז: אויב דו וועסט זיין אַ סקעב, וועט דיר אַ רוח אין טאַטענ'ס ערד אריין! יוניאָן!

גרעגואַר: סעפּטימאָ אקאָרד! דו ווייסט זעהר פּיעל פון סעפּטימאָ אקאָרד... עס איז ניט קרעמענטשוג... דאָ פאָדערט זיך יוניאָן, דאַרף זיין יוניאָן...

ביילע: עס איז גרינג צו זאָגען, אַז מען האָט אַ פולען מאָגען.

ראַפאַיל: אויב עס וועט זיך האַנדלען נאָר פון די 25 דאָלאַר, זאָגט מיר... מיין פּאַרמע עסט סיי ווי סיי אויף אַלע, וועט איהר אָנקומען מיט אַ 25-ער ווייניגער.

ביילע: אַז מיר האָבען שוין יאָ אייער 25-ער, פאַר וואָס זאָל עס זיי אָנקומען! אַ ריס פונ'ם הארצען, אין שטוב ניטאָ קיין קאָטשערע, ניט קיין לאָפּעטע.

אפרים (צום זוהן): יוניאָן גאָר! פאַר וואָס לאָזט מען דיך שפּיעלען? בריות! זיי קוועטשען דעם קבצן מיט די אויסגעדאַרטע געדערים, זאָלען זיי קוועטשען דעם, וואָס האָט פולע קישקעס.

גרעגואַר: וואָס גלייכסטו זיך צו מיר? איך בין ניט קיין כלי־זמר, איך בין אַרטיסט. און ווידער, אין אַמעריקאַ דאַרף מען האָבען שכל. איך האָב אַנדערש געטהאָן... ווי איך בין געקומען, באַלד געדונגען אַ רייכע סטודיע, אין אַלע מוזיקאַלישע צייטונגען גרויסע רעקלאַמען, ניט געהאַט קיין שילער און דאָך ניט גענומען ביליגער פון פינף דאָלאַר פאַר אַ שטונדע, זאָ וואָהר איך לעב. דערפאַר שלאָגט מען זיך יעצט איבער פראָפעסאָר גרעגואַר פּיעדלער, איך שפּיעל ערשטע פּיעדעל אין דער סימפאָניע; בין דירעקטאָר פון אַ קוואַרטעט, בין קאָנדוקטאָר אין אַ רייכען מוזיקאַלישען פעראיין. מען דאַרף פערשטעהן...

ביילע: ביזט אַ קאָנדוקטאָר אויך? נעהמסט די בילעטען, ווי אויף דער טשוהונקע?

גרעגואַר: טשוהונקע? קאָנדוקטאָר הייסט דיריזשער, קאַפּעלמייסטער (מען קלינגט, אַלבערט אָב).

אפרים: אַ גרויסע זאַך! איך בין געוועזען קאַפּעלמייסטער, אַז דו ביזט נאָך אומגעלאָפען מיט אַ סמיק פון הינטען... ביזט אַ חכם אין אַמעריקאַ, ווייל דיין שוועהר איז דער גרויסער פריידלענדער, איך קען ניט זיין אַזאַ חכם, איהר טאַטע איז געוועזען טרייטעל סופּניק. ער איז אַן אַרטיסט! און איך בין אַ קאַטשקע, אַ כלי־זמר! ניש'קשה, לאָמיר זיך נאָך פערהערען! יאָ, יאָ, לאָמיר שפּיעלען פאַר אידען, וועלען מיר זעהן וועמעס פּיעדעלע וועט אַ צופ טהאָן ביים הארצען. איך בין אַ כלי־זמר און ער איז אַן אַרטיסט, אַ „ווירטאָאָז“ איז

ער! (אויפגערעגט) וואו איז דיין פיעדעל? נו'ם איך זעהן, אויב דו וועסט קענען אזוי ווי איך שפּיעלען „יעכאוו קאזאק" מיט וואריאציעס? (כאפּט דאָס פיעדעלע) יא, יא, לאָמיר זעהן (אַלע לאַכען. ער איז זעהר אויפגערעגט. ווי ער הויבט אָן שפּיעלען קומען: סאמואיל, ציליע און אלבערט).

גרעגוּאַר (מיט אַ איראָנישע מינע): שש! קאָנצערט (אַלע זעצען זיך, סאמואיל נעהמט אַלבערט'ן אויף די קניע און קושט איהם).

אפרים (שפּיעלט מיט געפיהל, האַלט זיך מאַיעסטעטיש, די וואַריאַציעס שפּיעלט ער מיט קונצען): נו, עטי, וואָס זאָגסטו?

עטי: עס איז גוט: אָבער מען דאַרף אויסהערען ביידע צדדים.

ראפאיל: בראוואָ! כאַ! כאַ! (פערקנייטשט דעם שטערען) די אַלטע זיינען גאָר־ניט, נאָר זיי זיינען די בריות... מיר אַלטע געפעהלען זיי ניט... נו, וואָס ווען זאָגען די יונגע אַרטיסטען?

גרעגוּאַר: אַנו, ציליע, זעץ דיך אונמיסטען צו דער פּיאַנאָ... איך האָב שוין לאַנג פּאַר'ן פאַפּאַ ניט געשפּיעלט און איך בין יעצט אויפגעלעגט צו שפּיעלען, זאָ וואהר איך לעב, זעץ דיך! זעץ דיך! (זעצט זי אַניעדער מיט געוואַלד און זאָגט איהר שטיל) טהייערע, איך האָב שוין דאָ געבענקט נאָך דיר. (לויט) יא, די זעלבע זאַך. (גיט איהר נאָטען. זיי שפּיעלען די ערשטע טייל פון „קרייצער'ס סאָנאַטאַ").

ראפאיל (פערטראַכט): ע, אַלטער, הפנים מיר זיינען טאַקע אויף צרות... הם! טשאָרט וואזמי!...

עטי (שטיל צו נאַטאַשאַ'ן): ווען ער שפּיעלט האָט ער גאָר אַן אַנדער געזיכט... און דאַן פערגעס איך אַלץ...

ראפאיל: וואָס האָבען זיי דאָס געשפּיעלט, עטי, דו ווייסט ניט?

עטי: איך הער אָפט פון דיינינג־רום ווי זיי רעפּעטירען דאָס און וואָס דאָס איז, האָב איך ניט געפרעגט.

גרעגוּאַר: כע! כע! אדרבה, זאָל דער הער קאַפּעלמייסטער זאָגען וואָס דאָס איז.

אפרים: אמת, עס איז מיר ניט בעקאַנט, אָבער אַ וואוילע זאַך. דער מענש וואָס האָט דאָס געשריעבען זעהט זיך אָן, האָט געקענט קאָנטראַפּונקט.

גרעגוּאַר: אזוי? קאָנטראַפּונקט? (צום שווער) דאָס רעפּעטירען מיר מיט ציליע'ן קרייצער סאָנאַטאַ פון בעטהאָווען.

אפרים: אה, קרייצער'ס סאָנאַטאַ? קיין מאָל ניט געהערט.

סאַמואיל: קרייצער סאָנאַטאַ? איך האָב עס באַלד דערקענט. איך האָב דיזע סאָנאַטאַ געהערט אַהן אַ גוזמא טויזענד מאָל. ווי איך בין אַ איד! בעטהאָווען'ס קרייצער סאָנאַטאַ, וואָס טאָלסטאָי האָט אָנגעשריעבען. נו, יא!...

עטי (פאַר זיך): קרייצער׳ס סאָנאַטאַ! דאָס בוך... אה! מען וועט עס אַמאָל דאַרפֿען געפינען און ענדיגען...

ציליע: נו, ווי געהט עס, פּאַפּאַ? העלאָ!

ראַפאַיל: העלאָ! העלאָ! עטי, מיר חלש׳ט דאָס האַרץ, האָסט אפשר אַ ביסעל בראַנפען, הא?

גרעגואַר: אה, פּאַפּאַ, געוויס, קומט אין דיינינג-רום. איך וועל אויך נעהמען אַ ביסעלע, זאָ וואהר איך לעב. עטי, מיר האָבען נאָך די אַנטשאַוסען, וואָס איך האָב געקויפֿט פאַר זיך?...

עטי: קומט אַלע. (צו גרעגואַר׳ן) דיינע אימפּאָרטירטע אַנטשאָוסען? דאָס וואָס דו קויפסט פאַר זיך, בלייבט שטענדיג נאָר פאַר דיר. (גרעגואַר געהט פריהער, עטי נעהמט ביילע׳ן און געהט, ראַפאַיל געהט מיט אפרים׳ען).

ראַפאַיל: ברודער, די אַלטע האַלטען נאָך ביי „יעבאוו קאזאַק“ און די יונגע האַלטען שוין ביי „קרייצער׳ס סאָנאַטאַ“. ע! זיי זיינען גרויסע חכמים און קליינע מענשעלעך (ביידע אָב. ציליע, סאַמואיל, נאַטאַשאַ בלייבען).

נאַטאַשאַ: וואָס-זשע קינדער, איהר קלייבט זיך גאָר ניט צוריק אַהיים? אויף דער פאַרמע איז אַ ראַזאָרעניע... פרעמדע ראַבאָטניקעס קענען ניט זיין טרייע... ניטאָ קיין אייגענער מענש... דער אַלטער געהט אַראָב פון זינען. איך ווייס, די הויפטזאַך וואָס ער איז געקומען איז וועגען אייך... ער וויל זעהר איהר זאָלט לעבען מיט איהם אין איינעם.

סאַמואיל: מיר איז דאָ 70 טויזענד מאָל בעסער ווי דאָרטען... דאָ בין איך אַליין אַ מענש און וואָס דאָרטען? זעצען קאַרטאָפּליעס? שעהנע ביזנעס (נעהמט אַלבערט׳ן, שטיפט מיט איהם).

ציליע: נאַטאַשאַ, איך וויל אויך בלייבען אין שטאָדט אויף שטענדיג. דאָרט איז לאַנגווייליג.

נאַטאַשאַ: דאָרט איז ניט גוט? פּאָטער אין הימעל! איך שטעה אויף אין דער פריה, די ליכטיגע זון שיינט, מיט דער האַנד צו דערלאַנגען אַ קלאָרען טייך, אַרום שטוב בוימער, עפּעל, באַרען, וויינשעל, אויף׳ן בערגעל אַ וואַלד: באָזשע בלאַגאָדאַט. פיש, אויבסען, פּרוכטען, האַלץ, לאַנד! ווען מען גיט אונזערען אַ מוזשיק אַזאַ געשאַנק פון גאָט, וואָלט ער דאָך געפאַלען אויף די קניע, וואָלט געקושט די מוטער-ערד און בעגאָסען זי מיט טרערען פון דאַנק-באַרקייט... דאָ אין שטאָדט קאָכט ווי אין די קעסלען פון גיהנום און דאָרטען איז רוהיג... דער אַלטער האָט קיין הילפע. ער פערשטעהט ניט זייער שפּראַך און ווייס גאָר ניט אין דער ווירטהשאַפט. ער שוויגט און אַרבייט שווער, אָבער אָהן נוצען, און די באַרינע וויל דאָרטען ניט זיין, טאָטשעט איהם,

עסט איהם, אי, קינדער, קינדער... טס... (ראפאיל מיט א סארוועטקע געהט, קייענדיג).

ראפאיל: איך האב פערשטאנען, אז דו, נאטאשא, ווילסט זיי איינ־רעדען... וואס־זשע, מען דארף זיי נאך בעטען? סאמואיל'ן געפעהלט בעסער דא זיין א קנעכט...

סאמואיל: פאפא, איך בין יעצט אן איידזשענט ביי נעה־מאשינען... ווען נאר צוויי מאשינען א וואך, איז שוין 39 דאלאר. היינט, ווי זים דאס איז, וואס איך פערדיען זיך אליין און פערלעב זיך אליין... 39 דאלאר א וואך איז אויך געלד, ווי איך בין א איד. ניין, הא?

ציליע: נו, יא, און ווען דערצו שיקט נאך די מאמע א פאר דאלאר, קען מען שוין לעבען.

ראפאיל: דו, איידזשענט, ווייסט ניט, וואו די רוסישע קירכע איז? נו, און דו, ציליע, דו מאכסט דא אויך אזעלכע גליקליכע געשעפטען? זעהסטו, דיר וועל איך יא זאגען... ע... איך דארף דיך ניט בעטען... (בייז) מיינע שונאים וועלען ניט דערלעבען, איך זאל וועמען בעטען! עס קומט אימיצער, רעדט צו מיר, איך פערשטעה ניט... אדער אמאל אנשרייבען א פאר ווערטער. עס איז א גרויסע בעל־הבית'ישקייט... איך וועל דיר צאהלען ווייזשעס, ווי א פרעמדער...

נאטאשא: דער פאפא מעלקט אליין די בהמות, און יונגע קינדער זאלען זיך פוילען.

ראפאיל: זאנטיקעס מיט קארעטען מיט האנדשוה קען מען דארט אויך טראגען... די מאמע געהט ניט ארוים אויף דער טעראסע אהן א וואואל.

ציליע: וואס וועל איך זיצען דארט אין דער בערלאגע? דא אין ניו יארק, מען זעהט מענשען, מען לעבט. פון פיאנא לעסאנס פערדיענען דא געלד אזעלכע, וואס ווייסען ניט מיט וועלכען פינגער מען קלאפט „דא“ און מיט וועלכען „רע“. איך בין א פיאניסטקע.

ראפאיל (בייז): ווילסט דא אין ניו יארק קלאפען דא און רע מיט די פינגער? מאמזעל, דו וועסט פאהרען אהיים!

ציליע: שרייט ניט אזוי, מיסטער פריעדלענדער... מיינט ניט, עס איז ראסעיע. ניט קרעמענטשוג איז דאס — מיר זיינען אין יונייטעד סטייטס אוו אמעריקא! (אב).

נאטאשא (פערברעכט די הענד): אה, גאט אין הימעל!

ראפאיל: דו הערסט? עס איז ניט ראסעיע! פאטער און מוטער — דאס איז אין ראסעיע, דרך ארץ פאר עלטערע — דאס איז אין ראסעיע, פאמי־ליען־עהרע — דאס איז אין ראסעיע, פאר גאט מורא האבען — דאס איז אין

ראַסעיע, — האָב זשע מורא פאַר׳ן רוח — דאָס איז אין ראַסעיע. אַ הפקר־וועלט! וואָס איינעם פאַלט איין אין זיין פערדישען קאָפּ, דאָס טהוט ער, אי! (סטראַשעט מיט׳ן קולאַק).

סאַמואיל: פּאַפּאַ, וואָס דאַרפסטו די פאַרמע? מיט דיין קאַפּיטאַל קענסטו דאָ אין ניו יאָרק פיהרען 77 טויזענד געשעפטען. מיין גענעראַלנער אַגענט האָט געשפּיעלט אויף דער בירזע ווען עס איז געווען די פּאַניקע, האָט ער פונקט אין 65 מינוט פערדיענט פיער און אַכציג טויזענד דאָלאַר, 84 טויזענד ביז אַ סענט, ווי איך בין אַ איד.

ראַפאַיל: איך בין ניט געקומען אהער מאַכען קאַפּיטאַל פון שווינדעל און רויב. איך האָב געקויפט אַ פאַרמע און האָב געזאָגט, איך וועל אַליין אַרבייטען, וועל איך אַרבייטען דאָרט ביז איך וועל פאַלען צו דער ערד און וועל שטאַרבען! סוויני! פּאַדלעצי! (אָב).

נאַטאַשאַ: מען זאָגט געבילדעטע מענשען גלויבען ניט אין גאָט, האָבען זיי סאָוועסט.

סאַמואיל: ניאַניע, ווי קומסטו צו פערשטעהן אַזעלכע זאַכען? אַ באָי פון דריי יאָהר ווייסט דאָ אין אַמעריקאַ 20 טויזענד מאָל מעהר פון דיר (עטי קומט).

עטי: ניאַניע, סאַמואיל, וואָס זיצט איהר דאָ?

נאַטאַשאַ: בלייב דאָ, עטי, איך דאַרף דיר עפּעס זאָגען.

עטי: זעהסט, ניאַניע, סאַמואיל איז אַלבערט׳ס בעסטער פריינד.

אַלבערט: איך האָב קיינעם ניט אַזוי ליעב, ווי אַנקעל סעם, קיינעם ניט.

סאַמואיל: מיר דאַכט זיך, איך זאָל האָבען 97 אַזעלכע זיהן, וואָלט נאָך ניט געווען גענוג פאַר מיר... קום, מיר וועלען פאָהרען אין דיינינג־רום (נעהמט איהם אויף די פּלייצעס) נאָ, האָרזי, הי! הי! הי! (הירזשעט ווי אַ פערד און לויפט. אָב).

נאַטאַשאַ: עטי, זיי ווילען דאָך ניט פאָהרען צוריק... אי, מיר דוכט זיך, אַז ציליע... וואָס קען דאָ ציליע׳ן אַזוי אויפהאַלטען?

עטי: איך וויים ניט, ניאַניע.

נאַטאַשאַ: איך וויים, דו האָסט זיך פיינד צו קלאָגען... אָבער זייערע אויגען האָבען גערעדט, ווען זיי האָבען דאָ געשפּיעלט... הייליגער גאָט! אַ שוועסטער!

עטי: דאָס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, ניאַניע.

נאַטאַשאַ: אי, עטי, דו קוק זיך צו בעסער.

עטי: וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך זיך צו צוקוקען.

נאטאשא: דער פאפא, דאכט זיך, אזא קלוגער מאן און זעהט ניט... ער מיינט, דו ביזט גליקליך... מען דארף איהם עפענען די אויגען...

עטי: ניין, ניין, ניאניע, בעוואהרע גאט, ער האט גענוג צרות און יסורים אהן מיר.

נאטאשא: עס איז יעצט ניט אזא אונגליק. צוגעהט זיך נאכ'ן אידישען זאקאן.

עטי: ניין, ניאניע, עס וועט נאר ברענגען אלעמען שאנדע און שמערצען און קיין גליק וועט עס מיר ניט ברענגען. דער פאפא האט איין טרייסט, איין פרייד, דאס אם וועניגסטען איך בין גליקליך, ווארום זאל איך ביי איהם זיין איינציגע טרייסט רויבען? מיין קינד האט יעצט א פאטער און וויים ניט פון קיין זאך, איהם קאסט טייער אזא פאטער, אבער וואס זאל מען טהאן, אז די וועלט פאדערט עס? יעצט שווייגט ער, זאגאר זיינע עלטערען, קיינעם אין דער וועלט האט ער נאך ניט געזאגט, אז דאס איז ניט זיין קינד. ווען אבער עס וועט ארויס א סקאנדאל, אן אמעריקאנער שמוציגער דיווארס קייס, וועט די גאנצע וועלט זיך אנהויבען גריבלען אין מיין פערגאנגענהייט... דאס קינד וועט ליידען פאר מיר, דער פאפא וועט האבען נייע בזיונות... און ער האט דאך אזוי פיעל געאפפערט אום אלץ צו פערדעקען... און וואס קען איך ערווארטען? בלייבען א גרושה אויפ'ן פאטער'ס האלז? אדער געהן זוכען אן אנדערען, א בעסערען? אי, ניאניע, וואו זיינען די בעסערע, וואו? און איז דאס שעהן פון א פרוי: פריהער האבען א געליעבטען, נאכדעם האבען א מאן, נאכדעם אויסבייטען דעם מאן אויף אן אנדערען? אזוי ווי ציגיינער בייטען פערד אויף א יאריד. ניין! ניאניע, מיר איז בעשערט צו ליידען, דולדען און שווייגען, אזוי האב איך פערשפראכען... ניאניע, עס איז אזא וועלט, פאר איין אויגענבליק פרייד מוז מען בעצאהלען מיט א גאנצען לעבען וועהטאגען, — פאר איין זיסע האפנונג — מיט א גאנצען אקעאן טרערען (וויינט). אי, ניאניע, איך זאל דיך ניט האבען, פאר וועמען אין דער גאנצער וועלט וואלט איך געקענט אויסוויינען מיין ביטער הארץ. (פאלט צו צו איהר און וויינט).

נאטאשא: דיטיאטקא, קינד מיינס, ארימע שעפעלע מיינע (ביידע וויינען).

גרעגואר (פון אנדערען צימער): עי, עטי, נאטאשא, וואו זיינען זיי דארט?

עטי: ניאניע, געה אהין געשווינד, איך וועל ארייגלויפען אין זיין צימער אויסוויינען זיך אין דער שטיל... איך וויל ניט, מען זאל זעהן מיינע טרערען (אב אין גרעגואר'ס צימער. גרעגואר קומט).

גרעגואר: ביזט דאָ אליין, נאַטאשא, עטי, ניטאָ דאָ?

נאַטאַשאַ: ניין, קומט, מיין הער, אהין, צו דער גאַנצער קאָמפּאַניע. (ציליע לויפט אריין) ציליע, וויעדער קאָנצערט? אי, בארעמהערציגער גאָט (אָב).

גרעגואַר: ציליע, איך וויל ניט דו זאָלסט פאָהרען. איך וויל ניט! דו הערסט?

ציליע: נאר, איך האָב געזאָגט, איך פאָהר ניט, זאָלען זיי זיך אפילו שטעלען אויפ'ן קאָפּ, וועל איך שוין ניט פאָהרען. קום אהער גיכער, איך וויל ארייננכאַפּען אַ פּאָר קושען... אי! ווען מיר האָבען געשפּיעלט די סאָנאַטאָ, האָב איך זיך פלוצלונג דערמאָהנט, ווי טאָלסטאָי שילדערט דעם איינדרוק פון דעם שפּיעלען אויף זיינע העלדען... מיין הארץ האָט פלוצלונג אָנגעהויבען פּאָכען און די זיסע טענער האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט'ן פייער פון דיינע אויגען... דו זאָלסט אייביג שפּיעלען, וואָלט איך דיך אייביג ליעב געהאַט. (קושט איהם און בייסט).

גרעגואַר: אי! האָסט מיך וויעדער שיער ניט אָבגעביסען אַ ליפּ, זאָ וואהר ווי איך לעב (אומארעמט זי, עטי קומט צוריק, בלייבט שטעהן איבערראַשט. זיי בעמערקען זי ניט און בלייבען געארעמט).

ציליע: איך בין ניט ווי די צוקראָכענע ווייבעל דיינע. איך ווייס, ווי אַן ארטיסט האָט ליעב געליעבט צו זיין.

גרעגואַר: נאָך ווען איך האָב עטי'ן גענומען, האָב איך שוין אַ טראַכט געטהאָן: די שוועסטער וועט אויך זיין מיינע, זאָ וואהר ווי איך לעב... ציליע, אזוי פיעל צייט אוועק און...

ציליע: רעד ניט, דאָס מאַכט מיך דול, איך האָב מורא.

גרעגואַר: די יוגענד געהט אוועק... וועסט נאָכדעם חרטה האָבען, וועט זיין צו שפּעט.

עטי (גאַנץ רוהיג): איהר זייט גאָר דאָ?

גרעגואַר (מאַכט זיך גלייכגילטיג): יאָ, עטי, מיר זיינען דאָ... ציליע איז מיר שולדיג געוועזן אַ קוש, האָב איך זי ארויסגערופען... אזאַ שוויין! זי האָט מיך אָבגענארט... זי בייסט זיך גאָר.

עטי (שמייכעלט): אָבנארען און בייסען! הם!... ציליע, נאָך וואָס זאָלסטו דאָס טהאָן? קומט, דער פּאַפּאַ איז דאָרט אליין. (גרעגואַר און ציליע געהען פריהער, עטי נאָך זיי. שוין ביי דער טהיר זאָגט זי גאַנץ רוהיג) יאָ, ציליע, איך האָב דיר עטוואָס געוואָלט פרעגען (ביידע שוועסטער בלייבען).

ציליע: האָסט מיך געוואָלט פרעגען עטוואָס?

עטי: יא, איך האָב דיר געוואָלט פרעגן: דו וועסט פאָהרען מיט'ן פּאפּא אהיים?

ציליע: ניין, איך וועל ניט פאָהרען.

עטי: דעם פּאפּא איז דאָרטען זעהר שווער צו זיין אליין.

ציליע: איך קען ניט אייביג לעבען פאר'ן פּאפּא, איך וויל לעבען פאר זיך אליין אויך.

עטי (רוהיג): יא! פאר זיך אליין אויך. ציליע, אויב דו ווילסט לעבען פאר זיך אליין אויך, דארפסטו זיך ניט זשענירען, ניט בעהאלטען זיך. האָסט ליעב מיין מאן? (ציליע: אי!) יא, האָסט ליעב מיין מאן, לאָמיר באלד ארויסרופען אהער דעם פּאפּא, גרעגואר'ן און לאָמיר זיך דורכרעדען ווי מענשען, ווי אזוי מען זאָל אלעס ענדיגען אָהן סקאנדאלען און אָהן בזיונות.

ציליע: וואָס? ווער האָט עס דיר געזאָגט, אז איך האָב ליעב דיין מאן?.... גאָר ניט, א שוואָגער... אן אייגענער...

עטי: אויב דו האָסט איהם ניט ליעב, איז ערגער פאר דיר, דערוויי? מיין ניט, אז איך בין בלינד. איך האָב פריהער געזעהן און האָב געזעהן איצט... שרעק זיך ניט, איך וועל צו דיר ניט האָבען קיין טענות, נאָר זאָל ער מיר פריהער געבען א גט... ער זאָל אפילו ליעב האָבען א פרעמדע פרוי, וואָלט איך איהם קיין מאָל ניט געשטאנען אין וועג. ווער רעדט נאָך א שוועסטער. אָך, זאָל זיין מיט גליק. אָבער אין אן אָרענטליכען וועג, ניט ווי אויסגעלאסענע מענשען...

ציליע: זי רעדט פון אויסגעלאסענע מענשען! דו האָסט געמעגט האָבען א ליעבהאָבער? וועמעס קינד איז דאָס? ער האָט מיר אלץ דער־צעהלט וועגען דעם קינד! האָסט ניט אָבגענארט די גאנצע וועלט... הא? יעצט פערשטעה איך, ווארום איך, און זאָגאר דער פּאפּא, אלע האָבען דאָס קינד ניט ליעב?...

עטי: איך בעשולדיג דיך ניט, חלילה, אין דעם, אז דו האָסט ליעב מיין קינד, — ניין, איך זאָג, דו האָסט ליעב מיין מאָן.

ציליע: דו האָסט געמעגט, מעגען אנדערע אויך. אזא ווי דו האָט ניט קיין רעכט צו רעדען און האָבען פרעטענזיעס...

עטי: ווער זאָגט דען דיר, דו מעגסט ניט? איך רעד ניט און האָב ניט קיין פרעטענזיעס... ציליע, איך וועל ניט דערלאָזען צו אזא מיאוס'ען סקאנדאל! צוויי שוועסטער... ראפאיל פריעדלענדער'סביידע טעכטער! אויף זיין אלטען גרויען קאָפּ נייע שאנדע און שמאך? ניין! אָדער דו פאָהרסט באלד מיט פּאפּא אהיים און אלץ איז ביי אייך געענדיגט, אָדער...

ציליע (אויפגערעגט): ניין! איך וועל ניט פאָהרען!

עטי: דאַן דאַרף ער מיך גט׳ען און דיך נעהמען! באַלד, שוין דאַרף אַלץ ווערען געשלאָסען! (שרייט אין טהיר) פּאַפּאַ! גרעגואַר! אַהער געהט!

ציליע: וואָס טהוסטו? ביסט אַראָב פון זינען?

עטי: מיר ווע̇לען עס באַלד ענדיגען... ציליע, איך האָב ניע אין מיין לעבען ליעב געהאַט שפּאַס צו מאַכען! (אין טהיר) פּאַפּאַ, דו געהסט?

ציליע (דערשראָקען): ניין, ניין! גאָט איז מיר דיר, וואָס טהוסטו? ניין, ניין!...

עטי: אָה, ניין! דאַן שווער מיר, גיב מיר דיין עהרענוואָרט, דיין האַנד אַז דו פאַהרסט און ביי איין איז אַלץ געענדיגט. (שווייגט) ניין? אַט זיינען זיי אַלע דאָ. (ראַפאַיל, גרעגואַר, נאַטאַשאַ, נאָכדעם אפרים מיט ביילען, סאַמואיל מיט אַלבערט׳ן).

ראַפּאַיל: נו, (אַ קוק אויף עטי׳ן) וואָס איז, עטי? האַ?

גרעגואַר: וואָס איז דאָ געשעהן? (דערשראָקען, אַלע פערוואונדערט.)

אפרים: אייגענע שוועסטער, מסתמא, זיך אביסעל צודראַפּעט...

נאַטאַשאַ: יאַ! אייגענע שוועסטער. גאָט אין הימעל...

ראַפּאַיל: איך פרעג דאָך, וואָס איז דאָ ביי איינך פאַרגעקומען?

עטי (רוהיג): נו, ציליע? (ציליע קעמפּפט מיט זיך און גיט איהר ענדליך די האַנד).

גרעגואַר: וואָס איז דאָס אַזוינס?

עטי (מיט אַ שמייכעלע): הם, וואָס איז דאָרט אַזוינס? גאָר נישט. ציליע פאָהרט אהיים מיט׳ן פּאַפּאַ... יאַ! אהיים, אהין, אויף דער פאַרמע! (ציליע פערדעקט איהר געזיכט און וויינט ביטער).

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

דריטער אַקט.

(נאַכט, עס ברענען לאָמפּען. אַ גרויסער זאַל ביי פריעדלענדער'ן אויף דער פּאַרמע אַ טרעפּ מיט אַ קאַרפּעט פיהרט אויפ'ן צווייטען שטאָק. טהירען רעכטס און לינקס. צוויי זעהר גרויסע פענסטער, דורך וועלכע מען זעהט בוימער און געביידע, פער־וואָרפענע מיט שנעע. פערשיעדענע אַלטע און נייע מעבעל, גרויסע שטרויענע ראָקינג־טשערס, אַ פּיאַנאָ, אויף וועלכער עס ליעגט גרעגואַר'ס פּיעדעל און אַלבערט'ס קליינע פּיעדעלע. ביי די וועגד גרויסע ביוטשען, שטעקענס צום פישען, שפּאַנגעציי, אין הינטערגרונד עטליכע נייע באָרלעך. פיעל גרויסע קאַסטענס מיט ביכער. נ אַ ט אַ ש אַ זיצט ביים פענסטער און קוקט ווי דער שנעע פאַלט. ע ט י זיצט אויף דער ערד נעבען די קאַסטענס. שלעפּט פון זיי ביכער, בלעטערט זיי און לעגט נעבען זיך... שוין פיעל ביכער נעבען איהר.)

נאַטאַשאַ: דאַנק דיר, פאָטער אין הימעל. דערלעבט קריסמטאס, ראָזשדעסטוואָ כריסטאָוואָ. מען זאָגט, ביי אונז דאָרט אין דער היים וועט קריסטמאַס זיין ערשט מיט צוועלף טעג שפּעטער; וואָס האָבען זיי קיין צייט ניט, די אַמעריקאַנער? נאָר זיי לויפען! איך בין ניט קיין געלערענטע און איך פערשטעה ניט, פאַר וואָס איז אונזער ערלעזער אין אַמעריקאַ געבוירען פריהער און אין רוסלאַנד שפּעטער. אַי, ביי אונז דאָרט אין דער היים, איז היינט דער סאָטשעלניק. מען עסט קאַלטע קוטיאַ מיט פלאָמען־קיסעל... די גלאָקען קלינגען און שאַלען, ליעדער טראָגען זיך פון איין דאָרף צום אַנדערען... יונגע פּאָרלעך פאָהרען אום אין שליטענס מיט פרעהליכע געשרייען און פיהרען וועטשערע צו זייערע עלטערען. גאַנצע פּאַרטייען גערען פון שטוב צו שטוב און זינגען קאָליאַדקעס (זינגט) „סיאַלאַ זוויעזדאַ נאַ וואַסטאָקע אי שלי טרי וואַלכוואַיי... פערגעסען. פאָטער אין הימעל, פאַר'ן שנעע דאַנק איך דיר... עס דערמאָהנט די פערגאַנגענהייט, די היימאַט, און דאָס האַרץ טהוט וועה און עס איז גוט... עס קען זיין, אַז דער זעלבער שנעעלע איז פאַר־אַ־יאָהרען געלעגען אויף אונזערע סטעפּעס דאָרט... ווייט... און היינט פאַלט ער פון הימעל דאָ... (קוקט זיך אום) זעה נאָר, ווי זי האָט זיך פערטיעפט... קינד, וואָס זוכסטו דאָרטען?

עטי: אָה, ניאַניע, דיעזע ביכער דערמאָהנען מיר די אַמאָליגע גליקליכע יאָהרען, ווען איך בין געווען זאָרגלאָז, ווען איך בין אין די לאַנגע ווינטער־

נעכט געזעסען און האָב געלעזען און געטרוימט. פערגאנגען. (אַפּאַרט) עס קען זיין, אַז די גאַנצע צייט איז דאָס בוך געלעגען ניט געעפענט... און דער בריעף מיט'ן בילד זיינען גאַנץ.

נאַטאַשאַ (זעצט זיך נעבען איהר): שוין באַלד פינף יאָהר, אַז מיר זיינען דאָ און די ביכער זיינען נאָך ניט אויסגעפּאַקט... נויטיג געדאַרפט שלעפּען. (גלעט איהר די האָר) עטי, נו, און ווי אַזוי איז איצט דיינער צו דיר?

עטי: ווי שטענדיג, צוויי טאָג פערליעבט, צוויי וואָכען צוקריעגט. ניאַניע, איך בין שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו אַזאַ לעבען און צו איהם אויך... ע! פון טויזענד פערהייראַטע, ווי איך זעה, לעבען 999 אַזוי ווי איך... איך האָב זיך אונטערגענומען צו דולדען... ניאַניע, וואו זיינען די גליקליכע?

נאַטאַשאַ: עטי, ווען דו זאָלסט האָבען קינדער, וואָלט דיין לעבען ניט געווען אַזוי דונקעל.

עטי: יא, מיין פאַמיליען־לעבען וואָלט ניט געווען אַזוי זינלאָז... ער וויל אָבער ניט קיין קינדער.

נאַטאַשאַ: וואָס הייסט, ער וויל ניט? גאָט האָט בעשאַפען יעדע פרוי מוטער צו זיין.

עטי: און פאַר אַלבערט'ן וואָלט געווען נאָך שווערער דאָס לעבען, ווען עס וואָלט געווען נאָך קינדער... ניאַניע, וואו איז אַלבערט?

נאַטאַשאַ: מיט סאַמואיל'ן געגאַנגען גליטשען זיך אויפ'ן טייך. דער פּאַפּאַ מיט ציליע'ן זיינען געפאָהרען קיין האַרטפאָרד איינקויפען פער־שיעדענע זאַכען. אַזוי פיעל געסט און דער פּאַפּאַ, דו ווייסט דאָך, האָט ליעב טראַקטירען ברייט, פּאָ רוסקי... פאַר־אַ־יאָהרען זיינען געקומען צו אונז די אַמעריקאַנער מוזשיקעס מיט מוזיקאַנטען... נו, האָט זיך דאָ אָבגעטהאָן... עטי, וואָס איז דיין שוועהר און שוויעגער געקומען, אויך נאָר צו גאַסט?

עטי (זוכט): אפשר נאָר צו גאַסט, און אפשר וואָס בעטען ביים פּאַפּאַ.

נאַטאַשאַ: און דיינער שלאָפט פון נאָך מיטאָג אָן?... אין דער קאָונטרי קומען זיי שלאָפען און אין שטאָדט עסען זיי ברויט אומזיסט. אָי, גאָט! וויפיעל דאַרמאָיעדעס דו האָסט אין דיין גרויסער וועלט! (חוה אויס־געפּוצט, נאָך איהר אפרים און ביילע).

חוה: קומט, איך וועל אייך ווייזען אַלע צימערען... אָט די שטאָל רופט זיך ביי זיי זאַל... אי, די אַמעריקאַנער האָבען דען שכל צו לעבען?

עטי: דו זאָלסט זעהן ווי זיי לעבען, וואָלסטו אַן אַנדער מיינונג געהאַט.

חוה: אָט דאָס איז דאָך, מען זיצט דאָ אין דער מדבר און מען זעהט

גאָר ניט. אין ניו יאָרק איז דאָ אַלצדינג, אָפּערע, קאָנצערטען, רוסישע באַלען... אַי, איך געה דאָ אויס ווי אַ וואַקס.

ביילע: וואָס רעדט איהר, מחותנת'טע? איהר בליהט דאָך ווי אַ יונגער ווײַנשעל־בוים...

אפרים: הלואי אויף אַלע אידען געזאָגט געוואָרען, קיין עין הרע, ווי אַ גוטער קאָנטראַבאַס.

עטי: מאַמאַ, מיר האָבען אין קרעמענטשוג אויך ניט געהאַט קיין אָפּערא און דו ביזט דאָרט, חלילה ניט אויסגעגאַנגען ווי אַ וואַקס.

אפרים: אי, עטי, וואָס גלייכסטו? אַ קליינינקייט קרעמענטשוג? אַ כרך! וויפיעל אידען קיין עין הרע, די כאָר־שול, גור אריה'ס קאַזאַרמעס: פּס! היינט למשל דאָרט חנוכה־צייט לאַטקעס, משקה, אַ קערטעל, געגזענע גריוועך. דאָרטען לעבט מען... אי, אי!

חוה: און דאָ לעבט מען ווי אין אַ וואַלד... איהם הארט עפּעס פאר אַן אנדערען?...

עטי: אָה, ווען איהם זאָל ניט הארען פאר אַן אנדערען!... ער וואָלט געווען גליקליכער...

חוה: איך ווייס? איך זעה אנדערע מענשען ניט רייך, אָבער עס איז זיי גוט... מען לאַכט, „אַ כליזמר, אַ כליזמר“, אויך ניט קיין יונגער מאַן און פול מיט לעבען, לאַכט, רעדט, געהט ניט אָנגעבלאָזען טאָג און נאַכט...

אפרים: אַ יאָ? און ביי ביילען בין איך גאָרנישט... אָ, איהר זאָלט מיך געווען קענען אַמאָל, — געוועזען אַ מזיק!

חוה: דער רוח נעהמט אייך נאָך איצט אויך ניט... איהר שפּיעלט בעסער פאר גרעגואר'ן.

עטי: אזא מבין ביזטו? פערשטעה איך שוין ווארום דו קענסט ניט לעבען אָהן אָפּערעס מיט קאָנצערטען.

אפרים: זי נעהמט זיך אָן! יונגע לייט האָבען זיך ליעב אָנצונעהמען איינער פאר'ן אַנדערען.

ביילע: איך ווייס, די ווייבער גלייכען זעהר די כליזמר, חזנים, אַלע קונצענמאַכער... אַי, ווען מען קען זיי גוט... חזיר'שע קישקעס... וואָס איז דאָס פאר מענשען, אז דער עיקר פעהלט זיי?

אפרים: אונז פעהלט דער עיקר? ע, ביילע, זאָג ניט קיין ליגען... די נשמה פון אַ גוטען כליזמר, איז ווי אַ פּיעדעלע, מען דאַרף זי נאָר ריכטיג אָנסטראָיען.

חוה: מיר זיינען דאָ אייגענע מענשען, איך מעג אייך זאָגען, איך וועל ניט זיצען דאָ אין דאָרף מיט איהם... גענוג אָנגעליטען זיך פון איהם דאָרט

אין ראָסיע... ווייס איך, דאָרטען מען האָט געמיינט ער איז ראַפאַיל פריעדער־לענדער, ראַפאַיל פריעדלענדער! דאָ זעהט מען זיין בריה'שקייט, שעהנע געשעפטען מאַכט ער דאָ...

עטי: מאַמאַ, מיר דאַכט זיך, עס וועט זיין גלייכער, אַז דו וועסט ניט **רעדען קיין סך**.

חוה (בייז): נו, יאַ, איך זאָל שכל האָבען און זיין פריהער בעקאַנט מיט אָפּיציערען, וואָלט איך איצט אויך געווען אַ סטאַטיק און געשוויגען. דאַנקען גאָט, איך האָב זיך ניט מיט וואָס צו שעמען, איך מעג רעדען! קום, מחותנת'טע! קומט מחותן... אהער געהען די בעדרומס, און דאָרט, איהר זעהט? די „לייבערי" רום, מיר האַלטען דאָרט סוויט־פּאָטייטאָס. (זי און ביילע אָב).

אפרים: עטי, זי שטורכעט זיך? ביי מיר איז דאָס געגליכען צו אַ מוזיקאַלישע זאַך... וואָס דאַרף איך זוכען חסרונות אין דער אינטראָדוקציע, אַז די קאָמפּאָזיציע אַליין איז גוט? עט! (אָב).

עטי (צו נאַטאַשאַ'ן, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געווישט די גלעזער): אַז מענשען ווייסען דאָס דו האָסט אַ וואונד, שלאָגען זיי דיך ניט אויף אַ געזונדען פלאַץ... ניין! יעדער ציעלט נאָר אין וואונד אריין און וואָס שטאַרקער, וואָס גרויזאַמער. (שלעפּט אַרויס אַ בוך — שטיל) מיין גאָט, דאָס איז דער עלפטער באַנד! (בעהערשט זיך) איך וועל עס זעהן שפּעטער. (לעגט דעם בוך אַוועק און נעהמט אַנדערע ביכער. שטיל) ווער האָט דאָס געקענט איבערבינדען דעם בוך מיט אַ ווייסען פאָדעם?

נאַטאַשאַ (אַפּאַרט): זי האָט געפונען (לויט) עטי, דאַמאָלס, ווען דיינער איז געקומען צום ערשטען מאָל, עס איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע.... ציליע האָט אַ וואָרף געטהאָן דעם בוך... איך האָב דערזעהן, האָב בעהאַל־טען... איך האָב געטראַכט, אפשר וועסטו אַמאָל וועלען זעהן. ע, קינד, איך געה באַלד אריין, איך דאַרף אַ ריינעם האַנדטוך (אָב).

עטי (שטעהט אויף): אָה, טייערע ניאַניע! (געהט לאַנגזאַם צום טיש, זעצט זיך). קיינער האָט דעם בוך ניט געעפענט זייט דאַן... איך פיהל, דער בריעף און דאָס בילד זיינען דאָ. (עפענט דאָס בוך) זיין בריעף! צוזאַמען מיט דיעזע לעצטע ווערטער האָט ער אויסגעהויכט זיין לעבען... (נעהמט פון אַן אַלטען קאָנווערט אַ בריעף). אי, איך וועל איבערלעבען נאָך אַמאָל די גאַנצע שרעקליכע דראַמע און דאַן פערניכטען, צורייסען אַלץ, פער־געסען... (קוקט אויפ'ן בריעף) די טרערען זיינען אויסגעטריקענט און נאָר די פלעקען געבליבען. דיעזע פלעקען וועלען בלייבען אויף אייביג. (קוקט זיך אום און לעזט) „מיין טייערע עטי, ווען דו וועסט לעזען דיעזע מיינע

ווערטער, וועל איך שוין ניט לעבען מעהר — איך האָב ניט קיין אַנדער אויסגאַנג. צווישען דיר און מיר געפינט זיך אַ וואַנד, וועלכע מענשען האָבען מיט אייפער געבויט טויזענדער יאָהרען לאַנג. אַי! וויפיעל לעבענס האָבען זיך אָן דיזער וואַנד צובראָכען, וויפיעל גליק צושטערט, וויפיעל טרערען און בלוט זיינען פערגאָסען געוואָרען נעבען דיעזער וואַנד פון ברודער־פיינדשאַפט און מענשענהאַס! איך בין צו שוואַך, איך זאָל קענען דיעזע פעסטונג דורכברעכען, זאָגאַר אום, אַם וועניגסטען, צו מיין אייגענעם גליק זיך וועג צו מאַכען און... איך מוז שטאַרבען. (פויזע) מיך פרעהט וואָס דו, עטי, ביזט שטאַרקער פון מיר... דו דאַרפסט, דו מוזט לעבען און, איך וויים, דו וועסט נאָך פיעל מוזען ליידען... איך נעהם יעצט מיין רעוואָלווער, און מיין לעצטעס וואָרט איז: לעבע וואָהל, מיין עטי, לעבע וואָהל! איך האָב ניט געקענט זיין דיינער אינ'ם לעבען, בין איך דיינער אינ'ם טויט". (וויינט איין אויגענבליק. בעהערשט זיך) און דאָס איז זיין בילד... אי, ווי גערען וואָלט איך יעצט דיעזע טויטע אויגען געקושט (בעטראַכט עס) אָבער דאָס דאַרף איך ניט טהאָן... דאָס וועט ניט זיין עהרליך. דאָס וואָס מען קען ניט טהאָן אָפען, דאַרף מען זיך ניט ערלויבען אין געהיים. איך געהער יעצט צו אַן אַנדערען, וועלכען איך האָב געשוואָרען טריי זיין. ע! גנב'ענען ביי איהם, ביי מיסטער גרעגואַר פיעדלער אַ קוש פאַר דעם טויטען? ניין! (בעטראַכט דאָס בילד, גרעגואַר קומט פון די טרעפּ, פערקעמט, ערשט אָב־געוואַשען, בעמערקט, ווי זי בעטראַכט עטוואָס און גנב'עט זיך צו.)

גרעגואַר: זעהסט, איך וויל טהעע און זי זיצט גאַר דאָ... עי! וואָס איז דאָס ביי דיר?

עטי (זעהר דערשראָקען): אָה! זעה נאָר!

גרעגואַר: דעם ערשטען מאָל זעה איך, דו זאָלסט זיך דערשרעקען, דאָס איז ניט אומזיסט, זאָ וואָהר איך לעב. וואָס איז דאָס פאַר אַ בריעף מיט אַ בילד, האַ? מיר האָט דאָס הערץ שטענדיג געזאָגט, אַזעלכע פרויען ווי דו, טאָר מען ניט גלויבען... וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָרעספּאָנדענציע?

עטי (שוין רוהיג): עס איז אַ בריעף און אַ בילד געשיקט צו מיר. (לעגט עס אריין אין בוך און מאַכט דעם בוך צו.)

גרעגואַר: אַזוי? צו דיר? ווי באַלד אַז צו דיר, דאַרף איך עס פריהער זעהן (וויל ארויסרייסען דאָס בוך).

עטי: דיעזער בריעף איז געלעגען העכער אַכט יאָהר אין דעם בוך, איך האָב עס ערשט היינט געפונען... געשריעבען פון אַ מענשען, וואָס איז שוין לאַנג טויט.

גרעגואַר: אָה, פון דיינעם? פון דעם גע'פגר'טען מנובל? פון דעם

געמיינעם שורקע! גיב עס אהער! (רייסט ארוים דעם בוך, קוקט אויפ'ן בילד) א מאָרדע פון א ניעדערטרעכטיגען לומפ!

עטי: איך ווייס, דו שימפפסט איהם, ווייל דו ווילסט מיך קרענקען... מיך הארט ניט.

גרעגוּאַר: איך ווייס, דו ביזט אזא פרוי, וואָס דיך הארט שוין גאָר ניט... נו, און דאָס וועט דיך אויך ניט הארען, הא? (רייסט דאָס בילד אויף שטיקלעך.)

עטי: דאָס וועט מיך אויך ניט הארען — איך האָב עס אליין געוואָלט פערניכטען...

גרעגוּאַר: זי האָט עס געוואָלט פערניכטען! געפונען וועמען צו נארען... אזא פרוי ווי דו האָט געדארפט מעהר שכל האָבען ווי צו זאָגען ליגען... און דאָס איז זיין סאָלדאטסקי שרייבעכץ (וויל ארויסנעהמען דעם בריעף פון קאָנווערט).

עטי: גרעגוּאַר, דאָס איז געשריעבען צו מיר און דו דארפסט עס ניט לעזען... ניע האָב איך מיר ערלויבט דיינע בריעף צו עפענען.

גרעגוּאַר: אזוי? צו דיר? דו אָבער מיט אלע דיינע בריעף, סעקרעטען, סודות, אלץ געהערט מיר. מיינע בריעף האָסטו ניט קיין רעכט צו עפענען... איך אָבער... איך בין דיין מאַן! אַן עהרליכע פרוי קען קיינע געהיימניסע ניט האָבען פון איהר מאַן. (וויל עפענען דעם בריעף.)

עטי: איך וואָלט דיך געקענט פרעגען: דארף אַן עהרליכער מאַן האָבען געהיימניסע פון זיין פרוי? אבער צו וואָס רעדען? איך זאָג דיר נאָר, דיעזען בריעף וועסטו ניט לעזען... מעגסט מיר גלויבען אָדער ניט, איך זאָג דיר, דאָ איז ניטאָ קיינע סעקרעטען... איך פערבאָרג און פערלייקען קיין זאַך ניט... דער, וואָס האָט דעם בריעף געשריעבען, לעבט ניט מעהר. ווען ער האָט עס געשריעבען, איז ער געווען ווייט פון אונזער שמוציגע וועלט — און לעזען דעם בריעף מיט שלעכטע, אונריינע געדאנקען וועל איך ניט ערלויבען! דעם בריעף, גרעגוּאַר, וועסטו ניט לעזען, דאָס זאָג איך דיר!... (שטרענג) דעם בריעף גיב אהער מיר!

גרעגוּאַר (דערשרעקט זיך און גיט אָב דעם בריעף): כי! כי! אז דו ווערסט פּלוצלינג אזא שטארקע, הויבט עס מיך אָן קיצלען צום לאַכען. כי! כי! כי! זאָ וואָהר איך לעב.

עטי (רייבט אָן לאַנגזאַם א שוועבעלע און פערברענט דעם בריעף): דעם בריעף וועט שוין מעהר קיינער ניט לעזען.

גרעגוּאַר: זעהסט! וועל איך דאָך טאַקע קיינמאָל ניט וויסען, וואָס דאָרטען איז געשטאַנען? (ווערט ווידער בייז) אונפערשעהמטע פרוי, בוה-

לערין! אַפּיצירסקי מאַדאַם! (זי קוקט אויף איהם גלייכגילטיג. נאַטאַשאַ קומט).

נאַטאַשאַ: דער יונגער הער וויל געווים אַ גלאָז טהעע?

גרעגואַר (שרייט): איך דאַרף ניט אייער טהעע! (צו עטי'ן) ביים טאַטען אין דער היים ביזטו אַ גאַנצער העלד... איך בלייב דאָ ניט מעהר! איך פאַהר שוין אהיים (קוקט אויפ'ן זייגער) מיר קענען נאָך פאַהרען מיט'ן לעצטען טריין נאָך ניו יאָרק...

נאַטאַשאַ: גריגאָרי אפרימאָוויץ, דאָס וועט זעהר קרענקען דעם אַלטען הער'ן.

גרעגואַר: מיך קימערט זעהר וועניג דער אַלטער הער! געה זאָג מען זאָל מיר שפּאַנען פערד.

עטי (מיט אַ שמייכעל): גרעגואַר, דאַרף איך אויך פאַהרען?

גרעגואַר: אַ שעהנע פראַגע, זאָ וואַהר איך לעב. אז איך וועל פאַהרען, ווילסטו בלייבען דאָ? אויב דו ווילסט דאָ בלייבען, דאַרפסטו אין גאַנצען ניט קומען מעהר.

עטי (מיט אַ שמייכעלע): איך האָב געמיינט דו ווילסט מיך ניט מיט־נעהמען... אז דו ווילסט איך זאָל פאָהרען — פאַהר איך. מיר וועלען אָבער ניט האָבען קיין צייט צוריק אַלע זאַכען איינצופּאַקען.

גרעגואַר: זיי וועלען אָבשיקען די זאַכען. געה טהו זיך אָן באַלד און ברענג מיר מיין פעלץ מיט מיין היטעל... דאָרט ביי אונז אין צימער...

עטי: באַלד... ניאַניע, זיי אַזוי גוט, רוף מיר אַלבערט'ן.

נאַטאַשאַ: עטי, דאָס וועט דעם אַלטען זעהר קרענקען, בעט איהם ער זאָל בלייבען.

עטי: געה רוף אַלבערט'ן. (נאַטאַשאַ אָב. אַפּאַרט) זי מיינט, ער פאַהרט שוין טאַקע (געהט מיט די טרעפּ אַרויף) הם! ווען יעדע פרוי זאָל גוט קענען און פערשטעהן איהר מאַן, וואָלט זי וועניגער געוויינט און מעה געלאַכט... אָבער דאָס לאַכען, איך האָב מורא, איז נאָך ביטערער פונ'ם וויינען (אָב).

גרעגואַר: עהע! אז איך זאָג פאַהרען, פאַהרט מען! ביי מיר טענה'ט מען ניט... מע דאַרף וויסען ווי אַזוי מיט זיי צו האַנדלען און ווייזען כאַראַק־טער. הם! אַבוואָהל יעצט פּלוצלונג אוועקפאַהרען?... עס איז ניט שעהן, זאָ וואַהר איך לעב, ניט שעהן... דער אַלטער וועט בייז ווערען און צילױע... זי האָט געזאָגט זי דאַרף מיר עטוואָס זעהר וויכטיגעס מיטטיילען... (בייז) פאַר וואָס האָט זי מיך ניט געבעטען, איך זאָל ניט פאַהרען? זי האָ מיך געדאַרפט בעטען, איך זאָל בלייבען! איך פערשטעה, זי האָט אומיסטען ניט געבעטען,

מען זאָל מיך רעכענען פאַר אַ משוגע'נעם, פאַר אַ שלעכטען. (גלעקלעך. מען זעהט דורך די פענסטער אַ שליטען פאָהרט צו) אַי, זאָ וואָהר איך לעב, דער אַלטער איז געקומען צו פאָהרען... אָבער יעצט איז שוין שפעט... זי קען מיינען, איך האָב זיך איבערגעשראָקען (געהט אום אויפגערעגט. ראפאיל און ציליע קומען אין ווינטערקליידער, פערשנייט, נאָך זיי אַן ארבייטער. אַלע טראָגען פיעל פעקלעך. ראפאיל גיט דעם קוטשער געלד. ער נייגט זיך און זאָגט: ד ז ש ע נ ק ו י ע פ אַ נ י ע. אין דער זעלבער צייט געהט עטי לאַנגזאם מיט די טרעפּ, אַנגעטהאָן, טראָגט גרעגואַר'ס פעלץ און היטעל).

ראפאיל (צום ארבייטער): שאַבעלסקי, פערגעסט ניט איינדעקען די פערד (צונעהמט די פעקלעך, לעגט אויפ'ן טיש).

ציליע (צו גרעגואַר'ן): עי, מיסטער, וואָס שטעהסטו, ווי אַ ליימענער גולם? העלף מיר אויסטהאָן זיך (גרעגואַר טהוט עס).

ראפאיל (בעשעפטיגט צו גרעגואַר'ן): ברודער, האָב איך געקראָגען אַ פלאַש ראָם! כע! כע! מיר ווע̇לען היינט מאַכען אַ רוסישען פונש... און דער שניי, הא? אַ פערגעניגען... אַז מען פערמאַכט די אויגען, מיינט מען, עס איז ראָסיע... דער אונגליק איז, מען קען ניט שטענדיג האַלטען די אויגען צוגעמאַכט (לעגט די פעקלעך) נים... מאַנדלען... וואָס איז דאָס? אָה! אַפּעלסינען. (עטי קומט אַנגעטהאָן, ברענגט גרעגואַר'ס קליידער).

עטי: נו, גרעגואַר, טהו זיך אָן, ווע̇לען מיר קענען פאָהרען מיט'ן זעלבען שליטעל...

ראפאיל (הויבט אויף דעם קאָפּ): וואוהין איז דאָס?

גרעגואַר: פּאַפּאַ, איך דאַרף. זאָ וואָהר איך לעב, איך מוז...

עטי (מיט אַ שמייכעלע): יאַ, פּאַפּאַ, מיר ווע̇לען פאָהרען יעצט...

ראפאיל: וואוהין פאָהרען, ווער זאָגט עס פאָהרען?

ציליע: דאָס איז שוין עטי'ס אויפטהועכץ. איך זעה שוין.

עטי (מיט אַ שמייכעלע): אַז גרעגואַר זאָגט, מען מוז פאָהרען.... ע, (קוקט אויף איהם) פערשטעה איך ניט, ווארום זאָלען מיר זיך טאַקע ניט דורכפאָהרען? אַזוי פיעל שניי... אַ שליטען... ווען קענען מיר אין ניו יאָרק האָבען אַזאַ פערגעניגען?

ראפאיל: אָה! איהר האָט זיך געוואָלט אַ ביסעל קאַטאַיען? ניט היינט, קינדער, מאָרגען וועל איך הייסען שפּאַנען אַ טראָיקע און מיר ווע̇לען עס מאַכען אַזוי פּאַ רוסקי... טשאָרט וואָזמי!... היינט אָבער ניט פון פלעק... היינט פערברענגען מיר דאָ אַלע צוזאַמען.... וואָס האָט מען דאָ צוקוועטשט? נו, כאַפּט עס דער רוח! (וואַרפט איין פעקעל אַוועק).

גרעגואַר: זאָל זיין מאָרגען, עטי, דער פּאַפּאַ איז גערעכט. גיב איך

וועל דיר העלפען זיך אויסטהאָן (טהוט זי אויס און קושט איהר בגנבה די הענד, ציליע קוקט אויף זיי זעהר בייז).

עטי: אז מאָרגען, מעג מען דאָך דאָס אַלץ טראָגען צוריק, א יאָ? (נעהמט אַלע זאכען, געהט צוריק).

גרעגואַר: יא, עטי, מעגסט עס טראָגען צוריק. (כאַפּט זי שוין ביי די טרעפּ און קושט זי, דער אַלטער זאָל ניט זעהן, עטי אָב).

ציליע (צו גרעגואַר'ן): אידיאָט! מיינסט עס איז מיר א פערגע־ניגען צו זעהן אייערע צערטליכקייטען?

גרעגואַר: אז איך האָב דיך געקענט פערגלייכען צו עטי'ן בין איך טאַקע אַן אידיאָט, זאָ וואהר איך לעב... פּאַפּאַ, איהר וועט רויכערען א גוטען סיגאַר! איך ברענג שוין א פּאַר סיגאַרען (אָב נאָך עטי'ן).

ציליע: איך וועל הערען וואָס דו וועסט זאָגען מיט א מינוט שפּעטער (חוה און נאַטאַשאַ קומען. נאַטאַשאַ קוקט איבער די פּעקלעך). מאַמאַ, דו אינטערעסירסט זיך גאָר ניט, וואָס מיר האָבען איינגעהאַנדעלט?

חוה: איך ווייס שוין ווי ער האַנדעלט... נויטיגע זאכען אַלץ...

ראַפאיל: ניט נויטיגע זאכען? האָסט א טעות, איך האָב דיר געקויפט לאַקירטע טופליעס צו טאַנצען אינ'ם שניי... שוועדישע האַנדשוה, צו קלייבען קאַרטאָפּליעס און אַן אָפּערען מאַנטעל צו מעלקען די בהמות. נאַטאַשאַ, העלף מיר זיך אויסטהאָן (נאַטאַשאַ שלעפּט פון איהם דעם פּעלץ).

חוה: נו, יא, פּאַר וואָס ניט? האָסט דאָך איצט א סך געלד, מאַכסט דאָך גליקליכע געשעפטען אין אַמעריקאַ!

נאַטאַשאַ (שטיל): יעווא אראָנאָוונאַ, זאָל כאָטש היינט זיין אין שטוב פריעדען און ליעבע...

ראַפאיל: מאַדאַם פריעדלענדער, זייט אזוי גוט, הענגט אויף מיין פּעלץ (זי טהוט עס). נאַטאַשאַ, איך האָב דיר געקויפט א קריסטמאַס פּרעזענט (שלעפּט אַרויס פון דער טאַשע) זעהסט, א גאָלדענעם קרעסט.

חוה: איהר זעהט, וואָס ער האַנדעלט?

ראַפאיל: דו דאַרפסט עס ניט, האָב איך דיר עס ניט געקויפט... איך דאַרף עס אויך ניט, וועל איך פּאַר מיר דאָס ניט קויפען... נאַטאַשאַ אָבער מיינט, זי דאַרף עס... עס וועט זי פרעהען, האָב איך איהר געקויפט... עס קאָסט ניט קיין מיליאָן — אין גאַנצען צעהן דאָלאַר.

נאַטאַשאַ: גוטער הער, גאָט וועט אייך בעלוינען... מיר האָבען אַלע איין פאָטער אין הימעל (קושט דעם קרייץ).

ראַפאיל: דיר געפעהלען ניט די אַמעריקאַנער קאַלאָשען, האָב איך דיר

אויסגעשריעבען פון רוסלאנד, טיעפע, דאמסקי קאלאָשען... אָנגעקומען מיט דער פאָטשט... נאַ ! (ווארפט צו איהר א פעקעל).

חוה: רוסישע קאלאָשען ? דאָס איז דוקא גוט... אין די אמעריקאנער קאלאָשען קריג איך באלד דעם קאטער... אז מען דארף דאָ אומגעהן אין שניי און אין בלאָטע... קיין טראָטוארען ניטאָ...

ראפאיל (בייז): איך וועל הייסען דאָ אויף דער פארמע מאכען דיר טראָטוארען... נאטאשא, געדענקסט, ווי מען מאכט ווארענוכע ?

נאָטאָשאָ: איך געדענק ניט, ראפאיל מאָיסעיעוויטש...

ראפאיל: אָנשטאָט אָנצוגיסען דעם סאמאָוואר מיט וואסער, וועסטו איהם אָנגיסען מיט רויטען ווייו... און עס קאָכט זיך... מע ווארפט אריין לאקריצע, נעגעלעך, באָקסער, זאלץ... אָט דאָ איז דאָס אין די פעקלעך...

חוה: א נויטיגע זאַך, ווארענוכע !

ראפאיל: עס איז ניט נויטיג, הא ? קום, ניאניע, איך וועל דיך לערנען, ווי מען מאכט ווארענוכע... (ער און נאטאשא אָב).

ציליע: נאָר דו טשעפעסט זיך צו איהם, וואָס ביזטו אזוי אונצו־פריעדען ?

חוה: אַי, מען דארף זיין שטארקער פון אייזען פון איהם אויסצו־האלטען. (א גערויש) אָט געהען אונזערע זיסע קינדער... אי ! (מאכט א זויערע גרימאסע. סאמואיל מיט אלבערט׳ן קומען פערשנייט, פרעהליכע, צופלאמטע).

סאָמואיל: זעץ זיך דאָ, וועל איך אראָבנעהמען דיינע סקייטס. אלץ איז נאס... כאַ! כאַ! אָנגעגליטשט זיך, הא ? אפשר 27 טויזענד מאָל געפאלען...

אלבערט (פרעהליך): אָנקעל, איך בין נאָר צוויי מאָל געפאלען, אָט אזוי, אויף אלע פיער (ביידע לאכען).

סאמואיל: דער שניי זאָל ניט זיין, אז איך גיב זיך א גליטש, פליה איך צוויי און א האלב מייל, ווי איך בין א איד. ביי אונז אין קרעמענטשוג, אז דער דניעפער פלעגט פערפרוירען ווערען, בין איך געווען דער ערשטער גליטשער... איך האָב זיך אמאָל געוואָטען, אז איך קען זיך גליטשען פון קרע־מענטשוג ביז קאטערינעסלאוו, ווי איך בין א איד. זעה נאָר ווי זיינע בעקלעך האָבען זיך צופלאמט, מאמע, איז ער ניט א שעהנער יונגאטש ? (קושט איהם געשמאק אין די באקען).

חוה: אַי, דול ניט דעם קאָפּ, נאָר דיין שעהנער יונגאטש ליעגט מיר אין זינען.

ציליע: זעה נאָר ווי ער לעקט איהם. האָסט איהם ליעב, הא ? פערד, דו זאָלסט וויסען, ווענעמס זוהן ער איז, וואָלסטו ניט געקוואָלען אזוי... כאַ ! כאַ ! (אלבערט הערט זיך צו).

סאַמואיל: אַ נייעס! וואָס הייסט, ווען מען זוהן ער איז? ביזט משוגע? (עטי קומט פון די טרעפּ).

ציליע: ביי קיינעם איז דאָס קיין נייעס ניט, נור ביי דיר... דו האָסט זיך נאָך ניט אָנגעשטויסען, אַז ער איז דעם אָפּיציר בעלואסאָוו׳ס זוהן?

סאַמואיל: בעלאָוסאָוו׳ס זוהן?

ציליע: דו גיב נאָר אַ טראַכט מיט דיין קלוגען קאָפּ, ווּעסטו פערשטעהן די גאַנצע געשיכטע... חכם!

סאַמואיל: הא? אַזוי גאָר? אַה, איצט פערשטעה איך. (לאָזט אַראָב אַלבערט׳ן פון די הענד) אַזוי? (קוקט אויף אַלבערט׳ן) וויים איך, וואָס האַרט מיך? אַ קינד איז אַ קינד. (נעהמט צוריק אויף די קניע אַלבערט׳ן, עטי קומט).

חוה (בעמערקט זי): ציליע! (ווינקט) האָסט ניט פערגעסען מיר קויפען הערפּינס?

עטי (רוהיג): ציליע, קום אַהער (בויגט זיך אָן צו די פּעקלעך) איהר האָט געקויפט קאַרטען? וואו זיינען דאָ די קאַרטען? (ציליע געהט צו און העלפט איהר זוכען. שטיל) וואָס האָסטו דאָס געטהאָן?

ציליע: וואָס מיינסטו?

עטי: וואָס האָסטו דאָס געטהאָן? פאַר וואָס ווילסטו דעם קינד פערגיפטען זיין לעבען? וואָס האָסטו צום קינד?

ציליע: צום קינד האָב איך גאָר ניט.

עטי: וואָס פאַר אַ רעדע האַלסטו דאָס אין זיין געגענוואַרט?

ציליע: וואָס מיינסטו, עס איז אַ סוד? אַלע ווייסען שוין...

עטי: יא, עס איז געווען גענוג דו זאָלסט ווּיסען, ווייסען שוין אַלע.

ציליע: ווילסט ווּיסען וואָרום איך דערצעהל אַלעמען? כע! כע! איך וויל מען זאָל אַלע פון דיר ווּיסען, וויל טאָמער וועט זיך מיט מיר טרעפען אַזא געשיכטע, זאָל מען מיך ניט רעכענען ערגער פון דיר, כאַ! כאַ! מיט דיר האָט זיך געקענט טרעפען, קען זיך דאָך מיט אַן אַנדערען אויך טרעפען... איך בין אויך ניט מעהר ווי אַ לעבעדיגער מענש... כאַ! כאַ! כאַ!

עטי: ציליע, דיין לאַכען איז נאָך שענדליכער פון דיין רעדען!

ציליע: מאַך מיך ניט קיין גוגו אויגען, ווּעסט מיך נאָך אַמאָל ניט דערשרעקען!

עטי (שטיל, אָבער זעהר ענערגיש): ציליע, איך האָב מורא, עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל דיך דערשרעקען, דאַן... וועה וועט זיין פאַר אונז ביידען! זעה, ווּעסט חרטה האָבען! געה, דער פּאַפּאַ קומט (ציליע געהט

שטיל צו דער מוטער. עטי קוקט אויף אַלבערט׳ן) ניין, דאָס קינד האָט גאָר־נישט ניט פֿערשטאַנען... (ראַפאיל קומט).

ראַפאיל: אהער! כאַ! כאַ! כאַ! עטי, וואָס לאָזטו דיין שווער און שוויגער דאַרטען אַליין שפּיעלען זיך אין קאַמער, קאַמער הויז. (אפרים און ביילע קומען) דאָ וועלען מיר זיצען אַלע. ציליע, זאָל מען אונז געבען טיי אהער. (ציליע אָב, באַלד צוריק) סאַמואיל, עפּען, דאַרט שטעהט אַ פלאַש ראָם. (סאַמואיל טהוט עס) זיצט! נו, מחותן, ווי געהט עס? איך וועל זיך וועטען, איהר דאַרפט איצט אַ פינף־און־צוואַנציגער אויסצוקויפען זיך צוריק פון דער יוניאָן, האַ?

ביילע: אי, מחותן, וואָס רעדט איהר? ער איז דאָך איצט פערקאַכט אין זיין יוניאָן... מען הערט פון איהם נאָר סקעב, קאָנסטיטושען, אָרגאַניזוי־שען, שמאַרגאַניזוישען. און אַז אַ נייער נעמבער וויל אריין צו זיי, בריקעט ער זיך מעהר פון אַלע. (נאַטאַשאַ און אַ יונגע דיענסט ברענגען טיי, ראַפאיל גיסט ראָם אין די גלעזער).

ראַפאיל: אזוי? ער בריקעט זיך מעהר פון אַלע? עטי, דו וועסט עס גלויבען?

אפרים: יאָ! ווארום, אויב מיר, אַלס אָרגאַניזירטע אָרגאַניזוישענס וועלען ניט זעהן, ווי וועדליג דער טריידיונס" און נאָך די רולס נאָך, וועלען דאָך טאַקע... נאָר איהר, מחותן, וועט עס ניט פערשטעהן, איהר זייט דאָך אַ קאַפּיטאַליסט... ניין, איך האָב צו אייך אַן אַנדער ביזנעס: איך וויל עפּענען אויף הויסטאָן סטריט אַ קאָנסערוואַטאָריע אָף מוזיק, אזוי טאַקע פיין... עס זאָל זיך רופען די קרעמענטשוג קאָנסערוואַטאָריע אָף מוזיק אָף ניו יאָרק... הם... אָט געהט גרעגואַר, איהם שמעקט ניט דער פּלאַן... שפּעטער. (גרעגואַר קומט מיט די טרעפּ, רויכערט).

גרעגואַר: פּאַפּאַ, אַ גוטען סיגאַר (גיט איהם אַ סיגאַר, אפרים שטרעקט אויך אויס די האַנד). וואָס דאַרפסטו אַ סיגאַר? איבערפיהרען? (גיט ניט).

ראַפאיל: איך וויל ניט, דו רויכערסט צו שוואַכע סיגאַרען... איך וועל בעסער פעררויכערען אַ פּייפּקע... מחותן, אפשר וועט עס אייך שמעקען (גיט איהם די סיגאַר. פעררויכערט אַ פּייפּ). חברה, מיר האָבען דאָ די גאַנצע קאַפּעליע, טאָמער וואָלט מען אונז אַ ביסעל געגעבען קאָנצערט... אַ נו, ציליע מיט גרעגואַר׳ן.

ציליע: היינט, ווי עס זעהט אויס, וועל איך מיט איהם קיין דועט ניט שפּיעלען.

גרעגואַר: פּאַפּאַ, איהר האָט שוין אונזערע קאָנצערטען געהערט

געגוג... אָט זאָל אַלבערט שפּיעלען... ער האָט טאַלאַנט... עטי, זאָל אַלבערט שפּיעלען? (די גאַנצע צייט פערליעבט אין עטי'ן).

אַלבערט (מע הערט ווי ער פרעגט סאַמואיל'ן): אַנקעל, איז רוס־לאַנד זעהר ווייט פון דאַנען?

סאַמואיל: רוסלאַנד? 77 טויזענד מייל... אפשר נאָך מעהר, ווי איך בין אַ איד.

גרעגואַר (נעהמט אַלבערט'ס פיעדעל): אַלבערט, קום אהער, דער גרעגפּאַ וויל הערען ווי דו שפּיעלסט. (אַלבערט ריהרט זיך ניט פון אָרט, אַלע שווייגען) נו? דו!

אַלבערט: מאַמאַ, פּליעז, מע דאַרף ניט, איך בין זעהר מיעד.

סאַמואיל: ער איז טאַקע מיעד, מיר זיינען היינט אויסגעלאָפען אפשר 35 טויזענד מייל.

גרעגואַר: געה, שפּיעל, אַז מען זאָגט דיר!

אַלבערט: ניין! ניין! ניין!

גרעגואַר: וואָס איז דאָס? זאָ וואהר איך לעב, איך פערשטעה ניט.

עטי: אַלבערט, אהער געה! נעהם דאָס פיעדעלע און שפּיעל (אַלבערט נעהמט דאָס פיעדעלע און שטעלט זיך שפּיעלען).

אַלבערט (לאָזט פּלוצלונג אראָב די הענד): מאַמאַ, מיר טהוט וועה דער קאָפּ... איך וויל געהן שלאָפען.

סאַמואיל: קום, יונגער מאַן, איך וועל דיך אויסטהאָן און איינפּאַ־קעווען גוט.

ראַפּאיל (טאַפּט זיין קאָפּ): קיין היץ האָט ער ניט, פּוסטיאַקי! נאַ, גיב אַ זופּ אַ ביסעל פּונש (אַלבערט וויל ניט).

עטי: ווילסט אַ גלאָז מילך?

אַלבערט: ניין, איך וויל גאָר ניט... נאָר שלאָפען.

עטי: געה שלאָפען... אַנקעל סאַמואיל וועט דיך נעהמען.

סאַמואיל: עטי, עס איז גאָר ניט... ער האָט זיך אָנגעהאַרעוועט און וועט באַלד אַנשלאָפען ווערען ווי אַ געקוילעטער חזיר'יוק... אַנו, ווער פון אונז וועט גיכער אַרויפלויפען מיט די טרעפּ אַרויף... איינס, צוויי, דריי! (לויפט, אַלבערט געהט לאַנגזאַם).

אַלבערט: ניין, איך וויל איצט ניט לויפען (סאַמואיל פיהרט איהם ביי אַ האַנד. ביידע אָב).

אפרים: איך וואָלט געטרונקען נאָך אַ גלאָז פּונש... אַ תענוג! עס וואַרימט, ווי מען ליעגט אויף אַ לעזאַנקע... מחיה נפשות... אָה! מיך בעט מען ניט, אָבער איך נעהם און שפּיעל אַליין.

חוה: טאקע שפּיעלט פון מיינעטוועגען עפּעס אַ גוטע קלאַסישע זאַך. (אפרים נעהמט די פיעדעל פון דער פּיאַנאָ).

ראַפאַיל: יאַ, שפּיעלט איהר „יעכאַוו קאַזאַק זאַ דונאַיעם“ מיט וואַריאַציעם... כאַ! כאַ!

עטי: איך וויל געהן זעהן וואָס טהוט דאָס קינד.

גרעגוּאַר: זיץ, עטי, איך וועל געהן. (זי לאָזט איהם ניט. אָב).

אפרים: מחותנת'טע, איך ווייס, איהר האָט ליעב אַ גוטע אידישע זאַך, איך וועל אייך שפּיעלען אַ „זיי געזונד“ פון די שקלאָווער כלי־זמר, אָהן סטיקאַטאַ, אָהן פּוטשיקאַטאַ, אָהן פלאַזשעלעטאַ, אָבער זיס, מיט געפיהל, מיט אמת'ע אידישע איינפעלע.

ראַפאַיל: קאַטאַי, בראַט, קאַטאַי! גרעגוּאַר, דיין פּונש ווערט קאַלט.

אפרים (מאַיעסטעטיש): זאָל זיין שטיל! (שטעלט זיך אין אַ פּאָזע און ווי ער וויל נאָר אָנפאַנגען, אַ גערויש, פיעל גלעקלעך, פערשיעדענע קינדערשע טרובעס, אַ גרויסער שליטען פאָהרט צו פול מיט מענשען, אַ געשריי, אַ געלעכטער).

ראַפאַיל (כאַפּט זיך אויף): אהאַ! זיי זיינען דאָ! נאַטאַשאַ, די וואַרענוכע אהער! ציליע, אהער די פּעקלעך מיט לעקעך, ניס, מאַנדלען. (עס קומען אריין פיעל באַיעס און גוירלס מיט אַ פרעהליכען געלעכטער, אַלטע פאַרמערס מיט גרויע בערד און געגאָלטע שנורבערד, עטליכע דאָרפּישע מוזיקאַנטען (אַ פּיעדעל און צוויי באַנדזשעס) אַלע אין ווינטערדיגע קליידער, פערוויקעלט מיט שאַרפען און שאַלען. אַלע גריסען זיך, אייניגע שרייען: העלאָ סאַנטאַ קלאָז! אַנדערע זאָגען: העלאָ, רושיען דזשענטעלמאַן. זיי זעצען זיך ווי וועד עס וויל, נאַטאַשאַ טראָגט אריין אַ סאַמאָוואַר, אַלע שרייען: הורריי! איינער זאָגט: „איט איז איי פייער אינדזשען“. געלעכטער. דער אַנדערער: „איט איז איי רושיאַן סטימער“. נאַטאַשאַ און נאָך אַ דיענסט דערלאַנגען יעדען אַ גלאָז וואַרענוכע, ציליע טראָגט יעדען ניס און קענדי. עטליכע ארבייטער און שאַבעלסקי קומען אויך אריין. מען טרינקט די וואַרענוכע; איינער: „אָה, נייס!“ דער אַנדערער: „איי רושיאַן קאָקטייל“, שטעלט צוריק די גלאָז, שטימען: „לעט אָז העוו סאַם מוזיק!“ די מוזיקער הויבען אָן שפּיעלען און אַלע זינגען, „דהי אָלד קענטאַקי“ און אַנדערע ליעדער. אָבגעזונגען הויבען זיי אָן שפּיעלען אַ טאַנץ, אַלע ווערען בעגייסטערט. סאַמואַיל קומט פון די טרעפּ, אַ מיידעל כאַפּט איהם און שלעפּט טאַנצען, אַ בחור נעהמט ציליע'ן, און אַן אַלטער שלעפּט ביילע'ן. אַ שעהנע מיידעל כאַפּט ראַפאַיל'ן און צווינגט איהם טאַנצען... ער טאַנצט אַזוי דאָס אַלע אַפּלאָדירען און שרייען בראַוואָ. אפרים ווערט פרעהליך, כאַפּט דאָס פּיעדעל און שפּיעלט

מיט. גרעגואר זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ און אַקאָמפּאַנירט. אַלע טאַנצען לעבעדיג, ביז איינער גיט אַ געשריי: סטאָפּ! אין איין אויגענבליק טהוען זיך אַלעאָן, שרייען „גודנייט" און לויפען פאָרט מיט געשרייען. אן אַלטער פאַרמער דריקט ראַפאַיל'ן די האַנד, ראַפאַיל גיט איהם געלד, אַלע געהען צום פענסטער און קוקען ווי די געסט פאָהרען אַב זינגענדיג „דהי אָלד קענטאָקי". נאָר גרעגואר בלייבט ביי דער פּיאַנאָ און פאַנטאַזירט שטיל. ציליע געהט צו איהם צו. עס הערט זיך ווייט דאָס געזאַנג פון אָלד קענטאָקי...)

ציליע: נו, הער ארטיסט, איהר פאַנטאַזירט, האַ? גענוג פאַנטאַזירען!

גרעגואַר: אַוועק! איך בין בייז, זאָ וואהר איך לעב, איך בין שטאַרק בייז... איך וויל צווישען אונז זאָל אַלץ זיין געענדיגט. און דו זאָלסט סטאָפּען דיינע וויזיטען קיין ניו יאָרק...

ציליע: עס איז שוין יעצט שפּעט, האָסט געדאַרפט זיין אַ חכם פריהער. (זאָגט איהם עטוואָס אויפ'ן אויער).

גרעגואַר (דערשראָקען אויף טויט): עס קען ניט זיין? אוי! וועה איז מיר.

ציליע: ווען עס האָט זיך געטראָפען מיט עטי'ן, האָסטו זי גענומען קיין אַמעריקאַ, ווילסט אפשר מיט מיר פאָהרען צוריק קיין קרעמענטשוג?

גרעגואַר: וואָס גלייכסטו זיך צו עטי'ן? אוי, וועה איז מיר! איך וועל דאָס ניט איבערלעבען... אַ סקאַנדאַל... דער אַלטער... עטי! איך וועל זיך מוזען שיסען, פערגיפטען.

ראַפאַיל: אַזוי ווי אַ שטורעם, אַנגעפלויגען און פערביי... (קומט צוריק).

אפרים: וואָס הייסט, איהר צאָהלט זיי דערפאַר? אויך מיר מוזיקער!

ראַפאַיל: קיינע כלי־זמר — אַלע פאַרמערס. זיי מאַכען היינט אַ פּאָר דאָלאַר פאַר אָרימע. זיי זיינען גוטע מענשען, נאָר מען קען זיי גיך ניט צור־קייען... ביי אַ רוסישען מוזיק איז איבער'ן הארצען נאָר אַ לייווענטענע העמד פערבונדען מיט אַ שטריקעל, קען מען גרינג צוקומען. דאָ טראָגט ער אַ געפּלאָכטענע לייבעל, אַ געפּרעסטע העמד, אַ זשילעט, אַ פּידזשאַק. די ציווי־ליזאַציע האָט איהם פערקנעפּעלט דאָס הארץ מיט צו פיעל קנעפּלעך. קען מען לייכט ניט צוקומען... אָבער דאָס הארץ איז דאָ... (עטי קומט) אי, עטי, וואו ביזטו געווען, דו נאַר... וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהאָן!... נו, קינדער, איצט וועלען מיר אַליין אַ ביסעל פערברענגען... נאַטאַשאַ, גיב אונז אויך צו גלעזער וואַרענוכע... הער נאָר, דו, עטי, פאַר וואָס זאָלסטו אונז ניט זינגען עפּעס, האַ?

גרעגואַר: עטי, איז אַלבערט פערקיהלט?

עטי: ניין! ערשט אַנטשלאָפען געוואָרען... האָט ניט געוואָלט אַראָב־

געהן. אז מען איז פרעהליך און מען לאכט, זאָגט ער, טהוט מיר וועה דער קאָפּ...

ראפאיל: נאטאשא, דו געדענקסט אז עטי איז געווען אַ קליינע פלעגט זי זינגען דיין ליעדעלע (ער זינגט ווי אַ קינד און נאטאשא, וועלכע גיסט ווארענוכע ביים סאמאוואר, זינגט מיט), כאָטש בי דיוושינא, כאָרנא אי, באָזשע מאָי, אַ טאָ רודא טא פּאהאנא, אי, באָזשע מאָי.

עטי: פּאפּא, דאָס איז געווען אמאָל, זעהר לאנג, איצט אָבער... איך האָב שוין פערגעסען ווי מען זינגט.

אפרים: איהר דארפט אייך ניט שעהמען, וואָס מיר מוזיקער זיינען דאָ... זינגט פּראָסט, ווי פּאר פּראָסטע מענשען.

גרעגואר: זי איז מוזיקאלישער פון דיר, עטי, זינג, דער פּאפּא הייסט...

ראפאיל: אמאָל פלעג איך הייסען, איצט בעט איך. (טרויעריג) יא, איך בעט, און מיין בעטען העלפט שוין אויך ניט...

עטי: פּאפּא, איך וועל דיר זינגען אַ קליינעם ראָמאנס מיט'ן נאָמען „מיין געבעט צו גאָט". (זינגט)

פריה אין מאָרגען
שטעה איך אויף מיט זאָרגען,
אָה, מיין גאָט!
און ביי נאכט די שטערען
בעגעגען איך מיט טרערען,
אָה, מיין גאָט!
עס בלוטיגט מיין הערץ
פון שאנדע און שמערץ
צו יעדער צייט.
איך וואנדער ארום
ווי בלינד און שטום...
מיין פריינד איז ווייט,
מיין פריינד איז ווייט,
אָה, מיין גאָט, מיין גאָט.
צו דיר מיין געבעט
שיק איך יעצט און בעט,
אָה, מיין גאָט!
ווי לאנג מוז איך ליידען
אום דיין שטראָף צו פערמיידען?

אָה, מיין גאָט!
דו פערצייהסט יעדע זינד,
נאָר דער מענש האסט בלינד,
צו יעדער צייט....
אָה, שווער צו לעבען
פון פיינדע אומגעבען....
און מיין פריינד איז ווייט,
מיין פריינד איז ווייט,
אָה, מיין גאָט, מיין גאָט!

(זעצט זיך און פערדעקט איהר געזיכט. אלע בלייבען שטיל. פויזע).

ראפאיל: איך האָב געזאָגט פריהער, איך בעט יעצט און עס העלפט ניט, טשאָרט וואָזמי. איהר ווייסט, ווי מיר איז גרינג צו בעטען! פאַר וואָס זאָלען מיר ניט לעבען צוזאמען? אָט איהר האָט געזעהן דאָ די פארמערס.

חוה: נו, יא, א גליק וועט אונז טרעפען...

ראפאיל: דיך פרעגט מען ניט! אז אלע וועלען זיין אין פארמע, וועסטו אויך זיין...

סאַמואיל: זאָגאר די פייפערס לאכען פון די פארמערס און מאַהלען פון זיי טויזענדער מיליאָנען קאריקאטורען.

ראפאיל: ווער לאכט? ליידיגגעהער, פאראזיטען... זיי פרעסען דאָרט דעם פארמער'ס קארטאָפליעס און לאכען פון איהם.

סאַמואיל: דו זאָלסט מיר אפילו צוזאָגען 27 טויזענד גליקען וועל איך זיצען דאָ?...

ביילע: אזא גוטס! איך ווייס, ווי ביי אונז די רייכסטע פאָמעש־ציקעס...

חוה: וואָס ווייסט איהר? עס איז דען זיינס שוין? פערמאָרטגיידזשט, פער'משכנ'ט, פערזעצט, געמאכט א תכלית.

ציליע: איך דארף דיר זאָגען, פאפא, אויך איך בלייב דאָ ניט מעהר... אויב פיעל, וועל איך דאָ קענען זיצען נאָך א וואָך.

ראפאיל: אזוי? וועסט ניט קענען זיצען? וועלען מיר דיך לערנען, ווי אזוי מע זיצט...

ציליע: מיין ניט, אז דו וועסט מיך דאָ האלטען מיט געוואלד, איך פאָהר ארויס קיין ניו יאָרק.

ראפאיל: דאָס וועלען מיר נאָך זעהן!

ציליע: איך פאָהר ארויס קיין ניו יאָרק.

עטי: קיין ניו יאָרק? וואָס זשע, ציליע, ווי איך זעה, ציהסטו בים־לעכווייז צוריק דיין וואָרט.

ציליע: זי האָט זיך דערמאָהנט! איך האָב שוין מיין וואָרט לאַנג צוריקגעצויגען.

עטי (גאַנץ רוהיג): איך האָב דיר איין מאָל געזאָגט און זאָג דיר יעצט נאָך אמאָל... צום לעצטען מאָל; ציליע, זעה, זאָלסט נאָכדעם קיין חרטה ניט האָבען, עס וועט זיין שפּעט.

ראפאיל: וואָס איז דאָס?

סאַמואיל: פּאַפּאַ, עס וועט טאַקע 20 טויזענד מאָל בעסער זיין, אז דו וועסט ציליע'ן ניט לאָזען אין שטאָדט. ווארום ווען זי קומט קיין ניו יאָרק...

עטי: ווייסט דאָך, פּאַפּאַ, זיינע גוזמאות. (שטיל) ציליע, געדענק, וואָס איך זאָג דיר!...

סאַמואיל: זאָל איך פּלאַצען אויף טויזענד שטיקער, אויב דאָס איז א ליגען...

ראפאיל: וואָס מיינסטו דערמיט?

חוה: וואָס ער זאָל ניט מיינען, איז א ליגען!

ציליע: און אויב עס איז וואהר, איז וואָס? אמעריקא איז ניט ראָסיע און ניו יאָרק איז ניט קרעמענטשוג. דאָ האָט מען ניט זעהר שטאַרק מורא פאַר א חטא און מען שרעקט זיך ניט נאָכדעם זעהר שטאַרק פאַר א סקאַנדאַל...

ראפאיל: אזוי? א חטא און א סקאַנדאַל איז דאָ גאָר ניט? ביזט גערעכט, דיין פּלאַץ איז אין ניו יאָרק. נאַטאַשאַ, זאָג שאַבעלסקי'ן, ער זאָל באַלד שפּאַנען די פערד. באַלד פאָרט פון מיין הויז... שוין! די מינוט!

ציליע: יעצט איז ניטאָ קיין טריין!

ראפאיל: וועסט פיער, פינף שעה וואַרטען אויף דער סטאַנציע... דאָ ביי מיר ניט, וואָן!

חוה: וועה איז מיר! ווייסט ניט, ווער, וואָס, וועמען — טרייבט!

ראפאיל: אויב עס איז גאָר ניט! אויב זי רעדט נאָר אזוי, קען זי ניט זיין דאָ מעהר. איך בין נאָך א קרעמענטשוגער! (עפענט די טהיר) ארויס פון דאַנען! (ציליע אָב).

חוה: איך וויל דאָ ניט זיצען מיט דיר... איך וועל זיין מיט די קינדער אין שטאָדט, וועסט קומען צו אונז, ניש'קשה... וועסט זיך לאַנג ניט בריה'נען!

ראפאיל (א קלאַפּ אין טיש): איך וועל קומען? מאַדאַם, פון דאַנען וועט מען מיך פיהרען אויפ'ן בית עולם!

חוה: ווי דו פערשטעהסט... איך וועל זיין מיט מיינע קינדער (אָב).

ראפאיל: איהר זעהט, ר' אפרים, הפנים איך בלייב אין אמעריקא

אהן א קאפעליע. (פערקנייטשט זיין שטערען) נו, אונזער קריסטמאס באל איז ניט זעהר געראטען... איך מיין, איהר מעגט אלע געהן שלאפען (סאמואיל ראש אב).

אפרים: מכח דעם משא ומתן... (ראפאיל הערט ניט. פערטיעפט אין זיינע געדאנקען).

ביילע: אי, דול איהם איצט ניט דעם קאפ.

אפרים: מכח דער קרעמענטשוגער קאנסערוואטאריע אף מוזיק אף ניו יארק.

ראפאיל: א גוטע נאכט... (אפרים און ביילע אב).

גרעגואר: עטי, קום, פאפא, זא וואהר איך לעב, מיר טהוט זעהר לייד... איהר ווייסט ניט, עס גיבען מאמענטען אינ'ם לעבען פון אן ארטיסט... ווען... אלץ... באלד אויפ'ן ארט די גאנצע וואהרהייט... און... זאל זיין וואס עס וועט זיין... אה! האט א גוטע נאכט... (געהט ביז די טרעפ) די וואהרהייט זאגען וועט נאך זיין צייט... ווייס איך וואס עס קען זיך נאך טרעפען ביז יענע צייט... ציליע איז א מענש, וואס קען ארויס טרוקען פון וואסער און... אפשר וועט זי גאר שטארבען?

עטי (בעטראכט לאנג ראפאיל'ן): פאפא, ווילסט אפשר מיר וואס זאגען? זאל איך בלייבען?

ראפאיל: געה שלאפען... א גוטע נאכט... (עטי מיט גרעגואר'ן געהען מיט די טרעפ. ער קושט איהר האנד).

עטי: ביזט עפעס צו שטארק פערליעבט. זעה נאר, פיהלסט זיך מסתמא זעהר שטארק שולדיג... (ביידע אב. נאטאשא רוימט פון טיש).

ראפאאל (שטעהט אויף): געה, וועסט מארגען אויפרוימען. (נאטאשא געהט ביז'ן טהיר).

נאטאשא: ראפאיל מאיסעיעוויטש, גוטער מענש, איך האב אייך נאר געוואלט זאגען, זאלאנג איך וועל האבען כח, וועל איך אייך ניט לאזען אליין... ניין! איך וועל אייך דא אליין ניט לאזען.

ראפאיל (פריינדליכער): א גוטע נאכט, נאטאשא. (צייגט אויף דער טהיר. נאטאשא אב. ער פערלעשט אלע לאמפען, פעררויכערט זיין פייפ, געהט אום לאנג פערטראכט. ענדליך זעצט ער זיך אין א ווינקעלע און זיפצט. די שטוב ווערט בעלויכטען נאר פון דעם שניי דורך די פענסטער, מען הערט ווי דער ווינד יאמערט און מען זעהט ווי דער שניי פאלט. פויזע. אלבערט אנגעטהאן ווארים און מיט א שטעקען אין האנד געהט שטיל פון די טרעפ, בעמערקט ניט ראפאיל'ן, נעהמט שטיל זיין פיעדעלע פון דער פיאנא און וויל געהן. גאנץ ווייט זינגט מען „אלד קענטאקי“).

ראפאיל (שטיל): וואָס ווילסטו טהאָן? (אַלבערט דערשרעקט זיך).

אַלבערט: דאָס ביזטו גרענדפּאַ?.... איך וויל נעהמען מיין פּיעדעל און אוועקגעהן פון דאַנען... איך וויל געהן קיין רוסלאַנד...

ראפאיל: קיין רוסלאַנד געהן? הם! דאָס איז אַ פּלאַן. (געהט, נעהמט איהם ביי דער האַנד און זעצט איהם אַנידער נעבען זיך). זעץ דיך דאָ יונגער מאַן, און לאָמיר זיך אַ ביסעל דורכשמועסען... וואָרום עפּעס ווילסטו געהן קיין רוסלאַנד, האַ? (אַלבערט שווייגט, עטי קומט שטיל מיט די טרעפּ).

עטי (שטיל): אָרימער פּאַפּאַ, איך ווייס, ער זיצט דאָ געוויס אַליין...

ראפאיל: וואָרום שווייגסטו, אַלבערט?

עטי: דאָס קינד איז דאָ מיט איהם? (פאַלט צו צו דער באַריער פון די טרעפּ און הערט זיך צו).

אַלבערט: איך וויל אַוועקגעהן פון דאַנען קיין רוסלאַנד און קיינמאָל זיך ניט אומקעהרען. דאָ האָט מיך קיינער ניט ליעב, אויסער אָנקעל סעם, און איך ווייס שוין, מיין פּאַפּאַ איז דאָרטען...

עטי (שטיל): אוי! וועה איז מיר!

ראפאיל: אָה! ווען איך זאָל דיר קענען נעהמען פאַר אַ האַנד און געהן מיט דיר קיין רוסלאַנד זוכען דאָס פערלאָרענע גליק... קינד, דו האָסט דאָרט פערלאָרען דיין פאָטער און איך האָב דאָרטען פערלאָרען מיינע קינדער... אָבער, אַלבערט, מיר וועלען אין רוסלאַנד גאָר ניט געפינען... נאָר קברים פער־וואָרפענע מיט שניי... אונז ביידען, אַלבערט, האָט קיינער ניט ליעב... מיר האָבען ביידע קיינעם ניט אין דער גרויסער וועלט... ניט דאָ און ניט דאָרטען... (עטי איילט פון די טרעפּ. גאַנץ ווייט הערט זיך דאָס ליעד פון „אָלד קענ־טאָקי"...)

עטי: פּאַפּאַ, און וואו בין איך? אי, איהר צוויי קינדער... מיינע צוויי ליעבע, גוטע, אונגליקליכע קינדער! (אומאַרעמט דעם פאָטער מיט איין האַנד, אַלבערט'ן מיט דער צווייטער האַנד און דריקט זיי שטאַרק צו זיך און וויינט ביטער. אַלע דריי וויינען. נ אַ ט אַ ש אַ קומט, און וויל געהן מיט די טרעפּ אַרויף, דערזעהט ווי זיי וויינען, זעצט זי זיך אויף דער ערשטער טרעפּ און וויינט שטיל. אַלע בלייבען אַזוי איינינגע אויגענבליקען, עס איז שטיל, עס הערט זיך ווי עס קלינגט אַ זייגער צוועלף מאָל. דער ווינד רוישט שטאַרק, און דער שניי פאַלט).

(פ אָ ר ה אַ נ ג.)

פיערטער אַקט.

(אַ גרויסער צימער אָהן קאַרפּעט, איין טישעל, עטליכע שטולען, צוויי אָדער דריי פּיאַנאָס. אפרים, פון דער קיילעכדיגער באָרד געמאַכט אַ שפּאַניאָלקע, אָהן אַ סורטוק, שפּיעלט מיט בעגייסטערונג אַ אידישע זאַך. ביילע, חוה און נאַטאַשאַ זיצען און הערען אויפמערקזאם צו, עס איז נאַכט, גאַז ברענט).

אפרים: נו, וויבער, עס איז גוט, הא? דאָס איז דער אמת'ער שקלאָ־ווער „זיי געזונד" אָהן פּיטשיקאַטע און עס שציפּעט ביים פּופּיק, אָהן סטיקאַטע און עס סטוקעט איבער'ן הארצען... אידיש! עכט־אידיש!... איהר זעהט, נאַטאַשאַ, אַ גוי'ע, און אַ ריכטיגע אידישע זאַך געפעהלט איהר אויך... נאַטאַשא, דו פאָהרסט אַוועק, האָב איך דיר געשפּיעלט „זיי־געזונד"... דאָ אין אַמעריקאַ וויל איך זיך ניט גרוים האַלטען געגען דיר מיט דעם, וואָס איך בין אַ איד. אין אַמעריקאַ מעג מען אפילו אַן אַלטע גוי'ע אויך רעכענען פאַר אַ מענשען... דאָך אַ פרייע לאַנד!

ביילע: אי, נאַטאַשאַ, איך בין דיר ניט מקנא, ווידער העצקען זיך איבער'ן ים ארויף און אראָב... פּע!

חוה: דיך פערדריסט ניט, מיך דאָ צו פערלאָזען? אזוי לאַנג געוועז ביי מיר...

נאַטאַשאַ: שיידען זיך פון מיין עטי איז מיר זעהר שווער... מיין הארץ ווערט צוריסען... און דער אַלטער הער נעבעך דאַרטען אַליין... אָבער איך וויל ניט אין דער פרעמד שטאַרבען, זאָלען כאָטש מיינע אַלטע ביינער ליגען אין דער היים...

ביילע: זעהסט, לעבען צווישען פרעמדע האָט זי ניט מורא געהאַט און ליגען אין דער ערד צווישען פרעמדע האָט זי מורא...

אפרים: נו, יא, ליגען ווילט זיך מיט אַן אייגענעם, דאָס הייסט, נאָר אין דער ערד... ניין! איך וואָלט ניט פאָהרען צוריק, מען זאָל מיר דאַר־טען אפילו צוזאָגען אַלע נאַכט אַ חתונה... אויך מיר אַ מדינה ראָסעיע!...

חוה: און איך בענק זעהר נאָך קרעמענטשוג...

אפרים: אַ כרך — קרעמענטשוג! וואָס איז דאָרטען דאָ? גור אריה'ס קאַזאַרמעס? דאָ בין איך דאָך מיר אַ גראַף, אַ פּאָמעשטשיק... די פּאָליציי האָט מיך נאָך איין מאָל ניט געפרעגט צו איך האָב אַ פּאַספּאָרט און אַז איך האָב

געוואַלט, האָב איך ניט געפרעגט ניט ביים פּרעזידענט, ניט ביי דעם גובער־נאַטאָר און האָב מיר געגעבען אַ נאָמען „פּראָפעסאָר“ און האָב מיר אַליין געעפענט אַ קאָנסערוואַטאָריע אָף מוזיק און איך בין מיר אַליין דאָ אַזאַ מיוחס ווי טשאַיקאָווסקי מיט רובינשטיין׳ען.

נאַטאַשאַ: און, ווי אַזוי רופט איהר דאָס, די... די יוניאָן ?

אפרים: ע ! יוניאָן איז נאָר פאַר פּראָסטע מענשען — איך בין איצט פערשטעהסטו מיך, פּראָפעסאָר פּיעדלער.. דירעקטאָר „אָף דהי קרעמענטשוג קאָנסערוואַטאָריע אָף מוזיק אָף ניו יאָרק“, „קאַפּעלמייסטער אָף דהי אַמאַ־טיאָר־גוגענאַטען־אָרקעסטער“ צוליעב מייערבער׳ן, וועלכער איז אויך געווען אַ איד, כע ! כע ! כע ! מען קומט, מען טראָגט קוואָדערס, מיט האַלבע דאָלארס... מען פרעגט ניט... ווער קען דאָרטען אין דער קבצנ׳ישער מדינה צאָהלען ? דאָרטען איך זאָל אפילו שווערען מיט שבועות וחרמות, וואָלטען זיי דאָך מיר ניט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ קאָנסערוואַטאָריע... פאַר אַזאַ מענשען, ווי איך מיט אַ ספּעציאַלנאָסט איז אַמעריקאַ בעשאַפען געוואָרען...

נאַטאַשאַ: אונזער אַלטער הער האָט ניט געטראָפען אין אַמעריקאַ... אַ, יעווא אַראָנאָווונאַ, גאָט זאָל אייך ניט שטראָפען דערפאַר, וואָס איהר האָט איהם אויף דער עלטער אַלע פערלאָזט. (צ י ל י ע שרייט פון אַנדערען צימער : מאַמאַ, קום אַהער ! חוה ראָש אָב).

ביילע (מיט אַ גרימאַסע צו אפרים׳ן) **:** זי טהוט זיך אָן... זי געהט היינט מיט גרענוואר׳ן אין דער אָפּערא. אי ! עס איז אַ צרה מיט זייער אָפּערא...

אפרים: די צרה איז, וואָס אויף איהר שטעהט די גאַנצע קאָנסער־וואַטאָריע, אַז ניט, וואָלט איך איהר שוין לאַנג אַ שפּיעל געטהאָן אויף דער קווינטע. (צו נאַטאַשאַ׳ן) איך האָב געהערט, דער אַלטער איז דאָרט גאָר צוכלאָ־בעט געוואָרען, האַ ?

נאַטאַשאַ: אַלץ געהט פּראָכאָם : אַ ראַזאָרעניע... ער האָט ניט קיין הילפע, גאָר ניט זאַגאָר מיט וועמען אַ וואָרט אויסרעדען. (ווישט זיך אַ טרער) זיין איינציגער פריינד איז יעצט אַלבערט. זייט פאַר אַ־יאָהרען קריסטמאַס לאָזט ער איהם ניט אָב פון זיך... דאָס קינד פיהרט אוים ביי איהם אַלץ. (שטיל) ציליע, ווי איך זעה, שטיפט, האַ ? אי, עלטערען זאָלען דערלאָזען אַזאַ זינד... לייבליכע שוועסטער, וועה איז מיר ! און עטי נעבעך...

אפרים: אַ גרינגע זאַך אין אַמעריקאַ זאָגען : דערלאָז ניט ! ער זאָל מיך קומען פרעגען : טאַטע, דערלאָז... וואָלט איך געזאָגט : ניין, איך לאָז ניט... אַ כאָלעריע זיי אין די ביינער אריין, זיי דערלאָזען זיך אַליין. (אַ גלעקעל, ער קוועטשט דעם קנאָפּ ביים טהיר.)

ציליע (פון איהר צימער): זעהט, עס האָט געווים גרעגואַר געקלונגען!
(חוה קומט צוריק.)

חוה: אַי, האָט זי זיך אויסגעפּוצט, נאַר אַ לידי פון דער פינפטער עוועניו! אַמאָל פלעג איך זיך אויך אָנטהאָן ווי אַ מענש... און איצט... אַי, ווי מען ווערט פערשוואַרצט אין אַמעריקאַ.

אפרים (קוקט ארויס פון טהיר): אונזער קדיש!... אַי... ווען ניט די קאָנזערוואַטאָריע אָף קרעמענטשוג אָף מוזיק אָף ניו יאָרק! (מען קלאַפּט) נו, קאַם אין! (גרעגואר קומט.)

ביילע (אַפּאַרט): קוק איהם אָן, אויך אויסגעפּוצט ווי אַ חזיר.

חוה: ציליע טהוט זיך אָן... אָה, בין איך אייך מקנא — הערען די קאָלווע אין אַזאַ אָפּערא ווי קארמען... אויב מען וועט קענען אויסרייניגען און פיקסען מיין אָפּער'ן מאַנטעל, וועל איך אויך אַמאָל געהן.

ביילע: נו, יא, אַז די אָפּערא איז קלמן, איז מסתמא גוט.

גרעגואַר: אַ דירעקטאָרשע פון אַ קאָנסערוואַטאָריע זאָל צונויפפּאָרען קלמן מיט קארמען! נאַטאַשאַ, וועסט פאָהרען צו אונז? עטי וועט דאַרפען שפּעט זיצען אליין. (אַפּאַרט) די לעצטע צייט בעזוכט אונז צו אָפּט אַ בעקאַנטער פּיאַניסט. ער איז אַ שעהנער יונג... זאָ וואהר איך לעב, עס איז בעסער ניט לאָזען זי אליין.

ביילע: פאַרוואָס געהט ניט עטי מיט אייך אין דער אָפּערא?

גרעגואַר: אַז זי דאַרף געהן געהט זי, און אַז זי דאַרף זיצען אין דער היים, זיצט זי אין דער היים... מיין נאָמען און מיין געשעפט פאָדערט איך זאָל זיצען אויף אַ טייערען פּלאַץ... ווען זי געהט אָבער אַליין, מעג זי זיצען וואו זי וויל... און אויסער דעם, איך מיט ציליען געהען ניט נאָר פון פערגעניגען וועגען, מיר זיינען פּראָפעסיאָנעלע מוזיקער... ע... (געהט) ציליע, וועגען דעם קלאַוויר אויסצוג... ע... (אב צו איהר אין צימער.)

אפרים: נו, געה, לאָז ניט!... ער פרעגט ניט און געהט... זי טהוט זיך אָן... אפשר איז זי אָהן אַ לייב־סערדאַק נאָך!...

נאַטאַשאַ: אַי, גאָט, הפנים עס קומט דער שרעקליכער יום הדין, ווי די הייליגע שריפטען זאָגען, אַז קינדער וועלען אויפשטעהן געגען עלטערען, אַ ברודער אויף אַ ברודער, אַ שוועסטער אויף אַ שוועסטער... דער פאַטער נעבעך...

חוה: נאַטאַשאַ, מיר טהוט הנאה וואָס דעם אַלטען געהט דאָרטען שלים־שלימזל... ניש־קשה, ער וועט קליגער ווערען, און קומען צו אונז לעבען, ווי אַלע מענשען. (מען קלינגט.)

אפרים: ווער איז דאָס? (עפענט) אָה, מסתמא סווע קניפּעל, זי

האָט דאָ פערגעסען איהרע נאָטען... (מען קלאַפּט) קאָם אין! (עטי קומט, שעהן געקליידעט. זי אָטהעמט קוים.)

אַלע: עטי!

עטי: פערשפּעטיגט? זיי זיינען שוין אוועק אין דער אָפּערא?

(אפרים קוקט אויףביילען און שווייגט.)

נאַטאַשאַ (דערשראָקען): גאָט איז מיר דיר, עטי, וואָס ווילסטו טהאָן?

עטי (מיט אַ שמייכעלע): שרעק זיך ניט, ניאַניע, איך האָב געדאַרפט גרעגואר'ן בלויז זעגען אַ געשעפטס־זאַך. מיר האָבען געסט... ווי גרעגואר איז נאָר ארויס פון שטוב איז געקומען דער פּאַפּאַ... ער דאַרף גרעגואר'ן זעהר נויטיג... אָי, ניאַניע, אַלבערט איז אַ לעבעדיגער, געזונטער פּאַרמער.

חוה: ראַפאַיל איז אין שטאָדט? (געהט צום שפּיגעל און ברענגט אין אָרדנונג איהר טואַלעט.) זיי זיינען נאָך ניט אוועק אין דער אָפּערא.

ביילע און אפרים: דער מחותן איז געקומען! וואו איז דער מחותן?

עטי: ער וואַרט דאָ אויף דער שטראַסע, ער וויל אַהער ניט אריינ־געהן... ער דאַרף מיט גרעגואר'ן רעדען אַ פּאָר ווערטער.

ביילע: וואָס הייסט, ער וויל ניט? האָסטו געהערט אַ ביסעל!? (לויפט אָב.)

עטי: הייסטעס, זיי זיינען נאָך ניט אין דער אָפּערא?

חוה: ניין! ציליע טהוט זיך אָן... דאָס הייסט זי איז שוין לאַנג אָנגעטהאָן, נאָר זי קלייבט זיך צו... ער איז ערשט נאָר וואָס אריינגעגאַנגען צו איהר...

עטי: איך האָב געוואוסט, מיר וועלען זיי נאָך טרעפען... (קלאַפּט אין ציליע'ס טהיר) מעג מען אייך אביסעל בעאונרוהיגען? (גרעגואר קומט, נאָך איהם ציליע אָנגעטהאָן צום געהן.)

גרעגואַר: דו דאָ? וואָס איז? (עטי בעטראַכט זיי און שווייגט.)

ציליע: עטי, דאָס איז דיין נייעס קלייד? אָה, שעהן... פּראַכטפאָל...

גרעגואַר: איאָ, שעהן? עס קאָסט שעהנעס געלד, זאָ וואהר איך לעב, מיין פרוי דאַרף געהן שעהן און רייך געקליידעט... איאָ, עס פּאַסט איהר? און ווען זי האָט עס אויסגעקליבען, האָב איך געוואָלט מאַכען אַ גאַנצען סקאַנדאַל, זאָ וואהר איך לעב, אַ קליין סקאַנדאַלטשיק טאַקע געווען, עס איז מיר ניט געווען געפעהלען. (רייניגט איהר קלייד פון שטויב.) איך צאָהל געלד און פריהער פון אַלע דאַרף מיר געפעהלען. פאַר וואָס האָסטו ניט אָנגעטהאָן דיין דזשולערי?

עטי: איך האָב ניט געהאַט קיין צייט... איך האָב מיך זעהר געאײלט... גרעגואַר, דער פּאַפּאַ איז געקומען און דאַרף דיך באַלד זעהן.

גרעגואַר: מיך? וואָס איז עפּעס?

ביילע (ביים טהיר): יאַ, יאַ, קומט אַריין, גרעגואַר איז דאָ... אין דרויסען גאָר, האָסטו געהערט אַביסעל! (אַריין) זעה, וואָס דאָ טהוט זיך. (וואַרפט זיך רוימען, ר אַ פ אַ י ל עלטער און אָרימער געקליידעט פיהרט פאַר אַ האַנד אַ ל ב ע ר ט'ן, ברענגט אַ סעטשעל.)

ראַפאַיל (אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ צו אַלע): העלאָ! נאַטאַשאַ, וואָס מאַכסטו?

ביילע (צו אפרים'ן): דו, בעל הבית מיינער, וואָלסט אפשר אָנגעטהאָן דעם סיורטוק!

אפרים: אין אַמעריקא איז גוט אָהן אַ סיורטוק.

ראַפאַיל: יאַ, אַז מיר קומען אין אַמעריקא, טהוען מיר זיך אויס... און מען שעמט זיך ניט.

אפרים: איך מיין, אין אַמעריקא איז ניטאָ קיין מיוחסים, אַלע זיינען גלייך... אַ פריייעס לאַנד! ניט אַזוי מחותן? נו, וואָס מאַכט איהר?

ראַפאַיל: יאַ, יאַ, ניטאָ קיין מיוחסים... אַ פריייעס לאַנד! אַלבערט, טהו זיך אויס דערווייל. (העלפט איהם אויסטהאָן זיך.)

עטי: פּאַפּאַ, זאָל איך איהם זאָגען? גרעגואַר, דער פּאַפּאַ פרעגט מיך, וויפעל געלד דו האָסט? דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט און איך האָב ניט געפרעגט.

ביילע: פאַר יעדען טויזענדער, וואָס ער האָט אין באַנק, זאָל איך האָבען אַ גוטען מזל'דיגען יאָהר, רבונו של עולם!

גרעגואַר: ווענמען דאַרף איך געבען רעכענונג וועגען מיין געלד?

ראַפאַיל: גאַנץ איינפאַך... פאַר אייך דאָ וויל איך זיך ניט שעהמען... גבירים — דריי פאַר אַ ניקעל! און ראַפאַיל דאַרף צו זיי קומען רעדען פון געלד־פראַגען... טשאַרט וואָזמי! צייטען, האַ?

אַלבערט: גרענדפּאַ, האָסט מיר צוגעזאָגט ניט זיין בייז, האָסט פערגעסען?

ראַפאַיל: נו, יאַ, איך האָב געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט. און אויב איך וועל מאָרגען ביז צוועלף ניט אַריינטראָגען אין ניו הייווענער באַנק פּראָצענט פאַר'ן מאָרטגיידזש און אַ טייל פון קאַפּיטאַל, וואַרפט מען מיך שוין אַרויס פון דער פאַרמע... איך האָב זעהר ליעב בעטען גמילות חסדים! יעדען שוויין בעטען! נאָר בלייבען אין דרויסען... אַליין... אַ בעטלער... הם, אַלבערט אפילו זאָגט, מיר זאָלען נעמען רעוואָלווערען און ביקסען און שיסען, ווען זיי וועלען קומען אונז טרייבען... עס איז אָבער קיין פּלאַן ניט...

ציליע: אַפּיציערסקי בלוט!

ראפאיל: איך דארף צוועלף הונדערט דאלאר... (פויזע)

ציליע: הערר פריעדלענדער, מיט מיר און דער מאמא זייט איהר גאר ניט בעקאנט?

ראפאיל (צו גרעגואר'ן): צוועלף ביינאכט געהט די שיף אב קיין ניו היייאָרק. [sic: ניו היייווען]

גרעגואר: הם, צוועלף־הונדערט דאלאר? זא וואהר איך לעב, עס איז א היבשע סומע געלד! איך וועל אייך זאגען די ווארהייט, ווען איך זאל זאגאר האבען, וואלט איך ניט געגעבען... וואצו? העלפען אייך נאך א יאהר פלאגען זיך? מיין געלד וועט וועט זיין פערלארען און די פארם וועט מען ביי אייך צונעהמען מיט א יאהר שפעטער... עס איז צייט איהר זאלט ווערען פראקטישער! איהר זייט ניט קיין פארמער...

ראפאיל: איך בין ניט געקומען צו דיר לערנען זיך פראקטיק!

גרעגואר: איך מיין אייער טובה, זא וואהר איך לעב...

ראפאיל: ווען איך טראג ארײן מארגען דאס געלד, קען איך אם ווענינגסטען, אויב איך וועל מוזען, פערקויפען אלץ און רעטען א פאר טויזענד דאלאר מיט פראצענט... און אויב אז ניט... ע... (בייז צו אלבערט'ן) דאס ביסטו שולדיג, דיפלאמאט מיינער! איך האב דיר געזאגט, מען דארף ניט פאהרען! מען קען ניט מאכען קיין שטריימעל פון א חזיר'שען אויער...

אלבערט (פריי): מיר וועלען נאך זעהן... ניאניע, אפשר האסטו צוועלף־הונדערט דאלאר? זאל איך אזוי געזונד זיין, מיר וועלען דיר אבגעבען. (אלע, זאגאר ראפאיל, לאכען. עטי קושט איהם.)

נאטאשא: אי, מיין קינד, ווען איך זאל האבען, נארעלע, אויב ראפאיל מאסעיעוויטש וועט ניט בעקומען קיין געלד, וועל איך ניט האבען מיט וואס צו פאהרען אהיים...

גרעגואר: זעה א יונג! א ריכטיגער פארמער! (קושט איהם) שוועד, איך זאג אייך גאנץ אפען. איך קען אזא סומע געלד ניט געבען, נאר איהר בלייבט ביז מארגען... איהר וועט קענען נעהמען א טריין. און מיר וועלען זיך מישב זיין... דא איז נאך דא פערזאנען, וואס האבען געלד, פאר וואס זאלען זיי אייך ניט העלפען?

חוה: איך זאג דיר! געלד!

ביילע: אי, אומשטיינס געזאגט, געלד! (ראפאיל בלייבט זיצען פערטראכט.)

עטי (שטיל): גרעגואר, קום אהער, דו ווייסט, איך האב ביי דיר נאך קיין מאל, קיין זאך, קיין געפעליגקייט ניט געבעטען, אבער יעצט ווען דער פאפא...

גרעגואר: האָב שכל און מיש זיך ניט. דאָס איז ניט קיין ווייבערשע ביזנעס! דו האָסט דאָס, וואָס דו דאַרפסט? זיץ און שווייג!

עטי: דער פּאַפּאַ בעט נאָר לייהען.

גרעגואר: נו, יאָ, איך וועל איהם געהן נאָכדעם לאָדען...

עטי: גרעגואר, דער פּאַפּאַ האָט דיר... אונז... געגעבען געלד און...

גרעגואר: זאָ וואהר איך לעב, איך האָב דיר געדאַרפט נעהמען אַהן געלד... איך זאָל דאמאלס מעהר שכל האָבען, וואָלט מען מיך ניט אָבגעהאַנדעלט מיט שיהע־פּיהע... דו מיש זיך ניט אין געלד־פראגען, דאָס איז ניט דיין זאַך! (קוקט אויפ'ן זייגער.) אַי, ציליע, זאָ וואהר איך לעב, מיר וועלען פערשפּעטיגען די אואווערטיורע. אַלזאָ, איך וועל אייך דאָ טרעפען... עטי, דו זאָלסט וואַרטען דאָ, איך וועל ברענגען ציליע'ן אַהיים און מיר וועלען פאָהרען צוזאַמען... דו הערסט? איך וויל ניט, זאָלסט פאָהרען אַליין אַהיים... זאָ וואהר איך לעב, דער פּיאַניסט מאַכט דיר צופיעל קאָמפּלימענטען... כע! כע! אויפ'ן ווידערזעהן. (ביידע ראַש אָב. עטי בעגלייטעט זיי מיט אַן איראָנישען בליק און אַ פערדעכטיגען שמייכעלע.)

ראַפאַיל: אַזוי! אַזוי איז דאָס? (בייז) עטי, פאַר וואָס געהסטו ניט מיט זיי אין דער אָפּערא?

עטי: פאַר וואָס? מען האָט געקראָגען נאָר צוויי בילעטען, נו, זיי זיינען מוזיקער, זיינען זיי בילכער.

ראַפאַיל: אַזוי? מען קען נאָר צוויי טיקעטס קריגען? קום, איך וועל פאָהרען מיט דיר אין דער אָפּער... מיר וועלען נעהמען אַלבערט'ן, דער פאַרמער האָט דאָך נאָך גאָר ניט געזעהן. אַז איך וועל בעצאָהלען צעהן דאָלאַר פאַר צוויי בילעטען, וועלען מיר האָבען וואו צו זיצען? נו, טאָ קום... איך וויל היינט זיין אין דער אָפּער מיט דיר.

עטי (שמייכעלט): ניין, פּאַפּאַ, איך וויל ניט געהן אין דער אָפּער אויף צו־להכעיס. לעג עס אָב אויף אַן אַנדערס מאָל. איצט איז ניט די צייט.

ראַפאַיל: דו ווילסט נאָך ניט געהן אויף צו־להכעיס? עטי, איך פערשטעה ניט, ביסטו אַזוי שטאַרק, אָדער ביסט אַ שמאַטע, וואָס לאָזט זיך טרעטען מיט די פיס? ברודער אַלבערט, איך מיין, מיר מעגען פאָהרען אַהיים, ביז מען וועט אונז ניט אַרויסוואַרפען איז דאָרט אונזער היים, דאָרט!

נאַטאַשאַ: פאָטער אין הימעל, אַרויסוואַרפען! בעסער וואָלט איך דאָס ניט דערלעבט צו הערען.

עטי: מאַמאַ, איך וויים, דו האָסט אין באַנק זעקס הונדערט דאָלאַר.

ראַפאַיל: איך דאַרף ניט קיין פרעמד געלד!

חוה: איך בין געוועזען דער איינציגער מענש, וואָס האָט געהאַט שכל

אַברייסען ביסלעכווייז ביי דער פּאַרמע... ווען ניט מיין עקאָנאָמיע, א שעהן פּנים וואָלטען מיר יעצט געהאַט.

ראַפאַיל: פינאַנסיסטען געוואָרען דאָ אין אַמעריקא! הא? אַלבערט, טהו זיך אָן, מיר פאָהרען שוין אַהיים. (טהוט איהם אָן.)

אפרים: הייסט עס, מחותן, אויב איהר בעצאָהלט ניט מאָרגען איז אַלץ אין גאַנצען פערפאַלען?

ראַפאַיל (בייז): יא, הייסט עס, מחותן.

אפרים: א ביטערע עבירה, ווי איך בין א אידיש קינד. ביילע, קום אָקאָרשט אַהער. (רעדען ביידע שטיל.)

עטי (שטיל אָבער ענערגיש צו דער מוטער): איך ווייס דאָך, דו ווילסט איהם אָבגעבען דאָס געלד.

חוה: ווער? איך?

עטי: נו, יא, דו! ער וועט אָבער דיין געלד ניט נעהמען, וועסט איהם מוזען בעטען און שטאַרק בעטען...

אפרים: הערט, מחותן, איך האָב אין באַנק 265 דאָלאַר.

ראַפאַיל: 265 דאָלאַר! א גביר! איך קוק, וואָס ער האָט זיך געמאַכט א פראַנצויזישע בערדעל! זייט ניט קיין נאַר, אייערע עטליכע פערהאָרעוועטע גראָשען וועלען מיר ווענִיג העלפען.

אפרים: מיר וועלען מיט ביילע'ן צונויפקראַצען ביז דריי הונדערט... די מחותנת'טע האָט, שאַ, בייזערט זיך ניט, די מחותנת'טע האָט זעקס מאות... גיט אויף איהר איין טאַפּע מיט'ן פּוס, האָט איהר דאָס געלד... (צושפּילעט זיין זשילעט און לעגט נעבען ראַפאַיל'ן זיין באַנק-ביכעל.)

ראַפאַיל: טאַפּען מיט'ן פּוס? ניט דערלעבען וועלען עס מיינע שונאים! זי האָט געדאַרפט ווייִנען און בעטען, איך זאָל דאָס געלד נעהמען, און דאַן וואָלט איך עס ערשט ניט גענומען.

עטי: פּאַפּא, די מאַמא דאַרף דאָס געלד ניט פאַר זיך, זי רעכענט, טאָמער פערליערסטו דיין גאַנצעס פערמעגען און קומסט אין שטאָדט לעבען, זאָלסטו ניט דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע מענשען. אָבער אויב דו קענסט מיט געלד רעטען די פּאַרמע, וועט זי געווים ניט זיין דאַגעגען... פאַר וועמען דאַרף זי דען דאָס געלד? זי וועט דיר אַליין אָבגעבען איהר באַנק-ביכעל, א יא, מאַמא? וואו איז דיין באַנק-ביכעל?

חוה (קעהרט זיך אָב און שלעפּט פון בוזים א באַנק-ביכעל, וויינענדיג): מען דאַרף איהם נאָך בעטען און וויינען! ער מיינט, עס איז איהם קרעמענטשוג!

עטי: עס רעדט זיך נאָר אַזוי!... מען דאַרף ניט בעטען, דער פּאַפּא

האָט אַליין פײנט צו בעטען און װיל ניט, מען זאָל איהם בעטען... ער װײס װי בעטען ערנידערינגט. (לעגט דער מוטער׳ס באַנק־בוך נעבען אפרים׳ס ביכעל).

אַלבערט: נעהם ביידע ביכלעך און מאַך ביזנעס װי א גוטער פאַרמער.

ראַפאַיל: כאַ! כאַ! איהר הערט, װאָס מײן אַלטער פריינד זאָגט? דאָס װאַקסט דער ריכטיגער פאַרמער. איבערמוטשען זיך נאָר ביז ער װעט ענדיגען אַן אגריקולטור־שולע און װעט װערען א מענש... נו, בעלי טובות מײנע, דערװײלע נעמט צו אײערע אוצרות מיט געלד...(װאַרפט אװעק ביידע ביכלעך) איך האָב פײנד קבצנישע קאַלקולאַנס. מיר װעלען שוין מאָרגען פאָהרען מיט דער טרײן, האָבען מיר נאָך צייט צו הערען װאָס אונזער אײדים װעט אונז ראַטען צו טהאָן... דערװײלע, אַלבערט, גיב נור א קוק, װאָס מיר האָבען אײנצוקויפען... ביי דיר איז פערשריבען, סעקרעטאַר מײנער.

אַלבערט (נעהמט פון דער טאַשע א צעטעל): א פלאַש טערפּענטין, שטריק, א פלאַש שװאַרצען קאַרבאָליק עסיד און...

עטי (קושט איהם לײדענשאַפטליך): אָי, מײן טײערער, מײן זיסער פאַרמער!

ראַפאַיל: נו, אַלבערט, מאַרש! מיר קומען באַלד. (געהט עטליכע טריט, שטעלט זיך אָב און קוקט אויף אפרים׳ן) עי, דו, כלי־זמר! אויף מײן װאָרט, איך דאַרף זיך ניט שעהמען מיט דיר. (אומאַרעמט איהם שטאַרק, שטויסט פון זיך און ראַש אָב).

חוה (בעהאַלט איהר באַנק־ביכעל): איך זאָל מיך ניט שעהמען, װאָלט איך מיט איהם מאָרגען געפאָהרען אַהיים. קײן מאָל ניט געהאַט קײן דאגות, נאָך װאָס דאַרף איך דאָס?

נאַטאַשאַ: גוטע יעװאַ אַראָנאָװנאַ, נאָך ניט צייט אויף איהם רחמנות האָבען? און אויב איהר פאָהרט, פאָהר איך אויך צוריק. װאוהין װעל איך פאָהרען? קײן ראָסיע? װעמען האָב איך דאָרט? איך האָב נאָר ניט געקענט צוזעהן װאָס דאָ קומט פאָר. יאָ! מיר װעלען פאָהרען צוריק, מיר װעלען אַכטונג געבען און איהם העלפען. און... איך װעל זיך דען קענען שײדען פון איהר? (װיינט) פון מײן עטי׳ן, פון מײן קינד? װאָס האָב איך אויסער איהר אויף דער װעלט? (פאַלט עטי׳ן אויפ׳ן האַלז.)

עטי: טײערע, גוטע ניאַניע, איך האָב געמײנט, איך בלייב אַליין... און דו פערלאָזט מיך ניט... (װײנען ביידע) ניין? ניין?

אפרים: מחותנ׳עסטע! ביילע! נו, און מכח סאַפּער, האַ? איך לויף שוין אַראָב. (שנעל אָב זינגענדיג.)

חוה: נאַטאַשאַ, דער אַלטער איז געװיס הונגעריג, אַי, װער גיט נעבעך

אויף איהם אכטונג דארט? און מיר, מיינסטו, איז גוט? איך געה דא אוים יעדען טאג ווי א וואקס.

נאטאשא: איהר פאהרט אהיים? פאטער אין הימעל, ווי גוט דו ביסט צו אונז, זינדיגע מענשען. (זי און חוה אב. א גלעקעל.)

ביילע: עטיניו, טאכטער מיינע, דו ווייסט, איך האב דיך ליעב. (קושט זי.)

עטי: איך האב שוין אזא גליק, אלע אלטע האבען מיך ליעב.

ביילע: איך בין דען אן אלטע? שלעכטע דו. הער, (קוקט זיך ארום) איך האב געוואלט מיט דיר עפעס רעדען. (סאמואיל קומט) אה! פון וואנען קומט עס א איד?

סאמואיל: העלא, עטי, איך האב געהערט, אלבערט איז דא מיט'ן פאפא, איך האב זיעבען-און-צוואנציג טויזענד מאל געוואלט שרייבען אלבערט'ן און עס האט זיך ניט געמאכט. איך קום פון דער אפערע, קאלווע האט קאטער, עס געהט ניט קארמען, האב איך צוגענומען מיין געלד צוריק. צעהן טויזענד מאל געבלאפט, הייגט ניט. אי! ביי דער קאסע איז אפשר צוועלף טויזענד מענשען געשטאנען... פיערציג פאליסלייטע, דריי אמבולאנסען, א פאטרול-וואגען. עס האט זיך אבגעטהאן.

עטי: שפיעלט מען היינט ניט „קארמען“?

סאמואיל: ניין, די „מייסטערזינגער“... ווייסט דאך, ווי איך האב ליעב וואגנער'ן. וואו זיינען זיי, הא? (אב אין אנדער צימער.)

ביילע: עטי, איך קלייב זיך לאנג מיט דיר צו רעדען. איך וויים, דו וועסט האבען יסורים, אבער מען דארף דאך אמאל מאכען א סוף.

עטי: „סוף“ איז זעהר א טרויעריגעס ווארט. איך וויל פון „סוף“ ניט דענקען.

ביילע: זי האלט דא די מאמע, נאר די אויגען צו פערשטעלען, און דו שווייגסט...

עטי: וואס זאל איך טהאן? זא לאנג איך קען שווייגען, שווייג איך. זי איז דא ניט געווען א פיער, פינף מאנאט אין ניו יארק, האט ער זיך געפיהרט פיעל אנשטענדיגער...

ביילע: אי, עטי, דו זאלסט וויסען, וואו זי איז געווען.

עטי: נו, וואס איז מיר דער אונטערשיעד? זי איז אבער געקומען אזוי געזונד, שעהן.

ביילע: נו, יא, עס האט איהר וואויל בעקומען.

עטי: וואס מיינט איהר?

ביילע: נאר, זי איז דאך — (זאגט איהר עפעס שטיל אין אויער.)

עטי: הא? ! פע! וואָס רעדט איהר דאָס?... אַ שעהנער שפּאָס! איך פערשטעה ניט...

ביילע: וואָס פערשטעהסטו ניט? נאַר, וואו איז זי דען געווען? איך זאָל אַזוי געזונד זיין, — עס לעבט! זיי האָבען עס אָבגעגעבען אין, ווי אַזוי רופט מען דאָס, אַ פינדלינג הויז... זי קאָמאַנדעוועט איבער איהם און ער איז אַ גאָרנישט... אי! אויב דו וועסט שווייגען, וועט דערפון, חלילה גאָט ווייסט וואָס, ארויסקומען שפּעטער.

עטי (רוהיג): אָה, עס קען ניט זיין...

ביילע: עס זאָל ניט קענען זיין, וואָלט דאָס ניט געווען.

עטי: פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַזעלכע נייעס?

ביילע: די מחותנת'טע האָט מיך בעשוואוירען איך זאָל קיינעם ניט אַ וואָרט... אבער זי ווייסט יעדעס פּיצעלע... אי! שעהנע בשורות...

עטי: די מאַמאַ ווייסט אַלץ? אָה, איך גלויב ניט... דאָס איז שוין צופיעל... (אין טהיר) מאַמאַ, זיי אַזוי גוט, אויף איין מינוט. (חוה קומט פרעהליך, אַ פאַרטוך איבער'ן קלייד.)

חוה: מחותנת'טע, מיר מאַכען מיט נאַטאַשאַ'ן לאַטקעס. צוליעב די געסט וועלען מיר אויך געניסען. וואָס איז, עטי?

עטי: מאַמאַ, זעץ דיך אַנידער. (רוהיג) זאָג מיר, איך בעט דיך, האָסטו געוואוסט אַז ציליע האָט געבוירען אַ קינד?

חוה (דערשראָקען): אָי, אַ שלאַג האָט מיך געטראָפען! מחותנת'טע!

עטי: איך פרעג דיך: דו האָסט געוואוסט און געשוויגען?

חוה: זי האָט מיך אריינגעשלעפּט... איך וויים דען?...

עטי: דו האָסט געוואוסט און געשוויגען?

חוה: אין קרעמענטשוג וואָלט איך פערברענט געוואָרען פון שאַנדע און דאָ... איך וויים, פאַר וואָס דאָ שעמט מען זיך ניט?

עטי: דו שעמסט זיך ניט און איך שעם זיך! איך שעם זיך, ווען איך האָב געוואָגט מיינען, אַז קיין אונגליקליכערע פון מיר איז ניטאָ אויף דער וועלט!... געגען מיין פּאַפּאַ בין איך נאָך אַ גליקליכע. איך לעב מיט גרעגוואר'ן קאַרגע 10 יאָהר און ער האָט מיט דיר, מיט אַזאַ פרוי ווי דו, געלעבט זיין גאַנצעס לעבען!

חוה: זעהסט, אויף מיר נאָך דעם בלבול. (אַ גערויש) די מאַמאַ דאַרף אַלץ אויסשטעהן.

ביילע: שש! דער מחותן געהט. (ראַפאַיל און אַלבערט צוריק.)

ראַפאַיל: קיין טערפּענטין ניט געקראָגען... שטריק... קאַרבאָליק

עסיד... (שטעלט אויף דער פּיאַנאָ) מחותנת׳טע, איך בעט אייך, פאַרזיכטיג, עס איז קאַרבאָליק... וואָס איז, עטי?

עטי: גאָר נישט... די מאַמאַ וויל מיט דיר פאָהרען צוריק אין דער קאַנטרי... זי איז מודה, דאָס זי האָט זיך געפיהרט זעהר מיאוס און נאַריש... זי זאָגט, אַ פרוי וואָס האָט אַליין קיין שכל ניט צו לעבען איז נאָר דאָן אַ שטיקעל מענש, ווען זי איז אונטער דעם שוץ פון אַזאַ מאַן, ווי דו, פּאַפּאַ. (ווערט אַלץ מעהר אויפגערעגט) זי וויל וויינען און קושען דיינע פיס. (וויל חוה׳ן מיט געוואַלט איינבויגען.)

ראַפאַיל (בעפרייט די דערשראָקענע חוה): וואָס טהוסטו? דו דאַרפסט ניט רעכענען מיינע חשבונות מיט איהר... דיין מוטער איז זי... דרך־ארץ, דו!

עטי (נערוועז): גאָר נישט, פּאַפּאַ, כאַ! כאַ! כאַ! עס איז מיר עפּעס אַזוי איינגעפאַלען אַ שטיקעל משוגעת... קומט עסען... די מאַמע האָט צוליעב דיר געמאַכט לאַטקעס. אַלבערט, אָנקעל סאַמואיל איז דאָרט. (אַלבערט ראַש אָב.)

חוה (פּלוצלונג מיט אַ יאָמער): ראַפאַיל, האָב רחמנות, נעהם מיך צו פון דאַנען! איך קען ניט איבערטראָגען קיין צרות.

עטי: יאָ, האָסט אָבגעלעבט דיין לעבען אָהן צרות.!...

ראַפאַיל: וואָס־זשע ווינסטו, אַלטער נאַר? איך וועל דיך ניט געהן בעטען, דו זאָלסט פאָהרען אַהיים, דאָס וועלען מיינע שונאים ניט דערלעבען! נאָר אויב דו ווילסט צוריק, נו... ווי געלעבט, אָבער דאָך אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאָהר... דאָס גאַנצע לעבען אינאיינעם אָבגעלעבט... איין גאָט ווייס, וויפיעל איך האָב דיר פערצייהט, נאָר דערפאַר וויל דו ביסט געוועזן די מוטער פון ראַפאַיל פריעדלענדער׳ס קינדער... און עס קען זיין, גאָט אַליין ווייסט אויך ניט, וויפיעל דו ביסט מיר שולדיג דערפאַר, (טרערען) וואָס מיינע קינדער זיינען מעהר דיינע, ווי מיינע... זאָגאָר עטי... ניין! ניט דאָס האָב איך פון זיי ערוואַרטעט. נאָר יעצט איז שוין שפּעט צו רעכענען זיך... עס איז ניט גרינג אויף דער עלטער צו בלייבען אַליין... (פערדעקט דאָס געזיכט און שווייגט לאַנג) טשאַרט וואָזמי, ווי גרינג אין אַמעריקאַ צובינדט זיך אַלץ, וואָס דאָרט איז געוועזן פערבונדען אויף אייביג... (עטי האָט ניט געהערט דעם פאָטער׳ס רעדען; געזעסען פערטראַכט.)

אפרים (אין טהיר): מחותן, נו? איך האָב געקריגען אַ פלאַש ברענדי אין „גיס דור“ (אַלע אָב, אויסער עטי׳ן.)

עטי: ניין, איך דאַרף זיך פריהער בערוהיגען, אַז ניט וועט זיין שלעכט... הם!... איך דאַרף זיי דאָ ניט בעגעגענען, איך האָב מורא, איך

וועל ארוים פון מיין ראָלע... דער סוף קומט!... די ענדע! די ענדע!
אָרימער פּאַפּאַ, אַ שעהנעם עלטער דערלעבט... אַ שעהנעם נחת פון קינדער...
צוויי טעכטער! כאַ! כאַ! ביידע! ווי קומט צו אזא פאָטער
אַזעלכע קינדער? (אלבערט און סאַמואיל אריין.)

אַלבערט: מאַמאַ, קום אהין! (זי בלייבט זיצען אונבעוועגליך.
אַלבערט עפענט בגנבה דעם זיידענ׳ס סעטשעל.) אָנקעל סעם, שש! זעהסט,
דער גרענדפּאַ פיהרט עם שטענדיג מיט זיך. (צייגט אַ רעוואָלווער. עטי גיט
אַ קוק.)

סאַמואיל (בויגט זיך אָן, גיט אַ קוק): לעג אַוועק, ער איז אָנגעלאָדען.
(לויט) עטי, מען האָט דיך הונדערט־פינף־און־זיבעציג מאָל גערופען אהין!
(מען קלאַפּט) ווער איז דאָס? קאַם אין! (גרעגואַר און ציליע קומען צוריק
פרעהליכע.)

גרעגואַר: זעהסט, איך האָב דיר געזאָגט, זי וועט זיצען דאָ און
וואַרטען. אז איך האָב געהייסען וואַרטען, וועט מען וואַרטען!

עטי (זיצט רוהיג): וואו זייט איהר דאָס געווען, אין דער אָפּערא?

גרעגואַר: אַ נייעס נו! וואָס דען? געווים אין דער אָפּערא.

עטי: וואָס האָט מען געשפּיעלט? קאַרמען?

גרעגואַר: דאָס געפעלט מיר, זאָ וואהר איך לעב, כאַ! כאַ! כאַ!
געווים קאַרמען. וואָס איז? דיר געפעהלט ניט די אָפּערא?

ציליע: אָך, ווי די קאַלווע האָט געזונגען! (זינגט קאַרמענ׳ס אריע
און טאַנצט) זי האָט זיך איבערטראָפען.

עטי: עס איז אַ ליגען! מען האָט ניט געשפּיעלט קאַרמען, קאַלווע
האָט ניט געזונגען, און איהר זייט ניט געווען אין דער אָפּערא... עס איז אַ
ליגען!

גרעגואַר (בייז): וואָס איז דאָס פּלוצלונג פאַר אַ טאָן עפּעס, דו!...
מיט וועמען רעדסטו דאָס?

סאַמואיל: איך גיב אייך ניין־און־צוואַנציג־טויזענד בעוויזע, אז מען
האָט ניט געשפּיעלט קאַרמען... מען האָט געשפּיעלט „מייסטערזינגער“.

גרעגואַר: אָה! ער? געפונען וועמען צו גלויבען, זאָ וואהר איך
לעב...

סאַמואיל: איך וויים, ווי איך בין אַ איד, איהר האַלט מיך פאַר אַ
ליגנער... איך זאָג אַ ליגען, וויל אָבער קיינעם ניט בעטריגען... איהר זייט
אַן אמת׳ער מענש און איהר זייט אַ בעטריגער! נאַט... אָט איז אַנאָנסירט
אין די איוונינג פּייפּערס... קאַלווע איז קראַנק... קאַרמען געהט ניט... (צייגט
איהם אַ צייטונג.)

ציליע: זעה נאָר ווי ער האָט זיך דערשראָקען! אויך מיר א מאַן! וואָס איז דאָרט אזוינס? מיר זיינען טאַקע ניט געווען אין דער אָפּערא! וואָס זיינען מיר קינדער? מיר דאַרפען אָבגעבען חשבון, וואוהין מיר געהען?

אַלבערט (בייז): אַי! ווען איך זאָל איצט זיין א גרויסער, וואָלטען זיי צו דער מאַמע אנדערש גערעדט!

עטי: אַלבערט געה אהין! סאַמואיל, זאָלסט דאָרטען ניט פּלאַפּלען. (פיהרט ביידע ארויס און מאכט צו די טהיר) ניין! איצט אָבגעבען דין וחשבון איז שפּעט... וואָס איז דאָרטען — יא אָפּערא, ניט אָפּערא. איך וויל אייך נאָר זאָגען: דאָס איז געווען אייער לעצטער ליגען, איהר וועט ניט לייגען מעהר!

גרעגוואָר: שש! דער אַלטער איז דאָרט? הער, עטי, דו ביזט שטענדיג א גוטע... איך בעריהם זיך פאַר מיינע בעקאַנטע, מיין פרוי, זאָג איך, גיט מיר שטענדיג פולע פרייהייט.

ציליע: נו, הויב זיך אָן מיט איהר קושען און האַלזען פאַר מיר אין די אויגען!

עטי (שמייכעלט): ביזט אייפערזיכטיג, האַ? זאָג מיר בעסער, ציליע, האָסטו מיר אמאָל ניט געגעבען דיין עהרענוואָרט, אז...

ציליע: האָסט זיך נאָך ניט פערגעסען?

עטי: דו האָסט זיך ניט געקענט פערגעסען, אז איך האָב אמאָל געהאַט א קינד.

ציליע (פרעך): אָ, יאַ! דאָס געדענק איך...

עטי: געדענקסט? נו, און אז דו האָסט געהאַט א קינד, געדענקסטו? (ציליע דערשרעקט זיך) איך בין געווען פריי, איך האָב געגלויבט מיין קינד'ס פאַטער וועט זיין מיין מאַן, און בין דערנאָך פאַר דעם קינד געגאַנגען ליידען און פּלאָגען זיך. פאַר דעם קינד האָט מען מיר יעדע מינוט געשטאָכען די אויגען; פאַר דעם קינד האָסטו מיך פיעל מאָל ערניעדריגט, גענומען א רעכט דעם אנדערען פערפאָלגען פאַר זיינע זינד, — האָסטו אַליין געדאַרפט אָבהיטען זיך פון געמיינהייטען און פערברעכען. מאַדאַם, דו האָסט געהאַט א קינד פון דיין אייגענער שוועסטער'ס מאַן, וואו איז דאָס קינד? ביסט מוטער? געה פּלאָגען זיך, געה זיין געפּאַלטערט און געמאַרטערט, געה ליידען פאַר דיין קינד!... דו האָסט געמיינט, וועסט זיך אָבלעבען אָט אזוי דיין גאַנצעס לעבען מיט אָפּערא, געזאַנג און ליגען?!... אויס געזאַנג! דער שרעקליכער סוף קומט!

גרעגוואָר: שש! עטי, איך בעט דיך, נאָר דעם איין מאָל זיי א גוטע. דו וועסט זעהן...

עטי: דערווייל רעד איך נאָך ניט צו דיר! ציליע, וואו איז דיין קינד?

ציליע: איך בין ניט קיין קרעמענטשוגער מויד, איך וועל זיך ניט געהן פערבינדען דעם קאָפּ!

עטי: אזוי? ווילסט זיך ניט פערבינדען דעם קאָפּ, הא? ציליע, איך האָב דיך געבעטען: זעה, זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען... זעה זאָלסט קיין חרטה ניט האָבען... איך האָב מורא, דו וועסט איצט חרטה האָבען! (ציטערט פון אויפרעגונג.)

גרעגואַר: עטי, דו ווייסט אַליין, אז איך האָב דיך ליעב... אַלע פרויען פון דער וועלט מעגען קרעפּירען פאַר דיר. נאָר דו ביסט מיר טייער... געוויס, איך טהו אמאָל א דומהייט... אַלע מענער טהוען דאָס, אַלע! זאָ וואהר איך לעב! אבער נאָר דו ביסט מיר טייער, נאָר דו ביסט טאַקע מיינע!

עטי: דיינע! איך ווייס, וואָס הייסט דיינע! דיין אייגענטהום! מיין קערפּער געהערט דיר! מיין קערפּער האָט דיר געהערט זינט איך בין געבוירען געוואָרען און וועט דיר געהערען ביז איך וועל שטאַרבען! ווען דו דאַרפסט מיין קערפּער, האָסטו מיך ליעב! ווען דו האָסט מיך ליעב, הייסט עס, דו דאַרפסט מיין קערפּער! דו זעהסט מיך אָבהיטען, איך בין דיר טייער, ווי יעדעס אייגענטהום ביי יעדען אייגענטהימער!... מיין קערפּער האָט דיך אינטערעסירט, מיין זעעלע אָבער האָסטו יעדען טאָג צעהן מאָל ערמאָרדעט! מיינע מענשליכע געפיהלע האָסטו יעדען אויגענבליק געטראָטען מיט די פיס! כמעט צעהן יאָהר געלעבט מיט דיר, און דו האָסט מיך אויף איין מינוט ניט בעטראַכט אַלס מענש, נאָר אַלס פרוי, אַלס ווייב, אַלס דיענסט! האָסט ניט געוואָלט און ניט געקענט מיך פערשטעהן; האָסט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט וויסען, וואָס איך האָב פאַר דער צייט איבערגעפיהלט. איך האָב פערשפּראָכען צו דולדען און שווייגען, — האָב איך געשוויגען און ערטראָגען מעהר ווי איך האָב געדאַרפט!... גענוג! בעלאָגען, בעטראָגען און ערניעדריגט וועל איך שוין ניט זיין מעהר! ניין! מעהר ניט!...

ציליע: דו ווייסט פון וואַנען זי האָט אָנגעכאַפּט דיזע געדאַנקען? כאַ! כאַ! עס איז פון קרייצער סאָנאַטאַ.

עטי: ציליע, לאָך איצט ניט! (פערווירט) איך זאָג דיר, לאָך ניט!

ציליע: אז דו ביסט פּאָרט אזוי קאָמיש... כי, כי!

עטי: איאָ? איך בין קאָמיש? איך האָב מורא, איך וועל מוזען זיין טראַגיש. דו געדענקסט די „קרייצער סאָנאַטאַ“? געדענקסטו אָבער ווי דו האָסט דעם פּאַפּאַ געזאָגט, ווען מיר האָבען הער גרעגואַר פידלער ערוואַרטעט צום ערשטען מאָל, דאָס דו ביסט זעהר אייפערזיכטיג, דו וואָלסטביידען

צושניטען אויף שטיקער, אָבער עטי איז אַ מענש אָהן אַ גאַל, הע! איהר האָט ביידע געמיינט, אַז איך בין ווירקליך אַ מענש אָהן אַ גאַל און איהר האָט אייך צופיעל ערלויבט, ניט אַלע מאָל וועל איך שווייגען און ניט אַלץ וועל איך ערטראַגען! (קוקט זיך אום און כאַפּט די פלאַש מיט קארבאָליק און גרייפט אָן ציליע'ן).

גרעגואַר (זיצט פון דער ווייט, פערדעקט זיין געזיכט, זעהט ניט, וואָס עס קומט פאָר): אַי, איך האָב מורא, עס וועט אַרויס אַ סקאַנדאַל. עס קען זעהר שאַדען מיין נאָמען...

ציליע: וואָס איז דאָס? וואָס ווילסטו טהאָן?

עטי: דאָס איז קאַרבאָליק! איך וויל דיך פערברענען! איך וויל אויסברענען דיינע אויגען. זאָלסט ניט קענען קוקען אויף פרעמדע מענער! איך וועל דיר פערקריפּלען דיין געזיכט, יעדער מאַן זאָל אויף דיר קוקען מיט עקעל און אָבשיי! אַז דו וועסט ניט זיין מעהר וויב, וועסטו זיך דערמאָנען דאָס דו ביסט מוטער! (קען בשום אופן ניט עפענען די פלאַש.)

ציליע: לאָז מיך! לאָז מיך! (ראַנגעלט זיך) גרעגואַר!

גרעגואַר: עטי! דו שרעקסט מיך! (ער און ציליע ראַנגלען זיך מיט איהר לאַנג און רייסען ענדליך אַרויס די פלאַש פון איהר האַנד.)

עטי: דאָס וועט אייך ניט העלפען! קיין זאַך וועט אייך יעצט ניט העלפען! (כאַפּט אַרויס פון סעטשעל דעם רעוואָלווער און ציעלט אויף דער שוועסטער.)

גרעגואַר: אונגליקליכע, וואָס ווילסטו טהאָן? (שטעלט אויס די האַנד, זי שיסט איהם, ער פאַלט, דאַן שיסט זי ציליען, ציליע פאַלט און עטי שיסט אַלע פינף קוילען אויס, ווי אַ פערווירטע, די לעצטע קוילען שיסט זי אויס, ווען אַלע זיינען שוין אין צימער...ביילע און אפרים לויפען צו גרעגואַר'ן. חוה לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד נעבען ציליע'ן. סאַמואיל האַלט דעם דער־שראָקענעם אַלבערט'ן. ראַפאַיל און נאַטאַשאַ געהען צו עטי'ן.)

עטי: פּאַפּאַ, איך האָב ניט געקענט מעהר. (לאָזט אַרויס פון איהרע הענד דעם רעוואָלווער.)

ראַפאַיל: איך האָב לאַנג מורא געהאַט, דו וועסט דאָס טהאָן... עטי, מיין אָרים קינד. (אומאַרעמט זי און וויינט) הער אויס, לאָז מיך זעהן... (בויגט זיך אָן צו גרעגואַר'ן.)

גרעגואַר: און דאָך, עטי, איך שווער דיר, איך האָב דיך ליעב געהאַט... פאַר מיין טויט, שווער איך דיר (אַגאָניע).

נאַטאַשאַ (וויינט): דיטיאַטקאַ, קינד מיינס, וואָס האָבען זיי געמאַכט פון דיר?

עטי (פאלט נאטאשא'ן אויפ'ן האלז) : ניאניא, מיינע גערשטיקענע מישען זיך, מיין קאפ איז צודולט, אין די אויגען שווינדעלט. אלץ וואנקט אונטער מיר. מיר ווייזט זיך אויס, איך זינק! איך זינק!... (שרייט אויסער זיך) אי, ניאניא! ניאניא! ניאניא!

פאָרהאנג.

די אמת'ע קראַפט
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען

EMESE KRAFT:

Copyright, by Jacob Gordin, 1909.
Copyright, 1911, by the Estate of Jacob M. Gordin.
The right to produce in Yiddish belongs to Jacob P. Adler.
All other rights or any part thereof reserved by the Estate cf
Jacob M. Gordin.

פערזאָנען

(און די אַרטיסטען, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערסטער אויפפיהרונג).

דאָקטאָר יעווגעני גאָלדענוויזער, א געזונטער מאַן, טראָגט א לאַנגע באָרד, גרויליך, 45 יאָהר אַלט.........................י. פּ. אדלער

אַליע, זיין טאָכטער פון דער ערשטער פרוי, 11 יאָהר אַלט...פרענסים אדלער

מאַרק, זיין ברודער, א בוכהאַלטער אין א באַנק, 30 יאָהר.......י. גרינבערג

דבורה, זייער מוטער (מען רופט זי „מאַדאַם"), טראָגט ברילען, 65 יאָהר אַלט...............................מאַדאַם גרינבערג

שמשון־דוד זרחי, א לעהרער אין תלמוד תורה, האָט אַסטמאַ, 45 יאָהר אַלט...................................גראַף

שרה הינדע, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען...............מאַדאַם מאַני

פאַניע, זייער טאָכטער, שפּעטער דעם דאָקטאָר'ס צווייטע פרוי, 20 יאָהר אַלט..............................מאַדאַם אדלער

פּיוועל פּומפּיאַן, א וואָיענער פעלדשער, 45 יאָהר אַלט..קעסלער און אדלער

אבראַם חיוטין, אַליע'ס לעהרער, קורצזיכטיג, טראָגט ברילען, 25 יאָהר אַלט...................................שאכט

ערשטע אָרימע פרוי.

צווייטע אָרימע פרוי.

דיענסטמיידעל, אָרימע פרויען, בוקיניסט.

עס קומט פאָר אין איינער פון די גרויסע ליטווישע שטעדט אין רוסלאַנד אין אונזער צייט.

ערשטער אקט.

דר. גאָלדענוווייזער'ס הויז. אַ גרויס צימער, איבערגעטהיילט מיט פּאָרטיערען אין דער ערשטער העלפט דעם דאָקטאָר'ס קאַבינעט, שאַפּעס מיט ביכער, אינסטרומענשען, אַ וואַש־טישעל, א. ז. וו. אין דער צווייטער אָבטהיילונג אַ קליידער־שאַפּע אַ פּיאַנאָ, ווייכע מעבעל, וויענער שטוהלען, אַ טיש, אַלץ אין אַ גרויסער אונאָרדנונג. ווען אַ פּאַציענט קומט, אָדער דער דאָקטאָר וויל בלייבען אַליין — פערציהט מען די פּאָרטיערען.

פּיוועל (פּוצט אַ קאָסטיום מיט אַ קליידער־בערשטעל): ווער וועט גלויבען, אַז איך, פּיוועל פּומפּיאַן, וועל טהאָן אַזאַ ארבייט — פּוצען פרעמדע הויזען גאָר! און דאָך, איהר זעהט דאָך! (פּוצט מיט מעהר ענערגיע). הויזען פּוצען געהערט אויך צו דער מעדיצין. פערשטאַנען? וואָרום דער דאָקטאָר קומט פון אַ דיפטעריא און וועט מוזען איבערבייטען די קליידער. באַצילים דיפטעריקאַ! (מען קלינגט) אהאַ, פּאַציענטען! (לויפט עפענען, קומט צוריק מיט אַ בוקיניסט, וועלכער ברענגט פיעל ביכער). וויעדער ביכער פאַר'ן דאָקטאָר? לעגט אַנידער אָט דאָ, איך וועל איהם זאָגען. האָט אַ גליקליכען תמיד... (בוקיניסט אָב). נאָר ער קויפט ביכער, דער דאָקטאָר. אַז מען ווייסט שוין ווי צו זיין אַ דאָקטאָר, נאָך וואָס, דאַכט זיך, דאַרף מען נאָך עפּעס וויסען? אַי, וויפיעל ביכער עס איז דאָ אויף דער וועלט! עס זאָל ניט זיין אַזוי פיעל ביכער וואָלטען ניט געווען אַזוי פיעל גראָבע יונגען! (פּוצט דעם ראָק). אהאַ, ביים דאָקטאָר'ס פּידזשאַק פעהלט אַ קנעפּעל. מיר דאַכט זיך, איך האָב ערגעץ ביי זיך אַ קנעפּעל. לאָמיך איהם צונעהען, וואָרום אַז ניט איך, ווער דען? (געפינט ביי זיך אַ קנעפּעל, אַ נאָדעל מיט אַ פאָדעם און נעהט). דער דאָקטאָר האָט זיך היינט פערשפּעטיגט אין שפּיטאָל. די קבצנים טאַסקען איהם, ווי דער רוח דעם מלמד... מען וואַרט אין שפּיטאָל אויפ'ן הלאַוונעם דאָקטאָר, און וואו איז ער? ביי אביונים. מען דאַרף מאַכען אַן אָפּעראַציע, און וואו איז ער? ביי דלפנים... און אָהן איהם הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אוים. אַ קלייניגקייט דאָקטאָר גאָלדענוווייזער! (אָליע עפענט אויף אַן אינערע טהיר).

אָליע: מוסיו פּומפּיאַן, איז דער פּאַפּאָטשקע שוין דאָ?

פּיוועל: ניין, אָליע, דער דאָקטאָר איז נאָך ניטאָ. (אָליע אָב צוריק). איהר הערט? איך בין מוסיו פּומפּיאַן... פריהער געווען אַ צירולניק, אַז מען

האָט מיך גענומען אין סאָלדאַטען, געריבען זיך דאָרט נעבען פעלדשעריי, און איצט שטודיר איך אויף אַ ריכטיגען פעלדשער, פערשטאַנען? דער דאָקטאָר לערנט מיך ווי אַן אייגענעם, און צאָהלט מיר ווי אַ פרעמדען. אַ גוטער מענש — איך האָב איהם ליעב, און דאָס קנעפעל וועט מען ניט אָבבייסען אפילו מיט די ציין. מען דאַרף לערנען, ווי מען קריעגט אַ קערבעל פאַר אַ קרענק — שווער! (לערנט). דוקטוס ארטעריאָזוס, בולבוס— (מען קלינגט) ווידער ניט דער דאָקטאָר; ווי ער האָט זיך פערשפעטיגט! (לויפט עפענען). בולבוס ארטע... (אב).

אָליע (עפענט ווידער די טהיר): איז דאָס דער פאַפּאַטשקע געקומען? (פייוועל מיט אַן אָרימע פרוי, אָליע אָב צוריק).

אָרימע פרוי: אַי, דער דאָקטאָר האָט אודאי פערגעסען.

פייוועל: דאָקטאָר גאָלדענוויזער פערגעסט ניט. דאָ איז די מיקסטורע פאַר אייער מאַן. דער דאָקטאָר האָט אַליין בעצאָהלט אין אַפּטייק. מען קען גליקליך ווערען פון אַזעלכע געשעפטען. יעדע שעה אַ לעפעל, אַ סופּ־לעפעל. פערשטאַנען?

אָרימע פרוי: וואָס הייסט פערשטאַנען, וואָס דען? זאָלט איהר מיר געזונד זיין, איז ווי אַזוי זאָל ער נעהמען, מיט אַ לעפעל סופּ, הא?...

פייוועל: דאָ איז שוין דאָ סופּ... אַווקאַ דיסטילאַטאַ... און דאָס איז פאַר'ן קראַנקען אַ לייבעל מיט וואָרימע זאַקען. דער דאָקטאָר האָט עס פאַר איהם געקריגען... האָט אַ גליקליכען תמיד... (גיט איהר אַ פּעקעל זאַכען).

אָרימע פרוי: אַי, הלואי קומט מיר אַן אַ חלק פון זיינע ברכות. (אב).

פייוועל: ער וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט פון אייערע ברכות! (זוכט אין די קעשענעס פון דעם אויסגעפּוצטען קאָסטיום). איהר זעהט? אין די הויזענקעשענעס האָט זיך ביי איהם פערוואַלגערט אַ רובעל, אין זשילעט זילבער־געלד. ער האָט פיינט צו פיהרען חשבונות. (לעגט דאָס געלד אויפ'ן טיש) מען דאַרף זיין שטאַרקער פון אייזען, מען זאָל דאָ אין שטוב קיין גנב ניט ווערען... (לערענט) בולבוס ארטעריאָזוס. (מען קלינגט שטאַרק) אהאַ! ענדליך דער דאָקטאָר. (געהט עפענען. אָליע לויפט אריין מיט אַ בוך אין האַנד).

אָליע: דער פּאַפּאַטשקע איז געקומען! דער פּאַפּאַטשקע! (מען הערט דעם דאָקטאָר'ס מוטהיגע שטימע).

דאָקטאָר (אין קאָרידאָר): קאָלעגאַ פּומפּיאַן, איך האָב מיך פערשפעטיגט, ווי אַ פּשע ישראל. (ער קומט מיט אַ סאַק־וואָיאַזש, נאָך איהם פייוועל. אָליע לויפט צו איהם). צוריק! דו גזלן! מען טאָר ניט! (שטרעקט אויס ביידע הענד). ליאָליעטשקע, מען דאַרף זיך פריהער דעז־

אינפיצירען... ברודער פּומפּיאַן, זײ אַזוי גוט. (וואַרפט פון זיך זײן ראָק, גיט איהם פּומפּיאַנ׳ען, יענער טראָגט איהם אַרויס. געהט צו אַ וואַש־טישעל, וואַשט זיך, רעדענדיג לעבהאַפט) נו, ווי געהט עס, ליאַליע, האָבען מיר היינט מוזיצירט? געלערענט די עטיודען, האַ? (וואַשט זיך) ניט געפּוילט זיך? טאַקע? בראַוואָ! קאָלעגאַ פּייוועל, דו ווייסט ניט, ווי גוט איך פּיהל זיך. דער קראַנקער שניידער, דו ווייסט דאָך, ניט געשטאָרבען.

פּייוועל: דער וואָס האָט געהאַט אולקוס ווענטריקולי? ניט געשטאָרבען? דאָס קען זיך טרעפען נאָר מיט אַ שניידער.

דאָקטאָר: ניט געשטאָרבען, ניין! דער מלאך המות זאָגט: גיב מיר דעם שניידער. און די מעדיצין זאָגט: אַ פייג ווילסטו ניט? כאַ! כאַ!... איך מוז שוין פאָהרען אין באָלניצע און, אָי, איך שטאַרב עסען. ליאַליע, וואו איז אונזער מאַמאַ? געה, זײ מיין מליץ יושר... בעט, זי זאָל מיך ניט לאָזען אויסגעהן פון הונגער. (ליאַליע אָב). פּומפּיאַן, דאָרט ליעגט דער מעדיצינישער זשורנאַל, מיין אַרטיקעל איז געדרוקט וועגען דעם: „איז דער מאָגען אַ פּאַראַזיט צי ניין?" אָי, מיין פּאַראַזיט וויל אַ ביפשטעקס מיט אַ טעלער זופּ. (פּומפּיאַן נעהמט דעם זשורנאַל און קוקט, דער דאָקטאָר ווישט זיך). האַ? דער בוקיניסט האָט געבראַכט ביכער... בראַוואָ! אַ גוטער יונגאַטש דער בוקיניסט. (פּייוועל שפּריצט אויף איהם פון אַ פּול־ווערריזאַטאָר. דאָקטאָר קוקט איבער די ביכער. אָליע און די מאַדאַם קומען). מאַמאַ, ענטשולדיג, וואָס איך האָב דיך בעמיהט. איך וויל פּשוט פרעגען: איז דאָ וואָס צו קייען? פּומפּיאַן, זײ אַזוי גוט, לויף נעהם מיר אַ דראָשקע. (פּומפּיאַן אָב. מען הערט באַלד, ווי ער שרייט פון קאָרידאָר: עי! איזוואָזשציק!) אָליעטשקע, עס איז ערלויבט! (כאַפּט זי אויף די הענד און קושט).

מאַדאַם: יעווגעני, ווילסט גאָר עסען? דיר זאָל ליעגען אין זין אַזאַ נאַרישקייט? דיין מיטאָג איז שוין לאַנג קאַלט, און די קעכין איז אַוועק צו גאַסט. אָליע, וואָס גיט מען איהם קייען, האַ?

אָליע: אָה, אָרימער פּאַפּאַטשקע!

דאָקטאָר (קוקט איבער די ביכער מיט פרייד): די ערשטע אויס־גאַבע? בראַוואָ!.. מאַמאַ, גאָרנישט ניטאָ? אַ שטיקעל קאַלטע פליישׁ, אַ ציבעלע, אַ הערינג, אַ קאַטשקע, אַן עפּעל, אַ געבראָטענער אינדיק, אַ וואָס־עס־איז? פּומפּיאַן, זײ אַ גוטער ברודער און שלעפּ אַהער, וואָס דו וועסט דאָרט געפינען. (פּומפּיאַן אָב אין אַ אינערסטע טהיר). און, מיינע צוויי טהייערע דאַמען, איהר זייט רוהיג, האַ? און אַז איך דערמאָן זיך, וואָס איך וועל איך היינט מוזען דערצעהלען... אָבער ניט איצט, שפּעטער. (זוכט

אין שאפע). מאמא, ווייסט ניט, איך האָב ערגעץ אַריינע נאָזטיכעל? דאָס, וואָס איך וויל אייך זאָגען, איז אַ גרויסער סעקרעט.

מאַדאַם: איך ווייס ניט, אויב דו האָסט אַ נאָזטיכעל... דו דאַרפסט אַ נאָזטיכעל צום נאָז, אָדער צום סעקרעט? ווּעמען ווילסטו דאָס די נאָז אָבווישען? (פּומפּיאַן ברענגט אויף אַ טעלער אַ שטיקעל קאַלטע פלייש, אַ גאָפּעל און אַ מעסער, ברויט, אַ וואַזע מיט עפּעל און אַפּעלסינען).

דאָקטאָר: עס קען זיין, איך וועל זיך אַליין אָבווישען די נאָז... (ערנסט) אָי, איך זאָל פאַר אייך ביידע ניט מורא האָבען, וואָלט איך אייך שוין אויסגעזאָגט... שפּעטער! שפּעטער! (טהוט אָן דעם ראָק, וואָס פּייוועל האָט אויסגעפּוצט). זעה נאָר, איין קנעפּעל אַ גרינער און די איבריגע שוואַרצע. פע! דאָס איז אַ בעליידיגונג פאַר דער מעדיצין. (טהוט אויס און זוכט אין שאַפע אַן אַנדער ראָק).

פּייוועל: איך האָב ניט געהאַט קיין שוואַרצען, האָב איך צוגענעהט אַ גרינעם... אַז מען האָט ניט קיין בינינום מוריאַטיקום, גיט מען בינינום סולפוריקום. פערשטאַנען?...

דאָקטאָר: יאַ, ברודער, פערשטאַנען. בינינום סולפוריקום. (טהוט אָן אַן אַנדער ראָק). מען קען נאָך געפינען ביי מיר אַ ראָק מיט קנעפּלעך. האַ? דער אַרבעל איז אַביסעל אָבגעטרענט. ליאָליע, אַז איך הויב אויף די האַנד, זעהט זיך דאָס ווייסע העמד?

אָליע: יאַ, פּאַפּאַטשקע, עס זעהט זיך אַ ווייסע זאַך...

דאָקטאָר: אַ ווייסע זאַך? אַ שלעכטע געשיכטע. איך וועל זיך מוזען אָבהיטען און ניט אויפהויבען די האַנד.

פּייוועל: איהר וועט זיך אָבהיטען? גיט, איך וועל אייך בעסער צושטעכען מיט אַ שפּילקע. (שטעכט צו) אין ליטיין, וועט עס הייסען: שפּילקום שטעכאַטום.

דאָקטאָר: שפּילקום שטעכאַטום? דאָס איז וויטעבסקער ליטיין. נו, איך כאַפּ אַ ביים און לויף. (עסט) אָליע, קענסטו דיינע לעקציאָנען? דיין לעהרער, דער שטרענגער חיותן...

מאַדאַם: יעווגעני, איך האָב זי אויסגעהערט, זי קען ווי אַ וואַסער... דעם טאַטענס טרפה'נער קאַפּ.

דאָקטאָר: קליינער רוח'ל! נו, און וואָס לעזען מיר? (עסט און קוקט אין איהר בוך) ראָבינזאָן קרוזאָ? אַ שעהנע געשיכטע, האַ? וועסט מיר דערצעהלען פון אָנהויב. (עסט איילענדיג) פּומפּיאַן, וועסט נעהמען אַלע מיינע באַקטעריאָלאָגישע פּרעפּאַראַטען און... (מען קלינגט, פּומפּיאַן אַב. מען הערט אַ פּרויענשטימע).

פייוועל (אין קאָרידאָר): איך זאָג, איהר קענט איצט דעם דאָקטאָר ניט זעהן...

פרוי: אָי, טאַטינקע מיינער, הארצעלעך...

דאָקטאָר (עפענט די טהיר): לאָז זי אריין, פּומפּיאן. — נו, וואָס איז דאָרטען?

פרוי: מיין עלטערער זוהן, דאָקטאָר... ברענט ווי א פייער, רעדט פון היץ. טאַטינקע דאָקטאָרעל, פריהער אויף גאָט און נאָכדעם אויף אייך...

דאָקטאָר: קאָלעגא, דאָס איז מאָרבום פּאָופּערום... זיי האָבען ניט וואָס צו עסען, ווערען זיי פערצעהרט; האָבען ניט מיט וואָס צו הייצען, ברענען זיי פון היץ. גאָט פערזאָרגט זיי. איך וועל זיין ביי אייך... פּומפּיאן, פערשרייב איהר אדרעסע. (עסט).

פייוועל: נו, וואו וואוינט איהר דאָרטען?

פרוי: אומשטיינס געזאָגט, וואו וואוין איך? (זיי רעדען שטיל).

דאָקטאָר: מאַמא, דו זאָלסט זעהן, וואָס עס טהוט זיך יעצט ביי די קבצנים. ביי אנדערע איז איצט דער סעזאָן פון טהעאַטער, אָפּערא, קאָנצערטען, באַל־מאַסקעראַדען, און ביי זיי איז איצט דער סעזאָן פון סקאַרלאַטין, טיפוס, דיפטעריא, אינפלוענציא, פנעאומאָניא... דאַנקען גאָט, די מעדיצין האָט זיך ניט צו בעקלאָגען.

פייוועל: נו, געהט און דולט ניט דעם קאָפּ. האָט א גוטען תמיד.

פרוי: טאַטינקע, דאָקטאָרעל, פערגעסט־זשע ניט, למען השם...

פייוועל: זיי לאָזען איהם ניט רוהען, ניט עסען, ניט שלאָפען. די ערגסטע נאַציע אויף דער וועלט זיינען ווייבער.

דאָקטאָר: איך פערגעס ניט, אז איך זאָג צו.

פרוי: אָי, טאַטינקע, דאָקטאָרעל! (קוקט אויף דער וואַזע מיט פּרוכטען).

פייוועל: נו, וואָס איז שוין ווידער, איהר, פערשלעפּטע קרענק?

פרוי: אָי, מיין קראַנקער זאָל האָבען אַן אַפּעלצין... איצט, נאָך סכות אן אַפּעלצין... פאָטער מיינער... ער האָט געבעטען און איך האָב ניט.

דאָקטאָר: און איהר האָט ניט! דאָס איז א גרויסע עולה... מען דאַרף האָבען. אן אַפּעלצין, הא? (נעהמט די גאַנצע וואַזע מיט פּרוכטען) גבאי'טע, האַלט דעם פאַרטוך. (קעהרט איבער אין איהר פאַרטוך אַלע פּרוכטען). אבער זעהט, די עפּעל זאָלט איהר פריהער אָבבאַקען... גיט איהם ניט קיין רויהע עפּעל... (פּומפּיאן פיהרט זי אָב) זעהסט, ליאַליעטשקע, עס זיינען דאָ אונגליקליכע מענשען, ביי וועמען אן אַפּעלצין איז א גאַנצער לוקסוס... מעהר ניטאָ וואָס צו עסען? פערגעססען זיך איבערלאָזען אן עפּעל.

נו, בערוהיגט אַביסעל דעם מאָגען און צו דער אַרבייט... פומפּיאַן, אַ דראָשקע איז דאָ? איך פאָהר. מאַדאַם גאָלדענוויזער, אַדיע. (קושט זי). פריילין גאָלדענוויזער, האַבע די עהרע. (קושט איהר הענטעל. נאָכדעם אומאַרמען זיי זיך). אָי, אַז איך דערמאָהן זיך, וואָס איך וועל אייך היינט דאַרפען זאָגען, קריעג איך אַזאַ פיעבער, אַז איך האָב מורא, איך וועל אַליין דאַרפען שיקען נאָך אַ דאָקטאָר. מען קען ניט בעמערקען מיין אַרבעל? (הויבט אויף זיין האַנד). ברודער פומפּיאַן, אויפ'ם וויעדערזעהען. מען זעהט ניט? דיין שפּילקום שטעכאַטום איז גוט, האַ? אַדיע, אַדיע. (כאַפּט זיין סאַק־וואָיאַזש, ראַש אָב. פייוועל בעגלייט איהם. אָליע לויפט צום פענסטער און מאַכט מיט'ן האַנד).

מאַדאַם: איך וויים, יעווגעני איז אַ מענש אָהן סעקרעטען... וואָס קען דאָס זיין ביי איהם? (פייוועל קומט) פומפּיאַן, דו ווייסט ניט דעם דאָקטאָר'ס סוד? ביסט דאָך זיין אָבערהאָפמייסטער?

פייוועל: מסתמא עפּעס וועש אָדער קליידער פאַר אַ קבצן. ע! (לערענט) דוקטום אַרטעריאָזום... (ביסלעכווייז ווערט דונקעל. מען קלינגט).

אָליע (ביים פענסטער): אונזער לעהרער געהט! מוסיו חיוטין געהט!

פייוועל: ער מעג קלינגען. דעם קבצן, מיט די אויסגעקרימטע שטיוועל וועל איך ניט געהן עפענען.

אָליע: מוסיו פומפּיאַן, ער האָט בעסערע שטיוועל פון אייך און איך וועל איהם עפענען. (וויל געהן, פומפּיאַן לאָזט ניט).

פייוועל: אייך וועל איך ניט לאָזען. איהר וועט זיך פערקיהלען. לאָז ער קלינגען. (מען קלינגט).

מאַדאַם: ווער־זשע וועט עפענען? די דיענסטען זיינען זיך אַלע צולאָפען. זיי הערען מיך, ווי די קאַץ... (שרייט) נאַטאַשאַ! נאַטאַשאַ! יא, שריי חי וקים.

פייוועל: מאַדאַם, איך וועל איהם עפענען, נאָר זאָל ער קלינגען אַביסעל. איך האָב ליעב צו זעהן, ווי ער ווערט בייז. (מען קלינגט שטאַרק). אהאַ? פערשטאַנען? (געהט עפענען).

מאַדאַם: פאַרוואָס האָט איהם פומפּיאַן ניט ליעב? ער איז אַ ביסעל משוגע, דער חיוטין, אבער ריין און כשר, ווי גאָלד. (חיוטין אין אַן אַלטען סורטוקעל, אויסגעטראָטענע שטיוועל, איז בלאַס, ווישט אוים די ברילען, ווען ער קומט אַריין, נאָך איהם פומפּיאַן מיט אַן איראָנישען שמייכעל).

אָליע: מוסיו חיוטין, איך האָב שוין געבענקט נאָך אַייך.

פייוועל (קרימט זיך): מ ו ס י ו ח י ו ט י ן אַז מען שטאַמט פון אַ חיט, איז מען חיוטין. פערשטאַנען?

חיוטין: יא, חיט! פּומפּיאַן, אייער פאטער איז געווים א דיוק, אַדער שני למלך, מיין טאטע איז, במחילה, א שניידער... איך מיין אָבער, אז אפילו א שניידער א טאטע איז אויך א טאטע. אַן אָרימען שניידער׳ס א זוהן, און האָב זיך אַליין דורכגעשלאָגען, געענדיגט גימנאזיע... איך זאָל ניט זיין קיין קבצן און קיין איד דערצו, וואָלט איך געווים געענדיגט אוני־ווערזיטעט אויך. וואָס־זשע שטעהט ניט אַן אזוי דעם טאטען אייערען?... נו, ווי געהט עס, מאדאם? אַליע, דו האָסטווירקליך געבענקט נאָך מיר! קעצעל דו! (קושט זי).

פּייוועל (לערענט בייז): דוקטום ארטעריאָזום, בולבום אַרטעריאָזום.

מאַדאַם (שטיל): האָט איהר געבראַכט עטוואָס פערבאָטענעם? א ציטונג, א פּראָקלאמאציע? (לויט) שלים־מזל׳ניק, זעהט, ביי אייך איז דאָך דער האַלזטוך אריבערגעקראָכען איבער׳ן קאָלנער.

חיוטין: אויך מיר א דאגה. (שטיל) אַלטע רעוואָלוציאָנערקע, וואָס איהר זייט. (גיט איהר בגנבה א ציטונג). אַליעטשקע, קום לערנען... (פיהרט זי) מען דאַרף ארבייטען. „מאָרגען, מאָרגען, נור ניכט הייטע, זאָגען אַלע פוילע לייטע“.

אַליע (זינגט און טאנצט): מאָרגען, מאָרגען, טערערעם, נור ניכט הייטע, טערערעם, זאגען אַלע, טערערעם... (אב מיט חיוטינ׳ען).

פּייוועל: ארטעריאָזום, ארטעריאָזום... פערשייטער קבצן...

מאַדאַם: און דו ביסט א גביר? וואָס קענט איהר ניט צוטהיילען ראָטשילד׳ס ירושה?

פּייוועל: איך האָב איהם פיינט... וויפיעל געלד ער שלעפּט ביים דאָקטאָר. (לערענט) ארטעריאָזום בולבום...

מאַדאַם: פּייוועל! איך מיין, ביסט א גרויסער בולבום... פער־שטאַנען? וואָס איז, נאטאשא? (א דיענסטמיידעל קומט מיט א לאָמפּ, שטעלט אויפ׳ן טיש און זאָגט עפּעס דער מאדאם). ווערסט זיך ניט פער־געסען צו קומען אהיים, דו שפּרינגערקע? מעגסט געהן. (נאטאשא קוסט זי אין באַק מיט ליעבע און ראַש אב. די מאדאם געהט צו דער פּיאַנאָ, זעצט זיך, וויל לעזען חיוטינ׳ס ציטונג, זעהט אָבער, אז פּומפּיאַן קוקט, און הויבט אַן שפּיעלען פון מענדעלזאָהנ׳ס אָראטאָריאָ „עליאָס“ — „עס איז שוין גענוג“. פּומפּיאַן הערט זיך צו).

פּייוועל: דאָס איז דעם דאָקטאָר׳ס זאַך... (זינגט) איאָ עס איז שעהן, ווען אַזאַ אַלטע באָבעצע שפּיעלט פּיאַנאָ? דער דאָקטאָר זאָגט, זי איז אַמאָל געווען א גרויסע שפּיעלערקע... דימענטענע מענשען! דאָס הייסט, זי און דער דאָקטאָר. דער אַנדערער זוהן, דער בוכהאַלטער, איז א

מערדער, אַן עוכר ישראל... אַ... (לערענט) בולבוס אַרטעריאַזוס... (מען קלינגט, פּומפּיאַן לויפט עפענען, די מאַדאַם שפּיעלט, פּומפּיאַן קומט מיט זרחי׳ן).

זרחי: נו, וואָס מאַכסטו, פּייוועל? אַ גאַנצער מומחה, האַ? גוטען אבענד, מאַדאַם.

פּייוועל: דאָס איז ר׳ שמשון דוד זרחי. געלערענט מיט זיי אין תלמוד תורה דקדוק מיט תנך. איך געדענק נאָך: אח׳הע, פּעל, התפּעל — דאָס איז דעם דאָקטאָר׳ס מוטער, די מאַדאַם.

זרחי: ווער קען ניט די מאַדאַם אין שטאָדט? בפרט מיר. אַלע טאָג האָט אונז אייער אייגענער זוהן דערצעהלט אייערע שבחים... אָי, אַ זוהן! איהר מעגט יאַ זאָגען: אשרי מי שבניו זכרים. איך האָב נאָר איין טאָכטער. פּייוועל, דו געדענקסט נאָך מיין פאַניע׳ן?

פּייוועל: אויב איך געדענק? זי פלעגט מיך דראַפּען ווי אַ קאַץ.

זרחי: איהר דאַרפט וויסען, זי איז אַ בת יחידה ביי מיר.

מאַדאַם (שטיל): איך דאַרף עס נויטיג וויסען. (לויט) איהר דאַרפט מיין זוהן צו אַ קראַנקען?

זרחי: ניין, איך בין געשיקט געוואָרען מיט אַ קאָמיסיע. אַזאַ מענש, ווי אייער זוהן... איהר ווייסט דען, וואָס אייער זוהן איז?

מאַדאַם: וואָס מיין זוהן איז — ווייס איך. וואָס איז אייער קאָמיסיע?

זרחי: הערט איהר דאָך: מיין טאָכטער איז געווען קראַנק העבער אַ מאָנאַט. זי איז געווען ממש אַ טויטע און דער דאָקטאָר האָט זי געשטעלט אויף די פיס. ער האָט זיך ניט געפּוילט ביי טאָג, ביי נאַכט, פאַרטאָג...

פּייוועל: יאַ, איך ווייס, זי האָט געהאַט וועברים אינטערמיטענס...

זרחי: יאַ, הפנים זי האָט דאָס געהאַט. דער דאָקטאָר האָט ניט גענומען קיין צובראָכענע פּרוטה.

פּייוועל: דעם דאָקטאָר׳ס געשעפטען...

זרחי: עס רופט זיך אַזוי, איך בין אַ לעהרער. אָבער באמת אַ מלמד, אַ קבצן, ווי אַ איד דאַרף זיין.

מאַדאַם: וואָס-זשע ווילט איהר איצט? אייער טאָכטער דאַרף ווידער אַ דאָקטאָר?

זרחי: אָי, דאַרף זי אַ דאָקטאָר! ברוך השם, עס איז שוין דריי וואָכען, אַז זי האַלט אין איין עסען... געזונד ווי אַן אויוועין, קיין עין הרע, און דער דאָקטאָר קומט דאָך אַלע טאָג צו איהר געוואָהר ווערען.

מאַדאַם: וואָס-זשע איז אייער קאָמיסיע?

זרחי: פערשטעהט איהר מיך, מאַדאַם, היינט וועט זי צום ערשטען מאָל אַרויסגעהן. נו, האָבען זיי, דאָס הייסט די וייבער, אויסגעבאַקען אַ טאָרט און וועלען קומען דעם דאָקטאָר בעדאַנקען פאַר דער קרענק. אַי! איהר האָט געדאַרפט זעהן, ווי איך האָב מיט צוויי גאָפּלען געשלאָגען די וויסלעך פון די אייער... פון עטליכע אייער האָט זיך אויפגעשלאָגען אָט אַזאַ פולע שיסעל מיט קאַשע... מיינע הענד זיינען מיר געשוואָלען און געדראָלען, אָבער אַ גרעאָטענער טאָרט... די וייבער קראַכמאַלען זיך און דער דאָקטאָר יאַקבי ווייסט ניט... עס איז כלומר'שט אַ סוד... איהר האָט דאָך מסתמא געהערט די געשיכטע, ווי מען זאָגט: „אַ ווייבערשער סוד, געה האַלט זיך איין“?

מאַדאַם: זעהט איהר, די געשיכטע האָב איך פונקט דוקא ניט געהערט.

זרחי: עס איז אַ וואוילע זאַך. (דערצעהלט מיט חשק און שטיקט זיך אַליין פון געלעכטער). הינדע, אַ אידענע, האָט בעגעגענט יענטען, וועלכע איז אויך געווען, במחילה, אַ אידינע, און האָט זי אָנגעהויבען שעלטען: סטיימש! איך האָב דיר דערצעהלט אַ סוד, און דו ביסט געגאַנגען און האָסט צופּויקט איבער'ן גאַנצען שטעדטעל! זאָגט יענטע: עס איז אַ גרויסער ליגען מיט אַ בלבול! ערשטענס, האָסטו מיר קיין מאָל אין מיין לעבען קיין זאַך ניט דערצעהלט, דאָס איז איינס. צווייטענס, איך קען דיר שווערען ביים הייליגען פּרוכת, אַז איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט, איז אַ סוד, דאָס איז צוויי. דריטענס ביסטו אַליין שולדיג... אַז דו זאָלסט מיר גלאַט אַזוי דערצעהלען, וואָלט איך זיך געקענט איינהאַלטען. באַלד אבער עס איז אַ סוד?... נו, געה האַלט זיך איין מיט אַ ווייבערשען סוד! כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! (פערהוסט זיך שטאַרק און לאַכט). געה האַלט זיך איין מיט'ן ווייבערשען סוד... כאַ! כאַ! כאַ! האָט מיר אַ גוטע נאַכט. (געהט, הוסטענדיג).

מאַדאַם: ר' שמשון דוד זרחי, וואָס־זשע איז געווען אייער קאָמיסיע?

זרחי: הערסט אַ קאָפּ! והעיקר שכחתי. זיי האָבען מיך געשיקט בעטען דעם דאָקטאָר, אויב ער קען היינט אבענד זיין אין דער היים, וואָרום אימיצער וויל קומען... יאַקבי דער דאָקטאָר ווייס ניט ווער איז דער „אימיצער“... עט! געה האַלט זיך איין מיט אַ ווייבערשען סוד... כאַ! כאַ! פייוועל, דו וועסט דאָך מסתמא זאָגען דעם דאָקטאָר, הם? מאַדאַם, האָט מיר אַ גוטע נאַכט. (אב).

מאַדאַם: פייוועל, ווי געפעהלט דיר זיין קאָמיסיע?

פייוועל: ער דערצעהלט נאָר פון ווייבער. ער האָט אַ ווייב אַ

משולחת און האָט מורא פאַר איהר. זי גיט איהם די גאַנצע מעדיצין: פּיאַווקעס, קאַלטע קאָמפּרעסען, האַרטשיצניקעס, באַנקעס... פערשטאַנען?

מאַדאַם: פערשטאַנען. זי גיט איהם די גאַנצע מעדיצין און ער דערצעהלט איהר דעם גאַנצען ווייבערשען סוד. כע! כע! (אב).

פּייוועל: פאַר הונדערט וויזיטען אַ צוקער־לעקעך. אַ גליק האָט מיך געטראָפען. אַי, ווען וועל איך שוין אויסלערנען דעם דאָקטאָר זיין אַ שטיקעל מענש. (לערענט). קולקום אַרטעריאַזוס. (מען קלינגט) שוין דער דאָקטאָר? (אב. דאָקטאָר'ס שטימע, ער קומט מיט פיעל פעקלעך. נאָך איהם פּומפּיאַן).

דאָקטאָר: שאַדע, פּומפּיאַן, דו ביסט ניט געווען. איך האָב אויפגעשניטען ביי חיים שמש דעם קאַרבונקעל. זעהר געלונגען. איך האָב געוואוסט, מסתמא האָב איך ניט קיין ריינעם קאָלנער מיט מאַנזשעטען, האָב איך געקויפט. (האַלט אַנאַנדער קאָלנער מיט מאַנזשעטען, וועלכע ער האָט געבראַכט מיט זיך). איז חיוטין שוין דאָ? קאָלעגאַ, נעהם מיין פּולס, אונטערזוך אומיסטען מיין האַרץ...

פּייוועל: וואָס איז? איהר זייט קראַנק, חלילה? ... די האַרץ? אפשר דאַרפט איהר טינקטורע דעגאַטאַלים.

דאָקטאָר: עס איז אפשר אַ האַרץ־קרענק... אָבער מיט דער קראַנקהייט קרענקט אַלץ וואָס עס לעבט... ברודער, איך בין פינף־און־פערציג יאָהר אַלט און מיין האַרץ שלאָגט יעצט, ווי עס האָט געשלאָגען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. ע! האָסט אפשר אַ זאַפּאַנקע? איך וויל היינט זיין אַ פראַנט. וואָס הערט זיך נייעס?

פּייוועל: קיין זאַפּאַנקע האָב איך ניט — סיידען איהר ווילט אַ סאָלדאַטסקען קנעפּעל. חיוטין דער קבצן איז דאָ... און קיין אַנדער נייעס איז ניטאָ, נאָר וואָס זרחי איז דאָ געווען מיט'ן ווייבערשען סוד...

דאָקטאָר: פּומפּיאַן, אין דעם ווייבערשען סוד איז פערבאָרגען נאָך אַ גרעסערער סוד, פון וועלכען זרחי אַליין ווייסט נאָך ניט... קענסט פערבינדען אַ האַלזטיכעל, ניט אַזוי ווי איך מאַך פּשוט אַ קניפּעל, נאָר מיט אַ באַנטיק? (פּומפּיאַן פערבינדט איהם דאָס האַלזטיכעל). הער, וואָס וואָלסטו געזאָגט, אַז דו זאָלסט פּלוצים דערהערען, דאָקטאָר גאָלדענווייזער וויל חתונה האָבען? וואָלסטו ניט געקראָגען די אַפּאָפּלעקסיע, האַ?

פּייוועל: פערקעהרט, איהר דאַרפט אַ ווייב זאָל אויף איך אַכטונג געבען... איך קען דאָך ניט מעהר ווי צונעהען אַ קנעפּעל, אָבער ווייטער... פערשטאַנען?

דאָקטאָר: יאַ, ברודער פּומפּיאַן, עס איז ניט גוט צו זיין אַליין.

הער, איך ווייס, דו ביסט מיר אַ גוטער פריינד, און פריהער פון אַלעמען וויל איך זיך מיט דיר אָן עצה האַלטען. דו ווייסט, איך... מיר דאַכט זיך, איך וועל נעהמען און וועל מיט דעם... ע... מיט זרחי׳ס טאָכטער...

פייוועל: פאַניע זרחי׳ס! זעהט איהר, פון אַזאַ בשורה קען יאָ אַ קלאַפּ טהאָן די אַפּאָפּלעקסיע...

דאָקטאָר: זי איז ניט קיין נאַר... גאָר ניט קיין נאַר. אמת, זי איז ניט ענטוויקעלט, ביי אונז אין הויז אָבער וועט זי זיך ענטוויקלען!... זי האָט אין זיך גוטען מאַטעריאַל.

פייוועל: יאָ, זי וועט זיך ענטוויקלען! אַזאַ קבצנישע קישקע! זרחי׳ס טאָכטער האָט גוטען מאַטעריאַל!

דאָקטאָר: זי איז אַ געזונטע. דאָס איז זעהר וויכטיג, ווען מען געהט חתונה האָבען...

פייוועל: אַ געזונטע שטיק פלייש. ווייסט פון קיין זאַך ניט...

דאָקטאָר: די געבילדעטע פרויען ווייסען אָבער צו פיעל, דאָס איז נאָך ערגער. פּומפּיאַן, עס איז בעסער, וואָס ווענינער פאַלשע ציוויליזאציע און וואָס מעהר נאַטור.

פייוועל: וואָס מעהר נאַטור! וויפיעל נאַטור קען פאַניע זרחי׳ס האָבען? זי די דאָקטאָרשע?! זאָל איך בעסער פריהער איינגעהמען אַ מיתה משונה!...

דאָקטאָר: זעהסט, פייוועל, און איך האָב שטענדיג געמיינט, אַז דו ווינשט מיר גליק... צום סוף...

פייוועל: איך ווינש אייך אודאי גליק און אויב איהר פערשטעהט... איהר זייט אַ געלערענטער... און אויב עס ווענדעט זיך אָן מיר, איך ערלויב... דאָקטאָר, איך ערלויב אייך...

דאָקטאָר: ביסט ניט דאַגעגען? (דריקט זיין האַנד) ביסט אַ בראַווער יונגאַטש, הער, מיר וועלען היינט האָבען אַ קליינע וועטשערינקע... נאַ־דיר געלד... הויב אויף די נאָז!... איך וויל היינט ניט זעהן קיין זויערע פנים׳ער אַרום זיך... סאַלדאַט, סטאַי פריאַמאָ, סמאָטרי בראַוואָ! סמירנאָ!... כאָ! כאָ! הער־זשע, נאַ־דיר געלד און ע... מיר וועלען מאַכען פונש ווי שטענדיג... די ליבט אוים... פערשטאַנען? (זאָגט איהם עטוואָס שטיל. חיוטין קומט און געהט גלייך צום שראַנק מיט ביכער. דער דאָקטאָר כאַפּט איהם פון הינטען פאַר די הענד). עי! קאָמאַנדיר, איהר שלעפּט שוין ווידער מיינע ביכער?

פייוועל: לכל הפחות, אַז זי וועט זיין, וועט מען ביי איהם ניט

שלעפען... פאניע זרחי׳ס, א ווייב מיט נאטור! פערשטאנען? אָי, וועה איז מיר. (אב).

דאָקטאָר: קעשענע שניידער, איהר מאכט דאך א תל פון מיין ביבליאָטעק. מערדער, באנדיט! רינאלדאָ רינאלדיני!

חיוטין: אוהו די ניעדריגע אינסטינקטען פון אן איינגעטהימער האָבען זיך אויפגעוועקט ביי אייך, איהר זאָטער בורזשוא, וואָס איהר זייט. ביי אייך דארפען ביכער ליעגען אין שאפעס, ווען די, וואָס האָבען ניט קיין מיטלען, האָבען ניט וואָס צו לעזען? נו, יאָ, אז איך דארף א בוך, וועל איך אייך באלד געהן פרעגען! קומט בעסער אהער, איהר אָבגעפרעסענער בורזשוא... שש... אונזערע... מיר דארפען געלד... ניש׳קשה עס מעג אייך קאָסטען, איהר שלעפט ארויס געגוג געלד ביים פאָלק... (זאָגט עפעס שטיל).

דאָקטאָר: אזוי? ביים פאָלק? חיוטין, איך גיב אייך געלד, ווייל פונקט היינט וויל איך זיך מיט אייך ניט קריעגען. נאט, דאָס גיב איך אייך א טייל פון סקארלאטין, דאָס האָט איהר א חלק פון קדחת, דאָס האָט איהר אייער פאָרציע פון א געשוויר, כאָ! כאָ! (גיט איהם עטליכע אסיגנאציעס). איהר ווייסט, חיוטין, ווארום איך חנפ׳ע זיך צו אייך? איך האָב בעשלאָסען — חתונה צו האָבען... און וויל ניט, איהר זאָלט מיך קריטיקירען...

חיוטין: נו, יאָ, נעהמען א מאדאמשע אין שטוב, וועלכע וועט דארפען שליאפקעס, שעמיזעטקעס, מאנטאָנען, פאנטאָלאָנען, און דער רוח ווייס נאך, וואָס זיי דארפען דאָרטען...

דאָקטאָר: חיוטין, איהר האָט א טעות, איך נעהם אן איינפאכע מיידעל, א קינד פון פאָלק. (זעצט זיך צו דער פיאנאָ און שפיעלט דאָס זעלבע, וואָס זיין מוטער האָט געשפיעלט. פויזע). נו, חיוטין, ווי מיינט איהר?

חיוטין: ע! איהר מאכט שפאָס פונ׳ם פּראָטעלאריער...

דאָקטאָר: יאָ, פּראָלעטאריער, א־פּראָפּאָ... איהר זייט ניט זעהר קיין שטארקער גבור... עס געהט ווינטער, קאלט, נאס... איהר דארפט א פאלטאָ, שטיוועל... איך קען אייך געבען פאָראוים...

חיוטין (בייז): הערר דאָקטאָר, עס איז ניט אייער באָבע׳ס עסק, וועלכע שטיוועל איך טראָג! איך דארף ניט קיין טובות!... אז עס וועט מיר קומען פון אייך, וועל איך מאָהנען...

דאָקטאָר: אָי, משוגענער! איך געה טהאָן אזא פעראנטוואָרטליכען שריט, האָב זיך געוואָלט בעראטהען, ווי מיט א גוטען פריינד... נו, געה, רעד צו זיי!

חיוטין: הייסט עס, איהר מיינט עס ווירקליך? וואָס־זשע מישט

איהר אַריין די שטיוועל? דאָקטאָר, איהר האָט מעהר רעכט פון יעדען מענשען צו פערלאָזען זיך אויף זיך אַליין... אַלע מענשען דארפען זיין גליקליך, און ווער רעדט אַזאַ מענש, ווי איהר... אויב איהר מיינט, איך בין אייך ניט קיין גוטער פריינד, פערשטעהט איהר מיך ניט... איך אָבער פערשטעה אייך און האָב אייך ליעב... אַז ניט, וואָלט איך ניט ווערטה געווען — די ערד זאָל מיך טראָגען... און ווייטער מעגט איהר אייך געהן אפילו צום טייפעל. (געהט).

דאָקטאָר (לאָזט איהם ניט): הערסט, איך וויל חתונה האָבען און ער שיקט מיך צום טייפעל! חיוטין, יעדער מענש האָט אַ רעכט גליקליך צו זיין? האַ? איאַ, עס איז ניט לעבערליך, ניט עגאָאיסטיש, ווען איך וויל אביסעלע גליק פאַר זיך? איהר ווייסט, איך האָב ניט קיין היים איצט. ווען איך בין געווען אינגער, האָב איך עס ניט געפיהלט. ברודער, איך ווער אַלט, דאָס לעבען געהט אוועק און... חיוטין, ברודער, איז דאָס אַ פערברעכען, ווען איך זוך כאָטש אַ קליין ביסעלע פערזענליכען גליק פאַר זיך אַליין? (אומ־אַרמט איהם. אַליע לויפט אַריין).

אַליע: פּאַפּאַטשקע, ווילסט צוקוועטשען מוסיו חיוטין?

דאָקטאָר: דאָס קינד! חיוטין, איך האָב מורא, זי וועט ניט ערלוי־בען... קום אַהער, ליאַליע, איך דאַרף מיט דיר רעדען... דו ביסט אַ קלוגע פרוי. חיוטין, זי איז שוין צוועלף יאָהר געוואָרען. (נעהמט זי אויף די קניע). איאַ, אַליעטשקע, דו האָסט מיך ליעב?

אַליע: אָי, פּאַפּאַ, וואָס פרעגסטו דאָס? (נעהמט איהם אַרום מיט איהרע הענטלעך).

דאָקטאָר: עס איז שוין מעהר פון פינף יאָהר, אַז דיין מאַמאַ איז געשטאָרבען...

אַליע: זעהסט, פּאַפּאַ, האָסט שוין מיר לאַנג צוגעזאָגט צו קויפען אַ בלויען מעדאַליאָנטשיק מיט דער מאַמאַ'ס בילד.

דאָקטאָר: יאַ, אַליעטשקע, איך וועל דיר קויפען... (ווערט ענט־שוויגען). אַליע, אָנקעל מארק איז נאָך ניט געקומען פון באַנק?

אַליע: אָבער, פּאַפּאַ, דו האָסט מיר וואָס געוואָלט זאָגען.

(די מאַדאַם קומט און בלייבט שטעהן אונבעמערקט).

דאָקטאָר: איך האָב געוואָלט זאָגען: דו וועסט גיך אויסוואַקסען, ווערען אַ גרויסע, דאַן וועט אימיצער קומען און וועט דיך צונעהמען, און איך וועל בלייבען אַליין... די גרענד מאַמאַ איז אַלט...

אַליע: פּאַפּאַ, איך פערשטעה... דו ווילסט נעהמען אַנאַנדער מאַמאַ. (וויינט). איך וויל ניט... איך וויל ניט!...

דאָקטאָר: וואָס־זשע וויינסטו, נאַר? אויב דו ווילסט ניט, דאַרף מען ניט. איך וועל געוויס ניט פערביטערען דיין לעבען צוליעב זיך. (לאָזט זי אראָב פון די קניע). איך האָב אייך געזאָגט, חיוטין, אַליע וועט זיין דאגעגען...

אַליע: פּאַפּאַטשקע, איך וויים גאָר ניט... אויב דו מיינסט, אַז די, וועלכע דו זאָגסט, וועט זיין אַ גוטע און וועט דיך ליעב האָבען, ווי איך, ווי די באָבוסיע... (וויינט). אבער איאַ, פּאַפּאַטשקע, מיך וועסטו אויך ליעב האָבען?... (חיוטין ווישט בגנבה זיינע אויגען).

דאָקטאָר: יאַ, קינד, דו וועסט מיר זיין נאָך טהייערער, נאָך ליעבער. (אומארמט זי און קושט. די מאַדאַם קעהרט זיך אָב און ווישט אַ טהרער).

אַליע: אבער איאַ, פּאַפּאַ, דו ביסט ניט בייז אויף מיר?

דאָקטאָר: איך זאָל זיין אויף דיר בייז?... צאַרטעס, נאַבלעם קינד... (דריקט זי צו זיין הארצען). נון, און יעצט, אַליע, געה שיק מיר די באָבוסיע.

מאַדאַם: איך בין דאָ, יעווגעני... דאַרפסט ניט שיקען נאָך מיר... (אַלע איבערראַשט) איך האָב ניט געוואָלט אונטערהערען און האָב דאָך אַלץ געהערט.

חיוטין: קום, ליאַליע, איך דאַרף דיר וואָס זאָגען... (ביידע געהען). דו, פרוי פון צוועלף יאָהר! (ביידע אב).

דאָקטאָר: מאַמע, איך וויים ניט, ווי וועל איך וואַגען דיר ערקלע־רען... איך האָב מורא, איך וועל פערליערען דיין אַכטונג... דו וועסט לאַכען פון מיר.

מאַדאַם: לאַכען? יעווגעני, זאָל מען נור ניט דאַרפען וויינען...

דאָקטאָר: ביסט בייז אויף מיר?... און איך האָב געוואָלט בעטען דיין הילף... איך וויים, אונטער דיינע איינפלוס קען זי ווערען אַ מענש... מען דאַרף זי לערנען... מען דאַרף זי בילדען. ביסט ניט בייז אויף מיר?

מאַדאַם: איך זאָל אויף דיר בייז זיין?... איך האָב געהערט, וואָס דו האָסט געענטפערט דיין קינד, און דאָס זעלבע זאָג איך דיר... מיין קינד, אויף דיר בייז ווערען? איידעלער מענש און עהרליכער מאַן?... דו פער־שטעהסט געוויס וואָס דו טהוסט... און, יעווגעני, צווייפעלסטו, אַז איך וועל איהר זיין אַ מאַמאַ?... שש... דאַרפסט מיר גאָר ניט דערצעהלען... די, וועלכע דו רעכענסט ווירדיג צו ברענגען אין דיין הויז, ווער זי איז, זי איז מיין קינד...

דאָקטאָר: אָה, טהייערע, גוטע מוטער!... (אומארמט זי און קוסט). און דו האָסט מיך געשראָקען מעהר פון אַלע. (מען קלינגט). מאַמאַ, ענט־שולדיג, פּומפּיאַן איז ניטאָ. (לויפט עפענען).

מאַדאַם: איך האָב נאָר מורא, גרויסע ערנסטע מענשען זיינען אָפט בלינד, ווי קינדער... אָה, ווי גרויזאַם עס וועט זיין, אויב ער, אין זיינע יאָהרען, וועט מאַכען אַ מיאוסען פעהלער!...

(דאָקטאָר און מאַרק קומען).

דאָקטאָר: מאַרק, האָסט געטראָפען ווען צו קומען, פּונקט צו דער צייט...

מאַדאַם: מאַרק, דו ווייסט, איך געפעהל ניט יעווגעני'ן אַלס ווירטהין, טהוט ער מיר אָב און האָט חתונה...

מאַרק: חתונה? דאָס איז ניט פּראַקטיש... אַ פערהייראַטער דאָקטאָר פערליערט זיין אינטערעס ביי די רייכע פּאַציענטקעס... וואו איז דיין פעלדשער?... אין קאָרידאָר אָנגעוואָרפען אפשר צוואַנציג פּאָר קאַלאָשען... ער אַרבייט ביי דיר צו פיעל!... אַזאַ פּאַראַזיט!

מאַדאַם: וואָס ליעגען דיר איצט אין זין די קאַלאָשען?

מאַרק: אָבער איך וויים, מען רעדט שוין לאַנג אין שטאָדט, ער שדכנ'ט זיך צו ליליענוואַסער'ס טאָכטער... אַזאַ פּאַרטיע בעצאָהלט זיך שוין. אַ רייכע אַלמנה, דער פאָטער איז דירעקטאָר פון שפּיטאָל... אָט האָסטו דיר די אידעאַליסטען, און אַז עס קומט צו וואָס, זיינען זיי געשעפטמענשען.

דאָקטאָר: מאַרק, האָסט אַ טעות... איך האָב חתונה ניט צו מאַכען גוטע געשעפטען. איך נעהם אַן אָרימע מיידעל... (מען קלינגט) אָי! איך וואָלט איצט ניט געוואָלט קיין פּאַציענטען. (לויפט עפענען).

מאַרק: ער מיינט עס ערנסט? נו, וואָס זאָגסטו, מאַמאַ, צו דעם אַלטען נאַר?... ער שפּיעלט זיך נאָך אין ראָמאַנען...

מאַדאַם: מאַרק, מיר האָבען ביידע ניט קיין רעכט און ניט קיין שכל איהם צו לערנען! (מען הערט דעם דאָקטאָר'ס פרעהליכע שטימע. ער קומט צוריק, נאָך איהם זרחי, שרה הינדע און פאַניע מיט אַ טאָרט).

אַלע: גוטען אבענד! גוטען אבענד!

דאָקטאָר: גוטען אבענד. זיצט, זיצט... דאָס איז הערר זרחי, זיין פרוי, זייער טאָכטער פאַניע... (שרייט אין טהיר) נאַטאַשאַ, דאַי טשאַיו!

מאַרק: וואָס איז דאָס? געסט פון דעמאָקראַטישען קוואַרטאַל?... אוהו!

פאַניע (זעהר פערשעמט): מאַמע, זאָג דו בעסער... איך האָב פערגעסען די גאַנצע רעדע... הערר דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראַכט אַ טאָרט... און ווי אַזוי צו דאַנקען, ווייס איך ניט...

שרה הינדע: אַט האָסטו דיר אַ העלד! פּע, פאַניע, אויף דיר האָב איך זיך ניט גערינט...

זרחי: פּע, רבש"ע, אויף דיר האָב איך זיך ניט גערינט... מען דער־צעהלט וועגען דעם אַ וואוילע זאַך.

שרה הינדע: מעגסט אָבלעגען אויף שפּעטער דיין וואוילע זאַך. (דער דאָקטאָר צינדט אָן אין קאַבינעט לאָמפּען און ליכט. פאַניע בעטראַכט אַלץ אין שטוב און לאָזט אַראָב דעם קאָפּ).

זרחי: קריעגען זיך דערפאַר איז ניט כדאי.

מאַדאַם: ניין, ניין! דערצעהלט אונז די וואוילע זאַך... מיר ווילען הערען... אַ געראָטענער טאָרט!

זרחי: אין חומש, אין סדרה בראשית איז בעשריעבען, ווי גאָט האָט בעשאַפען אונזער מוטער חוה. אין סדרה נח שטעהט בעשריבען, ווי נח האָט געבויט זיין תבה פון פּימסען־האָלץ און האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווענינ און פון דרויסען מיט פּעך... ביי אַ אידענע האָט מען אַרויסגעריסען פון איהר עברי־טייטש חומש אַ פּאָר בלעטלעך, זאָגט זי זיך: (מיט אַ ניגון) „און גאָט האָט אויסגעשניטען אַ ריפּ ביי אדם הראשונ'ן און האָט בעשאַפען חוה'ן, פון פּימסען־האָלץ, און ער האָט זי אויסגעשמירט פון אינווענינ און פון דרויסען מיט פּעך." פּע, זאָגט זי, אויף דיר רבונו של עולם, האָב איך זיך דאָס ניט גערינט. אויסשמירען אונזער מוטער חוה פון אינוועניג און פון דרויסען מיט פּעך... כאַ! כאַ! כאַ! (הוסט) פּע! איך האָב זיך ניט גערינט. (לאַכט און הוסט. אַלע לאַכען. דער דאָקטאָר פיהרט פאַניע'ן אין זיין קאַבינעט. פּומפּיאַן קומט מיט פערשיעדענע פּעקלעך).

דאָקטאָר: זיצט, פאַניע, דאָ ביי מיר... דאָס איז מיין קאַבינעט.

פּייוועל: אַז דער דאָקטאָר האָט אַ פּאַציענטין, מעג מען דאָך פער־ציהען די פּאָרטיערען. פערשטאַנען!

דאָקטאָר: פּומפּיאַן! אַזאַ נאַר! ער מיינט, איהר זייט אַ פּאַציענ־טין. נו, זאָל זיין אַזוי, פאַניע. איך וועל אייך זאָגען די וואַרהייט, איך האָב אייך ערוואַרטעט מיט אונגעדולד. (בעטראַכט זי) מיין פּאַציענטין זעהט גוט אויס. רויט... געזונד... די אויגעלעך גלאַנצען...

פאַניע: דאָקטאָר, וואָס פאַר אַ סעקרעט ווילט איהר מיר היינט זאָגען! איך וויל אַזוי וויסען דעם סעקרעט!

דאָקטאָר: דעם סעקרעט? פאַניע, דער גאַנצער סעקרעט איז — איהר געפעהלט מיר.

פאַניע: סך הכל? דאָקטאָר, דעם סעקרעט וויים איך לאַנג. וואָס מיינט איהר, איך האָב ניט בעמערקט ווי אַזוי איהר פלעגט קוקען אויף מיר,

ווען איהר פלעגט מיך אונטערזוכען? און דאָס, וואָס איהר פלעגט אזוי אָפט קומען צו מיר כלומר'שט געוואָהר ווערען... איך בין ניט קיין קליינינקע מיידעלע, איך בין 20 יאהר אַלט.

דאָקטאָר: גאַנץ אָפען, הא? כאַ! כאַ! דאָס געפעהלט מיר. א געבילדעטע מאמזעל וואָלט זיך געמאכט, אז זי פערשטעהט גאַר ניט, און איהר זאָגט פשוט: אַט אזוי איז דאָס!... פאַניע,וואָס וואָלט איהר געטהאָן, למשל, ווען איך זאָל אייך פּלוצלונג ארומנעהמען און געבען א קוש? אָי, איך האָב זיך שוין אַליין דערשראָקען.

פאַניע: וואָס דאַרפט איהר אייך שרעקען? וואָס מיינט איהר, מען האָט מיך נאָך קיינמאָל ניט געקושט און ניט ארומגענומען? פאַר וואָס ניט? אָי, דאָקטאָר, נאָך וואָס טראָגט איהר אזא לאַנגע באָרד? איהר זאָלט זי אָבשערען, וואָלט איהר אויסגעוויזען א סך אינגער. וואָרום איך מיין, איהר זייט נאָך זעהר א געזונטער מאַן.

דאָקטאָר: מיט אַנדערע ווערטער, דאָס הייסט איך געפעהל אייך? זאָגט דעם אמת, איהר וואָלט געוואָלט מיט מיר חתונה האָבען?

פאַניע: געהט, געהט איהר מאכט שפּאָס פון מיר... אזא גרויסער מענש... א דאָקטאָר...

דאָקטאָר: פאַניע: איך בין ניט דער מענש, וואָס מאכט שפּאָס פון הייליגע געפיהלען.

פאַניע: דעם אמת געזאָגט, ווען איך בין געלעגען קראַנק, האָב איך אָפט גלאַט אזוי געטראַכט, וואָס וואָלט געווען א שטייגער, דער דאָקטאָר זאָל מיך נעהמען? פלעג איך זיך אַליין דערשרעקען...

דאָקטאָר: אהא, איהר דערשרעקט אייך אויך...

פאַניע: איך דערשרעק זיך ניט פאַר א קוש, אזוי ווי איהר, און האָב ניט מורא פאַר א מאַן, ווי איהר האָט מורא פאַר א פרוי.

דאָקטאָר: ווי ווייסט איהר, אז איך האָב מורא פאַר א פרוי?

פאַניע (לאַכט): איך זאָל אַן אַנדערען אזוי געפעהלען, ווי אייך, וואָלט ער... ניין, איך האָב מורא גאַר פאַר אַנאַנדער זאַך. איהר זייט אַלע געבילדעטע דאָ אין הויז, אזוי פיעל ביכער מיט א פאָרטאָפּיאַן, אייערע זייגען אַלע אַריסטאָקראַטען, איך וועל ניט ווי:סען, ווי אזוי צו עסען ביים טיש, ווי אזוי זיך צו פיהרען און וואָס צו זאָגען.

דאָקטאָר: ע! נאַרישקייטען! איהר וועט אייך גיך צוגעוואוינען. איהר וועט דאָ ניט זיין א פרעמדע, איהר וועט דאָ זיין די ווירטהין.

פאַניע: יאָ, דאָ אין שטוב איז ניטאָ קיין ווירטהין. דאָרט אויפ'ן טיש האָב איך געזעהן א גאָפּעל מיט א טעלער, אויפ'ן קושעטקע, א קליידער־

בערשטעל... דאָ אויפ׳ן טיש וואַלגערט זיך געלד. איהר האָט דאָך אַ פרעמדען מענשען אין שטוב... דער פומפּיאַן איז דאָך ביי אייך, וואָס הייסט אוועקוואַרפען געלד? אין קאָרידאָר אַ בארג מיט קאַלאָשען... דער אַרבעל דאָ ביי אייך צוגעשפּילעט מיט אַ שפּילקע... וואָס טהוען די דיענסטען דאָ?

דאָקטאָר: עס איז אַזוי אַנגענעהם צו וויסען, אַז אין שטוב וועט זיין אַ פרוי, וועלכע וועט זיך בייזערען. און איהר יונגע שטימע וועט קלינגען איבער אַלע צימערען און מיר וועלען אַלע פאַר איהר מורא האָבען...

פאַניע: גיט, איך וועל אייך בעסער צושטעכען דעם אַרבעל... (שטעלט זיך זעהר נאָהענט צו איהם און שטעכט איהם צו דעם אַרבעל).

דאָקטאָר (ליידענשאַפטליך): פאַניע, איך האָב דיך ליעב... ביסט אַ קלוגע, האָסט שוין דאָס לאַנג געזעהן און פערשטאַנען. (אומאַרמט זי און קוסט) נעהם מיין האַנד און קום, איך וועל דיך פאָרשטעלען אַלס צוקינפטיגע מאַדאַם גאָלדענוויזער.

פאַניע: שוין? אָי, דאָקטאָר, איך האָב אַזוי מורא.

דאָקטאָר: פאַניע, נעהם מיין האַנד און זיי רוהיג. די האַנד האָט ניעמאַלס וועמען געפיהרט צום שלעכטען. (פיהרט זי, עפענט די פאָרטיערען. ביים טיש זיצען זרחי, שרה הינדע, חיוטין צוזאַמען מיט אַליען. מאַרק פון דער ווייטען. ביי דער טהיר נאַטאַשאַ מיט אַ טאַץ אין האַנד, אויפ׳ן טיש גלעזער מיט טהעע. אין מיטען טיש אַ גרויסע זילבערנע וואַזע מיט פּונש. פּומפּיאַן סערווירט).

דאָקטאָר: טהייערע מאַמאַ, האָב די עהרע דיר פאָרצושטעלען דאָס מערכען, וועלכע... (פערווירט).

מאַדאַם: יעוועגעני, איך וויים שוין. קום אהער, פאַניטשקע. (נעהמט זי ביים האַנד און בעטראַכט זי).

אַליע (שטיל צו חיוטין): מוסיו חיוטין, ווער איז זי?

חיוטין: אַליע, אַזאַ מענש ווי דיין פּאַפּאַ פערדיענט, אַלע זאָלען זעהן ער זאָל זיך גליקליך פיהלען.

מאַרק (אַפּאַרט): הם, אונזער אידעאַליסט נעהמט אַ מאַטעריאַלי-סטישע וויב, טאַקע אַ ווייב...

דאָקטאָר: נון, מיין ליעבע, איצט וועלען מיר זיך אַלע זעצען אביסעל פערברענגען... מאַכען אַ פּונש...

פּיוועל: דער פּונש איז שוין געמאַכט, ווי איהר מאַכט שטענדיג אין גרויסע יום טובים. (געהט פערלעשט די ליכט אין קאַבינעט).

דאָקטאָר: מאַרק, וואָס שטעהסטו פון דער ווייטען? איך האָף, איהר וועט זיין גוטע פריינד. (מאַרק דריקט איהר האַנד און זעצט זיך נעבען

איהר ביים טיש). פייוועל! זעה נאָר, שיער ניט פערגעסען, די אָרימע פרוי וואַרט דאָרט... איהר עלטערער זוהן... (וויל לויפען) איהר מוזט מיך ענט־שולדיגען.

מאַדאַם: יעווגעני, ווילסט אוועקגעהן? היינט מעגסטו זיך נעהמען צייט.

שרה הינדע: דער דאָקטאָר וועט קיין צייט ניט האָבען חתונה צו האָבען...

דאָקטאָר: עס איז טאַקע איצט אַ גרויסע פרייד ביי מיר, אָבער דאָרט וואַרט אויף מיר אַ קראַנקער... פריהער פון אַלץ בין איך דאָקטאָר! (לויפט אין קאַבינעט) איך קום באַלד.

פייוועל: דער קראַנקער זאָל פיהלען שלעכט וואָלטען זיי זיך ניט געשעמט, זיי וואָלטען שוין דאָ געווען פינף מאָל... קבצנים צערעמאָניען זיך ניט מיט אייך... איהר קענט דאָך אָבלעגען אויף שפּעטער.

דאָקטאָר: האַ?! יאַ, איך וועל מיר ערלויבען היינט איין האַלבע שעה... ברודער פּומפּיאַן, דעם פּונש! (ער געהט צו דער פּיאַנאָ און שפּיעלט דיזעלבע זאַך, וואָס פריהער. פּומפּיאַן צינדט אָן דעם פונש).

זרחי: שרה הינדע, וואָס? (שש! זי לאָזט איהם ניט רעדען. פּומפּיאַן פערלעשט אַלע לאַמפּען, עס ווערט דונקעל, דאָס צימער בעלויכטען נור פון דעם פייער פון פּונש. אַלע בלייבען זיצען גאַנץ שטיל. דער דאָקטאָר שפּיעלט פּיאַנאָ).

אָליע (לעהנט זיך אָן אויף חיוטינ'ס האַנד): מוסיו חיוטין, איאָ עס איז שעהן?... אַ בלויער פייער. אַקוראַט ווי אין די הימלען, דאָרט, וואו מיין מאַמאַ איז... (דאָקטאָר הערט פּלוצלונג אויף שפּיעלען און שפּאַרט זיך צו צו דער פּיאַנאָ. אַלע איבערראַשט).

פאָרהאַנג.

צווייטער אקט.

דאָס זעלבע צימער, נייע מעבעל. אָרדנונג. נאַכט. איןביידע אָבטהיילונגען ברענען לאָמפּען. זרחי און די מאַדאַם זיצען אין דער צווייטער אָבטהיילונג ביי אַ קליין טישעל און שפּיעלען אַ דאַמקע, נעבען זיי אֶליע, וועלכע מאַכט פון די פּעשקעס קאָלאָנען... שרה הינדע און פאַניע זיצען אויף אַ קושעטקע און רעדען שטיל.

זרחי: געגאַנגגען זאָל ווערען... איך האָב ניט געוואוסט, אַז איהר שפּיעלט ווי אַ מזיק. אַ אידענע זאָל אויך האָבען אַ קאָפּ.

מאַדאַם: און אַז אַ מאַנסביל האָט אַ קאָפּ, אין וועלכען אַנשטאָט געהירען ליעגען ווייבערשע געשיכטעס?

זרחי: ע! איהר קריעגט זיך מיט מיר? וועל איך אייך מאַכען צוויי בערדעס מיט אַ שטיבעלע.

פאַניע: קום אַהער, מאַמע. (זיי געהען אין דאָקטאָר'ס קאַבינעט).

שרה הינדע (געהענדיג): פּרא אדם, מיין ניט, אַז דו שפּיעלסט אין דאַמקע מיט האַצקעל ציזשיק!...

אֶליע: באַבוסיע, זי בייזערט זיך, ווייל דער איד האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט?

מאַדאַם: פוי! אֶליע, אַן עלטערער מענש זאָגט קיין מאָל ניט קיין נאַרישקייטען!

אֶליע: קיין מאָל ניט? טאַקע קיין מאָל ניט?...

מאַדאַם (לאַכט): זי גלויבט ניט... ווי מיינט איהר, ר' זרחי, טאַקע קיין מאָל ניט?...

זרחי: געגאַנגגען זאָל ווערען. (זיי שפּיעלען).

פאַניע: זעהסט, מאַמע, דאָ אויפ'ן טיש ליעגען פאַר איהם נאָז־טיכלעך... דאָ — אַ קאָסטיום איבערצובייטען. איך זאָרג פאַר דעם, און ער קווועלט דערפון. איך זאָל האָבען מעהר צו טהאָן דאָ, וואָלט מיר אפשר דאָ ניט געווען אַזוי אומעטיג.

שרה הינדע: וואָס ביסטו געקומען אַהער אַ דיענסט זיין? אַ שעהנע מציאה!

פֿאַניע: מיר איז זעהר אומעטיג דאָ. אַט איז איצט סכּות, יום טובֿ ביי לייטען. מען טהוט זיך אָן שעהן, מען געהט צו גאַסט... ביי זיי איז יום טוב, אין דער וואָכען, שבת — אַלץ איינס. הפּנים זיי גלויבען ניט אין גאָט... איך וויים זעהר, יא גאָט, ניט גאָט, נאָר אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט, זאָל זיין עפּעס אַנדערס... אַז עס איז גאָר נישט ניטאָ, איז אומעטיג.

שרה הינדע: נו, און וואָס טהוען זיי? פאַר וואָס איז זיי ניט אומעטיג?

פֿאַניע: איך וויים? זיי לעזען, זיי רעדען פון אַזעלכע זאַכען, וואָס איך וויים ניט. ער זעצט זיך גאָר אַנידער אויף אַ גאַנצע נאַכט מיט'ן נאָז אין בוך אַריין... דאָס מאַכט מיך אַמאָל אַזוי בייז, אַז איך וואָלט, דאַכט זיך, גענומען און צוריסען אַלע ביכער... די אַלטע שפּיעלט פּיאַנאָ, און איך קען ניט, אַזאַ בושה... זעהסט, איך האָב פערגעסען. (זוכט אין די קעשענים פון דעם צוגעגרייטען קאָסטיום). יאַ, וואָס דען? אַ רובעל... אַזאַ תּם... געהט אום ווי אין עולם התּהו... דו קענסט בערעכענען, וויפיעל געלד פּיוועל האָט ביי איהם אָנגע'גנבֿ'עט... ער איז מסתּמא שוין אַן עושר.

שרה הינדע: דו זיי ניט קיין גולם און קוק מיט אויגען! אויב דו ווילסט, פֿאַניע, קענסטו דאָס געלד קלייבען ביי מיר. מאַלע וואָס עס מאַכט זיך חלילה.

פֿאַניע: ניש'קשה, איך קען אַליין בעהאַלטען, ווען מען דאַרף. (בעהאַלט דעם רובעל).

שרה הינדע: האָט ער דיר געמאַכט אַ נייע קלייד אויף יום טוב? דאַרפסט זיך ניט שעהמען פאַר איהם. ער איז מחוייב צו מאַכען דיר קליידער און קויפען ציערונג. צוליעב וואָס דען האָסטו חתונה געהאַט פאַר אַן אַלטען?

פֿאַניע: וויים איך! ער האָט מיר געקויפט אַ זייגערעל, מיינט ער עס איז אַ גאַנצעס גליק... איך האָב ניט קיין דימענטענע אויערינגלעך, איך האָב ניט אפילו קיין איין דימענטענעם רינג. אויך מיר אַ דאָקטאָרשע! דערווייל זעה איך נאָך ניט, וואָס האָבען מיך די מיידלעך אַזוי מקנא געווען.

שרה הינדע: עס איז שוין דער עלפטער חודש נאָך אייער חתונה. (פרעגט זי שטיל) אַלע ווייבער פרעגען מיר. וואָס איז דאָס עפּעס, האַ? ביילע ציזשיק'ס האָט מיט זעקס וואָכען שפּעטער חתונה געהאַט און איז שוין געלעגען געוואָרען.

פֿאַניע: דאָס דאַרפסטו ביי איהם פרעגען.

שרה הינדע: און דו שעהמסט זיך פאַר איהם? וואָס ביסטו ניט קיין אידישע טאָכטער? און ער איז אַ קליינינקער, וואָס? אין זיינע יאָהרען און נאָך אַ דאָקטאָר... ער דאַרף וויסען. (זיי רעדען שטיל).

זרחי: עהע, מאַדאַם, איהר האַלט שמאָל... איהר האָט הפּנים ביים רבונו של עולם ניט אויסגענאַרט קיין גוטען צעטעל. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט פון דער אידענע מיט'ן צעטעל?

מאַדאַם: איך וואַרט שוין לאַנג, ווען וועט איהר דערצעהלען עפּעס אַ ווייבערשע געשיכטע.

זרחי: אָי, אַ וואוילע זאַך. (קוקט זיך אַרום און דערצעהלט מיט חשק). ארויסגעהענדיג יום-כפור פון שול, האָט זיך אַ אידענע אָבגעשטעלט און האָט געזאָגט: רבונו של עולם, גיסטו מיר אַ גוטען צעטעל, איז רעכט, אַז ניט, פאָהר איך גאָר אין גאַנצען אַוועק צו מיין שוועסטער אויף סכות. — זאָגט די שכנה: וואָס דאַרפסטו רעדען, וועסט דען פאָהרען? — שש! ענטפערט זי, מאַך אַ שווייג... איך שרעק איהם נאָר... זיי זיינען אַלע אַזעלכע!... למשל, אַז איך זאָג מיינעם: איך פאָהר גאָר אַוועק צו מיין שוועסטער, ווערט ער דאָך אַזוי גוט, כאָטש לעג איהם צו אַ מכה — וואָס דען מיינסטו? אָהן אַ סטראַשונאַק קען מען ביי זיי עפּעס אויסנאַרען?... רבונו של עולם, דו הערסט, איך פאָהר צו מיין שוועסטער אויף סכות... כאַ! כאַ! כאַ! (הוסט און לאַכט) צו מיין שוועסטער... כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! (אַלע לאַכען, בעזאָנדערס אַליע. מאַרק קומט פון זיין צימער).

מאַרק (מיט אַ גרימאַסע): אָה, וועלכע געסט ביי אונז, גרויסאַרטיג! מיט אַ וויזיט, האַ? גוטען אבענד.

אַליע: איאַ, באַבוסיו, אָנקעל מאַרק קומט יעצט שטענדיג זעהר פריה אהיים?

מאַדאַם: יאַ, טאַקע, מאַרק, ביסט עפּעס די לעצטע צייט געוואָרען אַ סטאַטעק. ר' שמשון דוד זרחי, אָהן חרטה איז אָהן חרטה... געגאַנגען זאָל ווערען, געהט מען... (זיי שפּיעלען. מאַרק געהט אינ'ם דאָקטאָר'ס אבטהיילונג. זעצט זיך אין אַ ווינקעלע).

פאַניע (געהט צו איהם): וואָס בעהאַלט איהר זיך? אייך שטעהט ניט אָן אונזער קאָמפּאַניע? (אַליע לאָזט פון זיי ניט אַראָב די אויגען).

מאַרק: פאַניע ביסט געזונד, ווי אַ סאָלדאַט.

פאַניע: אַ העזה פון אַן אַריסטאָקראַט! איך זאָג איהם „איהר“ און ער זאָגט מיר „דו“.

מאַרק: דו נאַר, פאַר וואָס זאָגסטו מיר ניט „דו“.

פאַניע: איך האָב עטליכע מאָל געוואָלט פּרובען זאָגען דער שוויגער מאַמאַ, דעם דאָקטאָר — יעווגעני און אייך — „דו“; נאָר אַז מען פיהלט ניט, קעהרט זיך ניט די צונג.

מאַרק: פאַר זיי אַרט מיך ניט. — זיי זיינען אַלטוואַרג, אָבער מיט

מיר האָסטו שוין לאַנג געדאַרפט זיין אַ גוטער ברודער... **פאַניע**, דו זאָלסט פיהלען, וואָלט זיך שוין ביי דיר די צונג געקעהרט.

פאַניע: וואָס מיינט איהר?

מאַרק: דו פערשטעהסט שוין זעהר גוט, וואָס איך מיין. אַזעלכע שעהנע, אַפּעטיטנע ווייבלעך, ווי דו, פערשטעהען אויפ׳ן וואונק.

פאַניע: עס קען זיין, איהר זאָגט גאָר קאָמפּלימענטען און איהר מיינט עס גאָר ניט... אָבער עס איז אַזוי גוט צו הערען.

מאַרק: אַיאָ, עס איז גוט? (קוקט זיך אום און גיט איהר אַ קניפּ אין האַנד. אַליע בעמערקט עס).

פאַניע (כאַפּט זיך ביים האַנד): אָי, איהר שד, דער רוח זאָל אייך נעהמען! (לאַכט). צוויי לייבליכע ברידער, דאַכט זיך, איינער האָט ליעב צו פּיעל צו קנייפּען, און דער אַנדערער... (מען קלינגט, מאַרק זעצט זיך פון דער וויטען).

מאַרק: דאָס איז ער!

פאַניע: נו, וואָס אַנטלויפט איהר, ווי אַ גנב? (פּומפּיאַן קומט).

פּייוועל: מען האָט געקלונגען? אָה, ר׳ שמשון דוד, האָט איהר עפּעס אַ גוטען סכות?

זרחי: יאַ, קיין סאָלדאַט איז מיר אין דער סוכה ניט אַריינגעפאַלען. געהט מען.

פּייוועל (לויפט עפענען): יאַ, געגאַנגען זאָל ווערען, געהט מען. (מען קלינגט נאָך אַמאָל. פּייוועל לויפט עפענען).

מאַרק: פאַניע, דו ווייסט, מען קען פון דער וויטען קושען מיט די אויגען. זעה ווי איך קוק... (קוקט אויף איהר לאַנג).

פאַניע (גענעצט): פע! געהט אין דר׳ערד אַריין. (פּייוועל קומט מיט חיוטינ׳ען. ברענגט אַ פּאַקעט און לעגט עס אויפ׳ן דאָקטאָר׳ס טיש. חיוטין ווישט אוים די ברילען. בייז). וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַקעט?

פּייוועל (שטיל): אַליך דאַרף זי וויסען! איהר טאַטענ׳ס עסק... (לויט) אַ בריעף צום דאָקטאָר פון באָלניצע.

חיוטין: גוטען אבענד, מאַדאַם דאָקטאָרשע... גוטען אבענד, העדר פינאַנסיסט. וואָס הערט זיך וועגען קורס, אַקציעס, אָבליגאַציעס, דעפּאָזי־טען, קאָנסאָלידירען, דעפּאָנירען, דיסקאָנטירען?

מאַרק: דער קורס פון אייערע אַקציעס האַלט ביים דיסקאָנטירען, און מיר דוכט זיך, אַז מען וועט אייך דיסקרעדיטירען.

חיוטין: אַזוי? בין איך אונגליקליך... אָה, די גאַנצע כאָפּטע איז דאָ... גוטען אבענד! ליאָלעטשקע, ווי געהט עס?... (קושט זי).

שרה הינדע: א דייטש מיט אן אויסגעריבענעם פּאַלמערסטאָן.

מאַדאַם: חיוטין, איהר מישט אייך ניט...

חיוטין: ניט מישען זיך? דען קום לערנען, ליאַליע...

אַליע: ניין! איך וויל זעהן, ווי מען שפּיעלט, און הערען, ווי מען דערצעהלט היסטאָריעס.

פייוועל: אז איך בין געווען א אינגעל, האָב איך אויך ליעב געהאַט צו זעהן א שפּיעל... איך פּלעג שטאַרבען. (אליע אין דער צווייטער אב־טהיילונג. מאַרק און פאַניע אין דאָקטאָר׳ס קאַבינעט).

פאַניע: איך ווייס ניט, פאַר וואָס איך האָב דעם חיוטין פיינט, ווי חזיר.

מאַרק: ער איז פערמישט, דער טייוועל ווייסט, אין וועלכע זאכען. עס קען זיין, ווען ער געהט אהער, געהען איהם נאָך זשאַנדאַרמען מיט שפּיאָנען... ער איז פון די דאָזיגע: — א סאָציאַליסט!

פאַניע: טאַקע? נו, יא, אייער ברודער׳ס געשעפטען.

מאַרק: ער און די אַלטע, זיי נעהמען ביי איהם פּראָקלאַמאַציעס און דעקלאַראַציעס... ער וועט אונז אַלע אַמאָל אונגליקליך מאַכען. זעהט איהר דאָס בוך? (קוקען אריין. רעדען שטיל).

חיוטין: אַלזאָ, אַליע, דו געהסט ניט? וועל איך דערווייַלע אריינ־קוקען דעם דאָקטאָר אין ביבליאָטעק אריין. מאַדאַם דאָקטאָרשע און הערר פינאַנסיסט, איך האָף, איך שטער אייך ניט. (געהט צום שאַפע מיט ביכער).

מאַרק: ניין, הערר פילאָזאָף, איהר שטערט מיר ניט. (אב צו זיך). שטאָלץ ביי זיך, דער אָרימער בעל גאוה. (אב).

פייוועל: דער געלערענטער קבצן וועט באַלד פערקירעווען דעם דישעל. פערשטאַנען?

חיוטין (בייז): וואָס איז? פערשלאָסען גאָר? דאָס איז א נייעס. פּומפּיאַן, ביי אייך איז דער שליסעל פון שאַפע?

פאַניע: וואָס איז עפּעס פּומפּיאַן פאַר א מאַכער? דער שליסעל איז ביי מיר.

חיוטין: ביי אייך דער שליסעל פון די ביכער?

פאַניע: יא, ביי מיר... עס איז איצט ניט ווי אַמאָל, יעדער איז געווען דאָ בעל־הבית אין שטוב.

חיוטין: אזוי? נו, זייט־זשע מוחל און גיט אהער דעם שליסעל. (אַליע קומט אין קאַבינעט).

אַליע: אָה, פאַניע, מוסיו חיוטין וועט בייז ווערען.

פאַניע: בייז... הם! וועט ער מיר ניט שיקען קיין שלח מנות... ביכער קאַסטען געלד...

חיותין: איהר רעדט אויך פון ביכער?

פאַניע: איך רעד דערפון, וואָס מען בענוצט זיך דערמיט, וואָס דער דאָקטאָר איז אַ שטילער תם, און מען בענעהמט איהם... מען שטעלט איהם בריל־דל... מען שלעפּט!... יעדער שלעפּט.

חיותין: וועמען מיינט איהר דאָס? ווער שלעפּט?...

פאַניע: עס איז דאָ געגוג שלעפּער... (מאַדאַם הערט אויף שפּיעלען).

פייוועל: זי וועט איהם אָבהאַקען די פליגלען. דאָס איז גוט. אַ שניידער׳ס אַ זוהן, אַ גאַנצער שמעלקע...

זרחי: פאַניע, מילא די מאַמע דיינע אין דער היים — אבער דאָ?... מען דאַרף דאָך וויסען, וואו דער חמור שטעהט...

שרה הינדע: וואָס איז? וואָס איז? ער איז דאָ, דער גולם! פאַניע וועט דאָך ניט רעדען אזוי אין דער וועלט אריין... וואָס מיינסטו, זי האָט דיין שכל? זי פערשטעהט, מסתמא, וואָס זי טהוט...

חיותין: יאָ, זי פערשטעהט אַ סך. זי נעהמט דעם דאָקטאָר אונטער איהר השגחה, מסתמא פערשטעהט זי אַ סך. (טהוט אָן זיין הוט. מען קלינגט).

פייוועל: איך האָב מורא, דער פּראָפעסאָר וועט מיר אָבטהאָן, און וועט ברוגז ווערען. פערשטאַנען? אַ גוטען תמיד. (אב).

אָליע: פאַניע, איבער דיר געהט קיינער ניט צום פּאַפּאַ... האָסט אַלעמען פערטריבען...

פאַניע: איך דאַרף זיי נויטיג די פּריצים דאָרטען מיט די געלערענטע, איך זאָל זיצען און קוקען אויף זיי, ווי אַ האָן אין בני אדם. אויך מיר קאָמפּאַניעם!

אָליע: יאָ, קאָמפּאַניעם! מוסיו חיותין, איהר געהט אַוועק? און לערנען? — איך האָב פריהער געזאָגט, ער וועט בייז ווערען... קומט לערנען, מוסיו חיותין.

חיותין: לערנען? די מאַדאַם דאָקטאָרשע וועט דאָ מיט אייך אַלעמען לערנען! איך לערען ניט היינט! (לויפט צום טהיר, בעגעגענט דעם דאָקטאָר און פייוולען. דער דאָקטאָר טראָגט אַ נייעם קאָסטיום און אַ בערדעל בולאַנזשע).

דאָקטאָר: טרר! וואָס איז געשעהן? אַ באַטאַליע, הא? (כאַפּט איהם ביי דער האַנד).

חיותין: אי, לאָזט מיך צורוה!... (רייסט זיך).

דאָקטאָר: קומט נאָר אהער, משוגענער! זעה נאָר, א באָמבע האָט אויפגעריסען...

חיוטין: איהר וועט מאַכען שפּאַס שפּעטער... קומט נאָר אהער... (שטיל) איך ווייס, ביי אייך אין שאַפע איז דאָ פערבאָטענע זאַכען — רוימט עס אויף... איהר האָט יעצט פיעל שונאים... איך ווייס ניט, פאַר וואָס די גאַנצע שטאָדט איז אויף אייך להרוג ולאבוד. דאָס זאָג איך אייך, און ווייטער מעגט איהר שלאָגען קאָפּ אין קישען... מיין פּוס וועט אייער שוועל ניט אריבערטרעטען! (ראש אָב).

דאָקטאָר: איבער'ן שוועל ניט אריבערטרעטען! וואָס איז דאָ געוועזען?

מאַדאַם: גאָר ניט, האָבען זיך צוואָווערטעלט א ביסעל מיט פאַניען... מיר, פריעדליכע בירגער, האָבען אנערקענט איבער זיך די מאַכט און די אויטאָריטעט פון אונזער יונגער ווירטהין... ער אָבער איז א רעוואָלוציאָנער, ער בונטעוועט... ניש'קשה, מיר וועלען איהם צוגעוואוינען... איאָ, פאַניע?... מיר דאַכט זיך נאָר, ביסט געוועזען אביסעל צו שאַרף. מיינסטו ניט, פאַניע?

פאַניע: א מענש דאַרף זיין מיט א גאַל... ניט שטענדיג זיס, אמאָל ביטער אויך.

דאָקטאָר: כאַ! כאַ! כאַ! זי האָט זיך איהר אייגענע לאָגיק... און ער איז א ביסעל א משוגענער... ניט שרעקליך... דאָך, פאַניע, חיוטין פערדיענט געאַכטעט צו זיין. איך האָף, מיט דער צייט וועסטו זיך אויס־לערנען צו שעצען אזעלכע מענשען...

פאַניע: א גרויסער מענש מיט אויסגעריבענע ארבעל!

דאָקטאָר: און אויסער דעם, מיין פריינד... היינטיגע צייטען אַז אמת'ער גוטער פריינד איז זעהר א טהייערע זאַך, מען דאַרף זיך ניט וואַרפען מיט זיי.

פאַניע: איך זאָג דיר, ווערסט גליקליך פון אזעלכע פריינד.

אָליע: מוסיו חיוטין וועט שוין מעהר ניט זיין מיין לעהרער? פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! ער איז אזא גוטער מענש... נאָר זיי פערשטעהען איהם ניט. שיק נאָך איהם, פּאַפּאַ.

דאָקטאָר: ניש'קשה, איך וועל איהם זעהן, און וועל איהם בעטען מחילה, און ברענגען.

פאַניע: א נויטיגע זאַך...

זרחי: שרה הינדע, מיר דאַכט זיך, מיר מעגען שוין געהן. (שטיל) אי, זי קאָמאַנדעוועט.

דאָקטאָר: געהן גאָר? דאָס ניט... זיצט! איהר וועט ביי מיר ניט געהן אזוי גיך.

מאַדאַם: ר׳ זרחי, וואָס האָט איהר קיין צייט ניט? קומט, מיר וועלען ענדיגען די דאמקע. (זיי זעצען זיך שפּיעלען). יא! יא!

דאָקטאָר: אַליע, אהער צו מיר!... עס איז ערלויבט!... פון היינטיגע קראנקע האָב איך אפילו קיין קרענק ניט געקענט ברענגען אהיים... (אומארמט זי און קוסט). ניש׳קשה, אַליעטשקע, מיר וועלען איהם ברענגען צוריק מיט פּויקען און טרומייטען... איהר זעהט, שוויגער, נאָזטיכלעך — פאר אונז, א קאָסטיום — פאָר אונז, און מאַנזשעטען — פאָר אונז! אין שטוב געמיטליך, יעדע זאַך אויפ׳ן פּלאַץ, אויף יעדער זאַך קוקט אַן אויג פון א נאַטשאַלניק... א מאָל כאַפּט די נאַטשאַלסטווא אביסעל אריבער די מאָס, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס... ברודער פּומפּיאַן, איך בין אביסעל מיעד, איך וועל מיט דיר לערנען מאָרגען. שש! איאַ, זי איז געוואָרען נאָך שעהנער און געזונטער? כע! כע! כע! זי בליהט, ווי א יונגער, שטאַרקער בוים... (געהט אין דער צווייטער אבטהיילונג).

פּיוועל: נו, יא, א ווייב מיט נאַטור...

דאָקטאָר: מאַמאַ, דו געה אהער מיט דער פּעשקע, נעהמסטו דאָך צוויי. פאַניע, דו שפּיעלסט ניט אין דאמקעס?

פּיוועל: זי שפּיעלט א גאַנצע דאַמע. פערשטאַנען?

דאָקטאָר: פאַניע, איך וועל האָבען צייט, וועל איך דיך לערנען שפּיעלען שאַך... זעהר אינטערעסאַנט.

פאַניע: וויים איך, אויך מיר א שפּיעל!... קאַרטען האָב איך ליעב, ווען מען שפּיעלט אויף געלד. עס פערכאַפּט אַזש דער אָטהעם. אין אָקע, אָדער וואָזאָק — צעהן קאָפּיקעס א קאָן! דער דאָקטאָר אָבער האַלט ניט פון אזעלכע זאכען. וואָס איך האָב ליעב, האָט ער פיינט.

דאָקטאָר: איך זאָל שפּיעלען קאָרטען? פאַניע, איך וויים ניט, וויפּעל אויגען האָט א זעקסטעל און וויפיעל א זיבעטעל, א שעהנער קאָרטען־שפּיעלער!

זרחי: א קאָרטענשפּיעלער? דאָס דערמאָהנט מיך א וואוילע זאַך..

שרה הינדע: איהר דאַרפט איהם? אָט איז ער דאָ מיט זיין וואוילע זאַך.

דאָקטאָר: אייערע געשיכטעס זיינען מאַנכעס מאָל זעהר כאַראַקטע־ריסטיש. אויב איך וועל האָבען אמאָל צייט, וועל איך זיי פערשרייבען... עס איז א מאַטעריאַל צו פאָרשען דעם כאַראַקטער פונ׳ם אידישען הומאָר.

זרחי (ערפרעהט): דאָס איז הומאָר? און איך האָב ניט געוואוסט.

דו הערסט, שרה הינדע ? דער דאָקטאָר זאָגט, עס איז הומאָר, און ביי איהר איז דאָס גאָר ניט. הערט־זשע: אין מארק האָבען זיך צוויי ווייבער צוקריעגט. זאָגט איינע: בעגראָבען זאָלסטו זיך, דיין מאַן איז דאָך א קאָרטענשפּיעלער! — מיין מאַן איז א קאָרטענשפּיעלער? איך בין דאָך גאָר אַן אלמנה, ווי אַזוי איז ער א קאָרטענשפּיעלער, זאָל ער זיך מיהען פאַר אונז, אז ער איז שוין לאַנג אויסגעלייטערט געוואָרען אין גן־עדן? האָסטו געהערט? איך זאָל זיך בעגראָבען, זאָגט זי, אויב מיין מאַן איז א קאָרטענ־שפּיעלער! — שאַ! שאַ! זאָל זיין ער איז ניט קיין קאָרטענשפּיעלער, אָבער בעגראָבען זיך מעגסטו דאָך... כאַ! כאַ! כאַ! אָבער... כאַ! (הוסט און לאַכט).

אָליע: פּאַפּאַטשקע, דער דיאַדיע זרחי דערצעהלט אַליין און לאַכט אליין. פּאַפּעלע, וואָס ער האָט דערצעהלט, איז געווען א געשיכטע? איך האָב גאָר ניט פערשטאַנען. (אַלע לאַכען).

דאָקטאָר: יאַ, הינדעלע, דאָס איז א געשיכטע, כאַ! כאַ!

פּייוועל: אַי, דאָקטאָר, איך האָב פערגעסען, א פּאַקעט פון באָלניצע. (דאָקטאָר און פּומפּיאַן געהען אין קאַבינעט אריין. דער דאָקטאָר לעזט דעם פּאַקעט).

מאַדאַם: פאַניע, פאַר וואָס זאָלסטו דיינע געסט ניט מכבד זיין?

זרחי: א ביסעלע בראַנפען מיט א שטיקעלע קיכעל וואָלט געווען שהכל נהיה מיט מזונות.

פאַניע (גענעצט): אָה, עס איז שוין שפּעט. די געסט מעגען געהן היינט אהיים אָהן כיבוד.

שרה הינדע: מען געהט דען צוליעב כיבוד? אבי מען זעהט זיך אין נחת און פריידען...

פּייוועל: דאָקטאָר, וואָס איז? א שלעכטער בריעף?

דאָקטאָר (זעהר ערביטערט): ברודער פּומפּיאַן, זעהר א טרויעריגע בשורה... מען האָט מיך ארויסגעוואָרפען פון האָספּיטאַל... צעהן יאהר שווער געאַרבייט... מאַמאַ, ווילסט עפּעס הערען? פאַניע, קום אהער — מיר האָבען נייעס (אַלע געהען אין קאַבינעט). כאַ! כאַ! די דירעקציע פון האָספּיטאַל שרייבט מיר, איך זאָל מוחל זיין זיצען אין דער היים...

מאַדאַם: אָהן מאָטיווען, אָהן אורזאַכען? וואָס איז דאָס עפּעס פּלוצלונג מיט דער דירעקציע, מיט דיינער?

דאָקטאָר: אָה, זיי דערמאָהנען פון מיינע נייע פאַמיליען־אנגעלעגענ־הייטען, וועלכע צווינגען מיך צו פערנאַכלעסיגען מיין ארבייט... דאָס איז איראָניע! זיי דערמאָהנען, אז דער זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק האָט ניט

קיין גוטע מיינונג פון מיר... דאָס איז שוין ניט קיין איראָניע, דאָס איז שווינערײַ! מאָטיוון? וועלכע מאָטיוון האָבען אונזערע פילאַנטראָפּען? קלייניגקע פערזענליכקייטען. כבוד איז ביי זיי וויכטיגער, ווי די ליידען און די ווירקליכע אינטערעסען פון אַלע אונגליקליכע און ליידענדע! (קלאַפּט אין טיש). געמיינע לומפּען!

שרה הינדע: וואָס איז דאָס, פאַניע, מען האָט איהם אָבגעזאָגט פון דער שטעלע?

פאַניע: מאַמע, דאָס איז פּופּצעהן הונדערט רובעל אַ יאָהר... פערשטעהסטו, וואָס דאָס איז?

מאַדאַם: דער דירעקטאָר ליליענוואַסער קען דיר ניט מוחל זיין, וואָס דו האָסט ניט גענומען זיין טאָכטער, די אַלטע אלמנה. נאָר, וואָס דאַרפסטו זיך אָבעסען די האַרץ? פערפאַלען.

אָליע: פּאַפּאַטשקע, וואָס איז דאָס? אַלע מוטשען דיך — עס איז ניט אויסצוהאַלטען!

דאָקטאָר (געריהרט): גאָר ניט, קינד. זיי ווילען מיך ניט אין באַלניצע, מען דאַרף מיך ניט מעהר... איך הויב אָן צו ווערען אַן איבריגער מענש... (פערטראַכט זיך) אָבער, אָליע, עס איז שוין שפּעט און דיר איז שוין צייט צו געהן שלאָפען... אַז דו וועסט ניט וויסען אַלץ, פון וואָס מען רעדט דאָ, וועט פאַר דיר געזונטער זיין...

אָליע: נאָר איך אַליין זאָל געהן שלאָפען?

מאַדאַם: קום, איך וועל געהן מיט דיר. האָט קיין פּעראיבעל ניט, זי איז ביי אונז אַ געבאַלעוועטע. אַ גוטע נאַכט. יעווגעני, האָב אַ גוטע נאַכט און הער זיי, ווי די קאַץ... איך ווייס ניט, וואָס עס וועט ווערען פון האָספּיטאַל אָהן דיר. דו אָבער וועסט אָהן זיי אויך בלייבען יעווגעני גאָלדענווייזער... ניט אַזוי, פאַניע?

פאַניע: דער שפּיטאַל קען קריגען אַן אַנדער דאָקטאָר; גאָלדענווייזער קען אָבער ניט קריגען קיין אַנדער שפּיטאַל.

פּיוזעל: ניש'קשה, עס איז ניטאָ אין שטאָדט אַ סך אַזעלכע דאָקטוירים, ווי מיר זיינען. פערשטאַנען?...

פאַניע: עס איז גרינג צו זאָגען — פּופּצעהן הונדערט רובעל!...

מאַדאַם: פאַניע, גוטע נאַכט. (שטיל) שש! פאַניע, עס איהם ניט אָב די האַרץ. (לויט) אַ גוטע נאַכט.

פאַניע: ניט יעדען קען מען נעהמען און אַרויסוואַרפען.

אָליע: אַ גוטע נאַכט, פּאַפּאַטשקע (קושט איהם און געהט).

דאָקטאָר: נו, און פאַניען זאָגסטו ניט אַ גוטע נאַכט?

אַליע: ניין, פאַניען ניט, איך האָב זי ניט ליעב היינט. ווילסט, פּאַפּאַ, איך זאָל מיך פארשטעלען און זאָגען ליגען? וועל איך איהר זאָגען אַ גוטע נאַכט.

דאָקטאָר: ניין, אַליעטשקע, דאָס וויל איך ניט. אָה, דו קליינער טייוועל!...

פאַניע: זעהסט, מאַמאַ, ווי אַזוי זי פיהרט זיך אויף, ביי איהר טאַטען? איך האָב זיך ביי דיר ניט אַזוי אויפגעפיהרט. אַנדערע קינדער האָבען גליק. האָסט מיך ניט ליעב היינט, אַליע? ניש'קשה, וועסט מיך ליעב האָבען מאָרגען... אויב דו ווילסט זיך ניט איבערבעטען, האָב אַ גוטע נאַכט ניט איבערגעבעטענערהייט.

מאַדאַם: קום, קום, דו קאַפּריזנע מיידעל. אַ גוטע נאַכט. (זי דראָהט אַליען מיט'ן פינגער און פיהרט זי. אַליע דראָהט איהר צוריק. ביידע אָב).

שרה הינדע: נו, קום. פון דעסטוועגען האָט מען גערארפט זעהן מענשען זאָלען זיך אריינלעגען, עס איז דאָך אַ קהל'שע זאַך...

זרחי: מיט דיינע מענשען מעג זיך אַריינלעגען אין דר'ערד דיין קהל'שע זאַך, אַז אַזאַ זאַך קען זיך טרעפען!

פייוועל: ניש'קשה, אַלע קראַנקע און אַלע דיענער דאָרט וועלען ניט פערגעסען אונזער דאָקטאָר.

דאָקטאָר: ביזט אַ נאַר, פייוועל. איך האָב דאָרט צעהן יאָהר געאַרבייט, און זיי וועלען מאָרגען שוין זעהר ווענִיג דענקען פון מיר... אַזוי איז דאָס לעבען (פערדעקט זיין געזיכט).

זרחי: קום, שרה הינדע, אַהיים. דעם דאָקטאָר ליעגען איצט די געסט אין דער לינקער פּיאַטע.

שרה הינדע: קום. אונזערע שונאים, אָנשטאָט אונז מקנא צו זיין, וועלען נאָך האָבען נקמה... מסתמא וועט דער דאָקטאָר זיי ווייזען, אַז עס איז אַ טעות, וואָס מען רעכענט איהם פאַר אַ מעקעלע... אַ גוטע נאַכט.

זרחי: אַ גוטע נאַכט... עס איז אודאי ביטער, עס פערדריסט, אָבער די בעלי טובות אונזערע, זיי מיינען נאָר זייער כבוד... אין דער תלמוד תורה, מיינט איהר איז ניט אַזוי? מיר זיינען קליינע מענשעלעך, אָבער אַזאַ מענש ווי איהר... האָט אַ גוטע נאַכט (זיי געהען. פאַניע בעגלייט זיי).

דאָקטאָר: געהט געזונטערהייט. פאַניע, מיר וועסטו געבען דעם שליסעל פון דעם ביכער שראַנק?

פאַניע (גיט איהם דעם שליסעל): אַ גדולה אויף מיין קאָפּ!... ער וועט שוין נעהמען אַ בוך און זעצען זיך לערנען, אָבריכטען חצות... אַ לעבען...

(אָב מיט איהרע עלטערען. דער דאָקטאָר עפענט די שאַפע, נעהמט ארויס פון די ביכער פאַפירען און צייטונגען).

דאָקטאָר: חיוטין איז גערעכט, מען דאַרף אויסראַמען דעם חמץ. די זשאַנדאַרמען און די דירעקטאָרען זיינען מיט מיר ניט צופריעדען... (פאַניע קומט צוריק). ברודער פומפיאַן, ווילסטו זיין אַזוי גוט און דאָס אַלץ באַלד פערברענען?

פייוועל: אַז איהר וועט מיר הייסען, וועל איך אַנצינדען די גאַנצע שטאָדט (נעהמט אַלע פאַפירען און געהט). דאָקטאָר, איך וועל זיין דאָרטען ביי מיר, טאָמער וועט איהר דאַרפען, איך וועל זיך נאָך קראַצען אַ ביסעל מיט דער אַנאַטאָמיע. אַ גוטע נאַכט (אָב).

פאַניע: איצט פערברענסטו דאָס, ווען דער שפּיטאָל איז שוין פער־ברענט געוואָרען... נאָך דער שרפה בלאָזען אויפ׳ן פייער... דאָקטאָר, מען זאָגט, וואוהין חיוטין געהט, געהט נאָך די גאַנצע פּאָליציע.

דאָקטאָר (גוטמוטהיג): נאַרעלע, וואָס האָסטו מורא פאַר דער גאַנצער פּאָליציע?

פאַניע: מען זאָגט, ער איז אַ סאָציאַליסט... זעהר שעהן פאַר אייך צו זיין מיט איהם גוטע ברידער... דאָס פּאַסט דער רוח וויסט פאַר ועמען, אָבער ניט פאַר אַ רעכטען מענשען.

דאָקטאָר: פאַניע, וועסט זיך ענטוויקלען וועסטו מעהר פערשטעהן, וואָס איז אַ רעכטער מענש און וואָס איז ניט אַ רעכטער מענש....

פאַניע: ער וועט אונז אונגליקליך מאַכען.

דאָקטאָר: אַז מיר זאָלען ניט וועלען, קען אונז קיינער ניט אונגליק־ליך מאַכען.. אין דעם זין איז ריכטיג, אַז יעדער מענש מאַכט זיך אַליין אונגליקליך.

פאַניע: איך האָב איהם פיינט און וויל ניט, ער זאָל געהן אַהער... איך וויל, דו זאָלסט ווערען מיט איהם אוים מחותן...

דאָקטאָר: פאַניטשקע, מיט וועמען איך זאָל זיין מחותן, אָדער ווערען אוים מחותן, דאָס איז מיין זאַך... נאַר געוויס, דו ביזט דאָ די ווירטין פון הויז און אַהער דאַרף ניט געהן קיינער, וועמען דו קענסט ניט ליידען... אָבער אַז איך וועל דיך בעטען, פאַניע, צוליעב מיר און אַליין זאָלסטו איהם ערלויבען אַהער געהן, וועסטו דאָך ניט זיין קיין שלעכטע? נישט אמת?

פאַניע: אַן אַלטער מענש זאָל זיך לאָזען פון אַ אינגעל פיהרען ביי דער נאָז, פע!

דאָקטאָר (גוטמוטהיג): ניט נאָר פון אַ אינגעל, אַ מיידעל האָט מיך אַמאָל געפיהרט ביי דער נאָז... כאַ! כאַ! ניט וואהר?

פאַניע: פונפצעהן הונדערט רובעל! אַ קלייניגקייט!... און גאָר ניט!

דאָקטאָר: פאַניע, דאָס געלד קימערט מיך וועניג. זיי רוהיג, קינד, אויב איך וועל נאָר וועלען, קען איך פון פּריוואַטער פּראַקטיקע פיעל מעהר פערדיענען. דער האָספּיטאַל פלעגט ביי מיר צונעהמען די גאַנצע צייט מיינע.

פאַניע: טאַקע? פיעל מעהר? אויב עס איז אַזוי, מעג קומען אויף זיי די כאָלעריע מיט'ן שפּיטאָל.

דאָקטאָר: די כאָלעריע? פע, פאַניע, עס איז ניט שעהן אַזוי צו שעלטען זיך. מיך פערדריסט, איך האָב ליעב געהאַט די אַרבייט. פער־שטעהסט, עס איז אַ פעלד, וואו מען קען לערנען און נוצליך זיין. אַזוי פיעל עקספּערימענטען, אַזוי פיעל מאַטעריאַל אונטער'ן האַנד.

פאַניע: מען האָט דען געצאָהלט פאַר דעם מאַטעריאַל בעזונדער?

דאָקטאָר: הײנט, מיינע באַקטעריאָלאָגישע אַרבייטען. דאָרט האָב איך געהאַט אַ קעלער, אַלעס איינגעריכטעט. טערמאָסטאַטען, מיקראָסקאָפּען, האָב געהאַט פיעל קראַליקעס.

פאַניע: קראַליקעס? דאָס איז אויך אַ גרויסע זאַך! אַן אַלטער מענש זאָל האָבען יסורים, וואָס מען נעהמט צו ביי איהם די קראַליקעס.

דאָקטאָר: קינד, איך פלעג זיך ניט שפּיעלען מיט די קראַליקעס, איך פלעג זיי אַריינשפּריצען פערשיעדענע באַקטעריען.

פאַניע: וועסטו זיי ניט אַריינשפּריצען מעהר. אַ נויטיגע זאַך!

דאָקטאָר: איך האָב געהאַט דאָרט אַן אָבעזיאַנע אויך...

פאַניע: נו, יאָ, די אָבעזיאַנע ליעגט דיר מעהר אין זין, ווי דיין ווייב!

דאָקטאָר: פערשטעהסט, איך שרייב איצט אַ וויכטיגע אַרבייט וועגען די פונקציאָנען פון דעם מילץ, און איך האָב ניט געענדיגט מיינע עקס־פּערימענטען, וואָס איך פלעג מאַכען מיט דער אָבעזיאַנע...

פאַניע: אַ מילץ! אַן אָבעזיאַנע! אויף מיין וואָרט, עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל לאַכען פון דיר. דאָס רעדט אַ איד, וואָס איז אין איינע יאָהרען מיט מיין טאַטען (געגעצט). קום שוין בעסער שלאָפען...

דאָקטאָר: ניין, פאַניע, איך וועל נאָך אַ ביסעל אַרבייטען... איך דאַרף שרייבען (נעהמט פון זיין שרייב־טיש פּאַפּירען און פאַרבערייטעט זיך צו שרייבען).

פאַניע: דאָס האָב איך פון איהם! דו וועסט שרייבען, און וואָס וועל איך טהאָן? מען קען דאָך דאָ משוגע ווערען פון אומעט...

דאָקטאָר (מיט מיטלייד): דיר איז דאָ לאַנגווייליג? אָרימע פאַניע,

איך פערשטעה... דיין יונגעס, געזונדעס לעבען איז נאָך דערוויילע לעער... האָסט ניט דערוויילע קיינע אינטערעסען...

פאַניע: איך האָב געמיינט, אַריסטאָקראַטען, מען לעבט, מען טאַנצט, מען מאַכט זיך פרעהליך... ביי פּראָסטע מענשען, ביי קבצנים איז דאָך אַ סך פרעהליכער.

דאָקטאָר: פיהלסטו זיך לאַנגוויילינ, האַ? עס קען זיין, עס איז אַ געדעכטע טענה... הער, פאַניע, ווילסט, וועל איך אָבלעגען מיין שרייבען און וועל דיך לערנען שפּיעלען אַ שאָך (נעהמט אַ קעסטעל מיט שאָך־פיגורען).

פאַניע: אַ שאָך? אַ פרעהליכער שפּיעל. אַ מחיה!...

דאָקטאָר: האַר אויס, פאַניטשקע, ווינטער וועט דאָ זיין אַ רוסישע טרופּע, וועסטו פאָהרען אָפּט אין טהעאַטער. וועל איך ניט האָבען קיין צייט, וועט מאַרק מיט דיר פאָהרען.

פאַניע: נו, יאַ, עס וועט זיך ווען אמאָל טרעפען. דערווייל גערה איך אום ווי צו חלום, מיר איז אומעטיג. איך ווייס ניט וואָס צו טהאָן, אין קאָפּ קריכען, דער רוח ווייס, וואָסערע געדאַנקען... און דערצו נאָך, דו הער בעסער, דיין ברודער, דיין מאַרק, ער קריכט צו מיר, ווי אַ חזיר.

דאָקטאָר: וואָס? מאַרק? כאַ! כאַ! כאַ! כאַ! נאַר, געוויס איז ער פאַמיליאַר מיט דיר, ווי מיט אַ שוועסטער... אַזוי וואָלט איך אויך געווען מיט זיין פרוי, ער זאָל זיין פערהייראַט...

פאַניע: דו מיט זיין פרוי? ניין, דו ביזט ניט אַזעלכער.

דאָקטאָר: מיר פרעהט זעהר, וואָס ער האַלט זיך ניט שטאָלץ געגען דיר. אָבער, פוי! דאָס איז ניט שעהן פון דיר צו האָבען אַזאַ מיאוס'ען גע־דאַנק... מיר זיינען אַלע אינטים, ווי ברודער און שוועסטער... כאַ! כאַ! כאַ! וואָס איהר קען איינפאַלען!... (זעצט זיך צו זיינע פּאַפּירען).

פאַניע: איך האָב דיר געזאָגט, און ווייטער ווי דו פערשטעהסט. אָי, איך זאָל כאָטש האָבען אַ קינד. אַז איך האָב שוין יאַ חתונה געהאַט, וויל איך זיין אַ מאַמע, ווי אַנדערע...ביילע טשיזיק'ס האָט חתונה געהאַט שפּעטער פון מיר און האָט שוין אַ קינד. ביזט דאָך אַ דאָקטאָר!

דאָקטאָר: יאַ, איך בין אַ דאָקטאָר און איך זעה, דו הויבסט אָן ווערען נערוועז, דאָס איז ניט גוט (טיעפט זיך איין און שרייבט). „די פּאַסיווע פונק־ציאָנען"...

פאַניע: נו, יאַ, ער שרייבט זיך פונקציאָנען, שמונקציאָנען! און וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך טהאָן?

דאָקטאָר: דו ווילסט נאָך ניט שלאָפען? (לעגט אַוועק זיין פעדער).

פאַניע, הער, אויב דו ווילסט, וועל איך זיך זעצען דאָ מיט דיר און וועל דיר ענדיגען די ערקלערונג: פון וואַנען נעהמען זיך שנעע און רעגען?

פאַניע: נו, יאָ, שנעע און רעגען ליעגט מיר איצט אין זין. איך דאַרף עס נויטיג.

דאָקטאָר: שאַ, ווייסט וואָס? איך וועל דיר וואָס שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ (זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ און נעהמט עטליכע אַקאָרדען).

פאַניע: האַלבע נאַכט באַראַבאַנען אויפ'ן טאַפּטשאַן... דו זאָלסט שפּיעלען גיטאַרע, אָדער כאָטש פּיעדעל. פאָרטעפּיאַן פערשטעה איך ניט און איך האָב ניט קיין הנאה דערפון.

דאָקטאָר: עס טהוט מיר לייד, איך שפּיעל ניט גיטאַרע, זאָגאַר ניט פּיעדעל... דו פאָלג מיר בעסער, פאַניע, נעהם אַ בוך און לעז. קענסט דאָך לעזען... האַר אויס, איך וועל געפינען, איך האָב, דאַכט זיך, ערגעץ טורגע־ניעוו'ס אַ ראָמאַן (זוכט). צום לעזען דאַרף מען זיך נאָר צוגעוואוינען. די ערשטע צייט איז שווער, נאָכדעם קען מען זיך ניט אָברייסען (געפינט אַ בוך). אַ גוטער ראָמאַן! דו וועסט האָבען פערגעניגען און וועסט פערגעסען, אַז דיר איז אומעטיג. לעז, פאַניע, דאָס לעזען ענטוויקעלט דעם גייסט און בילדעט דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען...

פאַניע: איצט זאָל איך מיך זעצען לערנען גאָר! דערויף האָב איך חתונה געהאַט? אי, אפּנים דו זאָלסט זיין אינגער, וואָלט אַנדערש געווען. (מען זעהט, ווי זי לעזט לאַנגזאַם, פּיהרענדיג מיט'ן פינגער איבער'ן בלאַט. ער שרייבט לאַנג. פּויזע. זי ווערט אַנטשלאָפען איבער'ן בוך. ער גיט אַ זיפץ און געהט צו צו איהר).

דאָקטאָר: פאַניע, ביזט אַנטשלאָפען געוואָרען? טורגעניעוו מאַכט דיך שלעפעריג. הא?

פאַניע: הא? נו, יאָ, עס איז זעהר אינטערעסאַנט. (מען קלינגט. פּייוועל קומט און לויפט עפענען).

דאָקטאָר: פּומפּיאַן, ווער קען דאָס זיין אַזוי שפּעט?

פאַניע: וועסט שוין אי"ה אוועקפאָהרען אויף אַ גאַנצע נאַכט. אָי, בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט!

דאָקטאָר: פאַניע, נאָך וואָס האָסטו חתונה געהאַט פאַר אַ דאָקטאָר? דעם דאָקטאָר'ס צייט געהערט ניט צו איהם. מיין אָרימע דאָקטאָרשע. (פּייוועל קומט).

פּייוועל: דאָקטאָר, מען רופט צום אַלטען מלמד, וואו איהר זייט געווען פאַרנאַכט. איהם איז ערגער.

דאָקטאָר: נו, יאָ. אַ גאַנצען יאָהר הונגערען זיי און יום טוב האָט ער

געכאַפּט אַן איבעריגען בים מיט אַ זופּ... עס איז זעהר אַ שאַרפער גאַס־טריטים, מען מוז באַלד געהן זעהן...

פּייוועל: איך געה מיט אייך, איך וועל נאָר עפּעס כאַפּען אויף זיך. (אָב צו זיך אין צימער).

פאַניע: ניש'קשה, צו קיין אַנדער דאָקטאָר קריכען ניט די קבצנים ביי נאַכט... פאַר דיר איז דאָס אַ געשעפט אַנטלויפען פון מיר דערוויילע.

דאָקטאָר: פאַניע, איך וועל באַלד קומען.

פאַניע: איך דאַרף בלייבען אליין, זיצען און וואַרטען... (מאַרק קומט). מען קען משוגע ווערען.

מאַרק: ווער האָט עס געקלונגען אַזוי שפּעט? און דאָ ביי אייך הער איך קאָנווערזאַציאָנען.

דאָקטאָר: אָט איז מאַרק! ער וועט זיצען מיט דיר. מאַרק, דאָ איז טורגעניעוו'ס אַ ראָמאַן. אַז דו וועסט איהר לעזען, וועט איהר אינטערעסאַנט זיין צו הערען. (פּייוועל קומט). איהר וועט גאָר ניט בעמערקען די צייט, ביז איך וועל קומען... פּומפּיאַן, וואו איז דער סטעטאָסקאָפּ? (זוכט).

מאַרק (נעהמט דאָס בוך): אָה, טורגעניעוו'ס ראָמאַן „רודין“... פאַניע, דאָס איז זעהר אַ שעהנער ראָמאַן.

פאַניע: איך דאַרף עס נויטיג...

מאַרק: דו זיי ניט קיין נאַר און שוויג.

פאַניע: וואָס מיינט איהר שוין ווידער.

מאַרק (גאַנץ שטיל און ליידענשאַפטליך): אַזאַ געזונטע, אַזאַ שעהנע, אַזאַ יונגע ווייבעלע, זאָל ניט פערשטעהן...

דאָקטאָר: מיין בייזע דאָקטאָרשע, אויפ'ס ווידערזעהן. מאַרק, לעז לאַנגזאַם און ערקלער איהר יעדע זאַך. ברודער פּומפּיאַן, מאַרש. (געהען ביידע ביז דער טהיר. אליע קומט פון איהר צימער אין אַ שלאָפראָק, שטעקשיך אויף באָרפיסע פיס).

אליע: פּאַפּאָטשקע!

אלע (ערשטוינט): אליע!

דאָקטאָר: וואָס איז דאָס, אליעטשקע, דו שלאָפסט גאָר ניט?

אליע: פּאַפּאַ, אויב דו פאָהרסט אַוועק וועל איך דאָ זיצען, ביז דו וועסט קומען (מאַרק איז בייז).

דאָקטאָר: וואָס הייסט דאָ זיצען? אליע, ביזט ניט אָנגעטהאָן, וועסט זיך פערקיהלען. געה שלאָפען באַלד.

אליע: ניין, פּאַפּאַ, איך וועל דאָ זיצען, ביז דו וועסט קומען.

דאָקטאָר: וואָס איז מיט דיר, אליע? נייע פאַנטאַזיען?

אַליע: אויב דו פאָהרסט אוועק, וועל איך דאָ זיצען מיט פאַניע'ן און אַנקעל מארק, ביז דו וועסט קומען אהיים.

פייוועל: אפשר וואָלט איך אליין אריבערגעגאַנגען? גאַסטרא קאַ־טאַרים, איך ווייס.

דאָקטאָר: איך פערשטעה ניט, וואָס איז דאָס מיט איהר? (פיהלט איהר קאָפּ). פיהלסט זיך שלעכט? דיר טהוט וואָס וועה? פּומפּיאַן, נעהם א דראָשקע און פאָהר אריבער (זאָגט איהם עטוואָס שטיל).

מאַרק: דער קליינער טייוועל! (לויט) נו, דעם ראַמאַן וועל איך דערוויייל אַליין לעזען. גוטע נאַכט (אָב צו זיך).

דאָקטאָר: אַליע, אזעלכע קאַפּריזען געפעהלען מיר גאָר ניט. געה שלאָפען, איך בלייב אין דער היים.

פייוועל: זינט מיר האָבען דאָ א ווייב מיט נאַטור, האָט זיך אַלץ איבערגעקעהרט דאָ קאַפּויר מיט די פיס. נו, יא, פאַניע זרחי'ס! (אָב).

אַליע: א גוטע נאַכט, פּאַפּאַטשקע. מיר טהוט גאָר נישט וועה. אז דו זאָלסט היינט אוועקפאָהרען, וואָלט איך מורא געהאַט צו שלאָפען. א גוטע נאַכט, פאַניע.

דאָקטאָר: קליינער דעספּאָט, געה שלאָפען (קוסט זי און בעגלייט זי ביז דער טהיר). גוטע נאַכט.

פאַניע: איך האָב ניט געקענט ביי דיר אויספיהרען זאָלסט ניט פאָהרען, זי איז א גרעסערער מיוחס... נו, יא, איך זאָל האָבען א קינד, וואָלט עס אפשר געווען ביי מיר א סך בילכער פון דיר (געגעצט). נו, וואָס וועסטו איצט טהאָן?...

דאָקטאָר: איך וועל א ביסעל בערוהיגען מיינע נערוועז און וועל זיך זעצען ענדיגען מיין ארטיקעל.

פאַניע: נערוועז, ארטיקעל, שמארטיקעל! איך געה שלאָפען, למד־וואָווניק מיינער! (א קלאַפּ מיט'ן טהיר, אָב).

דאָקטאָר (בעגלייט זי מיט א לאַנגען בליק): מיינע נערוועז הויבען אָן אראָבצושפּרינגען פון די רעלסען... און איך האָב מורא, דאָס קינד, אויף איהרע נערוועז ווירקען אויך ניט גוט די קליינע פאַמיליען־סצענען... זי פיהרט אונז אַלע ארויס פון געוואוינליכען טאָן. נו, יא, יעדער מענש האָט זיין אייגענע אינדיווידואַליטעט, מען מוז זיך רעכענען דערמיט. מיט געוואַלט קען מען א מענשען געוויס ניט איבערערציהען, נאָר מיט גוטען, מיט געדולד, מיט אן אויסגעהאַלטענעם פּעדאַגאָגישען סיסטעם... כע! כע! בעשערט אויף דער עלטער ווערען א פּעדאַגאָג אויך... (זעצט זיך שרייבען. שטעהט אויף באַלד און געהט צום פענסטער. פּויזע). ווי רוהיג איז די נאַטור און ווי שטיל די

נאַכט... איך ווייס ניט פאַר וואָס מיר ווייזט זיך יעצט אויס, איך בין ווי היינע׳ס דאָפּעלגענגער: „שטיל איז די נאַכט, עס רוהען די גאַסען"... (מען הערט ווי עס שלאָגט לאַנגזאַם דער שטאָדט־זייגער צוועלף. ער פערטראַכט זיך). הא? וואָס איז דאָס פאַר א גערַאנק? מארק! ע! נארישקייטען, דומ־הייטען, אונזין! זי ווייסט ניט קיין חכמות און פערשטעהט ניט פון קיין אַנדערע פערהעלטניסע צווישען מאַן און פרוי. כע! כע!... דאָס איז די לאָגיק פון דער ניט דענקענדער נאַטור... די נאַטור האָט פיינט למדן־וואָוויקעס... (זעצט זיך און שרייבט). „אַלזאָ די אַלע פיזיאָלאָגישע פּראָצעסען" (פאַניע קומט אין אַ ווייסער קאָפּטע און אַ ווייסער קליידעל).

פאַניע: דו וועסט היינט געהן שלאָפען צי ניין? אַ גאַנצע נאַכט דארפען ברענען די לאָמפּען?... איך דאַרף זעהר נויטיג דיין שרייבעריי! (פערלעשט די לאָמפּ, זיי בלייבען אין דער פינסטער).

דאָקטאָר (כאַפּט איהר האַנד): וואָס מיינסטו? דו... איך...

פאַניע: נו, ביזט בייז געוואָרען? ביזט אַ גרויסער העלד, איך...

דאָקטאָר (ציטערט פון אויפרעגונג, בעהערשט זיך, לאָזט אָב איהר האַנד): פאַניע, דאָס איז זעהר ניט שעהן.

פאַניע: פאַר וואָס גיסטו מיר ניט אַ שלעפּ, מיינע ביינער זאָלען אָנהויבען קראַכען? פאַר וואָס גיסטו ניט אַ טאָפּ מיט׳ן פוס, איך זאָל פער־ציטערט ווערען? פאַר וואָס גיסטו ניט אַ געשריי, מיין בלוט זאָל אין מיר פערקיהלט ווערען? הא! ווייסט פאַר וואָס? ווייל דו ביזט אַלט, ווייל דו האָסט מורא פאַר מיר... אפילו אין דער פינסטער האָסטו מורא פאַר מיר!

(דער דאָקטאָר האָט דערווייל אָנגעצונדען די לאָמפּ).

דאָקטאָר: יאָ, איך האָב מורא פאַר דיר... איך האָב מורא פאַר דיר. אָבער דו זעה בעסער, פאַניע, זיי פאָרזיכטיג, איך קען אויך אין כעס ווערען און דאַן... דאַן דאַרף איך מורא האָבען פאַר זיך. דו הערסט?...

פאַניע: נו, פאַר וואָס ווערסטו ניט אין כעס? שטאַרקער גבור מיינער!

דאָקטאָר: דו ביזט גערעכט, איך בין ניט קיין יונגער מאַן מעהר... אין מיינע יאָהרען דאַרף מען זיך קענען בעהערשען. אַ שלעפּ טהאָן די ביינער זאָלען קראַכען, דאָס קען יעדער כאַם, טאָפּען מיט׳ן פוס קען יעדער פערד... בעהערשען זיך — דערויף דאַרף מען זיין אַ מענש! (זעצט זיך צום טיש). אַלזאָ וואו האַלט איך? יאָ... (שרייבט קאַלטבלוטיג).

פאַניע: ביזט אַזאַ בריה אַ מענש, ווי מיין טאַטע...

דאָקטאָר (שרייבט): און איך האָב מורא דו ביזט אַזאַ בריה אַ מענש, ווי דיין מאַמע. פאַניע, דאָס וואָלט געווען זעהר טרויעריג.

פאַניע: מיין טאַטע איז כאַטש אין איינע יאָהרען מיט מיין מאַמען, און דו ביזט צוויי מאָל, דריי מאָל אזוי אַלט ווי איך (דער דאָקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק רוהיג און שרייבט ווייטער). דו לאָז מיך בעסער געהן אהיים צוריק... איך וויל געהן צוריק! (דער דאָקטאָר גיט אויף איהר אַ קוק און שרייבט ווייעדער). האָסט געהערט מענשען! אָדער קראָליקעס, אַז ניט זיצט ער און טענטעלט אַ גאַנצע נאַכט מיט'ן פעדער... אַבי עס איז דאָ טינט מיט פּאַפּיר. (דער דאָקטאָר הערט אויף שרייבען און קוקט אויף איהר). פרעגט איהם בחרם, וואָס שרייבט ער? ווער דאַרף דאָס?... געבילדעטער חכם מיינער!

דאָקטאָר (פיר זיך): אַי! איך הויב אָן פערשטעהן, ווי אזוי מען קען אמאָל קומען צו אזא געמיינהייט, ווי שלאָגען...

פאַניע (שרייט און וויינט): אַז דו דאַרפסט מיך ניט, נאָך וואָס האָסטו מיך גענומען?... נאָך וואָס האָסטו מיך גענומען?... איך פרעג דיך, נאָך וואָס האָסטו מיך גענומען?

דאָקטאָר (קאַלט): מאָרגען וועל איך אייך ענטפערען אויף אייערע פראַגען, היינט, מאַדאַם, געהט בעסער שלאָפען און בערוהיגט אייך.

פאַניע: מאָרגען? אַ דאַנק דעם טאַטען דיינעם!... (דער דאָקטאָר צוקט מיט די אַקסלען און שוויגט). איך האָב געמיינט אַ דאָקטאָר, אַ גרויסער מענש, אַן אַריסטאָקראַט, איך וועל פאַר איהם מורא האָבען. דאָ פאַר וועמען מורא צו האָבען! ער וועט מיך נאָך אמאָל ברענגען דערצו, אַז איך זאָל איהם שלאָגען אויך.

דאָקטאָר (כאַפּט זיך אויף, ציינט מיט'ן האַנד אויפ'ן טהיר, און שרייט אוים מיט אַן אונגעוואוינליכער מאַכט): מאַדאַם, איך וויל איצט בלייבען אַליין! איהר הערט? (גיט אַ קלאַפּ איבער'ן טיש, אַז די לאַמפּ און אַלץ ציטערט). פאַרט! אַרוים פון דאַנען!

(פאַניע דערשראָקען, געהט לאַנגזאַם און וויינענדיג אָב).

(פ אָ ר ה א נ ג.)

דריטער אקט.

(דאָס זעלבע צימער. אין דער ערשטער אבטיילונג זיצט דער דאָקטאָר מיט פייוולען און לערנט. אין דער צווייטער אבטיילונג זיצט אָליע ביי דער פּיאַנאָ און שפּילט אַ גרינגען עטיוד, די מאַדאַם זיצט לעבען איהר און צעהלט דעם טאַקט און קעהרט איבער די נאָטען. עס איז טאָג. ענדע זומער. דער דאָקטאָר טראָגט אַ העלען קאָסטיום. זיין שפּאַניאָלקע איז גרויער געוואָרען).

מאַדאַם: אַזוי אַזוי, ליאָליע, פּויל זיך ניט. איינס, צוויי, דריי! איינס, צוויי, דריי! פערגעס ניט די פּעדאַל... איינס, צוויי, דריי (אָליע שפּיעלט).

דאָקטאָר: שטעל זיך פאָר, פּומפּיאַן, אויפ'ן עקזאַמען פרעגט מען דיך, אויף וויפיעל טהיילען צופאַלט זיך די אַנאַטאָמיע?

פייוועל: צופאַלט זיך די אַנאַטאָמיע? זי צופאַלט זיך אויף: אָסטעאָלאָגיע, סינדעסמעלאָגיע, ע... ע... מיאָלאָגיע, ע... אַנגיאָלאָגיע. און נאָך עפּעס אַ לאָגיע. פערגעסען.. אין ביכעל איז דאָס דאָ.

דאָקטאָר: ע, ברודער, אין ביכעל איז שלעכט, עס דאַרף זיין אין קעפּעל. גיב איך וועל דיר אויפשרייבען אַ גאַנצע רייהע פראַגען (שרייבט). איך בין דיר מקנא, דו לערענסט און איך האָב די לעצטע צייט אויפגעהערט לערנען און שרייבען — בין געוואָרען פויל, ווי אַ פּשע ישראל. ברודער, דו וואָלסט האָבען אַ יונגע ווייבעל, וואָלסטו אויך ניט געוועזן אַזאַ פליסיגער סטודענט. כע! כע!

אָליע: באַבוסיע, איך בין מיעד... נאַ, שפּיעל דו אַ ביסעלע, שפּיעל, וועסט פערגעסען שפּיעלען.

מאַדאַם: דו, גנב, אַז איך וועל שפּיעלען, וועסטו קענען? פאַר וואָס, אַז דו ביזט הונגעריג זאָגסטו ניט: באַבוסיע, גיב עסען פאַר מיר? (זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, טראַכט אַ ביסעל און שפּיעלט ליסט'ס וואַריאַציעס אויף שוּבערט'ס סערענאַדאַ).

דאָקטאָר (הערט זיך צו): סס! פּומפּיאַן. גיב אַ קוק אויף דער מאַמען מיט אָליע'ן... ביידע — צוויי אונשולדיגע קינדער. איך וויים נאָר ניט, ווער פון זיי איז מעהר קינד. (הערט זיך צו. פאַניע קומט פון אַ אינערסטע טהיר אויסגעפּוצט. אַ הוט, האַנדשוהען, ציערונג, טראָגט פּאַנסנע). בעטראַכט נאָר אונזער דאָקטאָרשע. דו סאָלדאַט, סאַלו־

טיר. ווּאָ פראַנט! (סאַלוטירט). פאַניע, וואוהין איז דאָס אין אזא פאַראַד?

פאַניע: איך פאָהר צו דער מאָדיסטקע, יעווגעני, און איך דאַרף אַ סך געלד (נעהמט פון זיין זשילעט עטליכע אסיגנאַציעס).

דאָקטאָר: עס איז אַנגענעהם, ווען אַזעלכע הענטעלעך גראַבלען אַרוים דאָס געלד פון דיין קעשענע. פאַניע, איך שעהם זיך פאַר פומפּיאַנ'ען, איך וואָלט דיר עפּעס געזאָגט...

פאַניע: נאָר דו שעהמסט זיך. ווען וועסטו זיך שוין אויפהערען צו שעהמען? מאמא, איהר גיט שוין וויעדער קאָנצערט, ווען ליאָליע'ס פּיאַנאָ־לעהרערין וועט דאָ זיין היינט, וויל איך, איהר זאָלט איהר זאָגען, אַז איך הויב אָן זיך לערנען שפּיעלען פּיאַנאָ. יאָ, איך וועל נעהמען אוראָקען.

מאַדאַם: אַזוי? ווילסט ווערען אַ פּיאַניסטקע אויך? פון אָנפאַנג קען איך דיר לערנען. איך וויל זיין דיין פּראָפעסאָרקע.

פאַניע: ניין, איך וויל לערנען ביי אַן אמת'ע לעהרערקע.

דאָקטאָר: דו, פאַניע? האָסט דאָך פיינט דעם טאָפּטשאַן. זאָגסט שטענדיג, דו פערשטעהסט ניט.

פאַניע: נו, יאָ, און די גרויסאַרטיגע דאַמען, וואָס צימבלען אויף דער פּיאַנאָ, פערשטעהען עפּעס?... עס איז אַ מאָדע, דאַמען זאָלען שפּיעלען, וויל איך אויך זיין אַ דאַמע, ווי אַלע. (עפענט די טהיר פון קאָרידאָר). יעווגעני, זעהסט? איך האָב געהייסען אין קאָרידאָר אוועקשטעלען אַ לאַנגע הילצערנע באַנק. דיינע קבצנים מעגען וואַרטען דאָרט און ניט קריכען אהער מיט די בלאָטיגע שטיוועל.

דאָקטאָר: אין קאָרידאָר? פאַניע, ווינטער וועט זיין קאַלט דאָרט פאַר די קראַנקע...

פאַניע: וועסט זעהן ניט האַלטען זיי לאַנג. פּומפּיאַן, איהר וועט הייסען די קראַנקע וואַרטען דאָרט. פערשטאַנען?

דאָקטאָר: פאַניע, דו געהסט מיט דיינע רעפאָרמען אַלץ ווייטער און ווייטער, האַ? (ווינקט צו פּומפּיאַנ'ען, ער זאָל זי ניט פאָלגען).

פאַניע: דאָס בלייבט שוין אַזוי. פּומפּיאַן, געהט, נעהמט מיר אַ פאַיעטאָן.

פּיוועל: אַיאַ, איהר גלויבט ניט, אַז דאָס איז פאַניע זרחי'ס? זי, מיט די ביינער. ווי איהר זעהט מיך אַ אידען (אָב).

פאַניע: עס איז שוין צייט פון איהם אויך פּטור ווערען... אויך אַ מענש אין שטוב!

דאָקטאָר: ער וועט אויסשטודירען, וועט ער דאָ אַליין ניט זיין. ער ווייסט, דו האָסט ניט קיין גרויסע סימפּאַטהיען צו איהם... שאַדע, ער

איז מיין רעכטע האנד. שש! ער געהט... אין זיין געגענוואַרט דאַרפסטו אַזוי ניט ריידען. עס איז ניט פיין צו ערניעדריגען אַ מענשען. (פּאָמפּיאַן קומט, נאָך איהם דער בוקיניסט מיט ביכער).

פאַניע: נו, יאַ, מיט פּאָמפּיאַנ'ען דאַרף איך זיך אויך צערעמאָניען. וואָס איז, וויעדער ביכער?

דאָקטאָר: געבראַכט עטוואָס נייעס? עטוואָס גוטעס, האַ?

פאַניע: איהר מעגט געהן, ר' איה, דער דאָקטאָר האָט שוין גענוג ביכער, איבער גענוג...

דאָקטאָר: איהר פערשטעהט דאָך מסתמא, די יונגע דאַמע מאַכט שפּאַס. לאָזט איבער די ביכער, איך וועל זיי שפּעטער איבערקוקען... יאַ!... אדיע, מיין פריינד, אדיע. (בוקיניסט אָב).

פּיוועל: האָט אַ גוטען תמיד. (מען קלינגט). הערר דאָקטאָר, מען קלינגט, מען קלינגט און קיין קלינגערס איז ניטאָ. פערשטאַנען? (געהט עפענען).

פאַניע: וועניג ביכער האָסטו...

דאָקטאָר: פאַניע, דיך ניט צו ערגערען מאַך איך פיעל קאָמפּראָמי־סען. צו פיעל... אָבער...

פאַניע: קאָמפּראָמיסען צו קאָמפּרעסען? איך וויים ניט, וואָס דו מיינסט.

דאָקטאָר: איך אָבער, ליידער, וויים, וואָס פאַר אַ געפעהרליכע זאַך קאָמפּראָמיס איז און איך זאָג דיר, אַלץ מוז האָבען אַ גרענעץ. וואָס אָנבע־לאַנגט מעדיצין, אָדער ביכער דאַרפסטו זיך ניט מישען! איך וועל זיך ניט שטעלען מיט דיר האָבען אַ דיספּוט אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע מענשען, אָבער וויים, אַז...

פאַניע (לעגט צו איהר האַנד צו זיין מויל, ער קוסט איהר האַנד): אַז דו ביזט פאַרט, ווי אַ שוואַך קינד און מען דאַרף אויף דיר אכטונג געבען... אָבער שאַ... איך הער פּאַציענטען געהען. (פּאָמפּיאַן צוריק).

פּיוועל: מאַדאַם, אייערע זיינען געקומען. איך האָב זיי געהייסען זיצען אין קאָרידאָר אויפ'ן באַנק...

פאַניע: נו, זאָלען זיי זיצען. זיי מעגען אויך וואַרטען דאָרטען. זאָלען אייגענע בענייען די באַנק.

דאָקטאָר: וואָס רעדסטו דאָס, פאַניע? פּאָמפּיאַן, וואָס איז דאָס פאַר וויצען? קומט אַריין! קומט אַריין!

(זרחי און שרה הינדע קומען. ביידע: גאָט העלף!).

פייוועל: צוליעב די געסט בלייבט איהר דאָך מסתמא, און איהר פאָהרט ניט?

פאַניע: וואָס הייסט איך פאָהר ניט? איך דאַרף נויטיג האָבען די געסט.

פייוועל: הייסט עס, איהר פאָהרט יא? זאָל זיין יא (אָב).

דאָקטאָר: נו, ווי געהט עס? זיצט... מוסיו זרחי, איהר זעהט ניט גוט אוים? (רעדען שטיל).

שרה הינדע: נו, פאַניע, וואָס מאַכסטו? אָה, איך זעה, האָסט שוין נייע ציערונג... שעהן! שעהן!

פאַניע: יא, יעווגעני האָט מיר געקויפט נאָך א רינג און דעם בראָש. (שטיל) ביסלעכווייז האָב איך איהם אויסגעלערענט. (לויט) וואָס איז דאָס פאַר א צו־גאַסט אין מיטען דערינען! איך פאָהר אוועק.

זרחי: פאַניע, מיר זיינען ניט געקומען צו דיר, צום דאָקטאָר... איך בין קראַנק. (הוסט. פּומפּיאַן קומט).

פייוועל: מאַדאַם, איך האָב גענומען א דראָשקע.

פאַניע: איך האָב אייך געזאָגט, איך וויל א פאַיעטאָן, ניט קיין דראָשקע!

פייוועל: דוקא א פאַיעטאָן? (געהט). פאַניע זרחי'ם איז אַנדערש ניט געוואוינט געוואָרען ביי איהר טאַטען (אָב).

פאַניע: ער טהוט עס מיר אונמיסטען. דעם דאָקטאָר'ם מענשען!

שרה הינדע: דאָקטאָר, איך האָב אייך געבראַכט א חולה. הוסט און פערכעט א גאַנצע נאַכט... מיך וואָלט ניט געהאָרט, א מצוה אויף איהם... מען קען אָבער אַן אויג ניט צומאַכען איבער איהם. קען א וואָרט ניט אויס־רעדען, ער זאָל זיך ניט צוהוסטען, און נאָר עס וואָלט גערעדט. אויך מיר א מאַנסביל!

זרחי: אז איך בין ניט קיין מאַנסביל, דאָס הייסט אז איך בין א אידענע, בין איך דאָך פון אייערע, דאַרפסטו מיט מיר גוט פריינד זיין און לאָזען מיך רעדען א סך... אָי, דאָקטאָר, עס שטיקט מיך... די מלמדות שטיקט מיך... 25 יאָהר אָבגעקנעלט... (הוסט).

דאָקטאָר: מיר וועלען באַלד זעהן, מיר וועלען אייך גוט אויסהערען און אונטערזוכען. (פּומפּיאַן קומט).

פייוועל: א פאַיעטאָן!

פאַניע: נו, איך פאָהר... יעווגעני, פערגעס ניט, האָסט וויזיטען. מיט די געסט דאַרפסטו זיך ניט צערעמאָניען.

מאַדאַם: פאַניע, מיינסטו ניט, אַז דיין שליאַפּע איז מיט צו פיעל שיק?

פאַניע: איהר ווילט, איך זאָל אויסזעהן, ווי אַן אַ ל ט ע דאָקטאָר־שע? דאַס ניט!

מאַדאַם: פאַהרסט האַנדלען, יונגע דאָקטאָרשע, פאָלג מיך און קויף ניט אַזעלכע זאַכען, וואָס וואַרפען זיך אין אויג.

פאַניע: פערלאָזט זיך שוין אויף מיר.

דאָקטאָר: אַ דאַנקע דיר, מאַמע, זאָל איהר ווילען זיין פריי. ביס־לעכווייז וועט איהר געשמאַק פערעדעלט ווערען, דאַן וועט אויך איהר ווילען אַן אַנדער ריכטונג נעהמען...

פאַניע: אַדיע! מוסיו און מאַדאַם זרחי, אַדיע (אַב).

פייוועל: אַ גוטען תמיד.

שרה הינדע: מיר זיינען געקומען איין מאָל אין אַ יובל, געהט זי אַוועק.

דאָקטאָר: איהר דאַרפט איהר פערצייהען... אַ יונגע דאַמע, דאַרף איינקויפען נויטיגע זאַכען. ביי איהר איז דאָס וויכטיג.

זרחי: נו, אַז דיר געפעהלט ניט, רוף זי צו אַ ווייבערשע דין־תורה. איהר האָט דאָך געהערט מסתמא פון דעם ווייבערשען דין־תורה? אַ וואוילע זאַך (לאַכט).

דאָקטאָר: ניין! ניין! איהר לאַכט און איהר הוסט פון אייערע וואוילע זאַכען. נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס?

שרה הינדע: ער קוועלט, ווי אַ באַקסער, פון זיינע אייגענע חכמות. אויך מיר אַ מאַנסביל!...

אָליע: פּאַפּאַטשקע, מיר ווילט זיך אַזוי לאַכען... כי! כי! כי! טאַנטע! לאָזט דעם אָנקעל דערצעהלען געשיכטען. איך האָב שוין לאַנג ניט געלאַכט. אָבער, אָנקעל — דערצעהלט, אַז איך זאָל פערשטעהן. איך זאָל לאַכען, ניט איהר.

זרחי: אָליעטשקע, איך וועל ניט לאַכען, וועסט זעהן...

מאַדאַם: דערמיט פיהרט איהר איבער די געשיכטע, וואָס איהר לאַכט אליין... אַנדערע דאַרפען לאַכען, ווי מיין אָלינקע זאָגט, און איהר קוועלט אליין פון זיך.

זרחי: איך וועל זיך איינהאַלטען (הוסט). צוויי ווייבער זיינען געקו־מען צום רב מיט אַ דין־תורה. רבי, זאָגט איינע, זי האָט ביי מיר געליהען אַ שפּאָגעל נייע סקאַוואַראָדע און האָט זי מיר אומגעקעהרט אַ צובראָכענע און אַ צובויגענע. ענטפערט די צווייטע: רבי, איך האָב ביי איהר קיין

מאָל אין לעבען ניט גענומען קיין סקאַווראָדע. זאָלט איהר אַליין אַזוי לעבען און געזונד זיין, ווי איך האָב ביי איהר אַמאָל אין מיין לעבען געליהען אַ סקאַווראָדע. און אַ חוץ דעם, אַלע שכנות ווייסען, אַז די סקאַווראָדע, וואָס זי האָט מיר געגעבען, איז געווען אַן אַלטע און אַ צובראָכענע. און ווידער, פון וואַנען ווייסט זי, אַז די סקאַוואָראָדע איז צובראָכען און צובויגען? איך האָב זי נאָך ניט אָבגעבראַכט צוריק. זי איז נאָך ביי מיר. כאַ! כאַ! אַ ווייבערשער דין־תורה (לאַכט און הוסט).

מאַדאַם: וואָס ער טראַכט אוים אויף די אָרימע ווייבער. (אַלע לאַכען, בעזאָנדערס אַליע).

דאָקטאָר: מאַמא, דו זעה בעסער, ווי ליאָלא לאַכט... מיין טייערער זיסער נאַרעלע, וואָס געפעהלט עס דיר אַזוי? (קוסט זי). אָה, ר׳ זרחי, איהר הוסט אַ סך ערגער ווי פריהער...

שרה הינדע: אויף הוסטען — דערויף איז ער אַן אייזערנער בריה. וואָס דען, עפּעס אַ רעכטע זאַך וועט ער קענען. אסור... אַזוי ווי איהר זעהט, טאָג ווי נאַכט, פּכ־פּכ־פּכ...

דאָקטאָר (שרייט): פּומפּיאַן! הערר פּאַציענט באַלד אהער... די דאַמען וועלען אונז ענטשולדיגען. (אַלע פרויען מיט אַליען אָב. ער פּערציהט די פּאָרטיערען).

דאָקטאָר: די בעקעשע אַראָב... דעם זשילעט אַראָב. (טהוט איהם אוים). אָה! אַ לייבסערדאַק? קיינמאָל ניט בעמערקט.

זרחי: וואָס־זשע, איך האָב זיך געדאַרפט בעריהמען דערמיט? עס איז יאַ, ווי מען דערצעהלט, צוויי ווייבער האָבען זיך בעגעגענט אין מאַרק, זאָגט איינע: חיה העני, דו בעריהמסט זיך גאָר ניט, וואָס דו האָסט.... (הוסט).

דאָקטאָר: באַסטאַ! קיינע געשיכטעס! סילענטיום! (קלאַפּט אין ברוסט און הערט זיך צו. דו הערסט, ברודער פּומפּיאַן? (פּומפּיאַן הערט זיך צו). נו, קעהרט זיך אום. קאָלעגאַ, וואָס זאָגט איהר, הא? (פּומפּיאַן הערט זיך צו).

פּייוועל: עמפיזימאַ פּאַלמענאַלים דעקסטראַ.

זרחי: דאָקטאָר, איך וויל אייך פרעגען וועגען אַן אַנדער חולאת. אָבער ער דאַרף ניט הערען.

פּייוועל: אַ גוטען תמיד. יאַ, עמפיזעמאַ פּאַלמענאַליס. (אָב צו די פרויען).

דאָקטאָר: וואָס איז, מיין פריינד, איהר האָט אַ סעקרעטנע קרענק?

זרחי: יאַ, עס איז אַ חולאת, אָבער ניט קיין סעקרעטנע... (קוקט זיך

אום) מיין חולאת איז, פשוט גערעדט, מיין פלונית'טע. איך ווייס די חולאת... א גאַנץ לעבען ליידען און דולדען... איך האָב געוואָלט מיט אייך אליין בליי־בען, ווייל איך וויל פרעגען... הערר דאָקטאָר, איך ווייס, מיין טאָכטער האָט געלערענט פון דער מאַמע'ס סידור... און אז איך דערמאָהן זיך, אז ביי אייך איז, חלילה, אזוי ווי ביי אונז, אַי, וועה איז מיר...

דאָקטאָר: אָ, זייט רוהיג. געוויס, מיר האָבען געהאַט מאַנכע סצע־נען. מען האָט עס גערארפט ערוואַרטען. די פערשיעדענהייט אין יאָהרען, די פערשיעדענהייט אין גערדאַנקען. אָבער מיט יעדען טאָג ווערט די פערשיע־דענהייט קלענער... זי ווערט פריינדליכער, פיהלט זיך היימישער, לעזט א ביסעלע, ענטוויקעלט זיך א ביסעלע. יא, עס קען זיין ניט אַלץ, וואָס איהר געפעהלט, געפעהלט מיר... אָבער איך זעה, איהר ווילען זאָל זיין גאַנץ פריי. איהר ענטוויקלונג וועט קומען מיט דער צייט. זי האָט קאַפּריזען, ווי יעדע יונגע פרוי, דאָס איז אָבער ניט וויכטיג. איהר כאַראַקטער איז א ביסעל פער־דאָרבען, אָבער איך ווייס, ער בעשטעהט פון גוטען מאַטעריאַל... איך בין א מבין...

זרחי: הלואי, רבונו של עולם. און איך האָב שוין געמיינט, אז ביי אייך איז אזוי ווי ביי אונז...

דאָקטאָר: איך ווייס ניט, ווי ביי אייך איז געווען... זייט איהר געוועזן פערליעבט, האַ? אַלטער, איך בין א ביסעל צופיעל פערליעבט. (אומ־אַרעמט איהם). מיין פריינד, איך האָף, איך וועל מיט אייער חולאת ניט קרענקען. כאַ! כאַ! כאַ! א ביטערער חולאת, האַ? הערט, איך וועל אריינ־פאָהרען צו אייך אפשר היינט נאָך און וועל אייך געבען א גאַנצע סיסטעם, ווי צו קורירען און ווי צו פיהרען זיך... מען דאַרף אייך גוט נעהמען אין די הענד, איהר אויסגעקנעלטער סוביעקט, וואָס איהר זייט. איצט אָבער מוז איך געהן. איך האָב זעהר א שווערען קראַנקען אויף די הענד. אַן אָרימאַן האָלט ביין שטאַרבען פון געפלעקטען טיפוס און לאָזט איבער א פולע שטוב מיט יתומים. שלים־מזל, וואוהין קריכסטו? צום קבצן. (עפענט די פאָרטיערען). שוויגער, האָט קיין פעראיבעל ניט, איך מוז פאָהרען. (זרחי טהוט אָן אויף זיך זיין סיורטוק). מאַמאַ, אויפ'ס ווידערזעהן. (קוסט זי). ליאַלע (קרימט זי איבער). עס איז א געשיכטע? כי! כי! ברודער פומפיאַן, קוק אריין אין דער קניגע, אז ניט וועסטו זעהן א פיגע... (כאַפּט זיין סאַקוואַ־יאַזש, ראש אָב).

שרה הינדע: נו, וואָס האָט דיר דער דאָקטאָר געזאָגט, טשערעפּאַכע דו?

זרחי: איהר הערט? טשערעפּאַכע גאָר. שרה הינדע, דער דאָקטאָר

זאָגט, דו דאַרפסט זעהן למען השם, איך זאָל האָבען וואָס מעהר תענוג און וואָס וועניגער קללות.

מאַדאַם: זעהר אַ ביליגע רפואה און דערצו אַן אייגענער אַפּטייקער. (ציינט אויף שרה הינדע׳ן. אָליע נעהמט איהרע ביכער. לעגט אַוועק אויפ׳ן טיש. נעהמט טינט און פעדער).

שרה הינדע: וועסט שוין האָבען תענוג... קום אַהיים. נו! נו! די טאָכטער אפילו ניט געזעהן, ווי מען דאַרף. אַ שעהנע טאָכטער ביי דיר, פער׳ שרפ׳עט זאָלסטו ווערען...

זרחי: איך בין שולדיג?... דאָס איז יאָ, ווי מען דערצעהלט... צוויי ווייבער... (הוסט).

אָליע: אַי, באַבוסיע, אַ געשיכטע! (אלע לאַכען).

זרחי: דו זאָגסט מיר, שרה הינדע, אַקוראַט ווי איין אידענע זאָגט צו דער אַנדערער, וועלכע איז געווען אַ בעזדעטיכע: דיין טאָכטער איז פון די דאָזיגע, פון די גוטע... וואָס ע...

שרה הינדע: גענוג נו! וואָס איז דער משל, פּרא אדם? אַז איך בין אַ בעזדעטיכע, אָדער אַז דיין טאָכטער איז אַ גוטע? זאָלסט פערשטעהן וואָס דו רעדסט, וואָלסטו זיך טאַקע בעגראָבען... האָט אַ גוטען טאָג מחותנת׳טע... די דאָקטאָרשע שמעקט ניט אריין צו אונז. עס שטעהט ניט אָן דעם טאַטען איהרען... קום! טשערעפּאַכע.

זרחי: יאָ! געווען ביים דאָקטאָר און מוז אַהיים געהן מיט מיין אַלטע קרענק (ציינט אויף זיין פּרוי). אַ גוטען טאָג (ביידע אָב).

פּייוועל: האָט אַ גוטען תמיד... שעהנע זאַכען קען זיך ליאָליע אויס־לערנען פון דער משפּחה...

מאַדאַם: פּייוועל, דו לערען פריהער דיין אַנאַטאָמיע, נאָכדעם וועסטו רעדען פון סאָציאָלאָגיע. משפחה... כע! כע! דאָס איז סאָציאָלאָגיע... פערשטאַנען?

פּייוועל: דאָס איז דאָך דאָס אונגליק, וואָס איהר מיט׳ן דאָקטאָר קוקט אריין אין דער סאָציאָלאָגיע מיט דער סווינטעסמאָלאָגיע, און וואָס אונטער׳ן נאָז טהוט זיך, זעהט איהר ניט. פערשטאַנען? (אָב מיט׳ן בוך).

מאַדאַם: סווינטעסמאָלאָגיע? אַ נייע וויסענשאַפט און זעהר אַ בע־ליעבטע אין אונזערע צייטען. אָליע, מיר דאַכט זיך, דו קאָנסט ניט דיינע אוראָקען? חיותין וועט באַלד קומען, וועט זיין טאַקע, ווי פּייוועל זאָגט, אַ זעהר מיאוס׳ע סווינטעסמאָלאָגיע.

אָליע: באַבוסיע, פאַר וואָס איז מוסיו חיותין ניט ווי פריהער? אָב־

געלערנט און באלד אוועק, ווי א פרעמדער. (מען קלינגט, פּומפּיאַן לויפט צוריק עפענען).

מאַדאַם: ווער איז דאָס? די לעצטע צייט, ווען אַ פּאַציענט קומט שוין יאָ אַמאָל, איז פּונקט ווען יעווגעני איז ניטאָ אין דערהיים. אַליע, מיר בלייבען אָהר פּראַקטיקע.

אַליע (ביים פענסטער): עס איז פאַניע! אַי, איך וויל אַזוי זעהן, וואָס זי האָט איינגעקויפט. (פאַניע קומט מיט פיעל פּעקלעך. נאָך איהר פּומפּיאַן).

פּייוועל (שטיל. שלעפּט קלומקעס): פּונקט ווי ביי איהר טאַטען אין ווייןהויז. פאַניע זרחי׳ם (בייז אָב צוריק צו זיך).

מאַדאַם: פאַניע, זעה, ווי דיינע בעקלעך האָבען זיך צופּלאַמט (קנייפּט זי פאַר׳ן באַק). ניט אומזיסט איז מיין יעווגעני אַזוי פערליעבט אין דיר — דו בליהסט.

פאַניע: וואָס פעהלט מיר? האָב וואָס צו עסען, האָב וואָס אָנצוטהאָן, — פּונקט ווי אַלע דאַמען...

מאַדאַם: אַבי דיר פעהלט גאָר ניט... אַליע, קום, דו געהסט?

אַליע: ניין, באַבוסיע, איך בלייב דאָ מיט פאַניע׳ן.

פאַניע: מאַמאַ, איהר ווילט גאָר ניט זעהן, וואָס איך האָב איינגע־האַנדעלט?

מאַדאַם: וואָס פערשטעהט אַן אַלטע אידענע? אַז דיר געפעהלט, ביזטו צופריעדען... און אַז דו ביזט צופריעדען, געפעהלט עס מיר... (זי פערציהט די פּאָרטיערען. אָב).

פאַניע (בינדט אויף אַ פּעקעל): זעהסט, אַליע, דאָס וועט זיין מיין „דעלי" סעזאָנע קלייד.

אַליע: ווי? פאַניע, ניט דעלי, דעמי סעזאָן דאַרף מען זאָגען.

פאַניע: דעמי סעזאָן? איך וועל געדענקען (חזר׳ט). דעמי, דעמי סעזאָן. (ענטציקט) זעהסט, דאָ דער ליעף וועט זיין בעפּוצט מיט קרוזשעוועס. די אַרבעל מיט אויפגעבלאָזענע בופס, דאָ וועלען געהן שנורען מיט לענטעס איבער דער גאַנצער קיראַסע, פון דאַנען וועלען געהן ביע ביז אַראָב און אונטען אובאָרקעס...

אַליע: איך מיין, דאָס וועט זיין שעהן. פאַניע, מאַך בעסער דער ליעף זאָל זיך פערשפּילען פון אַ זייט... אָט אַזוי...

פאַניע: אָבער איאַ, עס וועט זיין שעהן? עס וועט מיר פּאַסען, האַ? טייערע! (כאַפּט אַליען און טאַנצט אַ וואַלצער, זינגענדיג פרעהליך: טעם טראַ טעם, טעם טראַ טעם...). אַליע, ווילסט אַ קאָנפעטקע? (נעהמט פון

איהר קעשענע א קליינע שאכטעל). איך קען זיך ניט אויסלערנען, דאָס איז מאָנפאסיע צי באָנפאסיע?

אָליע: דאָס האָסטו געקויפט זעהר א גוטען סאָרט, עס רופט זיך באָנפאסיע...

פאַניע (חזר'ט): דאָס רופט זיך באָנפאסיע, באָנפאסיע. איך האָב דאָס ניט געקויפט. א נויטיגע זאַך! דאָס האָט מאַרק געקויפט.

אָליע: אָנקעל מאַרק? דאַרף איך ניט! (וואַרפט די קאָנפעקטען צוריק אין שאַכטעל).

פאַניע: אָבער דאָס קלייד וועט זיין גרויסאַרטיג, הא? מאַרק זאָגט, ער האָט פונקט אזא קלייד געזעהן ביי דער דירעקטאָרשע פון באַנק.

אָליע: פאַניע, איך בין שוין ווידער ברוגז אויף דיר. דו דאַרפסט ניט הערען, וואָס אָנקעל מאַרק זאָגט, נאָר וואָס דער פאַפּאַ זאָגט.

פאַניע: וואָס מיינסטו?

אָליע: אָ, דו ווייסט, דו ווייסט, וואָס איך מיין. און אז דו זאָגסט, דו ווייסט ניט, זאָגסטו א ליגען (בייז אָב).

פאַניע: וואָס מיינט זי דאָס? וויים איך, וואָס אַרט מיך? (נעהמט ווידער דעם טוך און מעסט). אָה, ווי שעהן עס וועט זיין! איך וויים, עס וועט מיר זעהר פאַסען (מאַרק גנב'עט זיך שטיל פון זיין צימער).

מאַרק (אומאַרעמט זי פלוצלונג): אהא! דו ביזט דאָ? איך בין אויך דאָ!

פאַניע (דערשראָקען): טפו! האָסטו געהערט א חכמה!

מאַרק: שש! שריי ניט. וועסט שוין אמאָל שכל האָבען צי ניין? ווען וועל איך דיך שוין אויסלערנען?

פאַניע: יא, דו לערנסט מיך! זאָג בעסער ווי קומסטו בייטאָג פלוצלינג אהיים?

מאַרק: איך געה פון קאַזנאַטשעיסטוואָ און טראַכט: אפשר ביזטו אליין? און האָב געטראָפען.

פאַניע: האָסט ניט געקלונגען. דו ווייסט גוט די גנב'ישע שטיק. ביזט א שטודירטער אויף די זאַכען.

מאַרק: פאַניע, ביזטו הייגט פיקאַנט!

פאַניע: טאַקע?

מאַרק: מען קען א כפרה איינגנעהמען.

פאַניע: נו, נעהם איין. (די פּאָרטיערען צונעהמען זיך א ביסעלע. מען זעהט, ווי אָליע שטעהט אויף דר'ערד אויף די קניע און קוקט אריין).

מאַרק: איך פערשטעה, פאַר וואָס דער אַלטער נאַר איז אַזוי פערליעבט...

פאַניע: דער אַלטער נאַר האָט מעהר שכל פון דיר, פון מיר, פון אונז אַלע.

מאַרק: נעהמסט זיך פון דעסטוועגען אָן פאַר דיין אַלטעטשקען... פאַניע, קום אהער צו מיר.

פאַניע: אַי, לאָז מיך צו רוה!...

מאַרק: ביי אונז אין באַנק זאָגען אַלע, דו ביזט די שעהנסטע פרוי אין שטאָדט.

פאַניע: טאַקע? דאָס געפעהלט מיר! זאָגסטו דאָס אונמיסטען? טאַקע די שעהנסטע?

מאַרק: ניין, איך זאָג ניט אונמיסטען. איך הויב זיך טאַקע אָן פער־ליעבען אין דיר אויף אַן אמת.

פאַניע: פאַר וואָס האָסטו זיך אין מיר ניט פערליעבט, ווען איך בין געוועזען אַ מיידעל? דיר איז דאַמאָלסט ניט אָנגעשטאַנען, אַריסטאָקראַט מיינער. איצט ארט דיך ניט.

מאַרק: נו, וואָס ארט דיך, נאַר? מען האָט דיך ליעב?

פאַניע: נו, יאַ, עס איז אָבער דאָ אימיצער, וועמען עס ארט. (אַליע פאַלט צו צום פאַל און וויינט).

אַליע (שעפּצענדיג): מיין פּאַפּאָטשקע!! מיין פּאַפּאָטשקע ...

מאַרק: איהם מיינסטו? איהם ארט ניט, זעהסט דאָך... ער איז אַן אידעאַליסט. ביי זיי איז דאָס גאָר ניט. זיי אָנערקענען ניט מיינס... דיינס... קאָמוניסטען!...

פאַניע: טאַקע? געה, דו זאָגסט אַ ליגען.

מאַרק: ביי זיי איז דאָס גאָר ניט. שש... פאַניע, קום אהער צו מיר.

פאַניע: אַי, לאָז מיך צו רוה.

מאַרק: פאַניע, ווילסט וויסען, ווי דו געפעהלסט? קום אהער, וועל איך דיר דערצעהלען, וואָס עס האָט וועגען דיר געזאָגט דער וויצע־דירעקטאָר פון אונזער באַנק.

פאַניע: טאַקע? (געהט צו איהם). וואָס האָט ער געזאָגט? (ער זעצט זי אַניעדער אויף זיינע קניע און קוסט זי ליידענשאַפטליך). אַי, לאָז מיך! זאָל זיין גענוג! וואָס טהוסטו? (מען קלינגט). לאָז מיך! (ער לאָזט זי ניט). משוגע'נער, מען געהט! (זי רייסט זיך ארויס, פּומפּיאַן קומט, זי איז אין אַ פערלעגענהייט). ע... ע... פּומפּיאַן, מען קלינגט....

פייוועל: יא, מאַדאַם, מען קלינגט. (שטעהט און בעטראַכט זיי ביידען). מען קלינגט אין אַלע גלאָקען.

פאַניע (צונעהמט די פאָרטיערען און בעמערקט אַליען אויף דר׳ערד): זעה נאָר, אַליע!... וואָס איז, אַליע? וואָס טהוסטו דאָ? (וויל זי אויפהויבען).

אַליע (וויינט): אַוועק פון מיר!... רעד ניט צו מיר!... דאַרפסט זיך ניט אָנריהרען צו מיר! אַוועק, דו! אַוועק! (לויפט אָב. מען קלינגט ווידער).

פייוועל (אַפּאַרט): אַי, וועה! עס האַלט שוין זעהר ווייט. פערשטאַנען? (געהט עפענען).

פאַניע: איך האָב מורא, דאָס קינד האָט געזעהן. אַי, פער׳שרפ׳עט זאָלסטו ווערען!

מאַרק: נו, איז וואָס? אַ ביסעל שפּאַס געמאַכט. פאַניע, איך וועל וואַרטען ביי זיך אין צימער, עס קען זיין, עס איז ניט ער. ברענג דיינע האָר אין אָרדנונג און האַלט זיך ווי אַ ווירדיגע, אַנשטענדיגע דאַמע. דער עיקר איז נאָר אין האַלטען זיך (אָב צו זיך).

פאַניע: אַלע זאָגען, איך האַלט זיך שוין ווי אַ ריכטיגע דאַמע. אַז מען האָט שכל, איז ניט שווער אויסצולערנען זיך זייער גאַנצע תורה. און איך האָב געמיינט, איך וועל זיך אייביג ניט אויסלערנען צו זיין אַ דאַמע. (חיוטין און פייוועל קומען. זי מאַכט אַ גרימאַסע, נעהמט איהרע פעקלעך, פערציהט די פאָרטיערען. אָב).

חיוטין (ווישט די ברילען): הם, די דאָקטאָרשע אייערע ווערט מיט יעדען טאָג גרויסאַרטיגער. פּומפּיאַן, וואָס איז אייך? איהר זעהט אויס, ווי איהר וואָלט ליידען פון בויכוועהטאָג. וואו איז אַליע?

פייוועל: דעם בויכוועהטאָג בין איך אייך מוחל. נאָר זאָגען וואָס דאַרף איך אייך...

חיוטין: וואָס איז דאָס, אמיקום מעדיקוס?

פייוועל: איהר ווייסט, אַז איך האָב אייך פיינט... דאָס איז ניט קיין סוד.

חיוטין: פיינט! דאָס הייסט ניט פיינט... איהר זייט ניט שטערבליך פערליעבט אין מיר.

פייוועל: יא, אָבער ער האַלט פון אייך. איך וויים ניט, וואָס האָט ער אין אייך דאָרטען דערזעהן.

חיוטין: פייוועל פּומפּיאַן, אויב איהר האָט וואָס צו זאָגען, רעדט עברי. דער, וואָס רעדט אַ סך, איז אַ סימן: ער האָט ניט וואָס צו זאָגען.

פייוועל: יא, איך האָב וואָס צו זאָגען. איך האָב געפּרופט זאָגען דער

אַלטער — אַיז רעד צו דער וואַנד. און איהם זאָגען האָב איך מורא. פערשטאַ־נען? (צונעהמט די פּאַרטיערען און קוקט זיך אום).

חיוטין: דערווייליע האָב איך גאָר ניט פערשטאַנען. רעדט ניט צו דער וואַנד, רעדט צו מיר...

פּייוועל: איהר זייט אַ פערשייטער קבצן און איהר קענט יעדע זאַך טהאָן.

חיוטין: איהר האָט אַ טעות... דאָס הייסט, אַ פערשייטער קבצן בין איך, אָבער יעדע זאַך טהאָן קען איך ניט. וואָס איז דאָס פאַר אַן אָפּעראַציע?

פּייוועל: דער בוכהאַלטער, אונזער ברודער, מוסיו מארק און פאַניע זרחי'ס. פערשטאַנען? עס איז אַ שאַנדע און אַ וועהטאָג אין הארצען, אַזאַ מענשען מאַכען צום נאַרען. אין שטאָדט לאַכט מען פון איהם. דאָקטאָר קאַפּילקין האָט מיך אין אַפּטייק פאַר אַלע פּראָוויזאָרס געפרעגט: ווער פון די צוויי ברידער? פערשטאַנען? און האָבען געלאַכט און חוזק געמאַכט. פּשוט מען מיינט, דער דאָקטאָר ווייסט און מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

חיוטין: הא? מען האָט עטליכע מאָל אין מיין געגענוואַרט געפּרוואווט רעדען דערפון, האָב איך געהייסען שווייגען. איך ווייס, זי איז אַ בהמה, אַ ניעדריגער כאַראַקטער, אָבער...

פּייוועל: ער איז בלינד, ער זעהט ניט. איך זעה, זאָגאָר ליאָליע... ליאָליע זעהט.

חיוטין: וואָס? דאָס קינד?... דאָס אונשולדיג קינד?

פּייוועל: זי איז ערשט געליגען דאָרט אויף דר'ערד לעבען די פּאַר־טיערען און ביטער געוויינט, ווייל זי האָט געזעהן, וואָס זיי ביידע האָבען פון דער זייט... פערשטאַנען? ניט אַנדערש, ער ווייסט און איהם פּאַסט ניט אַריינצומישען זיך. (מען קלינגט). אַי, שאַ! דער דאָקטאָר (לויפט עפענען).

חיוטין: אַזוי? ער ווייסט און מאַכט אַ שוויג?... אַזוי ווייט זאָל עס געהן? און מיט דיעזער פערפעסטעטער לופט אָטהעמט דאָ דאָס קינד! איך בין ניט קיין סענטימענטאַלער מענש. און איך מיין, ווי ביטער און גרויזאַם דער אמת זאָל ניט זיין, איז אַ ליגען אָבער שטענדיג ביטערער און גרויזאַמער... (דאָקטאָר קומט, ער איז זעהר טרויעריג, נאָך איהם פּייוועל).

דאָקטאָר: יאַ, ברודער פּומפּיאַן, עס איז געוועזען אַ צו שווערער טיפוס און נאָך אַ געפּלעקטער... מיין פּאַציענט איז געשטאָרבען... איך האָב עס ערוואַרטעט, און עס פערדריסט דאָך... אַזוי פיעל יאָהרען האָב איך צו טהאָן מיט'ן טויט און שטענדיג ברענגט מיך דיעזע שרעקליכע מיסטעריע אין פערצווייפלונג. אַ געהיימניספאָלע ערדריקענדע ערשיינונג! (פערטראַכט זיך). יעצט ליעגען דאָרט צוויי קינדער אין טיף און דאָס גאַנצע הויז איז אָנגע־

שטעקט. חיוטין, איך גיב אייך נים די האנד, ווייל איך בין אין גאנצען פערפעסטעט. וואס זעהט איהר אוים אזוי זויער, ביי אייך איז אויך א פאציענט געשטארבען? פומפיאן, איך מוז זיך שוין איבערטהאן. (פיוועל גיט איהם אנדערע קליידער).

חיוטין: דאקטאר, איהר זאלט נים זיין פערפעסטעט, ווייס איך אויך נים, צי איך וואלט געגומען אייער האנד. יא, איהר האט רעכט, ביי מיר איז היינט געשטארבען נים א פאציענט, נאר א מענש איז געשטארבען...

דאקטאר: חיוטין, ווידער משוגעת'ן? נים יעצט, איך בין אליין נים אין אן איבריג גוטער שטימונג.

חיוטין: וואס זיינען שטימונגען? אן עהרליכער מענש דארף האבען פרינציפען.

דאקטאר: חיוטין, לאזט מיך היינט צו רוה מיט אייער קינדישער מאראל.

חיוטין: דאקטאר, איהר קענט אייך נים אוועקמאכען מיט פראזען! איהר זייט געווען א פאפולערער, בעליעבטער מענש, אן אנערקענטער פאלקס-פריינד, — און יעצט לאכט מען און מען פעראכטעט אייך. מען וועט גיך אין גאס טייטלען אויף אייך מיט די פינגער. איהר זייט אמאל געווען א מענש מיט אידעען. וואו זיינען אייערע אידעען יעצט?

דאקטאר (פריינדליך): זייט נים קיין נאר, חיוטין! מיינע אידעען טראג איך אין מיין מארך, אין דעם בלוט פון מיינע אדערען. מיינע פרינציפען זיינען הייליג! צו פרינציפען מוז מען אבער נאך פיהלען און דענקען ווי א מענש. א פרינציפ איז א טויטע זאך און דער געדאנק פון א מענשען לעבט. יא, איך ערלויב זיך אמאל א קאמפראמים, ווייל איך וויל נים קיין סקאנדאלען אין הויז, ווייל איך וויל נים פערגיפטען דאס לעבען פון א יונגע אונענט-וויקעלטע פרוי; זי וועט זיך ענדערען מיט דער צייט.

חיוטין: זי וועט זיך נים ענדערען, איהר האט זיך געענדערט! דאס איז די היינטיגע פאמיליע, גראדע ווי די גאנצע געזעלשאפט. זיי דעמאראליזירען די פערזענליכקייט. נעהמט מען א ווייב, קען מען שוין נים זיין נוצליך פאר אנדערע... אוים פרייהייט, אוים טהעטיגקייט, אוים אידעאלען. מען זארגט נאר פאר'ן עגאאיסטישען טרעמבוך, פאר'ן חזיר'שען „איך". אמאל פלעגט מען פאר א גוטען צוועק קענען קריגען ביי אייך הילף, זינט איהר האט חתונה געהאט....

דאקטאר: ברודער, מיינע פינאנסען זיינען נים אין א גלענצענדען צושטאנד. די פראקטיקע איז מאגער און די אויסגאבען — אי, אי! כאפט אייך דער רוח, איך מעג אייך זאגען: איך בין קיינמאל קיין גראשען נים

געוועז שולדיג און איצט בין איך שולדיג אין מאַגאַזינען און צו פערשיעדענע קרעדיטאָרען איבער 12 הונדערט רובעל. ביסלעכווייז אַזוי... אַריינגעקראָכען...

חיוטין: דאָס רעקאָמענדירט אייך זעהר שעהן! נאָר דאָס איז נאָך גאָרניט. איהר דעמאָראַליזירט, איהר פערדאַרבט אייער אייגען קינד... האַ! איהר זייט אַזוי צופריעדען פון אייער בעסטיאַלער זאָאָלאָגישער פריידע, אַז איהר דולדעט דאָ אין הויז יעדע געמיינהייט, און אייך אַרט ניט, וואָס אייער אונשולדיג קינד...

דאָקטאָר (צאָרנדיג): וואָס מיינט איהר? איהר! וואָס ווילט איהר זאָגען?

חיוטין: איך וויל זאָגען, אייער קינד איז ערשט געלעגען דאָ ביי די פּאָרטיערען און האָט געוויינט. איהר יונגעס האַרץ ווערט דאָ צובראָכען, איהרע ריינע געדאַנקען פערגיפטעט, איהרע הייליגע געפיהלען פערשמוצט! און איהר, אַלטער פערליעבטער סאַטיר, איהר קוקט און שווייגט! פוי! איך וויל ניט האָבען וואָס צו טהאָן מיט אַזאַ הויז און מיט אַזעלכע מענשען! (ראַש אָב).

דאָקטאָר: פּומפּיאַן, וואָס האָט ער געפּלאַפּעלט? ער איז פון זינען אַראָב!..

פּייוועל: ביי איהם איז דאָס אַ נייעס, און איך האָב פריהער געוואוסט, אַז פּאַניע זרחי׳ס...

דאָקטאָר: פּומפּיאַן, פּאַניע זרחי׳ס איז מאַדאַם גאָלדענווייזער. פערגעס דאָס ניט!

פּייוועל: יאַ, דאָקטאָר, אָבער דאָ אין הויז געפינען זיך צוויי גאָלדענווייזערס. פערשטאַנען?

דאָקטאָר (רוהיג): האַ? צוויי גאָלדענווייזערס? וואָס מיינסטו דאָס?

פּייוועל: איך מיין, אייער ברודער מאַרק.

דאָקטאָר: זיי ניט קיין נאַר, פּומפּיאַן, און רעד ניט קיין נאַרישקייטען. מען דאַרף ניט גלויבען יעדע דומהייט, וואָס מען הערט.

פּייוועל: אָבער אַז מען זעהט?

דאָקטאָר (כאַפּט זיין אָרעם): וואָס ווילסטו דאָ מיר דערצעהלען פאַר געשיכטעס? דו!

פּייוועל: אַז מאַרק און אייער פרוי... אָי, דאָקטאָר, איהר וועט מיר איבערברעכען די האַנד! דאָקטאָר!

דאָקטאָר: די האַנד? די האַנד וועל איך דיר ניט איבערברעכען... ניין! דאָס ניט. (רוהיג). אָבער איך וויל דאָ אין הויז ניט האָבען קיינע

שפּיאָנען, קיינע מוסרים, קיינע אינטריגאַנטען! איך ווייס, דיר געפעהלט ניט מאַדאַם גאָלדענווייזער. נעהם דיינע זאַכען און געזונטערהייט! קענסט געהן...

פייוועל: איך מיין אייער טובה, ווי אַ גוטער פריינד... נאָר אַז איך פּאַסט בעסער מאַכען זיך ניט ווּיסענדיג, ווי איהר פערשטעהט... איך וויל אליין דאָ ניט בלייבען. האָט מיר אַ גוטען תמיד (אָב).

(דער דאָקטאָר בלייבט שטעהן פערטראַכט).

דאָקטאָר: מאַרק? איך הער דאָס ניט צום ערשטען מאָל! אָבער האָט מען צוטרויען צו מענשען, דאַרף מען גלויבען טראָץ אַלע פערלוימדונגען און גאַסען־שמועסען! וואָס? ערניעדריגען זיך? אפשר ווערען אַ שפּיאָן? נאָכ־קוקען? צוהערען זיך ביי דער טהיר? בעהאַלטען זיך אונטער'ן פאָרהאַנג, אַרונטערקריכען אונטער די קושעטקע? פוי! אייפערזוכט איז אַ מיאוס'ער, געמיינער, זעהר ניעדריגער געפיהל. פייוועל פּומפּיאַן אין דער ראָלע פון יאַגאָ? צו קליין... און איך אַן אייפערזיכטיגער זידענדער אָטהעלאָ! כע! כע!... ווי געפעהלט אייך אַזאַ אָטהעלאָ? (אָליע עפענט די טהיר).

אָליע: פּאַפּאַטשקע, ביזט שוין געקומען?

דאָקטאָר: אָה, אָליע! קום אהער, זעץ דיך דאָ (נעהמט זי אויף די קניע). האָסט געוויינט? (קיין ענטפער). האָסט געוויינט, ליאָליע?

אָליע: יאָ, פּאַפּאַ.

דאָקטאָר (ווישט איהרע אויגען מיט'ן האַנד): נאַרעלע, אַז מען וויינט, פיהרט מען זיך איבער די אויגען. וואָרום האָסטו געוויינט? (זי שווייגט). איך פרעג דיך, וואָרום האָסטו געוויינט? (גיט זי אַ צופּ ביים האַנד).

אָליע: אַי, פּאַפּאַ, מיר טהוט וועה! זעה, ווי רויט מיין האַנד איז געוואָרען.

דאָקטאָר (קוסט איהר הענטעל): ניין, קינד, דאָס האָב איך אונגערען. זיי זאָגען, ביזט דאָ געלעגען אויף דר'ערד און געוויינט. ווען אַזאַ עהרענ־ווירדיגע דאַמע, ווי דו, ציהט זיך אוים אויף'ן פּאָל און פערגיסט טרערען... כע! כע! איז געווים אַ גרויסער טרויער. וואָס איז דאָס, ליאָליעטשקע, האַ? דאָס הייסט, אויב דו ווילסט און דאַרפסט עס מיר זאָגען — זאָג, און אויב ניט — דאַרף מען ניט (אומאַרעמט זי). ליאָליעטשקע, מען זאָל זיך צוהערען צו אַלע גיפטיגע רייד, מיט וועלכע אונזערע גוטע פריינד ווילען אונז טובות טהאָן, וואָלט מען געדאַרפט שטענדיג ליעגען אויף דר'ערד און וויינען, קלאָגען און יאָמערען.

אָליע: פּאַפּאַ, אָנקעל מאַרק איז זעהר אַ שלעכטער מענש.

דאָקטאָר (לאָזט זי אראָב פון די קניע): ניין! ניין! ליאָליע, איך וויל גאָר נישט הערען פון אָנקעל מארק. זעה נאַר, וואָס האָב איך עטוואָס געדארפט טהאָן און האָב פערגעסען?

אָליע: פאפא, זיי האָבען דיך ניט ליעב. איך האָב שוין לאַנג דאָס געוואוסט, און היינט בין איך געלעגען דאָ און האָב געוויינט, וויל איך האָב אַלץ געזעהן.

דאָקטאָר: וואָס האָסטו געזעהן? (זעצט זיך געגען איהר).

אָליע: אָנקעל מארק האָט זי גענומען אויף די קניע, ווי אַ קליין מיידעלע. און איך האָב אַזוי געוויינט.

דאָקטאָר (מאכט זיך רוהיג): דערפאַר האָסטו געוויינט? כאַ! כאַ! דו נאַר! זיי זיינען ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער... ווי איך מיט דיר... און... יונגע לייט — זיי שטיפען.

אָליע: יאָ, איך האָב אויך געמיינט אַזוי... אָבער פאַר וואָס דערשרעקען זיי זיך אַזוי שטארק, אַז מען קלינגט?

דאָקטאָר: פוי!... ליאָליע, עס איז זעהר ניט שעהן צו טראכטען שלעכטעס פון מענשען און נאָכצוקוקען. (זינגט זיין מעלאָדיע) טע־רע דע רעם... איך קען זיך ניט דערמאָהנען, וואָס האָב איך געהאַט אין זינען! (זינגט) טע־רע דע רעם. אויף די קניע ווי אַ קליין מיידעלע... הם... (זוכט).

אָליע: יאָ, יאָ, פאַפּעלע! אויף די קניע און ער האָט זי געקושט אין די ליפען, אין די באקען, אין די אויגען, אַ סך, אַ סך מאָל.

דאָקטאָר: הם! דאָס האָסטו געזעהן? (גיט אַ קלאַפּ און קעהרט איבער אַ ביינקעל, מאכט באלד, אַז דאָס איז געוועזן אומגערן). ווייס איך, דאָס איז גאָר נישט, נארישקייטען... ליאָליעטשקע, דו געה צו זיך... איך האָב געדארפט עפּעס טהאָן און האָב פערגעסען. מיין קאָפּ ווערט אַ ביסעל מבולה.

אָליע: פאפא, פאַניע איז איצט אין אָנקעל מארק'ס צימער.

דאָקטאָר: האַ? אין זיין צימער? נו, איז וואָס, קינד? וואָס איז דער אונטערשייד, דאָס צימער, יענעם צימער? (זינגט) טע־רע־דע־רעם... וואָס האָב איך פּאַרט פערגעסען, האַ? געה, ליאָליע, און זאָג דער באָבוסיע, אויב זי פוילט זיך ניט און אויב זי וויל מיך זעהן איצט, זאָל זי קומען צו מיר אַהער. (לעגט איבער זיינע אינסטרומענטען און פייפט אַ ליעדעלע גאַנץ רוהיג. מאכט זיך, ער זעהט ניט, ווי זי געהט).

אָליע (צוקט מיט די אַקסלען): דער פּאַפּאַטשקע פערשטעהט גאָר ניט... (אָב).

דאָקטאָר: האַ! דאָס האָט זי געזעהן?... אַזעלכע סצענען דאַרף מיין

קינד בייוואוינען? כא! כא; כא! איך האָב אַלעמען גערעכענט פאַר משוגעים און האָב אַליין געשפּילט די ראָלע פון אַן אידיאָט. די קאַטאַראַקטע איז אַראָב פון מיינע אויגען, איך זעה יעצט די ווירקליכע, די שרעקליכע וואהר־הייט. וואָס זאָגט זי? זיי זיינען יעצט ביידע דאָרטען. גאַנץ אָפען הייסט עס. נו, יאָ, וואָס דאַרפען זיי זיך מיט מיר זשעניִרען? (מאַכט עטליכע טריט צו מאַרק'ס צימער). אָטהעלאָ, וואָלט יעצט אויפגעבראָכען די טהיר און געפּאַקט די פערברעכער אויפ'ן אָרט, ער וואָלט דערוואָרגען דעם ענטעהרער מיט זיינע הענד, וואָלט צוטראָטען די שלאַנג מיט זיינע פיס, וואָלט גענומען ראַכע און געלאָשען זיין צאָרן מיט בלוט! און וואָס וועט טהאָן דער דאָקטאָר, דער אינטעליגענט, דער מענש, וואָס האָט אַ ביסעל געדענקט און אַ ביסעל געלע־רענט? נו, דאָקטאָר? (גיט זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ ביים קאָפּ). וועה איז מיר! דער דאָקטאָר איז ערשט געקומען פון אַ פערפעסטעטען הויז און דער רוח וויים צוליעב וואָס, צוליעב וועלכע געמיינהייטען, האָט ער פערגעסען, אַז ער איז דאָקטאָר! (פאַנגט זיך אָן ראַש אויסטהאָן). ליאָליע! פּומפּיאַן! כע! כע! האָב פערגעסען, איך האָב אַלעמען און אַלץ פערלאָרען... און צוליעב ועמען? צוליעב וואָס? (מאַדאַם קומט). מאַמאַ, וואָס טהוט ליאָליע? געה, זעה, וואָס טהוט דאָס קינד! איך בעט דיך...

מאַדאַם: גאָט איז מיט דיר, איך האָב זי ערשט געצוואונגען זי זאָל זיך זעצען עסען אַ קאָטלעטקע.

דאָקטאָר: מאַמאַ, איך בעט דיך, געה באַלד וואַש זי אָרום, טהו איהר אָן אַן אנדער קליידעלע. איך בין ערשט געקומען פון אַ הויז, וואָס איז פער־גיפטעט מיט געפלעקטען טיפוס... (מאַדאַם אָב). איבערטהאָן זיך און פריהער פון אַלץ זעהן דאָס קינד... אָה, אָטהעלאָ! אָטהעלאָ! מיט אַ קאָפּ — אָנגע־שטאָפּט מיט ביכער־געדאַנקען, מיט נערוועז פון אַ ציוויליזירטען אינטעלי־גענט: אָטהעלאָ, מיט אַ דאָקטאָר'ס דיפּלאָם אין קעשענע און אָהן אַ דעזודעמאָנע! אָהן אַ דעזדעמאָנע!... (כאַפּט דעם קאָסטיום וואָס פּומפּיאַן האָט פּאָרבערייטעט, לויפט אין דער צווייטער אָבטהיילונג און פערציהט די פּאָרטיערען. פּויזע. מאַרק און פאַניע קומען פון מאַרק'ס צימער, זי קומט שפּעטער).

מאַרק: זי האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן. עס האָט זיך דיר נאָר אויסגעוויזען אַז דיינער איז אין דער היים... נו, איך לויף שוין אין באַנק אַריין.

דאָקטאָר (הינטער די פּאָרטיערען): עס האָט זיך איהר ניט אויסגע־וויזען, איך בין אין דער היים. מאַדאַם, איהר האָט מורא געהאַט אַרויסצוגעהן? דאָס איז ניט גוט. אַז מען האָט ניט מורא אַריינצוגעהן, דאַרף מען ניט מורא

האבען ארויסצוגעהן! מארק, דו געה ניט אוועק. איך דארף דיר זאגען א פּאר ווערטער.

פאניע (שטיל): דו הערסט זיין קול? איך האב מורא.

מארק (מיט א גרימאסע פון פעראכטונג): עע! (לויט) יעווגעני, וואס טהוסטו דארט? קליידעסט זיך איבער? בריה מיינער, מאך עס גיכער, איך האב קיין צייט ניט.

דאקטאר (קומט איבערגעקליידעט): דו האסט קיין צייט ניט? (בעטראכט זיי ביידע). יא, מיר ווילען דאס מאכען בקיצור. זיצט, מאדאם!

פאניע: ניש'קשה, איך קען בעשטעהן...

דאקטאר: לאזט אייך ניט בעטען, מאדאם, זיצט, ווען מען הייסט אייך זיצען! (זעצט זי אניעדער. זי איז זעהר דערשראקען).

מארק: יעווגעני, דו ווייסט, מיר האבען שוין מיט איהר דורכגעלעזען אלע טורגעניעוו'ס ראמאנען. יעצט ווילען מיר אנפאנגען טאלסטאי'ס ווערק.

דאקטאר (סארקאסטיש): אזוי? טאלסטאי'ס ווערק? זי דארף דיר זעהר דאנקבאר זיין!

פאניע: דו גלויבסט ניט? איך קען דיר דערצעהלען יעדע זאך פון טורגעניעוו'ס ראמאנען: „רודין", „דוואריאנסקאיע גניעזדא", „נאקאנונע". (די מאדאם קומט).

דאקטאר: הערר בוכהאלטער, צוליעב וואס האסטו מיט איהר געלעזען ראמאנען, צו פערבעסערען זי אדער צו פערדערבען? הא? ! קענסט מיר זאגען די וואהרהייט? ! (פאניע פאנגט אן צו וויינען).

מארק: מאמא, וואס מיינט ער, דער פילאזאף דיינער?

דאקטאר: ווילסט זיך אוועקמאכען מיט דיין ציניזשער פרעכהייט, (כאפּט איהם ביים קאלנער און גיט איהם א ווארף צו דער ערד). מיט דיין ציניזשער פרעכהייט? מיט דיין ציניזשער פרעכהייט? (שלעפּט איהם אהין און צוריק אויף דר'ערד).

מאדאם (דערשראקען): יעווגעני, וואס ווילסטו טהאן?

דאקטאר: שרעק זיך ניט, מאמא... (לאזט איהם). וואס טהוט דאס קינד? מאמא, מיר ביידע זיינען געווען בלינד און ליאליע האט געזעהן. דאס וואס מיר האבען געדארפט וויסען, האט דאס קינד געוואוסט... (מארק ציטערט פון שרעק. זיינע קליידער אין אונארדנונג).

מאדאם: איך האב שוין געהערט די שעהנע בשורה... אי!

דאקטאר: מיין פערשטאנד זאגט מיר, אז אייפערזוכט, ראכע, בלינדער צארען זיינען ניעדריגע, טהיערישע געפיהלען, און דאך דאס טרפה בלוט... די נערוועז!....

פאַניע (קוקט פערוואונדערט): אבי ער האָט געזאָגט, דאָס איז ביי זיי גאָר ניט.

דאָקטאָר: בוכהאַלטער, אהער גיה, צו דער מאַמע! (ער געהט צו דער מוטער). וואגסטו מיט דיינע בעסטיאַלע אויגען קוקען אויף דיזער פרוי און זאָגען: דאָס איז מיין מוטער?

מאַרק: מאַמע, לאָז איהם ניט, ער וועט מיך דערהרג'ענען...

דאָקטאָר: יא, דיזע פרוי איז, ליידער, דיין מוטער, מיר אָבער זיינען קיין ברידער ניט מעהר קיין מאָל ניט, אין לעבען ניט!

מאַרק: מאַמע, לאָז איהם ניט, ער קען מיך יעצט ערמאָרדען.

דאָקטאָר: זעהסט דעם טאַפּפערען קאַוואַליער און לאָוועלאַס? קוק איהם אָן! אָה, דאָן זשואַן! יא, איך קען דיך איצט דערהרג'ענען, צוקוועטשען ווי א מילב און צורייבען אויף אש! פיהלסטו דאָס? אָבער אזא עהרע טהוט מען ניט אזא קליינינקען, אונווירדיגען מענשען... ערמאָרדען אַן אינסעקט, א גרויסע בריה'שקייט! ניין! אזעלכע ווי דו וויזט מען נאָר די טהיר און מען זאָגט: (בייז) וואָן! (מאַרק געהט דערשראָקען. דער דאָקטאָר וויל איהם ביי דער טהיר א זעץ טהאָן און בעהערשט זיך.) וואָן! (מאַרק אָב). איך וועל זעהן, וואָס טהוט ליאַליע (לויפט אין ליאַליע'ס צימער).

מאַדאַם: פאַניע, און דו האָסט גאָר געשפּיעלט א ליעבע מיט מאַרק'ן, הא? (דאָקטאָר קומט צוריק).

פאַניע: ניין, איך האָב ניט געשפּיעלט קיין ליעבע. געוויס, א יונגער מאַן, און איך האָב געמיינט אז ער איז א גאַנצער טהוער... איך האָב איצט געזעהן, וואָס פאַר א פּנים ער האָט, — א קאַץ געגען א לייב. ער איז געוועזען דאָ אין שטוב דער איינציגער, מיט וועמען איך האָב געהאַט פון וואָס צו רעדען, וואָס ער פלעגט מיר דערצעהלען, פלעגט מיר זיין אינטערעסאַנט... ער פלעגט מיר זאָגען, ווי איז די מאָדע... וועלכע קליידער זיך צו מאַכען... איך איז דאָס ניט אינטערעסנע... עס איז אמת, ער האָט מיט א מיאוס'ען געדאַנק ביכער אָנגעפאַנגען מיט מיר צו לעזען, — מיט איך אָבער לעזען וואָלט איך מורא געהאַט, איהר זייט גאָר אַנדערע מענשען... אָבער דאָך עס זאָל זיך אזוי ענדיגען האָב איך קיינמאָל ניט געדעכענט און קיין מאָל ניט געוואָלט... איך וויים אַליין ניט ווי אזוי... ער האָט אין זיך אזא העזה... אזא קראַפט. איך האָב עטליכע מאָל געזאָגט דעם דאָקטאָר....

דאָקטאָר: דער דאָקטאָר האָט צו אייך קיין טענות ניט, קיינע פּרעטענזיעס, איך וויל ניט קיין ראַכע און מאַך אייך ניט קיין פאָרווירפע, מאַדאַם, איהר האָט מיט צעהן, עלף מאָנאַטען צוריק געבעטען, איך זאָל אייך בעסער לאָזען אהיים צוריק. איך בין געוועזען נאַריש, איך האָב געמיינט אז מיט דער

צייט... נעהמט אייערע זאַכען, אַלץ, וואָס איהר רעכענט פאַר אייערס און געהט אַהיים. אייער היים איז דאָ קיין מאָל ניט געווען און קען ניט זיין. געהט צוריק, פון וואַנען איהר זייט געקומען !...

פאַניע: געהן צוריק? (וויינט). פאַר אַ יאָהרען, ווען איהר זאָלט מיך לאָזען, וואָלט איך געגאַנגען. דאַמאָלסט וואָלט איך געקענט ערוואַרטען, אַז מען וועט אויף מיר רחמנות האָבען... ווער קען איצט אויף מיר האָבען רחמנות? ניין, איצט ניט. פאַר אַ יאָהרען וואָלט מיר נאָך ניט געווען שווער צו לעבען, ווי פריהער. איצט בין איך שוין צו פיעל געווען אַ גרויסע דאַמע... דערפאַר וועט מען מיר נאָך מעהר פערצאַפּען מיין בלוט, אַלע וועלען נעהמען נקמה און מאַכען שפּאָט און חוזק... איך ווייס, דאָ קען איך איצט ניט זיין, דאָרטען אָבער ביי מיין מאַמע'ן קען איך שוין קיין היים ניט האָבען. דאָקטאָר, וואוהין זאָל איך געהן? (דאָקטאָר געהט אום לאַנג. די מאַדאַם קעהרט זיך אָב און ווישט אָב אַ טרער).

דאָקטאָר: איך ווייס, מיט וואָס פאַר אַ שרעקליכען, מיט וואָס פאַר אַ שענדליכען וועג אייך איז איצט געבליבען צו געהן. איך וועל אייך ניט שטויסען אויף דעם וועג. ניין, איך ניט! איהר האָט געטרעמפּעלט מיין עהרע, מיינע געפיהלען, מיינע פּרינציפּען, טרעמפּעלט נאָך מיין נאָמען. יאָ, איך ערלויב דאָס אייך. פאַר דער וועלט קענט איהר בלייבען, זאָ לאַנג איהר וועט דאַרפען, מאַדאַם גאָלדענווייזער, פאַר אונז אָבער דאָ זייט איהר פון דיעזער מינוט אַ פרעמדע. איהר הערט? פרעמדע זיינען מיר! (צייגט אויף דער מוטער). דיעזע ריכטיגע מאַדאַם גאָלדענווייזער איז די איינציגע ווירטין דאָ אין הויז! מיין הויז וועט זיך פיהרען מיט דיזעלבע פּרינציפּען ווי פריהער. (בייז) אָהן איהר וואַגט איהר ניט אַ ביינקעל איבערשטעלען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען! (רוהיג) אַהער צו מיר וואַגט איהר ניט אַריינגעהן, זאָ לאַנג מען רופט אייך ניט. קיינע קאָנווערזאַציאָנען מעהר מיט מיר! אַז מען וועט אייך וואָס פרעגען, וועט איהר ענטפערען. מיין פרוי זייט איהר ניט מעהר, פאַר מיר זייט איהר אָבגעשטאָרבען היינט גראַדע ווי דער פּאַציענט מיינער, וואָס איז היינט געשטאָרבען פון טיפוס... מאַמאַ, וואָס טהוט אָליע?

מאַדאַם: איך וועל באַלד זעהן... אָי, וועה איז צו מיינע אַלטע יאָהרען (אָב).

דאָקטאָר: ווילט איהר דאָ בלייבען אין שטוב, זעהט, מאַכט אייך נוצליך, טהוט עפּעס, אַרבייט! (בייז) איך דאַרף ניט קיין פּאַראַזיטען דאָ ביי מיר! צו דער גרעסטער פערדאָרבענהייט פיהרט דאָס, וואָס אין די וואָהל-האַבענדע פאַמיליען פיהרען די פרויען אַם מייסטען אַ פּאַראַזיטען-לעבען. זיי זאָלען האָבען זאָרג, פליכטען, פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָלט זיי ניט

געקראָכען אין קאָפּ, דער רוח ווייסט וואָס! עס איז אָבער שפּעט יעצט צו רעדען דערפון. געדענקט, דיזע קאָנדיציאָנען זיינען גוט נאָר אזוי לאַנג ווי אייער אויפפיהרונג וועט ניט קענען האָבען קיין שלעכטען איינפלוס אויף מיין אונשולדיגעס קינד! (בייז) שעהנע ביישפּיעלע האָט איהר דאָ, מאַדאַם, געקענט.... ניין! דערפון איז שוין איבעריג צו רעדען. איך וויל נאָר זאָגען, פערגעסט ניט, דאָ אין הויז וואַקסט און ערציהט זיך אַ קינד. (צייגט אויף דער טהיר). יעצט וויל איך בלייבען אַליין!...

פאַניע (זעהר ניעדערגעשלאָגען): איך האָב ניט געוואוסט, אז איהר קענט מאַכען, מען זאָל פאַר אייך מורא האָבען (קוקט זיך אום, לאַנגזאַם אָב).

דאָקטאָר (זיפצט שווער, געהט זיך דורך איבער'ן צימער, זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ. שפּיעלט גאַנץ פּיאַנאָ זיין געליעבטע מעלאָדיע פון מענדעל־זאָנ'ס אָראַטאָריאָ און זינגט אָהן ווערטער. די מאַדאַם קומט וועהרענד ער זינגט און זעצט זיך שטיל אַוועק אויף דער קושעטקע. דער דאָקטאָר רייסט פּלוצלונג אָב, קעהרט זיך אום, בעמערקט די מוטער, געהט צו צו איהר, לאָזט זיך אראָב נעבען איהר אויפ'ן פאָל און לעגט אַניעדער זיין קאָפּ אויף איהרע קניע): מאַמאַ, פאַר וואָס איז ניטאָ פאַר אַזעלכע מענשען, ווי איך, כאָטש אַ קליין שטיקעלע גליק אויף דער גרויסער וועלט? אַליע'ס מוטער האָט מיר מיין הארץ פערגיפטעט, און די האָט מיר מיין הארץ צוטראָטען מיט די פיס...

מאַדאַם: אָה, איידעלער מענש, מיין זוהן, מיין אונגליקליכעס קינד! (אומאַרעמט איהם, ביידע וויינען ביטער).

(פ אָ ר ה א נ ג).

פיערטער אַקט.

דאָס זעלבע צימער. עס איז נאַכט. לאָמפּען ברענען. אויף אַלע טישען פלעשלעך, סיפאָנען, גלעזער, חיוטין שלאָפט אויף דער קושעטקע, זיצענדיג אין אַלע קליידער. פאַניע קומט פון אַן אינערסטע טהיר אין זעהר איינפאַכע קליידער אָהן פענסנע — זי געהט שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, ביז דער טהיר פון דער מאַדאַם'ס צימער. זי איז זעהר בלאַס און טרויעריג. שטעהט ביי דער טהיר לאַנג און הערט זיך צו.

פאַניע (געהט ראַש צו חיוטינ'ען) : מוסיו חיוטין, ענטשולדיגט, מוסיו חיוטין! (זי וועקט איהם).

חיוטין (ערוואַכט, דערשראָקען) : וואָס איז?

פאַניע: איך האָב מורא, דאָרט איז שוין חס וחלילה עפּעס געשעהן. מיר דאַכט זיך, איך האָב געהערט, דער דאָקטאָר וויינט. (חיוטין לויפט אין צווייטען צימער. זי הערט זיך צו). גאָט אין הימעל, פאַרוואָס זאָל אַן אונשולדיגעס קינד בעשטראָפט ווערען? (חיוטין צוריק).

חיוטין: שש, בערוהיגט אייך. עס האָט זיך אייך אויסגעוויזען.... דער דאָקטאָר וויינט ניט און עס איז נאָך דערווייל קיין ענדערונג ניט. אָה, אָרימע ליאָליע! (זעצט זיך צוריק אויפ'ן קושעטקע).

פאַניע: מוסיו חיוטין, אפשר וואָלט איהר געגעבען דעם דאָקטאָר כאָטש אַ גלאָז טהעע? ער האָט אויף זיך אין גאַנצען פערגעסען. איך וועל ברענגען באַלד, און איהר זאָגט איהם. (אב).

חיוטין: איך ווייס ווירקליך ניט, ווי ער האַלט זיך נאָך אויף די פיס. זעקס וואָכען — דאָס איז קיין קלייניגקייט ניט. עס הייסט נאָר ער? און זיי אַלע דאָ אין שטוב? מען דאַרף פערטרייבען דעם שלאָף מיט אַ פּאַפּיראָס. געדענק שוין ניט, ווען איך האָב געשלאָפען... (פערדרויכערט). אָרימע ליאָליעטשקע! (דער דאָקטאָר עפענט די טהיר, ער איז זעהר פערענדערט).

דאָקטאָר: חיוטין, איהר זייט דאָ?

חיוטין (לויפט צו איהם) : וואָס איז, וואָס האָט איהר געדאַרפט? (פאַניע קומט מיט אַ גלאָז טהעע, שטעלט אויפ'ן טיש). דאָקטאָר, אַ גלאָז טהעע פאַר אייך.

דאָקטאָר (צו פאַניע'ן, קאַלט און העפליך): דאַנקע, מאַדאַם, איך וויל ניט קיין טהעע. חיוטין, מען דאַרף וואַרימע וואַסער. זייט אַזוי גוט. (מאַכט צו די טהיר. חיוטין וויל געהן נאָך וואַסער).

פאַניע: זיצט, איך ברענג באַלד. (שטיל אַב).

חיוטין: גאָט בעוואַהר, אַויב עס וועט זיך ענדיגען שלעכט, ווייס איך ניט, ווי אַזוי ער וועט עס אַריבערטראָגען. פאַר איהם איז ניטאָ קיין ראַטה און קיין טרויסט. (פאַניע קומט מיט אַ שיסעל וואַסער).

פאַניע (קלאַפּט שטיל אין טהיר): וואַרימע וואַסער.

דאָקטאָר (אין טהיר): דאַנקע. (נעמט איין זיין פינגער). חיוטין, זייט אַזוי גוט, דאָס וואַסער דאַרף זיין וואַרימער.

פאַניע: וואַרימער? באַלד. (ראַש אָב צוריק מיט'ן שיסעל וואַסער).

דאָקטאָר (זוכט צווישען זיינע פלעשלעך): חיוטין, ווי שפּעט איז דאָס?

חיוטין: באַלד צעהן.

דאָקטאָר: צעהן? איך האָב געמיינט, עס איז שוין איינס אָדער צוויי נאָך האַלבע נאַכט. איך ערוואַרט דעם קריזיס פון מינוט אויף מינוט. אַי! ווי גליקליך זיינען די, וואָס גלויבען, אַז די בלינדע נאַטור זעהט. — זיי קענען בעטען און האָפען. איך ווייס, דאָס בעטען העלפט ניט, אָבער די האָפנונג איז אַזוי זיס. אַי! בלייבען אָהן האָפנונגען איז זעהר שווער. (זיפצט, פאַניע קומט מיט וואַסער). חיוטין, איהר האָט ניט געזעהן, דאָ איז ערגעץ געווען אַ פלעשעל מיט אַראָמאַטנעם עסיג?

פאַניע: אַראָמאַטנע עסיג? אָט איז דער אַראָמאַטנער עסיג. (גיט איהם אַ פלאַש).

דאָקטאָר: דאַנקע. (פּרואווט דאָס וואַסער). ע! עס דאַרף זיין נאָך וואַרימער... איהר דאַרפט אייך ניט בעמיהען, מאַדאַם, איך וועל אַליין. (געהט מיט דער שיסעל אין דער טהיר, פון וואַנען פאַניע איז געקומען).

פאַניע (קוקט זיך אום): איך וועל דערווייל אַ קוק טהאָן, וואָס דאָס קינד טהוט. (עפענט אויף די טהיר).

חיוטין (שטיל): אַי, וויפיעל דראַמאַס און טראַגעדיען עס שפּיעלען זיך אָב אַרום אונז אין דער שטיל...

פאַניע: וועה איז מיר, וועה איז מיר! אָרימע ליאַליע... (פערברעכט די הענד).

חיוטין: איך האָב מורא, עס איז געבליבען זעהר ווייניג האָפנונג.

פאַניע: זאָל גאָט היטען. שש! דער דאָקטאָר געהט. (מאַכט צו די טהיר, געהט אָן אַ זייט. דער דאָקטאָר פּאַסירט דאָס צימער).

חיוטין (שטיל): פון איהר איז שוין ווענינ געבליבען וואס צו דענקען. איך האב מורא פאר איהם...

דאקטאר (אין טהיר): חיוטין, דערלאנגט מיר די פלאש מיט עסיג.

פאניע: דעם אראמאטנעם עסיג? באלד. (זי דערלאנגט איהם די פלאש עסיג).

דאקטאר: דאנקע. חיוטין, זייט אזוי גוט. (חיוטין געהט צו איהם, ער זאגט איהם עפעס און מאכט צו שטיל די טהיר. אב).

חיוטין: מאדאם, דער דאקטאר זאגט, איהר זייט געווים מיעד, איהר מעגט געהן שלאפען. מען וועט אייך מעהר ניט דארפען היינט.

פאניע: ניין, איך בין ניט מיעד. וואס הייסט, איך וועל געהן שלאפען, ווען מען ערווארטעט דעם קריזיס פון מינוט אויף מינוט?

חיוטין: ווי איהר פערשטעהט. (קוקט אויפ׳ן זייגער). יעדע מינוט ציהט זיך ווי א שעה לאנג.

פאניע: אי, ווען די אלטע מאדאם זאל איצט ביינאכט אוועקגעהן אין שול, אויפרייסען דעם ארון קודש און אנהויבען שרייען און בעטען צו גאט... איהרע טרערען וואלטען געעפענט די שערי רחמים...

חיוטין: די מאדאם וועט עס ניט טהאן. אויב איהר גלויבט אין אזא מעדיצין, פאר וואס זאלט איהר דאס ניט טהאן?...

פאניע: איך? מיר פאסט ניט, און מיין געבעט וועט ניט העלפען... איך וואלט נאר געקענט מיט איהר מיטגעהן, שטעהן ביי דער טהיר פון פאלעש און וויינען. מוסיו חיוטין, איבער מיר שטארבט דאס קינד... איך וויים...

חיוטין: נארישקייטען, דאס קינד שטארבט פון טיפוס.

פאניע: ניין! איך וויים, דער דאקטאר האט זי אנגעשטעקט מיט טיפוס איבער מיר.

חיוטין: וויים איך וואס... אזעלכע זאכען טרעפען זיך אפט. ווער קען אייך בעשולדיגען?

פאניע: איך וויים, איך וויים... (זי זעצט זיך שטיל אין א ווינקעלע. דאקטאר קומט, גיסט פון פערשיעדענע מעדיצינען אין זיין פלעשעלע).

דאקטאר: איהר זיצט נאך דא, מאדאם? איך האב דאך שוין געזאגט, עס איז גאנץ איבריג. מען וועט איצט קענען אויסקומען אהן אייך... (מאכט די מיקסטור).

פאניע: איך בין ניט מיעד.

דאקטאר: אייער איבריגער אייפער קען איצט זעהר ווענינ העלפען.

פאניע: איך העלף נאר מיט וואס איך קען.

דאָקטאָר: זעהר גרויסמוטהיג, מאדאם, עס קען אָבער קיין פּראַק־טישען נוצען ניט ברענגען...

פאַניע: יעדער פרעמדער פון גאס וואָלט געטהאָן פאר'ן קראנקען קינד, וואָס איך טהו.

דאָקטאָר: דאנקע, מאדאם, איהר זייט זעהר גוט. אָבער היינט ועט שוין אייער הילף געווים ניט געפאָדערט ווערען. איך געפין, אז אייער אנוועזענהייט דאָ איצט איז גאנץ איבריג. מיר וועלען שוין דאָ מיט חיוטינ'ען אויסקומען אליין... גוטע נאכט. דאנקע. (צייגט אויף דער טהיר. זי געהט געהאָרכזאם אָב). חיוטין, קומט, צוזאמען וועלען מיר אפשר קענען איינ־רעדען די מאמא, זי זאָל זיך אויך געהן אָברוהען.ביידע פרויען דארפען זיך אביסעל אויסרוהען. און... איך האָב מורא, באלד וועט זיך אָנפאנגען די קאטאסטראָפע, נאָך וואָס דארף מען די פרויען זאָלען זיין דערביי? יא, חיוטין, די קאטאסטראָפע קומט, די שרעקליכע קאטאסטראָפע קומט. איהר הערט, ווי עס יאָמערט דער ווינד? (גיט א קוק אין פענסטער). דונקעל, פער־וואָלקענט... אין דרויסען איז פונקט אזוי ווי אינווענינ. חיוטין, די נאטור איז גרויזאם און שלעכט. פאר וואָס קען אָן איינפאכער סאָלדאט פון ארטילעריע אויפטהאָן מעהר פון טויזענד געלערענטע דאָקטוירים? טויטען אין איין אויגענבליק פיעלע לעבענס, אויפרייסען פעסטונגען אָדער שיפען מיט טויזענדער מענשען קען די וויסענשאפט זעהר לייכט, און רעטען דאָס לעבען פון א שוואכעס קינד האָט זי ניט קיין בעשטימטע מיטלען... איז עס ניט דערפאר, וויי'ל די נאטור סימפאטיזירט מעהר מיט דער וויסענשאפט פון פערניכטונג?... קומט, חיוטין, צו אונזער אָרימער אָליע'ן. (ביידע אָב. פויזע. מען הערט ווי דער ווינד רוישט. פאניע קומט צוריק, נאָך איהר פומפיאן אין א מאנטעל, מיט א גרויסען שטעקען, טראָגט א פעקעל זאכען).

פאַניע: שש!... אלע געהען איצט ביי אונז דורכ'ן קיך. דאָס גלעקעל איז איבערגעבונדען. דער דאָקטאָר נעהמט ניט אויף קיינע פאציענטען. באלד. (זי קלאפּט שטיל אין טהיר). מוסיו חיוטין, זאָגט דעם דאָקטאָר, פומפיאן איז געקומען. (געהט צוריק) באלד... עס איז גוט, וואָס איהר זייט געקומען. (הערט זיך צו) ער געהט אהער. (ראש אָב).

פייוועל: אפילו פאניע זרחי'ס איז געוואָרען אזוי שטיל. איין גאָט ווייסט, וואָס דאָ טהוט זיך... מיר ציטערט דאָס הארץ און איך האָב מורא, אז איך וועל איהם דערזעהן, וועל איך זיך צוואויינען ווי א חדר־אינגעל. (דער דאָקטאָר קומט).

דאָקטאָר: פומפיאן! (דריקט זיין האנד). ענדליך געקומען... מיר האָבען דאָ געדארפט דיין הילף, איך האָב דיך יעדע מינוט געדארפט האָבען.

אונזער אָליע, ברודער, אונזער אָליע... זעהר שלעכט... איך האָב זי אָנגעשטעקט מיט א שווערען טיפוס... זעקס וואָכען קעמפּפען מיר, זעהר וועניג שאַנסען געבליעבען... איך קוריר זי ניט אליין — איך האָב קיין פערטרויען ניט צו זיך. דאָקטאָר שעכטער קומט דריי מאָל יעדען טאָג... היינט איז געווען א קאָנסיליום פון פיער דאָקטוירים... פּומפּיאָן, אויב מיין קינד וועט שטארבען, האָב איך ניט צוליעב וואָס און צוליעב וועמען צו לעבען אויף דער וועלט... דו ביסט ניט געקומען באַלד, ווען איך האָב געשריעבען. איך פערשטעה, ביסט געווען בייז אויף מיר. (לאָזט זיך אראָב שווער אויף א קרעסלע). זעהסט, חיוטין איז אויך בייז געווען, ווי אָבער ער האָט ערפאהרען אז ליאָליע איז קראַנק, איז ער באַלד געקומען און זיצט דאָ טאָג און נאַכט. יא, דו האָסט געהאַט א רעכט בייז צו זיין.

פּייוועל: דאָקטאָר, זאָל איך קרענקען, אויב איך בין געווען בייז. פון שאַנדע און וועהטאָג האָב איך ניט געקענט בלייבען אין שטאָדט, בין איך אוועק צו מיינער א מוהמע אין דאָרף. איהר ווייסט דאָך א אידישע פּאַטשט — ערשט היינט ערהאַלטען אייער בריעף, און באַלד היידא, איך האָב אָבגעמאַכאיעט דרייסיג וויאָרסט צופוס און גלייך אַהער. (וויינט). אָי, דאָקטאָר, גוטער דאָקטאָר מיינער, דאָס הארץ טריפט מיר מיט בלוט, קוקענדיג אויף אייך. (דריקט דעם דאָקטאָר'ס האַנד צו זיין הארצען).

דאָקטאָר: יא, ברודער, איך בין אויסגעשפּיעלט... איך בין אויסגעשפּיעלט... א מיאוסע וועלט... א וועלט פון אונגליק, צרות און יסורים. פּומפּיאָן, אויב ליאָליע וועט שטארבען, איז פיניטא לא קאָמעדיא. מיט דיר קען איך רעדען גאַנץ אָפען, איך האָב זיך צוגעגרייט א גוטע דאָזע סטריכנין— און קאַפּוט, ברודער.

פּייוועל: וואָס רעדט איהר דאָס? גאָט איז מיט אייך! און אייער אַלטע מוטער? און מיר אַלע?

דאָקטאָר: איך ווייס, איהר איז געבליעבען וועניג שאַנסען, און מירביידע זיינען שוין נייַנציג פּראָצענט אויף יענער וועלט... איך! איך האָב זי ערמאָרדעט און איך האָב דאָס רעכט זיך אליין צו פעראורטהיילען צום טויט... טאָמער וואָס, איז ניט איבריג דו זאָלסט ווייסען. אין דעם הינטערסטען שופלאָד פון מיין שרייב-טיש ליעגט שוין מיין פארטיגע צוואה... איך האָב דיך אויך ניט פערגעסען, ברודער, איך לאָז דיר איבער אַלע מיינע נייע דאָקטאָרסקי אינסטרומענטען... (פערטראַכט זיך).

פּייוועל: זאָל איך דאָס בעסער ניט דערלעבען...

דאָקטאָר: קום, פּומפּיאָן, ווילסט זי זעהן?

פייוועל: דאָקטאָר, זי האָט טיפוס רעקורענס? (דאָקטאָר הערט ניט,ביידע אב. פאַניע פיהרט אריין איהר פאָטער און מוטער).

פאַניע: שש! קלאַפּט ניט מיט די פיס. איך ווייס ניט, אויב דעם דאָקטאָר וועט גאָר אין גאַנצען זעהר געפעהלען אייער וויזיט.

זרחי: נו, ווי קומט מען עס ניט געוואָהר ווערען? וואָס מאַכט דאָס קינד, האַ?

פאַניע: ווי איך פערשטעה, איז דאָ וועניג האָפנונג.

זרחי: אזוי? גאָט זאָל זיך מרחם זיין.

שרה הינדע: ביילע טשיזיק'ס קען אַ גויה, וועלכע היילט אויס אַזעלכע קראַנקהייטען מיט אַ גראָז. נור די געבילדעטע... זיי גלויבען דאָך ניט. (פּומפּיאַן קומט אַהן אַ סורטוק מיט פערקאַטשעטע ארבעל, נאָך איהם דער דאָקטאָר).

דאָקטאָר: אָה, איהר זייט געקומען זעהן, וואָס ליאָליע מאַכט? איהר פערגעסט ניט מיין ליאָליע, האַ? זעהר פיין פון אייך, דאַנקע. (צו פאַניע'ן). מאַדאַם, איהר וועט זיין אַזוי גוט און ווייזען פּומפּיאַנען, וואו איז וועש, מילך, אייז, די אַלע זאַכען וואָס מען דאַרף. ער וועט איבערנעהמען די גאַנצע ארבייט פון אייך... בין אייך זעהר דאַנקבאַר, וואָס איהר האָט אייך אַזוי פיעל בעמיהט... איצט וועט איהר מעהר ניט דאַרפען בעמיהען זיך. יאַ, עס קען זיין, אונז אַלע איז שוין געבליעבען ניט פיעל צו בעמיהען זיך.

פייוועל: דאָקטאָר, אפשר וויל ניט די מאַדאַם? מען דאַרף פריהער פרעגען.

דאָקטאָר: וועלכע מאַדאַם מיינסטו?

פייוועל: פערשטעהט זיך, איך מיין די יונגע מאַדאַם.

דאָקטאָר: די יונגע מאַדאַם דאַרף מען ניט בעאונרוהיגען מיט קיינע פראַגען... נאָר צו דער אַלטער מאַדאַם זיך ווענדען! (מיט אַ שמייכעלע). מיר, אַלטע, דאַרפען זאָרגען פאַר יעדע זאַך. די יונגע דאַרף מען ניט דולען דעם קאָפּ מיט קלייניגקייטען. ניט וואָהר, מוסיו זרחי? אַלזאָ, מאַדאַם, איהר וועט זיין אַזוי גוט און איהר וועט אייך בעמיהען צו טהאָן, וואָס איך האָב אייך געזאָגט. (אב, צוריק).

פאַניע: קומט, פּומפּיאַן. (וויל געהן).

פייוועל: זיצט, איך וועל אַליין אַלץ געפינען. איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער. (אב אין קיך אריין).

זרחי: וועה איז מיר, עס האָלט הפנים זעהר שלעכט... דער דאָקטאָר איז זעהר צוטראָגען...

שרה הינדע (קוקט אויף פאַניע׳ן פערדעכטיג): זעה נאָר, ווי דיינער רעדט צו דיר, אַזוי ווי צו אַ פרעמדער.

פאַניע: צו אַ פרעמדער גאָר? ביי גראָבע מענשען האָט מען דרך־ארץ נאָר פאַר פרעמדע, מאַן און ווייב אָבער, מיינען זיי, מעגען קריכען איינער דעם אַנדערען אויפ׳ן קאָפּ. אַי, טאַטעניו, דאָס קינד איז זעהר שטאַרק קראַנק. (זרחי עפענט די טהיר אין קיך אריין און הוסט).

שרה הינדע: בעטראַכט נאָר, וואָס פון איהר איז געוואָרען. בהמה, וואָס נעהמסטו זיך אַזוי צום הארצען, עס איז דען דיין קינד? געוויס, עס פערדריסט, אָבער אוועקלעגען זיך איז דאָך ניט כדאי.

פאַניע: איך זאָל האָבען קינדער, וואָלט איך אַלע מיינע קינדער אָבגעבען פאַר איהר. גאָט זאָל ווע̇לען נעהמען מיין לעבען פאַר איהר, וואָלט איך זיך אפילו באַלד געביטען.

שרה הינדע: אַ נויטיגע זאַך, איך זאָג דיר! (פּומפּיאַן קומט צוריק מיט וועש און אַ ריינע שוואָם).

פּייוועל: פּייוועל פּומפּיאַן דאַרף ניט לאַנג זוכען. פערשטאַנען? (אַב, צו דער קראַנקער).

פאַניע: טאַטע, איך האָב דיך וואָס געוואָלט פרעגען, נאָר... ע...

זרחי: וואָס־זשע, עס איז עפּעס אַ שווערע זאַך, אַ קלאָץ־קשיא?

פאַניע: איך האָב געוואָלט וויסען, זאָג מיר... דו גלויבסט, עס איז טאַקע אַן אמת, איך האָב געהערט, מען דערצעהלט, ווען... ע... עס טרעפט זיך עפּעס ביי אידען אַ חטא, שטאַרבען קינדער? דו גלויבסט עס? פאַר וואָס זיינען די קינדער, נעבעך, שולדיג?

זרחי: וואָס פאַלט דיר עפּעס פּלוצלינג איין אַזאַ פראַגע? דו האָסט עפּעס אַ חשד אויף אימיצען ביי אונז אין שטאָדט? (פאַניע פערטראַכט זיך און הערט ניט מעהר).

שרה הינדע (אַפּאַרט): דו הערסט אַ חכם? ער ווייסט ניט פון זיין געזונד.

זרחי: דאָס איז יאַ, ווי מען דערצעהלט די געשיכטע...

שרה הינדע: אַי, פער׳שרפ׳עט זאָל ער ווערען! געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיין געשיכטע.

זרחי: עס קען זיין, עס פּאַסט איצט ניט, אָבער פאַניע, איך מוז עס דיר דערצעהלען, זעהר אַ וואוילע זאַך. צוויי ווייבלעך האָבען זיך געאַמפּערט. איינע זאָגט: ווען אין שטאָדט איז אַ חטא, געהען קינדער. די אַנדערע זאָגט: עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, וואָרום איך וויים דאָך... — ווי אַזוי ווייסטו? — ווי אַזוי איך וויים? איך בין שוין צעהן יאָהר אַן אשת איש...

זאָגט די אַנדערע: עט! וואָס פאַר אַן אשת איש ביסטו? דיין מאַן איז דאָך אַ שניידער. כי! כי! אויך מיר אַן אשת איש! (וויל לאַכען, פערשטיקט זיך און לויפט אַרויס אין קיך, הוסטענדיג).

שרה הינדע (קוקט זיך אום): פאַניע, דו ווייסט, איך האָב זיך איבער דיר היינטיגע וואָך שיער ניט צופּאַטשט אין מאַרק מיט ביילע טשיזיק׳ס. זי זאָגט מיר, אַז דעם דאָקטאָר׳ס ברודער יאַקבי...

פאַניע: איך וויל ניט וויסען, וואָס ביילע טשיזיק׳ס זאָגט. מיך אַרט זעהר ווייניג, וואָס זיי זאָגען!

שרה הינדע: וואָס מיינסטו, עס איז אַ סוד? מען קען די קאַץ אין זאַק ניט בעהאַלטען. אַז דו האָסט מיר ניט דערצעהלט, מיינסטו, ווייס איך ניט יעדעס פּיצעלע?

פאַניע: מאַמע, מיך אַרט ניט, אַז דו ווייסט; מיך אַרט ניט, אַז אפילו די גאַנצע וועלט ווייסט. (פערברעכט די הענד און געהט אום איבער׳ן צימער). מיר איז איצט אַלץ איינס! מיר איז איצט אַלץ איינס. (פּומפּיאַן קומט).

פּייוועל: האָט קיין פּאַראיבעל ניט, איהר וועט מוזען מוחל זיין פון דאַנען. מיר טראָגען אהער אריין דאָס קינד. מעהר לופט, אַ בעסערע טעמפּעראַטורע. אָהן פּומפּיאַן ווייסט מען עפּעס? (צורוקט דאָס מעבעל).

פאַניע: קום, מאַמע, אַהין צו מיר. וואו איז דער טאַטע?

שרה הינדע: ער קען זיך ניט אויספּערכען. אַי, טאַכטער, מיר ביידע האָבען געהאַנדעלט שעהנע מציאות.

פאַניע: מאַמע, דו ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט! ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט. (דער דאָקטאָר מיט חיוטינ׳ען ברענגען אֶליע׳ן אויף אַ בעטעל, בעדעקט מיט ווייסען, נאָך זיי קומט די מאַדאַם. פאַניע קוקט זיך אום, זיפצט און אָב מיט דער מוטער).

דאָקטאָר: שש! אָט אַזוי. פּומפּיאַן איז גערעכט. דאָ וועט זיין בעסער. אַי, איך האָב נאָר מורא, ער איז געקומען מיט זיין עצה צו שפּעט. (זעצט זיך אויף אַ קרעסלע נעבען בעטעל. דאָס קינד וואַרפט זיך און קרעכצט שווער. דער דאָקטאָר דעקט זי צו). פּומפּיאַן, ביסט געווים הונגעריג. איך בעט דיך, געה עס עפּעס. נעהם חיוטינ׳ען מיט. קינדער, קרעפטיגט זיך אונטער אַ ביסעל, מיר וועלען היינט האָבען אַ שרעקליכע נאַכט. (אֶליע קרעכצט).

חיוטין: קומט, פּומפּיאַן, איך וועל טרינקען אַ גלאָז טהעע. איהר דאַרפט אייך איצט געגען מיר ניט גרויס האַלטען. איך בין שוין פון אייערע.. אַ גאַנצער מעדיקוס.

פּיוועל: איך האָב היינט כאור בוקר ביי דער מוהמע געגעסען אַ קניש מיט קאַרטאָפליע און האָב נאָך טאַקע אין מיין מויל ניט געהאַט. (ביידע געהען).

חיוטין (ביי דער טהיר): קנישום קאַרטאָפעניום? (אב).

דאָקטאָר: מאַמעניו, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו זיך געגאַנגען אַ ביסעל צולעגען. איין גאָט ווייסט, וויפיעל דיר שטעהט נאָך פאַר היינט איבערצוטראָגען.

מאַדאַם: ניין, יעווגעני, שלאָפען וויל איך ניט און קען ניט. איך מיין, אויב דו וועסט זיצען דאָ אַ ביסעל, וועל איך אויך געהן טרינקען אַ גלאָז טהעע. (קוקט אויפ׳ן קינד) איך דאַרף זיין געזונד, און אַ קינד, וואָס פאַנגט ערשט אָן לעבען אויף דער וועלט... אָי, גאָה פרעג קשיות. (געהט אָב אין דערזעלבער טהיר ווי אַלע).

דאָקטאָר: ליאָליעטשקע, איצט, ווען איך פערליער דיך, בעגרייף איך ערשט, ווי אונדאַנקבאַר, ווי לייכטזיניג איך בין געוועזן, ווען איך האָב אויסער דיך געזוכט נאָך גליק. איך האָב געהאַט דיך, געהאַט נוצליכע ארבייט, געהאַט אַ צוועק אין לעבען און בין ניט געווען צופריעדען... דו האָסט פּראָטעסטירט, און איך האָב דיך ניט געפאָלגט... איך האָב טהייער דערפאַר בעצאָהלט. אָה, ווען דו זאָלסט יעצט בלייבען מיט מיר! דו הערסט ניט און פערשטעהסט ניט, וואָס דיין פּאַפּאַ זאָגט דיר... אָליע, מיט וועמען וועט דיין פּאַפּאַטשקע בלייבען? מיט וועמען לאָזטו מיך איבער דאָ אויף דער וועלט? (בויגט זיך צו צום בעטעל. פּויזע). אָה, קינד, איך זאָל דיך קענען רעטען! איך קען אָבער ניט. דעם מענשענ׳ס זשעני, די גרויסע וויסענשאַפט, אַלע מעכטע פונ׳ם מענשענ׳ס פערשטאַנד און לאָגיק זיינען ניט אימשטאַנד צו קעמפּפען געגען דער בלינדער נאַטור. פאַר וואָס זאָל אַ בליהענדעס, יונגעס, אונשולדיגעס קינד שטאַרבען? פרעגט די מאַמאַ. טויזענדער יאָהרען פרעגען מענשען די פראגע און קיין ענטפער איז ניטאָ. וואו איז די גערעכטיגקייט? די ברוטאַלע נאַטור ווייסט ניט פון דעם בעגריף, וועלכען מיר רופען מיט דעם נאָמען. (שפּאַרט אָן זיין קאָפּ צום בעטעל). איך זאָל זיין אַן אונוויסענדער מענש, וואָלט איך איצט געלאָפען צו דאָקטוירים, געקלאַפּט אין זייערע טהירען, געזוכט אַ בעריהמטען פּראָפעסאָר... איך וואָלט געגלויבט, אַז זיי זאָלען זיך נור וועלען אַ כח אָנטהאָן, אַז איך זאָל זיי נור קענען גוט בעצאָהלען, וואָלטען זיי מיר געוויס גערעטעט דאָס קינד. ליידער, איך וויים, ווי בעגרענצט איז די מאַכט פון דער מעדיצין. מיר קענען נור מיטהעלפען דער נאַטור, מיר קענען אין דעם מענשענ׳ס אָרגאַניזם פערשטאַרקען אָדער אָבשוואַכען אייניגע פון איהרע

פראַצעסען, — אַבשטעלען אָבער דעם טויט קענען מיר ניט, מיר קענען ניט, מיר קענען ניט! אַי! (ער זיפצט שווער. פויזע. דער דאָקטאָר שלאָפט איין, אָנגעשפאַרט אויפ'ן בעטעל. פ א נ י ע עפענט שטיל די טהיר און שטעהט עטליכע מינוט אונבעשלאָסען. נאָכדעם מאַכט זי צו די טהיר און געהט לאַנגזאַם און גאַנץ שטיל צום בעטעל, קוקט אויף אַליען, פערברעכענדיג די הענד, און בלייבט שטעהן. נאָכדעם הויבט זי אויף איהרע אויגען אויפ'ן דאָקטאָר. אין דעם אויגענבליק קומט אריין שטיל די מ א ד א ם, זי בלייבט שטעהן, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. פאַניע קוקט לאַנג אויפ'ן דאָקטאָר מיט ליעבע און בעדויערען, דאַן בויגט זי זיך צו און קושט לאַנג דאָס האָליץ פונ'ם בענקעל, אויף וועלכען ער זיצט. זי קעהרט זיך אָב און ווײנט שטיל. ווען זי ווישט אויס איהרע טרערען און געהט צו דער טהיר, בעמערקט זי די מאַדאַם און בלייבט איבערראַשט. אונערוואַרטעט גיט זי די אַלטע א ציה צו זיך, מאַכט א צייכען זי זאָל שווייגען, אומאַרעמט זי, און ביידע פרויען ווײנען גאַנץ שטיל איינע ביי דער אַנדערער אין די אָרעמס. פאַניע בעפרייט זיך ענדליך און געהט ראַש אַב. . די מאַדאַם בלייבט שטעהן און ווישט איהרע טרערען).

אַליע (שרייט פּלוצים אויס): פּאַפּאַ! אָה, פּאַפּאַ! (ווערט ענט־שווייגען. מען הערט ניט מעהר קיינע קרעכצען פון איהר).

דאָקטאָר (ערוואַכט): האַ? מיר דאַכט זיך, זי האָט מיך גערופען, דו האָסט געהערט מאַמאַ? ליאַליעטשקע! שש! זי שלאָפט... דער פּולס רוהיגער... האַ? מאַמעניו מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט. איך גלויב זיך אַליין ניט. מען דאַרף שיקען נאָך דאָקטאָר שעכטער. (אין טהיר). טס! פּומפּיאַן. אהער, גיכער! (פּומפּיאַן לויפט אריין, נאָך איהם חיוטין. שפּעטער זרחי, שרה הינדע. פאַניע בלייבט שטעהן אויפ'ן שוועל).

פּיווועל (דערשראָקען): וואָס איז? שוין, מאַרטאַ?

דאָקטאָר: דער קריזיס! גיב א קוק, איך בעט דיך. אפשר נאַר איך זיך אָב... מיר דאַכט זיך, זי איז רוהיגער, זי אטהעמט רוהיגער... פּומפּיאַן, מיר ווייזט זיך אויס, זי שוויצט...

פּיווועל: יא, זאָל איך אזוי אויסהאַלטען מיין פעלדשערסקי עקזאַמען. וואָס? איהר צווייפעלט? אפילו אזא פראָסטער מענש, ווי מוסיו חיוטין, וועט אויך זאָגען... זאָל איך אזוי לעבען. (רופט מיט'ן האַנד חיוטין).

חיוטין: קאָלעגאַ פּומפּיאַן, איך פיהל עס... טהייערע אַליעטשקע, זי שלאָפט... אזוי לאַנג ניט געשלאָפען...

דאָקטאָר (אונטערזוכט דאָס קינד נאָך א מאָל): פּומפּיאַן, אַי! מיר דאַכט זיך, איך האָב ניט קיין טעות. (דריקט זיין האַנד). מאַמאַ, מיר דאַכט

זיך, עס האָט געגומען אַ גוטע ווענדונג. (אומאַרמט זי) האָפנונג! גוטער חיוטין, פריינד, מיר דאַכט, עס איז דאָ אַ האָפנונג צו לעבען... מיר װעלען ניט פערליערען אונזער ליאַליען! מיר וועלען ניט פערליערען אונזער ליאַליען! (אומאַרעמט איהם, לויפט ווידער צום קינד). האַ? קיין צווייפעל מעהר. אַי, ר׳ זרחי, עס קען נאָך זיין, אַז כאָטש איין מאָל אין מיין לעבען, וועל איך אויך זיין אַ גליקליכער.

זרחי: געלויבט איז גאָט... ברוך רופא חולים... איהר ווייסט ניט מיט וואָס פאַר אַ שווער הארץ איך בין געגאַנגען אהער און מיט וואָס פאַר אַ שמחה איך געה אהיים. קום, שרה הינדע.

שרה הינדע: יאַ, קום. מיר האָבען געלאָזט ביי נאַכט די שטוב אויף הפקר. איך האָב דען געקענט איינזיצען. איך ווייס ניט, ווי אזוי איך וואָלט דאָס אויסגעהאַלטען. נו, דאַנקען גאָט, קום.

פאַניע (אין טהיר): טאַטע, האַר אויס איין מינוט אויף מיר... איין מינוט. (מאַכט צו די טהיר. אָב).

דאָקטאָר (נעבען אַליען): יאַ, דער פּולס האָט גאָר אַנאַנדער ריטם. אַ טיעפער, רוהיגער שלאָף. זי אָטהעמט אַנדערש. האַ? יאַ, זי שוויצט... פּומפּיאַן, ווי מיינסטו מען דאַרף שיקען נאָך דאָקטאָר שעכטער, אָדער אַזעלכע צוויי גרויסע דאָקטוירים ווי דו און איך, איז גענוג? און חיוטין, מיינסטו, איז פון אַזעלכע, וואָס מען קויפט צוויי פאַר אַ גראָשען? מיר האָבען דאָך דאָ אַ גאַנצען אייגענעם קאָנסיליום. קאָלעגיום סאַניטאַטיס, בענע? עס איז גוט, האַ? מאַמטשיק, דו זאָלסט מיך וועלען פאָלגען, וואָלסטו איצט געגאַנגען שלאָפען. צייט דיינע אַלטע ביינדלעך זאָלען זיך אויסרוהען.

מאַדאַם: יעוועניי, מיר וועלען זיך איצט שוין אַלע אויסשלאָפען. מיר וועלען אַזוי כראָפּען, אַז אַלע צרות וועלען זיך פון דאַנען צולויפען פאַר שרעק. (גיט אַ קוק אויף שרה הינדע און זאָגט עפּעס שטיל דעם דאָקטאָר).

שרה הינדע: זי זאָגט, אַלע צרות וועלען זיך פון דאַנען צולויפען, און קוקט אויף מיר.

זרחי (שטיל): שרה הינדע, וואָס האָט עפּעס פאַניע געהייסען וואַרטען?

שרה הינדע: איך ווייס? זי האָט דאָ אַ פּנים אין שטוב ווי אַ שוואַרץ יאָהר. מען ווייסט גאָר ניט, אַז זי איז דאָ. אויף מיר אַ דאָקטאָרשע! האָט קיין שכל ניט געהאַט, פער׳שרפ׳עט זאָל זי ווערען!

זרחי: שוטה, וועמען ליעגט איצט אין זין? עס וועט ווערען פרעהליכער אויפ׳ן הארצען, וועט דער דאָקטאָר זיך דערמאָהנען אויף דער דאָקטאָרשע. אָט איז זי! וואוהין איז דאָס? (פאַניע קומט מיט אַ קליין

פּעקעלע זאַכען. אַ טיכעל אויפ'ן קאָפּ, אַ מענטעלע אויף די שולטערען).

שרה הינדע: וואוהין קלייבסטו זיך אַזוי שפּעט, פערחשכ'טע דאָקטאָרשע מיינע?

פאַניע: טאַטע, איך וויל געהן מיט דיר אַהיים. איך געה אַוועק פון דאַנען.

שרה הינדע: וואָס? וואוהין אַהיים?! (אַלע ערשטוינט, נור דער דאָקטאָר בלייבט רוהיג).

פאַניע: מאַמע, וועסט טענה'ן מיט מיר אין דער היים. וועסט האָבען געגוג צייט. (מיט אַ ביטערען שמייכעל). דו דאַרפסט וויסען, טאַטע, איך בין שוין לאַנג ניט קיין היגע. איך... איך בין שוין לאַנג ניט דעם דאָקטאָר'ס פרוי מעהר. מיר זיינען פרעמדע, און איך וויל דאָס מעהר ניט פערלייקענען.

זרחי: וואָס איז דאָס? מיין מח קען דאָס ניט בעגרייפען. דאָקטאָר, וואָס רעדט זי דאָס?

דאָקטאָר: מיין פריינד, זי דערצעהלט אייך די ריכטיגע וואהרהייט, אַזוי איז דאָס. (צו פאַניע'ן). ווי איך געדענק, מאַדאַם, האָט אייך זעהר געשראָקען דאָס אַוועקגעהן פון דאַנען. איהר האָט מורא געהאַט, דאָס וועט אייך שטויסען אויפ'ן וועג פון אונגליק. איך האָב קיין רעכט און האָב קיין פערלאַנג ניט אייך דאַ צו פערהאַלטען. איהר זייט פריי און קענט געהן, ווען איהר ווילט און וואוהין איהר ווילט. אָבער צווינגען אייך געהן פון דאַנען דאַרף קיינער ניט. די קאָנדיציאָנען האָבען זיך ניט געביטען. קיין מענש, ווער עס זאָל ניט זיין, וועט פון מיין הויז ניט אַרויסגעשטויסען ווערען אויף דער גאַס.

פאַניע: דאָקטאָר, קיינער צווינגט מיך ניט און קיינער טרייבט מיך ניט, חלילה. איך געה אַליין.

שרה הינדע: הערסט אַ חכמה! אַז מען טרייבט דיך ניט, נאָך וואָס זאָלסטו געהן?

פאַניע: יאַ, דאַמאַלס האָט עס מיך געשראָקען, איך האָב אום יעדען פּרייז געוואָלט בלייבען אַ מאַדאַם, עסען זיס און שלאָפען ווייך. איך האָב געמיינט, דאָס גאַנצע גליק איז נאָר אויסצואווייזען, ווי אַ מאַדאַם. איצט פערשטעה איך אַ ביסעל אַנדערש. איך וואָלט נאָך מיט צוויי וואָכען צוריק פערלאָזען דאָס הויז, נור ליאָליע'ס צושטאַנד האָט מיר ניט ערלויבט. איצט, ווען זי איז, גאָט צו דאַנקען, בעסער, מעג איך געהן. מיך שרעקט מעהר ניט, וואָס דער טאַטע, די גאַנצע וועלט וועט וויסען. פערקעהרט, איך מיין, וואָס מעהר איך וועל ליידען, וועל איך אַלץ בעסער פיהלען. ווענינגסטענס וועל איך וויסען, אַז מיט מיינע צרות צאָהל איך אויס מיין שווערען חוב...

דאָקטאָר: מאדאם, וועגען אַלטע חובות דאַרפט איהר אייך ווענינ קימערען. זאָרגט פאַר דער צוקונפט...

פאַניע: איך זאָרג מיך זעהר ווענינ וועגען מיין צוקונפט. וואָס עס וועט זיין — וועט זיין. איך ווייס ניט, אויב דאָס אינטערעסירט אייך, נאָר איך פערזיכער אייך, איך וועל געהן אויף א שטעלע אין האָספּיטאל. איך האָב מיך די לעצטע צייט צוגעקוקט צו אזא ארבייט, און עס געפעהלט מיר. אויב ניט, וועל איך דינען... אָדער...

שרה הינדע: קוק זי נאָר אָן! אָדער זי איז געקראָכען ביז די וואָלקענס, אָדער זי קריכט אין דר'ערד. וואָס הייסט דינען? וואָס מיינסטו, מיר וועלען שווייגען? וואו בין איך עפּעס, האַ?

פאַניע: מאַמע, וועסט טענה'ן מיט מיר אין דערהיים, וויפיעל דו וועסט וועלען. איך בין שולדיג אַליין און צו מיר אַליין דאַרפסטו טענה'ן, נור צו מיר!

דאָקטאָר: ר' זרחי, אויב איהר וועט האָבען אירגענד וועלכע פּרעטענזיעס צו מיר, קומט צוגעהן און מיר וועלען אַלץ בעשפּרעכען. איך האָף, מיר וועלען זיך צושיידען, ווי אַנשטענדיגע מענשען. מאַדאם, אַלע אייערע קליידער, אייערע זאַכען, ציערונג געהערט אייך און איהר קענט עס נעהמען מיט זיך.

פאַניע: ניין, איך וויל עס ניט און דאַרף עס ניט.

שרה הינדע: וואָס הייסט, דו דאַרפסט ניט? אַי, א בראַנד זאָל איהר אין די ביינער אריין!...

זרחי: ווי באַלד מיינע זעהט, אז אוים מחותנים, וועט זי שוין עפּענען איהר מויל כדת משה וישראל...

פאַניע: איך האָב עס ניט פערדיענט צו האָבען, און אויסער דעם, איך ווייס ניט פאַר וואָס, מיר איז דאָס אַלץ נמאס געוואָרען... מאַמע, אין דערהיים וועסטו מיט מיר לערנען בלק. (שטיל) אויב דו וועסט וועלען, וועסטו מיך מעגען אפילו שלאָגען, וויפיעל דיין הארץ וועט געלוסטען, מיך הארט ניט. מיך הארט קיין זאַך ניט... קומט, לאָמיר געהן, האָט א גוטע נאַכט אַלע... גוטע מאַדאם, האָט א גוטע נאַכט, איך בין ניט ווערטה געווען צו האָבען אזא מאַמא.

זרחי: רבונו מרא דעלמא כולא, וואָס טהוט זיך דאָ? זאָל איך שטאַרבען, אויב איך פערשטעה א וואָרט עברי... דאַכט זיך, מען רעדט ניט טערקיש, און איך פערשטעה ניט.

פאַניע: טאַטע, דיר וועל איך אַלץ דערצעהלען, דעם גאַנצען אמת... דאָקטאָר, אויב איהר וועט ערלויבען וועל איך נאָך איין מאָל א קוק טהאָן אויף אַליען און אָבגעזעגענען זיך מיט איהר. עס איז וואָהר, איך בין איהר

קיין מוטער ניט געווען — ווי קום איך מיט מיין שכל זיין א מוטער צו אזא קינד? — אָבער קיין שטיעפמוטער בין איך איהר אויך ניט געווען. (טרערען ציטערען אין איהר שטימע).

דאָקטאָר: מאדאם, דאָס קינד איז שוואך, דאָס קינד שלאָפט... דאך אויב איהר ווילט זי זעהן, האָב איך געווים ניט דאגעגען... אייערעביידענס וועגען צוגעהען זיך יעצט און עס קאן זיין, איהר וועט זי ניט גיך נאָך אמאָל בעגעגענען.

פאַניע (געהט צום בעטעל): זיי געזונד, אָליעטשקע. אז דו וועסט, אם ירצה השם, אין גיכען אויפשטעהן, וועסטו שוין ניט הערען קיין מיאוס'ע רייד און ניט זעהן קיין שלעכטע מענשען — איך געה אוועק. (בייגט זיך צו, קוסט זי פּאַרזיכטיג און ווישט אָב א טרער). נו, טאַטע, קום. האָט א גוטע נאכט. איך וויים, וויפיעל צרות איך האָב אייך געבראכט אין שטוב אריין. הלואי וואָלט איך אַלץ געקענט נעהמען מיט זיך צוריק. עס איז אָבער פערפאַלען. האָט א גוטע נאכט. (זי, זרחי און שרה הינדע געהען).

דאָקטאָר: גוטע נאכט. ווינש אייך אין דער צוקונפט מעהר ערפאָלג. מיך פרעהט זעהר, וואָס מיר שיידען זיך שטיל, אָהן סקאַנדאַלען און קריעג; מעהר אָדער ווענינער ווי אנשטענדיגע מענשען. איך גיב אייך מיין האנד, מאדאם, אַלס א בעוויז, דאָס אויב מיר קענען זיך ניט שיידען ווי גוטע פריינד, שיידען מיר זיך דאך ניט ווי פיינד. (שטרעקט אויס זיין האנד).

פאַניע: אייער האנד? (טראכט) ניין! ניין! איך האָב נאָר א טראכט געטהאָן, אז איך וועל זיך צוריהרען צו אייער האנד, האָט מיר אָנגעהויבען וואַרפען הענד און פיס. ניין! אייער האנד ניט. נאָר אויב איהר וועט מיר ערלויבען... (וויינט שטאַרק) אויב איהר וועט מיר ערלויבען, וועל איך פאַלען צו אייערע פיס... (פאַלט צו דער ערד). וועל קוסען די ערד נעבען אייערע טריט. וועל אָבוואַשען מיט מיינע טרערען... מיט מיינע טרערען... (קען ניט רעדען פון געוויין).

מאַדאַם: יעווגעני, ווי ערלויבסטו אזא ערניעדערונג פון א מענשען? (וויינט).

דאָקטאָר (רוהיג): מאמא, איך זאָל זיין א ליבעראַל אָדער א פילאַנ־טראָפּ, וואָלט איך זיך געמאכט, אז איך בין אויסער זיך, וואָס א פרוי ליעגט אויף דר'ערד און וויינט... איך רעכען פערקעהרט, איך האָב קיין רעכט די ערניעדערונג ניט צו ערלויבען, וואָרום די ערניעדערונג ערהויבט, און די ביטערע טרערען מאכען גרינגער די לאַסט, וואָס דריקט דאָס הארץ... אָט דעם טרויסט און די ערלייכטערונג וויל איך ביי איהר ניט רויבען... יא, אונגליקליכעס וועזען, וויין אוים מיט דיינע טרערען אַלץ, וואָס עס דריקט

דיך צו דער ערד, און שטעה אויף א פרייע און אויסערלייזטע פרוי. (פאניע און אלע פרויען וויינען).

פאניע (שטעהט אויף): דאנקע, איהר האט רעכט... מיר איז א ביסעל געוואָרען גרינגער אויפ'ן הארצען. איצט האט א גוטע נאכט.

דאָקטאָר: האט א גוטע נאכט. איך ווינש אייך ניט קיין שלעכטס.

זרחי: האט א גוטע נאכט... איך פערשטעה כלל וכלל גארנישט. אבער איך בין זיכער, אז אזא איידעלער מענש, ווי איהר... האט א גוטע נאכט.

שרה הינדע: נו, האסט זיך שוין דא געקניעט און געבוקט צו אלע אריסטאָקראטען? וועסט זיך שוין ביי מיר קניען און בוקען אין דער היים, האר אוים! (זיי געהען אלע).

פאניע: יא, מאמע, ווערסט טהאן מיט מיר אין דערהיים, וואס דו ווילסט. מיר איז אלץ איינס. א גוטע נאכט. (עפענט די טהיר).

דאָקטאָר: נאך איין וואָרט... מאדאם, איהר זאגט, איהר ווילט איצט געהן פיהרען אן עהרליך לעבען? אהער געהט נעהענטער! וואס שטעהט איהר ביי דער טהיר? איך מוז אייך זאגען די ווארהייט, איך האב די גאנצע צייט אן אויג פון אייך ניט אראבגעלאזט. איך ווייס, אלץ וואס איהר זאגט איצט, זיינען ניט קיין בלויזע פראזען. איהר האט דאס דורכ־געפיהלט און דורכגעליטען. יא, איך גלויב, איהר ווילט איצט פיהרען אן עהרליך לעבען, און אויב אזוי, פאניע, פאר וואס זאלט איהר ניט בלייבען דא ביי אונז, מיט אונז? (פאניע וויינט). פאניע, וויינט ניט... איך ווייס, איהר האט די לעצטע צייט אין דער שטיל געגוג געוויינט. מיינט ניט, איך האב ניט געזעהן אייערע פערבארגענע טרערען און האב ניט געהערט אייערע פערשטיקטע זיפצען. (נעהמט איהר האנד). פאניע, איך ווייס, דו האסט די לעצטע צייט מיך א ביסעלע ליעב געקריגען און איך, נאך וואס זאל איך לייקענען? איך האב דיך קיינמאל ניט פיינט געהאט... קום אהער צו מיר, אומגליקליכעס קינד. און זאל אלץ פערגעסען ווערען. (דריקט איהר האנד).

פאניע: דאָקטאָר, די גאנצע וועלט ווייסט, איך בין אייך געווען אונ־טריי. ווי וועט איהר עס קענען פערגעסען?

דאָקטאָר: פערגעסען? איך וויל ניט זאגען קיין ליגען. עס קען זיין, איך וועל ניט קענען. עס קען זיין, עס איז אונמעגליך דאס צו פערגעסען. אבער איך בין זיכער, איך וועל שטענדיג זיין מענש גענוג צו געדענקען, דאס עס איז ניטא קיין שטערבליכער אויף דער וועלט, וועלכער האט ניט געזינדיגט. איך וועל שטענדיג זיין מענש גענוג, איך זאל מיט קיין וואָרט, מיט קיין וואונק, מיט קיין מינע ניט דערמאָהנען דאס פערגאנגענע און אויפ־דעקען די אלטע וואונדען. פאניע, וואס די גאנצע וועלט ווייסט, הארט מיך

ווענינ. אויב זיי ווע̇לען דיר ניט פערגעבען, פערגיב איך דיר. דאָס שרעקליכסטע איז ניט דאָס, וואָס דו האָסט געלעבט מיט אַן אַנדערען. דאָס שרעקליכסטע איז דאָס, וואָס דו האָסט גע̇לעבט מיט מיר, ווען דו האָסט מיך ניט גע̇ליעבט.

פאַניע: ווי אַזוי האָב איך דיך געקענט ליעבען, אַז איך האָב דיך ניט געקענט פערשטעהן? אַז איך האָב ניט בעגריפען, ווי שטאַרק, ווי גרויס, ווי מעכטיג דו ביסט? מיר, פּראָסטע מענשען, מיינען, אַז שטאַרק איז דאָס, וואָס שרייט, דונערט, ברעכט, רייסט... און די אמת'ע קראַפט, די וואהרע, די גרויסע מאַכט איז אַזוי שטי̇ל, פערבאָרגען...

זרחי: ווען גאָט איז ערשיענען צו אליהו הנביא, איז ניט אינ'ם ווינד, וואָס ברעכט שטיינער, איז ער געווען, ניט אין שטורם, ניט אין פייער, נאָר אין דער צאַרטער שטי̇לקייט — קו̇ל דממה דקה, דאָס איז די אמת'ע קראַפט.

פאַניע: צו שעצען די אמת'ע, די וואהרע מאַכט, דאָס קומט אונז אָן מיט צרות. אבער ווען מיר הויבען שוין יא אָן צו פערשטעהן... אָה, ווען מיר הויבען שוין אָן צו פערשטעהן!...

חיוטין: אָט דאָס איז דאָך דאָס אונגליק מיט דעם מענשען פון פאָלק. ווי ער הויבט אָן אַ ביסע̇ל פערשטעהן — הויבט ער אָן פערגעטערען. פער־געטערען דאַרף מען קיינעם ניט! קיינעם ניט!

דאָקטאָר: ער וויל זיך מיט מיר קריעגען, ווייל ער פערגינט מיר ניט די פערגעטערונג.

חיוטין: מיט איהם קריעגען! אויף מיין וואָרט, ער ווייסט א̇ליין, ניט, ווי גרויס ער איז... דאָס איז די אמת'ע גרויסקייט: זי ווייסט ניט, אַז זי איז גרויס... זי בעזיעגט אָבער א̇לץ און בעהערשט יעדען. (אומאַרעמט איהם). מאַדאַם גאָלדענוויזער, איך האָף, איך וועל יעצט פערדיענען אייער פריינד צו זיין. (קוסט פאַניע'ס האַנד מיט גרויסער אַכטונג).

מאַדאַם: קום אַהער צו מיר, פאַניע, קום צו מיר, אָרימעס קינד. האָסט זיך, נעבעך, גענוג אָנגעליטען. (פאַניע זעצט זיך נעבען איהר). טאָכטער מיינע, די וואהרע פרייד קומט נאָר דורך גרויסע שמערצען... (אומאַרמט זי). קום אַהער, יעווגעני. איך ווייס, איהר האָט פיע̇ל פון וואָס צו רעדען. (ווען דער דאָקטאָר געהט צו, שטעהט פאַניע אויף. ווען ער זעצט זיך, זעצט זי זיך נעבען זיינע פיס אויף דר'ערד. זיי רעדען שטי̇ל און רוהיג. א̇לע מיט'ן רוקען צום קראַנקען קינד'ס בעטע̇ל. פּומפּיאַן געהט צו צום בעטע̇ל, אונטערזוכט די קראַנקע. קיינער בעמערקט איהם ניט).

חיוטין (צו זרחי'ן און שרה הינדע'ן): נו, איצט קענט איהר זיצען אַביסע̇ל. מאַדאַם שרה הינדע, איהר האָט ערשטע פערלוירען אַ גוטען

פאָדריאַד. איהר האָט שוין געמיינט, איהר וועט האָבען וועמען צו שעלטען און פלוכען יאָהרען לאַנג, צום סוף — בלאָ! פאַניע איז יעצט אונזערע אויף צו אמת.

זרחי: דאָס דערמאָהנט מיר אַ וואוילע זאַך. איהר האָט דאָך מסתמא געהערט די געשיכטע פון צוויי ווייבער, וואָס האָבען זיך געקריעגט אום פעלד־מעסטען, איהר ווייסט, וואָס פעלד איז אין אידיש?... אַ אידיש פעלד איז דער בית עולם.... הערט־זשע... (זיי זעצען זיך אַלע דריי, זרחי דערצעהלט שטיל).

פאַניע: איך גלויב זיך אַליין ניט. איז דאָס מעגליך? מיר זיינען קיין פרעמדע ניט מעהר? פערגעבען? אַלץ פערגעבען? גאָטעניו פאָטער, איך פערדיען דאָס ניט....

דאָקטאָר: קינד, ווען מיר זיינען געווען אייגענע, זיינען מיר געווען פרעמד, און ווען מיר זיינען געווען פרעמדע, זיינען מיר געוואָרען אייגענע... יאַ, פאַניע, פערגעבען אויף אימער און אייביג. וואָרום פערשטעהן, הייסט: פערגעבען... (ער לעגט זיין האַנד אויף איהר קאָפּ. ביידע גרופען רעדען גאַנץ שטיל און רוהיג).

פייוועל (בלייבט איינינע אויגענבליקען ווי פערשטיינערט, גאַנץ שטיל): די לעבעדיגע דענקען פון לעבען... אֵי, עס איז גוט, וואָס ער איז איצט ניט אַליין... דאָך זיין גרינגער אַריבערצוטראָגען. און דאָס... קינד... איז טויט... אָרימע ליאַליע! (פאַלט צו צום בעטעל און וויינט שטיל. אַלע רוהיג און גליקליך, ווי פריהער).

(פ אָ ר ה א נ ג).

דער אונבעקאַנטער
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען
מיט אַ פּראָלאָג

DER UNBEKANNTER:

Copyright, 1907, by Jacob Gordin.
Copyright, 1911, by the Estate of Jacob M. Gordin.
The right to produce in Yiddish belongs to Kenie Lipzin Mintz.
All other rights or any part thereof reserved by the Estate of Jacob M. Gordin.

פּערזאָנען

(און די אַרטיסטען, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערסטער אויפפיהרונג).

שמואל אשכּנזי, אַ רייכער סוחר, אַלט אַ יאָהר 60.........לעאָן בלאַנק
בערטאַ, זיין עלטערע טאָכטער, אַ שעהנער בלאַסער אינטעליגענטער
פּנים, האָט אַ קליינעם הויקער, שטענדיג געקליידט איינפאַך און
מיט גוסט, 25 יאָהר אַלט..................מאַד. ק. ליפּצין
טאָליע, זיין זוהן, אַ גימנאַזיסט, 19—18 יאָהר..........דזשייקאָב קאָהן
אידאַ, זיין צווייטע טאָכטער, אַ גימנאַזיסטין, 17—16 יאָהר..מאַד. ווילענסקי
מיליע, זיין אינגסטעס קינד, 10—9 יאָהר...........דזשעני גאָלדשטיין
סאָפיע גרינשטיין, אַן אַלמנה, אשכּנזי'ס צווייטע פרוי, 35 יאָהר
מאַד. עפּשטיין
נינאַ, איהר טאָכטער, 17 יאָהר.....................מיס ציטלין
בערנאַרד זילבערמאַן, אשכּנזי'ס געשעפטספיהרער, 35 יאָהר
מ. מאָשקאָוויטש
לואיס קאָרשונסקי, אַן אינזשעניער טעכנאָלאָג, 28—27 יאָהר....טאָביאַס
שליאָמע הויז (שלמה זילבערמאַן), בערנאַרד'ס פאָטער, 60 יאָהר
ז. מאָגולעסקאָ
שרה הינדע, זיין פרוי, דיזעלבע יאָהרען (זעהר אַ העסליכע און זעהר
אַ גוטע פרוי)......................מאַד. נאַדאָלסקי
אַ דיענער, אַ דיענסט.

פּערזאָניפיצירונגען:

דער אונבעקאַנטער .... מ. מאָשקאָוויטש
די פרוי .... מאַד. עפּשטיין

האָפנונגען, טרוימערייען, אונזעהבאַרע גייסטער.

עס קומט פאָר אין אַ קליינער שטאָדט אין זיד־רוסלאַנד. די צייט — די 90גער
יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט.

פּראָלאָג.

(אַן אָפּענער פּלאַץ לעבען אַ וועלדעל, אַלץ איז פערגאָסען מיט רויטע שטראַהלען פון דער זון, וועלכע האַלט ביים אונטערגעהן, לאַנגזאַם ווערט גרויער און גרויער, ביז עס ווערט דונקעל. פון אָנפאַנג לעבהאַפטע און פאַרביגע מוזיק, נאָכדעם טרויעריג און פּיאַנאָ. דאַן, ווען עס ווערט דונקעל, הערט מען דאָס לאַנגזאַמע און טרויעריגע קלינגען פון אַ קירכען־גלאָק, אונזעהבאַרע גייסטער זינגען אין דעם כאַראַקטער פון אַ רעקוויום.)

(דער אונבעקאַנטער ערשיינט פון צווישען די ביימער, פערוויקעלט אין אַ שוואַרצען מאַנטעל. אויף זיינע הענד זעהט מען ווייסע האַנדשוה. ער געהט לאַנגזאַם. דאָס געזאַנג הערט אויף, דאָס קירכען־גלאָק הערט ניט אויף צו שאַלען, טרויעריג און לאַנגזאַם.)

דער אונבעקאַנטער: די נאַכט איז געקומען און אַלץ איז פערוויקעלט אין דונקעלהייט. שוואַרצע געדאַנקען און טרויעריגע געפיהלען קומען צוזאַמען מיט דער פינסטערניס. די נאַכט איז אַ פאָרבערייטונג צום שטאַרבען, דער שלאָף איז אַ פאָרבילד פונ׳ם טויט. אינ׳ם מענשענ׳ס געזעלשאַפט, אין דער וועלט פון חיות און פלאַנצונגען, אומעדום פראָגרעסירט דער טויט און פערכאַפּט אַלץ מעהר און מעהר פּלאַץ. דאָס לעבען ווערט בעזיעגט, אונטערדריקט, פערקירצט און געיאָגט. מיר געהען מיט יעדען אויגענבליק זיכערער און נעהענטער צו אונזער ענדליכען ציעל — צו פערניכטונג און טויט. די צייט וועט קומען, ווען אַלץ דאָ אויף דער ערד וועט פערזונקען ווערען אין אַן אייביגע שטילקייט, אין אַן אייביגע קעלט, אין אַן אייביגע פינסטערניס. מיט׳ן לעצטער שטראַהל פון דער זון וועט אויסגעלאָשען ווערען דער לעצטער פונק פונ׳ם לעבען און דאַן וועט קומען דער אייביגער טויט... די בלומען פון גאָרטען, די ביימער פונ׳ם וואַלד, די חיות פונ׳ם פעלד, די אַלע פישען פון די וואַסערען צוזאַמען מיט׳ן מאָרך פונ׳ם דענקער, מיט׳ן האַרץ פונ׳ם דיכטער און מיט דער בויענדער האַנד פונ׳ם אַרכיטעקט — אַלץ צוזאַמען וועט ווערען איין קאַלטע, דונקעלע, שטילע, לעבענסלאָזע מאַסע. (ער בלייבט שטעהן שטיל, פערזונקען אין זיינע געדאַנקען. פּלוצלינג ווערט ער אונרוהיג און קוקט אויפ׳ן הימעל. עס הויבט אָן ווערען ליכטיגער. דאָס קירכען־גלאָק הערט אויף קלינגען. מען הערט פון

צווישען די בוימער דאָס פרעהליכע געזאַנג פון אַ נאַכטיגאַל. די לבנה שווימט אַרוים און בעגיסט אַלץ מיט זילבערנע שטראַהלען. די האָפנונגען און טרוימערייען זינגען לוסטיג:)

כ אָ ר:

ווי שעהן און ווי פּרעכטיג איז די רוהיגע נאַכט!...
דער מענש רוהט פון זיין אַרבייט. די בוימער שטעהען פערטראַכט.
דער ליכטיגער מאָנד בלייבט דאָ ביז'ן מאָרגען,
פערשוויגען איז דער טומעל, פערגעסען אַלע זאָרגען.
די נאַכט איז געשאַפען ניט פיר מערדער און דיעבע,
זי ברענגט זיסע טרוימען פון רוהע און ליעבע.
זי איז אונזער אַבבילד פון רוהע און פריעדען
פיר אַלעם, וואָס לעבט דאָ, גאַנץ אונפערשיעדען.
פערטיעפט זיצט דער דענקער אין געדאַנקען און ביכער,
און זוכט ווי צו ברענגען דאָס גליק נור ווי גיכער.
דער דיכטער איז פערליעבט אין דעם מאָנד און די שטערען,
און זינגט פון אַ צוקונפט אָהן ליידען, אָהן טרערען.
די נאַכטיגאַל זינגט זיס פון פרייד און פון לעבען.
אַלעס פיהרט דאָ דעם מענשען צום פיהלען און שטרעבען...

(די פרוי ערשיינט אין ווייסע קליידער. זי האַלט אין האַנד אַ „האָרן פון איבער-פלוס“, געמאַכט פון בלומען. אין איהרע בלאָנדע האָר און אויף איהרע קליידער פיעלע בלומען. זי קומט בעגלייט מיט פיעלע בלאָנדע און שוואַרצע יונגע מיידלעך, אַלע אין ווייסען.)

די פרוי: די נאַכט איז געקומען און האָט אַלץ פערוויקעלט אין אַ הייליגע שטילקייט. דער, וואָס ליידט און מיהט זיך, רוהט איצט, עס וואַכט נאָר דער, וואָס ליעבט און שאַפט. דער שלאָף איז אַ פּאָרבערייטונג צו טהעטיגקייט און לעבען, די נאַכט איז אַן אַבבילד פון רוהע און פריעדען: שלאָף אין פריעדען, מוטער ערד, אונטער דעם געהיימניספולען שירם פון דונקעלהייט! מאָרגען קומט ווידער די זון מיט איהר ליכט און לעבענס-קראַפט. (זי בעמערקט דעם אונבעקאַנטען). אָה, דו ביסט דאָ; דו אונ-פערמיידליכער און דונקעלער אונבעקאַנטער?

אונבעקאַנטער (נייגט זיך איראָניש-העפליך): יאָ, ליעבע בעקאַנטע, דאָ בין איך אויף מיין „אייביגען פעלד“. און ווי געהט עס דיר? וואַנדערסט נאָך אימער אַרום אויף דער שמוציגער ערד, בעגלייט פון שעהנע טרוימערייען (צייגט אויף די ברונעטע דאַמען) און זיסע האָפנונגען? (צייגט אויף די

בלאָנדע). איך וואַנדער אַרום אַליין. (ער עפּענט זיין מאַנטעל. מען זעהט, ער איז געקליידעט אין אַ פראַק). פערצווייפלונג און מעלאַנכאָליע, ענטריסטונג און וואָהנזין זיינען אין מיר און מיט מיר!...

די פרוי (בעטראַכט איהם): ווי געענדערט דיין ערשיינונג איז! אַ מאָל פלעגסטו זיך ווייזען, אַלס אַן אבשייליכער סקעלעט מיט אַ גרויסען מעסער, אָדער דו פלעגסט קומען אַלס אַן עקעלהאַפטע בעשעפענים, פול מיט אויגען, און איצט שפּאַציערסטו אום, ווי אַ גאַלאַנטער הערר.

אונבעקאַנטער: יאָ, פראַגט און דזשענטעלמאַן בין איך איצט. איך פּאַטראָניזיר די מאָדע, ווייל די מאָדע איז איינע פון אונזערע טהעטיגסטע אַגענטען. די מאָדע פיהרט מענשען צו אייפערזוכט און קנאה, צו געלדגייץ און פאַלשקייט — דאָס פערקירצט זייערע יאָהרען. דורך דער מאָדע ווערען פיעלע פערקריפּעלט און ערקעלטערט — דאָס ברענגט מיר אַ שעהנעם פּראָפיט. און אויסער דעם, די מאָדע פאָדערט, מען זאָל טויטען פער־שיעדענע חיות און אונשולדיגע פויגלען, מען זאָל רייסען לעבעדיגע בלומען און פערניכטען שעהנע פלאַנצונגען. מיט איין וואָרט, מיר מאַכען מיט דער מאָדע די גלענצענדסטע געשעפטען. בענוצסטו זיך מיט דער מאָדע פיר דיינע ליעבעס־צויבערייען?

די פרוי: ניין! די אמת'ע ליעבע קוקט ניט אויף דער מאָדע. ווי איך זעה, אונזער פּראַקטישע צייט האָט דיך אויך געמאַכט פאַר אַ פּראַקטי־שען געשעפטס־פיהרער.

אונבעקאַנטער: יאָ, מאַדאַם, זיין פּראַקטיש הייסט: ניט זיין סענטי־מענטאַל. מיט אַנדערע ווערטער, דאָס הייסט זיין געפיהללאָז; וואָס פּראַק־טישער זיי ווערען דאָרט, בלייבט ווייניגער פּלאַץ פאַר אייך, זיסע האָפנונגען (צו די בלאָנדע); און פאַר אייך, שעהנע טרוימערייען (צו די ברונעטע); און מען פערגעסט אויך אָן דיר, די געטליכע ליעבע, און דאָס פערגרעסערט אונזערע בילאַנצען. כע! כע! אַ מאָל, ווען זיי האָבען טהייער געשעצט און זיך שטאַרק געהאַלטען אָן דעם לעבען, האָב איך זיי געדאַרפט שרעקען מיט אַ שניידמעסער און מיט אויגען... איצט פיהר איך מיין טהעטיגקייט געשעפטסמעסיג. מען שרעקט זיך פאַר מיר אַלץ ווענינער און ווענינער. די פילאָזאָפען שרייבען גאַנצע פעסימיסטישע ביכער פאַר'ן טויט און געגען לעבען; די דיכטער זינגען הימנען דעם טויט און פערמיאוס'ען דאָס לעבען; די וויסענשאַפטליכע מענשען לערנען, אַז דער טויט איז ניט מעהר, ווי אַ געוואוינליכע נאַטירליכע רעאַקציאָן; די קויפלייטע און פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען בעטראַכטען דעם טויט, אַלס אַ וויכטיגע אינדוסטריע און פּראָפיטאַבלעם געשעפט. אַ מאָל, ווען אַ מענש פלעגט בעגעהן זעלבסטמאָרד,

אָדער אימיצער פלעגט דורך אַן אונגליק געטויט ווערען, פלעגט די גאַנצע געמיינדע אַ לאַנגע צייט זיין דערשראָקען, ערביטערט, ניעדערגעשלאָגען. איצט בעגעהט מען זעלבסטמאָרד, גערעדע ווי מען רויכערט אַ ציגאַר. קאַטאַסטראָפען און מאַסענמאָרדען מאַכען ניט קיין איינדרוק מעהר. עס איז נאָר אַ געלעגענהייט פיר צייטונגען צו שרייבען סענזאַציאָנעלע קעפּלעך. מענשען ווערען ערמאָרדעט ווי פליעגען, צוריסען פון פולווער, צובראָכען פון מאַשינען, דערטרונקען מיט שיפען, פערשאָטען אין מינען — קיינעם אַרט עס ניט. די גלייכגילטיגקייט, וואָס אַ מענש פיהלט צו זיינע מיטמענשען, טויטעט מעהר, ווי מענשענהאַס, גרויזאַמקייט און שלעכטיגקייט... יאַ, דער טויט איז איצט אַ געוואוינליכע ערשיינונג. איך בין אומעטום איצט אַ היימי־שער מענש און מיין קעניגרייך ווערט מיט יעדען טאָג גרעסער און ברייטער....

די פרוי: און די ליעבע, די טרייע, ריינע, איבערגעבענע ליעבע? איז זי ניט מעהר די בעשיצערין פונ׳ם לעבען, די בעקעמפּפערין פונ׳ם טויט?

אונבעקאַנטער: די ליעבע אליין איז איצט אַ מיטהעלפערין און מיטאַרבייטערין פונ׳ם טויט... אין אַלץ און אין אַלעמען זעהט מען איצט דעם טריאומף פון טויט. ביסט צו שוואַך, מיין שעהנע קאָנקורענטין!

די פרוי: עס איז ניט וואָהר! ליעבע — דאָס איז די איניציאַטיווע פון לעבען, די פעראייניגונגס־קראַפט פון דער נאַטור. ליעבע, דאָס איז דער נאַטור׳ס מאַכט צו שאַפען, איהר מיטעל צו רעפּראָדוצירען. דורך ליעבע ווערט דאָס לעבען געשטיצט; דורך ליעבע לעבט אַלץ ניט נאָר אין דער מענשליכער וועלט, נאָר אין דעם גאַנצען אוניווערזום. די שטערען און די פּלאַנעטען זיינען פעראייניגט דורך דעם, וואָס זיי האָבען איינע צו די אַנדערע אַ צוציהונגס־קראַפט. קאָלאָסאַל גרויסע און מיקראָסקאָפּיש קליינע געגענשטענדען ווערען געשאַפען נאָר דורך דעם, וואָס פערשיעדענע עלעמענטען גרופּירען זיך צוזאַמען דורך איינשטימונג. וואָס איז די געשיכטע פון דער מענשהייט, אויב ניט די בעשרייבונג פון דעם קאַמפּף, וואָס די ליעבע פיהרט געגען דעם, וואָס מאַכט שווער דאָס לעבען?; אויב ניט די ערצעהלונג וועגען דעם, ווי די צוטיילטע און צושיעדענע האָבען זיך פעראייניגט אין געזעלשאַפטען, נאַציאָנען און קעניגרייכען דורך איינזיניגקייט? די שעהנע פאַרבען פון אַ בלום קאָמבינירען זיך נאָר דורך סימפּאַטיע; פערשיעדענע טענער האַרמאָנירען זיך אין איין אַקאָרד דורך סימפּאַטיע; די שטראַהלען פון דער זון שאַפען די צויבערישע קאָלירען פונ׳ם רעגענבויגען דורך סימפּאַטיע. יאַ, סימפּאַטיע איז די ערשטע בעוועגונג פון ליעבע, און ליעבע— איז לעבען!

אונבעקאַנטער: מאַדאַם, דאָס, וואָס דו רופסט סימפּאַטיע און ליעבע

איז נאָר א פערניכטונגס־קראַפט. די געשיכטע פון אוניווערזום איז אַן ערצעהלונג פון קאטאקליזמען, צוזאמענשטויסונגען, פערפלייצונגען און עקספּלאָזיאָנען! די געשיכטע פון דער מענשהייט איז אַ בעשרייבונג פון בלוטיגע מלחמות און שרעקליכע געוואַלט־טהאַטען... די וועלט־געשיכטע איז אַן אַלטער בית־עולם, און די לעבעדיגע מענשען זיינען נאָר מצבות אויף די קברים פון דער פערגאַנגענהייט. ווילדע פלאַנצונגען האָבען סימפּאַטיע צו אַ שעהנעם בוים, וואקסען זיי אַריין אין זיינע וואָרצלען און טויטען איהם. אַ וואָרים האָט סימפּאַטיע צו אַ רויטען עפּעל און ער עסט דורך זיין האַרץ. אַ וואָלף האָט סימפּאַטיע צו אַ שאָף און פרעסט זי אויף... אַ שטאַרקער מענש האָט סימפּאַטיע צו אַ שוואַכען, ווייל ער קען איהם לייכט אריינשלינגען אין זיין „איך“... אַ מאַן האָט ליעב אַ פרוי, ראַטעט ער אויס אין איהר דעם מענש, טויטעט איהר פערזענליכקייט און פערניכטעט איהר זעלבסטשטענדיג־קייט. אַ פרוי האָט ליעב אַ מאַן און פערניכטעט זיין שטרעבען צו פרייהייט, פּאַראַליזירט זיין ענערגיע און רויבט זיין מענער־קראַפט.

די פרוי: נון, און די ליעבע, וועלכע מאַכט פריי, גליקליך און גרויסמוטיג?

אונבעקאַנטער: די ליעבע רופט אַרויס געפיהלען פון ווילדע ליידענ־שאַפטען, אייפערזוכט, האַס, צאָרן, וועלכע פיהרען צו מאָרד און זעלבסט־מאָרד, צו בעטרוג און פערברעכען, צו שוואַכקייט און וואהנזין! (די טרוימע־רייען פערשווינדען, דערשראָקענע).

די פרוי: אָה, דו דונקעלער אונבעקאַנטער! און וואו איז די ליעבע, וועלכע איז ביי די מענשען פערגעטערט? און וואו איז די ליעבע, וועלכע זיי אַלע רעכענען פאַר דאָס הייליגסטע אין דער וועלט, די מענשענליעבע?

אונבעקאַנטער: דעם גאָט פון דער ליעבע מיינסטו? אין׳ם נאָמען פון דעם גאָט איז מעהר געטויטעט און ערמאָרדעט געוואָרען, ווי אין דעם נאָמען פון דעם גאָט פון קריעג און מענשענהאַס. און די פיעל־געפּרייזטע מענשענליעבע איז נאָר אַ שפּיעלצייג, מיט וועלכער עס אַמוזירען זיך פּרעדיגער, מאָראַליסטען, פילאַנטראָפּען און אַנדערע שווינדלער און נאַרען.

די פרוי: און וואו איז די ליעבע, וועלכע עקזיסטירט אין דער פאַמיליע צווישען מאַן און ווייב, קינדער און עלטערען?

אונבעקאַנטער: אַ מאַן האָט ליעב זיין פרוי, אויף וויפיעל זי דיענט איהם און שאַפט איהם פערגעניגען, אַ פרוי האָט ליעב איהר מאַן, אויף וויפיעל ער פערזיכערט זי מיט לעבענס־מיטלען און לוקסוס־זאַכען. עלטערען האָבען אין די קינדער ליעב נאָר זיך, און קינדער האָבען ליעב עלטערען בעפאָר זיי פאַנגען אָן לעבען פאַר זיך.

די פרוי: און וואו איז די נאָבעלע ליעבע, וועלכט רופט זיך פריינדשאַפט?

אונבעקאַנטער: פריינדשאַפט עקזיסטירט צווישען מענשען, נאָר ווען זיי האָבען פערשיעדענע אינטערעסען. בעגעגענען זיך אָבער זייערע אינטערעסען, דאַן איז יעדער אַ פריינד נאָר זיך אַליין. יאָ, עס איז דאָ אַ ווירקליכע, אַ שטאַרקע, אַ מעכטיגע ליעבע — דאָס איז זעלבסטליעבע, עגאָאיזם. דיעזע ליעבע איז אַ וואהרע, אויפריכטיגע, שטענדיגע. זי רופט אַרויס אין דער גאַנצער וועלט דעם קאַמפּף פיר דאָס דאַ־זיין, זי איז אַ געפעהרליכע געגנערין פונ'ם טויט, ווייל זי זוכט אַלע מיטלען אין דעם איינציגען „איך" צו פערשטאַרקערען און פערלענגערען דעם אינסטינקט פון לעבען... אָבער סוף כל סוף פיהרט אויך דיעזע זעלבסטליעבע צום טויט. די שוואַכע ווערען געטויטעט פון די שטאַרקע. נאָכדעם קומט אַ צייט, ווען די מעהר שטאַרקע קעמפּפען מיט די וועניגער שטאַרקע... דיעזער אייביגער קאַמפּף איז די פאַבריק פונ'ם טויט, קיינער וועט ניט אויסגעלאָזען ווערען, קיינער ניט! (די האָפנונגען פערשווינדען).

די פרוי: שוואַרצער גייסט, די נאַטור איז אַ פאַבריק פון לעבען, ניט פון טויט. זאָגאַר דער טויט אַליין איז נאָר אַ פאָרבערייטונג צו אַ נייעם לעבען. אין דער גאַנצער נאַטור איז דאָ נאָר איין שטאַרקע מאַכט און דאָס איז די שטרעבונג צום לעבען. דער קאַמפּף פיר דאָס דאַ־זיין איז ניט דאָס ציעל פונ'ם לעבען, עס איז נאָר אַ מיטעל צו פערזיכערען דאָס לעבען. דער קאַמפּף ווערט אָבגעשאַפט, גלייך ווי מען קען לעבען אָהן קאַמפּף... ווילדע חיות, שטומע פויגלען, קליינע אינסעקטען פעראייניגען זיך אין גרויסע געזעל־שאַפטען אום צו מאַכען לייכטער דעם קאַמפּף פיר דאָס דאַ־זיין, אום אַלע זאָלען זאָרגען פיר איינעם און איינער פיר אַלע. און ביי די העכסטע בעשעפּע־ניסען, ביי די מענשען, מיינסטו, עקזיסטירט און וועט אייביג עקזיסטירען נאָר איין פרינציפּ: איינער געגען אַלע און אַלע געגען איינעם? בלינדער, דונקעלער גייסט! אָפּפערען דען ניט איצט מענשען זייער לעבען פיר דאָס גליק פון אַנדערע? פערליערען דען קינדער זייער חן און ליעבע ביי עלטערען זאָגאַר דאַן, ווען זיי מאַכען זיך ביי פרעמדע אונבעליעבט דורך זייערע פּעהלערען? ריזיקירט דען ניט אַ מענש זיין לעבען צו רעטען דעם צווייטען פון געפאַהר? און וואו איז די ליעבע, וועלכע האָט אַ מאַכט צו פערוואַנדלען מיאוס'ע אין שעהנהייטען און פערקריפּעלטע אין אַן אידעאַל פון פאָלקאָמענהייט?

אונבעקאַנטער: נאַאיווע פרוי, אַזאַ ליעבע זעהט מען נאָר, ווען מען

טרוימט אין אַ שעהנע נאַכט ביי דעם שיין פון דער לבנה!... דו קוק בעסער אריין אין דאָס לעבען פון די מענשען.

די פרוי: יאַ, אינ'ם לעבען פון די מענשען! בליק אַרונטער, זעהסט, דאָרט ליעגט אין טהאַל אַ קליינע שטאָדט. זעהסט דאָס הויכע הויז דאָרט?

אונבעקאַנטער: דאָס הויז דאָרט נעבען דאַמפף־מיהל? איך וויים, דאָרט געפינט זיך אַ ליעבענדע שעהנהייט מיט אַ הויקער, אַ קריפּעל, וואָס וויל זיין אַן אידעאַל פון פאָלקאַמענהייט. איך האָב אַן אויג אויף דעם הויז.

די פרוי: איך וועט, אַז זאָגאָר אין דעם הויז אַליין זיינען דאָ גענוג בעווייזע, אַז מיר געהען ניט צום טריאומף פון טויט דורך זעלבסטפערניכטונג און עגאָאיזם, נאָר, פערקעהרט, מיר געהען צום טריאומף פון לעבען דורך זעלבסט־אויפאָפּפערונג און ליעבע.

אונבעקאַנטער: אויב דו מיינסט עס ערנסט, נעהם איך אָן די וועט. מיר וועלען זיך בעגעגענען דאָרט און איצט מוז איך געהן. ביי דער ליעבע שפּיעלט די צייט קיין ראָלע ניט, דער טויט אָבער טאָר ניט פערלירען קיין אויגענבליק. אַ גוטע נאַכט. כע! כע! אַזוי לאַנג וואַנדערען אויף דער שמוציגער ערד, דורכגעהן אַזוי פיעל הענד, וויפיעל די ליעבע איז שוין דורכ־געגאַנגען פון דעם סאָלדאַט מאַרס, דורך דעם פּריעסט קרעדאָ, ביז'ן מעדיקער עקסקולאַפּ און דאָך בלייבען אַזוי ראָמאַנטיש און סענטימענטאַל! כאַ! כאַ! כאַ! דאָס קען נאָר אַ דאַמע! (מאַכט עטליכע שריט צוריק און קוקט זיך צו).

די פרוי: עי, וואו זייט איהר, מיינע בעגלייטערינס? (די האָפנונגען און טרוימערייען ערשיינען). ער האָט איך פערשראָקען און פעריאָגט? קיין מאַכט קען אונז ניט פערטרייבען פון אונזערע פריינד, די מענשען, ווייל מיר זיינען אַ טייל פון זייער נאַטור. און ער — דער מענש, ווי ער איז, איז אַ טייל פון דער גרויסער מוטער נאַטור. זי, די מעכטיגע, ווייסט ניט פון קיין שום שטימונגען, פּעסימיסטישע טעאָריען און שאַרפזיניגע אַרגומענטען, — זי געהט אונפערמיידליך מיט איהר אייביגען וועג פון לעבען און ענטוויקלונג און צוזאַמען מיט איהר מוז געהן און ענטוויקלען זיך אַלץ, וואָס לעבט און עקזיסטירט. געהט, טראָגט דעם מענשען שעהנע טרוימען און זיסע האָפנונגען און נאָכדעם וועל איך קומען און וועל איהם ברענגען ליעבע און אַן אייביגע שטרעבונג צום לעבען!

(די האָפנונגען און טרוימערייען זינגען: ווי שעהן און ווי פּרעכטיג איז די רוהיגע נאַכט! א. ז. וו. אַלע געהען).

(ד ע ר פ אָ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם).

ערשטער אַקט.

(אַ גרויסעס אַרבייטס־צימער ביי אשכנזי'ן אין הויז. אַ גרויסער שפּיעגעל, אַ פּיאַנאָ, אַ קושעטקע, וויענער שטולען.. ביי אַ וואַנד אַ שעהנער שרייב־טיש, אויף וועלכען עס ברענט אַ לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור. איבער'ן טיש אַ בילד פון דער פערשטאָרבענער מאַדאַם אשכנזי. ענטקעגען אַ לאַנגער טיש, אויף וועלכען עס ברענט פּונקט אַזאַ לאָמפּ מיט אַזאַ אַבאַזשור. אויפ'ן טיש ביכער, קאַרטען, העפטען, שרייבגעצייג, פּאַפּיערען. אין הינטערגרונד איז אָפען אַ גרויס פענסטער, דורך וועלכען די לבנה שיינט און מען זעהט ביימער פון גאָרטען. עס הערט זיך אָפּט דאָס רוישען פון אַ דאַמפּף־מיהל.)

(בערטאַ זיצט ביים שרייב־טיש, עפנ̇ט אַ בריעף, לעזט, שרייבט, פער'חתמ'עט קאָנווערטען, פערטיעפט. אידאַ אין אַ קלייד פון אַ גימנאַזיסטין און טאַליע אַלס גימנאַזיסט זיצען ביידע ביים לאַנגען טיש. ער לערענט עטוואָס פון אַ בוך אויס־וועניג, זעהר שטיל. מען זעהט, ער וויל ניט שטערען בערטאַ'ן. אידאַ צייכענט אַ קאַרטע, זי איז זעהר נערוועז, מעקט און צייכענט ווייטער. מיליע זיצט ביי דער פּיאַנאָ און עקזערצירט. אַלע אַ לאַנגע צייט בעשעפטיגט.)

בערטאַ (געפינט אַן אָפענעם בריעף, קעהרט זיך אום, ערשטוינט): קינדער, ווער האָט געעפענט דעם בריעף? (קיין ענטפער). עס איז אַ בריעף צו מיר פונ'ם פּאַפּאַ, ווער האָט עס געקענט עפענען? (קיין ענטפער). קינדער, איהר הערט ניט, וואָס איך פרעג?

טאַליע: ווייסט ניט, ווער עס קען זיך ערלויבען אַזאַ זאַך? מסתמא די פּרינצעסין אידאַ! פּרינצעסין!

אידאַ (שטיל, קרימט איהם): פּרינץ האַמלעט פון דענעמאַרק! (לויט) איך האָב דערקענט דעם פּאַפּאַ'ס האַנדשריפט... און ווייל מען זאָגט עפּעס אויפ'ן פּאַפּאַ, האָב איך ניט געהאַט קיין געדולד... איך האָב געוואָלט זיך איבערצייגען, אויב עס איז אמת...

טאַליע: זי האָט זיך נאָר געוואָלט איבערצייגען, מעהר גאָר ניט...

אידאַ: מען זאָגט, דער פּאַפּאַ וועט אונז אַלעמען ברענגען אַ פּרעזענט... האָב איך געעפענט דיין בריעף, בערטאַ.

בערטאַ (ערנסט): קינדער, איך האָב ניט קיין סעקרעטען. איך מיין, ווי אין זיינע פערזיעגעלטע בריעף, אַזוי אויך טיעף אין זיין הארצען דארף ניט זיין ביין מענשען אַזעלכעס, וואָס מען זאָל דאַרפען פערבאָרגען. אָבער דאָך

עפענען א פרעמד בריעף איז אזא פערברעכען, גראדע ווי ארויס׳גנב׳ענען עטוואס פון א פרעמדער טאש. מען דארף זיך אזא זאך קיינמאל ניט ערלויבען!

מיליע: איא, בערטא, איך האב זיך אזא זאך קיינמאל ניט ערלויבט?

בערטא: ניין, טייערע, און איך האף, דו וועסט עס קיינמאל ניט טהאן.

אידא: זיי ניט בייז אויף מיר, בערטא. איך האב דערזעהן דעם פאפא׳ס האנדשריפט, האב איך זיך ניט געקענט בעהערשען. איך טהו אפט אזעלכע זאכען, וואס נאכדעם פערדריסט מיך, אבער איך קען זיך אליין ניט איינהאלטען. ביזט ניט בייז, בערטא?

בערטא (שוין ווידער בעשעפטיגט): איך בין ניט בייז, דו נאר. איך זאג נאר, מען דארף עס ניט טהאן. (עפענט א בריעף). א גייעס! אונזער געוועזענע קעכין, שרה, שרייבט, אז איהר מאן איז שוין ווידער קראנק. זי האט נויטיג געדארפט חתונה האבען! מען וועט איהר דארפען שיקען צעהן רובעל. איך זאל ניט פערגעסען. (פערשרייבט אין איהר מעמאראנדום).

אידא: א נויטיגע זאך! איך זאל האבען דאס געלד, וואלט איך בעסער געקויפט א קליינע בראסלעטקע מיט א קעסטעלע און מיט א שלע־סעלע... פיעלע גימנאזיסטקעס האבען אזעלכע בראסלעטען...

בערטא: מענשען זאלען ניט געפינען פאר נויטיג צו העלפען איינע די אנדערע, וואלט ניט נויטיג געווען זיי זאלען לעבען אויף דער וועלט.

טאליע: די פרינצעסין זאל פרובירען זיין א קעכין, וואלט זי געוואוסט...

אידא: איך זאל זיין א קעכין, וואלסטו געווען א קוטשער...

טאליע: און וואס מיינסטו, א קוטשער איז ניט אזא מענש, ווי דו?

בערטא (שטעהט אויף): קינדער, קריעגט זיך ניט און טהוט בעסער אייער ארבייט. (געהט צו מיליע׳ן). נו, קינד, ביזט נאך ניט מיעד? קום, איך וועל דיר אביסעל העלפען. זיץ ניט אזוי איינגעבויגען, וועסט נאך קריגען אזא הויקער, ווי איך האב, און מען וועט פון דיר לאכען. (גלייכט זי אוים). אט אזוי זיץ, מיליטשקע!

מיליע: מען לאכט פון דיר? ווער לאכט פון דיר? (זי שפיעלט).

טאליע: עס זיינען דא אויף דער וועלט גענוג גראבע יונגען און אידיאטען. (ער לערענט).

בערטא: מיליע, דו נעהמסט די נאטע ניט מיט דעם פינגער. דו זינג אין טאקט, וואס דו שפיעלסט, וועט דיר זיין גרינגער. (זינגט מיט איהר, וואס זי שפיעלט). איינס, צוויי, דריי, איינס צוויי, דריי, איינס.

אידאַ: בערטאַ, פון מיין נייעם רעגענמאַנטעל האָבען זיך ווידער אַבגעריסען צוויי קנעפּלעך.

טאַליע: קענסטו ניט נעהמען אַליין און צונעהען? פּרינצעסין מיינע!

בערטאַ: פּאַר וואָס האָסטו ניט געזאָגט מאַשע׳ן? וועסט מאָרגען דאַרפען פריה געהן אין גימנאַזיע, דו גיב בעסער, וועל איך דיר צונעהען די קנעפּלעך. (אידאַ ברענגט איהר מאַנטעל, טאַליע קוקט אויף איהר בייז. בערטאַ נעהמט פון דער טאַש נעה-געצייג, זיצט ביי דער פּיאַנאָ און נעהט). קינדער, ווי מען זעהט פונ׳ם טאַטענ׳ס בריעף, דאַרף מען איהם ערוואַרטען יעדען טאָג... אַזוי, אַזוי, טייערע. (זינגט) איינס, צוויי, דריי, איינס....

אידאַ: מען זאָגט, דער פּאַפּאַ איז ניט געפאָהרען קורירען זיך, נאָר עפּעס אַנדערש... כי! כי!

טאַליע: וואָס קוועלט זי אַזוי, די פּרינצעסין אונזערע?

אידאַ: איך קוועל פונ׳ם פּאַפּאַ.

בערטאַ: אידאַ! (אַלע בלייבען שטיל). זאָל זיין גענוג, קינד! (קושט מיליע׳ן). אידאַ, אָט האָסטו דיין מאַנטעל. נאַשערין, האָסט נאָך עפּעס טאַשען־געלד? זעה, וואַרף ניט אַרויס, איך לעג דיר אין טאַש קליינגעלד. (זי טהוט עס).

אידאַ: בערטאַ, דו ווייסט, ע... ע... איך בין שוין ווידער שולדיג אין קאָנדיטאָרסקי אַ רובעל מיט צוואַנציג.

טאַליע: קאָנפעקטען מיט לעקעך אויף באָרג? זי האָט קרעדיט, די פּרינצעסין!

בערטאַ: עס איז ניט שעהן, אידאַ... איך האָב דיך עטליכע מאָל געבעטען, זאָלסט ניט נעהמען קיינע נאַשערייען אויף באָרג... דו זאָגסט צו און טהוסט פערקעהרט...

אידאַ: בעסער וואָלט געווען, זאָלסט איהם אָנזאָגען, ער זאָל ניט געבען אויף באָרג... וואָרום, איך וויים אַליין ניט, פאַר וואָס איך קען ניט... בערטאַ, דו וועסט זעהן, איך וועל מעהר ניט נעהמען אויף באָרג... (צייכענט) אי, צום טייוועל! צום טייוועל! (וויינענדיג און קאַפּריזנע) איך וועל היינט ניט אַרויסקריכען.

בערטאַ (געהט צו איהר): נו, וואָס איז שוין דאָרט ווידער?

אידאַ: איך מוז מאָרגען ברענגען דעם לעהרער פון געאָגראַפיע אַ קאַרטע פון אויסטראַליען און איך קען ניט ענדיגען.

בערטאַ: אַ געשיכטע מיט אויסטראַליען! טאַליע, אפשר וואָלסטו געווען אַ פיינער מענש און געהאָלפען איהר אַ ביסעל?

טאַליע: איהר העלפען ? אַ נויטיגע זאַך ! זי פערדיענט עס טאַקע. איך זאָג דיר, אַזא דיאַמאַנט !

בערטאַ: דו שלעכטער ! דעם, וואָס פערדיענט, העלפט מען ניט, מען בעצאָהלט איהם איינפאַך פיר זיין פערדיענסט. הילף הייסט, ווען מען העלפט דעם, וואָס האָט ניט פערדיענט. גיב מיר די קאַרטע אידא, איך וועל זיך פאַר'ן שלאָף אַנידערזעצען אויף אַ שעה און וועל עס ענדיגען. (נעהמט די קאַרטע).

טאַליע: קאַרג האָט בערטאַ צו טהאָן אַ גאַנצען טאָג, זי דאַרף זיך נאָך זעצען פאַר'ן שלאָף צייכנען דער פּרינצעסין אַ קאַרטע ! (נעהמט צו ביי בערטאַ'ן דאָס פּאַפּיער). איך וועל ענדיגען די קאַרטע. (קוקט אריין). אַ שעהנע אויסטראַליע אָנגעשמירט ! בערטאַ, איך געדענק, ווי דו פלעגסט אָבזיצען שטונדען לאַנג מיט מיר, ווען איך בין געווען אין ערשטען און צווייטען קלאַס.

בערטאַ: יאַ ? טאַליע, איך האָב געמיינט, דו האָסט פערגעסען. איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, פאַר וואָס האַלט איהר אייך אין איין קריעגען ?

מיליע: כע ! ער רופט זי פּרינצעסין, און זי רופט איהם פּרינץ פון יענעם מאַרק.

בערטאַ: ניט פון יענעם מאַרק, פון דענעמאַרק, גנב. (דריקט מיליע'ן צו זיך). נאַרישע קינדער, אַפּנים אין אייערע יאָהרען קריעגען זיך אַלע ברידער און שוועסטער.

טאַליע: אַז דו ביזט געווען אונזער יונגע שוועסטער, האָבען מיר זיך מיט דיר ניט געקריעגט.

בערטאַ: איך ? קינדער, איך בין זעהר ווענים געווען אַ יונגע שוועס-טער. איך בין נאָך אַליין געווען אַ קינד און האָב שוין געמוזט ווערען אייער מאַמע. (קוקט אויף דער מוטער'ס בילד). עס פליהען די יאָהרען... ע ! קינדער, איהר ווייסט וואָס ? עס איז אַ שעהנע נאַכט, קומט, מיר וועלען זיך אַביסעל דורכגעהן. מיליע וועט זיך אַביסעל דורכלויפען, וועט זי שלאָפען בעסער. און דו, פּרינצעסין, דאַרפסט אויך אַביסעל מעהר שפּאַצירען, דו זיצסט צופיעל... און דערווייליע וועלען מיר טאַקע צוגעהן צו דער מיהל, איך דאַרף נויטיג זעהן בערנאַרד'ן.

אידאַ (לעבען שפּיגעל, ברענגט איהרע האָר אין אָרדנונג): אָה ! איך פערשטעה... די הויפּטזאַך איז ניט שפּאַצירען, נאָר זעהן בערנאַרד'ן... איך פערשטעה שוין...

בערטאַ (אונרוהיג): וואָס מיינסטו ? (רוהיג). נו, יאַ, איך דאַרף זעהן בערנאַרד'ן — איך האָב ערהאַלטען אַ וויכטיגען געשעפטס-בריעף. איך האָב מורא, עס איז קיהל, טהו אָן אַ מאַנטעלע, מיליע. (טהוט איהר אָן אַ

מאַנטעלע). דו, מאַמזעל, נעהם אויך עפּעס אויפ׳ן האַלז... יאַ. יאַ, פּראַנטיכע מיינע! (טהוט איהר אָן עטוואָס אויפ׳ן האַלז מיט געוואַלד). איהר, מוסיו אשכנזי, געהט מיט?

טאַליע: ווי קען איך? אַ רעדע פון ציצעראָן, אין לעטיין קענען אויסוועניג. דער פּרינצעסין דערשמירען די אויסטראַליע... און ...

בערטאַ: אַלזאָ, דער מאָן געהט ניט... קומט... טאַליע, איך האָף, איהר וועט דאָ ניט רויכערען קיין פּאַפּיראָסען, האַ?

טאַליע (בעליידיגט): איך האָב געזאָגט, איך וועל ניט רויכערען, רויכער איך ניט. איך בין ניט אידאַ!

אידאַ: ניין! דו ביזט דאָן קיכאָט דע לאַ מאַנטשאַ.

טאַליע: און דו ביזט דאָנאַ דולצינעאַ דעל טאָבאָזאָ!...

בערטאַ: שאַ! שוין ווידער אַ מלחמה... אַי, איהר מערדער, וואָס איהר זייט. טאַליע, וועסט זיך דאָ הייסען געבען אַ גלאָז וואַרעמע מילך. אויפ׳ס ווידערזעהן. (אידאַ׳ן נעהמט זי געאַרעמט, מיליע׳ן פיהרט זי ביי דער האַנד. אַלע דריי אָב).

טאַליע (געהט צום פענסטער, לוסטיג): אַ שעהנע נאַכט, אַ שעהנע לבנה און שעהנע שטערען... און דער לעבען וואָלט געווען אַזוי שעהן, ווען ניט די לעטייניִשע רעדע פון ציצעראָן... האַ? מאַכען איהר די קאַרטע פריהער. (זעצט זיך צום טיש). זעה נאָר אָן אַרבייט! צו קיין זאַך טויג זי ניט און קיין זאַך קען זי ניט. נאָר קוקען אין שפּיעגעל און פוצען זיך. (צייכענט). ניט ווי בערטאַ, ניין, ניט געראָטען אין בערטאַ׳ן. (אַ גערויש). ווער געהט עס? (שליאָמע הויז און שרה הינדע קומען). אָה, שליאָמע הויז! אַי! איך האָב פערגעסען, בערטאַ בייזערט זיך, ווען מיר רופען אייך אַזוי... אָן אַלטע געוואוינהייט... ענטשולדיגט...

שליאָמע: יונגער מאָן, אויב איך בין שליאָמע הויז, מסתמא דאַרף איך זיין שליאָמע הויז... אויב מען רופט אונטען „הויז", איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מען רופט אויבען „הויז"! אַלץ דאַרטען! (צייגט אויפ׳ן הימעל).

טאַליע (שטיל): אַי, פונקט איצט, ווען איך האָב אַזוי פיעל אַרבייט! (לויט) איהר דאַרפט עפּעס?

שרה הינדע: בערנאַרד איז ניטאָ אין קאַנטאָר, האָבען מיר געמיינט, ער מוז זיין ביי בערטאַ׳ן. איהר ווייסט דאָך, היינט איז מיטוואָך... און אַלע מיטוואָך קומען מיר אין קאַנטאָר נעהמען ביים זוהן די פּויטיקע... דאָס הייסט, יאַקבי אויף מאַכען שבת און אויף אַ גאַנצע וואָך... 15 רובעל יעדע וואָך בוואָך. עס געהט דען ביי אונז אַוועק אַזאַ סומע געלד? חלילה! נאָר גאָר ניט, ער איז אַ גוטער און גיט...

שליאָמע: ער איז ניט חולה צו געבען... ער איז אַ זוהן... צוליעב וואָס דען דאַרף מען קינדער? נעהמט בערטאַ'ן, וואָס טהוט זי ניט צוליעב איהר טאַטען? אַזוי דאַרף זיין, קינדער, וואָס דען!

שרה הינדע: וואָס גלייבסטו זיך? איהר פאָטער איז שמואל אשכנזי... און זי איז בערטאַ....

שליאָמע: יאַ, אַ קאָפּ איז אויף איהר ניט קיין ווייבערשער. עס איז טאַקע נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט, ווי זאָגט מען, האָט קיין פּעראיבעל ניט, אַ זאָטעל...

שרה הינדע (שטיל): אפשר וואָלסטו צוגעמאַכט דיין שניידערשען פּיסק?...

שליאָמע: מיט אַזאַ געשיכטע קען מען זיך ניט בעהאַלטען. עס וואָלט ניט געווען, אויב עס וואָלט ניט געדאַרפט זיין. יאָהרען־לאַנג האָב איך געטראַכט: פאַר וואָס איז דאָס? ווארום איז יענעם? און בין מיט מיין שכל דערגאַנגען, אַז אַלץ קומט נאָר, ווייל אויבען צייכענט מען: דו זיי אַ האָרבאַטע, און דו זיי אַ פּאָנפּעוואַטע, און דו זיי אַ פּאָדסליפּאָוואַטע... אַלץ דאַרטען!

טאַליע (שטיל): נו, יאַ, הלואי וואָלסטו געווען דאָרטען, ניט דאָ. לויט) איך וועל לויפען זוכען אייער בערנאַרד'ן. (געהט). אַז איך בין געווען אַ אינגעל פלעג איך סקלאָנאַיען: הוץ, הרצאַ, הוצו, הוצאָם.... (אָב).

שרה הינדע: דיין זוהן איז טאַקע דאָ אין שטוב דער גאַנצער מענש און דו ביזט טאַקע צוליעב איהם אויף אַ גאַנצער ר' שמעלקע, פון דעסטוועגען דאַרפסטו ניט פערגעסען, אַז דו ביזט געווען שליאָמע הוץ, דער זשענסקער שניידער...

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? אַז מען האָט אויבען אָנגע־שריבען: דו זיי אשכנזי און דו זיי שליאָמע הוץ, איז ער דער חכם און איך דאַרף שווייגען?

שרה הינדע: און בערטאַ? הלואי האָט יעדער אַזאַ האָרב און אַזוי פיעל חן ביי גאָט.

שליאָמע: דעם האָרב בין איך דיר מוחל און... (טיעפזיניג) דער חן, וואָס אַזעלכע האָבען, איז ניט פון גאָט... איך וויים, פון וואַנען די דאָזיגע האָבען חן... דו פרעג שליאָמע הוץ, וועט ער דיר זאָגען... איך האָב פיעל געהערט און פיעל געטראַכט פון די דאָזיגע זאַכען...

שרה הינדע: בערנאַרד פערשטעהט אַביסעל מעהר פון שליאָמע הוץ און פון דעסטוועגען לעקט ער די פינגער פון איהר... (בערנאַרד ערשיינט ביים פענסטער און הערט זיך איין מיט אַ פרעהליכען שמייכעלע). הלואי שיקט

דער אויבערשטער צו בערנאַרד'ען אַזאַ ווייב. אַ קליינינקייט אַזאַ עשירות מיט אַזאַ יחוס!...

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? וועט ער געהן שלאָפען מיט'ן יחוס? גולם, ער איז דאָך אַ מאַנסביל, און אויב זי געפעלט איהם איצט, וועט זי איהם שפּעטער ניט געפעלען. די אויגען זיינען איהם דאָך ניט אַרויסגע־קראָכען, און וואו ער וועט נאָר דערזעהן אַ ווייב, וואָס איז טאַקע ווייב, וועט איהם דער רוח נעהמען. (בערנאַרד ווערט טרויעריג).

שרה הינדע: זאָלען מיינע שונאים אַזוי וויסען פון זייער געזונד, ווי איך ווייס, וואָס דו רעדסט!

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? דו פרעג שליאָמע הוץ'ען. אָט האָב איז זיך אָבגעפּלאָגט מיט אַזאַ כאָלעריע, ווי דו, און האָב איבער דיר פון מיין גאַנץ לעבען קיין הנאה ניט געהאַט. וויפיעל מאָל האָב איך זיך פערשאָל־טען די יאָהרען און געביין? וויפיעל מאָל האָב איך געטראַכט דיך גט'ן, אָדער ווי אַזוי עס איז פון דיר פּטור ווערען, אָדער גאָר דער'הרג'ענען דיך צום שוואַרץ יאָהר? נאָר גאָר ניט, מען איז דאָך אַ מענש און אַ שטיקעל איד אויך דערצו. מען האָפט, אפשר וועט דער רבונו של עולם זיך מרחם זיין און וועט אַליין מאַכען אַן ענדע. דערווייל האָב איך זיך מיין גאַנץ לעבען געשלאָגען מיט דיר קאָפּ אָן וואַנד...

שרה הינדע: נו, שלאָג זיך מיט זיך אַליין קאָפּ אָן וואַנד...

שליאָמע: ניין, ברודער, אַז מען האָט חתונה, דאַרף מען קודם כל קוקען אין תוך אריין. אַ ווייב דאַרף האָבען אויגען. וועלכע זאָלען קיצלען טיעף ביז דער נשמה, און זי דאַרף האָבען אַ פּאָר באַקען, ווי פּאַמפּושקעס, און זאָל טאַקע האָבען אַ...

שרה הינדע: הער אויף צו רעדען, פער'שרפ'עט זאָלסטו ווערען! (בערנאַרד פערשווינדט).

שליאָמע: אַלאַ וואָס דען, אויבען זאָגט מען יאָ? העלפט דאָך ניט, קוק יא, קוק ניט... אַלץ דאַרטען!... (צייגט אויפ'ן הימעל).

שרה הינדע: עס איז נאָך גוט, וואָס בערנאַרד האָט ניט געהערט דיינע שניידערשע דרשות. ער ווייסט טאַקע, אַז דו רעדסט, איז פּונקט ווי להבדיל דער הונד בילט. אָבער ער וואָלט דאָך געהאַט יסורים. ביי שליאָמע הוץ איז בערטאַ אשכנזי'ס אַ קליינינקייט!

שליאָמע: אויב זי איז ניט קיין קליינינקייט, בכן איז באשר איז וואָס? (אַ געוויש).

שרה הינדע: ווער שוין פערשטומט, איך הער, מענשען געהען. (בערטאַ, מיליע און אידאַ קומען צוריק, שליאָמע און זיין פרוי שטעהען אויף).

בערטאַ: אָה, אַ גוטען אבענד! היינט איז געווים מיטוואָך, האָבען מיר געסט. זיצט... מען קען אייער בערנאַרד'ען גאָר ניט געפינען; ער וועט מסתמא באַלד קומען. איהר וועט מיך ענטשולדיגען אויף אַ מינוט, איך מוז מיין מוזיינקעלע פיהרען שלאָפען. אָהן מיר וועט זי ניט געהן. איך מוז זי אַנידערלעגען אין בעטעלע און צודעקען...

שרה הינדע: איהר באַלעוועט זי, נעהמט זי זיך איבער.

בערטאַ: קיין וואונדער ניט, אויסגעוואַקסען אויף מיינע הענד.

אידאַ (ביים טיש): דו זעהסט, דער דאָן קיכאָט האָט מיר די קאַרטע נאָך ניט געמאַכט!

בערטאַ: און זי, די מאַמזעל איז געווען בעסער? שוין געווען אַ גרויסע מויד און איך פלעג מוזען זיצען נעבען איהר און דוקא גלעטען זי איבער'ן קאָפּ, ביז זי פלעגט איינשלאָפען. אידאַ, מעגסט זיין רוהיג, טאַליע האָט צוגעזאָגט, וועט ער האַלטען וואָרט. ער איז אַ מאַן! קום, מיליטשקע... ענטשולדיגט! אידאַ, דיר איז אויך צייט צו געהן שלאָפען.

אידאַ: יאַ, באַלד. (ווינקט ביטרע). איך דאַרף נאָך עפּעס טהאָן.

מיליע: אַ גוטע נאַכט, אידאַ!... אַ גוטע נאַכט, ר' שליאָמע הו....

(בערטאַ לאָזט זי ניט אויסרעדען „הוץ“).

שליאָמע: אַ גוטע נאַכט, קיצקעלע.

שרה הינדע: שלאָף געזונדערהייט. (בערטאַ מיט מיליע'ן אָב).

אידאַ (לויפט צו שליאָמע'ן): ר' שליאָמע הוץ, לאָמיר שפּיעלען אין באַראַן בוץ! (שטויסט מיט איהר שטערען זיין שטערען. ער לאַכט). איהר ווייסט, שרה הינדע, וואָס איך האָב נאָך צו טהאָן? שש! איך וואַש אַלע נאַכט פאַר'ן שלאָף דעם פּנים מיט דעם טוי, וואָס ליעגט אויפ'ן גראָז. מען זאָגט, דערפון ווערט דאָס פּנים גלאַט ווי אַ סאַמעט.

שרה הינדע: הערסט? און איך האָב ניט געוואוסט.

אידאַ (לויפט און זינגט „אַזראַ'ס ליעד“): „דעם סולטאַנ'ס שעהנע טאָכטער איז יעדען אבענד שפּאַצירען געגאַנגען“... (אָב).

שליאָמע: זעהסטו, די דאָזיגע איז שוין אַ שטיקעל סחורה... אַז מען האָט אַזאַ ווייבעל, דאַרף מען שוין ניט קיין טובות פון רבונו של עולם!

שרה הינדע: אַן עזות פּנים מיט אַ שייגעץ! נו, יאַ, ביי דיר קומט דאָך אוים קאַפּויר מיט די פּיס... ביזט שוין אַזאַ מענש.

שליאָמע: נו, יאַ, מסתמא איז אויבען אָנגעצייכענט: שליאָמע הוץ דאַרף זיין אַזאַ מענש, ביי וועלכען אַלץ דאַרף אויסקומען קאַפּויר מיט די פּיס. אַלץ דאַרטען!

אידאַ (אין פענסטער שטיפענדיג): בערטאַ וועט פון זיי ניט פּטור

ווערען ביז טאָג. (לויט) שש! אייער בערנאַרד איז אין קאַנטאָר, ער רופט אייך. געהט גיכער! (שטיל) איך האָב געזעהן, ער איז גאָר אַוועק אין גאָרטען. (פערשווינדט).

שרה הינדע: ווי געהט מען אַוועק אָהן אַ זיי־געזונד? (שטעהען ביידע אויף).

שליאָמע: מיר ווען נאָך אַריינגעהן אהער שפּעטער. אזעלכע, ווי זיי, שלאָפען ביי נאַכט זעהר וועניג. אמאָל פלעגען אזעלכע ביי נאַכט אומ־פאָהרען אויף אַ קאַטשערע, איצט זיצען זיי ביי נאכט אין אַ קאַנטאָר און רעכענען... עס ווערט געטהאָן מיט'ן זעלבען כח. דו פרעג שליאָמע הוז'ן, וועט ער דיר דערצעהלען פון די דאָזיגע זאכען. (ביידע אָב).

(אַ פויזע. מען הערט אידאַ זינגט אין גאָרטען „אזרא'ס ליעד". בערטאַ קומט).

בערטאַ: וואו זיינען דאָס מיינע געסט? ענטלאָפען?

אידאַ (אין פענסטער): אַז זיי קומען, פערגעסען זיי אַוועקגעהן, האָב איך זיי אומיסטען אָבגענאַרט און געזאָגט, אַז בערנאַרד רופט זיי.

בערטאַ: אָבגענאַרט עלטערע מענשען? פע! דאָס איז ניט שעהן!

אידאַ: וואָס זשע, מען טאָר קיינמאָל ניט אַ שטיף טהאָן?

בערטאַ: שטיפען מעג מען און מען דאַרף, אָבער אין אַן אונשולדיגען, אַנשטענדיגען און עהרליכען וועג. אָבנאַרען איינעם אָדער וועה טהאָן איהם, הייסט ניט שטיפען, — דאָס הייסט זיין ווילד און אויסגעלאַסען. (זעצט זיך צום טיש). פאַר וואָס געהסטו ניט שלאָפען? (אידאַ גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און לויפט פאָרט). אַי, די ערציהונג פון קינדער איז זעהר אַ שווערע און פעראַנטוואָרטליכע זאַך... מיר ווילט זיך זעהר מאַכען פון זיי עהרליכע, גוטע מענשען און וואָס עס וועט פון זיי אַרויסקומען, ווייס איך ניט. (פער־טיעפט זיך אין איהרע פּאַפּיערען. בערנאַרד גיט אַ קלאַפּ אין טהיר און קומט אַריין).

בערנאַרד: שטער איך אייך ניט, פריילין בערטאַ?

בערטאַ: ניין! ניין! פערקעהרט, איך האָב אייך געזוכט, איך דאַרף אייך האָבען. זיצט! (ער זעצט זיך). איך האָב ערהאַלטען אַ בריעף, וואָס פערשאַפט מיר פיעל שמערצען. דער פּאַפּאַ האָט צוגעזאָגט דעם ערשטען יוני אַרויסשיקען די פּאַרטיע מעהל קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. עס איז שוין היינט דער 26טער מאַי, די צוויי טויזענד זעק מעהל וועלען מיר ניט קענען האָבען פערטיג.

בערנאַרד: הערר אשכנזי האָט דאָך נאָר צוגעזאָגט, וועלען מיר זיך ענטשולדיגען...

בערטאַ: ניט נאָר צוגעזאָגט, דער פּאַפּאַ האָט אונטערגעשריבען אַ אַ קאָנטראַקט און זיי פּאָדערען... אָט איז זייער בריעף. (גיט איהם אַ בריעף). דער פּאַפּאַ איז ניטאָ און איך ווייס ניט, וואָס מען טהוט. וואָס זאָגט איהר, בערנאַרד?

בערנאַרד: איך זאָג, עס איז אַ גרויסע עולה פון הערר אשכנזי. ער קימערט זיך ניט פון קיין זאַך. עס איז ווענינ, וואָס ער האָט אויף אייך אַרויפגעוואָרפען אַזאַ הויז, אַזאַ בעל־בתישקייט, האָט אייך איבערגעגעבען אַלע זאָרגען און די ערציהונג פון אַלע קינדער, האָט ער נאָך אין גאַנצען פערלאָזט זיך אויף אייך מיט אַלע זיינע געשעפטען!

בערטאַ: נו, וואָס איז דאָרט? ערשטענס, קען מען דאָך אויף מיר מעהר לאַסט אַרויפוואַרפען, כע! כע! (לאַכט גוטמוטהיג). ווייל איך בין אַ בריאה מיט אַ האָרב, און צווייטענס, ערנסט גערעדט, ער איז דאָך אַ טאַטע און אַן אַלטער מענש...

בערנאַרד: איך אַכטע זעהר הערר אשכנזי. גאַנץ אָפען גערעדט, איך פערגעס ניט, אַז ביי איהם אין שטוב בין איך פון אַן אָרעמען שניידער'ס אַ אינגעל געוואָרען אַן אָנגעזעהענער מענש און פיהרער פון אַ גרויסען געשעפט... אָבער דאָך מוז איך זאָגען, אויב ער איז אַ טאַטע, דאַרף ער אַביסעל מעהר דענקען פון זיינע קינדער, און אויב ער איז יאָ אַן אַלטער מאַן, דאַרף ער ניט דענקען פון דעם, פון וואָס ער דענקט איצט. עס איז ניט שעהן! איהר ווייסט, וואוהין ער איז געפאָהרען?

בערטאַ: וואָס מיינט איהר דאָס? די קינדער האָבען דאָ היינט אויך עפּעס וועגען איהם בעמערקט. איך ווייס, ער איז שוואַך און איז געפאָהרען קיין אַדעס צו אַ ספּעציאַליסט.

בערנאַרד: שוואַך איז ער אפשר, אָבער געפאָהרען איז ער ניט צו אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט, — ער איז געפאָהרען צו אַ ספּעציאַליסט פון... פון שדוכים.

בערטאַ: וואָס? צעהן יאָהר געוועזן אַן אלמן און איצט, ווען ער איז שוין אַזאַ אַלטער מאַן, ווען אַלע קינדער זיינען שוין געשטעלט אויף די פיס, — איצט וועט ער דענקען פון אַ שידוך?

בערנאַרד: ער שרייבט מיר, איך זאָל אייך פאָרבערייטען. מען רעדט איהם אַ היבשע אלמנה, וועלכע איז אַמאָל געווען גאַנץ רייך און וועלכע האָט אַ טאָכטער פון אַ יאָהר 17—16, זעהר אַ גוטע פּיאַניסטין.

בערטאַ (איראָניש): אַ היבשע אלמנה, וועלכע איז אַמאָל געווען רייך און האָט אַ טאָכטער אַ פּיאַניסטין? נו, וואָס זייט איהר נאָך אונצופריעדען? עס איז דאָך זעהר אַ פיינער שידוך! ע! גלויבט עס ניט, איך האָב

ערשט היינט פון פאפא געקראגען א בריעף און ער שרייבט מיר ניט א ווארט. עס קען זיין מען רעדט איהם א שידוך. ווענמען לאזען דען די שדכנים צורוה? אבער חתונה האבען וועט ער ניט, בעפאר ער וועט זיך מיט אונז ניט מישב זיין. אם וועניגסטענס פערדיען איך דאך, אז מען זאל זיך מיט מיר אן עצה האלטען, ווי מיט א פריינד.

בערנארד: פרייליין בערטא, איך האב מורא, ער וועט איצט חתונה האבען.

בערטא: יא? כא! כא! וואס זשע האט איהר מורא? אויב ער מיינט, אז ער דארף חתונה האבען, מסתמא ווייס ער דאך. און אויב זי איז אן אנשטענדיגע פרוי, זאל זיין מיט מזל.

בערנארד: איך האב מורא, ווייל איך דענק וועגען אייער לאגע דא אין הויז. עס קומען איצט פאר אייך נייע זארגען מיט נייע אונאנגענעהמ־ליכקייטען. בערטא, זאגט אליין, ביז וואנען וועט איהר שלעפען אויף זיך אזא שווערען יאך? איז נאך ניט צייט, איהר זאלט אייך אויך אברוהען? איהר האט נאר געלעבט פיר אנדערע, האט איהר דען קיין רעכט ניט איצט פיר זיך אויך אביסעל לעבען? (אידא עפענט דעם פענסטער און הערט זיך צו, זעהר נייגעריג).

בערטא: מיין אויפגאבע און מיינע פליכטען זיינען נאך ניט געענ־דיגט. פערגעסט ניט, מיליטשקע איז נאך א קינד און אידא איז נאך אויך צו יונג. זי איז פונקט אין די יאהרען פון איהר ענטוויקלונג, ווען מען דארף אויף איהר זעהר גוט אכטונג געבען.

בערנארד: איהר וועט דאך ניט געהן צוליעב אידא'ן אפפערען אייער לעבען...

בערטא: מיין פריינד, איך האב איצט קיין אנדער ציעל ניט, ווי אפפערען זיך צוליעב זיי. מיינט ניט, אז פערזענליכעס גליק איז אלץ.

בערנארד: מען דענקט גאר ניט צו צונעהמען ביי אייך די מעגליכ־קייט צו זארגען פאר מיליע'ן מיט אידא'ן.

בערטא: וואס מיינט איהר דאס? (אידא קוקט אויף זיי בייז. זי איז זעהר פארזיכטיג און פערשווינדט אפט).

בערנארד: איך מיין גאנץ איינפאך, ווען אייך מאכט זיך א פאסענדע פארטיע און איהר זאלט ניט דארפען פערלאזען אייער היים און אייערע פליכטען?

בערטא (גוטמוטיג): ווי? כא! כא! איהר מיינט, איך זאל חתונה האבען? די הארבאטע מויד זאל זיך פשוט פאר איהר געלד קויפען א חתן מיט'ן צושטעלען א היים? איך בין ניט אזא נאר!

בערנאַרד: איך בעט איך, מיינט ניט, עס איז אַ שפּאַס. איך קען אייך שוין ניט פון היינט און ניט פון נעכטען. איהר ווייסט, מיך קען מען ניט קויפען פיר געלד.

בערטאַ (לאַכט): וואָס? איהר אַליין ווילט זיין דער פּרעטענדענט? דאָס איז אַ סיורפּריז!

בערנאַרד: יאַ, איך אַליין. איהר ווייסט, איך האָב אַ היבשען קאַפּיטאַל אין אייער פּאַפּאַ'ס געשעפטען און מיך אינטערעסירט זעהר ווייניג אַ רייכע כלה. מיך אינטערעסירט די רייכקייט פון אייער אידעלען כאַראַקטער און פון אייער אידעלען האַרץ...

בערטאַ: איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר האָט פון מיר אַזאַ גוטע מיינונג, אָבער זאָגט מיר נאָר, וואָס איז מיט אייך פּלוצלונג געוואָרען? זעהט נאָר, אין אַזאַ שעהנער זומער־נאַכט וואַנדערט אום די געטין פון ליעבע מיט איהרע טרוימען. מאָרגען אבענד וועלען די טרוימען אוועק און איהר וועט זיך אויפכאַפּען מיט אַ האַרץ־קלעמעניש און מיט אַ קאָפּ־וועהטאָג... (לאַכט און וויינט). מיך אָבער קען די שעהנע געטין ניט אריינכאַפּען אין איהרע נעצען, איך געהער צום מלאך המות. (פּויזע. ווייט אַ טרויעריגעס קירכען־גלאָק).

בערנאַרד: איך בעט אייך, רעדט ערנסט מיט מיר. איך בין ניט קיין אינגעלע, בין שוין 35 יאָהר אַלט. איך האָב שוין פיעל דורכגעלעבט און איבערגעליטען. עס איז ביי מיר ניט אַ טרוים פון אַ זומער־נאַכט — עס איז אַן ערנסטער געדאַנק, אַן איבערלעגטעס געפיהל. איך וויים אַלע אייערע אייגענשאַפטען און פערשטעה, אַז גליקליך קען זיין דער מאַן, וואָס קען האָבען אַזאַ קלוגען קאַמעראַד ווי איהר, אַזאַ בעגאַבטע פרוי, אַזאַ ערציהערין און מוטער צו זיינע קינדער, אַזאַ ווירטין און ראַטגעבערין אין שטוב. ניט פּלוצלונג בין איך געקומען צו דעם בעשלוס, איך האָב פיעל נאָכגעטראַכט און אַלץ אָבגעוואויגען... בערטאַ, שטויסט מיך ניט אָב פון זיך! איהר קענט מיך... איך בין ניט זעהר אינטעליגענט. ווי קום איך דערצו? אָבער איהר ווייסט, אַז איך בין ניט קיין לייכטזיניגער מענש. (טרערען אין זיין שטימע). אויב איך זאָל אייך ניט קענען אַכטען און שעצען, ווער דען אין דער גרויסער וועלט וועט עס זיין אימשטאַנדע צו טהאָן? (די גלאָק הערט אויף צו קלינגען).

בערטאַ: איך דאַנק אייך, איהר זייט זעהר אַ גוטער מענש, אָבער...

בערנאַרד: מיין מוטער וועט זיך גליקליך שעצען צו האָבען אַזאַ טאָכטער.

בערטאַ: אַזוי? נון, און אייער מוטער'ס זוהן?

בערנאַרד: איך? מיין גליק וועט זיין צו געבען אייך אַ פריעדליכעס רוהיגעס, זאָרגלאָזעס לעבען. איך מיין עס מיט מיין האַרץ און זעעלע!

בערטאַ: בערנאַרד, איך וועל אייך זאָגען די וואהרהייט, איך וואָלט שוין געדאַרפט אביסעל זיך אָברוהען און האָבען ווייניגער זאָרג. איך האָב שטענדיג געזאָרגט נאָר פיר אַנדערע... עס דאַרף זיין אַ גרויס גליק צו פיהלען, אַז אויף דער גרויסער וועלט איז דאָ איין מענש, וואָס זאָרגט כאָטש אַביסעלע פאַר דיר...

בערנאַרד (נעהמט איהר האַנד): בערטאַ, ערלויבט מיר זאָרגען פיר אייך.

בערטאַ: וואַרט... איך וועל אַ קוק טהאָן אין אייערע אויגען. איך וויים, איהר האָט עהרליכע אויגען. (קוקט אין זיינע אויגען).

בערנאַרד: בערטאַ, זאָל אויסגעלאָשען ווערען דאָס ליכט פון מיינע אויגען, אויב זיי קוקען ניט אויף אייך מיט אַן עהרליכער, אויפריכטיגער אַב־זיכט.

בערטאַ: ניין! ניין! מען דאַרף ניט אַזוי שווערען! איך פיהל, איהר רעדט יעצט אויפריכטיג... הייסט עס, עס קען זיין, פאַר מיר איז נאָך אויך דאָ אַ שטיקעלע גליק, און איך האָב געמיינט. (פאַלט צום טיש און וויינט).

בערנאַרד: וואָס וויינסטו, בערטאַ?

בערטאַ: איך וויין... אָבער דאָס זיינען גוטע טרערען... פאַר וואָס ביזטו פריהער ניט געקומען? איצט מעג איך דיר זאָגען די וואהרהייט, איך האָב לאַנג געווארט אויף דיר. איך האָב געמיינט, דאָ איז אַ גוטער און אַ קלוגער... ער פיהלט דאָך, איך בין ניט שולדיג, וואָס די נאַטור האָט מיך גרויזאַם בעהאַנדעלט... ער קען מיך און וויים, אַז מיין האַרץ און מיין זעעלע זיינען ניט ערגער, ווי ביי אַנדערע. איך האָב געוואַרט און ער האָט געשוויי־גען... דאַן האָב איך בעשלאָסען: אויב דער ניט, קיינער ניט! און ער איז דאָך געקומען! (אידאַ גיט אויף זיי אַ קוק מיט צאָרן און פעראַכטונג און פערשווינדט).

בערנאַרד: יאַ, איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם, אָבער בין געקומען צו דיר, מיין טייערע, גוטע בערטאַ. (אומאַרמט זי. וויים דער כאָר פון די האָפנונגען און טרוימערייען) עס איז שוין צייט, איך זאָל אויך האָבען אַ היים. און ווער עס וויל האָבען אַ גליקליכען, פריעדליכען, רוהיגען היים, דאַרף נעמען אַזאַ פרוי, ווי דו, מיין גוטע, מיין קלוגע, מיין נאָבעלע בערטאַ. (פאַלט צו מיט זיינע ליפען צו איהר האַנד. דאָס געזאַנג שאַלט העכער. פויזע. אַ גערויש. בערטאַ רייסט אַרויס איהר האַנד). וואָס האָסטו מורא, נאַר, זאָלען זיי וויסען....

בערטאַ: איך שעהם זיך... מען דאַרף זיי פריהער פאַרבערייטען... (טאַליע לויפט אריין. דאָס געזאַנג הערט אויף).

טאַליע: בערטאַ, מיר האָבען געסט! דער פאַפּאַ איז געקומען צופאָהר־רען. מיט איהם עפּעס א דאַמע מיט א מאַמזעל! (שליאמע און שרה הינדע קומען).

שליאמע: בכן איז באשר איז וואָס? דאַרפען מיר זיצען דאָרטען?

שרה הינדע: האָסט אפּנים פערגעסען אויף אונז דאָרטען אין קאַנטאָר...

שליאָמע: ביי דער מאַמע'ן, ביי דיינער זיינען שוין דאָרט געוואָרען די אויגלעך אזעלכע קליינע, ווי ביי א הוהן בין מנחה למעריב, און איך אליין בין שוין אויך א פּאָר מאָל א פאָהר געטהאָן מיט'ן נאָז קיין צפון זייט און קיין דרום זייט.

בערנאַרד: דערפאַר וועט איהר באַלד הערען פון מיר א זאַך, וואָס וועט אייך...

בערטאַ: ניין! ניין! ניט איצט, ניט היינט! שפּעטער! (אידאַ לויפט אריין זעהר אויפגערעגט).

אידאַ: ווער איז גערעכט? איך האָב אייך געזאָגט, דער פּאַפּאַ וועט אונז ברענגען א פּרעזענט... אזא אלטער זאָל דענקען פון אזעלכע זאַכען! (אלע ערשטוינט).

בערטאַ: שש! אידאַ! קום אהער צו מיר! פערגעס ניט, פון וועמען רעדסטו דאָס!

אידאַ (קוקט אויף איהר מיט פעראַכטונג): איהר זייט אלע גוטע! איהר זייט אלע גוטע! (עס הערען זיך שטימען. אשכנזי עפענט די טהיר).

אשכנזי: יא, קומט אריין אהער!... זיי זיינען אלע מסתמא דאָ ביי בערטאַ'ן, ווי געוועהנליך... הא? וואָס? דומהייטען! ווי באַלד איך בין צופריעדען, דאַרפען מיינע קינדער געוויס צופריעדען זיין. (ער אריין, נאָך איהם סאָפיע און נינאַ אין רייזע־קליידער). א גוטען אבענד, קינדער, איך האָב אייך די עהרע צו פאָרצושטעלען... ע... מאַדאַם סאָפיע גרינשטיין, וועלכע... וועלכע איז יעצט מיין פרוי און אייער צווייטע מוטער... און דאָס איז פריילין נינאַ. (אלע ערשטוינט).

שליאָמע (קוקט אויף סאָפיע'ן און זיין שרה הינדע).

טאַליע (ביים טיש, נעהמט צונויף זיינע ביכער): איך וועל איהם באַלד זאָגען, אז איך בלייב דאָ ניט אין שטוב. (געהט צום פאָטער, בעגעגענט דעם בליק פון נינאַ'ן. זיי לאָזען ביידע אראָב די אויגען פערשעהמט).

אידאַ (וויינט שטאַרק): איידער צו זעהן און הערען, וואָס איך האָב

היינט ביי נאכט געזעהן און געהערט, וועל איך בעסער שטארבען! (פאלט מיט א געוויין אויף בערנארד'ס שולטערען. די קירכען-גלאק שאלט וויעדער און ווייט זינגט דער כאר פון די טרויעריגע גייסטער, ווי אין פראלאג).

בערנארד (גלעט אידא'ן זעהר צארט): בערוהיגט אייך, אידא! בערוהיגט אייך, אידאטשקע!

אידא (וויספערט): איך וויל ניט, איהר זאלט זי ליעב האבען, בערנארד! איך וויל ניט, איהר זאלט זי ליעב האבען! (סאפיע און נינא די גאנצע צייט אין זעהר א גרויסע פערלעגענהייט).

בערטא (בעטראכט די געסט): איך האף, דער פאפא האט געבראכט אין זיין הויז א מענש, וואס וועט זיין א טרייער פריינד צו איהם און צו זיינע קינדער. (גיט סאפיע'ן די האנד. דאס גלאק און טרויעריגער כאר מעהר פארטא).

(פ א ר ה א נ ג).

צווייטער אקט.

(דאָס זעלבע צימער. נינאַ זיצט ביי דער פּיאַנאָ און שפּיעלט עטוואָס זעהר טרויעריגעס גאַנץ פּיאַנאָ. זי פערדעקט איהר געזיכט און בלייבט זיצען אונבעוועגליך. סאָפיע קומט זעהר אויסגעפּוצט.)

סאָפיע: אַט איז זי! וואָס זיצסטו עפּעס דאָ?

נינאַ: וואָס איז מיר דער אונטערשיעד? אבי איך ליעג ניט אין דער ערד.

סאָפיע: נינא, איך פערשטעה ניט, מיט וואָס ביזטו אונצופריעדען? דיר פעהלט דען דאָ עטוואָס?

נינאַ: ניין! מיר פעהלט גאַר ניט.

סאָפיע: וואָס־זשע געהסטו אום דאָ ווי אין עולם התהו? איך האָב געמיינט, דאָ וועסטו עקזערצירען יעדען טאָג 6—5 שעה...

נינאַ: פינף, זעקס שעה באַראַבאַנען אין אַ פרעמד הויז! וואָס רעדסטו דאָס, מאַמאַ?

סאָפיע: אין אַ פרעמד הויז גאַר? דו ביזט אין דער הויז פון דיין מוטער׳ס מאַן!

נינאַ: וואָס איז מיר מיין מוטער׳ס מאַן?

סאָפיע: דיין מוטער׳ס מאַן איז דיין צווייטער פאַטער.

נינאַ: נו, יאַ, עס רעדט זיך נאַר אַזוי... עס קען ניט זיין קיין צווייטע מוטער און עס קען ניט זיין קיין צווייטער פאַטער, עס קען נאַר זיין אַ צווייטער מאַן...

סאָפיע (זיפצט): פערגינסט ניט דער מאַמע׳ן דאָס גליק? וועסט ווערען עלטער, וועסטו פערשטעהן.

נינאַ: האָסט זיך אויסגעפּוצט, גרויסאַרטיג!

סאָפיע: עס איז ניט פון מיין פערגעניגען וועגען, מעגסט מיר גלויבען. מיר פרויען לעבען נאַר צוליעב אַן אַנדערען׳ס פערגעניגען וועגען. מיר מוזען טהאָן, וואָס דעם מאַן געפעלט...

נינאַ (פערצווייפעלט): אַי! איך האָב ניט קיין היים! איך האָב ניט קיין היים!

סאָפיע: איך פיהל זיך אפשר אויך ניט אין גאַנצען ווי אין דער היים... נו, וואָס קען מען טהאָן? איך האָב דען אַן אַנדער ברירה? נינאַ,

א פרוי איז קיינמאָל ניט אין איהר היים, זי איז אין איהר מאַן׳ס היים... אויב זיי קענען אונז פערטראָגען גיבען זיי אונז פּלאַץ אין זייער היים, אויב ניט, נעהמען זיי צו ביי אונז די היים...

נינאַ: בעסער שטאַרבען, איידער צו לעבען אזוי...

סאָפיע: אַזוי לעבען מיר אַלע, כמעט אַלע. מיר קענען אַליין ניט זאָרגען פיר זיך, מוזען מיר זיין אונטערטעניג צו אונזערע פערזאָרגער.... איינינגע האָבען כאָטש אַ גליק און די פערזאָרגער זיינען זיי אַמוועניגסטען ניט אַנטיפּאַטיש... די גרעסטע צאָהל אָבער, אַלע כמעט דאַרפען לעבען, ליעבען און מאַכען זיך הן׳ענוודיג צו זייערע פערזאָרגער, וועלכע זיינען זיי אונער־טרעגליך עקעלהאַפט!... אַזוי וואָכען, מאָנאַטען, יאָהרען, אַ גאַנץ לעבען...

נינאַ: מאַמאַ, שוייג בעסער!...

סאָפיע: איך האָב דאָך ניט געקענט צולאָזען מיין טאָכטער זאָל זיין, חלילה, אַ נעהטערין, אַ שניידערין — דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע שאַנדע און אַ גרויסער אומ׳כבוד פאַר מיר. אָי, דו זאָלסט אָבער ווערען אַ גרויסע און בעריהמטע פּיאַניסטין, וואָלט עס געווען אַן עהרע און אַ פרייד פאַר דער מאַמען.

נינאַ: נו, יאַ, איך לעב דאָך נאָר דערויף, דו זאָלסט האָבען פון מיר נחת, כבוד און פרייד!

סאָפיע: האָסט דיין טאַטענ׳ס שגעון, זאָל ער מיר מוחל זיין. ניט איין מאָל האָב איך פון איהם געוויינט און ביטער געקלאָגט און ניט איין מאָל וועל איך קלאָגען און וויינען פון דיר... דער טאַטע מיט די ביינער!...

נינאַ: נו, יאַ, ווען דער פּאַפּאַ האָט געלעבט, האָסטו געליעבט דעם פּאַפּאַ, יעצט לעבט הערר אשכנזי, האָסטו ליעב דעם הערר אשכנזי. און ווען דער אַלטער הערר אשכנזי וועט שטאַרבען, וועסטו...

סאָפיע: געגוג! (ווישט די טרערען). נאָך וואָס דען גיט אונז גאָט קינדער, אויב ניט דערויף זיי זאָלען אונז פערביטערען די יאָהרען און פער־גיפטען דאָס לעבען? אַ פאָטער נעהמט זיך ניט צום האַרצען און אַ מאַמע ליעגט אין דער ערד. (אָב וויינענדיג).

נינאַ: איך זאָל ניט מורא האָבען פאַר׳ן טויט, וואָלט איך בעסער געוואָלט שטאַרבען... דער טויט אָבער מוז זיין עקעלהאַפט, שרעקליך, מיאוס. (לעגט דעם קאָפּ אויף דער פּיאַנאָ. טאַליע קומט מיט ביכער).

טאַליע (בעטראַכט זי מיט מיטלייד): עס איז אַ רחמנות אויף איהר. זי פיהלט זיך אַזוי עלענד דאָ. (לויט) פריילין נינאַ, מעג איך פרעגען, וואָס וויינט איהר אַזוי אָפט?

נינאַ: איך האָב ניט קיין אַנדער פערגעניגען.

טאַליע: איך איז ניט גוט דאָ ביי אונז?

נינאַ: ניין, מיר איז דאָ זעהר גוט.

טאַליע: פאַר וואָס זשע וויינט איהר?

נינאַ: איך וויין ניט מיט שטיף טרערען... די טרערען זיינען מיינע אייגענע...

טאַליע: עס זאָל מיך ניט פערדריסען, וואָלט איך אויף אייך בייז געוואָרען.

נינאַ: ווער בעט אייך, עס זאָל אייך פערדריסען?

טאַליע: איך פרעג נאָר, אפשר האָט אייך אימיצער דאָ ניט גוט בעהאַנדעלט... איך וויים, אידאַ קען זיך אַזאַ זאַך ערלויבען... איהר זאָגט נאָר מיר!

נינאַ: איך האָב ניט וואָס צו זאָגען!

טאַליע: ענטשולדיגט, איך האָב אייך ניט געמיינט צו ערגערען. (זוכט) איך האָב צוגעזאָגט אונזערע ארבייטער פון דאַמפף-מיהל צו ברענגען נאָך פערבאָטענע ביכלעך. (נעהמט פון אַ שופלאַד ביכלעך). איך האָב געדאַרפט אויף איהר בייז ווערען דערפאַר, נאָר איך קען ניט. אידאַ זאָל מיר אַזוי ענטפערען, וואָלט איך איהר געוואָרפען אַ טינטער אין קאָפּ... פאַר וואָס איז דאָס? אידאַ איז דאָך אַן אייגענע און זי איז ניט מעהר ווי אַ פרעמדע. אפנים די נאַטור קוקט ניט, וואָס אייגענע, וואָס ניט אייגענע, זי וויל ניט אַ מענש זאָל בלייבען גלייכגילטיג צו אַ מענש. (אָב).

נינאַ (קוקט איהם נאָך): איך בין אַזוי שלעכט צו יעדען און איך וויים ניט פאַר וואָס. ער זאָל מיר זיין אַן אמת'ער ברודער, וואָלט איך איהם געמעגט ליעב האָבען. ער איז מיר אָבער אַ שטיפברודער, אַ פרעמדער! און איך האָב קיינעם ניט! (לאָזט ווידער אראָב דעם קאָפּ צו דער פיאַנאָ. בערטאַ קומט, שעהן און נעט געקליידעט. צוויי געמאַכטע בלומען אין איהר קאָפּ. מיליע קומט מיט איהר, אויסגעפוצט און אויך מיט אַ בלום אין איהר קאָפּ).

בערטאַ (לוסטיג): יאַ, יאַ! דו קליינער גנב! כאַ! כאַ! ער וועט היינט קומען, וועל איך איהם אַלץ דערצעהלען...

מיליע: דו מיינסט, איך האָב מורא פאַר בערנאַרד'ן?

בערטאַ (בעמערקט נינאַ'ן)! שש! דו, מויד, זעץ זיך דאָרט אין אַ ווינקעלע און שפיעל זיך אין דער שטיל, און איך וועל אַביסעל ארבייטען. (מיליע בויט פון ביכער אַ שטוב. בערטאַ ארבייט ביי איהר טיש. פויזע. נינאַ וויינט). נינאַ, וואָס איז אייך? (קיין ענטפער). קומט אַהער צו מיר, איהר קליינע וועלפין, און דערצעהלט מיר, וואָס איז אייך? (קיין ענטפער). איהר ווילט ניט געהן צו מיר? ניין? וועל איך געהן צו אייך. (געהט צו איהר).

איהר וויינט גאָר? פוי! איהר ווילט אייך איבערפיהרען אזא שעהנע פּאָר אויגען? (גלעט זי איבער'ן קאָפּ. נינא וויל ניט ליידען). איהר ווילט אייך מאַכען פאר א שלעכטע, איך ווייס אָבער, אז קיין שלעכטע זייט איהר ניט.

נינא: איך בין יא א שלעכטע. געגען מיין ווילען בין איך שלעכט....

בערטא: זאָגט מיר, וואָס איז אייך, קינד. (זעצט זיך נעבען איהר). איהר ווייסט דאָך, אמאָל, ווען מען רעדט אויס דאָס הארץ אפילו צו א פלאָקען, ווערט אויך גרינגער. וואָס איז אייך, נינא?

נינא: איך ווייס אליין ניט, וואָס איז מיט מיר. אמאָל האָב איך ליעב געהאַט די מאַמאַ, איצט קען איך זי ניט ליעבען און ניט אַכטען. און ווען איך זעה זי מיט אייער פּאַפּא, פיהל איך אזוי מיאוס. (טרערען) איך האָב קיינעם ניט!

בערטא: איך פערשטעה אייערע געפיהלען. אָבער בערעכענט, וואָס האָט אייער מוטער געקענט טהאָן? א שוואַכע מיטעללאָזע פרוי. איך גלויב ניט, זי זאָל זיין שטארק פערליעבט אין מיין פּאַפּא, אָדער זי זאָל זיך פיהלען גליקליך מיט א מאַן פון עטליכע און זעכציג יאָהר. ניין, צו איהר קען מען גאָר ניט האָבען. ניט זי, איהר... איהר פערדיענט געטאַדעלט צו ווערען!

נינא (הויבט אויף דעם קאָפּ): איך גאָר?

בערטא: יא, איהר! איהר זייט א קלוגע מיידעל און די לאָגע פון אייער מוטער האָט אייך געדאַרפט לערנען צו דענקען פון זיך אליין. איהר האָט א מוזיקאַלישען טאַלאַנט, ווארום ארבייט איהר ניט און פּאַרבערייטעט אייך ניט צו זיין א זעלבסטשטענדיגער מענש אינ'ם לעבען? מיין שוועסטער אידא איז רייך, אָבער אויך זי וועט בערייהען, וואָס זי האָט אויפגעהערט צו לערנען אין גימנאַזיע און וויל זיין א פרוי בעפאָר זי איז געוואָרען א מענש. מען דאַרף לערנען, נינא, אום צו קענען זאָרגען פיר זיך. ערלויבט מיר, איך וועל אייך העלפען. איך ווייס, יונגע חברה זיינען מאַנכעסמאָל אביסעלע פויל. איך וועל אייך ניט לאָזען צו פערגעסען אייער פליכט און אייער ציעל אין לעבען.

נינא: איהר?

בערטא: יא, איך! איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט אייך ריידען, נאָר איך האָב געזעהן, איהר בלאָזט אייך אויף מיר. קינד, וואָס בין איך שולדיג, וואָס מיין פּאַפּא האָט גענומען אייער מאַמאַ? בע! בע! הערט, נינא, ביי מיר איז היינט א גליקליכער טאָג. עס קען זיין, היינט איז דער גליקליכסטער טאָג אין מיין לעבען. איהר וועט שפּעטער, היינט נאָך ערפאַהרען, וואָס איך מיין...

מיליע: נאָר איך ווייס, איך בין דער איינציגער מענש, וואָס ווייס!...

בערטאַ: איהר זעהט, זי איז דער מ ע נ ש, וואָס ווייסט... יאַ, היינט איז ביי מיר אַ גליקליכער טאָג און איך וואָלט אַזוי געוואָלט אַלע זאָלען זיין גליקליך. (נעהמט פון איהרע האָר איין בלום). איך האָב זיך ערלויבט היינט אַביסעל נאַריש מאַכען און האָב זיך אַליין געמאַכט די בלומען. איאַ, ניט שלעכט? איין בלום האָב איך געגעבען מיין בעסטען פריינד אין דער וועלט, וועלכער איז ד ע ר מ ע נ ש, ו ו אָ ס ו ו י י ס ט. איינע, נינאַ, גיעב איך אייך, זאָלען מיר זיין פריינד. (פלעכט איהר אריין די בלום אין איהר האָר). קינד, אַ פריינד זאָגאַר מיט אַ הויקער איז בעסער, ווי גאָר ניט, און אַז איהר וועט האָבען אַ בעסערען פריינד, וועט איהר מיך אוועק־וואַרפען. (בויגט זיך צו צו איהר, שטיל). נינאַ, איך וויל דיר זיין אַ שוועסטער... (נינאַ פאַלט צו צו איהר ברוסט מיט אַ געוויין. בערטאַ גלעט זי איבער'ן קאָפּ. פויזע. מען הערט אשכנזי'ס שטימע). שש! נינאַ, דער פּאַפּאַ קומט. מיליטשקע, נעהם נינאַ'ן צו מיר אין צימער.

מיליע: קום, נינאַ, אַז בערטאַ האָט ריך ליעב, האָב איך דיך אויך ליעב. (ביי נינאַ'ן רייסט זיך אַרויס אַ היסטערישער געוויין. זי אומאַרעמט און דריקט מיליען צו זיך. אשכנזי'ס שטימע).

בערטאַ: פאָרט פון דאַנען, גנבים!... מיליע, מעגסט נינאַ'ן אַלץ דערצעהלען, זאָל זי אויך זיין אַ מענש, וואָס ווייסט... (זי שטויסט זיי ביידע מיט צערטליכקייט אַרויס. הוסט). מען וועט דאַרפען דעם פּאַפּאַ דיפּלאָמאַטיש רעפּאַרטירען. זעהר שטאַרק וועט ער זיך ניט ברעקלען, דאָך ניט מעהר ווי אַ האַרבאַטע טאָכטער. (אשכנזי אַריין).

אשכנזי: בערנאַרד איז נאָך ניטאָ? נו, יאַ, ער האָט צייט. אַזוי פיעל רעכענונגען, מיט געשעפטען, מיט קאָנטראַקטען, צום שוואַרץ יאָהר! און קיין מילנער האָבען מיר דערוויילע אויך ניט, וואָס זשע, א י ך דאַרף זיך ברעכען דעם קאָפּ מיט אַלעמען?

בערטאַ: פּאַפּאַ, בערנאַרד וועט געווים באַלד קומען. פערגעס ניט, ער איז ערשט געקומען נעכטען פון דער רייזע, רוהט ער זיך אַביסעל אויס. דאָך דריי חדשים געווען אין וועג.

אשכנזי: נו, יאַ, אַנדערש ביי זיין טאַטען ניט געוואויינט געוואָרען! שליאָמע הויז'ם זוהן מאַכט אַ רייזע קיין אויסלאַנד. ווי זיי קריכען אַריין גיך אין די פעדערען, די הויז־אַריסטאָקראַטען!

בערטאַ: שליאָמע הויז'ם זוהן האָט זיך אַליין מיט זיין מיה און שווערע אַרבייט געשאַפען אַ מעגליכקייט צו רייזען. ער האָט גענוג געליטען, ער מעג זיך אָברוהען. און אויסער דעם, פּאַפּאַ, דו ווייסט דאָך, עס איז ניט געווען נאָר אַ לוסט־רייזע, — ער איז געפאָהרען לערנען דעם געשעפט פון

דאמפף־מיהלען. און דערצו נאָך האָט ער געבראַכט אַ מילנער עפּעס אַן אַנטיקעל, ווי מען זאָגט... נו, היינט וואָס ווילסטו פון איהם?

אשכנזי: דערווייל דאַרף מיין טאָכטער, אשכנזי'ס טאָכטער, טהאָן זיין ארבייט!

בערטאַ: פּאַפּאַ, דאָס איז ניט געפעהרליך... ארבייט שפּיעלט ביי מיר קיין ראָלע ניט.

אשכנזי: מיר מעגען זיין גוט צו איהם, ער אָבער דאַרף ניט פערגעסען, אַז ער איז ניט מעהר ווי שליאָמע הוץ'ס זוהן.

בערטאַ: שליאָמע הוץ'ס זוהן האָט אָנגעפאַנגען ביי אשכנזי'ן אַלס אַ אינגעל — אַן ארומלויפער און איצט איז ער אשכנזי'ס קאָמפּאַניאָן.

אשכנזי: יאַ, צום געשעפט איז ער פעהיג, דער רוח נעהמט איהם ניט.

בערטאַ: ער איז אַן עהרליכער מענש, דאָס קענסטו דאָך ניט לייקענען, פּאַפּאַ!

אשכנזי: זאָל ער פּרואווען גנב'ענען ביי אַזאַ מענש, ווי איך! איין קוק — זעה איך אַלץ... און דערצו העלפט מיר אַביסעל אַזאַ רעוויזאָר, אַ טייוועל, ווי דו.

בערטאַ: און ער האָט אַ גוטען כאַראַקטער.

אשכנזי: וואָס דאַרף איך זיין גוטען כאַראַקטער? אויף כפּרות?

בערטאַ (לאַכט): דו, פּאַפּאַ, דאַרפסט אפשר זיין גוטען כאַראַקטער אויף כפּרות, אָבער מיר וועט עס צוניץ קומען.

אשכנזי: וואָס פאַר אַ געשעפטען קענסטו מאַכען מיט זיין גוטען כאַראַקטער? (ער בעטראַכט זי. סאָפיע עפענט שטיל די טהיר און הערט זיך צו).

סאָפיע (גאַנץ שטיל): אפשר רעדט זי אָן דעם פאָטער געגען אונז? אי, אַ לעבען! מען דאַרף ציטערען פיר יעדען שיין. צוויי איבעריגע מענשען אין שטוב...

אשכנזי: בערטאַ, ביזט מיר עפּעס היינט אַזוי לוסטיג און אויפגעלעגט.

בערטאַ: יאַ, פּאַפּאַ, איך פיהל זיך היינט גליקליך... איך פּראָיעקטיר אַ גרויס געשעפט...

אשכנזי: אַזוי? זאָג נאָר מיר, וואָס פאַר אַ געשעפט פּראָיעקטירסטו דאָס?

בערטאַ: גאַנץ איינפאַך, פּאַפּאַ, איך פּראָיעקטיר חתונה האָבען מיט בערנאַרד'ן...

אשכנזי: דו? פע! און איך האָב געמיינט, ביזט שוין צופיעל אריבער־

געוואקסען און צופיעל קלוג געווארען, דו זאלסט דענקען פון אזעלכע נארישקייטען.

בערטא: מעהר איבערגעוואקסענע און קליגערע פון מיר דענקען אויך אמאל פון אזעלכע נארישקייטען... פאפא, איך וויל אויך כאטש אביסעלע לעבען...

אשכנזי: נו, יא, נאטירליך... אבער דו ביזט דאך ניט בלינד... דו זעהסט זיך.

בערטא: איך בין ניט בלינד און די הויפט־אורזאכע, ער איז ניט בלינד...

אשכנזי: וואס־זשע, עס איז שוין ביי איך אן אבגעמאכטע זאך?

בערטא: יא, שוין לאנג. מיר האבען בעשלאסען צו שווייגען ביז ער וועט קומען פון אויסלאנד... איך האב דיך פארבערייטעט, ווייל איך מיין, ער וועט היינט מיט דיר ריידען דערפון...

אשכנזי: א גוטע, א גוטע, פון דעסטוועגען איז ביי דיר ניט שווער אוועקווארפען אלע געשעפטען, דאס הויז, די קינדער, דעם פאפא.

בערטא: איך פערלאז קיינעם ניט און ווארף קיין זאך ניט אוועק....

אשכנזי: הייסט עס, שליאמע הויז וועט זיין מיין מחותן, דערלעבט זיך א כבוד!...

בערטא (לוסטיג): עס איז טאקע א ביטערע עבירה צו געבען שליאמע הויז אזא מחותן, ווי אשכנזי, אבער דערפאר קריגט ער א הארבאטע שנור... פאפא, ער פערליערט מעהר, ווי ער געווינט. כע! כע! שליאמע הויז קען אויך רעכענען... ער איז א פאטער און יעדער פאטער רעכענט מעהר, ווי ער ליעבט. א מוטער ליעבט מעהר, ווי זי רעכענט. (ערנסט). אה, ווען איך וואלט יעצט געהאט א מוטער! אין דיעזער מינוט וואלט זי געווען גערירהרט פון ליעבע, גליקליך פון פרייד. זי וואלט מיך געבענשט מיט ציטער־רענדע ליפען און געוואונשען גליק מיט איהר פולען הארץ... און מיר וואלטען ביידע געוויינט מיט גוטע, הייליגע טרערען... א פאפא אבער... א פאפא האט ניט איצט פאר מיר אפילו איין גוט ווארט. (פרעהליך). ע! עס מאכט ניט אויס. מען דארף לויפען אין קיך אריין. (סאפיע פערשווינדט). היינט וועלען דא געווים עטליכע פרעמדע מענשען מיטאג עסען. (געהט). פאפא, מיט א זעקס מאנאט צוריק האסטו מיך אביסעל איבערראשט, היינט האב איך דיך אביסעל איבערראשט. איצט זיינען מיר קוויט. (אב).

אשכנזי: דער שניידער־יונג שליאמע הויז מיין מחותן! איך וואלט בעסער שטארבען... אבער דא אין דעם פאל, די וועלט וועט דאך פערשטעהן, א טאכטער א קאליקע, א קריפעל... הם! ווי עס האט זיך איהר געמאכט

די ערשטע געלעגענהייט, האט זי זיך אנגעכאפט מיט די הענד... אי! איז דאס א וועלטעל! דאכט זיך אזא, ווי זי... און דאך.... ע! יעדער לעבט נאר פאר זיך! (בלייבט זיצען פערזארגט. סאפיע קומט, מאכט זיך פריינדליך).

סאפיע: זעה נור, ווי דו זיצסט... דיר איז דאך אונבעקוועם אזוי. (געהט צו דער סאפע נאך א קישעלע, שטיל). אי, מאנכעס מאל איז מיר אזוי שווער צו מאכען א פריינדליך געזיכט. (לעגט איהם דאס קישעלע אונטער'ן רוקען). זעהסט היינט זעהר גוט אויס, אזוי מונטער און די אויגען קלאר.

אשכנזי: טאקע? סאפיע, איך בין געגאנגען צופוס צו דער מיהל און צוריק.

סאפיע: דו זאלסט מיך פאלגען, וואלסטו יעדען טאג געמאכט מאציאן. דו ווייסט וואס? פון מארגען אן וועל איך אליין מיט דיר יעדען טאג שפאצירען. (שטיל) וועל איך אפשר דאך ניט פיהלען, אז איך עס מיין ברויט אומזיסט...

אשכנזי: איך קוק אויף דיר און טראכט, וואס פאר א נאר איך בין געווען, צוליעב די קינדער צעהן יאהר געזעסען אן אלמן... אלץ צוליעב די קינדער!

סאפיע: יא, אבער מיט צעהן יאהר צוריק בין איך נאך קיין אלמנה ניט געווען.

אשכנזי: אט דאס איז דאך! אלץ פאסירט ניט דאן, ווען מען דארף. הם! סאפיע, דו האסט שוין לאנג עפעס ביי מיר ניט געבעטען קיין געלד. ווילסט דאך ניט מען זאל זאגען, אשכנזי'ס יונגע פרוי האט ניט קיין פאר רובעל, ווען זי דארף. (גיט איהר א קרעדיטנעם בילעט). זיי אזוי גוט, דארט ביי בערטא'ן אויפ'ן טיש שטעהען שוועבעלעך. (נעהמט ארויס א סיגאר פון א גרויסען פארט־סיגאר).

סאפיע: שוועבעלעך? באלד. (געהט ראש צום טיש, שטיל). א פינף און צוואנציגער! איך גיב ניט אויס א גראשען פונ'ם געלד, וואס ער גיט מיר! אי! ביסלעכווייז וועל איך אנזאמלען נדן פיר מיין נינא'ן. (בעהאלט דאס געלד, רייבט אויס א שוועבעלע און גיט איהם פעררויכערען). איך האב פריהער געוואלט ארייגעהן, זאב איך געהערט, דו רעדסט מיט בערטא'ן...

אשכנזי: נו, וואס מיינסטו איז בערטא? אזא עגאאיסט ווי אלע קינדער.

סאפיע: א שאד, אונזער פלאן הפנים וועגען בערנארד'ן מיט מיין נינא איז געווארען צו נישט... איך זאל זיין בערטא און דערצו נאך אשכנזי'ס טאכטער, וואלט איך עס ניט געטהאן. וואס וואלט מיך געקענט נויטען?...

אשכנזי: דו האלסט זעהר שטארק פון אשכנזי און זי ניט...

סאָפיע: אי! האָבען אַ פאָטער אשכנזי, וואָס דאַרף מען נאָך? און אויסער דעם, אפילו שעהנע און געזונדע פרויען ווערען באַלד נמאס, הײנט אזא ווי זי. הפנים זי ווייסט ניט, פאר וואָס די מענער ליעבען אונז... (שטיל) מיר דאַכט זיך, ער איז געוואָרען בייז... (לויט און קאָקעטיש). ניט אַלע זיינען דאָך אזעלכע גוטע ווי דו. (שטיל). אַי וואָס זאָל מען טהאָן? מען מוז זיך מאַכען אַ זיס פנים. (זיפצט).

(אשכנזי (שטרעקט אויס די האַנד צו איהר): סאָפיע! (אַ געראויש).

סאָפיע: ניין! ניין! אימיצער קומט. (שליאָמע און שרה הינדע קומען, ביידע אין שבת'דיגע קליידער).

ביידע: גאָט העלף! גאָט העלף אייך! (שליאָמע נעהמט אראָב זיין היטעל).

סאָפיע: זיצט, זיצט! נעהמט אַ שטוהל, הערר הויז. (אַלע זעצען זיך).

שליאָמע: הויז האָט מען מיך גערופען, ווען איך בין געווען אַ זשענעסקער... נאָר גאָר ניט, זאָל זיין הויז, מסתמא דאַרף דאָך אזוי זיין. און דאָס, וואָס דאַרף זיין, קענען מיר ניט מאַכען, עס זאָל ניט זיין.

סאָפיע (אין אַ פערלעגענהייט): ענטשולדיגט, איך הער שטענדיג די קינדער... ע!

אשכנזי: נו, וואָס איז דאָרטען? שליאָמע הויז, דו דערצעהל בעסער, ווי געהט עס דיר?

שליאָמע: מושיו אשכנזי, אַלץ געהט ווי עס קומט פון אויבען. אַ מענש קען ניט אַ קראַץ טהאָן די פּאָה, אָדער אַ פייף טהאָן מיט'ן נאָז, אויב עס איז ניט פון דאָרטען...

אשכנזי: הויז מיט זיין פילאָזאָפיע! קום אהער, זעץ זיך דאָ נעבען מיר. (שליאָמע זעצט זיך נעבען איהם. זיי רעדען שטיל).

סאָפיע (צו שרה הינדע'ן): און איהר האָט געסט, האַ?

שרה הינדע: יאָ, אונזער בערנאַרד איז געקומען און האָט מיט זיך געבראַכט זיין פריינד, האָט ער מיר אָנגעקויפט פרעזענטען אין „קינצפּרעג", אַז טאַקע געזונד זאָל ער זיין!

אשכנזי: ניט „קינצפּרעג" — קעניגסבערג.

שרה הינדע: יאָ, זיי זיינען איצט געגאַנגען בעקוקען די מיהל און אונז האָט בערנאַרד געשיקט אהער.

אשכנזי: איך ווייס שוין נאָך וואָס ער דאַרף אייך. הויז, דערלאַנגט מיר אַ שוועבעלע דאָרט! (הויז געהט נאָך שוועבעלעך). עס וועט זיך אָנהויבען הוצלען ביי אונז, האַ?

שרה הינדע: זאָל זיך הוצלען אין אַ גוטע, מזל'דיגע שעה!

שליאָמע (גיט אשכנזי'ן פערדרויבערען): אויב עס הוצעלט זיך, איז דאָס נאָר פון אויבען. (זעצט זיך). אי, דער אינזשענער, וואָס איז געקומען מיט בערנאַרד'ן, האָט אויף זיך א ממזר'ישען קאָפּ! פּס! האָט א סך געלערענט אין די דאָזיגע זאַכען פון השגחה מיט קבלה.

אשכנזי: יא, ער האָט שטודירט אין דייטשלאַנד השגחה מיט קבלה! כע! כע!

שליאָמע: ער איז דאָך אַן אונזעריגער — לואיס קאַרשונסקי. זיין טאַטע איז ביי מיר געווען א פּועל, געווען א פּאַרטאַטש און א שכור, זאָל ער מיר מוחל זיין. איהר דאַרפט איהם געדענקען. מען האָט איהם גערופען פּייוועל כניאָק...

אשכנזי (איראָניש): הוץ, דאַרפסט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען, איך האָב כניאָק'ען ניט געקענט...

שליאָמע: און דוקא ביי כניאָק'ען אזא זוהן! א קבצן געווען אַן אייזערנער. בכן באשר איז וואָס? איז דער אינגעל טאַקע געשוואָלען געוואָרען פון הונגער, האָט זיך געוואַלגערט אויף שמאַטעס און האָט דאָך געענדיגט די רעאַלנע שולע מיט א גאָלדענע מעדאַל. אז מען זאָגט אויבען „יא“, קען מען אונטען ניט מאַכען „ניין“.

אשכנזי: נו, יא, דוקא ביי די כניאָקעס זיינען געראָטענע קינדער.

שליאָמע: מיינער איז פיעל עלטער און דאָך זיינען זיי שטענדיג געווען פריינד, פינגער בפינגער...

שרה הינדע: איך געדענק, בערנאַרד איז שוין קיין עין הרע געווען א בוץ און ער איז געווען ווי א שרייטעלע קליין, און איז דאָך געווען בערנאַרד'ס רבי.

שליאָמע: יא, שרייבען, לייענען און האַנדשריפט, יעדעס פּיצעלע! און אז ער איז געפאָהרען שטודירען אין דייטשלאַנד... ווי אזוי רופט זיך די שטאָדט? ע.... עפּעס אזוי ווי דער אידישער דאַווענען — יא, מנחה! געפאָהרען שטודירען קיין מנחה...

אשכנזי: ר' חיט, דו מיינסט ניט מנחה, נאָר מינכען, מסתמא.

שליאָמע: א דייטש פערגינט זיך, מנחה! זיי האָבען מסתמא א שטאָדט מעריב אויך, א קשיה אויף א דייטש? האָט איהם מיין בערנאַרד יעדען חודש געשיקט 25 קערבאַטשעס, מזומן! כסף וזהב! און ווי ער האָט געקראָגען די... די דילפּאָ.... די... ווי רופט זיך דאָס פּאַפּיער...

אשכנזי: די דיפּלאָמע מסתמא?

שליאָמע: האָט ער באַלד געקראָגען א שטעלע אין דייטשלאַנד גופא.

איהר הערט? אין דייטשלאַנד! דאָס איז אַ קליינינקייט ביי איך? הערסט אַ מענש, ביי איהם איז דאָס אַ קליינינקייט!

אשכנזי: ווער זאָגט דיר דען, עס איז אַ קליינינקייט?

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? דו הערסט ווי עס דריידעלט זיך? זיין טאַטע איז געווען ביי מיר אַ פּועל און מיין זוהן איז ביי אשכנזי'ן דער הויפּטמאַכער. יאָ, עס איז דאָ אויבען אַ פינגער, וואָס פינגערט.

אשכנזי: געוויס, עס זאָל ניט זיין קיין פינגער, וואָלט ניט געווען קיין שניידעריי. הייסט עס, דיין בערנאַרד האָט אָהער געבראַכט זיין פריינד, ווי רופט מען איהם, דעם כניאָק, ער זאָל איהם אָבארבייטען זיין חוב?

שליאָמע: חוב? ער האָט לאַנג בעצאָהלט ביז אַ פּרוטה. ער האָט נאָך געוואָלט צאָהלען פּראָצענט אויך. אַ מערקווירדיגע נפשה! מיין כלל, זאָגט ער: איך דאַרף דיר, זאָגט ער, ניט זיין שולדיג און דו דאַרפסט מיר, זאָגט ער, ניט זיין שולדיג. דו לעב, זאָגט ער, פון דיינעטוועגען און איך, זאָגט ער, וועל לעבען נאָר פון מיינעטוועגען. איהר זאָלט הערען, אַז ער עפענט אַ פּיסק פון פילאָזאָפיע מיט סאַמאָגראַפּיע...

אשכנזי: סאַמאָגראַפּיע? סאָפּיע, דו האָסט געהערט אַזאַ וויסענ־שאַפט. ניין? טאָ קום, גיב אונז צו גלעזער וויין.... דעם שטאַרקען סאַנטורין.

שליאָמע: אַ שאָד, ער גלויבט ניט אין השגחה... אויבען, זאָגט ער, צייכענט מען ניט, מען צייכענט נאָר אונטען...

סאָפּיע (צו אשכנזי'ן): איך איז זעהר שעדליך צו טרינקען וויין. (שטיל) אַי, אַז ער טרינקט וויין, געהט עס אויס צו מיין קאָפּ.

אשכנזי: איך מיט הויז'ן מוזען היינט נעהמען צו ביסלעך. ווי זאָגט מען: קנייפּ זיך אין באַק, די פאַרב זאָל שטעהן.

סאָפּיע (זיפצט שטיל): נו, וואָס קען מען טהאָן? מען מוז דולדען, דערוויף האָט מען התונה. (אָב).

אשכנזי: הויז, וועסט טרינקען וויין, וואָס איז בעסער פון סאַמאָ־גראַפּיע און שטאַרקער פון השגחה, קום! (זיי געהען).

שליאָמע: מושיו אשכנזי, איהר לאַכט ניט פון השגחה! אין דער צייט, ווען איהר לאַכט מיט אַ קאַלטען לונג און לעבער, קען זיין קוקט אויף אייך דער אונבעקאַנטער...

אשכנזי: ווער איז ער, דער אונבעקאַנטער דיינער, אויך עפּעס אַ שניידער? כאַ! כאַ! כאַ!

שליאָמע: יאָ, אַ שניידער וואָס מאַכט „חיק“, און שוין אָבגעשניטען אַ מענש פון דער וועלט...

שרה הינדע: שלמה זשענסקער, אין שניידערשען קלויז וועסטו האַלטען דיין דרשה!

שליאָמע: דאָס, וואָס אונז איז אונבעקאַנט, וואָס מיר ווייסען ניט, רופט זיך דאָס השגחה. זי קוקט אפשר איצט פון אויבען און זאָגט: דיר, שליאָמע הויז, זאָל פליהען אַ ציגעל פון בוידעם און זאָל דיר צופּלעטען דעם מח און איך ר' שמואל אשכנזי, זאָל אַ קלאַפּ טהאָן די אַפּאָפּלעקציע... און ע...

אשכנזי (בלייבט פּלוצלונג שטעהן, דערשראָקען): אַפּאָפּלעקציע? וואָרום מיינסטו דאָס? ווי אַזוי איז דיר איינגעפאַלען גראַדע די אַפּאָפּ־לעקציע? וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען דערמיט?

שרה הינדע: פרעגט איהם בחרם! אַ חיה מיט אַ צונג און עס רעדט!.. ביי איהם איז דאָך אַלץ פון אויבען. (אשכנזי ווערט ווידער פרעהליך).

שליאָמע: באשר בכן איז וואָס? עס רעדט זיך נאָר צום „וויינ־שפּיעל"... כע! כע!

אשכנזי: גערעכט! ניט צום ביישפּיעל, נאָר צום וויינשפּיעל. (אָב דורך אַן אינערע טהיר. מען הערט זייער געלעכטער).

בערטאַ (אין אַ פאַרטוך, די באַקען צופלאַמט, זעהר פרעהליך): די מחותנים האַלטען זיך אונטער! (לויפט צום שפּיגעל). אויף מיין וואָרט, איך בין היינט גאָר ניט אַזוי מיאוס, ווי מען מיינט. (לויפט צום טיש). לאָמיך אַקאָרשט זעהן, וואָס איז נויטיגער צו טהאָן אויף גיך? (זעצט זיך). אָי, איך מאַך זיך רוהיג, אָבער אין דער ווירקליכקייט? דאָס האַרץ שפּרינגט און רייסט זיך און פערשטאַרבט. איך מיין, בערנאַרד איז אַזוי רוהיג, ווייל ער פיהלט גאָר ניט וויפיעל ליעבע און איבערגעבענהייט איז פאַר איהם פאָרבע־רייטעט. איך זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט איך געלאַכט און געוויינט פון פרייד. ווייל אַזעלכע פרויען ווי איך שעמען זיך פאַר דעם ציינישען שפּאָט פון אַנדערע, בעהערשען מיר זיך און מיר ציינען און דריקען ניט אויס ווי שטאַרק און ליידענשאַפטליך אונזער ליעבע איז. מיר דאַרפען בעהאַלטען אונזערע געפיהלען! בערנאַרד, קיינמאָל אין דיין לעבען זאָלסטו ניט בערייען דאָס, וואָס דו פעראייניגסט זיך מיט מיר!! איך וועל זעהן, דיין היים זאָל זיין אַ בית המקדש, פול מיט היילינע רוה און צופריעדענהייט. (בלייבט פערטראַכט איין אויגענבליק). געוואַלד! געוואַלד! איך קען היינט גאָר נישט טהאָן! (זוכט צווישען די פּאַפּיערען. אידאַ קומט פון איהר צימער, אויסגעפּוצט. בערטהאַ קעהרט זיך ניט אום און רעדט צו איהר). אידאַ, דאָס ביסטו טייערע? קום אַהער צו מיר אידאַטשקע. זיץ דאָ נעבען מיר. איך וועל אַרבייטען און רעדען מיט דיר. היינט ענדליך איז געקומען די צייט, ווען איך דאַרף דיר עטוואָס מיטטהיילען. (אידאַ געהט צו צו איהר). אָה,

אידא, ווי דו האסט זיך שעהן אנגעטהאן! הפנים דיין הארץ האט דיר געזאגט, אז ביי דיין שוועסטער איז היינט א גרויסער יום טוב. (אידא קעהרט זיך אב און שוויגט). וואס איז מיר דיר, אידא?

אידא (זעהר טרויעריג): בערטא, מיר טהוט זעהר וועה דאס הארץ פאר דיר...

בערטא: וואס מיינסטו דערמיט?

אידא: אבער איך וויים, דו ביסט א גוטע און וועסט טהאן יעדע זאך צוליעב אונז. איך וויים. ווען בערנארד האט דיר געזאגט א מאל: וועסט דאך ניט געהן צוליעב אידא'ן אפפערען דיין לעבען, האסטו געענטפערט: איך האב קיין אנדער ציעל ניט אין לעבען, ווי אפפערען זיך צוליעב זיי. איא, דו האסט עס געזאגט? געדענקסט, די זעלבע זומער־נאכט, ווען דער פאפא האט געבראכט די נייע מאמאשע?

בערטא: פון וואנען ווייסטו דאס? אידא, דו רעדסט עפעס אזוי סעריאזנע...

אידא: ערשטענס, ווייס איך דאס, ווייל איך קען דיך, אז דו ביסט זעהר א גוטע. און, צווייטענס, בערנארד האט עס מיר געזאגט.

בערטא: בערנארד? ער האט מיט דיר גערעדט פון אזעלכע זאכען?

אידא: יא! ער וויים ניט, אז איך האב אלץ געהערט, וואס איהר האט גערעדט. דו האסט ניט געוואלט און האסט ניט געדענקט זיין כלה ווערען. ער האט דיר איינגערעדט און דיך איינגעבעטען. אבער איא דיך וועט ניט ארען, אז ניין? איא ביי דיר איז דאס ניט קיין וויכטיגע זאך?

בערטא: נו, וואס ארט עס דיך, אויב עס איז ביי מיר וויכטיג אדער ניין?

אידא: וואס מיך ארט? ביסט א קלוגע און פערשטעהסט ניט. דו האסט זיך אפילו ניט אנגעשטויסען. אז בערנארד איז געפאהרען קיין אויס־לאנד איבער מיר! איך וועל דיר אלץ דערצעהלען: יענע נאכט, ווען איך האב געהערט, ווי בערנארד האט מיט דיר גערעדט, האט זיך אין מיר פלוצלונג אנגעצונדען א העלישער פייער, איך פערשטעה אליין ניט, וואס דאס איז. איך האב געמיינט, איך וועל משוגע ווערען. פריהער האב איך גאר ניט געדענקט פון איהם, און ווי איך האב דערהערט וואס ער האט דיר געזאגט, האב איך ניט געקענט ניט עסען, ניט שלאפען, ניט געקענט לערנען מעהר... איך בין אויף דיר געווען בייז, איך וואלט דיך צוריסען, איך וויים ניט פאר וואס. און... ע... איך האב גערעדט מיט איהם, געשריעבען איהם בריעף, געבעטען, געוויינט...

בערטאַ (ווידערהאָלט אויטאָמאַטיש): געשריעבען בריעף, געבעטען, געוויינט?

אידאַ: פריהער האָט ער געלאַכט פון מיר, נאָכדעם האָט ער זיך געבייזערט, נאָכדעם האָט ער זיך געבעטען רחמים, איך זאָל איהם ניט שטערען צו בלייבען אַן עהרליכער מאַן, נאָכדעם האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט מורא פאַר מיר, ווייל איך בין נאָך צו יונג... צולעצט איז ער אַליין אויך משוגע געוואָרען. בערטאַ, דו דאַרפסט פון איהם ניט דענקען מעהר — איך וועל מיט איהם חתונה האָבען.

בערטאַ (איראָניש — בייז): איך דאַרף ניט דענקען פון איהם, ווייל דו ווילסט חתונה האָבען? (גוטמוטיג). אידאַ, איך האָב מורא, דו פערשטעהסט אַליין ניט, וואָס דו רעדסט.

אידאַ: איך פערשטעה שוין זעהר גוט. מיין ניט, עס איז אַ שפּאַס... ער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן און איז אַוועק קיין אויסלאַנד. אַי, בערטאַ, דו האָסט געדאַרפט זעהן, ווי אַזוי מיר האָבען זיך געזעגענט פאַר זיין אַוועקפאָהרען! ער האָט מיר געקושט די אויגען, די הענד, די פיס, יאַ, יאַ, די פיס אויך, איך זאָל אַזוי געזונד זיין.

בערטאַ: אַזוי? (נעהמט זיך שרייבען און רעכענען). אַלזאָ, ווי קומט דאָ אוים די רעכנונג? די ערשטע פינף וועקסלען האָט מען דיסקאָנטירט דעם 17טען...

אידאַ: זעהסט ווי דאָס אינטערעסירט זי? וועקסלען! דיסקאָנטירט! איך האָב געוואוסט, אַז דאָס שפּיעלט ביי דיר קיין ראָלע ניט. מיר האָבען יעדע וואָך איינער דעם אַנדערען געשריעבען לאַנגע, לאַנגע בריעף און איצט איז ביי אונז געבליעבען, מיר זאָלען דיך בעטען, דו זאָלסט אונז ערלויבען חתונה האָבען.

בערטאַ: איך? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך צו ערלויבען אָדער ניט צו ערלויבען? (רעכענט). הייסט עס, אַראָב צעהן פּראָצענט... האַ? איך האָב מורא, איך וועל היינט אַ טעות האָבען אין חשבון. עס איז איבער דיר, אידאַ, ווייל... ווייל דו דולסט מיר דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נאַרישקייטען!

אידאַ: נאַרישקייטען? נו, יאַ, ביי דיר און ביי אַזעלכע, ווי דו, איז דאָס ניט מעהר ווי נאַרישקייטען! און איך זאָג דיר, אַז מען וועט מיך ניט לאָזען חתונה האָבען מיט איהם, וועל איך שטאַרבען. איז ער דען ניט אַ גוטער מאַן פאַר מיר? (קיין ענטפער). איך פרעג דיך, בערטאַ, איז ער דען ניט אַ גוטער מאַן פאַר מיר?

בערטאַ: יאַ, איך מיין, ער וואָלט געווען אַ גוטער מאַן פיר יעדער

פרוי, פיר דיר געווים... ער איז אַ סאָלידער מענש מיט אַ שטילען, עהרליכען כאַראַקטער. ביסטו אָבער אַ גוטע פרוי פאַר איהם?

אידאַ: פאַר וואָס ניט?

בערטאַ: ביסט לייכטזיניג, צו יונג, ניט ענטוויקעלט, ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס דו ווילסט.

אידאַ: האָסט אַ טעות, איך ווייס יאָ.

בערטאַ: ביי דיר איז דאָס נאָר אַ קאַפּריז פון אַ יונגער, נאַרישער מיידעל, און וועלכער עס הויבט אָן צו ערוואַכען די פרוי, זעה זאָלסט איהם שפּעטער ניט אונגליקליך מאַכען.

אידאַ: דאָס איז ניט קיין קאַפּריז ביי מיר.

בערטאַ: האָסט דו איהם ליעב, אידאַ?

אידאַ: איך האָב אַזוי ליעב, ווען ער קושט מיך און דריקט מיך צו זיך! אָי, איז ער פערליעבט אין מיר! זעהסט, וואָס פאַר אַ פּרעזענט ער האָט מיר געבראַכט פון דייטשלאַנד? אַ מעדאַליאָן — אַ האַרץ, זיין בילד אין האַרץ. איאַ שעהן? עס איז אַ פערגעניגען! איך וועל האָבען אַ מענש, וועלכער וועט מיר שטענדיג קויפען פּרעזענטען.

בערטאַ: דו האָסט איהם דען שוין געזעהן?

אידאַ: יאָ, נעכטען, באַלד ווי ער איז געקומען. דיך וועט ער היינט זעהן. ער האָט אַ ביסעל מורא פאַר דיר, דער נאַר! ער ווייסט ניט, אַז דיר ליעגט עס ניט אפילו אין דער לינקער פּיאַטע. בערטאַ, דו וועסט זיין אַ גוטע און וועסט זאָגען דעם פּאַפּאַ. עס מוז אַזוי זיין! איאָ, בערטאַ, דו וועסט שוין אַליץ בעזאָרגען? וואו איז נינאַ? אָי, וועט זי מיך מקנא זיין! איך וועל ווערען אַ כלה און זי נאָך ניט. זי איז עלטער פאַר מיר מיט פיער מאָנאַטען. נינאַ! איך מוז איהר דערצעהלען. איך מוז איהר דערצעהלען. איך ווייס, עס וועט זי קרענקען צום טויט! (לויפט אָב).

בערטאַ (רעכענט): וויפיעל האָב איך געזאָגט? זעה, איך האָב היינט פערלאָרען דעם זכרון. די ערשטע פינף וועקסלען דעם 17טען... (לעגט אַנידער די פעדער. קוקט לאַנג אויף דער מוטער'ס בילד). מאַמע, דו ווייסט, וואָס דיין אונגליקליך קינד פיהלט איצט? אָי, איך זאָל קאָטש האָבען צייט אויסצוואוויינען זיך! איך האָב געליטען גענוג, אָבער דאָס? איך האָב מורא... מאַמע, איז דאָס ניט צופיעל? (פאַלט פּלוצלונג צום טיש מיט אַ פערצווייפעלטען געוויין. נינאַ עפענט די טהיר, זעהט בערטאַ'ס געוויין, איילט צוריק. עס הערען זיך שטימען). האַ, זיי געהען! (בעהערשט זיך). יאָ, הייסט עס, די ערשטע פינף וועקסלען. (בערנאַרד קומט מיט אידאַ'ן).

בערנאַרד (שטיל): שטענדיג ביי דער ארבייט! שטענדיג ביי דער ארבייט! הייליגע, גוטע זעעלע. אידא, מוזט אונז איצט לאָזען אַליין.

אידאַ: איך האָב דיך מורא לאָזען אַליין מיט דער הייליגער, גוטער זעעלע, וועסט זיך נאָך ווידער פערליעבען.

בערנאַרד (ערנסט): זיי ניט קיין קינד, אידאַ!

אידאַ: איך וועל זיך ביי דער טהיר סיי ווי סיי צוהערען צו יעדען וואָרט. (ער מאַכט צו די טהיר).

בערנאַרד (הוסט): שטער איך אייך ניט, פריילין בערטאַ? (ער איז אין אַ גרויסע פערלעגענהייט).

בערטאַ: פונקט מיט די זעלבע ווערטער האָט ער זיך צו מיר געווענדעט יענעם אבענד. אָבער מיט אַ גאַנץ אַנדערער אבזיכט. (ער הוסט הויך. זי שטעהט אויף גאַנץ פריינדליך). אָה, בערנאַרד! (דריקט זיין האַנד). וואָס מאַכט איהר? ווי איז אייך געגאַנגען די רייזע? אָה! איהר זעהט אויס גראָסאַרטיג. איהר זייט אין דייטשלאַנד גאַנץ פערדייטשט געוואָרען. כאַ! כאַ! זיצט! זיצט! (גיט איהם אַ שטול).

בערנאַרד: דאַנקע. מיך פרעהט זעהר, וואָס איהר זעהט אויס אַזוי לוסטיג און מונטער.

בערטאַ: וואָס פעהלט מיר? איהר ווייסט דאָך, איך פאָדער ניט פון דער וועלט מעהר ווי מיר קומט, דערפאַר בין איך שטענדיג צופריעדען. בערנאַרד, איהר ווייסט, מיר האָבען דאָ געהאַט גרויסע צרות מיט׳ן מילנער.

בערנאַרד: אָה, מיר האָבען איצט איינעם פון די גרעסטע ספּעציאַליסטען, ער אינספּעקטירט איצט די מיהל... אָבער פון׳ם מילנער שפּעטער. איך האָב געוואָלט... ע...

בערטאַ: ביי אונז איז אַלץ אין אָרדנונג. איך האָף, איהר וועט בלייבען צופריעדען. נו, דערצעהלט, ווי האָט איהר אויסגעפונען: פּראָדוצירען די דייטשען ווירקליך בעסער מעהל?

בערנאַרד: בערטאַ, מיר וועלען נאָך צייט האָבען צו רעדען פון געשעפטען. איך דאַרף מיט אייך איצט רעדען פון זעהר אַ וויכטיגע זאַך. (פּויזע). מיט אַ קורצע צייט צוריק האָט מיר מיין קאָפּ, מיין קאַלטען פּראַקטישער זין געזאָגט, אז עס וואָלט געווען אַ גליק פאַר מיר צו האָבען אַזאַ פרוי ווי איהר זייט. נאָכדעם... נאָכדעם איז געקומען מיין האַרץ און מיינע געפיהלען און האָבען מיר אָנגעהויבען דיקטירען עטוואָס אַנדערש. אַי! איך פיהל מיך זעהר שולדיג געגען אייך!

בערטאַ: וואָס מיינט איהר? אָה, וועגען דעם, וואָס מיר האָבען אַ מאָל גערעדט? אונזין! מיר וועלען עס מאַכען גאַנץ קורץ. איהר ווייסט

דאָך, וואָס פאַר אַ בעדייטונג ביי מיר האָבען די אַלע סענטימענטאַלע געשיכטען מיט די ראָמאַנען! איך האָב אייך דאַמאָלט געזאָגט און ווידערהאָל איצט: איך האָב קיין נייגונג צו פאַמיליען־לעבען. וואו איז דאָס געזאָגט געוואָרען, אַז יעדע פרוי מוז דוקא חתונה האָבען? גאָר נישט, איהר האָט מיך דאַמאָלס געבעטען, איך זאָל אייך אַ טובה טהאָן און זאָגען יא, האָב איך געזאָגט יא. איך האָב געוואוסט, איהר וועט אייך אַביסעל דורכלופטערען, וועט איהר קליגער ווערען. ע! יא, איך זאָל ניט פערגעסען, דער אָדעסער בעקער פיליפאָוו האָט מיר אונטערגעשריעבען אַ קאָנטראַקט... לאָמיך אקאָרשט זעהן, וואו איז דער קאָנטראַקט. (זעצט זיך געשווינד אויף דר'ערד און שלעפּט אַרויס דעם אונטערסטען שיפלאָד. ביי איהר רייסט זיך אַרויס אַ פערשטיקטער געוויין. זי בעהערשט זיך באַלד).

בערנאַרד: איהר דאַרפט וויסען, בערטאַ, איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געליעבט. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט און קיין מעגליכקייט... און ווען אין די יאָהרען קומט פּלוצים אַזאַ געפיהל, מאַכט עס דעם מענשען וואַהנזיניג. בערטאַ, איך האָב ליעב אייער שוועסטער מיט אַ ליעבע, וועלכע וועט זיך ענדיגען צוזאַמען מיט מיין לעבען.

בערטאַ (שטעהט אויף): אַך, יא, דער קאָנטראַקט איז גאָר דאָ! (נעהמט פון טיש אַ פּאַפּיער און גיט איהם).

בערנאַרד: איך בין איצט ווייט פון קאָנטראַקטען און געשעפטען, און איהר זייט טאַקע הפּנים אַזאַ מענש, וואָס אייך אינטערעסירט קיין אַנדער זאַך ניט.

בערטאַ (קוקט אויף איהם לאַנג): אַיאָ? און איהר האָט געמיינט. מיך קען אינטערעסירען ווייס איך וואָס?... וואָס איז אייער מיינונג וועגען דעם קאָנטראַקט? (שטימען. ער נעהמט מעכאַניש דעם קאָנטראַקט און קוקט אַריין. אידאַ קומט מיט אשכנזי'ן. נאָך זיי שליאָמע, שרה הינדע און סאָפיע. די מאַנסבילען מיט ציגאַרען,ביידע שכור'לעך).

אידאַ (ביים טהיר): יא, יא, פּאַפּאָטשקאַ, קום אַריין, וועסט עפּעס הערען נייעס.

אשכנזי: בערטאַ האָט מיר שוין אַלץ רעפּאָרטירט און איך מיט שליאָמע'ן האָבען אויף דעם חשבון שוין אויסגעזופּט אַ שעהנע פּאָר גלעזער סאַנטורין. זעהסט ניט, ווי זיין שניידערשע פּאָלקע איז צופלאָכטען?... עי, שליאָמע הוץ! (צייגט אויף בערנאַרד'ן מיט בערטאַ'ן). זעהסט? שוין ביידע ביי דער אַרבייט... זיי פּאַסען זיך... זאָגאַר ביי דיר דאָרט אויבען האָט מען ניט געקענט בעסער צופּאַסען, צושניידען און צוסטריגעווען. (לאַכט).

שליאָמע: זאָגט שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס? בעסער האָט קיין שיעור ניט... נאָר אז עס דאַרף זיי, מוז זיין...

אשכנזי: ביסט דאָך אַ פילאָזאָף, הויז, זאָג מיר, פאַר וואָס איז אידאַ מיין מעהר געליעבטעסטע פון אַלע קינדער?

שליאָמע (רויכערט, שכור׳לעך): הערסט אַ חכם? פאַר וואָס זאָגט מען: דו שליאָמע הויז מיט דער שניידערשער פּאַלקע און דו שמואל אשכנזי מיט׳ן נגידישען לאַמטידרייטום? אַלץ דאַרטען! ווארום!...

שרה הינדע: שאַ! ער איז שוין שכור! בערטאַ, וואָס איז, מיר דאַכט זיך, דו האָסט געוויינט?... ווען איך האָב נעכטען דערזעהן בערנאַרד׳ן, האָב איך געוויינט פון פרייד. (דראָהט מיט׳ן פינגער) גנב דו?

אשכנזי: אידאַ, וועסט עלטער ווערען, וועל איך דיר געפינען אַ חתן פון חתן־לאַנד... עס זאָל זיין פאַר מיר אַ נחת, אַ כבוד, אַ פערגעניגען... סאָפיע, קום אהער! איאָ, איך בין אַ מבין אויסצוקלייבען?...

סאָפיע (געהט צו צו איהם): אי, דער וויין! דער וויין! (לויט). מיר דאַכט זיך אייער ציגאַר האָט זיך פערלאָשען. (רייבט אוים אַ שוועבעלע און גיט איהם פעררויכערען).

בערטאַ: פּאַפּאַ, איך וועל דיר פערשפּאָרען אַ טרחה. אז ר׳ שליאָמע הויז איז אַ גוטער מחותן פאַר אַ האַרבאַטע טאָכטער, וועט ער זיין גאַנץ נישקשה פאַר דער ניט־האַרבאַטע. אידאַ, קום אקארשט אהער. (אידאַ געהט צו צו איהר).

אשכנזי: וואָס ווילסטו זאָגען? וואָס איז דאָ היינט פאַר מאַסקאַראַדען מיט ספּעקטאַקלען. (טאָליע אין טהיר).

טאָליע: יאָ, יאָ, דאָ זיינען זיי אַלע ביי מיין שוועסטער אין צימער. (אריין, נאָך איהם לואים קארשונסקי, געקליידעט מעהר אַלס אַמעריקאַנער ספּאָרטסמאַן). דאָס איז אונזער נייער מילנער הערר לואים קארשונסקי. בערטאַ, איך וועל איצט האָבען מיט וועמען דורכצולופּטערען מיין דייטשע שפּראַך. וויר האבען שאָן געשפּראָכען געוואָרדען געוועזען זיין האבען...

אשכנזי: עי, דו! איך האָב געהערט, דו פּראָפּאַגאַנדירסט די ארבייטער ביי מיר אויפ׳ן מיהל? וועסט ניט בלייבען אַ לעבעדיגער, אויב עס איז אמת. הערר מילנער, איהר וועט אכט געבען.

לואים: דאַנקע, איך בין ניט געקומען אהער צו טהאָן די ארבייט פון אַ רוסישען פּאָליציסט... (נעהמט אראָב זיין מיצעל און נייגט זיך צו אַלע). אין אייער דאַמפּפמיהל איז אַלץ עכט רוסיש: קיין אָרדנונג. די מאַשינעריי אַלט און פערראָסטעט, די וואַלצענרעדער טויגען אבזאָלוט ניט. (זעצט זיך און נעהמט אַ פּייפּ). מיט אייער ערלויבנים, האָכוויררדיגע דאַמען.

הערר אשכנזי, אין דער פאבריק־וועלט ערפינדעט מען יעדען טאג נייע פער־בעסערונגען, און איהר שטעהט צוואנציג יאהר אויף איין פלאץ. (פער־רויכערט. נינא און מילע קומען, בלייבען שטעהן פערוואונדערט).

שליאמע: און דאס איז פייוועל חניאק׳ס זוהן! א מפלה וואלט איך זיך אויף איהם גלויבען... (שרה הינדע לאזט איהם ניט רעדען).

סאפיע (שטיל): ער איז אן אינזשעניער, דאס וואלט געווען א גוטער שידוך פאר מיין נינא׳ן.

אשכנזי: איהר וועט אונז מוחל זיין, מיר רעדען דא פון א פאמיליען־אנגעלעגענהייט.

לואיס (שטעהט אויף): אה, איך האב גערעכענט, מען רעדט דא פון דער דאמפפמיהל, אויב עס האנדעלט זיך פון דער פאמיליען־מיהל, בין איך קיין מילנער מעהר. (וויל געהן).

בערטא: הערר מילנער, עס מאכט ניט אויס. עס האנדעלט זיך וועגען אייער פריינד און איהר קענט בלייבען. (לואיס זעצט זיך צוריק און רויכערט די גאנצע צייט מיט א צינישען שמייכעלע). פאפא, איך וויים, דו האלטסט ניט זעהר שטארק פון מיר, אבער וועסט דאך מוזען צוגעבען, אז איך בין אידא׳ן ניט נאר אן עלטערע שוועסטער,איך בין איהר א ביסעלע מוטער אויך. איך האב אויך א שטיקעלע רעכט אריינצורעדען, ווען עס האנדעלט זיך פון איהר גליק. בערנארד איז אן עהרליכער מענש, מיר קענען איהם גוט און איך מיין, אז קיין בעסערען שידוך פאר אידא׳ן דארף מען ניט זוכען.

אשכנזי (אויסער זיך): וואס? אידא נאר? וואס קומט דא פאר? וואס קומט דא פאר ביי מיר?

סאפיע: די אינגערע פאר דער עלטערער? דאס קען אייך שאדען צום שידוך, בערטא. (נינא און מיליע זעצען זיך אין א ווינקעלע צוזאמען אויף איין ביינקעל).

בערטא: מיך דארף מען ניט רעכענען. איך שטעה ניט אין וועג... מיך מעג מען רעכענען ווי געשטארבען. (ווייט הערט זיך א טרויעריג קירכען־גלאק). דא האנדעלט זיך וועגען אידא׳ן.

שרה הינדע (שטיל): אידא נאר? וואס הייסט דאס, שליאמע?

שליאמע (גאנץ שכור): וואס פרעגסטו קשיות? גולם, דו ווילסט מיט א הארב און אויבען וויל מען מסתמא אהן א הארב...

אשכנזי: מען האט פערגעסען ווער שמואל אשכנזי איז! (וויטהענד). איך וועל אייך ווייזען די מאכט פון שמואל אשכנזי!

בערנארד: הערר אשכנזי, ערלויבט מיר זאגען...

אשכנזי: ניין! איך וועל זאגען...

בערטאַ: פּאַפּאַ, ער האָט מיר ערשט געזאָגט, ער האָט ליעב מיין שוועסטער מיט אַ ליעבע, וועלכע וועט זיך ענדיגען מיט זיין לעבען, איך פיהל און פערשטעה, אז דאָס, וואָס ער זאָגט אַ י צ ט, איז ריכטיג! אידאַ, מעגסט מיר גלויבען, איך ווינש דיר גליק פון גאַנצען האַרצען. (נעהמט איהר לעצטע בלום און שטעקט אריין אידאַ'ן אין די האָר). איך בין דיר אַ מוטער, אַ שוועסטער און אַ פריינדין. (וויינט). בערנאַרד'ס מוטער האָט רעכט, מען קען וויינען פון פרייד און גליק... אַי! זאָלען מיינע טרערען קיינעם ניט שטערען צו פיהלען זיך גליקליך. (פאַלט אויף אידאַ'ס שולטערען און ביידע וויינען זעהר שטאַרק. טאַליע וויינט אויך, זיין טיכעל איבער די אויגען).

אשכנזי: איך! (וויל עטוואָס זאָגען, פאַלט צוריק).

מיליע (וויינט ביטער): נינא, זעה, וואָס זיי טהוען אונזער בערטאַ'ן! נינאַ! (אומאַרמען זיך ביידע און וויינען. שרה הינדע וויינט, שליאָמע לאָזט אראָב דעם קאָפּ גאַנץ שכור. סאָפיע לויפט צו אשכנזי'ן און לואיס איז שוין נעבען איהם).

סאָפיע: זעהט, וואָס איז מיט איהם?

לואיס: אַפּאָפּלעקסיע!... (דער כאָר פון די טרויעריגע גייסטער, ווי אין פּראָלאָג, גאַנץ פּיאַנאָ).

סאָפיע: נינאַ, וואָס וועלען מיר ביידע איצט טהאָן?... וועה איז מיר! וועה איז מיר! (פאָרהאַנג פאַלט ראַש און באַלד צוריק. מען זעהט אַלע דערשראָקענע, נעבען אשכנזי. איינע לויפען און שרייען: דאָקטאָר! דאָקטאָר! אַ גרויסער געטומעל).

(פ אָ ר ה אַ נ ג).

דריטער אקט.

(דאס זעלבע צימער. נעבען בערטא'ס טיש א גרויסער אפענער קאסטען און א גרויסער טשאמעדאן. אויף שטולען און אויף דר'ערד ליעגען פיעלע מענער־קליידער, וועש, ביכער און פערשיעדענע זאכען. מיליע זיצט ביי דער פיאנא און עקזערצירט. נינא קלאפט טאקט מיט א גרויסען בלייפעדער.)

מיליע (ענדיגט): איא, נינא, עס איז געוועזן ניט שלעכט? (זי שטיפט).

נינא: יא! גאנץ היבש.

מיליע (קרימט זי): יא, גאנץ היבש! כי! כי! (ציינט אויף די קליידער). דו וועסט בייענקען נאך טאליע'ן ווען ער וועט אוועקפאהרען?

נינא (מאכט זיך ניט הערענדיג): אלזא, פיר מארגען וויעדער נאך א מאל פון טשערני. די זעלבע זאך גוט אויסלערנען און... ע... שמאהל'ס.

מיליע: שמאהל אויך? אי, האב איך פיינט דעם שמאהל.

נינא (ציינט אין די נאטען): מען מוז אלץ אויסלערנען, מיליע! יא, טשערני און שמאהל — דאס איז אלץ. איצט, מיליע. קום אהער, איך וועל נור איבערקוקען דיינע אריפמעטישע אויפגאבען און דו וועסט זיין פריי. (געהט צום גרויסען טיש).

מיליע (ברוגז): ע! אריפמעטיק אויך? איך וויל גאר ניט!

נינא: דו ווילסט זיין א שלעכטע און בערטא זאל זיך ערגערען איבער דיר?

מיליע (געהט צום טיש): אריפמעטיק האט געמעגט פערברענט ווערען, איידער מען האט עס אויסגעטראכט אויף אונזער קאפ! (מען הערט בערטא'ס שטימע).

בערטא (פון אנדערען צימער): יא, מאשע, אלץ דארף מען איבער־פרעסען.

מיליע (גיט נינא'ן איהרע העפטען): אי, נינא, זאלסט ניט זאגען בערטא'ן, אז איך האב געשאלטען די אריפמעטיקע!

נינא: מיליע, ביסט א זיסער גנב'ל! (קושט זי און קוקט אין העפט). ע... „פראגע: וואס איז מעהר, 5־צעהנטעל אדער 4־אכטעל? ענטפער: אלעביידע גלייך". כע! כע! אלע ביידע גלייך, ריכטיג! (בערטא קומט מיט וועש).

מיליע (קרימט זי): כע! כע! אַלעביידע גלייך. ריכטיג! (ביידע לאַכען). כאַ! כאַ! כאַ!

בערטאַ: קינדער, איהר אַרבייט, צי איהר שטיפט, האַ?

נינאַ: מיר אַרבייטען שטיפענדיג.

בערטאַ: דאָס איז גוט. (זעצט זיך נעבען אָפענעם קאַסטען). איך גיב טאַליע'ן מיט אין וועג איינגעמאַכטס. ער וועט דאָרט אין פּעטערבורג איינלאַדען זיינע נייע קאַמעראַדען און וועט זיי טראַקטירען מיט טיי און איינגעמאַכטס. מען דאַרף עס קענען איינפּאַקען.

נינאַ: בערטאַ, ערלויבט מיר, איך וועל אייך העלפען.

בערטאַ: ניין! ניין! מערדער, דו וועסט מיר נאָר צושטערען מיין גאַנצע סיסטעם. (פּאַקט). אָי, איך פערשטעה איצט, וואָס אַ מוטער פיהלט, ווען זי דאַרף זיך שיידען פון איהר קינד... דאָס לעבען קוקט אָבער ניט אויף אונזערע סענטימענטאַלע געפיהלען.

מיליע: בערטאַ, אַז טאַליע וועט אויסשטודירען אין פּעטערבורג, וועט ער טאַקע זיין אַ דאָקטאָר?

בערטאַ: יאָ, מיליטשקע. (זיפצט). עס וועט זיין אומעטיג אָין שטוב אָהן איהם.

מיליע: איך האָב אָבגעמאַכט מיט טאַליע'ן, אַלע זונטאָג זאָל איך איהם שרייבען בריעף. נינאַ, דו וועסט איהם שרייבען? זעה, וואָס מאַכסטו זיך ניט וויסענדיג? איך פרעג דיך דאָך? (נינאַ מאַכט זיך ניט הערענדיג, דערלאַנגט זאַכען בערטאַ'ן).

בערטאַ: וואָס האָט עס צו דיר, דו פּלאַפּלערין.

מיליע: איך וויל אויף איהרע בריעף שרייבען אַ גערוס פון זיך.

בערטאַ: אפשר וועט זי גאָר טאַליע'ן ניט שרייבען?...

מיליע: זי וועט שוין שרייבען... זי מאַכט זיך נאָר, עס פערדריסט זי ניט, וואָס ער פאָהרט אוועק. זעהסט, ווי זי איז רויט געוואָרען! ע! ע!

בערטאַ: מיליע! אפשר וועט נינאַ גאָר ניט וועלען דו זאָלסט שרייבען גריסען אויף איהרע בריעף?

מיליע: אַזוי? וועל איך איהר ניט ערלויבען שרייבען גריסען אויף מיינע בריעף.

בערטאַ (פּאַקט): ניין? איז ניט געהאַנדעלט?

מיליע (קרימט זי): ניין! איז ניט געהאַנדלעט. (אַלע לאַכען). איך לויף זיך שפּיעלען אין גאָרטען. (לויפט אָב).

בערטאַ: האַר אויס, דו שטיפערין! נינאַ, זינט זי איז מיט דיר, איז זי געוואָרען אַ לעבהאַפטעס און זאַרגלאָזעס קינד. דאָס איז גוט. נעבען מיר וואָלט זי געוואָרען צו אַלט און צו סאָליד... כע! כע! עס איז אַן

אונגליק, אז מען האָט אַ הויקער. מיינסט, מיר פּלעגט זיך ניט וועלען אַמאָל אַ שטיף טהאָן? איך פלעג אָבער באַלד אַ טראַכט טהאָן: אָן אַנדערער וואָלט עס געפּאַסט, פון מיר וועט מען לאַכען. איך האָב שטענדיג געמוזט דערשטיקען אין זיך יעדע לוסטיגקייט און צווינגען זיך צו זיין סאָליד...

נינאַ: מענשען און זאָגאַר די נאַטור האָבען אייך אַזוי פיעל אונרעכט געטהאָן, און איהר האָט אַלעמען ליעב... בערטאַ, וואו נעהמט איהר אַזוי פיעל ליעבע?

בערטאַ: קינד, אין דער ליעבע געפין איך אַ טרויסט פון אַלע מיינע צרות. ליעבען הייסט לעבען. (בלייבט זיצען פערטראַכט. נינאַ כאַפּט איהר האַנד און דריקט זי צום האַרצען). וואָס איז, נינאַ, ווילסט מיר עפּעס זאָגען?

נינאַ: יאַ, בערטאַ, ער אָבער דאַרף עס ניט וויסען. ווען איך זעה, אַז מען פּאַקט זיינע זאַכען, פיהל איך, אַז ער פּאָהרט טאַקע אַוועק, און, איך וויים ניט פאַר וואָס, מיר טהוט אַזוי וועה דאָס האַרץ... און מיר ווילט זיך וויינען... (גיט אַ מאַך מיט'ן האַנד און ראַש אַב).

בערטאַ (פּאָלגט איהר נאָך מיט איהרע בליקען): אָה, שעהנע, גליקליכע יוגענד, איך האָב דיך ניט געקענט! מיר איז געוועזען בעשערט נור צו קוקען אויף דיר פון דערווייטען. (בלייבט פערטראַכט). דאָך זעהן און פערשטעהן דעם זין, וואָס דו זעהסט, איז אויך אַ גליק. זעה נאָר, איך זיץ! (פּאַקט פּלייסיג). איך הויב אָן ווערען פויל אויף דער עלטער. (אידאַ קומט געקליידעט אין אַ דונקעלען דאַמען-קלייד, אין אַ קליין קערבעל איהר האַנד-ארבייט).

אידאַ (איז זעהר טרויעריג): ווי זי איז פערטיעפט אין איהר ארבייט. (ווערט פרעהליך). איך וועל זי אומישנע גוט איבערשרעקען. (גנב'עט זיך לאַנגזאַם אויף די שפּיץ פינגער, שטעלט זיך אַב יעדען אויגענבליק. בערטאַ קעהרט זיך ניט אום, מאַכט אַ ביטרע מינע מיט'ן געזיכט און די אויגען און פּאַקט. פויזע).

בערטאַ: נו, שוין! ווי לאַנג דאַרף עס נעהמען ביי דיר איבערצושרעקען אַ מענשען?

אידאַ: שלעכטע! איך האָב געמיינט, ענדליך וועל איך האָבען פון וואָס צו לאַכען אַביסעל.

בערטאַ: עס איז טאַקע אַן עולה פון מיר... נו, וועסט שוין לאַכען אַן אַנדערש מאָל.

אידאַ (זעצט זיך, זיפצט שווער): איך געפין זעהר ווייניג און זעהר זעלטען פון וואָס צו לאַכען.

בערטאַ (קוקט אויף איהר לאַנג): זעה נאָר, מאַדאַם, וועסט אַזוי

לאנג זוכען פון וואָס צו לאַכען, ביז דו וועסט געפינען פון וואָס צו וויינען, און אנדערע וועלען נאָך אויך וויינען איבער דיר...

אידאַ (דערשראָקען): וואָס מיינסטו דאָס, בערטאַ?

בערטאַ: איך מיין. וואָס איך זאָג. אַ, נו, ווייז נאָר, אידא, וואָס נעהסטו דאָס אויס?

אידאַ: איך נעה אויס אַ זעקעל פיר לוא... פיר קאַרשונסקי, ער זאָל האָבען אין וואָס צו האַלטען זיין טאבאק. איא, עס וועט זיין שעהן? זעהסט, און דו זאָגסט, איך טהו גאָר נישט...

בערטאַ: נו,יא, אַ נויטיגע ארבייט! פאַר וואָס מאכסטו דאָס ניט פיר דיין מאַן?

אידאַ: מיין מאַן? דו ווייסט דאָך, ער רויכערט ניט און שמעקט ניט, און טאַנצט ניט, און טרינקט ניט, און לאַכט ניט און גאָר נישט ניט!

בערטאַ: דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, דו ווילסט זיך בעריהמען מיט דעם, וואָס דיין מאַן איז אַ שטילער מענש, ניט קיין טרינקער, ניט קיין שפרינגער און ניט קיין שאַרלאַטאַן? דאָס איז זעהר שעהן פון דיר, וואָס דו קענסט איהם שעצען. (געהט). מען דאַרף געהן זעהן, האָט מען ניט פערגעסען דעם פּאַפּאַ מאַכען אַ בוליאָן. (ביים טהיר). אידא, מיין ניט, מען קען דורכטאַנצען און דורכלאַכען דאָס גאַנצע לעבען. מען דאַרף זיך צווינגען ערנסט דענקען און עהרליך פיהלען.

אידאַ: איך פערשטעה ניט, וואָס דו זאָגסט.

בערטאַ: איך זאָג. מיר אַלע וואָלטען געווען רויבער, מערדער, ווילדע טיערען, אויב מיר וואָלטען געלעבט נאָר פיר זיך און גאָר ניט געדענקט, אַז אַנדערער האָט אויך געפיהלען, אַ האַרץ, אַ זעעלע. אידא, מיר זיינען מענשען דערמיט, וואָס מיר קענען ניט האָבען אַלץ, וואָס מיר ווילען און מעגען ניט טהאָן אַלץ, וואָס אונז געלוסט זיך. געדענק, וואָס איך זאָג דיר! (גיט אויף איהר אַ שטרענגען קוק און אָב).

אידאַ (טראַכט): האָט זי געמיינט עטוואָס דערמיט? אָדער עס איז אביסעל מאָראַל גלאַט אין דער וועלט אריין? נו, יא, ער איז דען ניט גערעכט, ווען ער זאָגט: מענשען לעבען נאָר צו רויבען איינער ביי דעם אַנדערען די פרייהייט! אַי! זי מיינט, איך קען נאָר לאַכען און טאַנצען. זי ווייסט ניט, אַז איך האָב זיך די לעצטע צייט אויסגעלערענט וויינען אויך. איך זאָל קענען שטאַרבען, וואָלט איך בעסער געוואָלט שטאַרבען. (מען הערט אַ לויטען געשפּרעך). שש! די מענער געהען! (לויפט צום שפּיעגעל). זעה נאָר, מאַדאַם, וואָס פאַר אַ זויערען פּנים דו האָסט היינט. (כאַפּט ארויס פון דער טאַש אַ שאַכטעל מיט פּודער, פּודערט זיך שנעל און זעצט זיך אַנידער. מען הערט

שטימען). אַי, ווען איך הער זיין שטימע, ווערט אין מיר פערקיהלט דאָס בלוט. (בערנאַרד און לואיס קומען, דער לעצטער געקליידט אַלס אייראָפּע־אישער אַרבייטער. זיין קאָסטיום איז אויסגעשמירט אין מעהל. ער טראָגט פּאַפּירען און פּלענער).

בע. נאַרד: אָה! אָט איז אידאַ! איך האָב דיך היינט נאָך ניט געזעהן. בערטאַ איז דאָ ניטאָ? ווי געפעהלט דיר, אידאַ, לואיס האָט שוין אַ שפּאָגעל נייעם פּלאַן. (לואיס נייגט זיך צו איהר ריטערליך). קאַרג האָט אונז געקאָסט דאָס איבערבויען.

לואיס: בערנאַרד, דאַרפסט פערגעסען די רוסישע סיסטעם: מאַכען קאַפּיטאַל אָהן קאַפּיטאַל, נאָר מיט פרעמדע אַרבייט! ביזטו אַ קאַפּיטאַליסט, אַרבייט מיט דער קאַפּיטאַליסטישער מעטאָדע...

בערנאַרד: איך ווייס ניט, מיר וועלען ווייזען דעם פּלאַן בערטאַ'ן. פערשטעהסטו מיך, מיך קענסטו צוטומלען דעם קאָפּ מיט ציפערען און מיט טענות, זי אָבער וועט נאָר אַ קוק טהאָן, וועט זי שוין פערשטעהן, איז דאָס נויטיג אָדער ניין.

לואיס (זעצט זיך): אַלזאָ, וועלען מיר אַביסעל זיצען און וואַרטען אויף פריילין בערטאַ. (פעררויכערט זיין פייף). די וואַהרהייט געזאָגט, זי איז דער איינציגער מענש, וואָס פערשטעהט עטוואָס.

אידאַ: דאָס איז אַ שעהנער קאָמפּלימענט פיר אונז אַלע.

לואיס: איהר ווייסט דאָך, מאַדאַם, איך בין ניט דער מענש, וואָס מאַכט קאָמפּלימענטען.

אידאַ: נישקשה, איהר זאָלט זיין פערליעבט אין אַ פּערזאָן, וואָלט איהר שוין יאָ געמאַכט קאָמפּלימענטען.

לואיס (פרעגט): איהר, מאַדאַם, ווייסט בעסער פון אַנדערע, איך מאַך ניט קיין קאָמפּלימענטען, זאָגאַר ווען איך בין יאָ פערליעבט אין אַ פּערזאָן. (אידאַ אין פערלעגענהייט).

בערנאַרד: וואָרום מיינסטו עפּעס, אַז אידאַ איז דאָס מחויב צו וויסען בעסער פון אַנדערע?

לואיס (קוקט איהם אָן): וואָרום איך מיין? (רויכערט). בערנאַרד, אויף דיזער פראַגע בין איך בערייט צו יעדער צייט דיר ענטפער געבען.

בערנאַרד: וואָס מיינסטו דאָס? קוק איהם נאָר אָן, איך מאַך שפּאַס און ער רעדט אַזוי ערנסט!

אידאַ (דערשראָקען): וואָס פרעגסטו איהם? ווייסט ניט, ער האָט ליעב מיט יעדען וואָרט וועמען עס איז בעליידיגען, אַ שטעך טהאָן, ברענגען אין פערלעגענהייט? (שוין רוהיג). דיין טייערער פריינד האָט געמעגט זיין

אביסעל א בעסערער מענש... קארשונסקי, איהר זעהט? איך נעה אוים פיר אייך א זעקעלע פיר אייער טאבאק. אזא שלעכטער פערדיענט ניט קיין פרעזענטען, נאר זיי האבען שוין אזא גליק, די שלעכטע!...

לואים (בעטראכט איהר ארבייט): אונניצליכע ארבייט פיר אן אונ־ניצליכע זאך. איהר מיינט דאך ניט, מאדאם, איך וועל שלעפען אזא זאק מיט טאבאק אין מיין טאש?

אידא: דו הערסט א דאנקבארקייט פון דיין פריינד? (בייז, שמייסט פארט איהר ארבייט).

בערנארד: דו ווייסט דאך, אידא, דער דייטש איז אביסעל חזיר׳־עוואטע... ווי אלע דייטשען! דו, דייטש! זאג מיר, ווען וועסטו זיך טאקע פערליעבען אין עפעס א פערזאן און טאקע חתונה האבען?

לואים: פערליעבען זיך בין איך בערייט צו יעדער צייט. די מאדאם קען בעשטעטיגען, אז איך זאג ניט קיין ליגען.

בערנארד: ווידער די מאדאם? ווי געפעלט עס דיר, אידא, נאר עפעס שטעלט ער דיר פאר אן עדות! (קוקט אויף איהר פארשענד, אידא אין א פערלעגענהייט).

לואים: פערליעבען זיך יא, אבער הייראטען? דאס ניט! די פארם פון אונזער פאמיליען־לעבען, פון אונזער הייראט, איז אלט און צופוילט. מען קען ניט צופאסען צו אונזער איצטיגען לעבען דאס, וואס איז גוט געוועז מיט טויזענדער יאהרען צוריק... אונזערע רעכטען, אונזערע עקאנאמישע פער־העלטניסען, אונזערע אידעען האבען זיך ראדיקאל פערענדערט און די פאמיליע בלייבט נאך אימער, ווי תרח מיט מתושלח׳ן האבען זי געגרינדעט. אויסער דעם. איך וואלט אין יעדען פאל ניט געהייראט, ווייל דאס וואלט מיך געצוואונגען צו ענטזאגען זיך פון מיין „איך“ צוליעב אנדערע, צו לעבען ניט נאר צוליעב זיך, נאר צוליעב אנדערע... איך וויל ניט זיין געבונדען! איך וויל זיין גאנץ פריי און לעבען נאר צוליעב זיך אליין...

בערנארד: אי, ר׳ דייטש, ביזט א גוטער עגאאיסט!...

לואים: מיין פריינד, עגאאיזם איז פיר דאס לעבען אזא קראפט ווי דער דאמפף פיר דיין דאמפף־מיהל. עגאאיזם איז די איינציגע ליעבע, די איינציגע ענערגיע, וועלכע מאכט אונז טהעטיג און בענוצט אלע מיטלען צו פערשטארקערען און פערלענגערען אין אונז דעם אינסטינקט פון לעבען. (א דיענער ערשיינט אין טהיר).

דיענער (צו בערנארד׳ן): מיין הערר, א מאן ווארט אויף אייך אין קאנטאר.

בערנארד: באלד. (דיענער אב). הערר אבער־מילנער, דו געהסט?

לואיס: איך? (רויכערט לאנג). ניין, איך גײ ניט.

בערנארד: יא, דו בלייב דא אביסעל פילאזאפירען מיט מיין אידא. ווי איך האב בעמערקט, ווערט זי ענטציקט פון דיין פילאזאפיע. נו, יא, מיר אלע זיינען זעהר שוואכע פילאזאפען און דיך נעהמט דער רוח ניט. איך קום באלד. (ראש אב. א לאנגע פויזע. לואיס רויכערט לאנגזאם און קוקט אויף איהר).

אידא (אונטערוואָרפען): דיין בעמערקונג פריהער וועגען מיין פרעזענט האט מיך זעהר בייז געמאכט און בעליידיגט.

לואיס (רויכערט): גאנץ איינפאך, ווייל דער פרעזענט האט ניט קיין פראקטישען זין, איז די ארבייט אונזיניג. איהר ווייסט, איך בין ניט קיין זיסער, ניט קיין סענטימענטאלער מענש...

אידא: אה, ניין, ניין! ביזט א ביטערער. א גיפטיגער, א שלעכטער מענש. איך האב קיינמאל אין מיין לעבען פאר א מענשען ניט מורא געהאט און פאר דיר האב איך מורא. יא, איך האב מורא פאר דיר! איך פערשילט דעם טאג, וואס איך האב דיך בעגעגענט, איך בעוויין מיט ביטערע טרערען דאס, וואס איז געשעהן, און העלפען קען איך ניט. דו ביזט א גראבער מענש, א גרויזאמער מענש, דו פערשאפסט מיר וועהטאגען און שמערצען און איך האב דיך מיט יעדען טאג מעהר ליעב... דו ערניעדריגסט מיך און איך פער־געטער דיך. דו זאלסט מיך שלאגען און טרעטען מיט די פיס, וואלט איך דיך נאך שטארקער געליעבט. נו, דו ווייסט דאך אלץ, קענסטו ערקלערען פאר וואס דאס איז?

לואיס: דאס איז די מיסטישע געהיימנים פון א פרויען־זעעלע.

אידא: איך בין בערייט געהן צו מיין אונגליק, ניט דענקענדיג פון זיך און פון די פאלגען. איך בין בערייט שטארבען פאר דיר און איך וויים ניט זאגאר, אויב דו ליעבסט מיך.

לואיס: יא, איך האב דיך ליעב. ווייסטו פאר וואס? פיר קיין זאך ניט, נאר דערפאר, ווייל דו האסט מיך אזוי שטארק, אזוי בלינד, אזוי עלעמענ־טאריש, אזוי זעלבסט־אויפאפפערענד ליעב. נאר דערפאר!

אידא: א, איך האב דיך שטארק ליעב, ווייל דו ביזט א שטארקער. אבער ער? קרענקט עס דיך ניט, וואס דו האנדעלסט אזוי געגען דיין פריינד?

לואיס: יא, איך בין איהם א פריינד. איך בין אבער זיך נאך א גרעסערער פריינד. קינד, פריינדשאפט עקזיסטירט צווישען מענשען נאר דאן, ווען זיי האבען פערשיעדענע אינטערעסען. ווען אבער זייערע אינטערעסען בעגעגענען זיך, ווי צום ביישפיעל איצט, ווארום זאל איך אפפערען?

אידא: אה, לואי, איז דאס עהרליך?

לואיס: איך האָב מיינע אייגענע בעגריפען וועגען דעם, וואָס איז עהרליך אָדער אונעהרליך. איך פערשטעהע ניט, צוליעב וועמען, אינ׳ם נאָמען פון וועלכע אויסגעטראכטע מאָראַל זאָל זיך דער מענש ענטזאָגען פון דעם, וואָס גיט איהם גליק און פרייד? דער מענש דאַרף נעהמען אַלץ, וואָס דאָס לעבען גיט איהם. געוויס, איין בעדינגונג נאָר, ער דאַרף נעהמען אָפען, ניט ווי אַ גנב, ניט פערבאָרגענערהייד, נאָר ווי אַ מענש, וואָס פיהלט, אַז ער איז בערעכטיגט צו נעהמען... און דערפאַר, אידאַ, האָב איך דיר שוין געזאָגט און זאָג דיר יעצט: ער מוז די גאַנצע וואהרהייט וויסען! ער מוז!

אידאַ (געהט צו איהם, דערשראָקען): ניין, ניין, לואיס! איך בעט דיך, ניין! דו האָסט מיך זעהר איבערגעשראָקען פריהער, דו האָסט זיך געווענדעט צו מיר, ווי צו דיין עדות. איך זעה אָפט אין דיר אַ מין פרעכען נצחון, אַ מין צו להכעיס דוקא נעהמען און דערצעהלען איהם.

לואיס (סאַרקאַסטיש): הם! איך פערשטעה, דיך שרעקען דעם מאַן׳ס רעכטע און דעם פאַפּאַ׳ס נאָמען.

אידאַ: ווען דער פאַפּאַ האָט זיך גענומען אַ יונג ווייב, האָט ער געדענקט פון זיך, ניט פון מיר... און ווען איך האָב דיך ליעב, דענק איך וועניג פון איהם.

לואיס: פריהער פון אַלץ לערנען זיך די קינדער פון זייערע אייגענע עלטערען.

אידאַ: דעם מאַן׳ס רעכטע וואָלטען מיך ניט געשראָקען, אַז דערפון וואָלט אַרויס שלעכטס נאָר פאַר מיר, אַז נאָר איך וואָלט ליידען, אַז בערנאַרד וועט מיך בעשטראָפען, אַרויסטרייבען, ערמאָרדען, וואָלט איך ניט געוועזען דאַנגענגען צו דערצעהלען איהם די גאַנצע וואהרהייט. איך ווייס אָבער, ער איז אַ צו גוטער, ער האָט מיך זעהר שטאַרק ליעב, ער וועט מיר גאָר נישט טהאָן, ער אַליין וועט ליידען! דאָס וועט איהם נאָר צוברעכען דאָס לעבען, אונגליקליך מאַכען, טויטען!... אָה, דו זאָלסט וויסען, ווי שטאַרק ער האָט מיך ליעב!

לואיס (רויכערט, שמייכעלט ציניש): פאַר וואָס זשע, מאַדאַם, האָט איהר איהם ניט ליעב?

אידאַ: וואָס ווייס איך? אפשר ווייל איך בין אַ שלעכטע, ווייל דו ביזט געקומען, ווייל ער איז אפשר שוין אַן אָבגעלעבטער מענש און איך בין צו יונג, ווייל ער איז צו לאַנגווייליג און איך בין צו לייכטזיניג. ווען איך וויל אומלויפען, טאַנצען, שפּרינגען, שטיפען, פיהלט ער זיך מיעד און צו סאָליד. ווען איך בין פרעהליך, ווערט ער אומעטיג. איך וויל לעבען, זיין לוסטיג, ער אָבער ווייס נאָר: ווייץ, מעהל, מיהל, מאָהלען... עס איז נאָך גוט, וואָס בערטאַ האָט אויסגעפיהרט און מיר זיינען געבליבען לעבען

צוזאמען, אַז ניט, וואָלט איך פון לאַנגווייליגקייט און אונטהעטיגקייט שוין לאַנג פון זינען אַראָב!

לואיס: ווי דו טענה'סט, ביזטו גערעכט, ער האָט אָבער אויך וואָס צו זאָגען.

אידאַ: ווען ער געהט אין מיהל שלאָף איך נאָך, און ווען ער קומט פון מיהל, דאַרף מען געהן שלאָפען. ניין אַ זייגער געגעצט ער שוין און דרעמעלט אויף זיין שטוהל.

לואיס: ער איז אַ שלעפעריגער ביי דיר, האַ? כאַ! כאַ!

אידאַ: דו לאַכסט און מיר ווילט זיך ווײנען מיט ביטערע טרערען. אָבער וואָס איז ער שולדיג? ער איז אַ גוטער, ער איז זעהר אַ גוטער, פאַר וואָס זאָלען מיר איהם פערגיפטען דאָס לעבען מיט אונזער וואהרהייט? (קניעט נעבען איהם). איך בעט דיך, לואיס, טהו עס ניט... אויב מען מוז מוז מיט ליגען פערמיידען אַן אונגליק — מוז מען! (וויינט, אומאַרעמט איהם, קושט זיינע הענד). טהו עס ניט, טייערער, טהו עס ניט! איך וויים, וואָס מעהר איך וועל איהם נאַרען, אַלץ ניעדריגער וועל איך פאַלען. עס קען זיין זאָגאַר דו וועסט פערליערען דיין לעצטע אכטונג צו מיר און וועסט מיך בעהאַנדלען נאָך ערגער ווי איצט. אָבער איך האָב מורא פאַר דער וואהרהייט, איך האָב מורא! (אַ גערויש, זי דערשראָקען). ער געהט צוריק! (וויספּערט פערצווייפעלט). לואי, אין גאָט'ס נאָמען, איך בעשווער דיך, זאָג ניט, זאָג איהם ניט! (שפּרינגט אויף, ברענגט איהרע האָר אין אָרדנונג. בערנאַרד קומט).

בערנאַרד: איך בין שוין דאָ, אידאַ, וואָס האָסטו זיך דערשראָקען אַזוי? (זי קען ניט ענטפערען פון אויפרעגונג). זעה נאָר, וואָס איז מיט דיר? (קיין ענטפער). לואיס, וואָס איז מיט איהר? (ער בעטראַכט זי).

לואיס (רויכערט, רוהיג): וואָס מיט איהר איז, דאַרף זי זאָגען. יעדער מענש דאַרף ענטפערען פאַר זיך אַליין.

בערנאַרד: זעה נאָר בעסער, אידאַ, ווי דו האָסט זיך אויסגעשמירט אין מעהל.

לואיס (רוהיג): מאַדאַם, אַז מען געהט אום צווישען מיהל־מענשען, איז זעהר אונפּראַקטיש צו טראָגען דונקעלע קליידער.

בערנאַרד: איאָ, עס איז אונפּראַקטיש? אידאַ, געה בעסער און רייניג זיך אָרום, אָדער טהו אָן אַן אַנדער קלייד, אַז ניט, וועט מען מיינען, אַז דו ביסט דער מילנער, ניט ער. (אידאַ געהט געהאַרכזאַם. ביי דער טהיר ווענדעט זי זיך אום צו לואיס'ן מיט אַ בעטענדען בליק. אב. פּויזע. בערנאַרד געהט אום איבער'ן צימער. לואיס קוקט איהם אָן און רויכערט רוהיג).

בערנאַרד (שטעלט זיך אָב געגען איהם): לואיס, דו דאַרפסט מיר זאָגען, וואָס דאָ איז צווישען אייך פאָרגעקומען?

לואיס: גאַנץ איינפאַך, צווישען אונז איז פאָרגעקומען אַ געשפּרעך, וואָס האָט זי אויפגערעגט.

בערנאַרד: אַ געשפּרעך? הם! איך פערשטעה! אַ געשפּרעך, פון וועלכען מען ווערט אויסגעשמירט אין מעהל. האָסט ניט געקענט אויס־טראַכטען עפּעס אַ מעהר פּאַסענדען ליגען?

לואיס (בייז): מיין הערר, פּאַסענדע ליגען, דאָס זיינען די קאָנווענ־ציאָנעלע זיטען אייערע, אין וועלכע איהר אַלע, די זאָגענאַנטע ציוויליזירטע וועלט, לעבט! יאַ, אַלע אייערע זיטען און אייערע מאָראַלישע רעגלאַמענטען זיינען נאָר פּאַסענדע ליגען... איך האָס פּאַסענדע ליגען גראָדע ווי אונ־פּאַסענדע!

בערנאַרד (ער האָט איהם ניט געהערט און ניט פערשטאַנען): וואָס טויג איצט דיין פילאָזאָפיע? די זעעלע וויינט ביי אַ מענשען, דאָס האַרץ בלוטעט און דו פילאָזאָפירסט.

לואיס: ווי איך פערשטעה, פּאַנגסטו אָן צו ווערען אייפערזיכטיג. אין אַזאַ פאַל פרעגט מען ניט דעם אַנדערען און מען גלויבט ניט קיינעם. מען זוכט. מען קוקט און מען געפינט אַליין די וואַרהייט.

בערנאַרד: לואיס, איך פערלאָז מיך אויף דיין פריינדשאַפט און...

לואיס: דו, ברודער, פערלאָז דיך ניט זעהר שטאַרק אויף פריינד־שאַפט. ווען אַ מענש געהט הייראַטען, טהוט ער דאָס ניט צוליעב יענעמס פריינדשאַפט, נאָר צוליעב זיך אַליין און ער דאַרף זיך פערלאָזען נאָר אויף זיך אַליין. ער דאַרף וויסען, אַז אַ פרוי איז ניט אַ שטיקעל מעבעל, וועלכעס וועט בלייבען שטעהן דאָרט, וואו דער מאַן האָט עס אַנידערגעשטעלט. עס איז אַ לעבעדיגער מענש מיט בלוט, נערווען, געפיהלען, מיט אַ זעעלע, מיט קאַפּריזען, מיט ליידענשאַפטען, מיט משוגעת'ן, מיט פערלאַנגען, מיט, דער טייוועל וויים, וועלכע פאַנטאַזיעס! ענטוועדער נעהם זיך אַ ווייב, וועלכע זאָל אין דיר אַליין קענען געפינען איהר גאַנצעס גליק און בעפריעדיגונג, — דאַן ביסטו גאַראַנטירט; אָדער טהו ווי דער טערק, פערשפּאַר זי אין אַ הארעם און שטעל ביי איהר טהיר צעהן דוצען יעוונוכען, דאַן קענסטו זיך אָבנאַרען און, אָם וועניגסטען מיינען, אַז דו ביסט גאַראַנטירט; אָדער, פשוט, פרעג ניט קיין קשיות און קוק זיך ניט צו זעהר שטאַרק, דאָס הייסט, קוק יאַ, נור אַזוי... צווישען די פינגער, ווען סטו קענען שטענדיג גלויבען — אפשר יאַ, אפשר ניט... פאַמיליען־עהרע, מאָראַל, טרייהייט זיינען נאָר שעהנע זאַכען און איהר מעגט זיך שפּיעלען מיט זיי, אָבער אין דער זעלבער

צייט זייט ניט קיין גאאיווע נארען און פערגעסט ניט, אז דא ארום איך געהען אום ניט מלאכים, נאר לעבעדיגע, זינדיגע מענשען...

בערנארד: יא, לעבעדיגע, זינדיגע מענשען! עס קען זיין אן אנדערער וואלט זיך בערוהיגט מיט אזא פילאזאפיע, איך אבער וועל דאס ניט איבערלעבען. לואיס, איך האב זי זעהר, צו שטארק ליעב! מיין גאנצעס לעבען איז אין איהר. ווען זי שלאפט, קען איך זיצען שטונדען לאנג און זיך צוהערען צו איהר אטהעם; ווען זי רעדט, ווייזט זיך מיר אויס, דאס גאנצע הויז ווערט אנגעפילט מיט קלינגענדע זילבערנע טענער. איך האב זי ליעב מיט דער ליידענשאפט פון א ליעבהאבער, מיט דער צערטליכקייט פון א מוטער און מיט דער טרייהייט פון א ברודער. איך בין זעהר אייפערזיכטיג, אבער איך האב עס איהר ניט געצייגט, ווייל איך ווייס, אייפערזוכט בע־ליידיגט א פרוי און מאכט דעם מאן לעכערליך. אבער אין דער שטיל לייד איך זעהר שטארק און זעהר פיעל. ווען איהר רעדט ביידע, אדער ווען איהר הויבט אן פלוצלינג אין גארטען לויפען אין איבעריאגענים, אדער ווען איך זעה, ווי דו נעהמסט מיין אידא אין דיינע ארעמס און לערענסט זי טאנצען א דייטשען האפ־שא סא! — ווערט אין מיר פערקיהלט מיין בלוט, אבער איך זעה זיך צו בעהערשען... היינט אבער קען איך ניט שווייגען מעהר. איך וויל וויסען די ווארהייט, ווי שרעקליך זי זאל ניט זיין. לואיס, איך פערשטעה וואס דו זאגסט. מיר זיינען ניט מלאכים, מיר זיינען לעבעדיגע זינדיגע מענשען. וויל איך וויסען, האבען די לעבעדיגע, זינדיגע מענשען שוין געזינדיגט? (לואיס שווייגט). איך פרעג גאנץ איינפאך: האבען די זינדיגע מענשען זיך אויסגעשמירט נאר אין מעהל, אדער זיי האבען זיך שוין אויס־געשמירט אין בלאטע אויך? (קיין ענטפער). דו מעגסט זיין ווער דו ביסט, איך קען דיך גוט און ווייס, דו וועסט ניט זאגען קיין ליגען, דארום פרעג איך דיך: זאג מיר, האבען די זינדיגע מענשען שוין געזינדיגט? יא, זאג מיר די גאנצע ווארהייט און ערמארדע מיך מיט איין מאל!...

לואיס (קלאפט אויס מיט כעס דעם טאבאק פון זיין פייף): נא! צום טייפעל! מיין פייף איז וויעדער אויסגעגאנגען!

בערנארד: לואיס, דו הערסט. וואס איך פרעג דיך?

לואיס (בעשעפטיגט מיט זיין פייף): הא? וואס פרעגסטו מיך אייגענטליך?

בערנארד: לואיס, איך פרעג דיך, האבען די זינדיגע מענשען שוין געזינדיגט?

לואיס: הא? אויב די זינדיגע מענשען האבען שוין געזינדיגט? (שלאגט אן זיין פייף מיט טאבאק, פעררויכערט לאנגזאם, זייגע הענד

ציטערען. בערנאַרד זעהט עס ניט). אויב זיי האָבען שוין געזינדיגט? ע... ניין!

בערנאַרד: דו גיסט מיר דיין עהרענוואָרט?

לואיס: דו ווייסט, אז עהרע, מאָראַל און די אַלע אַנדערע זאכען זיינען ביי מיר נור ווערטער אָהן אַ בעדייטונג און אָהן אַ זין!

בערנאַרד: דאַן גיב מיר דיין עהרליכע האנד, דיין האנד איז עהרליכער פון דיין מויל. (דריקט זיין האַנד). ניין? דו זאָגסט ניין? אָה, דו ווייסט ניט, וואָס איך האָב אין דעם אויגענבליק איבערגעלעבט! דו קענסט עס ניט בעגרייפען. (טרערען שטיקען איהם). מען קען וויסען אַ סך פילאָזאָפיע און ניט פערשטעהן וואָס די זעעלע פון אַ מענשען קען ליידען...

לואיס: דערוויילע לאָז אָב מיין האַנד! (רייסט אַרויס זיין האַנד). און הער, וואָס איך וויל דיר זאָגען. ווי איך זעה, ווילט איהר פיהרען אייער מיהל מיט דער אַלטער סיסטעם. איך קען ניט בלייבען דאָ! איך וועל מוזען געהן צוריק נאָך דייטשלאַנד. גאָט פערדאַמטע, מיזעראַבעלע קרעמער! צום טייפעל! (אַ קלאַפּ מיט דער טהיר. אב).

בערנאַרד: דער געדאַנק בערוהיגט זיך און די געפיהלען ווילען זיך ניט בערוהיגען. וואָס האָב איך געדאַרפט עפּעס טהאָן? די לעצטע צייט בין איך ווי אַ צודולטער. (פערדעקט זיין געזיכט און בלייבט זיצען. בערטאַ קומט).

בערטאַ (גיט אויף איהם אַ קוק און מאַכט זיך פרעהליך): עי, בערנאַרד, וואָס האָט איהר זיך אַזוי פערקרימט? ציינוועהטאָג?

בערנאַרד: ניין, עפּעס אַזוי... איך האָב זיך נאָר פערטראַכט...

בערטאַ: איהר פערטראַכט זיך צו אָפט, דאָס איז ניט גוט. אַז מען זינגט איין מאָל יום כפור כל נדרי, איז דאָס אַ חכמה. אבער סוכות כל נדרי, הושענא־רבה כל נדרי, פורים כל נדרי? פע! ניט נאָר אידאַ'ן, נאָר זאָגאָר, איך וויים ניט וועמען, וואָלט עס נמאס געוואָרען...

בערנאַרד (אונרוהיג): וואָס איז, בערטאַ, אידאַ האָט זיך בעקלאָגט פאר אייך?

בערטאַ: אידאַ? ניין! וואָס ווייסט אידאַ? מען מעג זאָגען, זי איז נאָך ניט מעהר ווי אַ קינד. אבער דאָס איז ערגער, די אונצופריעדענהייט קען אויסוואַקסען ביי איהר אונבעוואוסטערהייט. מען דאַרף ווירקען אויף איהר צום גוטען, אַז ניט, וועט מען ווירקען אויף איהר צום שלעכטען. וואָס געהט איהר אום שטענדיג ווי מיט אַ פולען זאַק מעהל אויף די פּלייצעס און ציהט אַרויף אויף זיך די עלטער? איהר זייט נאָך אַ יונגער מאַן! איך פערשטעה, די צרות, וואָס איהר האָט געליטען אַ מאָל, האָבען אין אייך

ערמאָרדעט יעדע לוסטיגקייט... פערגעסט אָבער ניט, אידא איז אויסגעוואַק־
סען, ווי אַ פרייער ווילדער פויגעל אין וואַלד. זייט אַ ביסעל לעבעדיגער,
איהר פערשלאָפענער איד, וואָס איהר זייט! (קרימט איהם און זינגט).
כל נדרי, אי, אי, אי!

בערנאַרד (לאַכט): אַי, בערטאַ, עס ווערט אַזוי גרינג אויפ'ן הארצען,
ווען איהר רעדט.

בערטאַ: אַך, יאַ! איך האָב ערשט בעגעגענט דעם דייטש, ער איז
זעהר בייז און זאָגט: אויב מען וועט איהם ניט געבען קיין געלד אויף דער
גייער פערבעסערונג, בלייבט ער ניט דאָ. איך ווייס ניט, אויב מען קען
געפינען אַ צווייטען מילנער, ווי ער איז. ער מעג זיך איבערנעהמען. און זיין
גייער פלאַן איז אויך אַן אויסגעצייכענטער.

בערנאַרד: הייסט עס, מען וועט איהם דאַרפען אַסיגנירען דאָס
געלד?...

בערטאַ: ניין! איך האָב איהם געזאָגט: מיר וועלען ניט אַסיגנירען
קיין געלד אויף דער פערבעסערונג און ער מעג פאָהרען, אויב איהם געפעהלט
ניט.

בערנאַרד: פאַר וואָס? איהר זאָגט דאָך אַליין, דאָס געשעפט וועט
ליידען... און...

בערטאַ: גאַנץ איינפאַך, ער דאַרף דאָ ניט זיין מעהר.

בערנאַרד: ער דאַרף דאָ ניט זיין מעהר? (דערשראָקען). בערטאַ,
איהר האָט עטוואָס בעמערקט?

בערטאַ (גאַנץ רוהיג): עטוואָס בעמערקט? וואָס מיינט איהר דאָס?
(זעצט זיך ביים קאַסטען און פאַקט די איבריגע זאַכען). גאַנץ איינפאַך, ער
איז אַנטיפּאַטיש, ווייל איך בענוצען די געלעגענהייט און פטור ווערען פון
איהם. פע! איך האָב פיינט די דייטשען, ווייל איך זיך אויך אַ מאָל ערלוי־
בען אַ פערגעניגען און כאָטש פון איין דייטש נקמה נעהמען... יאַ, מען דאַרף
איהם לאָזען לויפען.

בערנאַרד: ער איז דאָ דער איינציגער מענש, וואָס געהט ניט אום
מיט אַ שווערען זאַק אויף די פּלייצעס. אויב מיר וועלען איהם אוועקשיקען,
וועט אידאַ מיינען, מיר טהוען עס אומישנע, אום זי צו ערגערען. זי וועט
דענקען, איך האָב עס געטהאָן, ווייל... ווייל איך האָב עפּעס אַ פערבאָרגענעם
צוועק. דאָס וועט זי בייז מאַכען... דאָס וועט מיך מיאוס מאַכען אין
איהרע אויגען. וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי?

בערטאַ: איך קוק ווי נאַריש פערליעבטע מענער זיינען. גבורים, האַ?!

בערנאַרד: אַי, בערטאַ, די ליעבע מאַכט אונז נאַריש, רויבט אונזער

פערשטאנד, אונזער קראפט. דער מלאך המות האט זי אויסגעטראכט צו פערגיפטען אונז דאס לעבען. (א געוויש).

בערטא: איך הער, דער פאפא קומט. געהט בעסער צו אידא'ן, דער פאפא האט אייך ניט ליעב.

בערנארד: און אידא האט מיך ליעב? ווער אין דער וועלט האט מיך ליעב? (סאפיע פיהרט אריין אשכנזי'ן. זיין רעכטע האנד און רעכטע פוס זיינען פאראליזירט. ער שטעלט זיך אב אין מיטען צימער און קוקט אויף בערנארד'ן).

בערטא (שטיל): דער פאפא האט אייך ניט ליעב. געהט צו אידא'ן... זי דארף ניט בלייבען אליין. פארט! פארט פון דאנען! (שטויסט איהם ארויס, געהט צום פאטער).

אשכנזי (בייז): ה־הוץ!... ווערען געזונד — מוז ער פארט פון מיין הויז! פארט!

בערטא: פאפא, ווילסט עפעס?

אשכנזי: זיצען דא... דא... ביים פענסטער. (בערטא און סאפיע זעצען איהם אויף א שטוהל ביים פענסטער).

בערטא (נעהמט זיין טאשענטוך, ווישט אב זיין שטערען און העלפט ער זאל זיצען בעקוועם): ווילסט עפעס זאגען, פאפא?

אשכנזי: יא, בערטא, עסען! עסען דא! (שמאצקעט מיט די ליפען) בין הונגעריג, הונגעריג!

בערטא: שוין, פאפא, עס איז דא א בוליאן פאר דיר. (ענדיגט אויף גיך דאס איינפאקען, מאכט צו דעם קאסטען און לויפט אב).

אשכנזי: הוץ! הוץ! ער איז דא בעל הבית! (די זון הויבט אן אונטערגעהן, רויטע שטראהלען אין פענסטער).

סאפיע: זאל איך דיר לעזען א צייטונג?

אשכנזי (נערוועז): ניין! די זון! מיינע אויגען! קען ניט... די זון! די זון!

סאפיע (לאזט אראב די סטארע פון פענסטער. זי טהוט יעדע זאך מיט א טרויעריגע אונטערטעהניגקייט): נו, אזוי איז גוט? לעג ארויף דיין קראנקע האנד אהער. (לעגט ארויף זיין האנד אויפ'ן ארם פון שטוהל). אי, וועה איז מיר! (זעצט זיך אן א זייט און זיפצט שווער).

אשכנזי: וואו זייט איהר דארט? איך וויל ניט בלייבען אליין!

סאפיע: ביסט ניט אליין. איך בין דא. (געהט צו איהם).

אשכנזי: דו... איך וויל רויכערען, מאך מיר א פאפיראס...

סאפיע (מאכט א פאפיראס, שטעקט עס אריין אין א פאפיראסניק, גיט

איהם אין מויל אריין) : דער דאָקטאָר האָט געזאָגט זאָלסט רויכערען וואָס ווענינגער. (ער וויל אויפהויבען זיין האנד, די האנד פאַלט צוריק. זי גיט איהם צו פעררויכערען).

אשכנזי: יא, ניט רויכערען, ניט לעבען! אַלע ווילען, איך זאָל שטאַרבען, וואָס גיכער. שעהן דאַנקט איהר מיר אָב! אַ וועלטעל! יעדער... נאָר פאַר זיך!

סאָפיע: שש! בערוהיג זיך. דיר איז שעדליך צו זיין בייז. (פּויזע. זי געהט אום איבער'ן שטוב). דאָס איז מיין לעבען! מען קען זאָגען, דאָס איז דאָס לעבען פון אַ פרוי! צוגעשמידט צו דעם האַלב־טויטען קערפּער מיט אַן אייזערנע קייט. און דאָך וויל איך ניט די קייט זאָל, חלילה, איבער־געבראָכען ווערען. וואוהין וועל איך זיך אַהינטהאָן? איצט בין איך דאָך מאַדאַם אשכנזי און מיין נינאַ האָט אַ היים. גאָטעניו, זאָל זיך איהר טרעפען אַ שידוך. זי פערשטעהט ניט, ווי נויטיג עס איז פאַר אַ פרוי חתונה האָבען און זיין געזיכערט אין לעבען.

אשכנזי: סאָפיע, סאָפיע! וואו ביסטו דאָרט?

סאָפיע: דאָ בין איך, וואָס איז?

אשכנזי: מיר... דאָ... שטיקט אין האַלז. (וויל אויפהויבען זיין האנד, זי פאַלט צוריק).

סאָפיע: באַלד. (מאַכט לויז זיין קאַלנער). און דאָך, זינט ער איז קראַנק, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד, איז ער מיר ניט אַזוי פרעמד און אַזוי מיאוס ווי פריהער.

אשכנזי: סאָפיע, די זון ניטאָ שוין. (עס ווערט ביסלעכווייז דונקעל).

סאָפיע (הערט ניט): פריהער האָט ער געמיינט, ער האָט אַ רעכט צו פּייניגען מיין קערפּער, איצט דאַרף ער אַליין האָבען מיין הילף און מיין רחמנות.

אשכנזי: סאָפיע, עפען דאָס פענסטער!

סאָפיע (הערט ניט): איצט קען מיר קיינער ניט שטעכען די אויגען מיט'ן שטיקעל ברויט, וואָס איך עס און מיט'ן פּלאַץ, וואָס איך פערנעהם דאָ.

אשכנזי (וויל אַליין עפענען דאָס פענסטער און קען ניט, ווערט זעהר בייז): עפען... פענסטער! (וואַרפט זיין שטעקען).

סאָפיע (לויפט צו איהם): וואָס איז? דאָס פענסטער? באַלד... שש. זיי ניט אויפגערעגט. גיב אַ קוק, ווי שעהן. (צייגט אין אָפענעם פענסטער). זעהסט, די זון פערגעהט ערשט און די לבנה איז שוין דאָ אויפ'ן הימעל.

אשכנזי: יא, איך בין נאך ניט געשטארבען און מיינע יורשים זיינען שוין דא...

סאפיע: א מענש קען ניט איבערמאכען גאט'ס וועלט.

אשכנזי: יא, גאט'ס וועלט! עסען! הונגעריג! בערטא, וואו איז זי דארט? עס הארט זי דען? בערטא!

סאפיע: שוין, איך ברענג דיר דיין בוליאן. (געהט). דער דאקטאר זאגט, ער דארף יעדע מינוט ערוואַרטען א צווייטען קלאפ און דעם טויט אויך, און דאך, ווי זאגט מען, כל זמן שהנשמה בקרבו, ווילט זיך נאך בוליאן. אוי! אי! אז מען איז נאך א נגיד, קען מען נאך אויספיהרען, אן ארימאן זאל בעסער מיט אזא אונגליק ניט געשטראפט ווערען! (אב. עס ווערט דונקעל. פויזע).

אשכנזי: גאט, ווען וועל איך שוין געזונד ווערען? אזוי לעבען איז ניט גוט און שטארבען וויל איך ניט... ניין! ניין! איך וויל לעבען! וויל לעבען! הא? (ווייט הערט זיך די טרויעריגע קירכען-גלאק און דאס טרויעריגע געזאנג פון פראלאג. ער הערט זיך צו). ווען איך בלייב אליין אין דער פינסטער, ווייזט זיך מיר אויס, איך הער א טרויעריגען געזאנג און א גלאק... איך האב עס אזוי ווי געהערט שוין א מאל לאנג אין חלום... הפנים דאס איז א סימן, אז איך הויב אן געזונד ווערען. (הערט זיך צו פריהער אונרוהיג, נאכדעם בלייבט ער זיצען שטיל. עס ווערט גאנץ דונקעל. מיליע, נינא און טאליע קומען. טאליע אין זומערדיגע קליידער).

מיליע: זעה נאר, קיין ליכט ברענען ניט און קיינער איז ניטא. איך האב א שרעקליכען אפעטיט... דאס וועט בערטא'ן פרעהען. ארימער פאפא, אז ער האט אפעטיט קרימט מען זיך און אז איך האב אפעטיט, איז דאס א שמחה... קינדער, איהר האט ניט מורא בלייבען דא אליין? איך לויף זוכען בערטא'ן. (לויפט אב. נינא זעצט זיך ביי דער פיאנא, טאליע זעצט זיך פון דער ווייטען. ווען נינא זעצט זיך, פערטשעפעט זי א קלאוויש. עס גיט א קלונג און הילכט לאנג. פויזע).

נינא: מיין הארץ איז ווי צוזאמענגעפרעסט.

טאליע: מיין הארץ אויך. פון וואנען קומט עס?

נינא: עס קומט פון איין הארץ צום אנדערען. (זיפצט). הייסט עס, מארגען פאהרט איהר טאקע אוועק פון אונז?

טאליע: יא, נינא, מארגען גאנץ פריה. מארגען וועט איהר מיך שוין ניט זעהן. איהר וועט נאך שלאפען, ווען איך וועל פאהרען צום וואקזאל. אלע וועלען שלאפען, נאר בערטא ניט, זי געוויס ניט.

נינאַ: איך וועל אויך ניט שלאָפען. איך מיין, איך וועל זיך היינט גאָר ניט לעגען שלאָפען.

טאָליע (שטיל): איך אויך ניט. (פויזע). נינא, וואָס וועט וועט איהר טהאָן אַ גאַנצע נאַכט?

טאָליע: אויב איהר ווילט, קומט שפּעטער אין גאָרטען, וועלען מירביידע שפּאַציערען און רעדען ביז טאָג. וועט איהר קומען, נינאַ? (אשכנזי הויבט אויף זיין קאָפּ און הערט זיך צו).

נינאַ: יא, איך וועל קומען. די לבנה וועט אויפגעהן און מיר ביידע וועלען רעדען ביז עס וועט ווערען טאָג. ווען עס איז פינסטער, האָב איך מורא אין גאָרטען פאַר די שאָטענס.

טאָליע: אז איך וועל זיין מיט אייך, דאַרפט איהר ניט מורא האָבען! נינא, פריהער האָבען מיר געשוויגען און איצט איז דאָ אזוי פיעל צו רעדען, אז עס איז אונמעגליך אַלץ צו זאָגען.

נינאַ: דאָס הארץ דערצעהלט, זאָגאר ווען מען זאָגט ניט.

טאָליע: נינא, וועט איהר ניט פערגעסען אויף מיר, ווען איך וועל אוועקפאָהרען?

נינאַ (טרערען אין דער שטימע): און איהר, טאָליע, וועט איהר כאָטש אַ ביסעלע בענקען נאָך מיר?

טאָליע: אי! איך זאָל זיך ניט שעהמען, וואָלט איך איצט געוויינט.

נינאַ: איאָ, עס ווילט זיך וויינען און עס איז גוט.

טאָליע: יא, עס איז גוט און עס ווילט זיך וויינען. נינאַ, שפּיעלט מיר עטוואָס.

נינא (בויגט זיך צו צו דער פּיאַנאָ, ווײנט אַ ביסעלע, ווישט אָב די טרערען און שפּיעלט גריעג'ס סועטע פון פּעער גינט. די לבנה געהט אויף).

טאָליע: ווען איך האָב אייך האָב דערזעהן צום ערשטען מאָל, האָב איך באַלד געוואוסט... נינאַ, איהר ווייסט, וואָס איך מיין...

נינאַ: יא, איך ווייס. טאָליע, איך האָב אויך באַלד דערפיהלט.

טאָליע: פאַר וואָס איז דאָס?

נינאַ: איך ווייס ניט. דאָס הארץ האָט באַלד געגעבען אַ ציטער.

טאָליע: און דאָך זייט איהר אזוי לאַנג געווען ווי ברוגז אויף מיר.

נינאַ: אָך! איך בין ניט געווען ברוגז. ווען איהר זאָלט דאַן קראַנק ווערען אָדער, חלילה, געשטאָרבען, וואָלט איך אויך געשטאָרבען. אָבער זאָגען אייך האָב איך ניט געקענט. איך האָב פאַר אייך מורא געהאַט.

טאָליע: איך האָב פאַר אייך אויך מורא געהאַט. נינאַ, איך האָב איצט אויך מורא פאַר דיר.

נינאָ: איצט האָב איך פאַר דיר קיין מורא ניט, טאָליע. איך ווייס, איך בין דיינע. יא, איך בין דיינע! דו פיהלסט עס אויך און דו ווייסט עס. זאָגט דיר דיין הארץ דאָס ניט?

טאָליע: ניט נאָר מיין הארץ, די שטראַהלענדע לבנה זאָגט עס מיר, די שעהנע נאַכט דערצעהלט עס מיר, די ליכטיגע שטערען זינגען עס מיר. דו הערסט? (אַ נאַכטיגאַל זינגט אין גאָרטען). נינא, דו הערסט?

נינאָ: אַז איך הער, ווי דו רעדסט צו מיר, הער איך אַלץ. וואָס איז דאָס, טאָליע, דו הערסט ניט? מיר ווייזט זיך אויס, איך הער פיעלע לוסטיגע שטימען און אַ פרעהליכען געזאַנג. (כאָר פון די האָפנונגען און טרוימערייען, ווי אין פראָלאָג, זינגט גאַנץ פיאַנאָ).

טאָליע: אין אונז זינגען דאָס די פרעהליכע שטימען, אין אונז זינגט די גאַנצע וועלט, אין אונז זינגען די זיסע האָפנונגען און די שעהנע טרוימערייען! נינאָ! איך האָב דיך ליעב! איך האָב דיך ליעב! איך מיין, אַז מען האָט אַזוי שטאַרק ליעב, קען מען שטאַרבען!

אשכנזי (פאַלט צו צום פענסטער מיט אַ לויטען און ביטערען געוויין): אָה, דאָס לעבען! דאָס לעבען! (נינאַ גיט אַ קלאַפּ איבער די קלאַווישען און שפּיעלט פאָרטאַ די זעלבע סועטע. אַ לאַנגע פּויזע. בערטאַ ערשיינט אין טהיר מיט אַ ברענענדע לאָמפּ, נעבען איהר מיליע מיט אַן עפּעל, וועלכען זי עסט מיט אַפּעטיט. עס ווערט ליכטיג. סאָפיע קומט מיט בוליאָן, שטעלט עס נעבען אשכנזי'ן און בעטראַכט איהם ערשטוינט).

בערטאַ (קוקט אויף טאָליע'ן און נינאַ'ן. גאַנץ שטיל): אָה, הייליגע, מעכטיגע ליעבע!

סאָפיע (קיינער הערט זי ניט): ער איז טויט! (אידאַ, בערנאַרד און לואיס ערשיינען אין פענסטער).

אידאַ (שרייט אין פענסטער מיט פרייד און פערצווייפלונג): בערטאַ, ער פאָהרט ניט! בערנאַרד לאָזט איהם ניט! מיין בערנאַרד וועט איהם ניט לאָזען! (ביידע מענער לאַכען גוטמוטהיג. נינא שפּיעלט נאָך מעהר פאָרטאַ).

(פ אָ ר ה א נ ג).

פיערטער אַקט.

(דאָס זעלבע צימער, אָבער גאַנץ אַנדערע מעבעל, ווי אין אַ רוסישער „גאָסטיניצאַ". שלאָמע הוץ זיצט ברייטלאַך אויף אַ קרעסלע. בערנאַרד געהט אום מיט אַ צייטונג אין האַנד. עס איז אַ זומער־טאָג. דאָס פענסטער איז אָפען. אויף איינעם פון די טישען שטעהט אַ גראַפין מיט וואַסער און אַ גלאָז).

בערנאַרד: יאָ! יעדען טאָג לעזט מען אין די צייטונגען: אַ מאַן האָט זיך ערמאָרדעט; אַ מאַן האָט ערמאָרדעט זיין פרוי; אַ מאַן האָט ערמאָרדעט זיין קינד, זיין פרוי'ס ליעבהאבער...

שלאָמע: נו, בכן איז באשר איז וואָס?

בערנאַרד: גאָר ניט... איך זאָג נאָר, דער טויט שרעקט היינטיגע צייטען קיינעם ניט.

שלאָמע: שרעק זיך יאָ, שרעק זיך ניט, עס קען עפּעס העלפען? אז אויבען זאָגט מען שטארב, ווערסטו שטארבען, זאָלסט אפילו איינגעהמען אַ מיתה משונה; און אז מען זאָגט דאָרט לעב, ווערסטו לעבען, זאָלסט אפילו קרעפּירען דאָ אויפ'ן פּלאַץ. אַלץ דאָרטען!...

בערנאַרד: איך מיין, דו ביסט גערעכט, ניט די געלערענטע. עס מוז זיין אויבען אַ האנד, וואָס פיהרט צום גליק אָדער אונגליק, אַ האנד, וואָס בעשטראָפט אונז דערפאַר, וואָס מיר האָבען ווען געטהאָן אונרעכט... אָי! (זיפצט).

שלאָמע: יאָ, עס איז דאָ אַ פינגער, וואָס פינגערט. איז בכן איז באשר איז וואָס, דאַרפסטו זיך זאָרגען? דו האָסט, חלילה קיינעם קיין אונ־רעכט ניט געטהאָן.

בערנאַרד: איך? ווער ווייסט... איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסען, ווי אזוי, למשל, קען בערנארד זילבערמאַן יאָ בעגעהן זעלבסטמאָרד, אויב דאָרטען איז פערשריעבען „ניין"?

שלאָמע: וואָס איז דאָס פאַר אַ משל? ביסט משוגע צי חסר דעה?

בערנאַרד: שטעל זיך פאָר, איך האָב מיך בעשלאָסען?

שלאָמע: אָי, הער אויף מיט די שניידערשע חכמות!

בערנאַרד: וואָס־זשע, דו האָסט מורא, ווערסט ניט האָבען צו וועמען

צו קומען מיטוואָך נאָך דיין וואָכען־געהאַלט? איך וועל דיר און דער מאַמען איבערלאָזען אין מיין צוואה האַלב פון מיין פערמעגען.

שליאָמע: גולם, בערעכען נאַר, וואָס רעדסטו דאָס? אַז דו לעבסט און ביסט געזונד, ביסטו ניט קראַנק צו געבען און איך בין ניט קראַנק צו נעהמען. דערוויף ביסטו מיר אַ זוהן... וואָס דען? !... אָבער שטאַרבסטו, חלילה, וואָס דאַרף איך דיין פערמעגען, דיין מיטוואָך, דיין צוואה, די גאַנצע וועלט? פערד, מיט דיר שטאַרבט דאָך ביי אונז אָב אַלץ אינ'ם לעבען. איידער דו, וועלען מיר זיך ביידע, איך מיט דיין אַלטע מאַמע, בעסער לעגען אין קבר. וואָס וועט אונז טויגען דער מיטוואָך, אַז מיר וועלען ניט האָבען קיין שבת אין אונזער לעבען?...

בערנאַרד: איך פרעג עס נאַר אַזוי, ווייל איך וויל זאָלסט מיר ערקלערען... צום ביישפיעל, דו רעדסט אָפט פון דעם אונבעקאַנטען. ווער איז דער אונבעקאַנטער?

שליאָמע: חכם, מען זאָל וויסען, ווער דער אונבעקאַנטער איז, וואָלט ער ניט געווען קיין אונבעקאַנטער... מיר ווייסען גאָר ניט, אַלץ דאָרטען! ווי איך בין דערגאַנצען מיט מיין שכל, איז דאָס אַזוי: דער אונבעקאַנטער קומט פריהער אינ'ם בלוט, פון דאָרט געהט ער אין מח, פון דאָרטען פאָהרט ער אריין אין דער נשמה... און אַז די נשמה וויל ניט בלייבען אין גוף, איז פערפאַלען — מען מוז זיך אָבפּעקלען. דו פרעג מיך, שליאָמע הויז ווייסט די אַלע דאָזיגע זאַכען. (אַ דיענער ערשיינט ביים פענסטער).

דיענער: הערר זילבערמאַן, מען דאַרף אייך אין קאַנטאָר. (אָב).

בערנאַרד (זיפצט): איך דאַרף זעהר נויטיג די קאַנטאָר מיט די אַלע געשעפטען! (געהט). פּאַפּאַ, איך קום באַלד, איך וויל נאָך הערען פון דיר וועגען די דאָזיגע זאַכען. (אָב).

שליאָמע: עהע! בערנאַרד הויבט אָן האַלטען פון מיר מעהר, ווי פון די געלערענטע. מיין שרה־הינדע זאָל דאָ זיין, וואָלט איך דערפאַר אַליין געמעגט איהר אָנשפייען אַ פולען פנים. האָסט געשטודירט בכן איז באשר איז וואָס? זאָל מיר דער געלערענטער ערקלערען, למשל, אַזאַ קלייניגקייט: פאַר וואָס האָט מיין שנור דוקא געבוירען אַ מיידעל און ניט אַ אינגעל? איך האָב געוואָלט אַ אינגעל, ווייל זינט דער מחותן עליו השלום איז געשטאָרבען, בין איך דער גרעסטער מיוחס אין דער משפחה און וואָלט אודאי געווען סנדק אויפ'ן ברית מילה. מיין בערנאַרד האָט געוואָלט אַ אינגעל, ווייל, ווי זאָגט מען עס, אַ אינגעל איז דאָך ניט קיין מיידעל. אַלע ווייבער פון דער משפחה האָבען געוואָלט אַ אינגעל, ווייל ביי די ווייבער איז גלאַט אַ אינגעל אַ גרעסערע מציאה. די געשטודירטע מעקישמאַרקע האָט געשוואָרען, אַז זי זעהט שוין

בעשיינפערליך א אינגעל, דער געלערנטער דאָקטאָר האָט געזאָגט, ער האָט שוין אָנגעטאָפּט א אינגעל מיט אַלע סמנים. צום סוף וואָס? א מיידעל! פאַר וואָס א מיידעל? ווייל אויבען האָט מען אָנגעצייכענט א מיידעל... בע! כע! וואָס דען? עס נעהמט זיך פון זיך אַליין? (סאָפּיע קומט, זי איז זעהר אויפגעלעגט. ער נעהמט אראָב זיין היטעל, נייגט זיך). אָה, מאַדאַם, האבע די עהרע. מיין קאָמפּלימענט, רעקאָמענדאציע, אסיגנאציע, ווי געהט עס?

סאָפּיע: קאָמפּלימענט, רעקאָמענדאציע, אסיגנאציע? כאַ! כאַ! מען זעהט, איהר זייט א מאָל געווען א זשענסקער... קאַוואַליער... פאַר וואָס זעהט מען אייך אזוי זעלטען?

שליאָמע: צו מיין אַלטער דאַרף מען אויסבייטלען אַלע חלומות. אז איך געה אהער נעהמט זי דער רוח. נו, אז איך געה, בכן איז באשר איז וואָס? אפשר איז דאָס נאָר סינטאָפּ... סימפּאַטיע...

סאָפּיע: איהר מיינט געוויס סימפּאַטיע.

שליאָמע: אומשטיינס געזאָגט, אין מיינע יאָהרען, וואָס קען זיין די סכנה? ווער, דאַכט זיך, דאַרף נאָך אזוי וויסען ווי זי? נאָר געה טענה מיט א אידענע. זי זאָגט, אז ווען א מאַנסביל ליעגט שוין אפילו אויף דר'ערד מיט די פיס צום טהיר אָן אָבגעהויבענער, טאָר מען איהם אויך ניט לאָזען אַליין מיט א שעהנע אַלמנה. אי, ניט אומזיסט זאָגט דער חכם אין סידור: ברוך אתה, זאָגט ער, שלא עשני אשה...

סאָפּיע: דער חכם פון סידור לאַכט פון אונז, שליאָמע הויז לאַכט, אַלע לאַכען און מיר וויינען...

שליאָמע: פון דעסטוועגען בין איך געווען א פּאָר מאָל און האָב איך ניט געטראָפען.

סאָפּיע: זינט בערטא האָט פערנומען דעם פּאַטער'ס צימערען אויבען און אידאַ'ס וואָהנונג איז דאָ, קום איך אהער זעלטען. (שרה הינדע עפענט שטיל די טהיר).

שרה הינדע: זעהסט, פונקט ווי איך וואָלט געווען דערביי! (קוקט בייז אויף ביידען). טאָמער וואָלסטו געגאַנגען א היים, תכשיט מיינער? (זי רעדט די גאַנצע צייט האַלב לויט).

סאָפּיע: שרה הינדע, איהר ווילט גאָר ניט אריינגעהן זיצען א ווייַלע?

שרה הינדע: איך דאַנק אייך. איך בין איהם געקומען נעהמען אהיים. (שטיל). אַלטער שטורמאַק, מיט דיר שפּיעלט זיך דער מלאך־המות, און דו שפּיעלסט זיך נאָך מיט'ן יצר הרע, האַ!

שליאָמע: שש! פּאָלג מיך, געה אהיים. איך וועל באלד קומען. בערנאַרד דאַרף מיך נויטיג.

שרה הינדע (טרערען שטיקען זי): ווילסט ירש'ענען אשכנזי'ן? א מכה! דו לעג מיך פריהער אריין אין דר'ערד, בעגראָב מיך, נאָכדעם מעגסטו זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד...

שליאָמע: די ווייבער! אַן אונגליקליכע נאַציע, הא? מאַדאַם, איהר וועט מוחל זיין, זאָגען בערנאַרד'ן, איך קום באלד צוריק.

שרה הינדע: איך וועל דיך באלד לאָזען, ווי לאַנג קרענקסטו! עס ציהט דיך אהער ווי א מאַגנעט... הא?

שליאָמע: קום אהיים! אַלטער נאַר, האָסט זיך שפּעט געכאַפּט. א מאָל האָב איך געבעטען דעם רבש"ע רחמים, ער זאָל מיר העלפען פון דיר פּטור צו ווערען. איצט איז שוין פערפאַלען. ווען א מענש טראָגט פערציג יאָהר א גוליע אויפ'ן האלז און אקען, וועט ער פאַר דער מיתה ניט געהן די גוליע אָבשניידען.... איך וועל שוין מיט דער גוליע צוזאַמען געהן אין דר'ערד אריין. אַז אויבען זאָגט מען: האַלט זיך מיט דער גוליע, האַלט מען זיך!... מיין קאָמפּלימענט, מאַדאַם, אדיו, צו ווידערזעהן.

שרה הינדע: ווי ער וויים דאָס די אַלע שטוקעס, דער אַלטער זשלאָם! (ביידע אב).

סאָפיע: עס איז צו לאַכען און צו וויינען... דאַנקען גאָט, איך וועל דאָ לאַנג ניט פערבלייבען. האָט א פרוי ווייניג אמת'ע צרות מיט שלעק? ניין! זי טראַכט זיך גאָר אויס נייע. אָ! ווער קען בערעכענען די צרות פון א פרוי? איז זי צו יונג, האָט זי צרות. צו אַלט? — צרות. פון שעהנהייט צרות, פון העסליכקייט צרות. שמערצען און צרות פון טראָגען, פון האָבען, פון ערציהען קינדער. צרות פון'ם מאַן, פון פאַמיליען־פער־העלטניסען, פון קליינליכע שטוב־זאַכען, פון די קינדער'ס אויפפיהרונג, פון'ם מאַן'ס שלעכטע געשעפטען פון זיינע קראַנקהייטען, פון די קינדערס קראַנק־הייטען. היינט די אַלע צרות און סכנות נפשות פון די שרעקליכע פרויען־קראַנקהייטען? און דאָך, לעבען נאָר פאַר זיך אליין וויל קיין פרוי ניט. טאַקי וואָס איז פאַר א לעבען, אז מען האָט ניט צוליעב וועמען צו לעבען און ליידען צרות? (זי נעהמט פון איהר טאַש א בריעף און לעזט. בערטאַ קומט).

בערטאַ: איהר זיצט דאָ אַליין גאָר? און וואו איז דאָס אידאַ?

סאָפיע: איך האָב געזעהן, זי איז געגאַנגען מיט'ן קינד און מיט דער ניאַניע שפּאַצירען.

בערטאַ: איך בענק נאָכ'ן קינד... אידאַ'ס קינד און מען רופט עס

רעבעקא, נאָך מיין גאָטזעליגע מוטער, האָב איך דאָס ליעב און די הויפּט־זאך איך האָב דאָס ליעב, ווייל דאָס קינד איז א קינד. פון ווענמען האָט איהר דאָס ערהאַלטען א בריעף, אויב איך מעג פרעגען? (זי רוימט און ברענגט אַלעס אין אַ בעסערער אָרדנונג).

סאָפיע: וועגען דעם בריעף האָב איך געוואָלט מיט אייך זיך מישב זיין... מיר, ווייבער, זיינען צוגעוואוינט אַנדערע זאָלען פאר אונז דענקען און זאָרגען, קען איך זיך אליין קיין עצה ניט געבען. בערטאַ, איך וויל אוועק־פאָהרען פון דאַנען.

בערטאַ: זאָ לאַנג איהר לעבט, איז אונזער הויז די היים פון שמואל אשכנזי'ס אלמנה. זייט איהר, חלילה, אונצופריעדען מיט אונזער בעהאַנדלונג?

סאָפיע: חלילה, נאָר איך מוז פאָהרען.

בערטאַ: אויב איהר מוזט, זאָג איך אייך, דער פּאַפּאַ האָט טאַקי פערגעסען אויף אייך אין זיין צוואה. איך וועל אָבער ניט פערגעסען. מוזט איהר ווירקליך פאָהרען?

סאָפיע: איך וועל הערען וואָס איהר וועט זאָגען. איהר האָט אַ קאָפּ כמעט ווי אַ מאַנסביל, איהר לערנט מיך און נינאַ'ן שטענדיג צו גוטען. נעהמט, למשל, ווי איך פלעג אמאָל האַלטען פון דער מאָדע. און איצט גאָר־ניט.

בערטאַ: כע! כע! מען מיינט, איך האַלט ניט פון דער מאָדע, ווייל איך האָב אַ הויקער. פערקערט, אַ גוטע מאָדיסטין האָט געוואָלט מיט אַ מאָדנעם קלייד אראָב'גנב'ענען ביי מיר אַ האַלבען האָרב... אַ האַלבען האָרב? פאַר אַ מיליאָן ניט! די מאָדע איז געשאַפען געוואָרען, מען זאָל קענען אראָב'גנב'ענען, וואָס עס איז איבריג און אריינ'גנב'ענען, וואָס עס פעהלט. מען וויל געפעהלען אָהן ליעבע, מאַכט מען זיך שעהן אָהן דער הילף פון דער נאַטור... אמת'ע ליעבע דאַרף ניט קיין מאָדע! אָבער וואָס איז אייך פּלוצלינג איינגעפאַלען?

סאָפיע: איך וויים, איך בין דאָ קיינעם ניט איבריג אין שטוב, אָבער דאַרפען דאַרף מיך קיינער ניט. אפילו מיין נינאַ דאַרף מיך ניט. בערטאַ, ע... (פערשעמט). צום דריטען מאָל חתונה האָבען, איז זעהר ניט שעהן? איך האָב אַ שוועסטער־קינד אין ניקאָלאַיעוו. ער האָט מיך ליעב געהאַט, ווען איך בין געוועזן אַ מיידעל. ער טאַרבט פשוט נאָך מיר, ער שרייבט מיר בריעף... איך בין נאָך ניט אַלט און... אַז דאָ דאַרף מיך קיינער ניט...

בערטאַ: די וואָרהייט געזאָגט, איך מיין, אַ פרוי דאַרף ניט חתונה האָבען אַזוי פיעל מאָל. דאָס ערניעדריגט אין דער פרוי דעם מענשען. און

אויסער דעם, איהר וועט איך מוזען שיידען מיט אייער קינד... נינא בלייבט אונזערע. טאַליע וועט זי ניט לאָזען פאַהרען.

סאָפיע (ערפרעהט): טאקע? אי, דאנקען גאָט! און איך ווייס גאָר ניט. דאָס הייסט?... אָי, געזונד זאָל זי זיין! הערסט א גנב? און איך האָב געמיינט, זי האָט קיין שכל ניט...

בערטאַ: איז דאָס פרעהט איך? פאַר וואָס־זשע זאָלט איהר נאָך א מאָל בעליידיגען אין איהר די געפיהלען פון א קינד? מאַכען ביליג ביי א יונגע אונשולדיגע פרוי דעם ריינעם אידעאַל פון ליעבע? נאָך וואָס דאַרפט איהר דאָס? איהר זאָרגט איך, איהר האָט איצט קיין צרות ניט? וואַרט א ביסעלע. באַלד וועלען קומען קליינינקע זיסע ברואים׳לעך. די באָבע וועט דאַרפען זיצען גאַנצע נעכט, די מאָזעלעך וועלען בייסען, די ציינדעלעך וועלען זיך שניידען. זייט רוהיג, איהר וועט האָבען צרות געגוג. (סאָפיע האָט די גאַנצע צייט צופריעדען צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. פּלוצלינג שטעהט זי אויף און געהט). וואוהין געהט איהר?

סאָפיע: איך געה איהם שרייבען, ער זאָל מיר אויפהערען דולען דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטען! (ראש אב).

בערטאַ (עפענט אַן אינערע טהיר און קוקט אריין): דאָס איז זייער שלאָפּצימער. דעם קינד׳ס בעטעלע... אי! ווי טייער! שטיל דאָרט און אין דער שטילקייט איז פערבאָרגען א טיעפע דראַמע, וועלכע וועט, חלילה, אויסברעכען אין א שרעקליכע קאַטאַסטראָפע... שש! מען געהט! (שפּרינגט אָב פון טהיר. בערנאַרד קומט).

בערנאַרד: איהר זייט דאָ, בערטאַ? וואו איז מיין פאַטער? א שאד. מיר האָבען מיט איהם ניט געענדיגט אַן אינטערעסאַנטען געשפּרעך וועגען דעם אונבעקאַנטען, השגחה, און נאָך פון די דאָזיגע זאַכען און זעלבסט־מאָרד.

בערטאַ: זעלבסטמאָרד! פרעגט מיך וועגען זעלבסטמאָרד, וועל איך אייך זאָגען: א פייגעלינג שרעקט זיך פאַר שעלכטע אומשטענדען, א בראַווער מענש קעמפּפט. א נאַר מיינט, אז ער שטאַרבט, ענדיגט זיך דאָס לעבען. א קלוגער ווייסט, אז מען פערלעשט א גראָשענע ליכטעל, ווערט די זון ניט פינסטער. א שלעכטער וויל זיך א טובה טהאָן מיט אזא חכמה ווי זעלבסט־מאָרד. אַן עהרליכער מענש דענקט פון דער רעה, פון די טרערען און שמערצען, וואָס פיעלע אַנדערע וועלען האָבען!

בערנאַרד: ווען איך הער אייערע רוהיגע קלוגע רייד, דענק איך, ווי גוט עס איז, וואָס איהר האָט ניט געליטען פון מיין לייכטזיניגע האַנדלונג, וואָס איך האָט עס ניט געאַרט. אָם וועניגסטען ווייס איך, איך האָב

געהאַנדעלט שלעכט און לייד אַליין דערפאַר. (פערדעקט דאָס געזיכט מיט זיינע הענד). בערטאַ, איך לייד זעהר שווער. (פויזע).

בערטאַ (שטיל): אַה! ווען איך זעה, ווי ער ליידט, דאַרף איך אַנווענדען אַלע מיינע קרעפטען, איך זאָל ניט צוגעהן צו איהם, ניט צודריקען איהם צו מיין בלוטענדען האַרץ און ניט בעגיסען זיין אָרימען קאָפּ מיט מיינע ביטערע טרערען. (זי געהט שטיל צו דער טהיר. מען זעהט, ווי איהר גאַנצער קערפּער וואַרפט זיך פון אַ פערשטיקטען היסטערישען געוויין. ביי דער טהיר רייסט זיך ביי איהר אונווילינ אַרויס). אַה, בערנאַרד!

בערנאַרד (ערוואַכט ווי פון שלאָף): האַ? איהר זאָגט מיר עפּעס?

בערטאַ (מיט'ן געזיכט צו טהיר): איך זאָג: איך געה אין קאָנטאָר שרייבען אַן ענטפער אין קאָמערטשעסקי באַנק. (אַב).

בערנאַרד (פאָלגט איהר נאָך מיט זיינע בליקען. נאָכדעם געהט ער און עפענט די טהיר פון שלאָפצימער): לעער דאָ, ווי אין מיין זעעלע... אידאַ איז אַזוי לאַנג שוין אַוועקגעגאַנגען שפּאַציערען אַ ביסעל אַהין, אַראָב צום מיהל... שפּאַציערען? הם! זי איז ביי איהם! נאָך וואָס נעהמט זי נאָך דאָס קינד מיט? דאָס קינד זאָל זיין אַ מאַסקע, אָדער — אפשר איז דאָס קינד...

מיליע (שרייט פון דרויסען): נינאַ! נינאַ! (לויפט אַריין). ניטאָ דאָ נינאַ? וואו איז זי דאָס? (וויל לויפען צוריק).

בערנאַרד: מיליטשקע, קום אַהער, איך האָב מיר דיר אַזוי לאַנג ניט גערעדט.

מיליע: וואָס ווילט איהר מיר זאָגען? גיכער, איך האָב קיין צייט ניט. (געהט צו צו איהם).

בערנאַרד (נעהמט זי אויף די קניע): אַ מאָל זיינען מיר געווען גוטע פריינד.

מיליע (שפּרינגט אַראָב פון זיינע קניע): מאַלע וואָס עס איז אַמאָל געווען, שוין לאַנג, לאַנג, פערצייטען...

בערנאַרד (כאַפּט איהר הענטעל): איצט זיינען מיר ניט קיין גוטע פריינד מעהר?

מיליע: ניין! איך האָב אייך ניט ליעב.

בערנאַרד: דו אויך ניט? מיליטשקע, פאַר וואָס זאָלסטו נאָך זיין שלעכט צו מיר?

מיליע: וויי... אויב איהר ווילט, וועל איך אייך זאָגען אין גאַנצען.

בערנאַרד: יאַ, יאַ, מיליטשקע, זאָג מיר אין גאַנצען.

מיליע: ווייל... איהר זייט א שלעכטער, ווייל בערטא האט זעהר פיעל געוויינט איבער אייך. (ער בלייבט ערשטוינט). איך געדענק, עס איז געווען זומער ביינאכט, ווען נינא איז צו אונז געקומען, איז בערטא זעהר שפעט געקומען שלאפען, זי האט מיך געפרעגט: מיליע, דו שלאפסט? און האט מיך געקושט און מיר דערצעהלט אלץ און געוויינט פון פרייד און געלאכט. נאכדעם, ווען איהר זייט אוועקגעפאהרען אין דעם לאנד, ווי אזוי רופט מען דאס לאנד? אינ'ם אויסענלאנד, פלעגט זי אלע נאכט רעדען מיט מיר און מיך פרעגען: ווי מיין איך, פאר וואס שרייבט איהר וועניג, און צי מארגען וועט פון אייך זיין א בריעף? און אז איהר זייט געקומען. איז זי געווען אזוי פרעהליך און האט אונז אלעמען געמאכט בלומען. (פויזע). אי! נאכדעם פלעגט זי אלע נאכט קומען און פלעגט זאגען: מיליע, דו שלאפסט ניט? קום צו מיר, איך האב ניט פאר וועמען אויסצואוויינען מיין הארץ. (וויינט). און זי פלעגט מיך ארומנעהמען שטארק און וויינען, און וויינען לאנג, לאנג, די קישען פלעגט נאס ווערען פון טרערען... אזוי אלע נאכט, אלע נאכט... און איך פלעג וויינען מיט איהר. (ער נעהט צו דער טהיר). אי, וואוהין געהט איהר? איהר ווילט דערצעהלען בערטא'ן? זי וועט זיין זעהר בייז אויף מיר.

בערנארד: ניין, קינד. איך וויל א ביסעל ארויסגעהן אויף דער פרישער לופט. (ראש אב).

מיליע: מיר דאכט זיך, איך האב זיך ארויסגעכאפט מיט א נאריש־קייט. אויב בערטא וועט זיך דערוויסען, בין איך פערפאלען מיט די ביינער. (טאליע עפענט די טהיר).

מיליע: ניין, טאליע, נינא איז ניטא.

טאליע: הערסט? היינט וואס ביסטו געבליעבען זיצען דא?

מיליע: איך האב זיך פערדערט. דו ווייסט ניט, ווייבער האבען לאנגע צינגער. (פלוצלינג מיט גרויס פרייד). אה! אט געהט רעבעקא! (אידא קומט, א ניאניע, שעהן געקליידעט, טראגט א קינד אין א רייכען מאנטעל. די ניאניע טראגט דאס קינד אין צווייטען צימער. מיליע טאנצט און שרייט). אידא, איך מעג זיך שפיעלען מיט רעבעקא'ן? אי! האו! זי לאכט! זי לאכט! (אב מיט דער ניאניע).

אידא (געווארען פיעל עלטער און סאלידער, זי נעהמט אראב איהר הוט געגען שפיעגעל): נו, וואס מאכסטו, טאליע? אנשטאט צו שטודירען אין אוניווערזיטעט, שפאציערסטו דא ארום, הא?

טאליע (סארקאסטיש): אויף וויפיעל איך געדענק, האט זיך די פרינצעסין וועניג געזארגט פאר שטודירען.

אידאַ: טאַליע, הלואי וואָלט איך מעהר געלערענט, וואָלט איך אפשר איצט געווען אַן אנדער מענש. (זיפצט).

טאַליע: ווי קען איך שטודירען דאָרט, אַז מען האָט מיך ארויסגעשיקט אהער?

אידאַ: אַ יונגער מאַן דאַרף לערנען און ניט מישען זיך אין פּאָליטישע זאכען.

טאַליע: וואָס טויג דאָס לערנען, אַז מען לאָזט דיך ניט לעבען ווי אַ מענש?

אידאַ: פאַר וואָס האָבען לואיס קאַרשונסקי'ן קיינע הינדערניסע ניט געשטערט צו לערנען און שטודירען?

טאַליע: הערר קאַרשונסקי האָט שטודירט נאָר פון זיינ'ט וועגען. ער האָט פיעל געלערענט, ער זאָל ווערען דער העברעער מענש... איך וויל לערנען, אַז קיין העברערע מענשען זאָלען ניט זיין. אַלע דאַרפען זיין גלייך! עס זיינען אָהן אונז דאָ גענוג שטודירטע עגאָאיסטען. מיוחסים און אתה בחתנו'ניקעס. (בייז אב).

אידאַ (נעהמט פון טיש אַן אַלבום): זיי זיינען אַלע פיינדליך צו איהם, ווייל זיי קענען איהם ניט פערשטעהן. יאַ: ער איז העכער פון זיי... דאָס האָט מיר לואיס אויסגעשריעבען פון אַ דייטשען בוך אין מיין אַלבום. (לעזט). „בעסער קיין זאך ניט וויסען, איידער פיעלעס האַלב וויסען. ליעבער אַ נאַר זיין נאָכ'ן אייגענעם פערשטעהן, איידער זיין אַ חכם מיט פרעמדען שכל. איך געה אויף אַ גרונד, וואָס האָרט מיך, איז דאָס זומפּף אָדער הימעל?“ יאַ, עס איז עפּעס אזוי ווי אַ נביא רעדט צו דיר אין חלום. דער נביא רעדט איינפאַך ווי אַ קינד און עס איז שווער צו פערשטעהן. דו פיהלסט, עס איז זיס און הייליג און ווייסט ניט וואָס דאָס איז. (דריי קלעפּ אין טהיר. זי דערשראָקען). ער! הערריין! (לואיס קומט, געקליידעט ניט אַלס מילנער, זיין געזיכט דריקט אויס ענטשלאָסענהייט). און איך בין געווען ביי דיר מיט'ן קינד און האָב געוואַרט, געוואַרט... צו לאַנג וואַרטען האָב איך מורא געהאַט. (שליאָמע ערשיינט אין פענסטער).

לואיס: איך מאַך מיך פערטיג צום וועג. אידאַ. איך קען ניט בייטען מיין בעשלוס. מאָרגען פאָהר איך צוריק נאָך דייטשלאַנד.

שליאָמע: דו ווילסט פאָהרען בכן איז באשר איז וואָס? (ביידע דערשרעקען זיך): האר נאָר אוים, וואָס מען וועט זאָגען אויבען. ניטאָ בערנאַרד? (קוקט אריין שטיל). די מאַדאַם אויך ניטאָ. (פערשווינדט).

אידאַ (קוקענדיג אין פענסטער): ער איז אוועק. וואָס זאָגסטו דאָס, לואיס?

לואים: איך זאג: איך קען דא ניט בלייבען מעהר! מארגען פאהר איך!

אידא: ווארום? ווארום זאלסטו דאס טהאן?

לואים: איך וואנדער דא ארום ווי א וואלף צווישען שוואכע שאף. אלע האסען און פעראכטען מיך דא, — שוואכע האסען שטענדיג דעם שטארקערען. ע! דיזע אלע אונטער־מענשען מיט זייער האס און פער־אכטונג קימערען מיך זעהר ווענינ. אידא, איך הויב אן זיך אליין פעראכטען. געגען זיך אליין האב איך געלאזט מען זאל מיך ארומפלעכטען מיט א גאנצע נעץ פון ליגען און בעטרוג. די פרוי מאכט אונז צום שוועכלינג און די ליעבע צווינגט אונז צו זיין ליגנער און פערברעכער. עס קען לענגער אזוי ניט דויערן. עס מוז נעהמען אן ענדע. איך פערלאז דעם פלאץ!

אידא (מיט א ציטערדיגער שטימע): נו, און איך, לואיס?

לואים: דו? ווילסטו בלייבען די עהרענסווירדיגע מאדאם זילבער־מאן, בלייב דא, בעשעפטיג זיך מיט פילאנטראפיע און הויזטוגענדען און וועסט נאך ווערען אויף דער עלטער א גבאי'טע. ווילסטו געהן מיט מיר? דארף מען איהם שוין אלץ ערקלערען, און מיר פאהרעןביידע.

אידא: לואיס, און וואס וועל איך טהאן דארט, אויב דו וועסט מיך אויפהערען ליעבען?

לואים: פאר וואס פרעג איך דיך ניט: וואס וועל איך טהאן, אויב דו וועסט מיך אויפהערען צו ליעבען? ליעבע איז נאר א שטימונג. מען קען זיך ניט פערפליכטען מיט א קאנטראקט צו ליעבען. מען ליעבט זאלאנג עס ליעבט זיך. דו ווייסט, איך וועל דיך אין יעדען פאל ניט פערשטויסען ווי א שורקע. נון, און וועגען דעם קינד וועל איך דאך געווים זארגען מעהר ווי פאר זיך. יא! מען מוז צוגעבען, די אלטע פארמען פון לעבען זיינען אזוי שטארק, אז מען איז אפט געצוואונגען דעם אייגענעם „איך" שטעלען אויפ'ן צווייטען פלאץ. דער איינציגער קען נאך ניט געהן מיט זיין אייגענעם וועג.

אידא: לואיס, איך פערשטעה ניט, וואס דו זאגסט! איך וויים נאר איין זאך, דו ווילסט אוועק! דו ווילסט מיך פערלאזען!

לואים: ווילסט מיט מיר? קום מיט!

אידא (פערצווייפעלט): ניין! דו ווילסט מיך פערלאזען! לואיס, איך וועל דאס ניט איבערלעבען! (כאפט זיינע ביידע הענד). זיי ניט בייז אויף מיר! זיי ניט שלעכט צו מיר! (בערנארד ערשיינט אין פענסטער). בעסער טויטע מיך! (וויינט). בעסער ערמארדע מיך! (לואיס שטעהט לאנג טיעף פערזונקען אין זיינע געדאנקען. ענדליך בעמערקט ער בערנארד'ן).

לואיס: מאדאם, אייער הערר געמאהל זעהט, וואס דא קומט פאר און וואונדערט זיך געוויס.

אידא (דערשראקען): ער! אבער וואס קימערט ער מיך יעצט... לואיס, איך וועל דא ניט בלייבען.

בערנארד (סארקאסטיש): איהר האט א טעות, איך וואונדער זיך שוין לאנג ניט מעהר! און אויב איך זעה, וואס דא קומט פאר, דארפט איהר מיך ענטשולדיגען, הערר אינזשענער. איהר האט מיך געראטען, איך זאל נאר קוקען צווישען די פינגער... איהר זייט אבער אזוי ווייט פערגאנגען, ווען איך זאל אפילו בלינד זיין, וואלט איך דאך געזעהן. ענטשולדיגט.

לואיס (רוהיג): געפינסטו ניט, עס וואלט געווען בעסער צו רעדען דערפון ניט פון יענער זייט פענסטער? (בערנארד געהט ראש און קומט דורכ'ן טהיר. לואיס פערמאכט דאס פענסטער. וועהרענד דער צייט זאגט אידא מיט פערצווייפלונג).

אידא: מיר איז איצט אלץ איינס. איך געה מיט דיר, לואיס. איך געה מיט דיר!

בערנארד: איך האף, היינט ענדליך וועלען מיר עס מאכען אין קורצען און אהן פילאזאפיע!

לואיס: ערשטענס מוזטו זיך בערוהיגען. מיר האבען צו רעדען פון א פראגע, וועלכע פאדערט איבערלעגענהייט און בעזאנענהייט. מיר זיינען אלע דריי שוין ערוואקסענע מענשען און מיר דארפען זיך בעראטען אין א פריעדליכען וועג, וואס מיר האבען צו טהאן.

בערנארד: איך האף, היינט, ענדליך, וועלען מיר עס טהאן. די ערשטע זאך — דו בלייבסט דא ניט מעהר.

לואיס: זעהר קלוג, נאר א ביסעל צו שפעט. מיינע זאכען זיינען שוין געפאקט. דא האנדעלט זיך אבער ניט נאר וועגען מיר און דיר, דא איז דא א דריטע פערזאן!

בערנארד (בייז): עס איז ניט דיין זאך צו זארגען פון דער דריטער פערזאן!

לואיס: שש! נאר ניט מיט כעס. עס איז ניט מיין און ניט דיין זאך צו זארגען פיר דער דריטער פערזאן. זי דארף זאגען: געהט זי מיט מיר, אדער זי בלייבט מיט דיר?

בערנארד: אזוי ווייט, הייסט עס, האלט עס שוין?!...

אידא (וויינענדיג): דו ביסט זעהר א גוטער, בערנארד. איך האב קיין מאל ניט פערדיענט, זאלסט מיך ליעב האבען, ווי דו האסט מיך געליעבט.

נאַט ווייסט, מיר טהוט זעהר וועה דאָס הארץ פאַר דיר. איך קען זיך אָבער ניט העלפען. געהט ער אוועק פון דאַנען, מוז איך געהן מיט איהם.

בערנאַרד: מוזט? אמאָל האָסטו געוויינט און געשוואָרען — מוזט זיין מיין פרוי!

אידאַ: וואָס האָב איך געוואוסט? איך האָב דיך ניט גענאַרט, בערנאַרד, איך האָב געמיינט ערנסט.

בערנאַרד: ביסטו זיכער, אַז דו מאַכט איצט ניט אַ צווייטען, אַן ערגערען פעהלער?

אידאַ: ביסט זעהר אַ גוטער, בערנאַרד. איך ווייס עס. אָבער וואָס קען איך מיר העלפען?

לואיס: אידאַ, איהר בערעכענט גאַנץ גוט. איך פערשפרעך אייך ניט קיין אייביגע ליעבע, קיין פערגעבונג און זעלבסט־ענטזאַגונג. זיס וועל איך געוויס ניט זיין צו אייך. וועט איהר פערדיענען פון מיר געהאַסט צו ווערען, וועל איך אייך געוויס האַסען. איך וועל ניט מאַסקירען מיינע געפיהלען, וועל ניט שפּיעלען די ראָלע פון אַ גוטען, און אויב איך וועל אויף אייך בייז ווערען, וועל איך אייך געוויס ברענען מיט מיין צאָרן.

אידאַ (ווי אין שלאָף): יאַ, גראַדע ווי דו ברענסט מיך מיט דיין ליידענשאַפט. בערנאַרד, איך קען ניט בלייבען דאָ אַליין אָהן איהם, איך וועל מוזען געהן מיט איהם. (זי וויינט).

בערנאַרד (וויל זיך מאַכען רוהיג): יאַ? טהו, ווי דו פערשטעהסט.

אידאַ: וועסט מיר אָבער מוזען געבען מיין קינד... איך וועל ניט קענען פאַהרען אָהן מיין קינד. (וויינט). אָה, מיין קינד, מיין ריבעניו!

לואיס: יעצט, אידאַ, וועט איהר זיין אַזוי גוט און אונז פערלאָזען. מיר וועלען דאָ אַליין בעשפּרעכען צווישען זיך. (פיהרט זי אין איהר צימער, פערשפּאַרט די טהיר. בערנאַרד לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל מיט אַ שווערען זיפץ). אַלזאָ, פון וואָס וועלען מיר אָנפאַנגען?

בערנאַרד: הערר אינזשענער, פאַנגט אָן, פון וואָס איהר ווילט. פאַנגט אָן פון זיך, וואָס איז דען אין דער וועלט אַזוי וויכטיג, ווי איהר אַליין? אָדער פאַנגט אָן פון אייער דאַנקבאַרקייט...

לואיס (בייז): דאַנקבאַרקייט! האָסט אַ מאָל געהאַנדעלט אַלס אַנשטענדיגער מענש, מיינסטו אפשר, איך דאַרף דיר דערפאַר זיין אַ קנעכט און פערשקלאַפען דיר מיין זעלע?

בערנאַרד (רוהיג): מיר האָבען אָבגעמאַכט, היינט זאָל עס געהן אָהן פילאָזאָפיע.

לואים: דאָס איז ניט פילאָזאָפיע, דאָס זיינען מיינע הייליגע איבער־ציינגונגען.

בערנאַרד: אַזוי? דיינע הייליגע איבערציינגונגען זאָגען, דו מעגסט גנב'ענען פרעמדעס גליק, צוברעכען יענעמס פאַמיליע, רואינירען מיין הויז, רויבען יענעמס פרוי און קינד, פערגיפטען דעם צווייטענס לעבען, צונעהמען אַלץ, וואָס דיר געפעהלט, נור פאַר זיך, פאַר דיין „איך", און מיינע איבער־ציינגונגען, מיינסטו, דאַרפען מיך צווינגען דאַנקען דיר דערפאַר און זאָגען: יישר כחם, הערר אינזשענער! פערנוצט עס געזונטערהייט און זאָל אייך וואויל בעקומען, האַ? שורקע, דיינע הייליגע איבערציינגונגען האַלט פאַר זיך און מאַך דעם אַנדערען אונגליקליך! מיינע איבערציינגונגען זאָגען מיר, אַז איך מעג שפייען אויף דיינע איבערציינגונגען! (גיט פּלוצלינג אַ שפּיי לואים'ען אין געזיכט. לואים גיט איהם אַ שטאַרקען זעץ, פון וועלכען ער פּאַלט. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד אויף ווי אַ פערווירטער און גרייפט לואים'ן אָן מיט ביידע הענד). מיינע הייליגע איבערציינגונגען זאָגען מיר. אַז איך מעג דיך צוקוועטשען, ווי אַ וואָרעם, ווי אַ שפּין! (זיי ראַנגלען זיך). דו וועסט ניט אַרויס אַ לעבעדיגער פון מיינע הענד!

לואים: נו, יאַ! אייער ליעבע פיהרט שטענדיג צום וואַהנזין און מאָרד. (זיי פאַלען ביידע איבער אַ שטוהל).

בערנאַרד: דו וועסט ניט אַרויס אַ לעבעדיגער פון מיינע הענד! (כאַפּען זיך ביידע אויף און קעמפּפען ווייטער).

לואים: שש! וועסט זי דאָרט איבערשרעקען אויף טויט. (זעצט איהם מיט געוואַלט אַנידער). האָסט מיר שוין צוקראַצט דאָס פּנים. אַ אידישע מלחמה! הער, וואָס איך וועל דיר זאָגען, אויב דו ביסט יאַ אַזוי בלוטדורשטיג, נאָך וואָס טויג דיר דער סקאַנדאַל?

בערנאַרד: איינער פון אונז מוז שטאַרבען!

לואים: יאַ, די פרוי קען בלייבען נאָר מיט דעם איינעם, וואָס וועט בלייבען לעבען. איינער פון אונז מוז אָבגערוימט ווערען פון וועג. ביי קריסטען אין אַזאַ פאַל געהט מען אַרויס אויף אַ דועל, ווער עס וועט וועמען דערשיסען.

בערנאַרד: איך בין צופריעדען צו טהאָן אַלץ, איינער פון אונז מוז שטאַרבען.

לואים: איך ווייס, דו האָסט קיין מאָל ניט געהאַלטען קיין געוועהר, איך קען דיך דערשיסען ווי אַ פליעג. הער, עס איז דאָ אַן אַנדער דועל, וועלכער רופט זיך אַמעריקאַנישער. מען וואַרפט גורל — וועמען פון אונז

דער גורל וועט זאָגן „טויט“, דער וועט זיך נעהמען דאָס לעבען, מיט וועלכען טויט ער וועט וועלען. ווי געפעהלט דיר אַזאַ אידעע?

בערנאַרד: איך בין צופריעדען צו טהאָן אַלץ! איינער פון אונז מוז שטאַרבען!

לואיס: גוט! מיר וועלען עס מאכען גאַנץ שנעל! (גאַנץ פּיאַנאָ דער טרויעריגער כאָר פון פּראָלאָג. לואיס נעהמט אַ שטיק ווייס פּאַפּיער, רייסט עס אויף פיער גלייכע שטיקעלעך). זעהסט? אויף איין צעטעל שרייב איך דאָס וואָרט „טויט“, אויף דעם אַנדערען וואָס? זאָל זיין דאָס וואָרט „ליעבע“. פערשטעהע: ווער עס נעהמט אַרויס צום ערשטען דאָס וואָרט „ליעבע“, האָט אַ רעכט אויף אידאַ'ן: ער האָט אָבער קיין רעכט ניט צו פערלאַנגען דער צווייטער זאָל ציהען „טויט“. ווער אָבער עס ציהט אַרויס צום ערשטען דאָס וואָרט „טויט“, מוז זיך אַליין ערמאָרדען. (וויקעלט צונויף אַלע פיער צעטעלעך, וואַרפט זיי אין בערנאַרד'ס הוט און דעקט צו מיט אַ טאַשענטוך). בערנאַרד, עס איז קיין קינדער־שפּיעל. איינער פון אונז שטעלט זיין לעבען אויפ'ן קאָרט. מיר מוזען געבען איינער דעם צווייטען די האַנד, אַז מיר ביידע מיינען עס עהרליך און ערנסט. (דריקען זיך די הענד). מיר וועלען יעצט אָנפאַנגען די לאָטעריע... טויט אָדער ליעבע!

בערנאַרד (זעהר אויפגערעגט, זיינע הענד ציטערען): איין מינוט... איך וויל אַ ביסעל וואַסער. (געהט צום טיש און גיסט זיך אָן וואַסער און טרינקט).

לואיס (טרייסעלט דעם הוט מיט די צעטעלעך): אַלזאָ, ווער פאַנגט אָן? דאָס איז זעהר אַ וויכטיגע פראַגע. (בערנאַרד וויל ציהען צום ערשטען. לואי לאָזט ניט).

אידאַ (פון איהר צימער, קלאַפּט אין טהיר): וואָס האָט איהר פערשפּאַרט די טהיר? (קיין ענטפער). וועה איז מיר, וואָס איז דאָרט אַזוי שטיל?

לואיס: עס איז גאָר ניט... מיר האַלטען ביים צעטלען...

אידאַ: איך הער ניט בערנאַרד'ס שטימע.

בערנאַרד: האָב געדולד נאָך איין אויגענבליק און אַלץ וועט זיין געענדיגט. (שטעקט פּלוצלונג אריין זיין האַנד אין הוט און ציהט אַרויס אַ צעטעל). אַ לאָטעריע, האַ? (צוואויקעלט מיט ציטערדיגע הענד דעם צעטעל). לעדיג! גאָר נישט!

לואיס (ציהט): נון, וואָס טראָגט מיר מיין שיקזאַל? (ביידע קוקען נייגעריג). בלאַנק? די ליעבע מיט'ן טויט ליעגען יעצט אין פאָרטונאַ'ס קאַסטען. (בערנאַרד זעצט זיך, פערדעקט זיין געזיכט און צוואויינט זיך).

לואים (שטעלט אויפ'ן טיש דעם הוט, דעקט איהם צו און זעצט זיך צוריק): וואס ווייגסטו, בערנארד?

בערנארד: איך ווייז, צו וואס מענשען קענען קומען. (פויזע. מען הערט די קירכענגלאק און טרויעריגען כאר).

לואים (ווייך): איצט קענסטו נאך חרטה האבען, אויב דו ווילסט.

בערנארד: ניין! מיר איז סיי ווי סיי גאר ניט געבליעבען אין לעבען. נאר דו ריזיקירסט, ווייל דו האסט וואס צו פערליערען...

לואים (געריהרט): בערנארד, דו ליידסט שטארק, הא?

בערנארד: יא! אבער איצט, ווען איינער פון אונז שטעהט אויפ'ן שוועל פון טויט, מוז איך דיר זאגען: דו ביסט ניט שולדיג. ווער עס איז שטארקער, איז גליקליכער.

לואים: בערנארד, געדענק מיין ווארט: איך וועל דיר איבערצייגען, אז דער שטארקערער איז ניט שטענדיג דער גליקליכער... דער שטארקערער איז נאר פרייער אין זיינע האנדלונגען. אלזא, גענוג צו זיין סענטימענטאל. וועלען מיר פארטזעצען?

בערנארד (שטעהט אויף): יא! יא! (זיינע הענד ציטערען). איצט קומט די ענדע.

לואים: פריהער האסטו געצויגען צום ערשטען, איצט ציה איך. (טרייסעלט דעם הוט). זיי רוהיג, דו ביסט שוין ארויס פון געפאהר: ציה איך „ליעבע", האב איך קיין רעכט ניט צו פאדערען דיין טויט; ציה איך „טויט", בלייבסטו דאך געוויס צופריעדען...

בערנארד (הערט ניט): יא, הפנים דער אלטער האט רעכט. עס איז דא עטוואס, אימיצער, אן אונבעקאנטער, וואס שפיעלט זיך מיט אונזער לעבען...

לואים: דומהייטען! מיט מיין לעבען קען זיך שפיעלען נאר דער ווילען, וואס איז אין דער נאטור, אדער דער ווילען, וואס איז אין מיר! קוק אהער, איך ציה. (ציהט א צעטעל און וויקעלט עס אויף לאנגזאם, בערנארד זאל ניט זעהן). שש! איך האב „טויט"! (אידא קלאפט אין טהיר). אידא, נאך איין אויגענבליק! אלץ איז שוין כמעט געענדיגט. (שטיל). עס וועט געשעהן... (די גלאק און כאר הערען זיך ניט מעהר).

בערנארד: ניין! האר אוים! וואס וועל איך געווינען דורך דיין בלוט? לואים, אויף דער גאנצער וועלט איז דא נאר איין זאך, נאר איין פאדעם, וואס קען מיך צובינדען צום לעבען. איך ווייס, אידא'ן האב איך סיי ווי סיי פערשפיעלט. איך וויל ניט, דו זאלסט שטארבען. אויב זי וויל געהן מיט דיר, וועל איך זי ניט האלטען מיט געוואלט. נאר איין זאך, איך

בעט דיך, זאָג מיר די וואָרהייט (וויספּערט): לואי, איז דאָס מיין קינד? דאמאלס האָסטו מיר געזאָגט א ליגען. יעצט זאָג דעם אמת... איך האָב פּאַקטען, וועלכע צווינגען מיך צו צווייפלען. נעהם אראָב דעם צווייפעל פון מיין אָרימען קאָפּ, און איך וועל לעבען צוליעב מיין קינד. איז דאָס קינד מיינס?

לואיס: בערנאַרד, דאָס קינד איז געווים דיינס!

בערנאַרד: דאָס אַליז, וואָס איז געוועזן, איז גאָר ניט. נאָר איך האָב א רעכט צו פאָדערען דיין טויט, און איך פאָדער עס ניט, און איך וויל עס ניט. דו הערסט? (אידא קלאַפּט ווייעדער).

לואיס: דערפאַר דאַנק איך דיר זעהר. (דריקט זיין האַנד).

בערנאַרד: דאָס קינד נעהמסטו ניט ביי מיר?

לואיס: ניין, בערנאַרד, איך נעהם גאָר ניט, וואָס בעלאַנגט צו דיר. (געהט). לעבע וואָהל! (וואַרפט א בליק אויף אידא'ס צימער. ראַש אָב).

בערנאַרד: אָה, מיינע שמערצען! מיינע שמערצען! (פערטראַכט זיך. בערטאַ קומט). ווי! זי וועט לאָזען דאָס קינד און געהן מיט איהם?

בערטאַ: די מוטער וועט ניט פערלאָזען איהר קינד.

בערנאַרד: מיין לעבען איז סיי ווי סיי פערשפּיעלט. איך וועל קיין מאָל ניט פערגעסען, וואָס זי האָט מיר געטהאָן.

בערטאַ (געהט צו צו איהם זעהר נאָהענט): זי האָט געגעבען א וואָרט צו זיין אייך טריי, און האָט ניט געהאַלטען איהר וואָרט! הערר זילבערמאַן, האָט איהר געהאַלטען אייער וואָרט, וואָס איהר האָט מיר געגעבען? זי האָט אייך פערשאַפט שמערצען? ווייסט איהר וויפיעל שמערצען איהר האָט מיר פערשאַפט? איהר האָט געוויינט? האָט ווער געצעהלט מיינע טרערען? הערר זילבערמאַן, איהר זייט אויך ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש... מיר זיינען אַלע ניט מעהר ווי מענשען. (עפענט די טהיר, בעפעהלענד). אריין! און האַנדעלט ווי א מענש! (עפענט די טהיר פון אידא'ס צימער, מאַכט מיט'ן האַנד האַלב שפּאַסענד, האַלב בעפעהלענד. ער געהט געהאָרכזאַם. ביידע אָב. דער כאָר פון די טרוימעריייען און האָפנונגען זינגט פּיאַנאָ. טאָליע און נינא קומען, האַלטען זיך פאַר די הענד. נינא איז פערוויינט).

טאָליע: דו ביסט א קלוגע און גוטע און פערשטעהסט, עס מוז אזוי זיין. (זעצט זיך אַנידער). בערוהיג זיך, נינאַטשקע, און זאָג אַליין, געפינסטו דען ניט, אז דער גובערנאַטאָר דאַרף פאַר זיין שענדליכע, אונמענשליכע טהאַט בעצאָהלען מיט זיין לעבען? נו, מוז דאָך דאָס אימיצער טהאָן. מיר זיינען אכט מענשען. מען וואַרפט גורל. ווער עס וועט דאַרפען אָפּפערען

זיין לעבען, וועט מוזען געהן. יא, דער גורל, דאָס אונבקאַנטע שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין אונזער לעבען.

נינאַ: טאָמער דו, וואָס וועל איך טהאָן? ווי וועל איך נאָכדעם לעבען אָהן דיר?

טאַליע: איך האָב דיך ליעב מעהר פון מיין לעבען. עס איז אפשר ניט שעהן פון מיר, אָבער איך האָב דיך ליעב מעהר פון בערטאַ'ן. עס איז מיר זעהר ביטער איך ביידען צו פערלאָזען. אָבער, טייערע, עס איז דאָ עטוואָס, וואָס דאַרף זיין טייערער פון מיין לעבען, פון מיין גליק, טייערער זאָגאָר פון מיין נינאַ'ן! וואָס זאָל מען טהאָן, נינאַ, אַז מען קען ניט אָהן בלוט און אָהן קרבנות קויפען די פרייהייט פון די אונגליקליכע און אונטער־דריקטע?

נינאַ: אַזוי ליעבען און דאָך געהן ריזיקירען מיט'ן לעבען?

טאַליע: עס איז דאָ אַ גרעסערע ליעבע פון אונזערע, דאָס איז די הייליגע מענשענליעבע. איך וועל פיליכט שטאַרבען, אָבער דאָס וועט פיהרען צום טריאומף פון לעבען.

נינאַ: איך וועל זיצען דאָ און וויינען און וואַרטען אויף דיר. און אויב דו, טאַליע, וועסט ניט קומען, וועל איך זיין דאָרט, ווי דו.

טאַליע: נינאַ, מען רופט מיך און איך קען דאָ בלייבען נאָר עטליכע טעג. מיר וועלען זאָגען בערטאַ'ן און מיר וועלען עס מאַכען שטיל אין דער היים צווישען אייגענע מענשען. הם! עס קען זיין, ניט נאָר די מאַמאַ, די טאָכטער וועט אויך בלייבען אַן אלמנה פון אשכנזי.

נינאַ: ניין! דאָס וועט גאָט אַליין ניט וואַגען צו טהאָן!

טאַליע: און ווידער, ווער ווייסט? אפשר ווען זאָגאָר אויף מיר וועט פאַלען דער גורל, וועט מיר געלינגען זיך רעטען, לויפען איבער'ן גרענעץ... דו וועסט קומען צו מיר אין שווייצאַריע, און מיר וועלען לעבען גליקליך.

נינאַ: ווייט און הויך ערגעץ אין די בערג פון די אַלפּען.

טאַליע (בויגט זיך צו צו איהר און זאָגט איהר עטוואָס אין אויער).

נינאַ (אומאַרמט זיין קאָפּ): יא, טייערער...(זיי בלייבען אַזוי. סאָפיע קומט שטיל. האָפנונגס־כאָר).

סאָפיע (שטיל): קינדער איז טאַקע אַ נחת צו האָבען... מיר ווילט זיך וויינען פון פרייד. (ווישט איהרע אויגען). אי! ניטאָ אויף דער וועלט קיין גרעסער גליק, ווי צו זיין אַ מאַמע! (שרה הינדע קוקט אריין אין צימער דורכ'ן טהיר).

שרה הינדע: מיינער איז דאָ גאָר ניטאָ? (נינא און טאַליע דער־שרעקען זיך).

טאַליע: אָה, די מאַמאַ און מאַדאַם הו... מאַדאַם שרה הינדע. (גיט איהר אַ שטוהל).

סאָפיע (אומאַרמט נינא'ן): און איך גאָר, האָב געמיינט, איך וועל שוין דאָס גאָר ניט דערלעבען. (שליאָמע קומט).

שליאָמע: בערנאַרד איז ווי אין וואַסער אַריין. אָה, זי איז דאָך דאָ, מיין גוליע! טאַליע, איהר זייט אַ געלערענטער מענש, טרעפט אומישנע, אדרבה, אין וועלכע פון די עשרה מכות זיינען געמיינט געוואָרען די ווייבער? צפרדע איז ווייניג. חשך איז ניט געגוג שוואַרץ, מיט שחין קראַצט מען זיך ניט אַזוי פיעל... ברודער, זיי זיינען אין מכות בכורות, וואָרום מען זאָל מיינען אַ מאַנסביל, אַ בחור, וואָלט געשטאַנען מכות בחורים.

טאַליע: אויף וויפיעל געדענק, איז בחור מיט אַ „ח" און דאָס איז מיט אַ „כ".

שליאָמע: בכן איז באשר איז וואָס, אַז עס איז מיט אַ „כ" איז דאָס אפשר אַ קליינע מכה? (אַ דיענער לויפט אַריין מיט אַ בריעף, זעהר דערשראָקען).

דיענער: גיכער! וואו איז הערר זילבערמאַן? (זאָגט עפּעס טאַליע'ן אויפ'ן אויער).

טאַליע (ערשטוינט, שטיל): געשאָסען? אויף טויט? (לויפט). בערנאַרד? וואו איז בערנאַרד? (אַלע דערשראָקען. אידאַ, בערטאַ און בערנאַרד קומען. טאַליע זאָגט איהם עפּעס אויפ'ן אויער און גיט דעם בריעף).

בערנאַרד: עס קען ניט זיין! (עפענט מיט ציטערענדע הענד דעם בריעף). איך האָב עס ניט געפאָדערט! איך האָב עס ניט געוואָלט.

אידאַ: וואָס איז געשעהן?

בערנאַרד: איך זעה ניט. איך קען ניט לעזען!

טאַליע (נעהמט דעם בריעף און לעזט): מיינע פריינדע! איך האָב שטענדיג געזאָגט: איך מוז זיין איך זעלבסט. איך האָב אָבער ניט געקענט בלייבען איך זעלבסט. דאָס וואָס איהר רופט ליעבע, האָט זיך צו טיעף איינגעוואָרצעלט אין אַלע אבטיילונגען פונ'ם מענשענ'ס לעבען און זי שטערט דעם איינציגען „איך" צו בלייבען גאַנץ פריי. זי איז שטאַרקער פונ'ם עגאָאיזם. שטאַרקער פון דער פּראַקטישער לאָגיק. זי, די ליעבע, טויטעט מיך. יא, בערנאַרד, די ליעבע, וואָרום איך האָב געצווינגען די „ליעבע", ניט דעם „טויט"... דאָ האָסטו מיין צעטעל... (גיט בערנאַרד'ן אַ שטיקעל פּאַפּיער).

בערנאַרד: דאָס וואָרט „ליעבע“! (געפינט אין הוט דעם צווייטען צעטעל). דאָס וואָרט „טויט“ איז געבליעבען!

טאַליע (לעזט): ווען איהר וועט לעזען מיינע ווערטער, וועל איך שוין ניט לעבען מעהר. (אידא וויינט שטאַרק). איך געה אין דער אייביגקייט. די נאַכט איז גאָהענט, עס זינקט שוין די זון, מיין גליק איז אוועק... דאָס גליק איז א „וייב“. ניט דאָס שטאַרקערע זיעגט, נאָר דאָס בעסערע... די ליעבע טויטעט מיך אום אַנדערע זאָלען קענען לעבען.. (בערנארד וויינט ביטער. מיליע קומט, מיט איהר די ניאַניע מיט'ן קינד).

אידאַ: וואו איז ער? לאָזט מיך צו איהם!... (זי איז שרעקליך פערצווייפעלט).

מיליע: אידא, דאָס קינד וויינט, עס וויל עסען...

בערטאַ (גיט אידא'ן דאָס קינד): איינער איז טויט און דער צווייטער פאַנגט אָן צו לעבען. דער טויט פון איינעם רייסט ניט איבער דאָס לעבען פון אלע... דער טויט איז אַן אָנפאַנג פון א נייעם לעבען... ליעבע איז שטאַרקער פון טויט...

אידאַ (דריקט צו זיך דאָס קינד און וויינט ביטער): מיין קינד! מיין אָרים קינד! (די טרוימעריעזן און האָפנונגען זינגען פאַרטאַ. מען זעהט זיי אלע ווי דורך א נעבעל. בערנאַרד און טאַליע ווייזען, אז מען דארף געהן צום טויטען).

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם).

אָהן אַ היים
אַ דראַמאַ אין פיער אַקטען

OHN A HEIM:
Copyright, 1911, by the Estate of Jacob M. Gordin.
The right to produce in Yiddish belongs to Jacob P. Adler.
All other rights belong to the Estate of Jacob M. Gordin.

פערזאָנען

(און די אַרטיסטען, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען ביי דער ערסטער אויפפיהרונג).

ר׳ יעקב אלחנן, — א יאהר 70 אַלט.....................שאַפּיראָ
אייבי (אַברהם) ריבקין, זיין איידעם, אַ קאַטער און דעזיינער, — אַ יאהר 30 אַלט...................................י. פּ. אַדלער
בת־שבע, זיין פרוי, ר׳ יעקב אלחנן׳ס טאָכטער, — אַ יאָהר 30 אַלט מאַדאַם ס. אַדלער
הערריִ (הענעך), זייער זוהן, — אַ יאָהר 12 אַלט..........בעלאַ בעקער
בעסי שטיינבערג, נוירס און מאַסאַזשיסטקע, — אַ יאָהר 28 אַלט מאַדאַם ווילענסקי
פיליפּ וויים, אַ סיגאַר־מייקער, — אַ יאָהר 40 אַלט.......מ. מאָשקאָוויטש
לינאַ, זיין פרוי, — אַ יאָהר 8—37 אַלט............מאַדאַם גרינבערג
מורהעיִ, זייער זוהן, — אַ יאָהר 18 אַלט.............ע. ראָזענשטיין
מרס. העמילטאָן, די לענדליידי פון הויז, — אַ יאָהר 50 אַלט..מאַדאַם גאָלד

אַ דאָקטאָר, פּאָליסלייט, שכנים.

עס קומט פאָר אין ניו יאָרק.

ערשטער אַקט.

(ביי ריבקין׳ען. אַן עס־צימער צוזאַמען מיט אַ קיך. ביליגע מעבעל, אָבער נייע. אַלעס אין צימער ריין און אין אַ מערקווירדיגער אָרדנונג. אין אויווען פייער, — עטליכע צוגעדעקטע טעפּ און פאַנען אויפ׳ן אויווען. אויפ׳ן פלאָר עטליכע ראָגס. אין מיטען שטוב אַ קיילעכדיגער טיש, צוגעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך. אַרום טיש ביינקלעך. נעבען יעדער שטול — טעלער, גאָפּעל און מעסער. אין אַ ברויט־קאָרב — אָנגעשניטענע ברויט. זאַלץ און פּעפּער. ביי אַ וואַנד אַ קליין טישעלע, נעבען וועלכען ר׳ יעקב אלחנן זיצט מיט אַן אָפענעם ספר. נעבען איהם פּאַפּיער און אַ בליישטיפט. ער רעכענט און קוקט אין ספר אַריין, פערטיעפט. זיין שפּיציגע, אַן אַ זייט פערדרעהטע בערדעל און די לאַנגע, ווייכע האָר פון זיין קאָפּ זיינען וויים־גרויע. ער טראָגט אַ יאַרמולקע; ברילען מיט זעהר גרויסע גלעזער, וועלכע ער האַלט אָדער זעהר ניעדריג אויפ׳ן נאָז, אָדער גאָר אויפ׳ן שטערען).

ר׳ יעקב אלחנן (נאָך אַ לאַנגער פּויזע, ענטציקט): עס קומט אויס ריכטיג! הפלא ופלא! הפלא ופלא! „ב“ איז צוויי יאהר, „צ“ איז 90 יאָהר, „ר“, איז צוויי־הונדערט יאָהר, „ו“ איז זעקס יאָהר און „ת“ איז 400 יאָהר.

העררי (קלאַפּט אין טהיר פון דרויסען און שרייט): זיידע, אָפּען דהי דאָר, האָררי־אָפּ!

ר׳ יעקב אלחנן: באַלד. (רעכענט). הייסט עס „ת“ איז 400 יאָהר.

העררי: דזשי! איך קען ניט וואַרטען 400 יאָהר. עפּען גיכער!

ר׳ יעקב אלחנן (געהט עפענען): אַי! שטענדיג רייסט ער מיר איבער פּונקט אין מיטען. (העררי אַריין מיט גרויס אימפּעט). שרץ, דו זאָלסט קומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, וואָלט איך דאָך שוין אַלץ געהאַט שוואַרץ אויף וויים די אַלע ספירות, מיט די מספרים, מיט די גמטריאות. אַי! איבערגעריסען פּונקט אין מיטען. (זעצט זיך צוריק און רעכענט).

העררי: עס ליעגט מיר אין דער פּאה! און איך האָב מורא געהאַט, אפשר איז שוין דער פּאַפּאַ געקומען צום סאַפּער. וואו זיינען מיינע סקול־בוקס? (נעהמט ביכער און זעצט זיך צום טיש). דזשי! איך בין געשפּרונגען איבער צוויי טרעפּ מיט אַמאָל. (ווישט דעם שוויים). דער פּאַפּאַ דאַרף מיינען, אַז איך זיץ אין דער היים. (מאַכט זיינע לעסאָנס).

ר׳ יעקב אלחנן: וואו איז דיין היים? די סטריט. וואו איז דיין ישיבה, דיין בית המדרש? די סטריט. האר אוים, אם ירצה השם אין א גיכער שעה, במהרה בימינו, וועלען מיר זיך אלע אומקעהרען אהיים, אין אונזער אמת׳ן אידישען היים, אין אונזער הייליגען לאנד. דארט וועט יעדער איד זיצען אין זיין היים, אונטער זיין טייטעל־בוים און זיינע קינדער וועלען זיצען אין די בתי־כנסיות און בתי־מדרשים. נאך אמאל. ווי פיעל בעטרעפט עם? תרס״ז לפ״ק? (רעכענט).

הערריי (פאר זיך): אה, שאראפ, לפ״ק! (מאכט זיינע לעסאנם). שעהנע ביזנעס קען מען מאכען, זיצענדיג אין דער היים.

ר׳ יעקב אלחנן: יעדעס ווארט פון אונזער הייליגער שפראך האט א מספר. צעהלען איז ספירה. די אומות העולם רופען דאס ספערע... דער קרייז ארום יעדען ווארט איז א צאהל, א מספר. אין מספר ליעגט די בעדיי־טונג... הענעך, ניט לאנג איז געבליבען צו זיין אין גלות... הא? גלות. „ג״, „ל״, „ו״, „ת״ — עס בעטרעפט 439... פונקט אזוי פיעל ווי... ווי אבלות... אי! אי! אי! הפלא ופלא!... (פערטראכט זיך). יא. הענעך, אלץ בעווייזט, אז מיר וועלען זעהר גיך, אם ירצה השם, במהרה בימינו...

הערריי: אלל־ראיט, אי עס נאט אין א האררי!.... (נעהמט פון זיין קעשענע קליינגעלד און צעהלט). דער פאפא איז קיין מאל ניטא אין דער היים, ווייסט ער ניט. אז איך כאפ זיך ארוים יעדען טאג פעדלען מיט פייפערס... פריהער איבערצעהלען דאס קליינגעלד און נאכדעם צעהלען דאס גרויסע געלד. א, דזשי! (צעהלט).

ר׳ יעקב אלחנן: פריהער איבערצעהלען דעם מספר פון תרס״ז און נאכדעם פון תרצ״ח לפ״ק. (רעכענט).

הערריי: ווען דאס זאל זיין געלד, ניט קיין פענים. (א פייף. מען קלאפט אין טהיר). אהא! ראקאפעלער! (לויפט, עפענט די טהיר מיט א שמחה, מוררעי קומט). העללא, ראקאפעלער!

מוררעי: העללא, ביינקער! (קוקט אויפ׳ן אויוועז, שמעקט מיט דער נאז). אה, עס שמעקט ביי אייך גוט. ביי אונז געהט פון אויוועז קיין מאל ניט אזא ריח. ביי אונז איז פלעין אפ ענד דאון...

הערריי: די מאמא מאכט שטענדיג גוטע זאכען פאר׳ן פאפא, צום סאפער... מיין מאמא טהוט אלץ צו פליזען דעם פאפא.

מוררעי: יא, זי איז נאך א גרינע. דערפאר טהוט מיין מאמא פונקט אלץ פערקערט. פלעין אפ ענד דאון.

ר׳ יעקב אלחנן: אי! אי! אי! הפלא ופלא... 400 איז „ת״.

מורדעי: הו איז ע טאף? סעי, ביינקער, דער אלטער איז קרייזי, פלעין אפ ענד דאון.

הערדי: א, שאראפ!

מורדעי: וואס צעהלט ער, דער משוגענער?

הערדי: ער צעהלט, ווען משיח וועט קומען?

מורדעי: און דו צעהלסט געלד! ווי געהען די ביזנעס?

הערדי: היינט פערקויפט נאר 28 פייפערס און האב דאך פערדיענט 19 סענט. פערשטעהסט? צוויי פייפערס איבריגע האב איך אריינגעכאפט ביים צעהלען; איין פייפער האב איך פערקויפט א נעכטיגען, אן אלטען, וואס קאסט מיך גאר ניט, און א סענט האב איך ניט דערגעבען, ווען איך האב געגעבען טשיינדזש פון א דאים.

מורדעי: ביינקער, ביסט א ביזנעס־מאן, פלעין אפ ענד דאון. ווילסט רויכערען א סיגארעט? (פעררויכערט. הערדי קוקט אויפ'ן אלטען און שאקעלט מיט'ן קאפ). ביינקער, וויפיעל „מזומנים" האסטו? איך בין יעצט געבראכען... דו ווייסט דאך, איך גיב דיר אב מיט פראצענט.

הערדי: ראקאפעלער, איך האב אין קאינס 63 סענט און אין בילס האב איך איין דאלאר.

מורדעי: ביי דזשא, איך דארף האבען אלץ אין גאנצען.

הערדי: אין גאנצען? דזשי! א מענש קען ניט בלייבען אהן געלד — איך נעהם מיר אראב דריי סענט, איך גיב דיר א דאלאר מיט זעכציג, ועסטו מיר שוין מיט פראצענט געבען צוויי דאלאר מיט א קוואדער. אלל־ ראיט? ? גיב אהער דיין רינג, קריגסטו דאס געלד. ווייסט דאך, אהן א סעקיוריטע האב איך פיינט צו בארגען... און אויך...

מורדעי: אלל ראיט. קאט איט אוט. (גיט איהם א רינג פון זיין פינגער. הערדי בעהאלט איהם און גיט איהם דאס געלד). נישקשה, ווען ראקאפעלער האט אנגעפאנגען ביזנעס, איז ער ניט געווען רייכער פון מיר... ביינקער, שוין זייט עטליכע מאנאטען האב איך א סקים... מען קען מאכען א פארטשון... איך וועט, דיר וועט עס געפעלען...

הערדי: איך וויים ניט... ווער געהט עס אין ביזנעס בלינד?

מורדעי: ביינקער, דיר וועט געווים געפעלען איך וועט א קוואדער געגען דיינע דריי סענט. (שטעקט זיין האנד אין קעשענע). קאם אן! 25 געגען דיינע דריי, שש! (זאגט שטיל). די לענדליידי... אויסלעשען אין האל די געז... זי קומט שטענדיג ביינאכט... אויסגעריסען דעם סעטשעל און לויף... איך קום אנטקעגען און האלט זי צו... פלעין אפ ענד דאון... (ערקלערט איהם עפעס שטיל)

ר׳ יעקב אלחנן: ובזכותי זה ובא לציון גואל... אזוי איז די גמטריא... הפלא ופלא!

העררי (דערשראָקען, פערבייסט א ליפּ): אָה, דזשי! איך האָב מורא.

מוררעי: קאַט איט אוט... (א גערויש).

העררי: שש! איך הער די מאַמאַ קומט.

מוררעי (דראָהט): ביינקער, אויב דו דערצעהלסט דעם סעקרעט ביסטו קאַפּוט מיט די ביינער. פלעין אפּ ענד דאון. (מען קלאַפּט אין טהיר).

הערריי: אָה, דזשי! פאר ווענען האלסטו מיך? יו פול! מאַמאַ, קאָם אין.

בת־שבע (אונטער׳ן טהיר, פרעהליך): נו, יא, קאָם אין! נארעלע, איך קען ניט עפענען די טהיר. איך בין אָנגעלאָדען ביז איבער די האָלאָבלעס.

(העררי עפענט, בת־שבע קומט; זי טראָגט א קאַשעק, פול מיט געשיר, א פעקעל מיט סחורה, צוויי נייע טעפּ, א פאַן, א נייעם ריב־אייזען, א אידישע צייטונג, א פלעשעל מיט מעדיצין. צוויי קליינע פאַפּיערענע פּאַלמען אין פאַפּיערענע טעפּ. זי קומט אָהן א העט, נאָר א געפלאָכטענע ווארימע שאַל אויף די פּלייצעס).

אָט בין איך מיט׳ן גאַנצען קרערענצעל! קוים דערשלעפּט... אָנגעהאַנדעלט א בארג מיט מציאות. מוזיקעל מיינער, ביסט שטאַרק הונגעריג? חלש׳ט נעבעך דאָס הערצעלע? הא? דער פּאפּא וועט באלד קומען און מיר וועלען עסען א גוטען סאַפּערעל... (דריקט איהם צו צו זיך): אַי, געוואַלד! געוואלד! וואו נעהמט מען אַזעלכע קינדער! אזעלכע קינדער! (דערזעהט מוררעי׳ן). אָה. ביסט דאָ? ווייסט דאָך, איך האָב דיך ליעב פון דער וויטען... וואָלסט ביי מיר געווען זעהר אָן אנגעלעגטער גאַפּט, ווען דו וואָלסט בעסער געזעסען ביי זיך אין דער היים...

ר׳ יעקב אלחנן (רעכענט): ריכטיג! ריכטיג! ובזכותי זה ובא לציון גואל. אמן, אמן! אַי, אַי, אַי!

מוררעי: וואו האָט א הונד א היים? מעדעם, קאַט איט אוט... אונזער היים איז ערגער פון א פּריזאָן... קאַלט, ניט געקאָכט, די שטוב ניט גערוימט, די בעטען ניט געמאַכט. די מאַמע באַמעלט ארום און אַלץ שטעהט מיט׳ן קאָפּ אראָב און מיט די פיס ארויף, פלעין אפּ ענד דאון.

בת־שבע: איך האָב מורא, דו לערנסט מיין הערריי, דער רוח ווייסט וואָס. זאָג אַליין, וואָס פאר א חבר ביסטו מיט איהם? קיין תפילין לעגסטו ניט, אין שול געהסטו ניט. ער איז נאָך א קינד און דו ביסט, קיין עין הרע, א גרויסער לויפער.

מוררעי: אַי בעט יו ע דאָלאר געגען דיינע צעהן סענט, אז איך האָב

איהם גאָר ניט געלערענט. הער! קאָם אַן! (שלעפּט אַ דאָלאַר פון קעשענע). אַ דאָלאַר געגען צעהן סענט. ביינקער, זאָג איך אפשר אַ ליגען? מעדעם, איך בין אַ דזשענטלמען, פלעין אָפּ ענד דאַון. (פּעררויכערט אַ פּאַפּיראָס, אַ ווינק צו הערריןן. אב).

בת־שבע (נעהמט אַלעס פון קאַשעק, קרימט איהם נאָך): אַ דזשענטל־מאַן, פלעין אָפּ און דאַון...

ר׳ יעקב אלחנן: בת־שבע, איך האָב דאָס!

בת־שבע: טאַקע?

ר׳ יעקב אלחנן: עס איז דאָ שוואַרץ אויף ווייס. יאָ, פּונקט 31 יאָהר איז געבליעבען צו וואַרטען. איצט האָבען מיר תרס״ז... און פון תרס״ז ביז תרצ״ח איז 31 יאָהר. „לא" — ניין, בעטרעפט טאַקע 31, האָבען מיר אָבער אַן אַלמעכטיגען גאָט, אל שדי, און אל בעטרעפט אויך 31. הייסט עס געבליעבען צו וואַרטען 31 יאָהר.

בת־שבע: 31? הלואי רבונו של עולם! טאַטע, זעה בעסער, וואָס איך האָב אָנגעקויפט... אָקערשט וואָס מען זעהט ניט, איז דאָך שוין פּסח...

ר׳ יעקב אלחנן (פאַר זיך): פּסח... פּ—ס—ח — 148, פּונקט ווי קמח, אָדער מקח...

בת־שבע: איהר זעהט, גנבים, דאָס איז אַ זאַלץ־פאַס, דאָס איז אַ צוקערניצע, דאָס איז אַ כריינניצע, דאָס, אַ חרוסת׳ניצע, און דאָס איז אָב־צוגיסען די עשרה מכות. מחשבות׳ן, דאָס וועלען מיר שוין זיין דעם דריטען פּסח אין אַמעריקאַ. עס פליהען די יאָהרען! איהר זעהט, חברה, די סקאָוורעדע? דאָס איז צו פּרעגלען לאַטקעס.

העררי: אָה, דזשי! אַי לאַיק דהעם — לאַטקעס.. .

בת־שבע: האָסט ליעב לאַטקעס, גנב דו? (שטיפענדיג, דריקט זי צו זיך העררי׳ס קאָפּ). אַי! אַי! וואו נעהמט מען אַזעלכע קינדער! גוואַלד! גוואַלד! אבער, ווייסע חברה׳ניקעס מיינע, וואָס וועט דער פּאַפּאַ זאָגען? ער האַלט דאָך ניט פון אַזעלכע זאַכען. דעם ערשטען פּסח זיינען מיר נאָך געווען געסט ביי איהם. ער האָט טאַקע, שוין דאַמאָלס אויך געלאַכט פון אונז, אבער ער איז דאָך געזעסען מיט אונז ביים סדר. ער האָט נאָר ניט געוואָלט, העררי זאָל פרעגען ביי איהם די פיער קשיות. (זי פּעררטראַכט זיך).

העררי: דזשי! איך האָב דאַמאָלס אויך געוויינט. איך האָב געלערענט מיט׳ן זיידען די קשיות אויפ׳ן שיף און דער פּאַפּאַ וויל ניט הערען. (שטיל). איך בין דאַן נאָך געווען אַ פּול, אַ גרינהאָרן...

ר׳ יעקב אלחנן: חמץ בעטרעפט פּונקט אַזוי פיעל ווי צמח — 138... אַז דער חמץ פון גלות וועט אַוועק, וועט קומען משיח, וועלכער רופט זיך

צמח דוד... הפלא ופלא! אין יעדען ווארט ליעגט א מספר מיט א געדאנק....

בת־שבע (צושטעלט די געפעס): דעם צווייטען פסח האט ער זיך געבלאזען, געזעסען ביים סדר אהן א היטעל, און, ניט פאר קיין אידישע טאכטער געדאכט, איך האב געהאט א ברוגז'דיגען מלך... וואס וועט ער איצט זאגען? טאטע, איך האב בעשטעלט 30 פונט מצה. ווי מיינסטו, עס וועט זיין גענוג?

ר' יעקב אלחנן (הערט ניט): דער גרעסטער חידוש איז, וואס עס איז פונקט בגמטריא „ובזכות זה ובא לציון גואל". הפלא ופלא! אין בית המדרש וועט די גאנצע וועלט פון דעם נתפעל ווערען. אי! אי! אי! (שטעהט אויף און הויבט אן איילענדיג אנציהען אויף זיך זיין אלטען אויבערראק).

בת־שבע (זעהר בעשעפטיגט מיט איהרע פאקופקעס, זינגט זיך שטיל א ליעדעלע): פריהער בעהאלטען מיין מעדריצין, מיין אייבי לאכט דאך פון דעם, וואס איך קוריר זיך. (שטעלט די פלאש מעדריצין אין קלאזעט, אין א ווינקעל). טאטע, וואוהין? מיר געהען דאך באלד עסען...

ר' יעקב אלחנן: עסען? א וויכטיגע זאך. איך געה אין בית המדרש דאווענען מנחה און מעריב. הענעך, קום אויך מנחה דאווענען. מנחה? (ער צעהלט). „מ" „נ" „ח" „ה"...

הערשי: דזשי! מנחה! (בעטראכט זיך). אה, יעס, אלל־ראיט. איך וועל געהן מיט'ן זיידען.

בת־שבע: מורזיקעל, דער פאפא וועט אפשר זיין בייז, וואס דו ביסט ניטא אין דער היים, נאר אויב דו ווילסט דאווענען מנחה מיט'ן זיידעניו — געה געזונדערהייט... זיי, מיין קינד, כאטש א שטיקעלע איד. ביסטו ניט הונגעריג, גרויסער זוהן מיינער?

הערשי: ניין, מאמע. (שטיל) דזשי! ער וועט דאווענען און איך וועל שפיעלען אין קרעפס... אי בעט יו, אין א האלבע שטונדע מאך איך פון מיינע דריי סענט, גאנצע צעהן.

בת־שבע (העלפט הערשי'ן אנטהאן זיך): דארט, אין דער היים, האבען מיר געהאפט, דו וועסט אויסוואקסען א שעהנער איד, א למדן. ביי אונז אלע, זאגאר ביי דיין פאפא, איז געווען א גרויסער, הייליגער יום טוב, ווען דו האסט, אין א גוטער שעה, אנגעהויבען געהן אין חדר. (זיפצט) דיין פאפא איז דאך געווען אן אנדערער.

ר' יעקב אלחנן: חדר בעטרעפט 212 און רבי בעטרעפט 212... (טראכט) אי! אי! אי! ווי עס איז צוזאמענגעפלאכטען איינס מיט'ן אנדערען.

הערשי: וואס איז די דיפערענס? איך לערען דען דא ניט אין סקול?

בת־שבע: נאר דו! דאָרט איז דאָס לערנען אַ שמחה, אַ מצוה, אַ פרייד, אַ נחת, און דאָ איז דאָס אַ וואָכעדיגע זאַך. מען דאַרף לעגען דעם גאַרבעדזש בעזונדער און דאָס אַש בעזונדער... און מען דאַרף גיין אין סקול...

הערריי: אָה, שאַראַפּ! גרינהאָרן, קען מען פערגלייכען אַ רוסישען חדר מיט אַן אַמעריקען סקול?

ר' יעקב אלחנן: יאָ, אין ספר דניאל. וואָס דען, ניין? איך האָב פריהער געוואוסט, אַז עס מוז שטעהן אין ספר דניאל. קום, שרינ, דו געהסט? איצט איז ריכטיג. פּונקט אין תרצ"ח לפּק... (ביידע אב).

בת־שבע: פּונקט אין תרצ"ח לפּק! (טהוט אָן אַ פאַרטוך זינגט און אַרבייט). וואו שטעלט מען די בלומען? אויפ'ן טיש? (שטעלט אויפ'ן טיש). ניין, דאָס וועט איהם ניט געפעלען. שטעלען אויין פּאַלמע דאָ... אָט אַזוי... (זינגט) און די אַנדערע אַהער. אַיאָ שעהן? אַקוראַט ווי אמת'ע לעבעדיגע בלומען. אַי! וואָס, דאַכט זיך, טהו איך ניט, די היים זאָל אויסווייזען שעהנער און ער... (אַ גערויש). מיר דאַכט זיך ער געהט. (לויפט צום שפּיעגעל און ברענגט איהרע האָר אין אָרדנונג. מען קלאַפּט). ווער איז דאָס? קאָם אין. (פיליפּ וויים עפענט די טהיר, אַ ניעדריגער אידעל, מיט אַ שיטערע, ווייסע, קורץ־געשאָרענע, שפּיציגע בערדעל, מיט אַ צושראָקענעם בליק און זעהר לאַנגזאַמע בעוועגונגען. רעדט זעהר לאַנגזאַם). אָה, מר. פיליפּ, מר. וויים מיין איך. קומט אריין!

פיליפּ: טראָבעלט אייך ניט, אַ דאַנק. איך האָב נור געוואָלט פרעגען, איז, איף יו פּליז, מיין לינא דאָ געוועזען? איך בין געקומען פון פעקטאָרי און, עסקיוז מי, איך וויל עסען. (שמעקט מיט'ן נאָז). אַך, ווי אייער סאַפּער שמעקט גוט!...

בת־שבע: איך האָב געמאַכט אַ סאַפּער די פינגער צו לעקען. אַ יויך ווי פּאַר אַ קינפּעטאָרין. קנישעקלעך מיט געהאַקטע לונגען און אונטער־געפרעגעלטע ציבעלע. אַ גוטען פעטען ראָסעל־פליייש מיט אונטערגעברוינטע קאַרטאָפליעס. הלואי זאָל ער נאָר עסען געזונדערהייט. זיצט, מר. פיליפּ. מר. וויים, מיין איך... (ער זעצט זיך).

פיליפּ: טראָבעלט אייך ניט, אַ דאַנק. איך געדענק שוין אליין ניט, ווען איך האָב געגעסען סופּ. מיין לינא פּוילט זיך, עסקיוז מי, זי פּוילט זיך ניט... עס הייסט, זי האַלט ניט דערפון...

בת־שבע: איך האַלט דערפון. עס איז אַ נחת, אַז מען זעצט זיך צום טיש און מען עסט אריין אין ביידע באַקען אריין. פון שיסעל געהט אַ פּאַרע און חברה זיצען ביים טיש מיט פרעהליכע פּנים'ער און מען האַקט אריין. דו דערלאַנגסט צום טיש און פּיהלסט, אַז דיין טרחה איז אָנגעלעגט.

און ווער עס קומט אריין, זעהט און פיהלט, עס איז אַ היים... און וואָס איז אַ היים אין אַמעריקא? דער מאַן זיצט אין אַ רעסטאָראַן, די קינדער לויפען אום אין סטריט און דאָס ווייב שפּאַציערט אום מיט אַ קהל׳שע זאַך...

פּיליפּ: איף יו פּליז, מיין ווייב שפּאַציערט טאַקע אַרום מיט אַ קהל׳שע זאַך... גאַנץ איינפאַך, אַ געבילדעטע פרוי... אַבער איך? אַי בעג יור פּאַרדאַן, איך וואָלט אַ גוטען וואַרעמעס געגעסען מיט די אויגען...

בת־שבע: און דוקא ביי מיר איז ניטאָ, ווער עס זאָל אַריינעסען. דער טאַטע, זאָל לעבען, פאַסט אַלע מאָנטאג און דאָנערשטאג, אַלע ערב ראש חודש, אַלע תעניתים פון לוח, און גלאַט אַזוי — ער פאַסט אַ האַלב יאָהר. און אַז ער עסט שוין — עסט ער ווי אַ מענש וואָס ליעגט אין הימעל־פּלעט. מיינער, זאָל לעבען, האַלט אויך ניט פון דער אכילה. איז ער הונגעריג — שטאָפּט ער אָן די קישקע מיט אַבי־וואָס, זיצט ביים טיש ווי אַ מת און עסט ווי אויף־צו־כלומרשט... (עס ווערט דונקעל).

פּיליפּ (שטעהט אויף): עקסקיוז מי, איך מוז געהן אין רעסטאָראַן עסען. איך ווייס ניט, וואו מיין באַי איז... וואו מיין לינא איז...

בת־שבע: אייער זוהן איז דאָ געווען — האָב איך איהם געהייסען נעהמען דעם וועג, פּלעין אַפּ ענד דאַון...

פּיליפּ: איהר וועט מיר גלויבען? איך בין געקומען צו לויפען, עקסקיוז מי, זעהר אַ הונגעריגער, איך הויב אָן זוכען — קיין ברויט ניטאָ, קיין ריינער טעלער ניטאָ. אויפ׳ן גאַז־אויווען שטעהט אַ שטיקעל קאַלטער סטייק, האָב איך אָבער געזעהן, איף יו פּליז, די קאַץ האָט זיך אַרום דעם געפּאָרעט... וועלל, מיין לינא האַלט ניט דערפון. גוד באַי, מרס. ריבקין, גוד באַי!

בת־שבע: אין דער היים ביי אונז, אַ הונגעריגער מענש, אַ שכן בעט מען עסען... אַן אורח צום טיש איז זעהר שעהן. דאָ אָבער עסט יעדער בעזונדער, פאַר זיך אַליין.

פּיליפּ: טראָבעלט אייך ניט, אַ דאַנק... בעהיטע גאָט, אַ דאַנק. (אב).

בת־שבע: טראָבעלט אייך ניט, אַ דאַנק... בעהיטע גאָט. זאָל ער שומר ומציל זיין! (אַרבייט און זינגט). אַ וועלטעל! ער איז צו זיין לינא אדרבא ואדרבא, איז זי צו איהם קידער־ווידער... איך וואָלט מיינעם, דאַכט זיך, די נשמה אַוועקגעגעבען... אָי! אַ גרויסע מציאה איז אַ נשמה אין אַמעריקא!... אומעטיג דאָ! (פערטראַכט זיך). לכל הפחות, ווען איך זאָל האָבען אַ קלייניקס, אַ פּיצינקס... (הויבט אָן מאַכען פון איהר פאַרטוך אַ ליאַלקע. אַ געוויש). אָי, ער געהט! (זי ווישט דעם פּנים מיט׳ן פאַרטוך). איך ווייס ניט פאַר וואָס, אַז ער קומט, ווייז איך אויס נאָך אַ סך נאַרישער,

ווי איך בין. אַנצינדען דעם גאז... (צינדט אָן אויף גיך דעם גאז. מען קלאַפּט) קאָן אין! (זי לויפט עפענען. אייבי קומט. א שעהנער, שטאַר־קער מענש. רעדט און האַלט זיך געלאַסען און מיט אויטאָריטעט).

אייבי (קאַלט און רוהיג): העללאָ.

בת־שבע (פריינדליך): העללאָ, אייבי. פאַרוואָס עפּעס אַזוי שפּעט? האָסט געאַרבייט „נאָווערטיים"?

אייבי (רוהיג): שוין געאַרבייט אָווערטיים? אַזוי גיך?

בת־שבע: איך האָב געפרעגט גלאַט אַזוי... איך האָב ניט געהאַט וואָס צו זאָגען.

אייבי (טהוט אויס זיין ראָק): און מען דאַרף זאָגען ניט „נאָווער־טיים", נאָר אָווערטיים... אָווער, הייסט — איבער, טיים — צייט; איבער דער צייט.

בת־שבע: אָה! אָווערטיים? איצט וועל איך וויסען, וועסט זיך וואַשען? אָט איז אַ האַנדטוך, זייף. (גיט א ריינעם האַנדטוך, זייף. ער וואַשט זיך ביים סינק). ביסט זעהר הונגעריג? מיר געהען שוין עסען סאַפּער.

אייבי: וואו איז הערדי? לויפט אום, הא?

בת־שבע: ער איז געזעסען אין שטוב די גאַנצע צייט. איצט ערשט... ע... געגאַנגען מיט'ן זיידען דאַווענען מנחה...

אייבי: מנחה? נו, יא... (וויל עפּעס זאָגען, זי שלאָגט איבער).

בת־שבע: אייבי, דו זעהסט די פּאַלמען? איאָ, אַקוראַט ווי לעבעדיגע?

אייבי: א שיינדעל! אַקוראַט ווי אין א סאַלון.

בת־שבע: ניט שעהן, אייבי? אויב דיר געפעהלט ניט, קען איך זיי אָבגעבען צוריק.

אייבי: אויב דיר געפעהלט, וואָס האַרט עס מיך? דאָס איך דאָך דיין היים. (ווישט זיך און פערקעמט זיך).

בת־שבע: אייבי, איך האָב דיר געקויפט צוויי אויבערשטע העמדער, זעהסט? איך האָב אויסגעקליבען די שעהנסטע... דאָך אידען, עס געהט יום טוב, פּסח...

אייבי: ביי מיר איז פּסח קיין יום טוב ניט... ביי מיר איז יום טוב, ווען איך פיהל גוט. דו קויף בעסער דעם טאַטען דיינעם א נייעם קאָסטיום — ביי איהם איז יום טוב. קויף זיך עטוואָס. פאַר הערדי'ן און פאַר זיך וועל איך אַליין קויפען וואָס מען דאַרף. (שטיל). העמדער מיט גרינע קווייטען — שעהנע העמדער!...

בת־שבע (זיפצט, ער זאָל ניט בעמערקען): זאָל איך דערלאַנגען צום טיש? (קעהרט זיך אָב). אַי, דאָס הארץ, דאָס הארץ! ווי ער קומט, הויבט מיך אָן צו דריקען. דאַכט זיך, ער בעליידיגט מיך ניט און דאָך...

אייבי: איך וועל היינט ניט עסען אין דער היים. בין געקומען נאָר איבערטהאָן זיך און מוז שוין געהן. איך וועל שוין עפּעס איבערכאַפּען ביי בוציק'ן אין רעסטאָראַן, וואו איך דארף בעגעגענען א מענשען. יא, אָט איז מיינע וויידזשעס. די וואָך האָב איך פערדיענט 22 דאָלאַר.

בת־שבע: קיין עין־הרע.

אייבי: איך נעהם מיר צוויי דאָלאַר אויף מיינע עקספּענסעס. וועסטו האָבען גענוג? הייגטיגע וואָך, דאַכט זיך דארף מען צאָהלען רענט. די לענדליידי נאָך ניט געווען?

בת־שבע: זי וועט מסתמא זיין היינט—מאָרגען. (בעהאַלט דאָס געלד). איך האָב פאר איהר דאָס געלד... (פּוצט מיט'ן בערשטעל זיין ראָק). אייבי, איך האָב אָנגעקויפט זעהר שעהנע זאַכען אויף פּסח.

אייבי: דו ווייסט דאָך, איך האַלט ניט פון די זאַכען און איך מיש מיך ניט... טהו ווי דיין הארץ געלוסט. (טהוט אָן א ווייסען קאָלנער).

בת־שבע: וויפיעל מצה זאָל איך „אָרדענען"?

אייבי: אָרדענען! הער, אויב דו ווילסט דעם יאָהר ווידער האַלטען סטריקט פּסח, וועל איך מוזען עסען אין א רעסטאָראַן. איך ווער קראַנק פון די טרוקענע פּלעצלעך.

בת־שבע: אַלע אידען עסען מצה און ווערען ניט קראַנק, חלילה...

אייבי: אַלע אידען! און אז אַלע אידען וועלען זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד, וועל איך זיי דארפען נאָכטהאָן? איך מיין, עס וואָלט געווען גלייכער דעם אַלטען אָנדיגגען קעסט אויף הער וואָך פון פּסח און מיר....

בת־שבע: וואָס רעדסטו, חלילה! וואָס הייסט, דער טאַטע, זאָל לעבען, זאָל יום טוב ניט זיין אין דער היים? און איך? עס איז עפּעס א קלייניגקייט פּסח? און הערדי? איך וועל ניט ערלויבען מיין קינד זאָל, חלילה, עסען חמץ!

אייבי: דיין קינד? ע... (וויל עפּעס זאָגען און בעהערשט זיך). זאָל זיין אזוי. איך וועל היינט קומען שפּעט.

בת־שבע: וואָס איז עפּעס? (מען קלאַפּט אין טהיר) קאַם אין. (מורדעי עפענט די טהיר).

מורדעי: זיינען אונזערע דאָ ביי אייך? די לענדליידי איז דאָ, זי האָט אָנגעפאַנגען צו קאָלעקטען רענט פון אונטען ארויף און וועט באַלד זיין אויף דעם פלאָר, פלעין אָפּ ענד דאַון.

בת־שבע (בייז): א דאנק פאר דער גרויסער בשורה. אייערע זיינען דא ניטא. (ווייל צומאכען די טהיר).

מורדעי: און וואו איז דער בייגקער? איך מיין העררי.

בת־שבע: געגאנגען מיט'ן זיידען אין שול. דארפסט איהם נויטיג?

מורדעי: ניין, איך פרעג גלאט אזוי... (אפארט) מען דארף איהם שוין געהן רופען... ווארום מיר וועלען עס מאכען פלעין אפ ענד דאון. (זי מאכט צו די טהיר).

אייבי: דער טאטע לערנט מיט העררי'ן רעליגיאן און דער לערנט מיט איהם מאראל...

בת־שבע: וואס מיינסטו דאס? ניין, אייבי, ער לערנט דאס ניט מיט איהם.

אייבי (זוכט עטוואס און בעמערקט די אידישע צייטונג): ווער לעזט דאס דא אין הויז די כל ישראל גאזעט? דו? א סך זאכען קענסטו לערנען פון אזא צייטונג.

בת־שבע: א סך זאכען קען מען לערנען פון אלע צייטונגען! איז עפעס א חילוק? גארניט, איך האב אנגעהויבען א ראמאן אין דער צייטונג, ווייל איך ענדיגען... א שעהנער ראמאן ווי גאלד, עס רופט זיך „א חופה נאכ'ן טויט".

אייבי: א חופה נאכ'ן טויט? מוז זיין זעהר אינטערעסאנט... א טויט נאך דער חופה, קען זיין, וואלט אויך... אויך געווען א שעהנער נאמען.

בת־שבע: איך וויים, דו מיינסט, א טויט נאך דער חופה וואלט געווען בעסער... יא? (גלעט זיך איבער'ן שטערען). וואס זאל מען טהאן? אייבי, צו דער חופה געהען מיר אליין, און צום טויט דארפען מיר געהן נאר דאן, ווען מען הייסט...

אייבי: דארפסט ניט אריין אין א דראמאטישען טאן. איך האב גארנישט געמיינט... (געהט).

בת־שבע: אייבי, אויב דו וועסט ניט פעראיבעל האבען, וועל איך פרעגען, פארוואס קענסטו היינט ניט קומען פריה אהיים? וואוהין געהסטו יעצט?

אייבי: דאס איז פאר דיר ניט אינטערעסאנט... ע... וועלל, איך הויב אן יעדע נאכט צו לערנען אין א פרעפעראטארי סקול.

בת־שבע: פרעפעראטארי! וואס איז דאס?

אייבי (סארקאסטיש): עס איז א שולע, וואו מען פארבערייטעט זיך.

בת־שבע: פארבערייטעט זיך? ביסט נאך ניט פארבערייטעט?

אייבי: דאס הייסט, איך פאנג אן שטודירען.

בת־שבע: שטודירען ווי צו ווערען נאָך פרעמדער פון דער היים. נאָך וואָס דאַרפסטו שטודירען?

אייבי: נאָך וואָס? דאָס איז פאַר דיר ניט נויטיג צו וויסען. (פער־כאַפּט זיך). איך האָב חשק צו שטודירען און ווערען אַרכיטעקטאָר... מען בויט היינט זעהר פיעל.

בת־שבע: אַן אַרכיטעקטאָר גאָר! צו וואָס?

אייבי: אַן אַרכיטעקטאָר איז דערויף, ער זאָל וויסען ווי צו בויען פונקט אַזעלכע הייזער, וואָס מען דאַרף ניט בויען... אויב אַ קאַטער און דעזיינער איז אָל־ראַיט, איז דאָך אַן אַרכיטעקט אודאי אָל־ראַיט. גוד באַי. (ראָש אַב).

בת־שבע: שטודירען ווי צו בויען הייזער פאַר פרעמדע און ניט דענקען דערפון, ווי צו בויען אַ היים פאַר זיך אַליין... (זיפצט, נעהמט די צייטונג). לאָמיך זעהן, וואָס מאַכען דאָ אין אונזער ראָמאַן מיינע מענשען... דאָ איז דאָ אַ פרוי, וואָס ליידעט, און מיר טהוט זעהר וועה דאָס הארץ פאַר איהר. (וויל לעזען, הערט באַלד אויף). ניין! איצט קריכט עס ניט אין קאָפּ... אַט האָסטו דיר אַ היים! דאָס עסען איז צוגעגרייט און עס ווערט קאַלט; דער טיש געדעקט און קיינער זעצט זיך ניט; אין שטוב אין לעער... צוליעב וועמען האָב איך דאָ ליכטיג געמאַכט. (מאַכט קלענער דעם גאַז). וואו איך בין אַליין, האָב איך בעסער ליעב צו זיצען אין דער פינסטער און טראַכטען. אַי, ווען איך זאָל האָבען אַ קליינינקס, אַ פּיציקעס, וואָלט איך יעצט אומגעגאַנגען מיט איהם און געזונגען איהם אַ ליעדעלע. מיין גאַנצע ליעבע, מיינע אַלע געדאַנקען וואָלט איך איהם אָבגעגעבען. (מאַכט פון איהר פאַרטוך אַ ליאַלקע, דריקט עס צו זיך, געהט אום און זינגט פאַר זיך אַ וויעג־ליעדעלע, זעהר טרויעריג. פּלוצים אַ קלאַפּ אין טהיר. זי דערשרעקט זיך). ווער איז דאָס? באַלד! (מאַכט גרעסער דעם גאַז). קאָם אין! (די לענד־ליידי קומט, זעהר אויסגעפּוצט, טראָגט אַ שעהנעם סעטשעל אין האַנד. זי רעדט ליטווישע דייטש). אָה, קומט אַריין, מיסעס העמילטאָן... אַ גאַסט, כ׳לעבען, זיצט.

מרס. העמילטאָן: העללאָ! איהנען זעהען גאַנץ גוט אויס. וואָס מאַכט מען?

בת־שבע: מען מאַכט פּסח... און ווי האַלט איהר מיט׳ן פּסח? אָדער איהר אפשר האַלט אויך ניט פון גאָט און עסט, חלילה, חמץ?

מרס. העמילטאָן: בעוואהרע גאָט, חמץ! וואָ ניכט גאָט און ניכט רעליגיאָן, פרעג איך איהנען, וואָס בלייבט דען? איך מיט מיין געמאהל געהען אַלע פּסח עסען אין אַ סטריקט כשר (קאָשער) באָרדינג הויז.

בת־שבע (גיט איהר געלד): דאָ האָט איהר 18 דאָלאַר רענט. ווי קומט עס, וואָס איהר מאַכט גאָר ניט קיין פסח אין דער היים. איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ רייכע, שעהנע היים איהר האָט.

מרם העמילטאָן: היער האַבען זי דעם רעסיט. איהנען װעלען גלויבען? מיר האַבען דאַ אין דיזען הויזע אַכט־און־צוואַנציג טענענטס און ניעמאַנד צאַהלט זאָ אַקוראַט ווי איהנען. מרם. ריבקין, מיר האַבען זעהר פיעל טענעמענט הויזעס, אַבער מיר האַבען קיין היים. עס לוינט זיך גאַר ניט. אנפאַנגס ווען מיר רייך געוואָרדען זינד און געמופט אפּטאון, האַבען מיר איין גאַנצעס הויז שעהן אַבגעפיקסט. אַבער מיר האַבען נור טראָבעל מיט די דיענערשאַפטען געהאַבט, וועלכע אונז קיין רעספּעקט געגעבען האַבען. אונד וואָצו אַ היים? מיין געמאַהל זיצט גאַנצען טאַג אין אָפּיס, גאַנצע נאַכט אין קלאָב. איך אַליין זיץ ניע אויף איין פּלאַץ... זאָמער אין קאָונטרי, הערבסט אין די בערגע, ווינטער אין לייקוואוד... מאַנכעסמאַל קיין יוראָפּ... מיר וואַנדערען ווי אַלע רייכע און אנשטענדיגע אַמעריקאַנער. נון, וואָצו אַ היים? מיר וואָהנען אין אַ האָטעל?

בת־שבע: אַ סך הייזער און קיין היים? זאָגט אַליין, איז ביי אונז אין רוסלאַנד ניט בעסער? טאַקע אין צרות, אין אָרימקייט, אָבער יעדער האָט דאָרט אַ היים.

מרם. העמילטאָן: אָה, גאָט! ווי זאָל איך דאָס וויסען? איך בין קיין רוסישע, איך קאָם פון דייטשלאַנד.

בת־שבע: אַזוי? פאַרוואָס־זשע זאָגט דער גראָסער, אַז ער קען אייך פון מאָהילעוו?

מרם. העמילטאָן: וואָס? איך איינע רוסישע? בעוואַהרע גאָט! פוי! איהנען זאָלען זאָוואָס אויף מיך גלויבען קענען.

בת־שבע: האָט קיין פעראיבעל ניט, איך האָב ניט געוואוסט, אַז דאָס איז אַזאַ בזיון, אַז מען דאַרף זיך בעהאַלטען דערמיט. אָי, איך וויים נאָר איינס, איך בין אין רוסלאַנד געווען גליקליך — איך האָב געהאַט אַ היים. דאָרט אַרבייט מען און מען האַנדעלט אין דרויסען, אָבער לעבען לעבט מען אין דער היים. און דער דרויסען איז דאָרט ניט אַזוי ווייט פון דער היים. דאָ אָבער האַנדעלט מען און מען אַרבייט ווייט פון דער היים. און די היים איז ניט צום לעבען, נאָר צו קומען שפּעט שלאָפען און בייטען וועש... מרם. העמילטאָן, איך און מיין מאַן, — מיר זיינען דאָ אין אַמעריקא פרעמדע. ער האָט דאָ צוויי יאָהר געלעבט אָהן מיר, און אַז איך בין געקומען, האָב איך גאָר אַן אַנדער מענשען געפונען. אַזאַ שעהנע, שוואַרצע אידישע בערדעלע געהאַט — אָבגעגאָלט, ווי אַ גוי; טלית און תפילין פערוואָרפען.

ניט קיין שבת, ניט קיין יום טוב!... איך בין אַ פּראָסטע פרוי, איך פערשטעה גאָרניט, און ער...

מרס. העמילטאָן: גאָ, יאָ! געווים. ער איז דאַ צווישען די איסט סייד רוסישע איין אַנאַרכיסט געוואָרען.

בת־שבע: וואָס מיינט איהר? ניין, חלילה, ער איז אַן עהרליכער מענש. איהר פערשטעהט! איך בין טאַקע מיט איהם אין איין שטוב; אָבער ער איז העט, העט אין אַמעריקא און איך זיץ נאָך דאָרטען אין קליינעם רוסישען שטעדטעל רעמאַגאָלע. (זיפצט). איך קום פון רעמאַגאָלע!

מרס. העמילטאָן: קען איך איהנען וואָס זאָגען: אין אַמעריקא איזט יעדע פרוי איינע לײדי.

בת־שבע: נו, איז וואָס האָב איך דערפון?

מרס. העמילטאָן: אַ לײדי מוז גוט בעהאַנדעלט און סופּאָרטעט ווערען.

בת־שבע: ער בעליידיגט מיך ניט, חלילה, און וואָס ער פערדיענט גיט ער מיר אָב ביז אַ סענט. אָבער זיין נשמה איז ניט מיט מיר.

מרס. העמילטאָן: דומהייטען! וואָס קימערט מיך מיין מאַנ׳ס נעשאַמע? דאָס געלד וויל איך האָבען!

בת־שבע: אָי, איהר ווייסט ניט... ווען איך זאָל כאָטש האָבען אַ קליין קינד... בין איך אָבער אַ קראַנקע און דער פּראָפעסאָר זאָגט, אַז פון הונדערט שטאַרבען נײנציג פון אַזאַ אָפּעראַציע... מיינער וויל ניט הערען דערפון... איך אָבער וויל זיך סוף כל סוף מאַכען אַזאַ אָפּעראַציע... דאָס אונגליק, מען דאַרף אַ סך געלד.

מרס. העמילטאָן: קינדער? פוי! דאָס איזט זעהר ניט אַנשטענדיג און ניט פּראַקטיש.

בת־שבע: קען איך ניט זיין קיין מוטער מעהר, וועל איך בעסער שטאַרבען. (מען הערט הערי׳ס שטימע).

הערי (פון יענער זייט טהיר): מאַמאַ, אָפּען דהי דאָאר, האָררי־אָפּ! (זי לאָזט איהם אריין).

בת־שבע: שוין פון שול? געדאַוועט מעריב אויך?

הערי: אָה, דזשי! מעריב... איך האָב אין דער היים ביזנעס צו אַטענדען. (דערזעהט מרס. העמילטאָן). איך דאַרף מאַכען מיינע לעסאָנס. (זעצט זיך צום טיש און נעהמט זיינע ביכלעך).

בת־שבע: זעהט איהר, דער לױפערעל איז שוין צו גרויס. ווען ער איז געווען אַן עופה׳לע, פלעגט דער פאַטער צוליעב איהם זיצען אין דער היים, אפשר ווען איצט זאָל אין שטוב זיין אַ פּיצינקער, וואָלט ער ווידער...

און ווען אפילו ניט, וואָלט איך לכל הפּחות געהאַט אַ נפש'על, וואָס וואָלט געמוזט מיט מיר אין דער היים זיין. די שטוב וואָלט אויסגעזעהן מעהר היים. מאַדאַם, איהר האָט גאָר ניט מורא צו טראָגען מיט זיך אַזוי פיעל געלד?

הערריי (קוקט אויף דער לענדליידי, וועלכע צעהלט פּעקלעך מיט געלד): אָה, דזשי!

מרס. האַמילטאָן: פיעל געלד, וואָס? אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר. אויך מיר געלד!

בת־שבע: דערוויילע פּרוּאוו איך נאָך אַנדערע מיטלען... אויב עס וועט ניט העלפען מיט מעדיצין, וועל איך געהן צו דער אָפּעראַציע... וואו וועל איך נאָר נעהמען געלד דערצו?

הערריי: מאַמאַ, דאָס געלד וועל איך דיר געבען. (ביידע פּרוּיען לאַכען). איך וועל זעהר גיך רייך ווערען.

בת־שבע (דריקט איהם צו זיך): אַי! אַי! געוואַלד! וואו נעהמט מען אַזעלכע קינדער! (דערלאַנגט די פלאַש מעדיצין). איהר זעהט, דאָס גיט מיר אַן אַפּטייקער עפּעס אַ מעדיצין דערצו. מיינער לאַכט דערפון... ער זאָגט, דער אַפּטייקער איז אַ זשוליק... אַן אַפּטייקער זאָל זיין אַ זשוליק! קען דאָס זיין? איך דאַרף טרינקען צעהן אַזעלכע באָטלען... דאָס איז שוין די זעקסטע. ווי מיינט איהר, עס איז אַ גוטע מעדיצין?

מרס. העמילטאָן: קען גאַנץ מעגליך זיין. (שטעהט אויף). מרס. ריבקין, וועל איהנען וואָס זאָגען... אינענ'ס מאָן האָט געוויס איין שעצבען... זאָלכע ביזנעס פּערשטעהע איך גוט. ניט אַנדערש, ווי איין אַנדערע פרוי איז הערריינגעמישט געוואָרדען. ווען מיינער זאָ וואָס מאַכט, זאָ איין טייפּרייטער, אָדער זאָ וואָס... נאַ! דאָ מאַך איך שקאַנדאַל אונד זאָגאַר פּעטש... גוד באַי, אַדיע!... (געהט).

בת־שבע: אַן אַנדערע! אָה, מיינער איז ניט פון די דאָזיגע. איהר קענט איהם ניט... גוד באַי, גוד באַי. (מרס. העמילטאָן אַב. זי מאַכט צו די טהיר, און געהט אום איבער'ן צימער). אַן אַנדערע גאָר? הם! וואָס פערשטעהט זי, אַז ביי איהר איז די נשמה גאָר נישט, נאָר דאָס געלד. וואָס דאַרף איך דאָס געלד? דו גיב מיר דיין נשמה און נעהם צו ביי מיר מיין נשמה! (געהט צו הערריי'ן). הערריניו, האָסטו מיך ליעב? קינד, האָב מיך ליעב! האָב מיך ליעב, הערריע... וואָרום אַז ניט, (טרערען שטיקען זי) וואָרום אַז ניט, וועט מיר זיין זעהר שווער צו לעבען אויף דער וועלט. (דריקט איהם צו זיך און שווייגט. מען הערט ווי מרס. העמילטאָן קלאַפּט ערגעץ אין אַ טהיר). מיין גרויסער זוהן, ווייסט וואָס? זעץ זיך צום טיש

עסען און איך וועל דיר דערלאנגען אלץ און בעדיענען. און אז איך וועל זעהן, ווי דו עסט מיט אפעטיט, וואס איך האב געקאכט, וועט עס מיך זעהר פרעהען...

הערריי: ניין, מאמע, ניט יעצט. מיר שטעהט פאר וויכטיגע ביזנעס צו אטענדען...

בת־שבע (זעצט זיך נעבען איהם): מיין זוהן, דו זאלסט וועלען זיין א גוטער... הער, וואס איך וועל דיך בעטען... זיי מיין לעהרער... לערען מיך ענגליש. אז איך וועל קענען לעזען און שרייבען ענגליש, וועט דער פאפא פון מיר אפשר האבען א בעסערע מיינונג. קינד, ווילסט זיין מיין טיטשער? זעהסט? איך האב זיך שוין געקויפט אן אזבוקע מיט אידיש. (געפינט א ביכעל).

הערריי: יא, מאמא, דאט'ס ראיט! יעדען טאג, וועל איך דיר געבען א לעסאן... זעץ דיך דא... וואו איז מיין פענסעל? היינט שוין דעם ערשטען לעסאן. (זוכט א פענסעל).

בת־שבע (פרעהליך): יא, היינט שוין דעם ערשטען לעסאן. (בלע־טערט איהר ביכעל). מורזיקעל מיינער, דו זאלסט אבער ניט זיין קיין בייזער טיטשער.

הערריי: עס איז דא. אלזא פאנגען מיר אן. (זעצט זיך נעבען איהר).

בת־שבע (שטיפט): יא! פאנגען מיר אן, מיין טייערער הער שול־לעהרער. אי, געוואלד, געוואלד, וואו נעהמט מען אזעלכע קינדער! (דריקט זיין קאפ צו זיך). זיסער חכם מיינער! (מען קלאפט אין טהיר). שא! ווער איז דאס? קאם אין! (לינא שפרינגט אריין און מאכט צו די טהיר. זי איז געקליידעט מיט פרעטענזיעס, האלט א בוך אונטער'ן ארם, טראגט א רויטע בעדזש אויפ'ן ברוסט).

לינא: שש! די מכשפה, די לענדלליידי קלאפט יעצט אין אונזער טהיר. קלאפען זאל זי שוין מיט'ן קאפ אן וואנד. זי וויל רענט מסתמא, און איך בין פערדרעהט מיט די חשבונות...

בת־שבע: אייער מאן פערדיענט אזוי שעהן, און איהר דארפט אייך בעהאלטען אונטער'ן אויווען, אז מען קומט נאך דירה־געלד. פע, ניט בעל־הבתיש.

לינא: נו, יא, איך וועל איהם געהן צעהלען און היטען די פענטען. איך זאג דיר! מעהר ליעגט מיר גאר ניט אין זינען. און וואס מאכט איהר? אי, מרס. ריבקין, אט דאס איז א בוך, וואס איהר האט געדארפט לעזען. עס רופט זיך „דהי וואומען חו דיד“.

בת־שבע: הודיט? עס הודיעט, דאנקען גאָט, ביי מיר געגוג אָהן דעם בוך.

לינאַ: מיין שלימזל׳ניק דאָ ניט געווען?

בת־שבע: געקומען נעבעך א הונגעריגער — און געלאָפען אין רעסטאָראַן עסען. ווי איך זעה, האָט ער ביי אייך שלעכטע קעסט.

לינאַ: האָב קיין צייט ניט געהאַט. ביי טאָג האָט אונזער סאָסייעטי געהאַט א מאַטינע בענעפיט־פאָרשטעלונג, און איך בין געווען אין דער אַראַנזשמענטס־קאָמיטע. אָט איז נאָך דער בעדזש. איהר ווייסט דאָך, וויפיעל איך אַרבייט פאַר אונזער סאָסייעטי „דהי ברוך שפינאָזא אינטער־נעישאָנאַל בראָדערהוד אָוו יומאַניטי", און איצט, מיינט איהר, האָב איך צייט? איך בין נאָר געקומען א קוק טהאָן, און מוז שוין געהן. היינט ביינאַכט לעקטשורט דאָקטאָר קאַזליק איבער מאָניזם אין דעם אידעאַליזמוס, מאָניזם אין דעם מאַטעריאַליזמוס... און די טעזע מיט דער אַנטיטעזע פון דיזע צווייביידע מאָניסטישע סיסטעמען...

הערדי: אָה, דזשי! (פּלוצלונג הערט זיך מורדעי׳ס א פייף. הערדי דערשרעקט זיך. טראַכט איין אויגענבליק). מאַמאַ, איך קום שוין אריין. (לויפט ראַש. אָב).

בת־שבע: הערדי, וואוהין? נו, יאַ, געה האַלט דעם ווינד אין הויפען. פון דעסטוועגען, איהר זייט א שכנה מעג איך אייך זאָגען, אַזוי פערלאָזען א שטוב איז עפּעס גאָרניט מעשה אידענע. אייער מאַן איז שטאַרקער פון אייזען, אז ער שפּרינגט ניט אַרויס פון די האַלאָבאַלעס.

לינאַ: ניט דערלעבען זאָלען מיינע שונאים, איך זאָל איהם באַקען און קאָכען און זיין ביי איהם א שקלאַפין. זאָל ער דינגען א דיענסט, וועל איך זעהן אין שטוב זאָל זיין אָרדנונג. איך בין ניט קיין אידענע.

בת־שבע: ניט קיין אידענע? וואָס דען זייט איהר, א איד?

לינאַ: ניט קיין איד, א מענש! איך קען ניט לעבען נאָר מיט קיך־אינטערעסען. גלויבט מיר, איהר זאָלט אייך פיהרען אַזוי ווי איך, וואָלט איהר ביי אייער מאַן א סך מעהר אויסגענומען. איך ווייס אַזעלכע פרויען, ווי איך, געפעהלען איהם זעהר שטאַרק.

בת־שבע: אַזעלכע, ווי איהר? מאַדאַם, איהר האָט א טעות. מיין אייבי האָט מיר געזאָגט, איידער אַזאַ ווייב ווי איהר, איז שוין בעסער אויפ־הענגען זיך.

לינאַ: שעהנערע און אביסעל מעהר געבילדעטע מענער פון איהם נעהמען איין נאָך מיר די כפרה! געווים, איהם געפעהל איך ניט, וויי־ל

איהם געפעהלט אַן אַנדערע... איהר זיצט דאָ ביים פריפּיטשאָק און ווייסט גאָר ניט... איך אָבער האָב שוין לאַנג אויסגעפונען...

בת־שבע: וואָס האָט איהר אויסגעפונען ? !

לינאַ: מרס. ריבקין, אַזוי פיעל גוטע יאָהר זאָלען מיר ביידע האָבען, וויפיעל מאָל איך האָב אייערען געזעהן די לעצטע צייט מיט בעסי שטיינבערג ! . . .

בת־שבע: אָה, מיט בעסי שטיינבערג !... אי !... איך בעט אייך... דאָס איז דאָך קיין קליינינקייט ניט !... (זעצט זיך און ווישט דעם שטערען).

לינאַ: קוק זי נאָר אָן ! גרינהאָרן, אויב אפילו יאָ, וואָס איז דאָרט אַזוינס ? איך זאָל וויסען וואָס וועגען מיינעם, וואָלט עס מיך גאָר ניט געהאַרט...

בת־שבע: אייערען ? ווי קענט איהר פערגלייכען אייערען צו מיינעם ? אָה, זי ! (גערויש).

לינאַ: שש ! מיינער געהט. (מען הערט, פיליפ הוסט און קלאַפּט אין טהיר). קומט אריין, מר. פיליפ וויים. (ער קומט אריין).

פיליפ: העללאָ ! וואו ביסטו געוועזן, לינאַ ? איצט, איך יו פּליז, בין איך שוין ניט בייז, אָבער פריהער בין איך אַזוי בייז געוואָרען, אַז, עקסקיוז מי, איך בין געלאָפען אין אַ רעסטאָראַן עסען. מאַדאַם ריבקין, זאָג איך ניט די ריינע וואָרהייט ? לינאַ, קום אַהיים. דו ביסט אַליין געווים הונגעריג. איך האָב דיר געבראַכט, וואָס דו האָסט ליעב... „טשאַרלאָט רוז", גנב דו !

לינאַ: געוויס בין איך הונגעריג. עס שטעהט אַ פּערטיגער סטייק, האָסט איהם ניט געקענט אָנוואַרימען ? און שטעלען דעם טשאַיניק מיט וואַסער אויפ'ן געז־אויוועז איז זעהר אַ שווערע ארבייט ? האַ ? אַי, שלימזל'ניק מיינער. קום, איך האָב וועניג צייט, איך דאַרף באַלד געהן הערען דאָקטאָר קאָזליק'ס לעקטשור איבער מאַגניזם. אַי, אַז דאָקטאָר קאָזליק לעקטשורט פון געגעל און פון קאַנט פיהלסטו, אַז ער הויבט דיך אויף און דו פליהסט, און דו פליהסט... שלימזל'ניק, קום. (אב).

פיליפ: עקסקוז מי, מאַדאַם ריבקין, איז מיין לינאַ ניט קיין מערקווירדיגע פרוי ? וועלכע לעקטשורס זי אַטענדעט און וועלכע ביכער זי לעזט. געוויס, עס איז גוט, ווען מען האָט אַ פרוי, וואָס אַטענדעט איהרע ביזנעס. אָבער, אַי בעג יור פּאַרדאָן, מיין לינאַ האַלט ניט דערפון... באַי, באַי, מרס. ריבקין... עקסקיוז מי ! (נייגט זיך, אָב).

בת־שבע: בעסי שטיינבערג ? דאָס האָט מיר אַ שטאָך געטהאָן ווי מיט אַ מעסער... הם ! זי איז טאַקע אַ געבלידעטע דאַמע, וואָס האַלט

ניט דערפון, פון דעסטוועגען קען זיין, אז פונקט איצט זאָגט זי דעם אמת... אויף קיין אנדערע וואָלט איך ניט געגלויבט, אָבער בעסי שטיינבערג... הא? (דער פאַסטאַליאָן פייפט און שרייט: איייבי ריבקין!) א בריעף! (לויפט, לאָזט אָפען די טהיר, מען הערט אין האָל רעדען פיליפ, לינא און מרס. העמילטאָן).

מרס. העמילטאָן: ביטע איהנען, שיקט צו א טשעק. עס איז דאָך קיין קאַטאַוועס צו קומען נאָך אמאָל דאַן־טאַון און קלעטערען זעקס לייטערס, זעקס טרעפּע מיין איך.

לינא: חכם מיינער, האָסט קיין שכל ניט געהאַט א קוק טהאָן פריהער, צי זי איז שוין אוועקגעגאַנגען צי ניין! מאַדאַם, איהר דאַרפט ניט רעדען קיין קוגעל־דייטש. מיר זיינען אייגענע מענשען.

פיליפ: טראַבעלט אייך ניט, מאַדאַם. מיין לינא איז היינט נערוועז, אי בעג יור פּאַרדאָן. געוויס א טשעק... באַי, באַי!

מרס. העמילטאָן: גוטע נאַכט... באַי באַי איהנען. (ר' יעקב אלחנן קומט אריין).

ר' יעקב אלחנן: די טהיר איז גאַר אָפען... עס קען זיין דאָס איז בת־שבע געלאָפען אַראָב, איך האָב גערעכענט עפּעס א וויכטיגען חשבון, און איך האָב זי ניט דערקענט. און וואו איז דאָ הענעך? ער האָט עס געגעבען א דאַווען מנחה. אויף אַלע גוים געזאָגט געוואָרען אַזא מנחה! (זעצט זיך). אַלע האָבען אין בית המדרש פערשריעבען די צוויי פּסוקים פון דניאל „ולכד עיר מבצרות“ און „מלחמה נחרצת שממות“. (בת־שבע קומט מיט א בריעף אין האַנד).

בת־שבע (בלייבט שטעהן אין טהיר מיט'ן פּנים אין האָל אריין. אין האָלט ווערט פינסטער): זעה, ווער האָט עס פּלוצלונג אויסגעלאָשען די גאַז אין האָל? עס איז געוואָרען חושך. (געהט אריין). א בריעף צו איהם. איך קוק איצט ניט אויף קיין זאַך... עס מעג זיין, וואָס עס וועט זיין. איך וועל עפענען, אפשר איז דאָס געשריעבען אידיש. (עפענט דעם בריעף) אין ענגליש! (בעטראַכט דעם בריעף פון אַלע זייטען. שמעקט איהם). איך האָב געלעזען אין א אידישען ראָמאַן, אז געליעבטע שיקען בריעף אויף פּער־פּומירטען פּאַפּיער. ניין! עס שמעקט ניט... אַי! איך קען ניט לעזען! איך קען ניט לעזען!

ר' יעקב אלחנן: בת־שבע, דו ווייסט? זיי זיינען נתפעל געוואָרען... די מספרים קומען אוים ריכטיג. ווי דניאל הנביא האָט געמיינט... „בצרות“ בעטרעפט 698 און „חרצת“ בעטרעפט 698 — דאָס איז תרצ"ח לפק. דניאל

בעטרעפט 956, פונקט אזוי פיעל ווי המן. דעם גלות ברענגט המן, דניאל ברענגט די גאולה. דניאל כנגד המן... (ער געהט אין זיין צימער).

בת־שבע (געהט אום. חזר'ט זיינע ווערטער מעכאניש): יא! דניאל מיט המן לפּק! טאטע, ווילסט אפשר עסען?

ר' יעקב אלחנן: וויים איך! איך וועל לערנען א שטיקעלע תניא און וועל געהן שלאָפען. דער חידוש איז, אז תרצ"ח בעטרעפט פונקט אזוי פיעל ווי „ובזכות זה ובא לציון גואל"... עס איז קלאָר, מעגסט אפילו זיין בלינד, זעהסטו דאָס מיט די אויגען.

בת־שבע (קוקט אויפ'ן בריעף): א סך זאכען קען מען זעהן מיט די אויגען און עס איז דאָך ניט קלאָר. מען הערט עס מיט די אויערען און עס איז דאָך ניט פערשטענדליך. הא?! וואָס איז דאָס? (מען הערט אין האָל א געלויפעריי. מרס. העמילטאָן'ס פערשטיקטע שטימע: פּאָלים! העלפּ! דאן ווערט אלעס שטיל. בת־שבע זעהר דערשראָקען עפענט די טהיר אין פינסטערען האָל און הערט זיך צו. העררי קומט צולויפען זעהר בלאס און דערשראָקען).

העררי: אָה, דזשי! (ווישט דעם שוויים פון שטערען). גאָרניט, מאמע! עס איז פינסטער אין האָל, האָב איך זיך דערשראָקען. מאך צו די טהיר... עס איז אָל־ראיט... (ער מאכט צו די טהיר און מאכט זיך רוהיג). דזשי! האָסט געקראָגען א לעטער? פון וועמען איז דאָס, מאמע?

בת־שבע: אָך, יא, לייען איבער וואָס שטעהט דאָ געשריעבען. עס איז דעם פּאַפּאָס לעטער, אבער איך וויל וויסען... זעה אונמיסטען, ווער איז אונטערגעשריעבען?

העררי (קוים וואָס ער לעזט איבער): ע... סינ... סינסירעלי יורס... בע... בעסי שטיינ... שטיינבערג.

בת־שבע: אזוי? בעסי שטיינבערג. און וואָס הייסט „סינסירעלי"?

העררי: דאָס הייסט... סינסירעלי הייסט אויף צו'ן אמת'ן... יורס —דיינע אויף צו'ן אמת דיינע.

בת־שבע: אויף צו'ן אמת דיינע? אזוי שרייבט זי טאַטע? דיינע? אויף צו'ן אמת'ן דיינע! און וואָס שטעהט אין בריעף?

העררי (ער האָט די גאַנצע צייט געפּרואווט לעזען דעם בריעף): עס איז אזוי געשריעבען שלעכט — שווער צו לעזען... זי שרייבט, היינט קען זי ניט קומען אין בוציק'ס... דאכט זיך, בוציק'ס רעסטאָראַן. (א גערויש. ער הערט זיך צו דערשראָקען). און... איך וויים ניט. (שטימען אין האָל). איך וויים ניט... מאמא, איך וויל בעסער געהן שלאָפען...

בת־שבע: וואָס איז עפּעס אזוי פריה? און עסען ווילסטו גאָרניט?

העררי: ניין, מאמע, מיך שלעפערט שטארק... איך וועל בעסער מארגען גאנץ פריה אויפשטעהן און מאכען מיינע לעסאנס... גוד נייט, מאמא. אה, דזשי! (ראש אב אין בעדרום).

בת־שבע: און אז אפילו יא, זאגט זי, וואס איז דארט אזוינס? גרינהארן!... יא, איך בין נאך א גרינהארן, און דאס איז פאר מיר א גרויס אונגליק! אי! די געדאנקען אין קאפ הויבען זיך מיר אן מישען און דאס הארץ ווערט פערדריקט. (פערברעכט די הענד, געהט אום). וואס איז דאס מיט העררי'ן? אפשר איז ער ניט געזונד, חלילה? (אריין אין בעד־רום. אין האל הערען זיך פיעל שטימען. בת־שבע קומט צוריק). דער גנב! שוין אויסגעטהאן און ליעגט שוין אין בעט. איבערגעדעקט איבער'ן קאפ... (טריט) איך הער זיינע טריט... ער! נו, יא. אז מען דארף זיך קריגען, דאן קומט ער דוקא פריה אהיים. (זי בלייבט שטעהן דערשראקען. אייבי עפענט די טהיר. ראש אריין).

אייבי: איז העררי אין דער היים? (זי שווייגט. ער לויפט צום בעדרום און קוקט אריין). שעהנע נייעס פאסירען דא! באיעס האבען בערויבט מרס. העמילטאן. אויסגעלאשען די געז אין האל, בעפאלען אין דער פינסטער און ארויסגעריסען ביי איהר דעם סעטשעל מיט געלד. זי איז אוים מענש פון שרעק. מען האט זי אוועקגעפיהרט אין א קעררידזש אהיים... וואס איז? וואס שווייגסטו? (זי קוקט איהם אן פארשענד די גאנצע צייט).

בת־שבע: וואס זאל איך שרייען? וואס מען האט ביי מרס. העמיל־טאן ארויסגעריסען דאס געלד?... מען רייסט ביי מענשען ארוים זייער נשמה און זיי שרייען ניט!

אייבי: וואס מיינסטו דערמיט?

בת־שבע: דו פערשטעהסט וואס איך מיין!...

אייבי: ווילסט מיר מאכען מיין זיסע היים נאך זיסער?

בת־שבע: וואס־זשע ביסטו געקומען היינט אזוי פריה אהיים? האסט היינט גארניט געשטודירט, ווי צו בויען פרעמדע הייזער? (ער בעטראכט זי און שווייגט). האסט זיך היינט ניט געקענט דערוווארטען אויף איהר? (בייז) זי איז ניט געקומען היינט די אויף צו'ן אמת'ן דיינע? הא? !

אייבי: וואס איז דאס?

בת־שבע (ציינט דעם בריעף): אט דאס איז עס! עס שמעקט ניט מיט א־דע־קאלאן... עס שמעקט מיט אן אנדער זאך! עס איז דיין בריעף! נא! (ווארפט דעם בריעף צו זיינע פיס).

אייבי (גיט אויף איהר א קוק, בויגט זיך אן רוהיג, הויבט אויף דעם

בריעף, לעזט איבער, לעגט איהם לאנגזאם אין זיין בוזעם־קעשענע) : אלזא, דו עפענסט שוין און לעזט מיינע בריעף אויך ? דאס הייסט, אליין קענסטו דאך ניט, האסטו דאס געגעבען א פרעמדען צו לעזען ?

בת־שבע: ניט קיין פרעמדען ! הערריי האט עס געלעזען...

אייבי: הערריי ? דאס איז שעהן ! ביסט געגאנגען גנב'ענען ביי מיר א געהיימניס און האסט דאס קינד געמאכט פאר דיין מיט־פערברעכער ! אי ! מיך פלאגט שטענדיג דער געדאנק, וואס וועט איהר פון איהם מאכען. פריהער דאוונענט ער מנחה ביי אייך און נאכדעם שיקט איהר איהם גנב'ענען !

בת־שבע: הערריי איז ניט קיין גנב ! חלילה ! זאל איך עס בעסער ניט דערלעבען ! דאס קינד איז מיין איינציגער פריינד, מיין ראטגעבער מיין לעהרער. אייבי, מיין ניט, עס איז א קלייניגקייט ! איך וועל אזא זאך ניט פערשווייגען ! ניין ! איך וועל עס ניט פערשווייגען ! וועל עס ניט פערשווייגען !

אייבי (בעטראכט זי לאנג, שווייגענדיג) : יא ! דו וועסט עס ניט פערשווייגען. איך פערזיכער דיך. וואָרום איך וועל דיר יעצט געבען א לעסאן איין מאל פאר אלע מאל. אבער בעפאר דו וועסט אנפאנגען צו שרייען, און ליארמען, און מאכען סקאנדאלען, ערלויב מיר צו זאגען א פאר ווערטער: מיין שטוב איז ניט מיין היים. אן אלטער, האלב־וואהנזיניגער בעל־קבלה, וועלכער האלט אין איין רעכענען ווען משיח וועט קומען און דו— איהר ביידע פיהרט דאס רעדעל ! נאך אייער געשמאק נאך און נאך אייער גלויבען ווערט דא געלעבט. מיין קינד ערציהט זיך ניט ווי איך פערשטעה, נאר ווי איהר ווילט. איך מיט מיינע איבערצייגונגען עקזיסטיר דא ניט. איהר האט דא אייער רעליגיאן, אייער שולחן ערוך ; מצה ומרור ,חרוסת און כרפס... אייער מעדיצין און אייערע צייטונגען ! איך האב געשוויגען, ווייל איך האב געדענקט : בין איך ניט אימשטאנד דיר געבען גליק, האב איך ניט קיין רעכט פון דיר פאדערען קרבנות... איך האב ניט געטענה'ט, געשוויגען און געליטען. (פויזע). איך האב דיר אבגעטראטען מיין היים. איצט אפשר ווילסטו מיך נאך ארויסדרינגען פון מיין אייגענע אינערע וועלט אויך ? דאס ניט ! דאס וועט דיר ניט געלינגען ! האסט געעפענט, געלעזען מיין בריעף און האסט איהם נאכדעם מיט פעראכטונג געווארפען צו מיינע פיס ? וויפיעל פעהלט, זאלסט מיך אנהויבען שעלטען און אפשר שלאגען אויך ? ! דאס וועט דיך טייער קאסטען ! אז דו ווייסט ניט, וואס אין דעם בריעף איז געשריעבען, דאס ווייס איך. אז איך שפיעל זיך ניט ווערטער, דאס ווייסטו... און איך זאג דיר יעצט : דעם שריט דיינעם וועסטו בערייען !

ביז יעצט האָב איך געדולדעט — מעהר וויל איך ניט! איך געה און דו מעגסט יעצט שרייען! (ראש אָב. בייז א קלאַפּ מיט'ן טהיר).

בת־שבע (לויפט איהם נאָך. עפענט די טהיר און בלייבט שטעהן. אין האָל איז ווידער ליכטיג. זי שטעהט לאַנג און דענקט. מען הערט שטימען און ווי מען קלאַפּט אין פערשיעדענע טהירען): אַי! א פולע האָל מיט פּאַליסלייט. אַר'מע מרס. האמילטאָן, מען וועט דארפען אראַבלויפען און צופרעגען זיך וועגען איהר. (מען הערט א קנאַק אין א נאָהענטע טהיר, און דאן לינא'ס שטימע).

לינא: וואס? סעי, פיליפּ! א פּאָליסמאן פרעגט, וואו איז אונזער באַי? טאַקע, וואו איז אונזער מוררעי?

בת־שבע (מאַכט צו די טהיר): זי האָט זיך דערמאָהנט... א מאַמע... (קוקט אריין אין בעדרום) שש! מיין גרויסער זוהן שלאָפט רוהיג און זאָרג־לאָז... מיין איינציגער פריינד... דו וועסט מיך געוויס ניט פערבייטען. א מאַמע פערבייט מען ניט אויף אַן אנדערע. (געהט צום טיש). נו, איצט מעג מען שוין געוויס צונעהמען פון טיש. מיין פאַמילע האָט שוין אָבּ־געגעסען... עס איז געווען א שעהנע, היימליכע סעודה אין א שעהנעם פריעדליכען היים. (פאַלט צו צום טיש און גיט א וויין. באַלד בעהערשט זי זיך) אויף מיין וואָרט, מיר איז איצט א סך גרינגער. וואָרום פריהער איז ער געווען ניט גוט און ניט שלעכט, ניט ברוגז און ניט גוט־פריינד. ווי אַזוי און פאַרוואָס וואָלט איך געקענט פלוצלונג צוגעהן צו איהם און איבער־בעטען איהם? (מיט פרייד). איצט אָבער איז ער טאַקע בייז, שטאַרק בייז, אויף צו'ן אמת'ן בייז, און איך וועל איהם טאַקע איבערבעטען! (שטעלט א ביינקעל נעבען טהיר און זעצט זיך). איך וועל זיך זעצען דאָ נעבען דער טהיר און וואַרטען אויף איהם. איך וועל וואַרטען א גאַנצע נאַכט, איך וועל וואַרטען ביז טאָג. און ווען ער וועט קומען, וועל איך אויפשטעהן (זי שטעהט אויף) און וועל זאָגען: נאַר, עס איז א גרויסע זאַך ביי דיר, וואָס איך האָב געוואָרפען דעם בריעף צו דיינע פיס? אויב דו ווילסט, וועל איך אליין פאַלען צו דיינע פיס! איך וועל מיין נשמה און מיין הארץ אוועקלעגען צו דיינע פיס! איך וועל מיט מיינע ווארימע טרערען צושמעלצען דעם אייז, אין וועלכען דיין גוטעס הארץ איז פערשמיעדט... אייבי, איך וויל דיך ליעב האָבען, און דו לאָזט ניט... איך האָב זיך געשעהמט דיר זאָגען, האָסטו ניט געוואוסט, וואָס איך פיהל... איצט ווייסטו און דו וועסט עפענען דיין הארץ צו מיר...יא! יא! מיר וועלען ווידער זיין גליקליך, ווי אמאָל, ווי אין רוסלאַנד! און מיר וועלען ווידער האָבען א היים. (לאַכט און וויינט

פון פרייד, שרייט ליידענשאפטליך). טייערער, איצט ערשט װעלען מיר זיך איבערבעטען! אַי! איהר װעט זעהן, װי מיר װעלען זיך איבער־בעטען! װי דאָרט! װי אין דער היים! װי אין דער היים! װי אין דער היים!...

(פאָרהאנג).

צווייטער אקט.

מיט עלף טאָג שפּעטער.

(דאָס זעלבע צימער, אָבער אלעס אין אַ שרעקליכער אונאָרדנונג.ביידע טישען צוזאַמענגערוקט. די שטולען איבערגעקערט איינע אויף די אַנדערע. אין מיטען שטוב אַ שיסעל מיט וואַסער. אַלע ראָגס צוזאַמענגעדרעהט. נאָר אין קלאָזעט אַלעס פערשפּריזט מיט ווייסע פּאַפּיער, עס שטעהען שפּאַגעל־נייע געשיער, מצות און אַנדערע פּסח׳דיגע זאַכען. דער אויוועז אויסגעפּוצט און עס קאָכט זיך עסען אין נייע טעפּ. אויפ׳ן אויוועז אויך אַ שפּאַגעל־נייער טשייניק. הערריי און מוררעי אויפ׳ן פלאָר אונטער די ביינקלעך. הערריי זיצט, מוררעי שטעהט אויף די קניע. זיי צעהלען פּעקלעך מיט געלד, ביידע זעהר דערשראָקען. יעדע מינוט הערען זיי זיך צו).

הערריי: דזשי! איך בין אַזוי עקסייטעד, אַז איך האָב ווידער געמאַכט אַ מיסטייק. (צעהלט).

מוררעי (געהט, פּרוואווט די טהיר. קוקט אַריין אין פענסטער און געהט צוריק): ביינקער, עס איז געווען אַ גרויסע אידעע, און מיר האָבען עס געמאַכט פּלעין אַפּ ענד דאַון... (צעהלט) אָלד טשאַפּ, סמוק אַ סיגאַרעט.

הערריי: איך פּיהל דיזי, ווען איך רויכער.

מוררעי: קאַט איט אַוט! פּוּל! מען סמוקט דאָך נאָר עס זאָל זיין דיזי. (הערריי פערררויכערט). זיי האָבען מיך אַרויסגעלאָזט, אָבער זיי היטען מיך ווי די וואַטשדאָגס!... ביינקער, מען דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג.

הערריי: דאָס געלד דאַרף מען ניט אַרויסלאָזען אויפ׳ן מאַרקעט ביז אַ געוויסע צייט.

מוררעי: יעס, ביינקער... ווי אָבער איך וועל נאָר זעהן, אַז מען מעג יוזען דאָס געלד, וועל איך, ערשטענס, יו נאָו, אַ שפּיעל טהאָן אין רייסעס. עס קומט פּונקט דעם שיפּס־העד ביי הענדיקאַפּ. און אויסער דעם, יו נאָו, איך האָב אַ גוירל... די איטאַליען גוירל דאַן־סטעז, אַנגעליקאַ מוסקאַטי... אַ שעהנע, האַ? (זאָגט איהם עטוואָס אין אויער). פּלעין אָפּ ענד דאַון...

הערריי: דזשי! פּע! שאַראַפּ! (שפּייט).

מוררעי: איך האָב זי ניט ליעב זעהר שטאַרק, זיווזי ליוואַי געפעלט

מיר בעסער. אויך נאָר 15 יאהר אַלט, אָבער זי ליעבט צו שטארק שעהנע דרעסעס מיט דזשולערי... אנגעליקאַ מוסקאטי האסט איהר היים און איך האס מיין היים, וועלען מיר ביידע אנטלויפען ווייט אין דער וועסט. סעי, וואוהין דיין פּאפּאַ איז געלאָפען ווייסט מען נאָך אַלץ ניט? הא? היינט איז אזאַ צייט, וואָס מען האלט אין איין לויפען. אַלע לויפען! פלעין אפ ענד דאון. מען האָט ניט אויסגעפונען וואו ער איז?

הערריי (קראַצט זיך אין דער פּאטילניצע, זעהר פערצווייפעלט): פּור מאַמאַ! אָה, פּור מאַמאַ!

מוררעי: ער שרייבט ניט און לאָזט ניט הערען פון זיך?

הערריי: דזשי! ער זאָל שרייבען, וואָלט דאָך ניט געווען אַזוי שלעכט.

מוררעי: ביינקער, דהער איז ע וואומען אין דהי קיים... דיין פּאפּאַ איז אַ סמארט פעללאָו און וועט ניט לויפען ווי מיין מאמא לויפט... מיין מאמא איז עו קרייזי ראָשיען נייהיליסט, ענד אי העיט האָר. דער פּאפּאַ איז פערליעבט אין איהר ווי אַ קאָטער. הי איז ע פול, פלעין אפ ענד דאון...

הערריי: אָה, שאראפּ! (צעהלט).

מוררעי: יעס, די קאָמענדמענס זאָגען: עהרע פּאטער און מוטער. פאַר וואָס זאָל איך זיי עהרען? באָש! (רויכערט). ביי דיר איז אנט־לאָפען דער פּאפּאַ; ביי מיר וויל אנטלויפען די מאַמאַ... סעי, ביינקער, און וואָס וועסטו טהאָן מיט'ן געלד, וואָס איך וועל דיר געבען?

הערריי: איך וועל קומען און וועל זאָגען דער מאַמאַ, איך האָב נעבען סיטי האָל געפונען אַ סך געלד... וועט דער פּאפּאַ ניט קומען צוריק, וועט זי דאָס געלד געוויס דארפען... וועט ער יא קומען — וועל איך זי שיקען צו אַ פּראָפעסאָר מאַכען אַן אָפּעראַציע... זי זאָגט, זי איז קראַנק... דזשי! זי וועט זיך פרעהען!

מוררעי: אַ שעהנעם תכלית מאַכסטו פון'ם געלד. סעי, ביינקער, זאָג מיר נאָר, ווי אַזוי, מיינסטו, וועלען מיר זיך טיילען מיט'ן געלד?

הערריי: וואָס הייסט, ווי אַזוי? פופציג און פופציג. סעי, ראָקעפעלער, דאַרפסט וויסען, איך וויל ניט פערלייקענען, איך האָב פון'ם געלד גענומען צוויי דאָלאַר מיט זעכציג... איך האָב גענדאַרפט בעצאָהלען פאַר אַן אדווערטייזמענט אין אַ דזשואיש פּייפּער.

מוררעי (בייז, הערט ניט): וואָס? דו ווילסט האַלב? קאַט איט אוט! מיין פּלאַן! מיין אידעע!... איז אַ קליינעם באַי ווי דו ניט גענוג

צעהן, צוואנציג, דרייסיג דאָלאר פאר אזא דזשאב? (הערערי האָט דער־ווײַלע צוזאמענגעראָלט דאָס געלד צוריק אין סעטשעל אריין).

הערערי: נאָ, סער! מיר זיינען גלייכע פארטנערס אין די ביזנעס. פופציג פראָצענט נעהם איך! קיין סענט ווייניגער!

מורדעי: קאם און! איך וועט א קוואָדער געגען דיינעם א ניקעל, אז דו וועסט נעהמען ביליגער. (שטעקט זיין האנד אין קעשענע). א קוואָדער געגען א ניקעל!

הערערי: איך דארף ניט בעטען... איך נעהם פופציג פראָצענט...

מורדעי (ווילד): אזוי? דו נעהמסט? און אז איך גיב ניט? דו, דעם... פול! (גיט איהם א זעץ איבער׳ן קאָפּ).

הערערי: אויב דו גיסט ניט? געה איך און מאך א תל פון דער גאנצער חתונה.

מורדעי: דו וועסט אויסזאָגען? אך, דו פערדאמטער לומפּ! ראסקאל! אי ווילל קילל יו, פלעין אפּ ענד דאון!... אי ווילל קילל יו! (ער הויבט איהם אָן שלאָגען זעהר גרויזאם. הערערי ראנגעלט זיך שטיל, דאן הויבט ער אָן וויינען און שרייען. מורדעי ווארפט איהם אום און שטיקט איהם).

הערערי: נאָ! נאָ! מאמא! (בת־שבע קלאפט אין טהיר).

בת־שבע (פון דרויסען): וואָס איז דאָרט? וועה איז מיר! עפען די טהיר! (זי וויל מיט געוואלט אויפרייסען די טהיר. הערערי בעהאלט ביי זיך דעם סעטשעל מיט געלד און לויפט עפענען. בת־שבע קומט). וואָס איז? וואָס האָסטו געוויינט? וועה איז מיר! ער האָט דיך געשלאָגען? (זי איז נעט געקליידעט, טראָגט א העט).

הערערי: ע, גאָרניט, מאמא! מיר האָבען געמאכט שפּאס... דאָס איז א דזשאָוק. ראָקעפעלער, האָו דו יו לאַיק איט? זי מיינט דו האָסט מיך געשלאָגען... דזשי! איך זעה אז ביי דיר זיינען די אויגען פערוויינט. האָסט שוין געוויינט ווידער?

בת־שבע: איך? דאָס איז פון ווינד. זעה, וואָס אין שטוב טהוט זיך... עס איז שוין כמעט יום טוב... אי, וועה איז מיר! (געהט אין בעד־רום). איין מינוט, מורדעי, איך וויל מיט דיר רעדען, פלעין אפּ ענד דאון. (ראש אָב אין בעדרום).

מורדעי: ביינקער, איך האָב דיר זעהר וועה געטהאָן? פליז, קאַט איט אוט.

הערערי: נעווער מיינד... אָלראַיט.

מורדעי: טייק מאי וואָירד אָוו האָנאָר, איך האָב עס ניט געמיינט.

ביי דזשאַ, דו ביסט מיין איינציגער גוטער פריינד אויף דער גאַנצער וועלט. ביינקער, שייק הענדס. (זיי דריקען זיך די הענד. אַ געוויש). שש! דו האַלט ביי זיך דערווייל די גאַנצע געלד. בי קערפול, ביינקער.

הערדי: דהעט איז אַלראַיט, ראַקעפעלער. (ביידע לאַכען פריינדליך. בת־שבע קומט צוריק אַהן אַ העט, אין אַ פאַרטוך, פערקאַטעשט די ארבעל און נעהמט זיך האַסטיג ארבייטען).

מוררעי: מעדעם, וואָס קען איך טהאָן פאַר אייך?

בת־שבע (בייז): די בעסטע זאַך, וואָס דו קענסט טהאָן פאַר מיר — איז געהן צו אַל־די שווארצע יאָהר!

הערדי: ע! שאַראַפּ!

בת־שבע: איך האָב גערארפט אויסבייטלען אַלע חלומות צו דיין קאָפּ. אָבער מיין האַרץ איז מיר געגוג צובראָכען אָהן דיר. איך בעט דיך מיט גוטען: געה ניט אַהער! איך האָב גענוג צרות אָהן דיר. האָסטו געזעהן! האָט זיך צוגעקלעפּט צום קינד, ווי אַ געשוויר צו אַ פלאַסטער! (רוימט פלינק).

הערדי: מאַמא, ליוו הים עלאָן!

בת־שבע: ביסט פריהער געווען אַ שעהנער תכשיט, איצט ביסטו שוין געווען, דאַנקען גאָט, ארעסטעט אויך... מוררעי, מיין קינד איז גענוג אונגליקליך אָהן דיר. ביסט דאָך אַ קלוגער באָי, פאַרוואָס ווילסטו זיך ניט פיהרען ווי אַ מענש און...

מוררעי: עה! קאַט איט אוט!

בת־שבע: איך וויים, דו לאַכסט פון מיר. מעגסט לאַכען, אָבער פון יענער זייט טהיר!

הערדי: מאַמא, ער לאַכט ניט פון דיר. דזשי! ער זאָל לאַכען פון דיר, וואָלט איך איהם אונטערגעזעצט ביידע אויגען!...

בת־שבע: האָסט אַ היים, האָסט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען, איהר האָט רומס... געה זיך דיר געזונדערהייט און ד׳ יצליח דרכיך!

מוררעי (טהוט אָן זיין היטעל, פעררויכערט): מאַדאַם ריבקין, עס עס איז וואהר, אי עם ווערי בעד, באָט אי דאָנ׳ט קער... וואוהין זאָל איך געהן? אונזערע האָבען רומס, אָבער איך האָב ניט קיין היים. איך האָב קיינעם ניט...

בת־שבע (פערברעכט די הענד): אָט האָסטו דיר אַמעריקאַ! קינדער האָבען, דאַכט זיך, טאַטע און מאַמע און וואַקסען דאָך אַזוי ווי יתומים. וועה איז מיר, זיי האָבען רומס און האָבען ניט קיין היים!...

מוררעי: מרס. ריבקין, מאַנכעס מאָל לאַך איך טאַקע פון אייך, ווייל

איהר זייט אַ גרינהאָרן. אָבער איך רעספּעקטיר אייך, ווייל איהר זייט אַ גוד מאָדהער טו דהאַט ליטל קיד... (גערירהרט) און איך? יו סי, איך בעט אַ דאָלאַר געגען אייערע צעהן סענט, (שטעקט זיין האַנד אין קעשענע). קאַם אָן! אַ דאָלאַר געגען אַ דיים! — אז איך בלייב דאָ גאָר אין גאַנצען ניט. יעס, איך וועל זעהר גיך אַוועק פון דאַנען און וועל ניט קומען צוריק, ביז איך וועל ניט ווערען רייך ווי ראָקאַפעלער... פלעין אַפּ און דאַון, גוד ביי!! (געהט ראַש. אַנטקעגען קומט לינאַ, זי וויל איהם פערהאַלטען. ער רייסט זיך אַרויס און אַב. לינאַ טראָגט אַ ראַפּער, היימיש).

לינאַ: שעהנעם רעספּעקט צו אַ מאַמען! דער פאָטער וויל פּאַר איהם אַ דין תורה האָבען און ער לויפט. אי, די אַמעריקאַנער קינדער! איך האָב איהם געלאָזט וואַקסען אַ פריי׳ען מענשען און ער האַנדעלט ווי אַן אַרעסטאַנט... דאָקטאָר קאָזליק האָט ניט לאַנג געהאַלטען אַ לעקטשור איבער זשאַן זשאַק רוסאָ׳ס „עמיל“... און די פילאָזאָפיע פון פּעדאַגאָגיע... נו, וואָס הערט זיך ביי אייך, מרס. ריבקין? קיינע נייעס? (הערררי געהט אַרוים אין בעדרום אויף אַ מינוט. בת־שבע רוימט,— רעדענדיג, צושטעלט דאָס מעבעל, לעגט די ראָגס, צושטעלט די טישען, בעדעקט זיי מיט ווייסע טישטוכער, אַלעס ווערט לעבעדיג אונטער איהרע הענד).

בת־שבע (זיפצט): קיינע נייעס! די ערשטע טעג האָב איך זיך געשעמט, נאָכדעם, אָבער, וואו בין איך ניט געוועזען און ביי וועמען ניט געפרעגט? אי! איך זאָל וויסען זיכער, אז ער לעבט, נאָר ער איז ברוגז, וואָלט מיר ניט געוועזען אַזוי שווער דאָס איבערצוטראָגען. מרס. וויים, עס איז שוין היינט דער עלפטער טאָג, אז ער איז אַוועק און... איך האָב מורא, אפשר האָט, חלילה, מיט איהם אַן אונגליק פּאַסירט.

לינאַ: נישקשה, דער ניט־דאָ־געדאַכט וועט איהם ניט נעהמען... (הערררי קומט צוריק, זעצט זיך צום טיש און מאָהלט עפּעס אויף אַ פּאַפּיערעל).

בת־שבע: ער האָט געזאָגט, עס וועט מיך טייער קאָסטען, האָב איך שוין אויסגעוויינט אַלע טרערען... וואָס נאָך וויל ער? (בעהערשט זיך) עס איז ערב יום טוב און איך האָב דאָך אַוועקגעוואָרפען די גאַנצע אַרבייט, און בין נעפאָהרען אין די בראָנקס צו איהר... געבלאָנדזשעט און געפונען זי... וואָרום זי קען געוויס וויסען, וואו ער איז...

לינאַ: ווער? איהר מיינט בעסי שטיינבערג? נו?

בת־שבע: נו, נו! מיין גליק! איך האָב זי ניט געטראָפען אין דער היים. זי איז געגאַנגען מאַכען צו אַ קראַנקען... ווי רופט מען דאָס? וואָס מען רייבט דעם גוף?...

לינאַ: מאַסאַזש. איך האָב געהערט, זי מאַכט אַ סך געלד פון מאַסאַזש.

בת־שבע: איך האָב געוואָרט דאָרט ביי איהר און געוואָרט... א קליינינקייט ערב יום טוב! איך בין געזעסען ווי אין געהאַקטע וואונדען... א מיידעל עפּעס האָט מיך פערשריבען און איך בין אוועק אהיים אבל וחפוי ראש. איהר וועט גלויבען, ווען איך האָב געזעהן אין אַלע קאָרס, אין אַלע סטאָרס, אויף אַלע גאַסען ניט נאָר פרעהליכע, צופריעדענע ווייבער, נאָר מענער געהען אום און קויפען זאכען אויף יום טוב, בין איך בעגאָסען געוואָרען מיט ביטערע טרערען. אין אַמעריקא אפילו איז דאָך אויך דאָ מענשען, ביי וועלכע יום טוב איז יום טוב. נאָר ביי מיר איז א חורבן. אַי! א שעהנעם סדר וועלען מיר היינט פּראַווען.

הערריי: נעוועך מיינד, מאַמאַ! איך וועל פרעגען ביים זיידען די קשיות... און עס וועט זיין אָלל־ראַיט.

בת־שבע: אָלל־ראַיט. הא? ביזט א גוטער, העררינקי. האָסט נאָר געדאַרפט האָבען מעהר גליק, מיין קינד.

הערריי: אַי עם סאַטיספּייד...

לינאַ: זעהט איהר, איהר לויפט זוכען אייערען און איך געה אַליין אוועק פון מיינעם. איהר ווייסט? מיר שיידען זיך.

בת־שבע: הא? איהר גט זיך? וועה מיר! זעה נאָר, ווי זי זאָגט עס מיט א קאַלטען לונג און לעבער!...

לינאַ: גט'ן זיך? דומהייטען! מיר צוגעהען זיך פון זיך אַליין, ווי אינטעליגענטע מענשען. איך וויל זיין אינדיפּענדענט, זעלבסטשטענדיג. איך וויל לעבען בעזונדער ניט ווי א פרוי, נאָר ווי א מענש. יעס, איך געה זיין אַן אַגענט פון דער „זשואיש ענציקלאָפּעדיע".

בת־שבע: ווער איז דאָס?

לינאַ: אַזעלכע ביכער פערקויפען. יעדער איד, יעדער מענש זאָגאָר, דאַרף דאָס האָבען. איהר ווילט וויסען, צום ביישפּיעל, ווער איז געוועזען דער גרעסטער אידישער פּרייז פייטער? דאָרט איז עס פערשריבען. ווער איז געוועזען דער צווייטער וויים־פּרעזידענט פון אַזאַ און אַזאַ סינאַגאָגע? דאָרט איז פערשריבען. אויף וועלכע שפּראַך האָט דער עזעל פון חומש גערעדט צו בלעם'ען? — פערשריבען. אַלעס פערשריבען. און פון יעדען סעט קריג איך צעהן דאָלאַר. ווער וועט עס ביי מיר ניט קויפען? איך בין דאָך אויסגעבונדען און אויסגעפלאָכטען מיט אונזער גאַנצע רוסישע אינטעליגענציע...

בת־שבע: אַי! מיר זאָל ניט זיין אַזוי ביטער אויפ'ן הארצען, וואָלט איך עס געהאַט כח צו לאַכען פון אייך. וואָס מאַכט איהר אייך נאַריש? אַן אַלטע אידענע נעהמט און שפּרינגט ארויס פון די כלים!

לינאַ: איך בין אַן אַלטע? איהר האָט שכל! מיין זוהן איז טאַקע

18 יאָהר אַלט, אָבער ווען איך האָב חתונה געהאַט, בין איך געווען אַ קינד. דאָס הייסט אַלט ביי איך?

לינאַ: זאָל זיין, איך וועל איך אַ טובה טהאָן, עס איז ניט אַלט, אָבער וואָס הייסט, איהר וועט זיין דער אַגענט? און וואָס וועט זיין דער מאַן? איהר ווילט געהן אין די הויזען, און וואָס וועט טהאָן מר. פיליפּ, מר. וויים מיין איך?

לינאַ: דער מאַן, מר. וויים? ער טענה'ט נעבעך היינט אַ גאַנצען טאָג. צו דער אַרבייט היינט ניט געגאַנגען, צוטראָגען שרעקליך. ער וויל זיך פערלאָזען אויף מענשען. ער האָט געוואָלט אונזער אייגענער זוהן זאָל דער ריכטער זיין. נאַרישקייטען! מיר איז אומעטיג אַזוי צו לעבען... איך וויל עפּעס טהאָן... איך וויל עפּעס זיין. נו, אַם ווענינסטען, זיין אַן אַגענט... דער אימפּולס פון מיין אייגענעם ווילען...

הערדי: אָה, דזשי! (פיליפּ'ס שטימע).

בת־שבע: זעהסט, מיינעם וויפיעל מען דערמאָהנט — קומט ער ניט, אייערער איז שוין דאָ!... (מען קלאַפּט) קומט אריין מר. פיליפּ, מר. וויים, מיין איך. (פיליפּ קומט, אַ ווייסע העמד אָהן אַ קאָלנער, אַן אַלטער פּידזשאַק אָהן אַ וועסט. גרויסע סליפּערס מיט אָבגעטראָטענע קנאָפּלען. דער קאָפּ ניט פערקעמט, ענטמוטהיגט. רעדט נאָך לאַנגזאַמער ווי געוועהנליך).

פיליפּ: לינאַ, וואָס־זשע ביזטו געבליבען דאָ זיצען? מרס. ריבקין, עסקיוז מי, איך וויים, איהר האָט אייגענעם טראָבעל, איף יו פּליז, דאָך, מיר זיינען נייהבורס פּונקט אַזוי, אַי בעג יור פּאַרדאָן, ווי אייגענע מענשען. זאָגט אַליין, דאַרף זי דאָס טהאָן? שוין אַ דערוואַקסענער זוהן, און איך, עסקיוז מי?

לינאַ: וואָס מיינסטו, איך האָב זיך פערקויפט אויף אייביג? איך וויל זיין ווי אַ מענש, ניט ווי אַ פרוי. ווי זאָגט איבסענ'ס נאָרא: איך בין ניט קיין פּופּע!...

פיליפּ: ווער זאָגט דען, חלילה, אַז דו ביזט אַ פּו..., אַי בעג יור פּאַרדאָן, אַזאַ שענדליכע זאַך? איך פרעג נאַר, וואָס פעהלט דיר, חלילה?

לינאַ: וואָס מיר פעהלט? איך וויים אַליין ניט. איך וויים ניט, נאָך וואָס לעב איך... מיר איז זעהר אומעטיג אין דער היים.

פיליפּ: דיר איז אומעטיג? איף יו פּליז, איך קען ניט זיין שטענדיג מיט דיר. איך מוז דאָך אַרבייטען. אָבער ווייטער... אדרבה זאָג אַליין. אומעטיג? עסקיוז מי, געה צו די געבילדעטע מענשען, צו די לעקטשורס, פערזאַמלונגען, טהו דאָרטען די אַלע זאַכען, וואָס דו האָסט ליעב. אָבער נעהמען און אוועקוואַרפען אַ היים? לינאַ, נעהמען און צוברעכען אַ היים?...

בת־שבע: וועה איז מיר! ברעכען א היים אין אמעריקא איז זעהר גרינג. איהר וועט אפשר לאכען פון מיר, אבער איך וועל אייך זאגען, ביי אונז דארטען אין קליינעם שטעדטעל, אין רעמאגאלע, איז יעדע היים צוגע־דעקט מיט א בעזונדערען דאך. פרעמדע קענען באלד ניט וויסען, וואס ביי יענעם אונטער'ן דאך טהוט זיך און אליין שעהמט מען זיך פון אן אייגענע היים אלץ ארויסצוטראגען. דא אבער לעבען 28 משפחות אונטער איין דאך... מען לעבט ווי אין דרויסען, אויף א מארק. אלע צוזאמענגעמישט. און מען פערליערט די בושה איינער פאר'ן אנדערען...

לינא: קליינשטעדטעלדיגע פילאזאפיע!...

פיליפ: לינא, דו הערסט, וואס מרס. ריבקין זאגט? זי איז טאקע א פראסטע פרוי און דו ביזט א געבילדעטע, בוט איף יו פליז, וואו איז בושה איינער פיר'ן אנדערען? אלץ איז אין דרויסען... מענשען זעהען. אי בעג יור פארדאן.

לינא: פאר וועמען זאל איך אין אמעריקא האבען בושה? פאר בודלערס, היפאקריטען, גנבים און איגנאראנטען?

בת־שבע: אי, דאס איז דאך דאס אונגליק, וואס מיר האבען דא ניט פאר וועמען צו שעהמען זיך! דערפאר לעבען מיר דא אין א הפקר־וועלט...

לינא: ניין! אזא היים איז פאר מיר קיין היים ניט!

פיליפ: לינא, מיר וועלען מופען, אי בעג יור פארדאן, אין שעהנערע רומס, און איך וועל נעהמען נייע פארניטשור אויף אינסטאלמענט.

לינא (בייז): געגען פרינציפען מיט אידעען שטעלט ער מיר אן ארגומענט פון פארניטשור מיט אינסטאלמענט. פארניטשור, מיינט ער, איז א היים! (בייז, אב).

בת־שבע: מר. פיליפ. דאס איז זי גערעכט. ווען פארניטשור מאכט א היים, וואלט די בעסטע, די גליקליכסטע היים געוועזען אין א פארניטשור־סטאר...

פיליפ: מרס, ריבקין, אי בעג יור פארדאן, איהר זייט א גוטע... פליז, רעדט מיט איהר, זאגט איהר, טאקע, „אינדעען" מיט פרינציפען, און וואו איז רחמנות? (טרערען) מענשליכקייט, איף יו פליז? איהר ווייסט דאך יא, ווי ביטער עס איז, ווען א מאן, עסקיוז מי, וויל ניט אטענדען... איך וועל דאס ניט אויסהאלטען. ביי, ביי (לאנגזאם אב).

בת־שבע: פע! אז מען קוקט אויף זיי, ווייזט זיך אויס, אז דאס גאנצע לעבען איז ניט מעהר ווי א מיאוס'ער חוזק... (רוימט) אי! כל זמן זיי האבען דא גערעדט, האט מיין אונגליק געשוויגען. איצט האט מיר מיין

הארץ וויעדער אָנגעהויבען ציהען, רייסען און דריקען — ניט קיין בריעף, ניט קיין גרוס... גליך ווי מיר וואָלטען שוין מעהר אויף דער וועלט ניט געווען. העררי, דו ביזט דאָך מיין גרויסער חכם, זאָג דו מיר, מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיגען?

העררי: מאַמאַ, די וועלט ענדיגט זיך נאָך ניט.

בת־שבע: און אַז די וועלט איז דאָ, וואָס וועלען מיר טהאָן? דער פּאַפּאַ קומט ניט מעהר צו אונז.

העררי: איך מיין, עס קען זיין, ער וועט איצט שוין יא קומען...

בת שבע: וואָס מיינסטו? קינד, האָסט עפּעס געהערט אין סטריט? האָסט וועמען געזעהן?...

העררי: דו האָסט היינט ניט געלעזען קיין אידיש פּייפּער?

בת־שבע (זעהר דערשראָקען): אין די אידישע צייטונגען? אַ שלאַג האָט מיך געטראָפען!... וואָס איז?

העררי: אָה, דזשי! דהע זשואיש פּיפּעל — נאָר עפּעס שרעקען זיי זיך און שרייען... איך האָב נעכטען אריינגעשטעלט אַ בריעף צום פּאַפּאַ... איך וויים, ער לעזט דעם פּייפּער יעדען טאָג... ער וועט עס געוויס לעזען... (גיט איהר אַ אידישע צייטונג) אָט איז דאָס...

בת־שבע: אַ בריעף? העררי, איך האָב מורא, אַז ער וועט זעהן זיין נאָמען געדרוקט אין די פּייפּערס וועט ער נאָך ערגער בייז ווערען; (זי קעהרט דאָס בלאַט אויף אַלע זייטען, זעהר אויפגערעגט, איהר האַנד ציטערט) וועה איז מיר! וועה איז מיר! וואָס אַ קינד פאַלט איין צו טהאָן!

העררי: איך האָב ניט דערמאָהנט זיין נאָמען, אָבער ער וועט פערשטעהן באַלד. איך זאָג איהם גאָר ניט, איך בעט נור, ער זאָל האָבען רחמנות אויף אונז. וואָס זוכסטו? אָט דאָ איז דאָ, וואו עס שטעהט „פּערזענליכעס“. אין די אידישע פּייפּערס איז אַלע טאָג דאָ אַזעלכע זאכען.

בת־שבע: אַזוי? מיר זיינען ניט די איינציגע מיוחסים? דאָס איז דאָס... אי! (זיפצט שווער, לעזט איבער שטיל, אומאַרעמט העררי'ן, וויינט ביטער) הערצעניו, דאָס האָסטו אַליין אויפגעשריבען? דיין הערצעלע פּיהלט, ווי גרויס דער מאַמע'ס וועהטאָג איז? האַ? און איך האָב געמיינט, אַז אַזאַ קינד, ווי דו, פערשטעהט נאָך גאָר ניט. אי, חכם מיינער! (דריקט איהם צו זיך, לעזט הויך): „טאַטע, עס איז שוין היינט דער עלפטער טאָג, אַז דו קומסט ניט אהיים. מיר וויסען ניט, וואו דו ביזט און מיר האָבען זעהר גרויסע יסורים. (טרערען שטיקען זי). די מאַמע וויינט אַ גאַנצען טאָג. (וויינט, קען ניט לעזען). קום אהיים, טאַטעניו, קום צוריק צו אונז. האָב רחמנות אויף מיין אָרימע גוטע מאַמע. (זי וויינט, ווישט די טרערען און לעזט

וויטער). אָה, פּאַפּאַ, זיי ניט שלעכט צו מיר. איך בין דאָך דיין איינציגער באַי און איך בין נאָך צו קליין. און וואָס וועט די אָרימע מאַמע טהאָן אַליין, אויב איך וועל ש ט אַ ר ב ע ן... (שיסט אויס מיט אַ יאָמערליכען געוויין). אָדער אויב מען וועט מיך אַוועקשיקען אין פּריזאָן? דיער פּאַפּאַ. קום אַהיים". (זי וויינט. פּויזע). יאַ, ער וועט וויסען, ווער עס שרייבט. זיין האַרץ וועט איהם זאָגען... דיך האָט ער דאָך ליעב. מיין קינד... דיך יאַ... אָבער, הערריגיו, וואָס איז דיר איינגעפאַלען צו שרייבען, אַז דו וועסט שטאַרבען, חלילה, אָדער געהן אין פּריזאָן?

הערערי: דזשי! מע קען וויסען אין אַמעריקאַ? יעדער קען דאָ פּלוצלינג שטאַרבען, אָדער פּלוצלינג געהן אין פּריזאָן.

בת־שבע: זאָל איך דאָס בעסער ניט דערלעבען! אַי, וואָס מיינסטו, אין אַמעריקאַ איז טאַקע נאָר אָדער דער קבר, אָדער דער פּריזאָן די איינציגע זיכערע היים. (לעזט נאָך אַמאָל) „מיר האָבען זעהר גרויסע יסורים. די מאַמע וויינט אַ גאַנצען טאָג". יאַ, איך וויין! איך וויין טאָג און נאַכט, אָבער וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען מיינע טרערען! (וויינט).

הערערי: אָה, דזשי! יו בעטער סטאַפּ! וואָרום אַז דו וועסט ניט אויפהערען וויינען, וועל איך אויך נעהמען און וועל ענטלויפען פון דער היים. ניין! ניין! — דיער מאַמאַ! איך זאָג עס נאָר אַזוי, ווייל איך וויל ניט דו זאָלסט וויינען.

בת־שבע: מיין זוהן, איך וועל ניט וויינען מעהר! (מאַכט זיך פּרעה־ליך) באַלד קומט יום טוב און מען טאָר ניט וויינען. (פּאָרעט זיך ביים אויווען). פיש וועלען מיר היינט עסען קאַלטע און די יויך וועט מסתמא האָבען היינט אַ טעם פון חלשות.

הערערי: מאַמע, דו מאַכסט היינט ניט קיין בולעטס... די קניידלעך?

בת־שבע: יאַ, אַמת'ע סאָלדאַטסקע פּוליעס... אַז איך בין אַוועק־געגאַנגען האָב איך געוואָלט בעטען די מיסים פּיליפּ, זי זאָל אַכטונג געבען... אַ שעהנע שכנה! קען מסתמא אַזוי קאָכען, ווי דאָקטאָר קאָזליק... און מע מעג זיך דען פערלאָזען אויף איהר? זי קען נאָך, חלילה, אונמיסטען עפּעס חמץ'־דיג מאַכען... אָן אַגענט וועט שטעהן ביים פּריפּעטשאָק!... נאַ! אומגעבלאָנ־דזשעט אַזוי פיעל צייט אין די בראָנקס — און גאָר ניט!... מילא יום טוב — איז יום טוב. איצט, מיין זוהן, וועל איך דיר אויף גיך ענדיגען דיין נייעם ארבע כנפות אויף פּסח. (נעמט אַ ניט געענדיגטען ארבע כנפות, זעצט זיך געשווינד נעהען און זינגט זיך שטיל און טרויעריג). דער זיידע וועט קומען וועט ער דיר איינמאַכען נייע, כשר'ע, פּסח'דיגע ציצית.

הערערי: אָה, דזשי!

בת־שבע: יא, מיין קינד. אז מע טראָגט ציצית, היט גאָט אָב און דער שלעכטער ניט־דאָ־געדאַכט קען צו דיר ניט צוטרעטען.

הערריר: און איך וועל דיר וועטען, אז איך וועל דאָס אפּילו טראָגען, וועט א דעטעקטיוו דאָך קענען צוטרעטען צו מיר און מיך ארעסטען...

בת־שבע: וואָס ליעגען דיר דעטעקטיווס אין זינען? דו ביזט, חלילה, ניט מוררעי... דו ביזט ביי מיר אַן עהרליך, אַ כשר קינד. דו ביזט מיין איינציגע פרייד, מיין נחמה, מיין טרויסט. און זעה בעסער, וואָס פאר א שעהנעם ארבע כנפות די מאַמע האָט דיר אויפגענעהט. מורזיקעל מיינער! זעהסט? אי! געוואַלד! געוואַלד! וואו נעהמט מען אזעלכע קינדער! (דריקט איהם שטאַרק צו זיך, זעצט זיך נעבען איהם. נעהט). איך געדענק, שוין לאַנג, לאַנג האָב איך געהערט דערצעהלען, ווי אזוי א אינגעלע, אזעל־כער ווי דו, איז אמאָל שבת צו נאַכט ארויסגעלאָפען פון שטוב אָהן אַן ארבע כנפות... דו הערסט, הערריניו?

הערריר: יעס, מאַמאַ... איך האָב זעהר ליעב די רושיען סטאָרים...

בת־שבע: הערט ער ווי א שטימע רופט איהם און זאָגט: אינגעלע, אינגעלע, קום אהער! ער זעהט קיינעם ניט און הערט, מע רופט איהם, לויפט ער נאָך דער שטימע. ער לויפט און לויפט — די שטאָדט איז שוין ווייט הינטער איהם, (זי דערצעהלט מיט זעהר פיעל ערנסטקייט). זעהט ער פאר זיך א גרויס פעלד, פול מיט בלומען און געלע זאַנגען. עס ווייזט איהם אויס, עס איז גאָר ניט נאַכט, די זון שיינט העל און די פויגעלעך זינגען פרעהליך... און ער מיינט, עס איז איהם אזוי גוט. (מאַכט א פויזע און בייט איבער דעם טאָן). ערשט א שעהנע פאַניענקע הויבט זיך אויף הויך, הויך פון דער ערד, שטרעקט אויס צו איהם א גרויסען גאָלדענעם צלם און זאָגט: אינגעלע קוש דעם צלם, וועסטו ניט האָבען קיין זאָרג אין דיין לעבען... ער זאָל, חלילה, א קוש טהאָן, וואָלט ער קיינמאָל ניט געקומען צוריק... יא, הערט דער אינגעלע ווייט, ווייט ערגעץ לאַכט איינער מיט אזא קול, אקוראט ווי מען שרייט אריין אין א לעערע פאַס, אָדער אזוי ווי דאָס הירזשען פון א ווילדען פערד. עס לאַכט, און דער געלעכטער הילכט שטאַרק און טראָגט זיך איבער'ן פעלד ביז'ן וואַלד: האָ! האָ! האָ! האָ! האָ!

הערריר (שטאַרק פעראינטערעסירט): אָה, דזשי!

בת־שבע: דאָ האָט דער אינגעלע פערשטאַנען, אז די ניט ריינע ניט־דאָ־געדאַכטען, פיהרען איהם ארום. ער וויל זיך כאַפּען ביי די ציצית — ניטאָ! האָט ער, נעבעך, אָנגעהויבען שטאַרק שרייען: מאַמע! מאַמע! האָבען „זיי" איהם באַלד אָבגעלאָזען און אַלץ איז פערשוואונדען געוואָרען. יא, פון פיעלע אונגליקען ווערען קינדער ניצול דערמיט, וואָס אז עס ווערט זיי

שלעכט, שרייען זיי: מאמע, מאמע! הערריניו, ווען איך האב דיר פריהער דערהערט, ווי דו שרייסט מאמע, האט זיך מיר מיין הארץ אבגעריסען.

הערריי: אה, דזשי! פואור מאמא!

בת־שבע: יא, הערריניו, דער מאמע׳ס זכות איז זעהר גרויס. ווערה איז מיר, א קלייניגקייט א מאמע! הלואי וואלט איך איצט דא געהאט א מאמע... איך בין א פרעמדע אין א פרעמדען לאנד — (ביידע ווערען אנט־שווינגען. לאנגע פויזע. לינא עפענט שטיל די טהיר. זי איז אנגעטהאן. א העט אויפ׳ן קאפ, אן אלטער „וואלים" אין האנד).

לינא: גוד ביי, מרס. ריבקין, איך בלייב דא מעהר ניט. איך געה אוועק. גוד ביי, הערריי!

בת־שבע (ערשטוינט): שוין? אה, וועה איז מיר!... משוגעים! (פיליפ ערשיינט אין האל).

לינא: אז מען וויל פרייהייט, דארף מען ניט זיין סענטימענטאל. גוד ביי... (זי בלייבט שטעהן אין טהיר).

פיליפ (אין האל): לינא, דו האלסט דאך זעהר שטארק פון דאקטאר קאזליק, אדרבה, עסקיוז מי, לאמיר זיך פערלאזען אויף איהם. זאל ער זאגען, איף יו פליז, אויב עס איז רעכט אזוי?

לינא: דומהייטען!... מען דארף זיך אויף קיינעם ניט פערלאזען, נאר אויף זיך אליין. גוד ביי. (אב).

פיליפ (אין האל): לינא, דאס איז זעהר, זעהר שלעכט פון דיר... עסקיוז מי. האסט דאך מוררעי׳ען ניט געזאגט גוד ביי.

לינא (ווייט פון די טרעפ): מיר וועלען זיך זעהן... איך ענטלויף ניט פון ניו יארק.

פיליפ (שטיל): לינא, איך וועל דאס ניט איבערטראגען! (קיין ענטפער). לינא! (די אויפערע טהיר גיט א קלאפ, מען הערט ווי ביי פיליפ׳ן רייסט זיך ארויס א געוויין).

בת־שבע: מר. פיליפ, גאט איז מיט אייך! אי, אז א מאנסביל וויינט, צורייסט עס דאס הארץ. קומט אריין, זיצט. (זי פיהרט איהם אריין, מאכט צו די טהיר, שטעלט איהם א שטול).

פיליפ: טראבעלט אייך ניט, א דאנק.

בת־שבע: איהר ווייסט וואס? היינט ביי נאכט צום סדר זייט איהר אונזער אורח. אייער באי אויך... ער איז טאקע א שארלאטאן, אבער אויך נעבעך עלענד. ע! עס איז דאך פסח. דער טאטע, זאל לעבען, וועט פראווען דעם סדר און הערריניו וועט פרעגען די קשיות, און נאכדעם וועלען מיר אלע עסען סאפער צוזאמען. יום טוב — איז יום טוב! איך האב נאך ניט אלץ

איינגעקויפט, איך לויף שוין אראב... קיין ווין אויף ארבע כופות האבען מיר נאך אויך ניט. (ווארפט ארויף אויף זיך א שאל). העררינקי, דו וועסט זיצען אין שטוב, מיין זוהן. זאלסט ניט פערגעסען געבען דעם זיידען דעם ארבע כנפות. און וועסט איהם פרעגען, אפשר וויל ער א גלאז טהעע. ער האט נאך היינט אין זיין מויל ניט געהאט. ער איז גליקליך, אז ער כאפט א געלעגענהייט צו פאסטען (געהט). מר. פיליפ, מר. וויים, מיין איך, זארגט אייך ניט, איהר זייט דאך דא איצט ניט די איינציגע עגונה... צוויי עגונות! (מיט א געלעכטער, ראש אב).

פיליפ (געהט אום לאנג פערזארגט, ענדליך שטעלט ער זיך אב נעבען העררי'ן): נו, הערריּ, וואס זאגסטו דערויף? איך מיין, וואס איז דיין מיינונג? ביזט טאקע, עסקיוז מי, א קינד, אבער דיין קעפעל איז ניט אזוי פערדרעהט, ווי ביי עלטערע מענשען. זאג אליין, דארף אזוי זיין? הא?

הערריּ (אין א פערלעגענהייט): אה, דזשי!

פיליפ: טאקע, עסקיוז מי, „אינדעען" מיט פרינציפען, אבער וואו איז דער מאן, איף יו פליז?... און רחמנות אויף א מענשען, הא? (זיפצט, געהט אום. מורדעי גיט א פייף און עפענט ראש די טהיר).

מורדעי: איך האב געזעהן פון קארנער, אז דיין מוטער איז אוועק (דערזעהט דעם פאטער) אה, היר הי איז! דו דארפסט יעצט לעמאנ־דראפס, איא? „איף יו פליז!"

פיליפ: נו, טאקי, מורדעי, וואס זאגסטו? האט מען זיך געקענט ריכטען....

מורדעי: ע! קאט איט אאוט... גיב מיר א מעטש, אז דו האסט. (דער פאטער גיט איהם א מעטש. ער פעררויכערט א סיגארעט) סעי, דארפסט זיך ניט זארגען. איך וועט צוויי דאלאר געגען דיין קוואדער, אז זי וועט זעהר גיך קומען צוריק, פלעין אפ ענד דאון. (שטעקט זיין האנד אין קעשענע) קאם אן! צוויי דאלאר געגען דיין קוואדער... א זעלבסטשטענדיגע לעדי! באש!

פיליפ: עקסקיוז מי, ביסט א יונגאטש מיט א לויפער.

מורדעי: זי זאל ניט זיין קיין רוסישע, וואלט זי אזוי ניט געהאנדעלט. אי העיט אלל דהי ראשענס! זיי גלויבען ניט אין גאט, ניט אין גאווערנמענט, ניט אין רעליזשען, ניט אין מאראליטי! (שפייט איבער'ן ליפ).

פיליפ: ווער עס פרעדיגט דא פון רעליזשען מיט מאראליטי! אמעריקא, איף יו פליז!

מורדעי: איך מעג זיין א לאו לאיף, א ראסקאל, אן אוטקעסט, אבער איך גלויב אין גאט און גאווערנמענט, ענד, אי בעט יו ע דאלאר, אז איך וועל

ווערען רייך ווי ראַקעפעלער, וועל איך זיין זעהר א רעספעקטייבל אמעריקען סיטיזען, פלעין אפ ענד דאון! (ר' יעקב אלחנן קומט אין א רויט טיכעל, א פעקעל מיט וועש. אין א אייס פאפיער עטליכע מצות). העי! אַט איז אייער קרייזי אַלד מען!

הערשי: שאַראַפּ!

ר' יעקב אלחנן: בין איך געווען אין מרחץ. (גיט א טראַכט) מרחץ?... „מ" „ר" „ח" „צ" — 338. (לעגט די מצה אין קלאזעט). בעטרעפט פונקט ווי שלג... השלג... דו, הענעך, שרצ, האָסט ניט געוואָלט גיין... און איהר, ר' איד, איהר זייט אויך ניט געווען אין מרחץ?

מורדעי: די מאַמע האָט איהם היינט געמאַכט א מרחץ, פלעין אַפּ ענד דאון...

ר' יעקב אלחנן: ערב פסח זאָל א מענש ניט גיין אין באָד! אַזא זאַך קען זיך טרעפען נאָר אין אמעריקאַ... איך האָב געקראָגען דריי מצות שמורה, צום סדר. הענעך, וואו איז דיין ארבע כנפות? איך האָב דיר געבראַכט ציצית אַן אנטיקעל. אי! אי! אי!

הערשי: אַט איז דער לאַפּסערדאַג... זיידע, די מאַמע האָט דיר געהייסען געבען אַגלאַז טיי.

ר' יעקב אלחנן: טיי? ניין, מיין זוהן. ערב פסח פאַסט איך, ווייל איך וויל ניט גיין צום סדר מיט חמץ אין בויך. חמץ! (פערטראַכט זיך) „ח" „מ" „ץ" — 138. האַ? צמח — אויך 138.

מורדעי: ע! קאַט איט אוט!

הערשי (בייז): שאַראַפּ!.

ר' יעקב אלחנן: זעהסט, דאָס איז ארבע כנפות — פיער עקען, ווייל דער איד דאַרף שטענדיג בעטען גאָט: וקבצנו מארבע כנפות הארץ — גאָטעניו, זאַמעל אונז צונויף פון אַלע פיער עקען פון דער וועלט און ברענג אונז אַהיים אין אונזער הייליגען לאַנד. אי! איך האָב ניט קיין היים. איהר, ר' איד, האָט ניט קיין היים.

פיליפ: ר' יעקב אלחנן, עס איז וואַהר, איך האָב ניט קיין היים.

ר' יעקב אלחנן: יאַ! מיר זיינען אַלע אַהן א היים, ביז מיר וועלען ניט קומען צוריק קיין ציון במהרה בימינו, זעהסט, הענעך, 32 פעדים בעטרעפט וויפיעל לב — א הארץ. דאָס מיינט, יעדער איד דאַרף האָבען א ריין, כשר הארץ... פון יעדער זאַך קען מען האָבען א השגה נור דורך דעם מספר, אין וועלכען עס ליעגט דער סוד מיט'ן רמז... צעהלען איז ספירה... די אומות העולם רופען עס ספערע... פערשטאַנען?

מורדעי: יעס, פלעין אפ ענד דאון. אי בעט יו ע דאלאר גענען א

ניקעל, קאָם אָן! דער מאַן לעבט ניט אין אַמעריקאַ... ער געפינט זיך ערגעץ ווייט אין אַ ווילדע קאַנטרי, ביי די זולוס... סעי, אָלד מען, ביסט אַמאָל געפּאָהרען מיט דעם סאַבוועי?

ר' יעקב אלחנן: הענעך, וואָס מיינט ער דאָס? וואָס איז דאָס?

הערדי: שוין דריי יאָהר אין ניו יאָרק, און דו ווייסט ניט? וואַגאָנעס לויפען מיט עלעקטריק אונטער דער ערד און אונטער'ן טייך.

ר' יעקב אלחנן: אונטער דער ערד און אונטער'ן טייך? וויים איך! אַז איך וועל ניט גלויבען, וועט מיר אויך ניט שאַדען צום שידוך (ביידע באַיעם לאַכען). און ווידער, וואָס געהט עס מיך אָן, וואָס דער גוי מאַכט ביי זיך אין דער היים, אין זיין לאַנד? ר' איד, אונז איז ניט לאַנג געבליבען צו וואַרטען און מיר וועלען אויך אם ירצה השם זיין אין דער היים. איך בין טאַקע 70 יאָהר אַלט, אָבער איך האָף, איך וועל עס נאָך אם ירצה השם דער־לעבען. עס איז אין גאַנצען געבליעבען צו וואַרטען נאָר 31 יאָהר. איצט האָבען מיר תרס"ז לפּק, דאָס הייסט, זעקס־הונדערט־זיעבען־און־זעכציג אין אלף השביעי. און אַ היים וועלען מיר אידען געהן אין תרצ"ח לפּק — אין זעקס־הונדערט־אַכט־און־ניינציגסטען יאהר...

פיליפ: עקסיוז מי, איך בין אַ פּראָסטער מענש... איך פערשטעה ניט אַזעלכע זאַכען. דערצו דאַרף מען, אַי בעג יור פּאַרדאָן, אַ קאָפּ...

ר' יעקב אלחנן: נאָך וואָס דאַרפט איהר אַ קאָפּ? עס איז גאַנץ קלאָר. עס איז אויף דער האַנד, און אַ פּראָסטער מענש קען עס אויך זעהן... עס שטעהט אין ספר הדניאל, און עס איז דאָ טייערע ראיות... עס קען גאָר קיין ספק ניט זיין. איהר ווייסט דאָך, די גאולה אויף אידען וועט קומען נאָר דאַן, ווען עס וועט זיין אויף דער וועלט שרעקליכע צ ר ו ת און די וועלט וועט ווערען פול מיט ר צ י ח ו ת... אין צרות און רציחות ליעגט אונזער גאולה... שטעהט עס טאַקע אין דניאל צוויי מאָל. ערשטענס: ולכד עיר מבצרות, מבצרות הייסט: פון בצורת, און בצרות בעטרעפט 698, פּונקט אַזוי פיעל ווי תרצ"ח, — זאָלסט גזל'ען. קומט טאַקע דער צווייטער פסוק פון ספר דניאל און זאָגט, אַז דער קץ, דער סוף וועט קומען און „ועד קץ מלחמה נחרצת שממות", חרצת פערקעהרט איז תרצ"ח — און עס בעטרעפט 698, און עס וויזט, אַז דער קץ וועט קומען אין תרצ"ח לפּק. און דער חידוש איז, אַז „ובזכותי זה ובא לציון גואל" בעטרעפט אויך פּונקט 698. הפלא ופלא! הא? אי! אי! אי! איהר קענט עס בערעכענען. ובזכותי בעטרעפט — 451, זה — 12, ובא — 9, לציון — 186, גואל בעטרעפט 40, צוזאַמען 698, (ענט־ציקט) דאָס הייסט, תרצ"ח לפּק! איהר מעגט שוין זיין רוהיג, אם ירצה השם אין תרצ"ח וועלען מיר אַלע האָבען אַ היים.

מורדעי: הי איז קרייזי, פּלעין אָפּ ענד דאון!

הערדי: אָה, שאַראַפּ!...

פיליפּ: עקסקיוז מי, ווי קום איך דאָס צו פערשטעהן מיט מיין אָרימען פערשטאַנד?

ר׳ יעקב אלחנן: אז מען דאַרף גאָר ניט קיין פערשטאַנד. מען דאַרף נאָר איבערצעהלען, עס איז קלאָר, אזוי ווי היינט איז ערב פּסח... מיר וועלען אם ירצה השם ניט וואַרטען מעהר פון 31 יאָהר, ביז תרצ״ח לפּק. (מען קלאַפּט אין טהיר. הערדי עפענט די טהיר. בעסי שטיינבערג, אַ שעהנע, שלאַנקע, יונגע פרוי, שעהן און נעט געקליידעט, קומט אריין).

בעסי: וואוינט דאָ מר. אייבי ריבקין?

הערדי: איהר קענט יעצט ניט זעהן מיין פּאַפּאַ, ער איז ניטאָ אין דער היים.

בעסי: אָה! איהר זייט געוויס הערדי, זיין באָי? העללאָ! העללאָ! עס פרעהט מיך זעהר. (דריקט זיין האַנד). קען איך זעהן אייער מאמא?

הערדי: מאַמאַ וועט באַלד קומען.

בעסי (טהוט אויס איהר הוט): וועל איך וואַרטען אויף איהר.

ר׳ יעקב אלחנן: פונקט 31 יאָהר... דאָס איז קלאָר ווי יעצט איז טאָג. תרצ״ח לפּק. (אָב צו זיך אין צימער מיט׳ן ארבע כנפות).

פיליפּ (ווינקט צו מורדעי׳ן): סעי, מורדעי, עקסקיוז מי! (צייגט מען דאַרף גערן).

מורדעי (שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ): פּלעין אָפּ ענד דאון! (פערדרויכערט, ביידע אב).

בעסי (פערוואונדערט): ווער זיינען דאָס די מענשען?

הערדי: דער דאָרטען איז מיין זיידע, און די זיינען אונזערע בּויבאָרס.

בעסי (בעטראַכט איהם): איך האָב ניט געוואוסט, אז דו ביסט אזא בראַווער באָי. (דריקט איהם צו זיך).

הערדי: דזשי! איך וועל שווערען, איהר זייט בעסי שטיינבערג.

בעסי: ריכטיג, מיין באָי... ווי אזוי האָסטו געטראָפען?

הערדי: איך האָב געטראָפען, ווער איהר זייט, ווייל איהר האָט געוואוסט, אז מיין נאָמען איז הערדי. איך וויים, דאָס האָט אייך מיין פּאַפּאַ געזאָגט, ווי מען רופט מיך.

בעסי: יא, ער פּלעגט זעהר אָפט רעדען און ערצעהלען פון דיר. ער פלעגט זעהר בענקען נאָך דיר, ווען איהר זייט נאָך געווען אין רוסלאַנד, ווען ער איז געווען אַליין דאָ.

הערדי: דזשי! אז מיר זיינען געווען אין רוסלאנד, האט ער געבענקט נאך אונז, און אז מיר זיינען געקומען אין אמעריקא, אנטלויפט ער פון אונז.

בעסי (בעטראכט איהם): דו האסט דען ניט ליעב דיין פאפא?

הערדי: יא, אבער ער איז געגען רעליזשען און... ע... ער האט ניט ליעב מיין מאמא... (א גערויש) און אט געהט מיין מאמא. (עפענט די טהיר, און זאגט עטוואס בת־שבע'ן אין האל. בת־שבע קומט מיט א גראפין וויין און עטליכע פעקלעך אין די הענד.ביידע פרויען בעטראכטען זיך לאנג. פויזע).

בעסי: איהר זייט מרס. ריבקין? איך בין בעסי שטיינבערג. (בת־שבע שווייגט). איהר זייט געווען ביי מיר? (בת־שבע שווייגט). דאס מיידעל, וועלכע האט פערשריעבען אייער אדרעס, האט מיר געזאגט, איהר זייט געווען פערוויינט, בין איך געקומען זעהן.

בת־שבע (שטעלט אוועק די זאכען, וואס זי האט געבראכט): איהר זייט געקומען זעהן, צי בין איך פערוויינט?

בעסי: איך האף, עס האט, חלילה, ניט פאסירט קיין עקסטרא זאך...

בת־שבע: ניין! קיין עקסטרא זאך ניט! סך הכל דער מאן ענט־לאפען. א מאן איז אוועק פון זיין ווייב און קינד. איז דאס אן עקסטרא זאך אין אמעריקא?

בעסי (צייגט אויף הערדי'ן): דאס קינד...

בת־שבע: הערדי, געה טהו זיך איבער לכבוד יום טוב. (סארקאס־טיש). די געבילדעטע מענשען וועלען אפשר לאכען פון אונז, עס הארט מיך זעהר ווייניג, — הערדי, טהו אן דעם נייעם ארבע כנפות אויך.

הערדי: דעם נייעם ארבע כנפות אויך? אה, דזשי! (אב אין בעדרום. פויזע).

בת־שבע (בייז): ווער, ווער, איהר האט דאך געווים געהערט, אז מיין מאן האט מיך... איז אוועק פון דער היים?

בעסי: יא, איך האט עס געהערט ערשט מיט א פאר טעג צוריק...

בת־שבע: ערשט מיט א פאר טעג צוריק? הם! אזוי לאנג געהט צו אייך די פאטשט? עס איז שוין היינט עלף טעג, אז ער איז ניטא אין דער היים.

בעסי: עלף טעג?

בת־שבע: עלף טעג? וואס מאכט איהר אייך אזוי תם'עוואטע? איהר ווייסט דען ניט?

בעסי: איך וויים, איהר זייט ערביטערט, ענטשולדיג איך אייך!

בת־שבע (שטעלט עטוואָס אין שאַפע, קלאַפּט מיט די טעלער): ענטשולדיגט מיך ניט — בין איך אונגליקליך!

בעסי: זעהענדיג אייער בענעהמונג, קען איך ניט פערשטעהן, וואָס האָט אייך געקענט פיהרען צו מיר.

בת־שבע: איך פערשטעה אויך ניט. איך האָב פריהער געדענקט, איך וועל בעסער שטאַרבען איידער געהן צו אייך. און דאָך... איך בין געגאַנגען צו אייך פרעגען, וואו ער איז? וואָרום היינט... ערב פסח... איהר זייט מסתמא פון די אויפגעקלערטע, איהר האַלט ניט פון יום־טוב און איהר ווייסט ניט, וואָס הייסט אַ פערשטערטער יום טוב... איך האָב ניט געקענט מעהר... איך בין געגאַנגען אייך פרעגען וואו איז ער? האָט מיט איהם, חלילה, גאָר ניט פּאַסירט? (עס הויבט אָן ביסלעכוויז דונקעל ווערען).

בעסי: איך ווייס ניט, וואו ער איז, און מיך וואונדערט זעהר, וואָרום איהר דענקט, אַז איך דאַרף עס וויסען.

בת־שבע: ווייל איך מיין, איהר זייט שולדיג אין דעם, וואָס ער איז מיט מיר אונצופריעדען; וואָס ער איז שטענדיג אין דער היים, ווי אַ פרעמדער... פון אַן אנדערע וואָלט איך ניט געגלויבט. אויף אייך אָבער גלויב איך... איך ווייס, ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז פון אייך האַלט ער זעהר שטאַרק. (בעטראַכט זי סאַרקאַסטיש). איך זעה, עס איז דאָ פון וואָס צו האַלטען...

בעסי: מרס. ריבקין, אויב איהר...

בת־שבע (שלאָגט איבער): יאָ! יאָ! איך ווייס, אַז ער איז דאָ געוועזען אַליין, זייט איהר מיט איהם געוועזען אַ גאַנצער ר' שמעלקע...

בעסי: וואָרום זאָלט איהר געברויכען אַזאַ שפּראַך?

בת־שבע (הערט ניט): די לעצטע צייט האָט מען אייך זעהר אָפט געזעהן צוזאַמען. און ענדליך, די נאַכט בעפאָר ער איז אוועק, איז אויף מיר אָנגעפאַלען אַ משוגעת און איך האָב זיך ערלויבט צו עפענען און לעזען אייער בריעף צו איהם. דאָס הייסט, מען האָט דאָס מיר איבערגעלעזען... איך קען ניט לעזען קיין ענגליש. יאָ! איהר מעגט לאַכען פון מיר, איך בין אַ אידענע פון פּריפּיטשאָק, ניט קיין אַגענט, וואָס פערקויפט ביכער פון בלעם'ס עזעל!

בעסי: איך פערשטעה ניט.

בת־שבע (בייז): יאָ? אָבער צו שרייבען „דיינע אויף צו'ן אמת", דאָס פערשטעהט איהר, האַ? אַז מען זאָגט צו אַ פרעמדען מאַנסביל „דו" און אויף צו'ן אמת „דיינע" — דאַרף עס האַלטען זעהר ווייט. איך בין געוועזען צעהן חדשים זיין כלה און האָב ניט געוואַגט צו זאָגען איהם „דו";

איך בין שוין דרייצעהן יאָהר זיין ווייב און האָב נאָך יעצט ניט די חוצפה צו זאָגען איהם „אויף צו'ן אמת דיינע"! אין אַמעריקא ווערט באַלד קוצעניר־מוצעניו! זעהר האַריאָפּ ווערט דאָ ביי אייך, אויף צו'ן אמת דיינע און אויף צו'ן אמת מיינע!

בעסי (בעטראַכט זי מיט אַ גוטען שמייכעל): איהר זאָגט, די לעצטע צייט זעהט מען אונז זעהר אָפּט צוזאַמען? דאָס איז ניט וואָהר. מיר בעלאַנגען ביידע צו איין ליטערארישען צירקעל, און ווען איך קום, זעהר זעלטען, צו זייערע פערזאַמלונגען, געהען מיר נאָכדעם, אַלע מיטגליעדער צוזאַמען, טיי טרינקען אין אַרעסטאָראַן.

בת־שבע: די רעסטאָראַנען מעגען אַלע פערברענט ווערען! ניט איין אָרימער פרוי פערוויסטען זיי די היים.

בעסי: אַ מיטגליעד פון אונזער ליטעראַרישען צירקעל האָט געקראָגען קאָנסאַמפּשאַן.

בת־שבע: נו, יא, וואָס דען קען מען קריגען אין דעם ליטעראַרישען צירקעל?

בעסי (לאַכט): אויף מיין וואָרט, איהר זייט אַ סך קליגער, ווי ער האַלט אייך.

בת־שבע: איך וויים, ער האַלט מיך פאַר אַ נאַר! אין זיין געגענ־וואָרט נעהמט מיר אָב דאָס לשון!

בעסי: איך און מר. ריבקין זיינען אַפּאָינטעד געוואָרען אַ קאָמיטע אויסצוגעפינען מיטלען ווי דעם קראַנקען אַוועקצושיקען קיין דענווער. מיר האָבען בעשטימט אַ צייט, ווען צו טרעפען זיך ביי בוציק'ן אין רעסטאָראַן.

בת־שבע: נו, יא, ביי בוציק'ן! איז טאַקע אין דער היים דער סאַפּער געבליעבען שטעהן.

בעסי: מאַכט זיך מיר דוקא אַ קראַנקער... און... איך וועל אייך זאָגען די וואָרהייט, ווייל איך האָב געמיינט, אַז עס וועט בעסער זיין, מיר זאָלען זיך ניט בעגעגענען, האָב איך איך איהם פּשוט געשריעבען, אַז איך בין בעשעפטיגט און קען ניט קומען. (לאַכט). דיינע אויף צו'ן אמת האָב איך איהם ניט געשריעבען. דער וואָס האָט אייך איבערזעצט קען ניט קיין ענגליש...

בת־שבע: ער קען ניט קיין ענגליש? נו, יא, געטראָפען דאָס אָרט!

בעסי: סינסערלי יורס הייסט: אויפריכטיג אייערע. ניט ד י י נ ע — אייערע!... אין דער ענגלישער שפּראַך געברויכט מען גאָר ניט דאָס וואָרט „דיינע", אָדער „דו". צו אַ געליעבטען און צו אַ פערד, צו אַ ווייב אָדער צו דער קאַץ זאָגט מען „יו" — איהר. מען איהר'צט אַלעמען.

בת־שבע: אַ געליעבטער, אַ פערד; אַ קאַץ, אַ ווייב — אַלע גלייך?

בעסי: יאַ! און עס איז נאָר אַ פאָרמע אונטערצושרייבען אונטער'ן בריעף: אַכטונגספאָל אייערע, אָדער ערגעבענסטער... אין רוסיש שרייבט מען „פּאָקאָרני סלוגא" — ערגעבענער קנעכט... מען מיינט עס ניט... מען שרייבט עס גלאַט אַזוי, אָהן אַ בעדייטונג.

בת־שבע (פערטראַכט זיך): מען שרייבט און מען רעדט אָהן אַ בעדייטונג... גלאַט אַזוי. מען מיינט עס ניט... (פריינדליכער) וואָס־זשע, איהר ווילט מיר איינרעדען, אַז מיינער איז גאָר קיינמאָל ניט געוועזען מיט אייך קיין מחותן?

בעסי (לאַכט): קיין מחותן געוויס ניט. איך וויל ניט לייקענען, — אַז ער איז דאָ געוועזען אַליין, זיינען מיר געוועזען זעהר בעפריינדעט. ער איז דאַן געוועזען אַליין, אָהן אַ היים... און מיר האָבען געבאָרדעט צוזאַמען.

בת־שבע: אַי! עס קומען אַרוים פיעל אונגליקען פון דעם, וואָס זיי מוזען דאָ יאָהרען לאַנג פערבלייבען אַליין, אָהן זייערע ווייבער, און זיי באָרדען צוזאַמען...

בעסי: ווען איך האָב אָבער געזעהן, אַז די פריינדשאַפט נעהמט אַ געפעהרליכע ווענדונג פאַר אונז ביידען, האָב איך איהם געראַטהען באַלד שיקען נאָך זיין פאַמיליע. איך האָב איהם געבאָרגט הונדערט־און־פופציג דאָלאַר, ער זאָל אייך ברענגען, און אַליין האָב איך געמופט ווייט אין די בראָנקס... איך האָב דאָ פערלאָרען כמעט מיין גאַנצע פּראַקטיקע... איך האָב אָבער בעשלאָסען צו האַלטען זיך פון דער ווייט, און אַזוי טהו איך.

בת־שבע: יאַ, ער האָט געזאָגט, אַז אַ פריינד האָט איהם געהאָלפען אונז אַלע אַריבערצוברענגען. האָט ער אייך אָבגעגעבען דאָס געלד?

בעסי: ביז איין סענט. איך זאָל ניט זיין איבערצייגט, אַז מען מעג איהם באָרגען, וואָלט איך איהם ניט געבאָרגט. מיר קומען די דאָלאַרס זעהר, זעהר שווער אָן...

בת־שבע (בעטראַכט זי): קיין שלעכטער מענש זייט איהר ניט, דאָס זעהט מען פון אייערע אויגען. און קיין ליגנערקע, דאַכט זיך. זיינט איהר אויך ניט. איך זעה עס און פיהל עס. הם!... זאָגט דעם אמת, מיינער איז אייך געוועזען געפעלען, האַ?....

בעסי: יאַ, דאָס איז אַן אמת. און זאָגאַר איצט. איך וויל ניט, ער זאָל עס וויסען, אייך אָבער מעג איך זאָגען, איבער איהם קען איך ניט דענקען, ניט הערען זאָגאַר וועגען חתונה האָבען... איך בין אַן אַלטע מויד און אַ פּראַקטישער מענש... איך האָב פיינט צו נאַרען יענעם און נאַרען זיך מיט אונמעגליכע פאַנטאַזיען. איך אַרבייט שווער און פערדיען זעהר שעהן.

אבער קיין היים האָב איך ניט... זייט די צעהן יאָהר, וואָס איך בין אין אַמעריקאַ, האָב איך שוין געאַרבייט אין פערשיעדענע שאַפּס און פעקטאָרים, געוואַלגערט זיך אין טענעמענט־הייזער, און זאָגאַר איצט... איך בין אַ מענש אָהן אַ היים, און איך גלויב גאָר ניט, אַז איך וועל ווען־עס־איז האָבען אַ היים...

בת־שבע: ווי? אָבלעבען די גאַנצע יאָהרען אָהן אַ היים? אַי, אמעריקאַ! אַ שעהנע, אַ יונגע פרוי האָט ניט קיין היים... די יוגענד, די שעהנהייט געהט דאָ פערלוירען און מען ווייס ניט צוליעב וואָס און צוליעב וועמען. מען לעבט! זאָגט אַליין, איז ביי אונז דאָרט אין דער היים ניט בעסער?... אַי! עס איז ביטער אָהן אַ היים... נאָך ביטערער, ווען דו האָסט שוין יאַ אַ שטיקעלע היים און עס ווערט צובראָכען און צושטערט. (עס ווערט נאָך דונקעלער). אָי, וועה איז מיר! עס ווערט נאַכט. מען דאַרף גרייטען צום טיש. (שטעלט טעלער, וויין, גלעזער, צוויי לייכטער מיט ליכט).

בעסי: מיר האָט זעהר וועה געטהאָן דאָס האַרץ פאַר אַייך אַלע, ווען איך האָב ערפאַהרען, וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איך האָב אַלעם אוועקגעוואָרפען און בין געקומען אַייך זעהן. ער האָט גאָרניט געשריעבען די גאַנצע צייט?

בת־שבע: יאַ, דעם ערשטען טאָג אין דער פריה. איך האָב אויף איהם געוואַרט די גאַנצע נאַכט... יאַ, ביז טאָג געזעסען ביי דער טהיר און געוואַרט... אויפ׳ן ביינקעל דאָ איינגעדרעמעלט. אָי! וואָס איך האָב די נאַכט אויסגעוויינט. אין דער פריה האָב איך געקריגען אַ פּאָר ווערטער געשריעבען מיט אַ פּענסיל אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. (נעהמט פון דער טאַשע אַ שטיקעל פּאַפּיער). איהר וועט עס ניט קענען לעזען... עס איז אויס־געוויינט אין טרערען... ער שרייבט: „וואו איך וועל זיין, דאָס דאַרפסטו ניט וויסען. אָבער ווי נאָר איך וועל קריגען אַרבייט, וועל איך דיר און מיין קינד שיקען געלד...“ מעהר ניט אַ וואָרט... שוין עלף טעג. זעהט אונ־מיסטען וואָס דאָס קינד שרייבט צום פאַטער אין אַ אידישער צייטונג. (גיט בעסי׳ן די צייטונג. בעסי לעזט איבער. לאָזט אַרויס די צייטונג און הויבט אָן וויינען).

בת־שבע (געהט צו צו איהר, דריקט איהר קאָפּ צו זיך און זאָגט שטיל): אָי, שוועסטער, מיין וועהטאָג איז זעהר גרויס! (ציינגט אויפ׳ן האַרצען). איך טראָג אַ וואונד דאָ... אַ טיעפע וואונד. אָפט ווערט מיין קאָפּ צו־דולט... די געדאַנקען מישען זיך, און מיר ווייזט אויס, איך פערליער מיין זינען. (ביידע וויינען. הערריי קומט צוריק).

הערריי (אין אַ נייעם, ביליגען קאָסטיום): אָה, דזשי! מען וויינט שוין ווידער.

בת־שבע: ניין, ניין! מיין זוהן, דאָס איז גלאַט אַזוי אַביסעלע. בעסי, איהר וועט בלייבען ביי אונז צום סאַפּער. יאַ, יאַ! רעדט גאָר ניט! איך האָב איינגעלאַדען נאָך געסט. מיר אַלע היימלאָזע, וועלען האָבען היינט אַ סעודה צוזאַמען. אַי! בעסי, עס וואָלט געווען זעהר גוט, מיר זאָלען נעהמען רומס צוזאַמען... אייך וואָלט געווען גוט ביי מיר... און איך?... איך בין אַן עלענדע, האָב ניט קיין פריינד... (שטיל). און אויב ער וועט קומען צוריק, וועט ער צוליעב אייך, בעסי, זיצען אין דער היים... איך ווייס, איך קען איהם ניט געפעלען... איך בין אַ קראַנקע... בין ניט קיין געבילדעטע... איך האָב ניט קיין קינדער מעהר. (בעהערשט זיך). הערריניו, זעה נאָר ווי שפּעט עס איז? וואָס איז, דער זיידע געהט גאָר ניט אין שול?

הערריי: ניין. ער דאַווענט אין דער היים. ער זאָגט, עס איז צייט ליכט בענשען. (מען קלאַפּט אין טהיר).

בת־שבע: ווער איז דאָס? (הערריי עפענט דיט היר. פיליפּ קומט יום־טוב'דיג אויסגעפּוצט, נאָך איהם מורדעי, וועלכער האָט נאָר די שטיוועל אָבגעפּוצט). זעה נאָר, ווי איך האָב זיך פערדעדט! בעסי, הפּנים ניט אומזיסט זאָגט מען אויף אונז ווייבער, אַז מיר האָבען ניין מאָס רייד. זיצט, זיצט, מר. פיליפּ, מר. ווייס, מיין איך. זיץ, מורדעי!

פיליפּ: טראָבעלט אייך ניט. אַ דאַנק. (זעצט זיך). עקסקיוז מי, מיר זיינען שוין דאָ.

בעסי: מרס. ריבקין, זאָל איך אייך העלפען?

בת־שבע: יאַ, יאַ, בעסי, אָט די פּאָר טעלער ווישט איבער און די וויין־גלעזער. (בעסי נעהמט אַ האַנדטוך און ווישט טעלער).

מורדעי (צו הערריי'ן): זעהסט, ווייל איך בין געלאַדען צום סאַפּער, האָב איך מיינע שטיוועל געגעבען אַ שיין. האַלידעי איז האַלידעי, ענד אַי עם רעליזשיעס פלעין אַפּ ענד דאַון...

בת־שבע: נו, דאַכט זיך אַלץ! איצט, בעסי, וועט איהר מיך ענטשולדיגען.. איך בין אַ אידישע טאָכטער, און איך מוז בענשען ליכט, ווי מיין מאַמע האָט געטהאָן... וואָס זאָגט איהר פּאַרט? קיין צייט ניט געהאַט אפילו איבערצוטהאָן זיך. און, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד, עס ליעגט דען אין זיינען? צוליעב וועמען איבערטהאָן זיך? (פערדעקט איהרע האָר מיט אַ זיידען טיכעל. ווערט זעהר ערנסט. ר' יעקב אלחנן קומט אין אַ יום־טוב'דיגע קאַפּאָטע). נו, דאַנקען גאָט, דערלעבט אין אַמעריקא דעם דריטען פּסח. (זי רייבט אָן אַ מעטש און צינדט אָן די ליכט).

ר' יעקב אלחנן (פערטראַכט): פּסח — בעטרעפט 148, אַזוי פיעל

ווי קמח, נצח, יצמח... יצמח איז א רמז אויף משיח'ן... (געהט אום איבער'ן שטוב און צעהלט).

בת־שבע: (צושפרייט ביידע הענד איבער די ליכט, וויל עפּעס זאָגען און קען ניט, ווייל טרערען שטיקען זי. ענדליך בעהערשט זי זיך און הויבט אָן שטיל בעטען. מען הערט ניט דעם אָנפאנג פון דער תחינה):

יא! גאָטעניו, און אזוי ווי אין דיין הייליג הויז איז קיין מאָל ניט אויס־געלאָשען געוואָרען דאָס הייליגע פייער, אזוי זאָל ניט אויסגעלאָשען ווערען דאָס לעבען פון מיין קינד, דאָס לעבען... דאָס לעבען פון אלע די, וואָס זיינען מיר טייער... און אויך אויף מיר ערבארם זיך, גוטער גאָט, וואָרום... (נייגט זיך צו פּלוצלונג צו די ליכט, פערדעקט איהר געזיכט, און צוואווינט זיך מיט א ביטערען יאמער. בעסי פערדעקט איהר געזיכט מיט א טיכעל און וויינט. ביידע פרויען הערען ניט, ווי עס גיט א שטילען קלאַפּ אין טהיר און בעמערקען ניט, ווי הערריי עפענט די טהיר. אייבי טרעט אריין. פיליפ און מורריי שטעהען אויף. דער אלטער קוקט איהם אָן פערוואונדערט).

אייבי (גאַנץ שטיל): באָי, האָסט מיך גערופען אהיים? אָה, מיין באָי! מיין באָי! (כאַפּט ארום דאָס קינד און וויינט).

(פאָרהאַנג).

דריטער אקט.

(דאָס זעלבע צימער. נאַכט. לאָמפּען־ברענען. ר׳ יעקב אלחנן, אייבי אָהן אַ ראָק, מיט אַ ביכעל אין האַנד; הערי, בת שבע, זיצען ביים טיש. מען האָט ערשט אָבגעגעסען פאַפּער, פון טיש איז נאָך ניט אויפגערוימט. דער אַלטער וויל גיסען מים אחרונים און אין דער זעלבער צייט אָבער זעצט ער פאָרט דעם געשפּרעך).

ר׳ יעקב אלחנן: אַזוי זאָגסטו! דאָס אָבער וואָס אַ מענש זאָגט האָט ניט קיין בעדייטונג, קיין טעם, קיין ממשות. זאָגען איז גאָר ניט. צעהלען איז וויכטיג. דאָס וואָס אַ מספר זאָגט, איז אייביג ריכטיג. אַ קליינינגקייט מספרים! כדומה למשל, די גוים האָבען מורא פאַר׳ן מספר „13“. ווייסטו, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל אידען שרייען שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד?

אייבי: טאַקע אַ משל צו אַ טאָרבע פלעקער.

הערי: אָה, דזשי! (לאַכט) כי! כי!

בת־שבע: הערי, מיין קינד, דו דאַרפסט נאָך דערוויילע ניט לאַכען פון גאָט׳ס תורה.

אייבי (צוקט מיט די אַקסלען): דאָס איז אויך גאָט׳ס תורה?

ר׳ יעקב אלחנן: דער גוי שרייט: דריי גאָטען! זאָגט דער איד: אַ מכה! ד׳ אחד! איין גאָט! און אחד בעטרעפט 13. נו, דער גוי האָט פיינט 13, ווייל אחד איז 13. און דער חידוש איז מיט דעם, וואָס זיי האָבען מורא פאַר 13, צייגען זיי, אַז זייער גאָט, איז ניט די ליעבע ווי זיי זאָגען. וואָרום ליעב איז אהבה — „א“ „ה“ „ב“ „ה“ — 12 פערשטעהסטו שוין? אי! אי! אי! הפלא ופלא.

אייבי: יאָ, איצט פערשטעה איך שוין. הפלא ופלא!...

ר׳ יעקב אלחנן: און אַז דער מספר זאָגט, אַז משיח בן דוד וועט קומען אם ירצה השם אין תרצ״ח לפק איז דאָס ריכטיג ווי גאָלד. וואָרום ניט נאָר אין ספר הדניאל, מיר געפינען עס אויך אין אַנדערע פסוקים. ותרא האתון את מלאך ד׳ ותרבץ תחת בלעם — און דער עזעל, דאָס איז דער גלות, האָט דערזעהן דעם מלאך פון גאָט, דאָס איז משיח, ותרבץ און ער האָט זיך אַנידערגעלעגט. פאַרוואָס האָט ער זיך אַנידערגעלעגט? ווייל ותרבץ איז פונקט 698 — תרצ״ח!... (גיסט אָב די הענד און פאַנגט אָן בענשען).

אייבי: נו, נו, זאָל זיך דער עזעל לעגען פונקט אין תרצ״ח לפק. קריגען זיך דערפאַר איז אודאי ניט כדאי. ווי זאָגסטו, הערי? זעה נאָר

בעסער, ווי ער איז פערוואקסען געוואָרען. פאר וואָס געהסטו זיך ניט אָבשערען?

בת־שבע: איצט שערען זיך? גאָט איז מיט דיר, וואָס רעדסטו דאָס? עס איז דאָך ספירה! ער וועט וואַרטען ביז ל״ג בעומר, וועט ער זיך, אם ירצה השם, אָבשערען.

אייבי: אָה, ספירה! ניש־קשה, עס איז ניט קיין אונגליק. הערריי, וועסט געהן און נעהמען א העיר־קאט. (גיט איהם קליין געלד).

בת־שבע (דערשראָקען): חלילה! וואָס הייסט לאָזען א קינד שערען אין ספירה? עס איז אַגרויסע סכנה. הערריי, מען טאָר ניט. דו הערסט? (נעהמט צו ביי איהם דאָס קליין געלד. אייבי קוקט אַריין אין זיין ביכעל און לערנט).

הערריי (בייז): אָלל רייט! (וויל אויפשטעהן).

ר' יעקב אלחנן: אַ... אַ! נו! נו!...

בת־שבע: העררינקו, דער זיידע פרעגט, פאַרוואָס בענשטו ניט? נאַ, קינד, דעם סידור. בענשען וועט דיר, חלילה, געווים ניט שאַדען. (מישט אויף דעם בענשען און דערלאַנגט איהם דעם סידור).

הערריי (קראַצט די פאַטילניצע): אָה, דזשי! (קוקט אַריין אין סידור, מאַכט זיך, אַז ער בענשט).

אייבי: דו זאָגסט, דער בענשען וועט איהם געווים ניט שאַדען. ט, יאַ! אַזאַ בענשען וועט איהם נור צוגעוועהנען צו זיין א ליגנער און א גנב...

בת־שבע: העררינקו, אַ ליגנער און א גנב?... גאָט איז מיר דיר, אייבי, וואָס רעדסטו דאָס?

אייבי: א ליגנער, וואָרום ער לייגט, ער בענשט ניט. און א גנב, וואָרום ער גנב'עט ביי גאָט גאַנצע בלעטלעך פון זיין סידור.

בת־שבע: ער היפט איבער? וועט ער זאָגען אביסעל ווענינער, אז מען גנב'עט ביי גאָט איז קיין אונגליק ניט: גאָט, ברוך הוא, וועט ניט בדלות ווערען.

אייבי: מען גנב'עט פריהער ביי גאָט און נאָכדעם גנב'עט מען ביי מענשען.

בת־שבע: ניש־קשה, אין די אַלטע צייטען, אַז מען האָט געקוקט אין סידור און מען האָט געבענשט, איז געוועזן א סך ווענינער גנבים מיט ליגנער.

אייבי: דאָס איז די זעלבע זאַך, ווי מען זאָגט: אין די אַלטע צייטען פלעגט מען ווענינער שטאַרבען — עס איז ניט געוועזן קיין דיפטעריע און קיין אַפענדיסיטיס...

בת־שבע: דאַרפסט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האָבען, אייבי, איך

פערשטעה ניט, וואס האט צו טהאן דער סידור מיט'ן „נאפּענדיציטעס"? (נעהמט פון קאמאד א ריין געפּרעסט נאז־טיכעל). וואו איז דיין פּידזשאק? אט האסטו א ריין נאז־טיכעל. (געפינט זיין זשאקעט און לעגט דאס טיכעל אין זיין פּאקעט).

אייבי: איך וויל זאגען, אז אין די אלטע צייטען פלעגט מען שטארבען פון די קראנקהייטען, און מען האט ניט געוואוסט, אז דאס איז א קרענק... מען מיינט, אז אין די אלטע צייטען איז געווען וועניגער גנבים, ווייל מען פלעגט בענעהן א סך גנבות און רציחות, ניט וויסענדיג, אז דאס איז גנבה ורציחה.

בת־שבע: אז מען טהוט עפּעס ניט וויסענדיג, איז דאס קיין חטא ניט. זעהסטו, ווען מען ווייס שוין וואס מען טאר און וואס מען טאר ניט...

אייבי (ווערט בייז): מיך הארט ניט וואס מען טאר און וואס מען טאר ניט! מיך הארט נאר, פארוואס ווייסט מען ניט און מען פערשטעהט ניט דאס, וואס מען דארף וויסען און פערשטעהן!

בת־שבע: אמת, אייבי, דא ווייס איך גארניט. וואס בין איך שולדיג? איך בין אויסגעוואקסען און ערצויגען געווארען אין רעמאגאלע, און לעבען דארף איך אין ניו יארק. איך פערשטעה דא גארניט, איך בין ניט אין דער היים.

אייבי: אמאל האט מען געמיינט, עס איז א גרויסע מעלה, ווען א קינד האט שכל צו פערדיענען און ברענגען געלד פון דער גאס. און יעצט ווייס מען, ווי באלד די גויט צווינגט ניט, דארף מען ניט צולאזען ביים קינד זאל זיך פריה ענטוויקלען געלד־גייציגקייט. איך וויל פשוט זאגען, עס קען זיך, חלילה, אמאל זעהר שלעכט ענדיגען, וואס דו לאזט העררי'ן זיין א געשעפטסמענש.

בת־שבע: ניש־קשה, שכל האבען צו געשעפט איז, חלילה, קיין חסרון ניט. אז מען זוכט, געפינט מען. ניט אזוי העררינין? (זי ווינקט צו העררי'ן. ער מאכט זיך טיעף פערטהאן אין בענשען).

אייבי: היינטיגע צייטען, אז מען גנב'עט ניט, געפינט מען ניט.

בת־שבע: מען געפינט שוין יא. ניט אמת, העררי?

העררי (שטיל, דער פאטער זאל ניט הערען): אה, שאראפּ!

בת־שבע: ניש־קשה, פון העררי'ן וועלען מיר אם ירצה השם האבען נחת! אי! וואו נעהמט מען אזעלכע קינדער! געוואלד! געוואלד! חכם מיינער, טייערער! (דריקט איהם צו זיך).

ר' יעקב אלחנן (האט געענדיגט בענשען): שא! מיר איז איינ־געפאלען: ברכת תהוב רבצת תחת. רבצת? ניין, עס פעהלט זעקס. מען

דארף געהן בערעכנען. (געהט). א שאַד, ברכת תהום רובצת תחת איז א טייערער פסוק... (אָב צו זיך אין צימער).

בת־שבע: דער טאַטע, זאָל לעבען, צעהלט און צעהלט און האָט נאָך גאָר ניט. איהם פעהלט נאָך זעקס. הערריניו, אם ירצה השם, וועט אויסוואַקסען, וועט ער זיין א גביר און וועט צעהלען טויזענדער און טויזענ־דער! ער וועט זיין א באַנקיר, איאַ? אַלע קינדער רופען איהם שוין בּיינקער. אייבי, ווענסט אפשר טרינקען א גלאָז פרישע טיי?

אייבי: א ביינקער! דער אַלטער צעהלט, וואָס איז ביי קיינעם ניטאָ און ער, הייסט עס, וועט צעהלען וואָס איז ביי יעדען אין קעשענע... איך וויל ניט קיין טהעע!

בת־שבע: עס קען זיין, דו ביסט גערעכט. איך וויל נאָר איין זאַך, מיין קינד זאָל זיין אַן עהרליכער איד, זאָל זיין געזונד און גליקליך, און זאָל האָבען א סך, א סך געלד, מיט זילבער, מיט בריליאַנטען! מיין איך אפשר שלעכט?

אייבי: מיר מיינען ביידע גוט. נאָר איך רייד צו דיר מיט איין שפּראַך און דו ענטפערסט מיר מיט אַן אנדער שפּראַך.

בת־שבע: איך רעד צו דיר אידיש. נאָר איך וועל דיר זאָגען: אַז א ווייב געפעהלט, מעג זי אפילו רעדען מיתה משונה שפּראַך — איז דאָך גוט; ווען אבער א ווייב געפעהלט ניט, רעדט זי נעבעך פּראָסט אידיש, און דער מאַן שרייט, עס איז תרגום לשון, קאַטשקע־שפּראַך, טערקיש. אייבי, ווענסט אפשר עסען אַן עפּעל?

אייבי: איך מיין, מיר איז שוין צייט צו געהן. (מען קלאַפּט). קאַם אין! (בעסי שטיינבערג קומט. ער כאַפּט זיך און טהוט אַן אויף גיך דעם ראָק).

הערריי (א פּאַטש איבער'ן סידור): מיסס שטיינבערג! דזשי! פּאַפּאַ וויל בי גלעד! (ביי בת־שבע'ן פאַלט ארויס א טעלער און צוברעכט זיך).

בעסי (מאַכט זיך, אַז זי בעמערקט קיין זאַך ניט): העללאָ, העללאָ! (גיט קיינעם ניט די האַנד). העללאָ, הערריי! איך זעה, דיך פרעהט וואָס איך בין געקומען. איך געפעהל איהם.

בת־שבע (נאַאיוו): וואָס דען א נאַר וועט ער זיין? דער קאָפּ שונאי ישראל, איז איהם ניט אויסגעדאַרט. ער איז געראָטען אין טאַטען (אייבי גיט אויף איהר א בייזען קוק. זי כאַפּט זיך, אַז זי האָט געזאָגט עטוואָס אונפּאַסענדעס, בויגט זיך אַן און קלייבט די צובראָכענע שטיקלעך פון טעלער).

בעסי: דאָס בין איך שוין אזא גליקליכע. אז איך קום, דאַרף זיך צוברעכען א טעלער.

בת־שבע: ניש־קשה, אז מען ברעכט איז מזל־טוב. זיצט, בעסי. איך האָב געמיינט, איהר האָט שוין פערגעסען, אז איהר האָט מיר צוגעזאָגט צו קומען, אָדער אפשר גאָר ברוגז אויף מיר. איך וויים, מיין צונג גיט א מאָל א פּלאַפּעל ניט דאָס וואָס מען דאַרף.

בעסי (זעצט זיך): איך האָב ניט פערגעסען און בין ניט ברוגז... פּשוט געווען ביזי.

בת־שבע: איהר וועט אפשר טרינקען א גלאָז טיי? אָדער אפשר זייט איהר הונגעריג? מען קען אראָבלויפען נאָך א שטיקעל סטייק.

בעסי: ניין! ניין! א דאנק... (לאנגע פּויזע).

אייבי: פאַרוואָס זאָלט איהר טאַקע ניט עפּען עפּעס?

בת־שבע: אייבי, מיר דאַכט זיך, דו דאַרפסט שוין געהן אין דיין סקול...

הערדי: דזשי! די מאמא וויל ניט, דער פּאפּא זאָל בלייבען אין דער היים. (אייבי גיט איהם בייז א ציה פאַר'ן האנד. הערדי דערשרעקט זיך).

בת־שבע: הערדי!! נו! וואָס זאָגט איהר צו איהם? הערסט א גנב?!

אייבי (נעהמט זיין ביכעל און זיין הוט): איהר דאַרפט מיר ענט־שולדיגען, איך דאַרף געהן אין מיין פּריפּעראַטאָרי סקול. איך האָב בעצאָהלט פופציג דאָלאר און זיי האָבען צוגעזאָגט צו מאַכען מיך פאַר אן ארכיטעקט. (זעצט זיך). עס קאָסט ביליג היינט. פאַר פופציג דאָלאר מאַכען זיי אייך פאַר אן אינזשענער, פאַר א דענטיסט, פאַר אן אפּאָטהעקער, א לאָיער, א דאָקטאָר — פאַר וואָס איהר ווילט. א ביליגע פעקטאָרי פון האַריאָפּ אינ־טעליגענציע! (ער און בעסי לאַכען).

בת־שבע: אייבי, וועסט ניט פערשפּעטיגען?

אייבי (שטעהט אויף): מרס. ריבקין האָט היינט זעהר מורא, איך זאָל ניט פערשפּעטיגען... איך פערשטעה, איהר האָט דאָ עפּעס סעקרעטען מסתמא. גוד באַי. (געהט. מען קלאַפּט אין טהיר). קאַם אין! (לינא קומט מיט א בוך, זעהט אויס מאָגער און ניט אזוי לעבהאַפט, ווי פריהער).

לינא: העללאָ! ווי געהט עס? וואָס מאַכט איהר מרס. ריבקין? פּיסס שטיינבערג, איהר בעזוכט גאָרניט די סעריע לעקטשורס פון דאָקטאָר קאָזליק? אָי, שאַדע! זיין לעצטע סעריע איבער געגעל'ס טעזא, אנטי־טעזא און סינטעזא...

הערדי: אַה, דזשי!

לינאַ (זיפצט): מר. ווייס ניט געווען דאָ? ווען איך קום, טרעף איך ביי זיי קיינעם ניט.

בת־שבע: מר. פיליפ לעבט יעצט ערגער פון אַ הונד, להבדיל. אין שטוב אַ חורבן, אַ תל עולם. נו, זאָגט אַליין. וואָס טויג די טעזע, מיט די אַפּסטעזע, אַז קיין היים איז ניטאָ? איך זאָג איהם: מר. פיליפ פער־קויפט האַקעל־פּאַקעל און געהט בעסער באַרדערען. זאָגט ער: ניין, „טראָבעלט אייך ניט, אַ דאַנק". איך האָף, אַז מיין לינאַ וועט נאָך קומען צוריק אַהיים. אוי! די מענער נעהמען איין אַ כפרה נאָר נאָך אַזעלכע פרויען, וואָס לויפען דאָן סטעזע...

אייבי: וועלל... באַי באַי! (וויל געהן).

לינאַ: מר. ריבקין! איך האָב געוואָלט מיט אייך רעדען געשעפט. פאַר וואָס זאָלט איהר ביי מיר ניט קויפען אַ דזשואיש ענציקלאָפּעדיע? אָט האָט איהר אַ סעמפּעל, (ציינט איהם אַ בוך) צוועלף גרויסע, שווערע, דיקע וואָליומס, מיט טייערע פּאַפּיער, שעהנע טאָוולען, פיינע בילדער. ווי בעקוועם עס איז, אַז איהר האָט עס אין דער היים. ווען איהר דאַרפט אַ אידישע זאַך, קוקט איהר אַריין.

אייבי: ניין, אַ דאַנק, פאַר אַן אַרבייטער איז אַ צו גרויסער לוקסוס צו האָבען דאָס אין דער היים. איך בין ניט קיין געלערענטער און איך דאַרף אַ אידישע זאַך זעהר זעלטען. גוד באַי! (אב).

לינאַ: מיס שטיינבערג, איך ווייס אייערע ביזנעס געהען זעהר גוט — גיט מיר אַ שאָו קויפט ביי מיר אַן ענציקלאָפּעדיע. היינטיגע צייטען אַ געבילדעטער מענש אָהן אַן ענציקלאָפּעדיע איז גראַדע ווי אַ שעהנער פלעט אָהן אַ באַדע־צימער, אָדער אַנדערע אימפּרואוומענטס. אָט איז אַ בלענק, פערשרייבט זיך! אפילו אַז מען דאַרף עס ניט, איז דאָס אַ ציערונג אין שטוב. עס איז ניטאָ קיין אידישע זאַך, וואָס איז דאָ ניטאָ.

בעסי: ענטשולדיגט, ווען קען איך דאַרפען אַ אידישע ענציקלאָ־פּעדיע? איך וועל זיך דאַרפען שלעפּען פון איין קוואַטיר אויף דער אַנדערער מיט צוועלף גרויסע, שווערע, דיקע וואָליומס. אַזאַ זאַך איז גוט נאָר פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אַ היים.

לינאַ: זיי זיינען גאָר ניט אַזוי שווער און ניט אַזוי דיק. און דאָס וואָס איהר בייט די אַדרעסען, איז נאָך בעסער. דער קאָלעקטאָר געפינט אייך ניט, בלייבען ביי אייך די ביכער כמעט ווי אומזיסט. גיט מיר אַ שאָו.

בעסי: ניין! עס טהוט מיר לייד, אבער איך מוז זיך ענטזאגען.

לינאַ: נו, יאַ! מיר דאַרפען בילדונג און עדיוקיישען נאָד מיט'ן

צונג... (שטעהט אויף) איך לאָז עס דאָ... איך וויל אַראָבגעהן צו דער דזשעניטאַרשע צו פרעגען זיך וועגען מיינע... (געהט) ניט קיין לעקטשורס און ניט קיין ענציקלאָפּעדיע! איך ווייס ניט, וואָס האָט דאָרט ריבקין אין איהר געפונען אַזעלכעס? (אב).

בעסי: אָרימע פרוי, זי שפּיעלט זעהר אַ טראַגי־קאָמישע ראָלע. נו, וואָס מאַכט איהר, מרס. ריבקין? איך האָב אייך פערשפּראָכען און בין געקומען. אָבער ווי איך האָב נאָר אריבערגעטרעטען די שוועל, האָב איך שוין חרטה געהאַט. וואָרום דאָס, וואָס איך האָב דאָ געזעהן און געהערט אין איין מינוט...

בת־שבע: אמת, אַז איהר זייט געקומען, האָב איך זיך דערשראָקען. איך האָב ניט געוואָלט, און עס האָט מיר דאָך אַ קלאַפּ געטהאָן איבער'ן האַרצען. איך האָב געמיינט, די נכפה נעהמט מיך. איהר זאָלט אַהער געהן עפּטער, וואָלט איך זיך שוין צוגעוואוינט. אַ מענש קען ביי זיך אַלעס פּועל'ן און קען זיך צו אַלעס צוגעוואוינען...

בעסי: איהר זייט ניט פּאָזיטיוו מיט'ן רעדען. שש! איהר רעדט פון אַלץ אין דער געגענוואַרט פון אַ קינד... ער ווייסט ביי אייך אַלץ און ער פערליערט די אַכטונג צו אייך... און ער ווערט פערדאָרבען...

בת־שבע: אַז איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געוואוסט אַלץ... מען האָט פון אונז קיין זאַך ניט פערבאָרגען.

בעסי: אייערע געדאַנקען זיינען געווען ריין און אייער פאַנטאַזיע געזונד, — איצט אָבער, דאָ, זיינען די געדאַנקען ניט ריין און די פאַנטאַזיע ביי קינדער און זאָגאַר ביי גרויסע איז ניט געזונד. מען דאַרף זיין פּאָזיטיוו. נו, ווי איז יעצט ביי אייך דאָ?

בת־שבע: אַי! די זעלבע זאַך. די שטוב איז ביי איהם ניט קיין היים, נאָר אַן אַכסניא. נעכטיגט איבער און פאָהרט אַוועק. בעצאָהלט וואָס עס קומט פון איהם און שטעלט אויף דעם קאָלנער.

בעסי: וואָס מיינט איהר דערמיט!

בת־שבע: אַ קאַזיאָנער מאַן! ער טהוט מיר אַמאָל אַ טובה און... (הערשי הערט זיך צו).

בעסי: שש! דער באָי הערט.

בת־שבע: קומט אריין אין פראָנט־רום, דאָרט איז קיינער ניטאָ. דאָס הייסט, דער טאַטע איז דאָרטען, אָבער פון די זאַכען ווייסט ער אַקוראַט ווי אַ בייבי. (ביידע אב).

הערשי: דזשי! זיי מיינען איך פערשטעה ניט. מיר דאַרף מען ניט לעגען קיין פינגער אין מויל... פּאַפּאַ איז ע מעריעד מען ענד הי העז

נאָ ראיט טו דו סאַטש טהינגס... ע! לאָמיך אקאָרשט זעהן וואו האַלט איך מיט מיינע חשבונות. (נעהמט ארויס געלד און צעהלט). מזומן האָב איך אַכט מיט דריי־און־זיעבעציג... און וויפיעל האָב איך חובות? (נעהמט ארויס א ביכעל און רעכענט. מורדעי פייפט, ערשיינט ביין פענסטער אויפ'ן פייער־עסקייפּ. רויכערט). פאַרוואָס עפּעס דורכ'ן פייער־עסקייפּ? ראַקע־פעלער, קום אריין!

מורדעי (שטעקט אריין דעם קאָפּ און בלייבט זיצען אויפ'ן פענסטער): שש! אריינגעהן קען איך ניט. איך האָב געגעבען דיין מוטער א וואָירד אָף האָנאָר, אַז איך וועל ניט אריבערטרעטען אייער שוועל, און איך בין א דזשענטלמען פלעין אָפּ ענד דאון. ביינקער, ווערסט סמוקען א סיגארעט?

הערריי: ניין, איצט ניט. גיב מיר א פּאָר, וועל איך בעהאַלטען אויף שפּעטער. (ער גיט איהם דאָס פּעקעלע מיט סיגארעטס. הערריי נעהמט עטליכע און בעהאַלט).

מורדעי: ביינקער, איך האָב געבראַכט שלעכטע נייעס! דו האַלטסט נאָך דאָס געלד ביי זיך?

הערריי: ניין! איך האָב אָבגעגעבען...

מורדעי: דער קאָפּ אויפ'ן קאָרנער, איך גיב איהם אמאָל א דאָלאַר, און מיר זיינען טאַקע אויסער דעם גוטע פריינד אויך, — ער האָט מיר געזאָגט, אַז ניט היינט, מאָרגען וועט מען אונזביידען ארעסטען. דעטעקטיווס זיינען עפטער אָס, פלעין אָפּ ענד דאון...

הערריי: דזש! איצט? ווען עס איז אוועק אזוי פיעל צייט. ע! דאָס קען ניט זיין!

מורדעי: איך וועט צעהן דאָלאַר געגען דיינע פופציג סענט. קאָם אָן! (שטעקט זיין האַנד אין קעשענע) פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר געגען דיין דאָלאַר, אַז איך בין קאָרעקט! הערריי, אונזער שטונדע האָט געשלאָגען, פלעין אָפּ ענד דאון...

הערריי: וואָס וועט יעצט זיין?

מורדעי: טראָבעל! מען וועט אונז פיהרען אין סטיישאָן־הויז, פון דאָרטען אין די טאָמבס פון דאָרט אין קאָרט, פון דאָרט איבער'ן וואַסער — פלעין אָפּ ענד דאון...

הערריי (דערשראָקען): נאָ! נאָ! פור מאַמאַ! איך וויל ניט! איך וויל ניט!

מורדעי: אַז דו ווילסט ניט שווימען איבער'ן וואַסער, קום מיט מיר. איך רייז היינט אָב. יעס, איך וועל ניט ערלויבען, א דזשאָדזש, וואָס איז אמאָל אליין געווען א לויפער און א גנב, זאָל מיר זאָגען מוסר און שיקען

מיך אין גנבים־קאלעדזש איבער׳ן וואסער! איך בין א דזשענטלמען און איך גלויב, אז איך וועל נאך אמאל זיין רייך ווי ראקאפעלער און וועל זיין א רעספעקטייבל סיטיזען, פלעין אפ ענד דאון. מיך וועלען זיי ניט כאפען! איך וועט צוואנציג דאלאר געגען דיינעם א ניקעל. קאן אן! — אז מיך וועלען זיי ניט כאפען! פערשטעהסט? אלס א פריינד בין איך דיר געקומען ווארנען. ווילסט זיך רעטען, קומט מיט מיר. איך טראג זיך שוין אב. מיט דער פערי קיין האבאקען און מארש. פלעין אפ ענד דאון.

הערריי: ווער געהט נאך מיט דיר?

מוררעי: קינער ניט! אנגעליקא מוסקאטי און זאזי ליוויי זיינען שוין לאנג ענטלאפען פון דער היים. זיי האבען א פריינד. (זאגט איהם עטוואס אין אויער). יעס, פלעין אפ ענד דאון.

הערריי: אה, דזשי! פע! (שפייט).

מוררעי: יא, אלע לויפען יעצט פון דער היים, קינדער פון עלטערען און עלטערען פון קינדער.

הערריי: געהסטו, הייסט עס, אליין?

מוררעי: יעס, סער!

הערריי: ווען?

מוררעי: באלד, שוין! אויב דו ביזט ניט קיין פואול און ניט קיין קאווארד, קום מיט מיר.

הערריי: ניין! איך בין ניט קיין קאוארד, אבער ווי קען איך? דו...

מוררעי: ע! קאט איט אאוט! ווילסט דען בעסער געהן אין קאורט און אין דזשייל?

הערריי: ניין! אבער פערלאזען פאפא און מאמא? לויפען פון דער היים? (וויינענדיג) אה, דזשי!

מוררעי: איז דיין פאפא ניט געלאפען פון דער היים? האט מיין מאמא ניט פערלאזען איהר היים? אלע לויפען יעצט.

הערריי: דהאט איז ראיט!

מוררעי: עס זאל ניט זיין דאס ענטלויפען, וואלט א פרעזידענט פון א ביינק מיט א פוס ניט אריינגעטראטען אין באנק אריין, א קאסיר וואלט ניט אנגעקוקט די קאסע, א מאן וואלט ניט געליעבט זיין נייבאר׳ס שעהנע פרוי, א שעהנע פרוי וואלט ניט אויפגעהויבען די אויגען אויף א פרעמדען מאן און עס וואלט ניט געווען קיין ביזנעס, פלעין אפ ענד דאון.

הערריי: דהאט איז ראיט!

מוררעי: מען טאר ניט זיין צוגעבונדען צו א היים און מע דארף ניט מורא האבען צו לויפען, ווארום אין יעדע היים איז דא עפעס א באס,

און ווער עס וויל זיך ניט לאָזען באַסעווען, ווער עס וויל זיין פריי, דאַרף זיין אָהן א היים.

הערריי: אָה, דזשי! אָהן א היים...

מורריי: דעמ... פול! וואָס איז א היים? נאַטהינג! מיר וועלען זעהן א וועלט, נוארק, העקענסאַקען, שיקאַגאָ... ביינקער, אָהן דיר וועט מיר געווים זיין גרינגער צו מאַכען דעם ויברח. נאָר מיר טהוט וועה דאָס הארץ פאַר דיר. אַזוי קענסטו זיך נאָך אַמאָל אַרויסקאַראַבקען און ווערען א מענש, וועט דיר אָבער די דזשאָססטים כאַפּען אין די הענד, ביזטו פערפאַלען אויף אייביג. דאָס איז מיין וואָרט אויף האָנאָר... און אויסער דעם, אַליין איז שווער צו וואַנדערען. ביינקער, דו וועסט מיר זיין ווי א קליינינקער ברודער... עס איז ביטער, אַז מע האָט קיינעם ניט אויף דער וועלט. איך וועל אויף דיר אכט געבען, וועל דיך אָבהיטען, אַז אימיצער וועט דיך אָנריהרען, וועל איך איהם דער'הרג'ענען. ביי נאַכט וועל איך דיך איינדעקען און דו וועסט שלאָפען נעבען מיר... וואָרום דו ווייסט, דו, ראַסקאַל, איך האָב דיך ליעב.

הערריי: די מאַמע וועט וויינען...

מורריי: ע! קאַט איט אוט! אַז מען וועט דיך אַרעסטען וועט זי ניט וויינען? אַז מען וועט דיך נעהמען אין קאָורט און דיין נאָמען וועט זיין געדרוקט אין די זעלבע פּייפּערס, וואָס דו פערקויפסט, וועט זי ניט וויינען? און דיין פּאַפּאַ? וואָס וועט דיר נאָך דיין פּאַפּאַ זאָגען? ער האָט פּיינט דזשאָוקס!

הערריי (דערשראָקען): דזשי! הי וויל קיל מי!

מורריי: אַלזאָ וואָס האָסטו דאָ? קום, די צייט שטעהט ניט! איך וועל וואַרטען אויף דיר אין באַטערי פּאַרק. הערריי, זיי א מאַן, פלעין אַפּ ענד דאָון. (אָב צוריק דורך'ן פייער עסקייפּ).

הערריי (איין אויגענבליק פערטראַכט): יא! יא! דער פּאַפּאַ איז זעהר א שלעכטער. ער וועט מיך דער'הרג'ענען! דער פּאַפּאַ וועט מיך דער'הרג'ענען, איך ווייס עס! (כאַפּט זיך אויף) איך וועל ניט בלייבען אין דער היים! (זוכט זעהר איילענדיג זיך). איך וועל נעהמען מיין פוט-באָל (געפינט א פוט-באָל) און דאָס בוך, וואָס מיין טיטשער, מיס האַרדלע, האָט מיר געשענקט... אָה, גוטע מיס האַרדלעי! איך וועל איהר שרייבען א בריעף פון שיקאַגאָ. (נעהמט א בוך. וויל עס בעהאַלטען אין פּאַקעט. עס געהט ניט. גאַנץ שטיל). מאַמע! גוד באַי! פור מאַמא! (ר' יעקב אלחנן קומט).

ר' יעקב אלחנן: אברהם, וואו ביזטו? אַז אין ברכת תהום רבצת תחת פעהלט מיר זעקס, מיינסטו, האָב איך ניט קיין אַנדער פּסוק? הא? וואו איז ער? א שאָד! ער איז ניטאָ, כי גדולה ח ר פ ת י מאד. חרפתי —

ה—8, ר—200, פ—80, ת—400, י—10 — 698 — תרצ"ח! יא! איך בין זיכער, ווי יעצט איז נאכט, אז אי"ה אין תרצ"ח לפ"ק וועלען מיר אוועק־געהן פון אונזער לאנגען פינסטערען גלות, אין אונזער אלטען טייערען, הייליגען היים, במהרה בימנו. וואָרום טאקע דער מספר „ובזכותי זה ובא לציון גואל"... אָבער וואו שטעהט דער פסוק כי גדולה חרפתי מאוד? אפשר איז דאָס גאָר קיין פסוק ניט, הא? (זעצט זיך, רעכענט און שרייבט. בת־שבע און בעסי קומען. רעדען גאנץ שטיל). צו די ווייבער איז געקומען דער שלאנג, דער נ ח ש און האָט אונז געבראַכט דעם טויט... צו אונז אָבער וועט באלד קומען דער משיח, אי"ה, און וועט ברענגען דאָס אייביגע לעבען. וואָרום דער מספר פון נחש איז פונקט דער מספר פון משיח. נחש איז 358 און משיח — 358. עהע! דערפאר הפנים ווען אין דער מדבר האָט דעם אידען געביסען דער נחש, האָט מען איהם געהייסען קוקען אויפ'ן נחש, וואָס איז בגמטריא משיח... אי! הפלא ופלא! אי! אי! אי!

בת־שבע: יא, בעסי, איך האָב פיעל געדענקט דערפון, און איך פערשטעה ניט, פאר וואָס ניט? ווען איהר קומט, פערליעב איך זיך אין אייך. מיר וואָלטען געלעבט צוזאַמען ווי צוויי שוועסטער. איך האָב פריהער געטריבען דעם געדאַנק פון זיך, אָבער עס העלפט ניט. איך פערשטעה, עס וועט מוזען געשעהן. איהר וועט זיין מיט אונז.

בעסי: וואָס האָט איהר זיך איינגערעדט נארישקייטען!

בת־שבע: איך וויים, עס איז גאָר ניט קיין נארישקייטען. אז איהר וועט זיין ביי אונז, וועט פון אונזער שטוב אויפ'ם ניי ווערען א היים. אין די אלטע צייטען האָבען אפילו די אבות מיט די אמהות אזוי געטהאָן.

בעסי: ניין! ניין! חלילה, איהר פערשטעהט אליין ניט וואָס איהר רעדט!

בת־שבע: נו, ווי באלד אזוי, וועל איך טאקע די טעג געהן אין האָספיטאל מאכען זיך די אָפעראציע: ממה נפשך, וועל איך האָבען קינדער וועט זיין א היים, וועל איך ניט קענען זיין א מוטער, וועל איך בעסער שטאַרבען. עס איז אפילו א סוד, אָבער אייך, בעסי, מעג איך דאָס אויס־זאָגען. גאָט האָט מיר צוגעשיקט דאָס געלד, וואָס איך דארף צו דער אָפע־ראציע. מיין הערדי האָט געפונען 106 דאָלאר נעבען סיטי האָל און האָט מיר געגעבען דאָס געלד...

בעסי (ערשטוינט): הערדי האָט געפונען 160 דאָלאר? ווייסט דער־פון דער פאָטער?

בת־שבע: ניין! ער וויל ניט דער פאָטער זאָל וויסען. (זי קוקט זיך

אום). וואו איז ער דאָס, דער גנב? שוין ווידער אַרויסגעלאָפען אויפ'ן סטריט. אַי, די סטריט! די סטריט!

בעסי: דאָס געפעלט מיר ניט! מרס. ריבקין, אַ פּאַטער דאַרף אַלעס וויסען... אַז ער דערוויסט זיך שפּעט — קען אַרויס אַן אונגליק און העלפען איז שוין אונמעגליך. אויסער דעם, דאָס, וואָס איהר האָט סודות צווישען זיך בעזונדער, — פערפּרעמדעט דאָס קינד פון פאַטער. (קוקט אויפ'ן זייגער). איך מוז יעצט געהן.

בת־שבע: בעפאָר איהר וועט פאָהרען אַהיים, בעט איך אייך, נאָך אַמאָל אַריינגעהן... מיר דאַרפען נאָך פיעל ריידען... איהר וועט אַריינגעהן, בעסי?

בעסי: מרס. ריבקין, איהר ווילט האָבען קינדער, זיי זאָלען אייך שאַפען אַ היים, איך מיין, מען דאַרף פריהער שאַפען אַ היים, אום קינדער זאָלען האָבען וואו צו לעבען און ערציהען זיך. אַמאָל האָט געקענט זיין מוטער יעדע, וואָס האָט געקענט האָבען קינדער, יעצט קען אַ מוטער זיין נאָר די, וואָס קען קינדער ערציהען... באַי, באַי! (אָב).

בת־שבע: מען דאַרף ניט נאָר קענען געבוירען קינדער, מען דאַרף קענען ערציהען? הם! אַ בהמה, אַ קאַץ ווייסט אויסווייניג ווי צו זיין אַ מוטער, און אַ פרוי דאַרף עס פריהער אויסשטודירען פון אַ ביכעל. אַי, די ביכלעך קענען איינעם משוגע מאַכען! (נעהמט אַ בעזים, קעהרט און ברומט אַ ליעדעלע פאַר זיך. ווען זי גיט אַ רוק דעם ראָקינג־טשער, דערזעהט זי אַ קישעלע, וועלכע זי נעהמט צאַרט אויף די הענד און דריקט עס צו זיך). אַ קינד! אַי, וועה איז מיר, אַ קינד! (געהט אום און זינגט. לעגט עס אַניעדער. געהט צום פאַטער מיט'ן בעזים אין האַנד). טאַטע, לעבען, איך האָב דיך עפּעס געוואָלט פרעגען... ווייל מיין מאַן איז אברהם, איז מיר עפּעס געקומען אויפ'ן זינען. אברהם אבינו איז געווען אַן עהרליכער איד און די מוטער שרה אַן עהרליכע אידענע, האַ?

ר' יעקב אלחנן: אַ שאלה! אברהם אבינו האָט אודאי ניט געזאָגט שרה'ן, אַז מען דאַרף ניט קיין מצות אויף פּסח. און שרה איז געווים ניט געגאַנגען מיט די אייגענע האָר.

בת־שבע: דערצעהל מיר טאַטע, ווי אַזוי איז געווען די מעשה מיט הגר'ן?

ר' יעקב אלחנן: האַ? הגר? ה—5, ג—3, ר—200. האַ? שרה האָט ניט געהאַט קיין קינדער. האָט זי געזאָגט אברהם'ען, נעהם הגר'ן, אפשר וועל איך דורך איהר געבויט ווערען. (ענטציקט). אַי וועה! זעה נאָר די ספירות! הגר בעטרעפט 208 און דורך איהר איז ביי שרה'ן געבוירען געוואָ־

רען יצחק, וועלכער בעטרעפט אויף 208... אי! אי! אי! הפלא ופלא. הגר מיט יצחק׳ען צוזאמענגעפלאָכטען.

בת־שבע: דאָס הייסט, שרה האָט געמיינט, דורך הגר׳ן וועט אויפ־געבויט ווערען די היים?

ר׳ יעקב אלחנן: הגר און יצחק — די זעלבע זאַך. הפלא ופלא!

בת־שבע: דאָס זעלבע האָבען געטהאָן רחל און לאה... זיי האָבען געבראַכט אנדערע ווייבער צו יעקב׳ן און האָבען געוואָלט דורך זיי אויפגעבויט ווערען. איך גלויב אין אזא זאַך!

ר׳ יעקב אלחנן: שוטה, גלויב ניט, אז עס שטעהט אין דער תורה הקדושה!

בת־שבע: פאַר וואָס זאָל מיין אברהם זיין בעסער פון אברהם אבינו? אויב זיי האָבען געמעגט, מעגען מיר, קליינע מענשעלעך, אודאי? ווי מיינסטו, טאַטע?

ר׳ יעקב אלחנן: עס איז נאָר געבליבען צו וואַרטען 31 יאָהר און דאן וועלען מיר וויסען גענוי, וואָס מען מעג און וואָס מען מעג ניט. משיח, אי״ה, וועט קומען און וועט פערענטפערען אלע קשיות, אלע אבאייות, אלע שאלות ותשובות, אלע ספקות, אלע מחלוקות, אלע תיקו׳ס. 31 יאָהר! (אָב צו זיך).

בת־שבע (שטעהט אויף): וואַרטען 31 יאָהר? טאַטע, אז מען וואַרט לאַנג אויף א זאַך און מען דענקט לאַנג פון א זאַך קען מען משוגע ווערען. (גלעט דעם שטערען). יא, איך וויים עס, מען קען משוגע ווערען. דאָס האַרץ ווערט שוואַך, דער קאָפּ ווערט דול. (קעהרט און רעדט צו זיך). די אמאָליגע ווייבער האָבען געהאַט מעהר שכל. שרה האָט איהם אליין געגעבען הגר׳ן, איז זי געבליבען די גבירתה און הגר די שפחה. זי זאָל אָבער וואַרטען ביז וואַנען אברהם וואָלט אליין גענומען הגר׳ן, וואָלט הגר געוואָרען די גבירתה און זי די שפחה. און עס קען טאַקע אויך זיין, אז זיי האָבען זייערע מענער מעהר ליעב געהאַט... מיר האָבען ליעב נאָר זיך אליין. איך בין א קראַנקע פרוי, ער איז יונג און געזונד. וואָרום זאָל איך איהם שטערען גליקליך צו זיין? פערקעהרט, אפשר דורך איהר וועל איך אויך אויפגעבויט ווערען, ווי אונזער מוטער שרה. מען דאַרף פרעגען דעם טאַטען: בעטרעפט בת־שבע אזוי פיעל ווי שרה? (זי פערטראַכט זיך. מען קלאַפּט אין טהיר). מען קלאַפּט? קאָם אין! (לינא קומט צוריק).

לינא: ניטאָ שוין די מאַסאַדזשיסטקע? איך קען ניט אָנקוקען איהר מיאוס׳ע מאָרדע!

בת־שבע: אַי, חלואי, איהר מיאוס'ע מאָרדע אויף אונז ביידע געזאָגט געוואָרען.

לינא: נו, יא! היינטיגע צייטען אבי מען האָט נאָר אַ שעהנע מאָרדעלע... קיינער ניטאָ!... איך ביינק שוין נאָך מיין באַי. זעהסט איהר איהם אָפּט?

בת־שבע: ער געהט ניט מעהר אהער און עס קען גאָר זיין, ער איז שוין ניטאָ אין ניו יאָרק. ער האָט זיך בעריהמט, ער וועט אוועק ווייט אין די וועסט.

לינא: וויים איך! וואוהין וועט ער פאָהרען און מיט וואָס וועט ער פאָהרען?

בת־שבע: מען קען ניט וויסען. און ווי געהט אייך, זינט איהר זייט אין די הויזען פון אן אגענט?

לינא: דעם אמת? לא עליכם'דיג. פונקט די, וועלכע רעדען מיט אזא פייער פון פרייהייט, מאכען חזק פון מיר. אַ פאַלשע וועלט! היינט די אינטעליגענציע אונזערע! וואָס דאַרפען זיי אַן ענציקלאָפּעדיע, אז עס איז דאָ פאָויקער אויף דער וועלט!

בת־שבע: געוואלד, פרעג איך אייך, וואָס האָט איהר געוואָלט?

לינא: איך האָב געוואָלט זיין עפּעס.

בת־שבע: עפּעס? איז דען אַ מאמע, אַ בעל הבית'טע אין שטוב אפילו ניט „עפּעס"? אייער מאַן האָט אייך אזוי ליעב... אַ גוטער מענש אָהן אַ גאַל. וואָס דאַרף מען נאָך?

לינא: אַ גליק! אָבלעבען די יאָהרען מיט אַ מענש אָהן אַ גאַל... אין רוסלאַנד וואָלט איך אפשר ניט געהאַט קיין צייט צוצוקוקען זיך און מיר וואָלטען אזוי אָבגעלעבט די יאָהרען, דאָ אָבער האָט אַ פרוי צייט צו קוקען און צו טראַכטען. קיין זאַך האַלט זיך דאָ ניט לאַנג. יעדע זאַך בייט זיך דאָ שנעל.

בת־שבע: אפילו מאַן און ווייב אויך?

לינא: וואָס דען? אייביג האַלטען זיך מיט איין זאַך? אָבער וואָס? איהר מיינט, מיר איז גוט? ווער עס איז מיר מקנא, זאָל איהם גאָט העלפען, ער זאָל געהן פעדלען מיט די דזשוּאיש ענציקלאָפּעדיע. (מען קלאַפּט אין טהיר זעהר שטיל און זעהר לאַנגזאַם).

בת־שבע: שטילע, שלעפעריגע קלעפּ! דאָס קלאַפּט מסתמא מר. פיליפּ, מר. וויים, מיין איך. קאָם אין! (פיליפּ קומט. געוואָרען עלטער, לאַנג ניט ראַזירט).

פיליפּ (טרויעריג): העלאָ, מרס. ריבקין, איך האָב מורא, מיין באַי,

איף יו פליז, איז גאר קאפוט געגאנגען. (בעמערקט לינא'ן, ווערט פרעהליך). אַה, עסקיוז מי, לינא! העלא! וואָס מאכסטו? אַי, אזא גאסט! אי בעג יור פארדאָן, מיר האָט זיך אָנגעהויבען פיקען מיין הארץ...

בת־שבע: איהר זעהט, דער „אגענט" איז דאָך געקומען צו אייך מיט א וויזיט, זיצט, מר. פיליפ...

פיליפ: טראָבעלט אייך ניט, א דאנק. (זעצט זיך). לינא, איף יו פליז, זעהסט זעהר שלעכט אויס.

לינא: און איהר, מר. וויים, זייט פערוואקסען מיט א באָרד.

בת־שבע: וואָס דען, א גוי'אישע געגאָלטע מאָרדע איז שעהנער? וואו איז דאָס מיין קליינער טייערער טייוועל? איך וועל אונמיסטען א קוק טהאָן פון פענסטער פון פראָנט־רום. (מאכט א כיטרע מינע און געהט אַב אין צווייטען צימער).

פיליפ: נו, יא, פון וועמעס וועגען דארף איך זיך שייווען? וועמען האָב איך צו געפעהלען? איך געה יעצט אום ווי א מענש, וואָס איז, אי בעג יור פארדאָן, ניט געשטאָרבען און ניט געבליבען לעבען. גלאַט אזוי, ווי ניט אהין און ניט אהער... עסקיוז מי, לינא, פערדיענסטו עפּעס?

לינא: דערווייל מאך איך נאָך ניט קיין גלענצענדע געשעפטען....

פיליפ: טאָמער דארפסטו געלד? איך וועל דיר באָרגען. ביזט דאָך ניט בייז אויף מיר! איך געה אום שטענדיג און טראכט: אפשר איז זי בייז אויף מיר?

לינא: ניין! איך בין ניט בייז! אויב דו קענסט, באָרג מיר אויף א קורצע צייט צעהן דאָלאר. איך האָב צוויי קאסטימערס, וועלכע האָבען מיר צוגעזאָגט זונטאָג געבען געלד...

פיליפ: עסקיוז מי, נאר, וואָס דארפסטו רעדען! (גיט איהר געלד). ביזט אפשר הונגעריג? וועל איך אראָבלויפען עפּעס קויפען. איך וועל מאכען טהעע. אי, וואָס ביי אונז אין שטוב טהוט זיך, איף יו פליז! איך זאָל זיך ריכטען אויף געסט, וואָלט איך ווי עס איז אויפגערוימט... אָדער, עסקיוז מי, געבעטען די דזשעניטאָרשע.

לינא: אזוי, ביזט א מחותן מיט דער דזשעניטאָרשע?

פיליפ (אויפגערעגט): אי בעג יור פארדאָן! עסקיוז מי, איף יו פליז! איך בין ניט ווי די אנדערע מענער, וועלכע, איף יו פליז!....

לינא: וואָס געהט עס מיך אָן? די הויפטזאך, איך וואָלט געוואָלט זעהן אונזער מורדעי...

פיליפ: ווער ווייסט, וואו ער איז? אונזער מורדעי... אָבער, אָל־ראַיט, טראָבעל זיך איצט ניט: קום אריין, לינא, איך וועל אראָבלויפען אין דעלי־

קאטעסען סטאָר. וועסט עסען סאָסעדזשעס מיט א פּיקעל? אָדער, עסקיוז מי, א פּאָר פרישע אייער מיט א מאַרנירטען הערינג? איך וועל נעהמען א פיינטיקעל ביער. און דאָס וואָס דו האָסט ליעב... „שאַרלאָט רוז“. (אויפ־געלעגט). קום, קום אריין, נאָר אזוי צו גאָסט.

לינאָ: מיר זיינען דאָך אָבער יעצט אזוי ווי פרעמדע. (בת־שבע קומט צוריק).

פיליפ: זאָל דיר דאַכטען, איך בין, אי בעג יור פּאַרדאָן, א קאָס־טאָמער. איך וויל ביי דיר קויפען די... דאָס וואָס דו פערקויפסט... מרס. ריבקין, איך בין איהר פלוצלונג א פרעמדער געוואָרען. אי, די געבילדעטע מענשען! ביי זיי קומט אלעס, אי בעג יור פּאַרדאָן, ניט אזוי ווי ביי אונז. קום אריין, לינאָ.

בת־שבע: לינא, וואָס מאַכט איהר דאָרט פאר אָנשטעלען? ברעקעלט זיך ניט. (גיט איהר דאָס בוך). נעהמט אייער אידישע זאך און געהט!

פיליפ: מרס. ריבקין, טראָאבעלט אייך ניט. א דאַנק. אי, לינא, איך וויים ניט פאר וואָס, מיר פערכאַפּט אזש דער אָטהעם... (ער נעהמט לינאָ׳ס בוך. ביידע אָב).

בת־שבע: פע! (קוקט אויפ׳ן טהיר אַן אויגענבליק). איך וויים ניט פאר וואָס, נאָר זיי ביידע פער׳מיאוס׳ען מיר שטענדיג ניט נאָר דאָס ליעבען זיך, נאָר זיי מאַכען מיר מיאוס ומאוס דאָס גאַנצע לעבען. פע! (געהט אום). אָי, וואָס איז דאָס פאר א וועלטעל? וועז ניט צוליעב קינדער, וואָלט גאָר אין גאַנצען ניט כדאי געוועזן צו לעבען. טאַקי! איך זאָל ניט האָבען מיין קינד, מיין הערריניו, וואָלט איך אפשר שוין לאַנג געמאַכט א סוף.... א פרומע אידישע טאָכטער טאָר גאָר ניט דענקען פון אזא זאך... וואו לויפט עס ארום אזוי שפּעט מיין לויפערל? מסתמא עפּעס ביזנעס? עס וואַקסט א בריה א יונג, געזונד זאָל ער זיין. אי, איך האָב ניט קיין פרייד אין מיין לעבען, וועל איך אפשר אמאָל נחת האָבען פון מיין קינד. (לינאָ צוריק אויפגערעגט, מיט א שטיקעל פּאַפּיער אין האַנד).

לינאָ: מרס. ריבקין, שרעקט אייך נאָר ניט... מיר האָבען געפונען אויפ׳ן טיש א צעטעלע פון מורדעי׳ען, ער זעגענט זיך מיט אונז און שרייבט, זיין ערשטען בריעף זאָלען מיר ערוואַרטען פון שיקאַגאָ. זאָל עס מעגליך זיין?

בת־שבע: יאָ, ער האָט עס געטהאָן... קיין ספק ניטאָ — וואָס איז דער חידוש? א קינד וואַקסט אָהן א מאַמע...

לינאָ: אָי! וואָס קען א מאַמע העלפען? איהר זייט דאָך א הייסע, א געטרייע מאַמע... פון דעסטוועגען שרייבט מורדעי, אז אייער העררי ענט־לויפט צוזאַמען מיט איהם...

בת־שבע (ווי מיט א דונער דערשלאָגען): הא! מיין הערריִ? ! וואָס רעדט איהר דאָס? אָי, וועה איז מיר, וואו איז הערריִ? ער איז ערשט דאָ געוועזן. מיין קינד! (לאָזט זיך לויפען אין האָל ווי א פערווירטע און שרייט): הערריִ! הערריִ!

לינאַ (פערהאַלט זי): וואוהין? גאָט איז מיט אייך! נעהמט עטוואָס אויפ'ן קאָפּ... קוק זי נאָר אָן! די שכנים וועלען דאָך מיינען, איהר זייט, חלילה, פון זינען אראָב.

בת־שבע (זוכט איהר שאַל): איך וועל אראָבלויפען זעהן, פרעגען ביי די באָיעס. מען וועט אפשר דארפען לויפען אַהין, וואו ער פערקויפט די פייפערס, נעבען סיטי האָל. (כאַפּט אויף זיך דעם שאַל). ער שרייבט, אז מיין הערריִ געהט מיט איהם? אָי, פינסטער איז מיר!

לינאַ: הערט אויס, איך וועל אראָבלויפען מיט אייך. (לויפט צו זיך).

בת־שבע: יא, קומט מיט מיר. איך בעט אייך, קומט גיכער! די באָיעס לאַכען פון מיין ענגליש. איך בין שטום, איך וועל ניט קענען פרעגען. איך בין א שטומע אין דעם לאַנד, איך בין א בלינדע דאָ, א פרעמדע... (זוכט) ער איז דאָך ערשט געוועזן דאָ. עס קען ניט זיין! ער האָט גאָר ניט מיט־גענומען, גאָרניט געשריעבען. ניין! עס קען ניט זיין! מיין הערריִ וועט עס מיר ניט טהאָן! (בעסי עפענט די טהיר, און בלייבט שטעהן פערוואונ־דערט). קומט, לינאַ! אָי, מיינע פיס האַקען זיך מיר אונטער... אָה! דאָס זייט איהר בעסי? ע... איצט ניט!... ע... הערט אויס! (גלעט זיך איבער'ן שטערען). אַך, יא! איך בעט אייך, בלייבט דאָ מיט אייבי'ן... ער וועט באַלד קומען, מסתמא... יא, איך ווייס, אַז פונקט איצט, וועט איהם ציהען אַהיים... בלייבט! איך לויף זוכען מיין הערריִ'ן... ער זאָל מיט זייער באָי אוועקפאָהרען קיין שיקאַגאָ... אָי! איך וואָלט דאָס ניט איבערגעלעבט!... איך וועל איהם געפינען און ברענגען אַהיים, און איהר דערווייל
ע זאָגט אייבי'ן גאָרניט. איך בעט אייך. בעסי, זייט א גוטע, און וואַרט דאָ אויף מיר... בעסי, אויב דאָס קינד אויך ניט, וואָס בלייבט מיר אויף דער וועלט! (וויינט) לינאַ, אום גאָטעס ווילען, גיכער! (לויפט אַרויס. אין האָל איז שוין לינאַ און פיליפּ, שרייט:) הערריִ, הערריניו! הערריִ! (מען הערט ווי לינאַ בערוהיגט זי און לאָזט ניט שרייען).

פיליפּ (געהט אריין און מאַכט צו די טהיר): איף יו פליז, איז דאָס זעהר א גרויסער סקאַנדאַל. אונזער באָי איז שוין לאַנג קאַפּוט. אבער הערריִ, אַי בעג יור פּאַרדאָן, איז נאָך א קינד. עקסקיוז מי, איז דען דאָס ניט אַזוי? הא? ווי איז אייגענטליך אייער מיינונג? איהר זייט דאָך אויך א

געבילדעטע פרוי, ווי מיין לינא. אַי, איהר זאָלט זעהן די ביכער, וואָס זי לעזט און די לעקטשורס וואָס זי אַטענדעט... אַ קאָפּ!

בעסי: ענטשולדיגט, איך פערשטעה ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. הערי איז אוועקגעלאָפען?

פיליפ: אַי בעג יור פּארדאָן, מיט מיין באַי אין שיקאַגאָ... עקסקיוז מי, אַ שעהנער כאַפּ! טראָבעל פּונקט אין דער צייט ווען מיין לינא איז שוין יאַ געקומען... ביי זיך אין דער היים איז מען ווי ניט אין דער היים... נו, גוּה, עפּטער אַלל, האָב נחת פון קינדער! און איך האָב געהאָפּט... דאָך, ווי זאָגט מען, אַי בעג יור פּארדאָן, מאַן און ווייב איז איין לייב. איף יו פּליז, איך וועל אונמיסטען אויך אראָבגעהן... אַריפּמע מרס. ריבקין! אַי בעג יור פּארדאָן. (אב. מאַכט צו די טהיר).

בעסי: איך זעה, דאָס פאַמיליען־לעבען גיט גענוג צרות, אויפרעגונג, שרעק, טראָבעל. וויפיעל גיט עס פרייד און גליק? אַמאָל האָט מען פון אַ היים זעהר פיעל געדענקט און געטרוימט. יעצט שפּיעלט די היים קיין ראָלע מעהר ניט. מען עמיגרירט פון דער היים זעהר לייכט, מען פערקויפט לאַנג־בעוואוינטע הייזער, פון יאָהרען בעזעסענעם לאַנד, מען פאָהרט אום, מען וואַנדערט, מען רייזט פון איין פּלאַץ אויפ'ן אַנדערען, מען לעבט אין האָטעלען, אויף שיפען, אויף פּלעזשור און קור־ערטער. דער מענש איז היינט אַן אָבגעריסענע, צו קיין זאַך ניט צוגעפעסטעטע זאַך. די אַלטע היים פּאַלט... אַלעס לויפט!.... (געהט אום פערטראַכט). הא! מיסיס ריבקין האָט אַ פּלאַן: זי וויל אונטערשפּארען די אַלטע היים מיט אַ נייעם סטאָלב... זי זאָגט עס, דאַכט זיך, אַזוי קאַלטבלוטיג, און מיר גיט אַ קלאַפּ דאָס בלוט אין קאָפּ אריין. (אַ נערוויש, מען קלאַפּט אין טהיר). קאַם אין! (אייבי קומט. קוקט זיך אַרום ערשטוינט).

אייבי: איהר זייט דאָ גאָר אַליין?

בעסי: יאַ, אייער פרוי איז אַראָבגעגאַנגען זעהן, וואו איז הערי?

אייבי: אַליין?... איהר זייט דאָ יעצט אַליין?... זאָנדערבאַר... מיר זיינען דאָ אַליין! מערקווירדיג, עס האָט מיך אַזוי געצויגען אהיים.

בעסי: וואָס איז דאָ אַזוי זאָנדערבאַר? אייער באַי איז אַזוי שפּעט ניטאָ, איז די מוטער נעגאַנגען זעהן וואו ער איז, און מיך האָט זיך געבעטען דאָ זיצען. און מיר זיינען ניט אַליין דאָ — איך האָב געהערט אייער שווער הוסט דאָרט...

אייבי: יאַ, ער הוסט און צעהלט ווען משיח וועט קומען. (פּויזע). עס איז שוין אַ צייט, וואָס אונז איז ניט אויסגעפאַלען צו בלייבען אין צווייען.

בעסי: און עס וועט געווים נאָך מעהר צייט אוועק, בעפאָר דאָס וועט זיך טרעפען נאָך אמאָל.

אייבי: איך האָב לאַנג ערוואַרטעט אזא געלעגענהייט. איך האָב פיעלעס אייך צו דערצעהלען.

בעסי: וואָס פאַר א פּראַקטישען זין קען האָבען דאָס דערצעהלען און דאָס רעדען?

אייבי: איהר ווייסט, מיין פרוי טראָגט זיך אום מיט א געדאַנק...

בעסי (פערשעמט): דאָס איז ניט קיין געדאַנק, דאָס איז אַן אונזין...

אייבי: איך וויים. אבער דאָך טרוימען דערפון... דענקען, ווי אזוי מיר אַלע צוזאַמען...

בעסי: איך האָב פיינט צו טרוימען און דענקען פון נאַרישקייטען. איהר ווייסט, איך בין ניט פון די איבערגעשפּאַנטע... איך בין א פּראַקטישער מענש.

אייבי: דאָך, שטעלט אייך פאָר, אויב דאָס וואָלט געווען אויס־פיהרליך.

בעסי: איך וויל מיר גאָר ניט פאָרשטעלען! (א לאַנגע פּויזע).

אייבי: אַז איך גיב נאָר א טראַכט, אַז איך בין דאָ איצט מיט אייך אליין, בעסי!...

בעסי: איהר גיט בעסער א טראַכט דערפון, וואָס אין דער צייט, ווען איהר זייט דאָ אַליין מיט מיר און איהר טראַכט פון זאַכען, פון וועלכע עס איז בעסער ניט צו טראַכטען, אין דערזעלבער צייט לויפט אום די מוטער פון אייער קינד איבער די גאַסען, א טויט־דערשראָקענע, א פערצווייפעלטע, און זוכט, און רופט...

אייבי (רוהיג): א נייעס! שטענדיג אזוי. פריהער לאָזט זי איהם לויפען, און נאָכדעם לויפט זי איהם זוכען. בעסי, זי האָט דאָס קינד פער־פערעמדעט פון מיר. העררי האָט מיך ניט ליעב. ער קען מיך ניט. ער האָט מורא פאַר מיר. זי איז ניט ענטוויקעלט גענוג צו זיין א מוטער... א פריינד מיר — קען זי ניט זיין, מיר זיינען ווייט איינער פון אַנדערען... און... ע... עס איז ניט שעהן צו זאָגען... אבער... איך בין ניט קיין מלאך... און זי איז א קראַנקע.

בעסי (שטעהט אויף): איך זאָג אייך, אַז מיט אייער קינד, קען זיין, האָט וואָס פּאַסירט, און איהר דענקט און רעדט פון זיך. איך קען דאָ ניט בלייבען מעהר. אייער פרוי וועט מיך ענטשולדיגען. (וויל געהן).

אייבי (כאַפּט איהר האַנד): ניין! ניין! איך בעט אייך... הערט מיך אויס. איך וויל ניט, איהר זאָלט דענקען שלעכט פון מיר!

בעסי (וויל זיך ארויסרייסען): איך דענק ניט שלעכט פון אייך. אבער יעצט הערען אייערע טענות, וויל איך ניט. לאָזט מיך געהן. איך בעט אייך!

אייבי (האלט פעסט איהר האנד): ניין! איין וואָרט! איך וויל אייך זאָגען נאָר איין וואָרט! (זי רייסט ארוים איין האנד, ער כאַפּט די צווייטע. פּונקט אין דער מינוט בת־שבע ראש אריין). נאָר איין וואָרט נאָך, בעסי! (ער דערזעהט בת־שבע׳ן און לאָזט אָב בעסי׳ס האנד).

בת־שבע (קוים וואָס זי אָטהעמט, ניעדערגעשלאָגען, דערשראָקען): הערריי ניט געקומען אהיים? (א קוק אויף זייביידען). אָה! יא! איך האָב געוואוסט. מיין הארץ האָט געפיהלט. הם! א מערקווירדיגע זאַך! איך בין געלאָפען אין גאס און מיינע אויגען האָבען אייך ביידען געזעהען דאָ. איך האָב געשריען און גערופען הערריי׳ן, און מיינע אויערען האָבען געהערט ווי איהר רעדט שטיל איינער צום אנדערען. (זעצט זיך אין א ווינקעלע, גלעט דעם שטערען. פּויזע). וועה! מיר פאָהרען קיין אמעריקא כאַפּען גליקען און מיר פערליערען דאָס טייערסטע, וואָס א מענש האָט... אלעס! אמעריקא האָט צוגענומען ביי מיר מיין היים, האָט צוגענומען ביי מיר מיין מאַן, יעצט וויל זי צונעהמען מיין איינציג קינד! בעסי, איך האָב מורא, איך פערליער יעצט מיין קינד!

אייבי: איך פערשטעה ניט, וואָס קומט דאָ יעצט פאָר? וואו איז הערריי?

בעסי: מען האָט מורא, אייער שכנ׳ס זוהן האָט איהם מיטגענומען קיין שיקאַגאָ!

בת־שבע (פערצווייפעלט): איך האָב מורא, ער האָט צוגענומען ביי מיר מיין קינד! איך האָב מורא, איך האָב פערלאָרען מיין קינד!

אייבי: שש! מאַך נאָר ניט דערוויילע קיין גוואַלדען! דערצעהלט מיר, וואָס טהוט זיך דאָ... לאָמיך וויסען! ער איז דאָך ערשט דאָ געוועזן? קען מען דאָך אויסגעפינען, מען קען טעלעגראַפירען, מען קען איהם סטאָפּען אין וועג. די פּאָליציי וועט איהם ברענגען צוריק. אבער ווער זאָגט, אז ער איז געפאָהרען?

בעסי: מיינט איהר ניט, מרס. ריבקין, אז דאָס געלד, וואָס ער האָט אייך גענעבען?...

אייבי: וועלכעס געלד? מיר זאָגט מען גאָר ניט! וועלכעס געלד? (הערריי עפענט פּלוצלונג די טהיר, לויפט אריין מיט גרוים אימפעט, זעהר דערשראָקען. לויפט צו דער מוטער).

בת־שבע: הערריי! אַי!

הערדי: מאמא, דאס געלד, האריאפ! (דערזעהט דעם פאטער, ווערט אנשוויגען). אה, דזשי!

בת־שבע: הערדיניו, און מיר האבען זיך דא געשראקען.... איך, נאר, האב שוין געמיינט, איך האב פערלוירען מיין קינד... האסט נאר א ביסעל אנגעשראקען די מאמע דיינע, הא? (זי אומארמט איהם. הערדי ציטערט, קוקט אויפ'ן טהיר מיט שרעק). וואס איז? גאט איז מיט דיר?!

אייבי: הערדי! קום אהער צו מיר. (הערדי געהט). דערצעהל מיר אלעס! וואו ביסטו געווען? (קיין ענטפער).

בעסי: הערדי! זיי א גוד באי און דערצעהל אפענהערציג אלעס דעם פאפא. פאר דיר וועט זיין בעסער.

הערדי: פאפא, מיר זיינען געגאנגען פאהרען קיין שיקאגא, נעבען דער פעררי האבען אונז דעטעקטיווס געוואלט ארעסטען... מוררעי'ן האבען זיי געקעטשט, איך בין אנטלאפען...

בת־שבע: ווי גרינג ער זאגט זיך „געגאנגען פאהרען קיין שיקאגא"! וועה איז מיר! און וואו איז די מאמע?

אייבי: ווארום האסטו געוואלט לויפען פון דער היים?

הערדי: מירביידע האבען זיך דערוואוסט, אז מען געהט אונז ארעסטען.

אייבי: ארעסטען! פארוואס ארעסטען? (פויזע). הערדי, זאג די ווארהייט! פארוואס ארעסטען?

הערדי (ציטערט מיט'ן גאנצען קערפער): פאפא, איך וועל דיר זאגען די גאנצע ווארהייט. איך... און מוררעי... מיר ביידע... דאס האבען מיר ארויסגעריסען ביי דער לענדליידי דעם סעטשעל מיט געלד... (אלע שרייען אוים פון איבערראשונג).

אייבי: הא? דאס זייט איהר בעפאלען די לענדליידי דאמאלס און בערויבט?... איהר זייט געווען די רויבער? דאמאלס ביינאכט, אין דער פינסטער?

הערדי: יעס, פאפא!

בת־שבע: אי, א שלאג האט מיך געטראפען! א דונער האט מיך דערשלאגען! מיין קאפ! מיין קאפ! מיין קאפ! (בעסי גיט איהר וואסער).

הערדי: דארט איז געווען 320 דאלאר. מיר האבען זיך צוטהיילט. ער איז עלטער, האט ער גענומען 200 און איך 120. ער האט זיין געלד כמעט אין גאנצען פערשפיעלט אין רייסעס, אין פול...

בת־שבע: איצט פערשטעה איך, ווארום ער האט אזוי אפט גערעדט

פון דעטעקטיווס און פון פריזאָן! איצט פערשטעה איך! איצט פערשטעה איך!

אייבי: לאָז רעדען! נו, און וואו איז דיין געלד? (קוקט אויף בעסי'ן) איהר בעגרייפט שוין, וואָס פאַר אַן אונגליק עס שפּיעלט זיך דאָ אָב אין שטוב? אי! אי! אי! פערברעכט די הענד און געהט אום איבער'ן שטוב).

הערריז: גיכער, פאַפּאַ, די דעטעקטיווס וועלען באַלד זיין דאָ, און איך וויל, איהר זאָלט אַלעס וויסען. איהר זאָלט אייך, אם וועניגסטען קענען רעטען פון טראָבעל. אי עס ע לאָסט מען עני האָו!...

אייבי: און וואו איז דיין געלד?

הערריז: פיערצעהן דאָלאר האָב איך גענומען אויף ביזנעס. דאָס געלד איז גאַנץ. איך האָב נאָר געקויפט אַ פּוט-באָל. און הונדערט-און-זעקס דאָלאַר האָב איך געגעבען דער מאַמאַ, זי זאָל געהן צום פּראָפעסאָר נאָך מעדיצין און ווערען געזונד.

אייבי: די מאַמאַ האָט ביי דיר גענומען דאָס געלד און געשוויגען? וועה! וועה!

הערריז: דער מאַמע'ן האָבען איך געזאָגט, איך האָב דאָס געלד געפונען נעבען סיטי האָל.

בת-שבע (פערטראַכט): בעסי, איך זעה, אַ פאָטער דאַרף אַלעס וויסען... אייבי, מען דאַרף שוין נעהמען און אָבגעגעבען דאָס געלד!

אייבי: האַר אוים! מען דאַרף וויסען ווי אַזוי אָבגעבען... די לאַיערס וועלען שוין האָבען אַ דזשאָב. אַלזאָ, הערריז, דו ביסט אַ פערברע-כער און מיר זיינען דיינע העלפּער. מען וועט שרייבען אין די צייטונגען, ווי אידישע עלטערן לערנען זייערע קינדער גזל'ענען און גנב'ענען. מיר וועלען, הייסט עס, אַלע צוזאַמען געהן אין פריזאָן! הערריז, האָסט געדאַוועט מנחה, געבענשט און געלויבט גאָט און ביזט געווען אַ גנב, אַ רויבער, אַ מערדער! וועה איז מיר, אַ קינד פון צוועלף יאָהר! אַ קינד פון צוועלף יאָהר!

בעסי: ריבקין, פערליערט ניט דעם קאָפּ! איהר דאַרפט זעהן, וואָס איהר האָט יעצט צו טהאָן.

בת-שבע (פערטראַכט): בעסי, אמת! אמת! ניט יעדע פרוי וואָס קען געבוירען קינדער, קען מוטער זיין. אָי, הערריז, וואָס האָסטו דיין אונ-גליקליכער מוטער געטהאָן? וואָס האָסטו געטהאָן דיין אָרימער מאַמע? הערריז, האָסט דאָך ביי מיר צוגענומען אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אין דער וועלט! האָסט דאָך מיך אויסגעמעקט פון ספר החיים! הערריז, האָסט דאָך

צוגענומען ביי מיר מיין איינציגען זוהן, האָסט צוגענומען ביי מיר מיין קינד! מיין שטאָלץ! מיין איינציגע פרייד אין לעבען!

אייבי: זעהסט שוין, וואָס דו האָסט פון איהם געמאַכט?

בת־שבע: איך? יא, אייבי... אבער אפשר ווען ער זאָל האָבען א היים... ווען זיין פאטער זאָל זיין מיט איהם אין דער היים... ווען מיר אַלע וואָלטען געהאַט א היים...

אייבי: ער פערדעלט אַלע טאָג מיט פייפערס געגען מיין ווילען, פאַר־וואָס פערלייקענסטו דאָס פון מיר? ער טהוט דער טייוועל ווייס וואָס — דו פערשוויינגסט עס. ער, א אינגעל פון צוועלף יאהר, ברענגט דיר הונדערט־און־זעקס דאָלאר, דו נעהמסט דאָס געלד און זאָגסט דעם פאטער גאָר ניט!

בת־שבע: יא, איך האָב געזעהן אַלץ פערשוויינגען און פערלייקענען פון דיר, ווייל איך האָב דיך געוואָלט פערהיטען פון יסורים, ווייל איך האָב מורא געהאַט, די אַלע זאַכען וועלען דיר די היים נאָך מיאוס'ער מאַכען. איך האָב דאָס געטהאָן צוליעב דער היים! איך האָב געציטערט איבער דיר, ווייל אין אמעריקא איז א מאַן זעהר א ציטריגע זאַך. אָי, וועה איז מיר! אין רוסלאנד איז ביטער, עס איז שווער, עס געהט ניט אוועק א מינוט אָהן שרעק און אָהן צרות. אבער פון וואַנען קומען די אַלע אונגליקען און די סכנות נפשות? פון דרויסען! פון פרעמדע! דער איד זוכט רוה, טרויסט, פרייד, פערגעניגען, נאָר ביי זיך אין דער היים, ביי אייגענע! דאָ זוכט מען פערגענעניגען און גוד־טאַים אין דרויסען ביי פרעמדע — און אַלע אונגליקען און צרות קומען אויפ'ן אידען דאָ פון זיין אייגענע היים. דאָס ענטלויפט דער מאַן; דאָס געהט אוועק די פרוי; א טאָכטער ווערט פער־פיהרט; א קינד פאַרט קיין שיקאַגאָ... די גרעסטע צרות, די גרעסטע שמערצען, דעם שרעקליכסטען פאַגראָם, קען מען דאָ ערוואַרטען פון דער אייגענער היים! (פלוצלונג ברעכט זי אויס מיט א פערצווייפעלטען יאמער). הערריי, וואָס וועלען מיר איצט טהאָן? ווי וועלען מיר קוקען לייטען אין די אויגען? וואָס וועט יעצט זיין מיט אונז? ווייסטו דאָס, הערריי?

הערריי: איך ווייס, מאַמאַ... מיך וועט צונעהמען די גערריי סאָסייטי.

בת־שבע: די דאָזיגע מערדער? די דאָזיגע בלוטזויגער? ניין! ניין! איך וועל בעסער פריהער שטאַרבען! איך וועל פריהער שטאַרבען!

הערריי: אָה, דזשי! (וויינט) פור מאַמאַ! אָה, מאַי פור מאַמאַ! (א גערויש. פיעלע שטימען און שריט).

אייבי: זיי געהען אַהער. רעד גאָר ניט. זיי דערוויילע ניט פער־צווייפעלט. מיר וועלען זעהן... (צוויי דעטעקטיווס מיט מורדעי'ן. נאָך זיי לינאַ מיט פיליפ'ן. נאָך זיי שכנים, מענער אָהן רעק, פרויען מיט קליינע

קינדער אויף די הענד, און קליינע קינדער נעבען זיי. די טהיר בלייבט אָפען).

בת־שבע (כאַפּט אַרום הערריין, ווי אַ וואַהנזיניגע): איך וועל איהם ניט אָבגעבען! איך וועל איהם ניט לאָזען!

דעטעקטיוו: דאַ איז ער! איז דאָס אייער באַי? (בעזוכט איהם). וויפיעל געלד האָסטו?

הערריי: אכט מיט דריי־און־זיבעציג. (דער דעטעקטיוו געפינט דאָס געלד, נאָכדעם שלעפּט ער אַרויס צוויי סיגאַרעטס).

אייבי: סיגאַרעטס? נו, יאָ, אַלץ ריכטיג... ריכטיג!...

לינאַ: אָט האָט איהר דעם איינפלוס פון דער אומגעבונג... די גאַס פערדאַרבט אונז די קינדער.

בעסי: און די היים? די ענגע, שמוציגע, ניט היימליכע היים טרייבט זיי אויף דער גאַס, און די גאַס מאַכט פון ריינע, אונשולדיגע קינדער פערברעכער און שופטען!

לינאַ: אַי, מורדעי, האָסטו דאָס געדאַרפט?

מורדעי: קאַט איט אוט! איך האָב געטהאָן, וואָס איך האָב געוואָלט. פלעין אַפּ ענד דאַון.

דעטעקטיוו (וועלכער האָט דערווייל איבערגעצעהלט דאָס געלד): וואו איז דאָס איבריגע געלד? (נעהמט צו הערריס געלד און זיין נאָטיס־ביכעל).

בת־שבע: איהר פרעגט וועגען געלד? איך...

מורדעי: סעי, גרינהאָרן, וואָס פערשטעהט איהר? פערשטעהט ניט וואָס מען פרעגט און זי רעדט! אָפיסער, דאָס גאַנצע געלד, דאָס הייסט, דרייהונדערט־און־צוואַנציג דאָלאַר, האָב איך גענומען. איך וועל אין סטיישאָן־הויז געבען אַ רעכנונג ביז יעדען סענט. דעם באַי האָב איך געגעבען צעהן דאָלאַר... איך האָב געהייסען אויסלעשען די גאַז, ווען איך וועל געבען אַ סיגנאַל. דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געטהאָן... ער האָט ניט געוואוסט, וואָס איך געה טהאָן. פון די צעהן דאָלאַר האָט ער געקויפט אָט דעם פוט־באָלל, און דאָס איבריגע געלד האָט ער. ער איז אַ מאַיזער! פאַר אַזאַ קליינעם דזשאָב האָב איך איהם געגעבען צעהן דאָלאַר, ווייל איך בין אַ דזשענטלמען, פלעין אַפּ ענד דאַון...

פיליפּ: איף יו פליז, פרעג איך דיך, פון וועמען האָסטו זיך געלערענט אַזעלכע ביזנעס? דיין מוטער איז אַ געבילדעטע פרוי, אַ ליידי, וועלכע, אַי בעג יור פּאַרדאָן.

מורדעי: אָללראַיט! זי געפעהלט דיר? קענסטו זי נעהמען...

דעטעקטיוו: וועלל, אין קאָורט וועט זיך אַלץ ערקלערען. יעצט

זיינען זיי ביידע ארעסטעט. דער קלענערער באַי וועט דערווייַלע געהן צו דער געררי סאָסייטי. (ווייל פיהרען העררי'ן).

בת־שבע (ווי א טיגערין): ניין! ניין! מיין קינד וועט איהר ביי מיר ניט צונעהמען! גיב זיי געלד, אייבי! גיב זיי געלד! די געררי סאָסייטי נעהמט געלד!

דעטעקטיוו: איט איז טו לייט נאַו... קיין זאַך קען יעצט ניט העלפען... דומהייטען... קאם אן!

אייבי: בערוהיג דיך, בת־שבע, איך געה שוין צו א לאָיער. מאָרגען אין קאָורט וועלען מיר זעהן.

בת־שבע: מיין קינד, מיין העררי, וועט נעכטיגען ביי דער געררי! ווער איז דער מאַמע! איך וועל דאָס ניט איבערלעבען. האָט רחמנות אויף מיר!

פיליפ: מרס. ריבקין, געוויס, קינדער, סאַירטענלי... אָבער אי בעג יור פּאַרדאָן... אי, מיינע האַלט זיך ווי א קאָזאַק, און מרס. ריבקין צוברעכט מיר מיין הארץ... א שוואַכע נעבעך...

אייבי: איין נאַכט דערווייַלע... עס וועט איהם, חלילה, ניט שאַדען... וואָס קען מען זיך העלפען?

בת־שבע: ניין! איך וועל עס ניט איבערלעבען! איך בעט אייך, גוטע מענשען, נעהמט ניט צו ביי מיר מיין קינד. איך האָב ניט מעהר... איך האָב ניט מעהר... (וויינט ביטער). וואָס ווייסט נעבעך א קינד? ניט ער איז שולדיג... די עלטערען, די גרויסע זיינען שולדיג...

העררי: פּור מאַמאַ, דאָנט קראַי. דזשי! איך וועל מאָרגען בעטען דעם דזשאַדזש, איך וועל קושען זיינע הענד, איך וועל וויינען און שווערען, איך וועל עס ניט טהאָן מעהר. דו וועסט זעהן, מאַמאַ, איך וועל מאָרגען קומען אהיים מיט'ן פּאַפּאַ. פּליז, מאַמאַ, דאָנט קראַי!

מורדעי: מרס. ריבקין, טייק מאַי וואָרד אָוו האָנאָר, ער האָט גאָר ניט געטהאָן, און איהם קומט גאָר ניט, פּלעין אַפּ ענד דאַון. איך וועט צעהן דאָלאַר געגען אייערען איין דאָלאַר, אז העררי איז ניט שולדיג און ער וועט מאָרגען קומען אהיים... איך ניט. אָבער ער, יא. קאם אן, צעהן דאָלאַר געגען איינעם!

דעטעקטיוו: שאַט אַפּ! קומט! (פיהרט זיי).

העררי: איך מוז געהן, מאַמאַ... איט איז נאַטהינג...

בת־שבע (הערט ניט): נעהמט איהם ניט צו פון מיר! א גאַנצע נאַכט אָהן דער מאַמע איז ער נאָך קיין מאָל ניט געווען זינט ער לעבט... עס איז נאָך ניט אוועק א נאַכט, זינט ער איז געבוירען געוואָרען, איך זאָל איהם

ניט איינדעקען, איך זאָל בייגאכט ניט קומען כאָטש איין מאָל א קוק טהאָן ווי אזוי דאָס קינד שלאָפט... אין דער פריה, אז איך וועל א קוק טהאָן אז זיין בעטעל שטעהט א לעדיגעס, וועט מיין הארץ צוריסען ווערען... (דער דעטעקטיוו שטויסט זי אָב, און פיהרט העררי'ן).

העררי: מאמא, דיער... גוד נאיט. איט איז נאטהינג, איט איז נאטהינג! פליז, דאָנט קראי. (וויינט) אָה, מאמא, דאָנט קראי. (אָב, וויינענדיג. מוררעי פעררויכערט, געהט מיט'ן צווייטען דעטעקטיוו פייפענדיג).

בת־שבע: העררי! העררינקיו! אָי, וואָס בלייבט מיר יעצט אין שטוב? (פאַלט צו צום טיש). מיין קינד! מיין זוהן! מיט וועמען בלייב איך דאָ? וועמען האָב איך אויסער דיך? (בעסי און אייבי בעזונדער האַלטען זיך אַן עצה. דער אַלטער קומט אַהן א ראָק, אָהן א וועסט; בעמערקט ניט אז בת־שבע וויינט).

ר' יעקב אלחנן: וואָס איז דאָ, האַ? איך ליעג אזוי און שלאָף, ווייזט זיך מיר אויס, איך הער דעם שופר של משיח, וועלכער רופט אונז אלע אהיים. (פערטראכט זיך). שופר... בעטרעפט... וואָס איז, בת־שבע? וויין ניט, טאָכטער, אלע טרערען וועלען אויסגעטריקענט ווערען, ווי מיר וועלען אלע זיין אין דער היים במהרה בימינו! טאָכטער, מיר ליידען, מיר וויינען, מיר טרויערען נאָר דערפאר, ווייל מיר האָבען ניט קיין היים.

בת־שבע (פערצווייפעלט): טאטע, איך האָב ניט קיין היים! איך האָב ניט קיין היים!...

אייבי: בערוהיג דיך, בת־שבע. עס טרעפט זיך. עס איז יעצט שפעט צו טענה'ן און בעקלאָגען זיך. מען וועט דארפען אָנווענדען אלע מיטלען... (ער געהט מיט בעסי'ן אַן א זייט און זיי רעדען עפעס שטיל, בת־שבע גיט אויף זיי א קוק).

בת־שבע: האַ? (ערוואכט ווי פון שלאָף). יא, עס איז שפעט צו טענה'ן און בעקלאָגען זיך. (רוהיג) אייגענטליך, פאר מיר האָט זיך אלץ געענדיגט... דער לעצטער פאָדים האָט זיך איבערגעריסען, דאָס לעצטע ליכט אויסגעלאָשען געוואָרען. אין מיין היים איז פינסטער איצט, חושך, די לעצטע האָפנונג איז פערלאָרען געגאנגען, און וואָס צו ערוואַרטען האָב איך ניט מעהר! מיין וועלטעל איז פערשפּיעלט... אָהן העררי'ן בין איך דאָ אין שטוב א גאָרנישט, א פרעמדע, אַן איבריגע, אַן אונבעשיצטע.

בעסי: גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איהר דאָס? (וויינט).

בת־שבע: דו!? (גיט אויף איהר א קוק ווי א וואהנזיניגע) יא! איך ווייס עס! אָבער, בעסי, איך בעט דיך, טרייב מיך ניט אַרויס פון דאַנען אויף דער גאַס, ווי שרה האָט אַרויסגעטריבען הגר'ן. שוועסטער מיינע, איך

האָב ניט וואוהין צו געהן... און טויטען זיך אליין, האָב איך מורא פאר גאָט. איך בין אַ פרומע, אידישע טאָכטער, און איך גלויב, אז גאָט שטראָפט מיך, האָב איך עס מסתמא פערדיענט... אז איך בין ניט ווערטה צו זיין אַ מוטער, וועל איך זיין אַ דיענסט. דו וועסט זיין שרה און איך וועל זיין די הגר! איך וועל זיין די הגר! איך וועל זיין די הגר! (גאַנץ שטיל). אַי וועה איז מיר! די גוים שלאָגען איהם דאָרטען... שש! האַ? איהר הערט ניט? מיר דוכט זיך מיין הערצי ווייגט. (זי הערט זיך צו. אלע בעטראַכטען זי פערוואונדערט. אלע פרעמדע פרויען ווייגען).

(פאָרהאַנג פאלט לאַנגזאַם).

פיערטער אקט.

מיט אכט מאָנאַט שפּעטער.

(ווינטער. טאָג. מען זעהט דורך די פענסטער ווי אַ שנעע פאַלט. אַ שעהנעס צימער. אַנדערע זעהר אָריגינעלע, אָבער ניט טייערע מעבעל. אַ שאַפּע מיט בי־כער. אייבי, ריין געראזירט, זעהר אויפגעלעגט, זיצט און לעזט א זאָנטאג־בלאַט. בעסי זיצט ביים טיש און לעזט אַ בוך. אַ לאַנגע פּויזע).

בעסי (קוקט אין פענסטער): אַ קאַלטער נאַסער שנעע פאַלט. דער היינטיגער זונטאג וועט ביי אונז פערלאָרען געהן.

אייבי: פערקעהרט. עס איז נאָך מעהר אנגענעהם צו זיצען אין דער היים, ווען עס איז אזא וועטער.

בעסי: מען וועט היינט ניט קענען ארויסגעהן.

אייבי: איך האָב היינט סאַי ווי סאַי ניט געדענקט צו געהן וואו. קארג לויפט מען זיך אָן אַ גאַנצע וואָך? אַם וועניגסטען זונטאג זיצען אין דער היים. אָי, וואָס קען זיין בעסער און זיסער פון אַ היים? (געהט צו צו איהר). בעסי, איך... (אַ גערויש).

בעסי: שש! הערריי געהט אַהער. (הערריי קומט פון אַן אינוועניג־סטע טהיר, אין אַ שעהנעם דונקעלען קאָסטיום, מיט אַ ווייסען קאָלנער).

אייבי (מאַכט זיך אונשולדיג): הם! עס פאַלט טאקע אַ גוטער שנעע.

בעסי: קום אהער, הערריי, איך וועל דיר פיקסען דיין נעקטאַי. (ער נעהט צו צו איהר, זי פערריכט איהם זיין האַלזטוך און פיקסט זיין קאָסטיום מיט ליעבע און אויפמערקזאמקייט).

הערריי (דריקט ליידענשאפטליך זיין באַק צו איהר באַק): טהענק יו!

אייבי (זאָנפט): אונזער הערריי ווערט אַ גרויסער, געזונטער בחור, ניט וואהר? קום, אהער, באָי. היער איז יור סאַנדעי ניקעל. (הערריי געהט צו צו איהם, נעהמט דאָס געלד און זאָגט איהם עטוואָס אויפ'ן אויער). אזא שלעכט וועטער... וועסט זיך פערקיהלען. און אויסער דעם, די סטריט.

הערריי: איך האָב אזוי ליעב אומלויפען, ווען דער שנעע שמייסט אין פּנים אריין.

אייבי: איך וויים ניט, הערריי. דו פרעג בעסער ביי אונזער באָס.

הערריִ: בעסי, קען איך גהען אביסעל אויפ'ן סטריט? איך וועל נים װארפען קיין סנאָו־באָלס.

אייבי: עס שנעעט און א קאַלטער ווינד בלאָזט. האָפּט פערגעסען ווי קראַנק דו ביסט געוועזן?

בעסי: איך מיין, עס איז בעסער, ער זאָל זיין צוגעוואוינט צו יעדער לופט... לאָז ער זיך אביסעל דורכלויפען. טהו נאָר אָן דיין אויבעררּאָק און דיינע ראָבערס.

הערריִ: דזשי! דער פּאַפּאַ וויל זיין א שלעכטער און בעסי לאָזט איהם ניט!

בעסי: הערריִ, שוין ווידער „דזשי"?

הערריִ: אָי! עס האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט. באַי, באַי, בעסי. (קושט זי און לויפט).

אייבי: עי! עי! יאָנג מען! דעם פּאַפּאַ פערגינסטו ניט אפילו קיין גוד־באַי?

הערריִ: אָה, יעס! גוד באַי, פּאַפּאַ. (לויפט צוריק, אומארעמט דעם פאטער און ראש אָב).

בעסי (שרייט איהם נאָך): הערריִ, בלייב ניט לאַנג אין דרויסען.

הערריִ (פון צווייטען צימער): נייִן, בעסי!

בעסי: דאָרט, דאָרט טאָן, וואָלט איך איהם ניט ארויסגעלאָזט. ערשטענס, ווייל דער שנעע דאָרט ווערט פערוואַנדעלט אין נאַסע בלאָטע, נאָך בעפאָר ער פאַלט צו דער ערד, און צווייטענס, די סטריט־באַיעס דאָרטען. דאָ אָבער, אין די בראָנקס, זאָל ער לויפען אײנאטהעמען אין זיך פרישע, קאַלטע לופט.

אייבי: אויב דו מיינסט, עס וועט איהם ניט שאדען, זאָל ער זיך אומלויפען. אבער וואָס אנבעלאַנגט לויפערס, קען מען ניט זיין בעוואָרענט. דו ווייסט, מיר דאכט זיך, איך האָב עטליכע מאָל בעמערקט אויף אונזער גאַס זיין געוועזענעם קאָמפּאַניאָן. ער האָט שוין געענדיגט זיין קורס פון יענער זייט וואַסער און איך האָב מורא, ער זוכט ווידער אונזער באַי.

בעסי: עס קען זיין! אבער איך בין זיכער, הערריִ איז יעצט ניט דער, וואָס אמאָל.

אייבי: יא, אויב דו ביסט זיכער און רוהיג, זאָל ער זיך אומלויפען. דערוויילע וועלען מיר א ביסעל בלייבען אליין. דעם אמת געזאָגט, ער שטערט זעהר שטאַרק, דער גנב. איך האָב פריהער גאָר ניט געוואוסט, וויפיעל עלטערן זיינען געצוואונגען צו אָפּפערען פון זייער פערזענליכען גליק

צוליעב קינדער. (פויזע). בעסי, מיך פרעהט זעהר, וואָס הערדי האָט זיך צוגעבונדען צו דיר.

בעסי: אַ קינד בינדט זיך צו זעהר גיך און פערגעסט זעהר גיך די צו וועלכע ער איז געווען צוגעבונדען. יאַ! ער ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ גלייכגילטיגער און גלייכגילטיגער צו זיין מוטער.

אייבי: די וויזיטען צו איהר פלעגען מאַכען אויף איהם זעהר אַ שווערען איינדרוק. עס איז בעסער, וואָס ער פאַנגט זיך אָן צו בערוהיגען.

בעסי: בעסער? מיר דאַכט זיך, מיר אַלע האָבען צו שנעל אָנגעפאַנגען זיך צו בערוהיגען.

אייבי: אָה, בעסי, פאַנגסט שוין ווידער אָן? זאָג אַליין, אַז מיר וועלען זיך דאָ ניט בערוהיגען, וועט איהר דען דאָרט זיין גרינגער און בעסער?

בעסי: פון אָנפאַנג פלעגט מען זי אַם וועניגסטען אָפט בעזוכען. דאָס האָט געוויזען אַם וועניגסטען, אַז מיר האָבען זי ניט פערגעסען אין איהר אונגליק. איצט איז שוין די זעקסטע וואָך, אַז קיינער פון אונז האָט זי ניט געזעהן.

אייבי: וואָס קומט אַרויס פון די נסיעות אַהין און אַהער? מען נאַרט מענשען און מען וויל זיך אָבנאַרען. ווילסט דאָך ניט, מיר זאָלען טהאָן, ווי אונזער געוועזענע לענדליידי, מאַדאַם העמילטאָן, וועלכע פאָהרט צו איהר יעדע וואָך מיט אַ בוקעט, די וועלט זאָל זעהן?... דאָך נעכסטע וואָך וועט מען דאַרפען נעהמען הערדי'ן צו איהר. (זעצט זיך נעבען בעסי'ן). בעסי, ביסט היינט ווידער מעלאַנכאָליש.

בעסי: מען קען ניט זיין גליקליך און צופריעדען אַזוי לאַנג מען פיהלט ניט, אַז מען האָט דאָס רעכט גליקליך צו זיין.

אייבי: בעסי, אויב די אומשטענדען און די מענשען אַרום אונז גיבען אונז ניט דאָס רעכט גליקליך צו זיין, דאַרפען מיר זיך אַליין נעהמען דאָס רעכט!

בעסי: מיט אונרעכט געווינט מען ניט קיין רעכט.

אייבי: אונרעכט? וועמען האָבען מיר אונרעכט געטהאָן?

בעסי: זי לעבט נאָך דאָרט, די אונגליקליכע, און מיר האַנדלען געראַדע ווי זי זאָל שוין זיין אַ געשטאָרבענע.

אייבי: זי לעבט ניט מעהר אַלס מענש. זי לעבט מיט'ן לעבען פון אַ פלאַנצונג. זי פיהלט ניט און דענקט ניט... איז דען דאָס אונזער שולד? איך ווייס, דיך ערגערט, וואָס מיר קענען ניט דערווייל אָפיציעל אַנערקענט ווערען אַלס מאַן און ווייב. איז דען דאָס ווירקליך אַזוי וויכטיג? און מיין ניט, אַז איך האָב ניט געדענקט דערפון. איך האָב מיך געזעהן מיט אַ גוטען

לאיער. ער זאָגט, איך קען קריגען א דיוואָרס פון קאָורט נאָר דאַן, ווען דאָקטוירים עקספערטען וועלען אנערקענען, אז זי קען קיינמאָל ניט געזונד ווערען...

בעסי: ניין! ניין! דיוואָרסען זי אין אזא צושטאנד וואָלט געווען זעהר שענדליך...

אייבי: וואָס־זשע דען ווילסטו, נאר?

בעסי: וואָס איך וויל? אייבי, איך דארף דיר זאָגען... ניין! ניין! ניט איצט...

אייבי: איך זעה, דו פערשוויגסט עטוואָס פון מיר. בעסי, ביסטו ניט געווען שטענדיג געגען דער סיסטעם פון פערשווייגען?

בעסי: ניין! ניין! ניט יעצט. שפּעטער. שפּעטער! (מען קלינגט, זי דערשרעקט זיך).

אייבי: ביסט זעהר נערוועז די לעצטע צייט. ווער קען דאָס זיין? זונטאג׳דיגע געסט? מיר האָבען דאָך ביז היינט, דאנקען גאָט, ניט געוואוסט פון דער צרה. (פּרעסט די עלעקטרישע קנאָפּקע). אָי, די סאָנדעי וויזיטארס זיינען א מכה שלא כתובה בתורה!

בעסי: ניין, ניט געסט. איך הער, דאָס לויפט העררי צוריק. (העררי לויפט אריין אין א פּאַלטאָ מיט קאַלאָשען, פערפּלאָמט).

העררי: בעסי, ליסען! אָה, דזשי! ניין, ניט דזשי! (אלע לאכען) איך געה אראָב, ערשט אויפ׳ן סטופּ זיצט און וואַרט אויף מיר... ער וואַרט שוין, זאָגט ער, צוויי שטונדען און האָט מורא צו קלינגען... דו קענסט געז׳ען ווער דאָס איז? ראַקעפעלער! מוררעי!

אייבי (בייז): אהאָ, וואָס האָב איך געזאָגט? האָבען מיר, הייסט עס, א גאַסט פון פּריזאָן!

העררי: ער וויל מיך זעהן און רעדען מיט מיר. האָב איך איהם געזאָגט: איך מוז זיך פריהער אָנפרעגען ביי בעסי׳ן.

בעסי: וואָס אָבער האָב איך געזאָגט? ביסט א גוד באָי, העררי דיער. (זי קושט איהם).

אייבי: וואו איז ער? איך וועל איהם שוין משלח זיין! האָסטו געהערט א פרעכהייט! (געהט).

העררי (מיט טרערען אין די אויגען): אָה, פּאפּא!...

בעסי: ריבקין, וואָס דארף מען דאָ בייז ווערען? איך מיין, אויב דער יונגער באָי איז אמאָל געשטרויכעלט געוואָרען, דארף מען איהם ניט שטויסען מיט פעראכטונג פון זיך. דאָס וועט איהם צווינגען צו פאַלען נאָך ניעדריגער... און אויסער דעם, וואו איז אונזער דאנקבארקייט? פערגעס

ניט, דער באַי האָט געגומען אויף זיך די גאַנצע שולד, און האָט הערריִ'ן און אונז אַלעמען פערשפּאָרט פיעל שאַנדע און טראָבעל... פערקעהרט, מיין מיינונג איז, זאָל ער קומען... מיר וועלען איהם אויפנעהמען פריינדליך, ווי אַ גאַסט. איך וועל זייביידען געבען קייק, איך האָב קענדי, עפּעל. איך וועל זיצען מיט זיי און הערען וואָס זיי רעדען. וועט ניט זיין ריכטיגער אזוי צו האַנדלען? וואו איז ער, העררי?

העררי (אויסער זיך פון פרייד): ער איז אין האָל! עפענט די טהיר און שרייט אַראָב). סעי ראַקאַפעלער, קאַם היער! מוררעי! (מוררעי פייפט אין האָל. העררי לויפט צוריק). אָה, מאַי דיער, דיער גוירל! ביזט אַזאַ גוטע! (קושט זי ליידענשאַפטליך און צוריק צום טהיר). היער ראַקעפעלער! אָה, פּאַפּאַ, זעה, וואָס פון איהם איז געוואָרען! פור ראַקעפעלער! (מיט טרערען אין דער שטימע) אָה, פור ראַקעפעלער! (מוררעי קומט, בלאַס, מאָגער, אָרים געקליידעט, הינקט אַ ביסעל צו אויף אַ פוס. ער פיהלט זיך פון אָנפאַנג זעהר ניט פריי. נעהמט אַראָב זיין היטעל און בלייבט שטעהן ביי דער טהיר).

אייבי: איך וועל אייך ניט שטערען. איך וועל בעסער געהן צום אַלטען. איך האָב איהם שוין לאַנג ניט געפרעגט, וואו האַלטען מיר יעצט מיט משיח'ן. יאָ! עס שמעקט מיט משיח'ס צייטען. (אב אין פראָנט־רום).

בעסי: זיצט, מוררעי. איך וויים, העררי האָט אייך ליעב. העררי'ס פריינד זיינען אויך אונזערע פריינד. (מוררעי זעצט זיך און קוקט אויף העררי'ן שוויינענד. בעסי שטעלט אויפ'ן טיש פּרוכטען, קענדי און קייק). יונגערמאַן, איך האָב מיטלייד מיט אייך.

מוררעי: אָה, קאַט איט אוט! וואָס דאַרף איך מיטלייד? פון מיטלייד מאַכט מען ניט קיין פּעליץ.

בעסי: זייט איהר צוזאַמען מיט אייערע עלטערען?

מוררעי: נאָ סער! וואָס דאַרף איך זיי? זעהט איהר, פאַר די צוויי וואָכען, וואָס איך בין פריי, בין איך אויף אייער סטריט געווען אַ צעהן מאָל. איך האָב זעהר געוואָלט זעהן מיין אַלטען פריינד דעם ביינקער. פלעין אַפּ ענד דאַון.

בעסי: העררי איז שוין ניט קיין ביינקער מעהר.

מוררעי: ניין? וועלל, קאַט איט אוט.

העררי: מוררעי, דו זעהסט אויס ווי אַ קראַנקער און דו הינקסט. פור ראַקעפעלער!

מוררעי: אין דעם גנבים־קאָלעדזש, וואו איך האָב יעצט שטודירט, איז דאָ „הייזינג" ווי אין אַלע קאָללעדזשעס פון יונייטעד סטייטס. די

אלטע „סטודענטען“ האָבען מיך, אלס א פרעשמען, געבראַטען, געבריהט, געווייקט אין וואסער, געבראָכען די ביינער, געשטאָכען מיט נאָדלען, געצויגען די גליעדער, ביז עס איז מיר דאָס שטודירען מיאוס געוואָרען, און איך בין אמאָל ביינאכט אראָבגעשפרונגען פון דריטען פלאָר. נו, האָב איך מיר צובראָכען א פוס. פלעין אפּ ענד דאון.

בעסי: וואָס דענקט איהר יעצט צו טהאָן?

מוררעי: אין דעם קאלעדזש, וואו איך בין געווען, נעהמען מיר נאָר אן אקאדעמישען קורס און מיר פאָרבערייטען זיך אלע אין אוניווערזיטעט אריין.

בעסי: אין וועלכען אוניווערזיטעט מיינט איהר?

מוררעי: אין סינג סינג! יעס מעם, מיר געהען אלע אהין. פלעין אפּ ענד דאון.

בעסי: פי! רעדט ניט קיין אונזין. איך וויל ניט הערריִ'ס פריינד זאָל רעדען פון אזעלכע זאכען.

מוררעי: אָלראיט, מעם. קאַט איט אוט.

בעסי: הערריִ, פארוואָס זאָגסטו ניט דיין גאסט זאָל נעהמען אן עפּעל, אָדער קייק? ווילט איהר פּיליכט טיי? איך וועל זיך ניט פוילען מאכען טיי פאר הערריִ'ס גאסט.

הערריִ: נעהם אן עפּעל, ראקעפעלער.

מורעי: אן עפּעל? (גיט א קוק אויף בעסי'ן, בלייבט זיצען פער־שעהמט). נו, הערריִ, און ווי געהט עס דיר? איך זעה, די ליידי... ע... (פערכאפּט זיך). אָל־ראיט... קאַט איט אוט. (אלע שווייגען לאנג).

בעסי: ווארום שווייגט איהר? איך פערשטעה, איהר ווילט ניט קיין שפּיאָן דאָ. (שטעהט אויף). איך בין זיכער, איהר וועט זיך דאָ האלטען ווי אנשטענדיגע מענשען.

מעררעי: טייק מאי וואָירד אָוו האָנאָר. איך בין א דזשענטלמען, פלעין אפּ ענד דאון. אי בעטה יו ע דאלאר געגען אייערע צעהן סענט. (שטעקט זיין האנד אין קעשענע) קאם אן! א דאָלאר געגען א דאים, אז איך... ע...

בעסי: האָבען צוטרויען צו א מענשען הייסט, מאכען דעם מענשען צוטרויענסווערטה. באיעס, איך לאָז איך אליין. (אָב אין פראָנט רום).

מוררעי (ווארט ביז זי מאכט צו די טהיר): ביינקער, איך בין הונגעריג ווי א הונד! (כאפּט דעם קייק און עסט). סעי, אייגענטליך, וואָס פאר אן אָפּיס האלט זי דאָ ביי אייך?

הערריִ: שי איז ע ליידי.

מוררעי (עסט): א ליידי? קאַט איט אוט, דאָס איז ניט קיין אָפּיס.

איך פרעג, וואָס איז זי דאָ אַ הויזקיפּערין, אַ גאָווערנעס, פּלעין אַפּ ענד דאָון? (הערדי שווייגט). איך פערשטעה, און וואָס זאָגט דיין מוטער דערויף? ביינקער, ווען איך בין געזעסען דאָרט און פּלעגט נאָך דערהערען דאָס וואָרט „מאמא“, פלעג איך דיין מוטער זעהן פאַר מיינע אויגען. אָה, שי איז אַ מאַמאַ!

הערדי: אָה, דזשי! דו זאָלסט וויסען, וואָס מיר זיינען אויס־נעשטאַנען דאָ. מאַמאַ איז קראַנק. זי איז אין אינסיין אַסיילום.

מוררעי: אָה, גאָד! (הערט אויף עסען).

הערדי: פון אָנפאַנג האָב איך זיך זעהר געשראָקען און געוויינט... זי האָט זיך איינגעבילדעט, אַז זי איז סערע פון דער בייבעל, יו נאָו; דער פּאַפּאַ איז אייברעהעם, און איך בין יצחק. איהר פּלעגט זיך אַלץ אויסווייזען, אַז הגר פערפאָלגט זי, הגר וויל זי פערטרייבען, טויטען. אָדער זי פלעגט זיך מאַכען פון אַ האַנדטוך אַ בייבי, און פּלעגט עס וויעגען און פעסטען ווי אַ לעבעדיג קינד.

מוררעי: פּור וואומען! פּור וואומען!

הערדי: וואָס מיר אַלע זיינען פון איהר אויסגעשטאַנען. איך וויים ניט, ווי דער פּאַפּאַ האָט געקענט אויסהאַלטען. פּור פּאַפּאַ... אַמאָל ביי נאַכט האָט זי זיך צוגע׳גנב׳עט צו מיר, ווי אַ ווילדע, און האָט אָנגעהויבען שרייען: זי וויל מיך ברענגען אויף דער עקדה פאַר אַ קרבן, ווי אייבראַם אייזיק׳ן. ווייסער שוים האָט געשלאָגען ביי איהר פון מויל, און איהרע אויגען — אָה, דזשי!

מוררעי: ביי אונז דאָרט אין „קאַלערזש“ האָט פּאַסירט די זעלבע זאַך מיט אַ באָי. די וואָס קענען ניט איבערטראָגען די קרועלטי פון די מענשען, מוזען ווערען קרייזי. פּלעין אַפּ ענד דאָון.

הערדי: מען האָט געמוזט שיקען נאָך אַן אַמבולאַנס. אַ דאָקטאָר מיט צוויי פּאָליסלייט האָבען זי קוים געקענט נעהמען. אָה, מוררעי, דו האָסט געדאַרפט זעהן דעם עקסייטמענט און די שרעק. פון יענער צייט איז זי דאָרט.

מוררעי: און די איז דאָ. פּלעין אַפּ ענד דאָון...

הערדי: איך האָב זעהר ליעב בעסי׳ן. דו ווייסט, איך בין געווען זעהר שטאַרק קראַנק. מיר זיינען געבליבען אַליין. דער פּאַפּאַ האָט געסטאָפּט אַרבייטען, און מען האָט געדאַרפט זעהר פיעל געלד אויף מעדיצין מיט דאָקטוירים.

מוררעי: דאָקוירים? סאָקערס, פּלעין אַפּ ענד דאָון.

הערדי: דאַן איז בעסי געקומען ווי אַ גוטער ענגעל... וויפיעל געלד

זי האָט געהאַט — דעם פּאַפּאַ אָבגעגעבען, צוויי מאָל צו מיר אַ פּראָפעסאָר געבראַכט, טאָג און נאַכט נעבען מיר געזעסען. ראקעפעלער, איך האָב זי זעהר ליעב געקראָגען און דעם פּאַפּאַ אויך.

מוררעי: אַי בעטה אַ צעהן דאָלארס... שי איז אָלראיט.

הערריּ: נאָך דעם האָבען מיר געמופט אין דהי בראָנקס און זי וואוינט מיט אונז.

מוררעי: פּלעין אַפּ ענד דאון. און וואו איז דער אַלטער... רפּק לפּק?

הערריּ: דער זיידע? מיר האָבען זעהר פיעל טראָבּעל מיט איהם... גלויבט ניט, אַז ביי אונז איז סטריקט כשר און עסט נאָר טיי מיט ברויט... ער זעהט שלעכט, און דאָך געהט ער אַליין צעהן בלאָק צו אַ פרומען אידען נאָך ברויט... ביי פרעמדע פרומע אידען וויל ער ניט וואוינען; אין אַ אידישען האָם האָט ער מורא צו געהן. מיר האָבען זעהר פיעל טראָבּעל מיט איהם.

מוררעי: פּור אָלד מען! וועלל, ער איז אַליין שולדיג. עס איז דאָך ביי איהם אין האנד, האָט ער ניט געקענט אויסרעכענען משיח זאָל קומען פריהער? (נעהמט אַ סיגארעט פון קעשענע און פעררויכערט). ביינקער, האָב קיין פעראיבעל ניט, דיר גיב איך ניט. איך האָב איהר געגעבען אַ וואָרט צו זיין אַ דזשענטלמען, און איך בין עס.

הערריּ: דזשי! איך וועל ניט רויכערען פאַר זעבציג מיליאָן. ברודער, נאָ מאָר.

מוררעי (רויכערט): דהאַט איז ראיט, ביקאָז ע וואָרד אָוו האָנאר איז ע... איז אַ וואָרד אָוו האָנאָר. זעהסט, ביינקער, איך קען מאַכען בייגעל פון רויך. (לאָזט פון מויל קייקעלעך פון רויך. הערריּ קוקט און לאַכט. מען קלאַפּט אין טהיר, און מען הערט לינאַ׳ס שטימע).

לינאַ (קלאַפּט אין טהיר): פּליז, אָפּען דהי דאָאר, האָריאָפּ!

מוררעי: זי מיט די ביינער, פּלעין אַפּ ענד דאון. ביינקער, נעהם מיך צו פון דאַנען!

הערריּ: קום אין קיטשען! (לויפט צום פראָנט־רום און קלאַפּט). פּאַפּאַ, קאָמפּאַני! האָרריאָפּ! אָה, דזשי! (שלעפּט מוררעי׳ן אין קיך אריין מיט אַ געלעכטער. ביידע אַב).

לינאַ: עי! איהר זייט ביזי דאָרט, וואָס? (קלאַפּט. אייבּי קומט. נאָך איהם בעסי. ער עפענט די טהיר).

אייבּי: קאָם אין! אָה, מרס. וויים. אַן אונערוואַרטעטער בעזוך. (לינאַ אריין, נעט געקליידעט, מיט אַ בוך אין האנד).

בעסי: העללאָ! זעהר אַ זעלטענער גאַסט. וואָס מאַכט איהר?

לינאַ (אויפגערעגט): איך בין ניט געקומען צו גאַסט, שרעקט אייך

ניט.... מיס שטיינבערג, אָדער ווי זאָל איך אייך רופען? — איהר האָט דעם בוך ניט געלעזען, איא? (גיט בעסי'ן איהר בוך). דאָקטאָר קאָזליק זאָגט, עס איז דאָס בעסטע מייסטערווערק פון אונזער יאהרהונדערט. פוי! איך בין עס געלאָפען אהער. איך האָב גענומען דעם סאָבוועי, און זיי פאָהרען מיט'ן עלעווייטער.

אייבי: זיי פאָהרען נאָך אויך אהער? דאָס איז גוט! ווער זיינען עס די „זיי"?

לינאַ: איהר ווייסט דאָך, היינט איז זונטאג און עס געהט אַ שנעע...

אייבי (פאַלט אריין אין די רייד): יא, עס איז אפילו אַ סעקרעט, דאָך וויסען מיר היינט איז זונטאג און עס געהט אַ שנעע.

לינאַ: בין איך אונמיסטען אריינגעגאַנגען זעהן, וואָס טהוט מר. וויס. ערשט מען קלאָפּט אין טהיר: די לענדליידי, מרס. האמילטאָן און זיי! די מיסיס שפּריכט איהנען קוגעל־דייטש, האבט זיך געזעצליך געשיעדען פון איהר ערר געמאהל, איז גאַנץ פילאַנטראָפּיש און זוכט אַ מאַן...., יא, נאָך אַ מאַן, געזעצליך צו הייראַטען!

אייבי: געזעצליך געשיעדען, פילאַנטראָפּיש און זוכט אַ מאַן? דער־ווייל פערשטעה איך גאַרנישט.

לינאַ: יא? אבער שטעלט אייך פאַר מיין איבערראשונג! איך עפען די טהיר — מרס. העמילטאָן און זי!

בעסי: ווער איז דאָס?

לינאַ: זי! אייערע!

בעסי: מרס. ריבקין?

אייבי: הא?!

לינאַ: זי איז פאָלקאָמען געזונד און קלאָר. בענקט זעהר אהיים, זי געהט אוים. זיי ווייסען דאָרטען נאָר אייער אַלטען אדרעס, האָט זיך מרס. העמילטאָן אונטערגענומען צו ברענגען זי אהיים.

אייבי: וואָס רעדט איהר דאָס? מיר ווייסען ניט פון קיין זאָך.

לינאַ: די „דייטשקע" זאָגט, זי האָט עס געטהאָן מעהר, ווייל עס איז „אַ גרויסע מצוה" צו בעשטראָפען די אונגעזעצליכקייט פון די רוסישע ניהיליסטען. זי מיינט עס אייך ביידען. ווער נאָך נעהמט זיך אזוי אָן פאַר גאָט, ווי די דייטשע יהודים? בין איך געקומען פריהער אייך אָנזאָגען די בשורה. וואָס איז דאָס פאַר ביכער ביי אייך? (געהט צו דער שאַפע מיט ביכער).

בעסי: הייסט עס, זי פאָהרט אהער? זי וויס, אז...

לינאַ: אָרימע פרוי, זי ווייסט גאָר ניט. זי האָלט אין איין פרעגען:

וואָס מאַכט מיין אייבי און וואָס מאַכט מיין הערריניו? איך האָב איהר נאָר דערצעהלט, אַז הערריי איז געווען געפעהרליך קראַנק. מר. ריבקין, דער זייגער געהט ריכטיג? מיר האָבען היינט אַ וויכטיגען מיטינג פון אונזער סאָסייטי „דהי ברוך שפּינאָזא אינטערנייִשינאַל בראָדערהוד אָוו יומאַניטי“.

אייבי (געהט אום, רעדט שטיל צו זיך): די גרעסטע חכמה וואָלט יעצט געווען, צו מאַכען אַן ענדע פון זיך און פון דער ניעדערטרעכטיגער נאָכיאָגעניש נאָכ'ן גליק! (אַ קלונג. בעסי גיט אַ ציטער מיט'ן גאַנצען קערפּער. גיט אַ קוק אויף אייבי'ן און געהט ראַש צוריק אין פראָנט־רום).

לינאַ (דריקט די עלעקטרישע קנאָפּקע): איך וועל שווערען, דאָס איז שוין מיין פיליפּ מיט איהר.

אייבי (זעצט זיך, פערדעקט זיין געזיכט): אָרימע פרוי! וואָס וועל איך איצט טהאָן? (לינאַ עפענט די טהיר. פיליפּ ערשיינט פריהער מיט'ן פּנים צוריק).

פיליפּ: יאַ, יאַ, מיסיס ריבקין, דאָס איז דאָס, איף יו פּליז. (קעהרט זיך אום). מיר זיצען אַזוי מיט לינע'ן... זי ערשט געקומען. ערשט, אַי בעג יור פּאַרדאָן, מען קלאַפּט אין טהיר. איך האָב שוין אַזאַ גליק... אָרימע פרוי, אַזוי עקסייטעד, געהט אויף די טרעפּ און פאַלט. נעהט אויף די טרעפּ און פאַלט. (בת־שבע קומט, בלאַס און מאָגער, אָרים געקליידעט. זי בלייבט שטעהן ביים טהיר. אייבי שטעהט אויף אַ צומישטער).

בת־שבע (מיט פרייד און ליעבע): אַזוי ווייט פערקליבען זיך. איך האָב געמיינט, איך וועל ניט דערפאַהרען! יעדע מינוט האָט זיך געצויגען ווי אַ לאַנגע נאַכט אין אַ האָספּיטאַל. (טהוט אוים די אויבערשטע קליידער. לינאַ העלפט איהר). אייבי איך בין געקומען צו דיר. איך בין געקומען אהיים. איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך אייך... אייבי, מיך האָט געצויגען אהער. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל דיך דערזעהן, וועל איך פאַלען אויף דיינע אָרעמס און וועל אויסגעהן, וועל שטאַרבען פון פרייד. אבער, אייבי, פרעמדע מענשען... איך שעהם זיך. (זעצט זיך). מיר ווילט זיך וויינען פון פרייד. (גיט אַ וויין און בעהערשט זיך).

לינאַ: מר. וויים, קום אַקאָרסט אהער, איך דאַרף אייך עטוואָס זאָגען.

פיליפּ: טראָבעלט אייך ניט, מרס. וויים, אַ דאַנק. (געהט).

בת־שבע: לינאַ, איהר זעהט אוים אַזוי געזונד און יונג.

לינאַ: וואָס דען? יעצט וויים איך, אַז איך לעב און בין עפּעס. יאָ, איך לעב ווי אַ מענש, ניט ווי אַ פרוי.

פיליפּ: ניט ווי אַ פרוי? אַי בעג יור פּאַרדאָן. (ביידע אָב אין

קיטשען. מען הערט דאָרט שטימען פון איבערראַשונג, דאַן ווערט אַלץ שטיל. אַ לאַנגע פויזע).

בת־שבע (קוקט אויף הערריןן מיט ערוואַרטונג, דאַן בעטראַכט זי דאָס צימער): שעהנע רומס דאָ ביי אייך, און אַזוי פיין אויפגערוימט. דאָרט איז קאַלט, וויסט און לעער. ערשט דאָרט פיהלט מען ווי טייער די היים איז. אייבי, דו שווייגסט? וואו איז מיין קינד? (אייבי עפענט די טהיר אין קיטשען).

אייבי: הערריי, קום אריין. די מאַמאַ איז געקומען! (מען הערט הערריןס אויסגעשריי: וואָס?).

בת־שבע: אַי! אַזוי לאַנג ניט געהערט זיין שטימעלע! (העררי אריין. בלייבט ביי דער טהיר דערשראָקען). הערריניו! מיין זוהן! קינד מיינס! (פויזע) נאַרעלע, האָסט ניט דערקענט די מאַמע דיינע? (העררי בלייבט אונבעוועגליך).

אייבי: הערריי, וואָרום געהסטו ניט צו דיין מוטער? (בת־שבע בעטראַכט זיי ביידען זעהר פערוואונדערט).

הערריי (שטיל און דערשראָקען): פּאַפּאַ, איך ווייס ניט... איך האָב מורא.

אייבי: מורא? דומהייטען! (העררי געהט צו צו דער מוטער לאַנגזאַם).

בת־שבע (גיט איהם ליידענשאַפטליך אַ שלעפּ צו זיך): מיין זוהן! מיין קינד! וואָס איז מיט דיר? דו קענסט ניט מעהר דיין מאַמע? הערריניו, איך האָב דיך יעדען טאָג טויזענד מאָל דערמאָהנט! איך האָב דיך יעדע מינוט גערופען און געוויינט! מיין הארץ האָט זיך געריסען צו דיר... זעה, נאַר, ווי גרויס ער איז געוואָרען! ווי שעהן און געזונד! (קושט איהם און האַלזט איהם). הערריי, איך האָב געהערט, דו ביסט קראַנק געווען? ווער איז מיר! מיין קינד איז קראַנק געווען און די מאַמע איז ניט געווען נעבען זיין בעטעלע! קוק איהם נאָר אָן! אַזאַ גרויסער געוואָרען! האָסטו געבענקט כאָטש אַביסעלע נאָך מיר, האַ? האָסט פערגעסען דיין אָרימע מאַמע? (וויינט און דריקט איהם צו זיך. בעסי קומט. בת־שבע בעמערקט זי ניט). און איך זינדיגער נאַר, איך האָב געמיינט, איך וועל דיך שוין קיין מאָל ניט דערלעבען צו זעהן. נו, רעד! דערצעהל מיר! זאָג עפּעס דער מאַמען! מיר האָבען זיך דאָך אַזוי לאַנג ניט געזעהן. נו, ווער גיט דאָ אַכטונג אויף אייך? ווער רוימט דאָ די שטויב? (קיין ענטפער). וואָס איז דאָס מיט אייך? מיר ווייזט זיך אויס, אנשטאָט צו פרעהען זיך מיט׳ן גאַסט, זייט איהר אומעטיג. (קעהרט זיך פּלוצלונג אום און דערזעהט

בעסי׳ן). אָה, זי! זי איז דאָ מיט אייך? איך האָב גאָר ניט געוואוסט.

אייבי: בת־שבע, איך בעט דיך, פריהער רוה זיך אוים, קום צו זיך, ווער א ביסעל קרעפטיגער. דאָס דאַרף זיין איצט דער עיקר. פון אנדערע זאכען וועלען מיר צייט האָבען צו רעדען שפּעטער.

בת־שבע: אָה, איך פערשטעה! איך פערשטעה! איך פערשטעה! איהר האָט געמיינט, איך בין א דאָרטיגע אויף אייביג! מילא ער.... אבער הערדי? הייסט עס, א מאַמע קען מען אויך פערבייטען אויף אַן אנדערע? (בעטראַכט בעסי׳ן). וואָס־זשע, איך זעה, איך האָב אהער ניט געדאַרפט קומען? עס קען זיין, איהר זייט גערעכט... אבער וואוהין־זשע דען זאָל איך געהן? וואו וועט יעצט זיין מיין היים?

בעסי: גוטע פרוי, אייער היים וועט זיין דאָ... קיינער וועט ביי אייך אייער היים ניט רויבען. איך וויים, אייך איז יעצט זעהר שעדליך אויפצורעגען זיך, בעט איך אייך, זייט רוהיג. איך וועל אייך אַלעם ערקלע־רען. מר. ריבקין, איך וויל דאָ בלייבען מיט איהר אַליין! (צייגט ער זאָל נעהמען הערדי׳ן מיט זיך).

אייבי: בת־שבע, איך וויים, וואָס איך זאָל יעצט ניט זאָגען, וועט עס קלינגען, ווי א געמיינהייט און א ליגען — איך מוז שווייגען. קום מיט מיר, הערדי! באָי! איך האָף, אז אַם וועניגסטען דיין אכטונג און דיין פריינדשאַפט וועל איך ניט פערליערען! (אומאַרעמט איהם און וויינט).

הערדי: אָה, דזשי! (גלעט דעם פאָטער איבער׳ן קאָפּ און וויינט. אייבי פיהרט איהם פאר׳ן האַנד. ביידע אָב אין פראָנט־רום).

בת־שבע (בעגלייט זיי מיט איהר בליק): זיי זיינען יעצט פריינד! נו, האָט ער ניט קיין מוטער, האָט ער א פאָטער. (בעטראַכט לאַנג בעסי׳ן). זיצט, בעסי, איהר דאַרפט ניט שטעהן יעצט. איך זעה, איהר זייט א גליקליכע... איך זאָל קענען קינדער האָבען, וואָלט איך אויך ניט געווען אזא אונגליקליכע. (בעסי פערדעקט איהר געזיכט, פערשעהמט). אז איך קוק זיך אַרום דאָ, ווייזט זיך מיר אוים, איך בין א טויטער, וואָס קומט צו זיין אייגענער לויה... מען האָט מיך אוועקגעפיהרט אויפ׳ן בית־עולם און איך בין נאָך ניט געשטאָרבען. בעסי, וואָס בין איך שולדיג, אז איך בין פאָרט נאָך ניט געשטאָרבען?

בעסי: רעדט ניט אזוי, איך בעט אייך. איהר ווייסט, איך האָב אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו פערגעסען איהם און האַלטען זיך פון דער ווייטענס... איהר אַליין האָט מיך געבראַכט צוריק אין זיין געזעלשאַפט; איהר אַליין האָט אין מיר געוועקט געדאַנקען, וועלכע איך האָב געוואָלט פערשטיקען... דאָך ווי מען האָט אייך צוגענומען פון הויז — בין איך ניט

אריבער אייער שוועל. ער איז בדיל בדל געוואָרען, ער האָט ניט געאַרבייט, געוועזן אַליין און הערדי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען.

בת־שבע: אָי, וועה איז מיר! (פערטראַכט זיך) אייבי האָט רחמנות אויף מיר. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע גוטע אויגען, און האָט געוויינט... (אַ קוק אויף בעסי׳ן). הם, הגר וועט האָבען אַ זוהן. ישמעאל קומט!

בעסי: איך בין געקומען רעטען ניט זיין קינד, נאָר דאָס קינד פון דער אונגליקליכער מוטער, וועלכער דאָס קינד איז געוועזן אַזוי טייער, און וועלכע האָט אַליין צו איהר קינד ניט געקענט קומען.

בת־שבע: יאָ, איך האָב ניט געקענט קומען... הלואי וואָלט איך איצט אויך ניט געקענט קומען. מיין נשמה האָט געשלאָפען די גאַנצע צייט. איך האָב גאָר ניט געוואוסט... נאָכדעם האָט מיין נשמה ערוואַכט, און אַלעס איז צו מיר צוריקגעקומען און איך האָב זיך אויף אַלץ דערמאָנט. יאָ, איך האָב ניט געקענט קומען צו מיין קראַנק קינד, ניט געקענט קומען!...

בעסי: גלויבט מיר, איך האָב געטהאָן אַלץ, ער זאָל ניט פיהלען זיין מוטער׳ס אַבוועזענהייט. טעג ניט גערוהט, נעכט ניט געשלאָפען! און ער איז מיר געוואָרען אַזוי טייער!

בת־שבע: יאָ, דאָס וואָס קאָסט אונז רוה און געזונד, ווערט אונז טייער.

בעסי: ריבקין האָט שווער געליטען. דער טויט האָט געלויערט איבער׳ן קינד. מירביידע האָבען געוואַכט איבער איהם, און דאָס האָט אונז מיט יעדען טאָג געמאַכט נעהנטער און פריינדליכער. ענדליך, ווען די געפאַהר איז פאַריבער און דאָס קינד איז געוועזן געראַטעוועט, האָט די צופריעדענהייט און די פרייד אונז נאָך נעהנטער געפיהרט איינער צום צווייטען... די פרייד האָט מיך בעטויבט און האָט צוגענומען ביי מיר די פעהיגקייט צו רעכענען און זיין פראַקטיש. מיין פריינד, אַלע פראַקטישע פרויען בענאַרישען זיך סוף כל סוף זעהר מיאוס. איהר אַליין און אייער אייגען קינד — איהר האָט געווירקט אויף מיר און מיך געפיהרט דערצו. אבער פאַר מיין לייכטזין וועל איך אַליין בעצאָהלען. מיר וועט יעצט זיין אַ ביסעל שווער, אָבער איך בלייב דאָ ניט אַ מינוט מעהר! עס איז ניט געווען פון אונז ביידען קיין אונעהרליכע האנדלונג. עס איז געווען אַ צייטליכע פערבלענדעניש, אַ מיאוסער חלום. איהר זייט געקומען און האָט אונז אויפגעוועקט פון אונזער עגאָאיסטישען שלאָף. די ריכטיגע ווירטין פון הויז איז געקומען אהיים און ווער עס בעלאַנגט ניט אהער, דאַרף אַברוימען דעם וועג! (ראַש אָב אין איינע פון די אינערסטע צימערען).

בת־שבע (גלעט זיך דעם שטערען) : וואו בין איך געווען און וואוהין בין איך געקומען ? איך האָב דאָרט גאָרנישט און בין געקומען אהער און זעה, אז איך האָב דאָ אויך גאָרנישט. (קוקט אין פענסטער). א שנעע פאַלט ! אַי ! ווען עס געהט א שנעע, דערמאָן איך זיך אויף מיין אַלטער היים, דאָרט אין רוסלאַנד. אין דרויסען איז דאָרט קאַלט, דערפאַר איז אין דער היים אזוי ווארעם און גוט... הם ! צום ערשטען מאָל, אז מען האָט מיר געקויפט קאַלאָשען און איך בין ארויסגעלאָפען אויפ'ן שנעע. איך בין געווען אזא פרעהליכע, אזא שטיפערין... און וואָס איז פון מיר געוואָרען ? אַי, איך פיהל, דאָס הארץ הויבט מיר אָן ווידער וועה טהאָן. ניט ווי פון בענקעניש, נאָר ווי שטענדיג בעפאָר איך ווער קראַנק. איך האָב מורא, איך וועל ווידער קראַנק ווערען ! איך וועל ווידער קראַנק ווערען ! (זיצט איין אויגענבליק שטיל. פלוצלונג כאַפּט זי זיך אויף מיט א בעטענדע מינע). לאָמיך זעהן זייערע רומס. ווי האָבען זיי דאָ געלעבט ? (עפענט שטיל די טהיר פון פראָנט־רום, פיליפּ קומט פון קיטשען. זי דערשרעקט זיך און שפּרינגט אָב פון טהיר).

פיליפּ : מרס. ריבקין, אי בעג יור פּארדאָן, אונזער מורדעי איז דאָך אין קיטשען, איף יו פּליז. (זי בעטראַכט און בעקוקט נייגעריג יעדע זאַך אין צימער. הערט איהם ניט). זאָגט איהם מיין לינא, וואָס געהסטו ניט אהיים ? זאָגט ער, עקסקיוז מי, מעדעם, און דו ? זי איז טאַקע א געביל־דעטע, אָבער ער האָט אויך, אי בעג יור פּארדאָן, א קאָפּ אויף די פּלייצעס. זאָגט זי, איך דאַרף איהם ענטפערען, פיליפּ, געה ! נו, אז מען זאָגט, פיליפּ געה ! געה איך ! מרס. ריבקין, אפשר אין אייער זכות וועט לינא זיך אומ־קעהרען... און איך וועל האָבען, עקסקיוז מי, א היים... רעדט מיט איהר, זאָגט איהר : מילא, א ווייב געהט אוועק, ווייל זי איז קראַנק. איף יו פּליז, אָללראַיט ! אָבער געהען גלאָט אזוי, א געזונטע. פאַרוואָס קומט עס מיר ? (בת־שבע האָט יעדע זאַך איבערגעקוקט און געבליעבען שטעהן אין א ווינ־קעלע. ר' יעקב אלחנן קומט פון פראָנט־רום. ער איז כמעט בלינד, זעהר אַלט און מאָגער. בת־שבע גיט אויף איהם א קוק און דערשרעקט זיך).

ר' יעקב אלחנן : בת־שבע ! דו ביסט דאָ ? אברהם זאָגט, דו ביסט געקומען. (קוקט זיך צו). איך זעה ניט, טאָכטער.

בת־שבע : טאַטע ! אַי, וועה איז מיר ! אויף דיר האָב איך פער־געסען צו פרעגען. דו ביסט מיר אזוי לאַנג אזוי פיעל יאָהרען א טאַטע, און איך האָב אויף דיר פערגעסען, היינט וואָס איז דער חידוש, וואָס הערריי האָט פערגעסען אויף מיר ? דאָ בין איך, טאַטע. (געהט צו צו איהם).

ר' יעקב אלחנן (גלעט זי איבער'ן קאָפּ) : וואָס מאַכסטו, טאָכטער ?

רבונו של עולם, זאָל זיין דיין רפואה שלמה אין אַ גוטער שעה, וואָרום שלמה בעטרעפט 375 און שעה בעטרעפט 375. (קוקט אויף פיליפ'ן). און ווער איז דאָס מיט דיר?

בת־שבע: טאַטע, איך בין דאָ אַליין... קיינער פון זיי איז מיט מיט מיר ניטאָ... דער דאָ? האָסט איהם דען ניט דערקענט? דאָס איז דאָך... (קוקט אויף פיליפ'ן ווי אַ צומישטע. גלעט זיך דעם שטערען). זעה נאָר איך האָב פערגעסען, ווי מען רופט אייך.

פיליפ: טראָבעלט אייך ניט, מרס. ריבקין. מען רופט מיך, עקסקיוז מי, פיליפ וויס. (בעסי קומט צוריק אַנגעטהאָן, צו געהן). אַ וואַלים אין האנד).

ר' יעקב אלחנן: שלום עליכם, שכן. הא־הא! שכן בעטרעפט 370. אזוי פיעל ווי משל. איז וואָס איז דער משל? (רעדט צו איהם שטיל).

בעסי (אין טהיר פון פראָנט־רום): מר. ריבקין, אויף איין מינוט. (אייבי קומט מיט הערריי'ן).

אייבי: ענדליך. וואָס האָט דאָ ביי אייך אזוי געדויערט?

בעסי: אָה, מיר האָבען שוין לאַנג געענדיגט און איך געה זיך זוכען אַ היים. אייניגע נויטיגע זאַכען האָבען איך שוין איינגעפּאַקט; נאָך די איבריגע זאַכען וועל איך צושיקען. איך לאָז דאָ איבער מיין וואַליס אויף אַ מינוט, און וועל צוגעהן צו מיינע אַלטע בעקאַנטע, צו די וואַסערמאַנ'ס, איך מיין, איך וועל קענען ביי זיי פערבלייבען אַ טאָג אָדער צוויי, ביז, ביז איך וועל זיך געפינען אַ היים. (שטעלט איהר וואַליס צום וואַנד און געהט).

אייבי: בעסי, דו אַליין דאַרפסט ענטשיידען, וואָרום דו ביסט עהרליכער, קליגער און שטאַרקער פון מיר. ניט מיט מיין שלעכטען ווילען איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער שולדיגער געגען אייךביידען. (ער קעהרט זיך אָב צום פענסטער).

בעסי: איך מאַך געוויס קיינעם ניט שולדיג. יעדער ערוואַקסענער מענש דאַרף אַליין זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר זיינע טהאַטען. באַי, באַי!

הערריי: אָה, בעסי, איהר וועט שוין ניט זיין מיט אונז מעהר? (לויפט צו איהר).

בעסי: ניין, מיין באַי!

הערריי: איהר וועט קיין מאָל ניט קומען צו אונז? (אומאַרעמט זי און וויינט).

בעסי: דיער באַי, דאָ זיין דאַרף איך ניט מעהר. איך וועל נאָך קומען זאָגען באַי, באַי. (רייסט זיך אויס פון איהם. ראַש אָב).

בת־שבע (בעטראַכט לאַנג הערריי'ן, און נאָכדעם אייבי'ן פּלוצלונג

ווערט איהר געזיכט שרעקליך פערענדערט): אי, מיין הארץ! אייבי, עס קומט! עס קומט ווידער! זי איז אוועק? קעהרט זי אום צוריק! (שרייט) הגר די מצרית, די שפחה איז אוועק מיט ישמאל׳ן אין דער מדבר? איך וויל ניט! קעהרט זי אום צוריק! (שרייט ווילד און לאזט זיך לויפען). הגר! הגר! הגר! (אלע לויפען צו איהר. מען האלט זי. פיהרט זי צום פענסטער, וועלכען מען עפענט. לינא און מורדעי קומען פון קיטשען, איבערגעשראָקענע).

לינא: וואס איז? מרס. ריבקין, בערוהיגט אייך! (שטיל) איז ניט בעסער דעם מאן משוגע מאכען, איידער אליין פון איהם משוגע ווערען?

מורדעי: באי דזשא! מען דארף שוין טעלעפאָנירען נאך אן אמבו־לאנס, פלעין אפ ענד דאון. דערווייל וועל איך פון זיי פטור ווערען און זיי וועלען מיר ניט דולען דעם קאפ מיט דער היים! (ראש אב).

בת־שבע (קוקט אין פענסטער, קומט צו זיך): עס פאלט א שניי. אייבי, אויב דו האסט אויף מיר רחמנות, אויב דו ווילסט, איך זאל נאך וויפיעל עס איז לעבען אויף דער וועלט, בעט איך דיך, נעהם אונז צוריק קיין רוסלאנד. (וויינט). איך בעט דיך, איך וועל פאלען צו דיינע פיס. אייבי, נאר דארט וועל איך זיך קענען בערוהיגען און פערגעסען אלע צרות.

אייבי (צארט): בת־שבע, דו בערוהיג זיך נאר. פריהער פון אלעם דארף מען זעהן דו זאלסט געזונד ווערען.

בת־שבע: איך וויים, דו וועסט ניט געהן אהין צוריק. דיין היים איז אמעריקא. זיי א גוטער און גיב מיר מיין קינד. מיר וועלען ביידע פאהרען צוריק... און דער טאטע...

ר׳ יעקב אלחנן: פאר מיר, טאכטער, זארג דיך ניט... איך וועל שוין ווי אזוי עס איז איבערוואַרטען. ניט פיעל געבליבען...

בת־שבע: דו וועסט דא זיין פריי און איך וועל דארט ניט זיין אליין... איך וועל האבען א קינד. דארט וועט ער זיין מיינער... דא איז ער שטארקער פון מיר, דארט אבער וועט די מאמע פאר איהם אויך וואס בעדייטען. הערדי, וועסטו געהן מיט מיר?

הערדי: אָה, דזשי! אי הייט רושיא! (דער פאטער ווינקט צו איהם ער זאל שווייגען).

בת־שבע: הערדי, דו האסט מיך אמאל אביסעלע ליעב געהאט, איצט האסטו פערגעסען אויף מיר. מען זאגט, מען פערגעסט די געשטארבענע. ניין! מען דארף גאר ניט שטארבען, נאר אוועק פון די אויגען — שוין פערגעסען. אין דער ערד בין איך נאך ניט בעגראבען, אבער אין אייער זכרון שוין בעגראבען און בעשאטען. ווען איך האב דארט געהאפט געזונד צו

ווערען, האט איהר דאָ געהאָפט, אז איך וועל קיינמאָל ניט געזונד ווערען. (וויינט).

אייבי: בת־שבע, איך בעט דיך, בערוהיג זיך.

בת־שבע: נאָך וואס דאַרף איך זיך בערוהיגען, אז איך האָב ניט וואו צו לעבען אויף דער וועלט. (וויינט שטיל).

הערדי (געריהרט): מאמא דיער, איך בין ניט שולדיג... איך ווייס אליין ניט ווי אזוי... איצט האָב איך ווידער ניט מורא פאר דיר... מיר טהוט וועה דאָס הארץ פאר דיר. (געהט צו צו איהר). מאמא, דיער...

בת־שבע: מיין קינד! מיין קינד! מיין קינד! (דריקט איהם צו זיך, וויינט ביטער). טאטע, וואו אין דער וועלט קען מען געפינען א היים פאר אונז?

ר׳ יעקב אלחנן: טאָכטער, אונזער היים איז אין אונזער הייליגען לאנד. מיר וועלען במהרה בימינו זעהר גיך אלע געהן אהין... ווי זאָגט דניאל: וקצו בשטף ועד קץ מלחמה נחרצת שממות...

בת־שבע (מיט פרייד): יא? וויפיעל דאַרף מען נאָך ווארטען? אז מען ווארט לאנג, ווערט מען קראנק.

ר׳ יעקב אלחנן: ניט לאנג, טאָכטער, איצט איז שוין העט, העט, אין תרס״ח לפ״ק, וועניגער פון 30 יאָהר געבליבען צו ווארטען. זעהר גיך, וועט מען זיך אָנהויבען קלייבען אין וועג.

בת־שבע: אלע אידען וועלען געהן, ווי גרויסע ארמעען, א רעגימענט נאָך א רעגימענט?

ר׳ יעקב אלחנן (בעגייסטערט): די וועלט פון איין עק ביז׳ן אנדע־ושבחה הלל וזמרה! (שטיל) ז־מ־ר־ה — 252.

בת־שבע (ווערט אויך בעגייסטערט): איא? מיין אייבי וועט פאָהרען אויף א ווייסען פערד, ווי א גענעראל, איך האָב דערפון שוין לאנג געטראכט. לעבען איהם אנשי חיל מיט שפיזען און טרומפּעטען. און אלע וועלען שרייען: הוראה! הוראה! און וועלען פאלען צו זיינע פיס. הוראה! די פאָהנען פליהען פון ווינד און די טרומפּעטען שפּיעלען טרא־טא־רא־טא־טא! (מאכט פון האנד א טרומפּעט און שפּיעלט א סיגנאל מיט גרויס בעגייסטערונג. אלע קוקען אויף איהר זעהר ערשטוינט).

ר׳ יעקב אלחנן (בעגייסטערט): די וועלט פון איין עק ביז׳ן אנדע־רען וועט הילכען און שאלען פון חצוצרות וקול שופר!

בת־שבע (א ווילדען גלאנץ מיט די אויגען): איך, די גבירתה שרה, מיט מיין זוהן יצחק, מיר פאָהרען נאָך איהם אויף א קאמעל, הגר אבער מיט איהר שווארצען ישמאל וועלען ניט זיין דאָרטען! ניין! זיי ניט! זיי ניט!

ר׳ יעקב אלחנן (הערט זי ניט): און א מעכטיגער קול וועט רופען איבער דער גאנצער וועלט: עורי, עורי לבשי עזך ציון. שטעה אויף! שטעה אויף! ציון! ערוואך און בעקלייד זיך ווידער מיט דיין מאכט! התנערי מעפר, שאקעל אראב פון זיך דעם שטויב און ערוואך, פאלק ישראל! און געה! און געה! (רעדט אליין צו זיך מיט בעגייסטערונג).

בת־שבע: און זיי געהען אלע איבער גרינע טהאלען, לעבען קלארע טייכען, דורך גרינע וועלדער. נאר הגר אליין איז אין דער וויסטע... דער זאמד איז היים, די זון ברענט און קיין וואסער איז ניטא! (בייז) ישמאל, בעריהר ניט מיין קינד! בעריהר ניט מיין זוהן, זאג איך דיר! גאט זאגט איהם, פיהר דיין איינציגען זוהן צו דער עקידה, נעהמט אברהם און פיהרט! האט ער געפרעגט ביי דער מאמע? האט ער געזאגט שרה׳ן, וואס ער געהט טהאן מיט איהר קינד? ניט דו, ניט אברהם, — ניין! שרה, די מוטער האט א רעכט צו ברענגען איהר זוהן אויף דער עקידה! (כאפט הערריי׳ן און הויבט איהם אן ווערגען). איך וועל איהם פיהרען צו דער עקידה! איך וועל איהם ברענגען פאר א קרבן! איך וועל איהם ברענגען אויף דער עקידה!

הערריי (אויסער זיך פון שרעק): מאמא! מאמא! (אלע רייסען זי מיט געוואלד אב פון הערריי׳ן).

בת־שבע (ראנגעלט זיך): וואס ווילט איהר פון מיר? לאזט מיך! לאזט מיך אהיים! לאזט מיך אהיים! (רייסט זיך ארויס, לויפט צום פענסטער, צום טהיר. מען הערט א גלאק פון אן אמבולאנס). אה, איהר קלייבט זיך אריבער ווייט, איך זאל ניט קענען געפינען מיין היים! איהר מאכט פינסטער, איך זאל ניט זעהן דעם וועג צו מיין היים! די ריכטיגע ווירטהין פון הויז איז געקומען אהיים, און ווער עס בעלאנגט ניט אהער, דארף אברוימען דעם וועג! איך וויל א היים! איך וויל א היים! (א דאקטאר, א פאליסמאן, מורדעי, נאך זיי, בעסי. בת־שבע דערזעהט דעם דאקטאר, ווערט זי טרויעריג און רעדט שטיל). גוטער מענש, זיי ווילען מיך מיט געוואלד האלטען דא. און אז איך וויל אהיים, שלאגען זיי מיך, נעהמט מיך אהיים, איך בעט אייך; האט רחמנות אויף מיך און נעהמט מיך אהיים. (ר׳ יעקב אלחנן זיצט שטיל, פון זיינע קראנקע אויגען גיסען טרערען).

דאקטאר (זעהר פריינדליך): יעס מעם, אי וויל טייק יו האום! סוירטענלי, אי וויל טייק יו האום. (מען טהוט זי אן. לינא העלפט וויינענדיג. זי איז גאנץ רוהיג).

בת־שבע (שטיל): יעס, טייק מי האום. איך בין מיעד... איך האב ניט קיין כח מעהר... (ציטערט מיט׳ן גאנצען קערפער).

בעסי (העלפט זי אַנטהאָן): אָרימע, אונגליקליכע פרוי! (אומאַרעמט זי און וויינט).

בת־שבע (דערקענט קיינעם ניט): איך פאָהר אהיים! איך פאָהר אהיים! איך וועל דאָרט פערוויעגען מיין קינד. (מאַכט א בעוועגונג, ווי זי וויעגט א קינד אויף איהרע אָרעמס). און וועל אַליין איינשלאָפען לעבען וויעגעלע. (מען פיהרט זי, לינא געהט מיט'ן דאָקטאָר און פאַליסמאַן).

פיליפ (שטיל): לינא... וואוהין ?... קום, אהיים...

לינא (א מאַך מיט'ן האַנד): וואָסער היים? שש! אָי, מיט אזא צובראָכען האַרץ איצט לויפען אויף א מיטינג.

בת־שבע (ביים טהיר שוין, גאַנץ שטיל): שש! קינד מיינס. אין דער היים וועלען מיר זיך אויסשלאָפען, אין דער היים! אין דער היים! (בת־שבע, דאָקטאָר, פאַליסמאַן, לינא אָב).

בעסי: גליק וואָס קומט דורך אונגליק ברענגט נאָר צרות און שמערצען, מיין פום וועט דיעזען אונגליקליכען שוועל מעהר ניט אריבערטרעטען. נעווער!... און יעצט — לעבט וואָהל! (אומאַרעמט ליידענשאַפטליך הערריץ, וועלכער איז גאַנץ גלייכגילטיג צו איהר. קושט איהם, ראש אָב).

אייבי: הערריץ, וואָס וועט יעצט ווערען פון אונזער אָרימען, פינסטערען היים? (הערי שטעהט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ און הערט זיך צו).

בת־שבע (אין האָל, קוים וואָס מען הערט איהר שטימע): ווען וועל איך זיין אין דער היים? אָי, ווען וועל איך זיין אין דער היים?

ר' יעקב אלחנן: אָרימע בת־שבע האָט ניט קיין היים, קיינער פון אונז האָט ניט קיין היים, ביז מיר וועלען זיך ניט אומקעהרען אין אונזער אַלטען, הייליגען, אידישען היים... עס איז שוין באַלד! עס קומט שוין! עס קומט! (אייבי אומאַרעמט הערי'ן און וויינט. פיליפ זיצט מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ. דער גלאָק פון אמבולאַנס הויבט אָן קלינגען).

הערריץ (הערי רייסט זיך פלוצלונג אויס פון פאָטער'ס אָרעמס און שרייט מיט פערצווייפלונג און א ביטערען יאָמער): מאַמאַ! מאַי מאַמאַ! מאַי מאַמאַ! מאַי מאַמאַ!

(פ אָ ר ה א נ ג).